STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09022

DER PRINTS FUN MITSRAIM

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
פרינץ פון מצרים

ביבלישער ראָמאַן
פון יוסף און זיינע ברידער

פון

שאול ספיר

מחבר פון: קאליף פון קאָרדאָווא, צווישען רוים און ירושלים,
דוד המלך, שלמה המלך און אברהם׳ס אייניקלעך.

צווייטער טייל

The Prince of Egypt

Biblical Romance by Saul Saphire

Author of "Caliph of Cordova," "Between Rome and Jerusalem," "King David," "King Solomon" and "Abraham's Grandchildren."

Published and copyrighted, 1931,
by Saul Saphire

.22

יוסף גיט קלעפּ..

אסנת איז געזעסען אין איהר צימער פאַרטיעפט אין איהרע געדאנקען... עפּעס אַ פיהלונג וואָס זי האָט נאָך ביז אַהער נישט געוואוסט האָט איהר אַרומגענומען... זינט יוסף האָט מיט איהר אָנגעפאַנגען צו לערנען, איז זי אינגאַנצען אַנדערש געוואָרען... די שפּראַך פון די עברים, וואָס ער האָט מיט איהר געלערענט, קומט איהר אוים אַזוי גרינג, אַזוי פערשטענדליך... זיינען איהר די קלאַנגען און ווערטער ווי באַקאַנט... און איינציגע מאָל, ווען איהר מוטער איז דערביי נישט געווען, האָט ער איהר גענומען דערצעהלען וואונדערליכע געשיכטען פון דער משפּחה פון די עברים... זי ווייסט פאַר וואָס איהר האַרץ האָט איהר גענומען אַזוי ציהען אַהין אין כנען, צו יענער משפּחה, פון וועמען דער הויפּט־קנעכט האָט איהר דערצעהלט... עס דוכט זיך איהר, אַז אין חלום האָט זי זיי אַלעמען געזעהן... און ווען זי האָט איינמאָל טיעף אַריינגעקוקט אין יוסף׳ס אויגען, האָט איהר האַרץ שטאַרק אַ ציה געטהאָן... זיינע מילדע, ווייכע אויגען... זיי זיינען דאָך איהר אַזוי נאָהענט... און וואָס שטאַרקער זי האָט זיך צו יוסף׳ן צוגעקוקט אַלץ נעהענטער, האָט זי געפיהלט איז ער צו איהר האַרצען... ער איז געווען אַ קנעכט ביי דער משפּחה פון די עברים, אַזוי האָט איהר מוטער איהר וועגען יוסף׳ן געזאָגט. איז עס דען מעגליך, אַז ער איז געווען אַ קנעכט... ער איז דאָך אַזוי קלוג, איידעל און געבילדעט... זי וואָלט זעהר געוואָלט וויסען, פון וואַנען ער שטאַמט, ווער זיינע עלטערען געווען, ווי אַזוי איז ער געוואָרען אַ קנעכט אין כנען און ווי אַזוי האָבען איהם די ישמאעלים געבראַכט אַהער קיין מצרים.... זי האָט שוין פּרובירט מאַכען מיט איהם אַ רעד וועגען דעם, אָבער זי באַמערקט גלייך די ענדערונג אין פּנים. ער ווערט אַזוי אומעטיג און טרויעריג.... און עס הויבט איהר אָן צו פאַרדריסען וואָס זי האָט איהם פאַראורזאַכט עגמת נפש...

זעהר שטאַרק האָט אָסנת געעהרט און געאַכטעט יוסף׳ן אין איהר האַרצען. די צייט וואָס יוסף האָט מיט איהר געלערענט איז פאַר איהר געווען די גליקליכסטע... איהר האָט זיך געוואָלט אַז זי זאָל זיך ציהען אָהן אויפהער... נאָך איידער ער האָט מיר איהר אָנגעפאַנגען צו לערנען, ווען זי האָט יוסף׳ן צום ערשטען מאָל דערזעהן אַלס איינפאַכער קנעכט... האָט זי זיין געשטאַלט ניט געקענט פאַרגעסען... אַ געפיהל פון גרויס רחמנות האָט זיך אין איהר ערוועקט, ווי זי האָט דעם שעהנעם, שלאַנקען קנעכט

געזעהן, ווען מען האָט איהם איבערגעגעבען צו תדמור'ן... זי האָט גלייך געקענט זעהן, אַז יוסף באַזיצט אַ צאַרטע נשמה, וואָס שפיגעלט זיך אָפּ אויף זיין איידעלען פנים... זי האָט געהאַט אַ גרויס פערלאַנג איהם ווידער צו זעהן און מיט איהם רעדען... אָבער זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט פאַר איהר אונמעגליך זיין. ער בעלאַנגט אונטען, צו די איינפאַכע קנעכט, און איז שטענדיג פאַרנומען מיט זיין אַרבייט... זי האָט אויך געוואוסט, אַז יוסף דערצעהלט פאַר איהר פאָטער און מוטער שעהנע מעשיות און זי האָט זיי געוואָלט הערען פון זיין אייגען מויל... אָבער זי איז ניט ערלויבט געווען דאָן אַריינצוקומען... און ווען זי האָט איינמאָל ביי איהר מוטער געבעטען ערלויבניש זיך צוצוהערען צו יוסף'ס מעשיות, האָט איהר די מוטער דעם פערלאַנג ניט נאָכגעגעבען... זי האָט איהר פאַרשפּראָכען איבערצודערצעהלען אַלעס וואָס זי וועט הערען פון דעם קנעכט, אָבער זי טאָר זיך נישט געפינען אין דעם זעלבען פלאַץ, וואו דער קנעכט געפינט זיך... און ווען איהר מוטער האָט איהר גענומען יא איבערדערצעהלען די געשיכטעס, איז ביי איהר דער פערלאַנג נאָך שטאַרקער געוואָרען צו הערען אַליין אָט די וואונדערליכע געשיכטעס פון יוסף'ס מויל...

אָבער יעצט, אַז איהרע עלטערען האָבען יוסף'ן פאַר דעם הויפט קנעכט געמאַכט, און איהר מוטער איז געווען אַזוי גוט צו איהר און האָט נאָך יוסף'ן בעשטימט אַלס איהר לעהרער, איז צו איהר גליק קיין גרעניץ ניט געווען... יע, יוסף האָט איהרע אויגען געעפענט... יעצט זעהט זי ווי אומוויסענד זי איז פריהער געווען... זי וואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף די צייט ווען יוסף קומט און פאַנגט אָן מיט איהר צו לערנען... ווי אַנדערש איז יוסף פון די איבעריגע מענשען אין מצרים... אפילו די פריעסטער און חרטומים שיינען צו זיין אומוויסענד גע׳גען איהם... ער ווייס אַלעס און ווי ריכטיג און גרויסאַרטיג זיינען זיינע ענטפערס צו אַלע איהרע פראַגעס... איין זאַך וואונדערט זיך איהר, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך אַזאַ מאַן ווי יוסף זאָל זיין אַ קנעכט... ווען זי וואָלט אַליין פון זיין מויל ניט געהערט אַז ער איז אַמאָל געווען אַ קנעכט ביי דער משפחה פון די עברים, וואָלט זי זיך קיינמאָל ניט געגלויבט אַז ער איז אַ געבוירענער קנעכט. זי איז אַזוי דאַנקבאַר איהר מוטער פאַר וואָס זי ווייס ווי אָפּצושאַצען אַזאַ קנעכט, און איהם דערהויבען צו זיין דער הויפט פון אַלע קנעכט...

אַ שטאַרקען חשק האָט אסנת'ן אָנגענומען צו זעהן זיך מיט יוסף'ן און צו ריידען מיט איהם... יעצט אַז איהר מוטער און פאָטער פערברייגגען אין פרעה'ס פאַלאַץ וואָלט זי געקענט פרייער מיט איהם ריידען. זי האָט געהאַט עטליכע זאַכען איהם צו פרעגען, אָבער זי שעהמט זיך יעצט צו ריידען מיט איהם און אַ חוץ דעם קען נאָך אימיצער בעמערקען אַז זי רעדט מיט איהם, און דערצעהלען איהר מוטער, און דאָס קען איהם אַ סך שאַדען... זי וועט איהם איהרע פראַגעס פרעגען ביי אַ געלעגענהייט ווען ער וועט מיט איהר לערנען און איהר מוטער וועט דערביי ניט זיין...

אַ קלאַפּ אין טהיר האָט זיך דערהערט און ווען אסנת האָט די טהיר געעפענט, האָט זי דערזעהען די אדומית שטעהענדיג.

— קום אַריין! — האָט אסנת אויסגערופן — זאָג מיר וואָס איז דיין פערלאַנג.

— מיין האַרינטע! — האָט זיך די אדומית פערנייגט — דיין אָנקעל האָט מיר געשיקט דיר זאָגן אַז ער האָט עפּעס וויכטיגעס דיר איבערצו־געבען... ער האָט מיר געזאָגט אַז מיין האַרינטע, דיין מוטער וועלכע געפינט זיך יעצט אין פּרעה'ס פּאַלאַץ האָט איהם געשיקט צו דיר מיט אַ שליחות...

— און וואו איז ער? — האָט אסנת געפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט אויף דיר וואַרטען אונטען נעבען אייכענבוים...

— געה זאָג איהם אַז איך וועל באַלד אַרונטערקומען — האָט אסנת איהר געזאָגט.

— סרטן האָט מיר געזאָגט אַז ער איילט זיך צוריק צו קעהרען צום פּאַלאַץ און וועט דעריבער לאַנג ניט קענען וואַרטען — האָט די אדומית געזאָגט ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען.

סרטן האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף אסנת'ן. ער איז געווען זיכער אַז יעצט, ווען זיין שוועסטער איז ניטאָ, וועט איהם ניט שווער אָנ־קומען צו ריידען מיט אסנת'ן און איהר ערקלעהרען ווי שטאַרק ליעב ער האָט איהר... ער וועט איהר דערצעהלען וועגען זיין גרויסקייט אין פּרעה'ס פּאַלאַץ... און אַז ער האָפט אין גיכען נאָך מעהר צו דערהויבען צו ווערען.. ער פיהלט אַז נאָך אַלעמען וועט אסנת דאַרפען זיין צופריעדען וואָס ער האָט בדעה מיט איהר חתונה צו האָבען. וועט זי דען קענען קריגען אַ מעהר וויכטיגען מאַן ווי ער... אמת, זי ווייס ניט דאָס זי איז ניט די אמת'ע טאָכטער פון זליכה'ן און פּוטיפר'ן... דאָך אָבער דאַרף זי זיך ניט האַלטען צו גרויס נעגען איהם...

סרטן האָט גענומען טראַכטען וואָס ער זאָל צו איהר ריידען ווי אַזוי ער וועט קענען מאַכען אַ בעסערען איינדרוק אויף איהר. וואָס פאַר אַ ליגען ער זאָל איהר זאָגען וועגען זליכה'ס שליחות... ער האָט אַרומגע־שפּאַצירט נעבען אייכענבוים הין און צוריק און זיינע אויגען געוואָרפען אויף דער ריכטונג פון וואַנען אסנת האָט געזאָלט אַרונטערקומען.

שטאַרק פאַרנומען איז יוסף געווען אין זיין אַרבייט. יעצט אַז זיין האַר האָט איבערגעגעבען אַלעס אין זיינע הענד מוז ער זעהן אַז די גאַנצע אַרבייט זאָל געטהאָן ווערען מיט אַ סדר און רעכנונג... יוסף האָט אויך געפיהרט די ביכער פון אַלעס וואָס קומט פאַר אין פּוטיפר'ס הויז... דורך זיינע הענד איז דורכגעגאַנגען דאָס געלד פאַר די הוצאות... און ער פלעגט אויך דאַרפען צאָהלען די שכירות צו די אַרבייטער וועלכע האָבען געטהאָן אַרבייט פאַר פּוטיפר'ן... ער האָט יעצט געזעהען די גרויסע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין אַלע קנעכט זינט פּוטיפר האָט איהם דערהויבען... יעדער זוכט זיך צו הנפה'נען און צו שמייכלען צו איהם... און איבערהויפּט

תדמור וועלכער האָט איהם פריהער אָנגעטהאָן אזוי פיעל צרות פאַרנייגט זיך צו איהם יעדען מאָל ווען ער זעהט איהם...

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף יוסף׳ס ליפּען ווען ער האָט זיך דערמאָהנט ווי סרטן איז נאָר וואָס אריינגעקומען... און אַפילו איהם ניט געוואָלט ענטפערען אויף זיין בעגריסונג... יאָ, ווי שטאָלץ ער איז ביי זיך, דער שר האופים... מעהר אָבער וועט ער איהם ניט בעגריסען פריהער, ער קען איהם צייגען דאָס כאָטש ער איז אַ קנעכט אין פּוטיפר׳ס הויז, פונדעסטוועגען האָט ער נאָך אויך זיין שטאָלץ ניט פערלוירען... ער קען איהם אויך ענטפערען מיט בליקען פון פעראַכטונג, ווי ער האָט עס נאָר וואָס צו איהם געטהאָן...

יוסף האָט גענומען אַ קלער טהאָן פאַרוואָס סרטן איז אריינגעקומען צו איהם אין צימער... אויב ער וואָלט עפּעס געוואָלט פון איהם וואָלט ער דאָך איהם געזאָגט... זאָל עס מעגליך זיין אַז ער האָט געוואָלט אויסגעפינען אויב ער טהוט זיין אַרבייט ווי געהעריג... אָבער וואָס האָט עס צו איהם.. פּוטיפר און זליכה וועלען דאָך איהם געוויס ניט שיקען אַהער צוליעב דיעזען צוועק...

פלוצלונג האָט יוסף אַ קוק געטהאָן דורכ׳ן פענסטער און ער האָט בעמערקט ווי סרטן געהט אַרום נעבען אייכענבוים הין און צוריק... ער שיינט צו זיין זעהר אומגעדולדיג... אַ היבשע ווייל האָט יוסף אויף איהם געקוקט דורכ׳ן פענסטער, ער האָט נאָכגעפאָלגט אַלע זיינע בעוועגונגען און נאָכהער האָט ער זיך צוריק גענומען צו זיין אַרבייט...

אסנת האָט אומגעביטען איהר קלייד, און צורעכט געמאַכט איהרע האָר און איז אַרונטערגעגאַנגען אין דרויסען צו זעהען וואָס פאַר אַ וויכטיגע שליחות סרטן וויל איהר איבערגעבען פון איהר מוטער.

ווען סרטן האָט איהר דערזעהען, איז ער איהר ענטקעגען געקומען און זיך העפליך פערנייגט פאַר איהר.

— זיי בעגריסט דו שעהנסטע בלום פון גאַנץ מצרים — האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען — איך בין זעהר גליקליך וואָס דו ביזט אַרונטערגעקומען.

— יאָ, מיר האָט די אדומית געזאָגט אַז מיין מוטער האָט דיר איבער-געגעבען אַ וויכטיגע שליחות פאַר מיר, זאָג דאָך מיר סרטן וואָס איז דאָס?

— אָ, יאָ, זי האָט מיר געבעטען איך זאָל דיר זאָגען, אַז זי וועט מעגליך פערברייננגען אין פּאַלאַץ ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דריבער זאָלסטו אויף איהר ניט וואַרטען...

— איז דאָס אַלעס? — האָט אסנת אַ שמייכעל געטהאָן...

— ניין, נאָך עפּעס האָט זי מיר געזאָגט, אָבער דאָס וועל איך דיר שפּעטער זאָגען... יעצט וויל איך דיר עפּעס פרעגען, אסנת... זאָג מיר האָסטו גאָר קיין חשק ניט אַמאָל צו בעזוכען דעם פּאַלאַץ?...

— ווען איך בין אַ קליין קינד געווען האָב איך דעם פּאַלאַץ בעזוכט עטליכע מאָל — אָבער זינט איך בין אונטערגעוואַקסען, האָט מיר די מוטער נאָך קיין מאָל אַהין ניט גענומען...

דיין מוטער איז גערעכט! — האָט סרטן אַ שמייכעל געטהאָן — אין פּאַלאַץ פון פרעה'ן זיינען פאַרהאַן פיעלע אויגען וועלכע לויערען אויף אַזאַ רייצענדע שעהנהייט ווי דו ביזט... און ווען זי וועט דיר אַהין אַפּטער מיטנעהמען קען דאָס דיר נאָך שאדען... אָבער זאָרג ניט, אסנת, איך וועל דיר ווען עס איז אַהין ברייגגען.. דו ווייסט דאָך געוויס ווי שטאַרק בעליעבט און חשוב איך בין אין פרעה'ס אויגען, און ווען דו וועסט מיט מיר קומען אין פּאַלאַץ, וועט קיין שלעכטעס דיר ניט געשעהן...

— איך דאַנק דיר זעהר, סרטן — האָט אסנת געענטפערט — אָבער איך גלויב אַז אפילו ווען מיין פּאָטער אָדער מוטער וועלען מיטנעהמען אין פּאַלאַץ וועל איך ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר קיינעם!

— עס איז ריכטיג אַז דער קעניג האָט דיין פּאָטער זעהר שטאַרק דערהויבען... ער האָט איהם געמאַכט פאַר דעם העכסטען בעאַמטען אין לאַנד, דאָך אָבער מעגסטו אויך וויסען, אַז פרעה האַלט פון מיר זעהר פיעל... איך מוז איהם קומען זעהן דריי מאָל אַ טאָג...

— אָ דאָס איז דאָך זעלבסט פערשטענדליך האָט אסנת געלאַכט — פרעה עסט דאָך דריי מאָל אַ טאָג און ער וויל האָבען צו יעדען מאָלצייט פרישע געבעקס...

— און ווען דו וואָלסט וויסען ווי פרעה האָט ליעב מיינע געבעקס!... איך בין זיכער אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער מיר גוט בעלוינען פאַר מיין אַרבייט... ער וועט מיר נאָך מאַכען פאַר איינעם פון זיינע לייב וועכטער...

— אָבער פאַרוואָס זאָל פרעה וועלען אומבייטען דיין אַמט, ביזטו דען ניט קיין גוטער בעקער?! — האָט אסנת ווייטער געשמייכעלט...

— איך קען זיך ניט צופרידענשטעלען מיט דיעזען אַמט — האָט סרטן איהר געענטפערט — איך שטרעב צו עטוואָס העכער... און בפרט יעצט... איך גלויב אַז דו וועסט מיר פערשטעהן, אסנת.. איך קען דיר נאָך ווען דו ביזט אַ קליין קינד געוועזן. דאַן ביזטו אויף מיין שוים געזעסען... און איך האָב מיט מיינע הענד דיינע וואונדערשעהנע האָר געגלעט... איך האָב דיר אויף דיין שטערען געקושט... זינט דאַן ביזטו אויסגעוואַקסען, דו האָסט זיך ענטוויקעלט ווי אַ שעהנע צאַרטע בלום.. ווי אַ רויז, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט דערנער. און איך האָב זיך אפילו צו דיר ניט געקענט צוריהרען... איך האָב שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ געלעגענהייט... ווען איך זאָל קענען מיט דיר זיך דורכריידען אונגעשטערט קום, אסנת, איך בעט דיר לאָמיר זיך דאָ בײדע צוזעצען הינטער'ן בוים אויפ'ן גראָז, קיינער וועט אונז דאָ ניט שטערען...

— אָה, ניין, דו מוזט מיר ענטשולדיגען, האָט אסנת אויסגערופען — אָבער איך מוז געהן! איך האָב קיין צייט ניט איך האָב פיעלע אַרבייט צו טהאָן, איך דאַרף נאָך שטודירען... ווייל מאָרגען אין דער פריה דאַרף איך וויסען דאָס וואָס איך האָב געסטערען געלערענט.

— מיר וואונדערט זיך זעהר וואָס דו ערלויבסט זיך צו ערנידעריגען, צו לערנען פון אַ קנעכט... זיינען דען ווינציג לעהרער פאַרהאַן אין מצרים?!

אויב דו ווילסט וועל איך פאַר דיר קריגען א לעהרער איינעם פון די חרטומים... פון וועלכען דו וועסט א סך מעהר קענען לערנען, און א חוץ דעם וועסטו וויסען אז דו ביזט ניט געצוואונגען צו זיין אין איין צימער מיט א קנעכט.

— דו מאַכסט א טעות, סרטן — האָט אסנת מיט אן איינגעהאַלטענעם כעס זיך אָפּגערופען — איך צווייפעל אויב אין גאַנץ מצרים איז דאַ איינער וועלכער קען זיך פערגלייכען אין חכמה און וויסענשאַפט מיט יוסף'ן... איך גלויב אז אפילו די קליגסטע חרטומים, וואָלטען א סך נאָך געקענט לערנען פון יוסף'ן.

— אָבער אסנת דו טאָרסט ניט פערגעסען אויף א רגע אז יוסף איז א געבאָרענער קנעכט און איך האָב נאָך ניט געהערט אז איינע וועלכע איז געבוירען צו אזעלכע עלטערען ווי מיין שוועסטער און פּוטיפר, זאָל זיך וועלען אזוי ערנידעריגען...

— ניט נאָר בין איך שטאַרק צופרידען וואָס יוסף איז מיין לעהרער אָבער איך בין אויך שטאָלץ מיט דעם, ווייל יוסף האָט מיינע אויגען געעפענט. איידער ער האָט אָנגעפאַנגען מיט מיר צו לערנען בין איך געווען בלינד... איך האָב גאָר ניט געוואוסט... יעצט ווייס איך פיעלע זאַכען... פיעלע פראַגען וואָס איך האָב געפרעגט מיין פריהערדיגען לעהרער, דעם אַלטען פריסטער און ער האָט מיר ניט געקענט געבען קיין ריכטיגע תשובה, זיינען פערענטפערט געוואָרען דורך יוסף'ן...

— אָבער איך האָף אז דו וועסט זיך ניט אָפּלערנען פון די שלעכטע זיטען וואָס דער קנעכט יוסף בעזיצט... איך האָב פון איהם זעהר פיעל שלעכטע זאַכען געהערט... האָט סרטן געזאָגט.

— איך וואָלט דיר געראַטהען ניט צו גלויבען וואָס זיינע שונאים ריידען אָן אויף איהם — האָט אסנת איהם געענטפערט — וואָס גרעסער און וויכטיגער דער מענש איז אַלץ מעהר שונאים קריעגט ער...

— ווי אזוי קענסטו ריידען אזעלכע ווערטער וועגען א נידעריגען קנעכט! איך פיהל זיך גאָר בעליידיגט ווען ער בעגריסט מיר! ווען איך בין צופעליג פריהער אריינגעגאַנגען אין זיין צימער און ער האָט זיך פאַר מיר פערנייגט האָב איך איהם אפילו גאָרניט געענטפערט... איך האָב שטאַרק פיינט אזעלכע קנעכט וועלכע האַלטען צופיעל פון זיך... א קנעכט מוז אימערצו וויסען זיין פּלאַץ... און בפרט נאָך אזא קנעכט ווי יוסף!... איך מוז זיך מודה זיין אסנת, אז ווען איך האָב דערהערט אז מיין שוואָגער האָט איהם דערהויבען צו א העכערען אמט, האָט עס מיר שטאַרק פערדראָסען.

— און דו גלויבסט, אז פאַר יוסף'ן פּאַסט זיך נישט צו זיין דער הויפּט פון מיין פאָטער'ס קנעכט? — האָט אסנת איהם א פרעג געטהאָן.

— אין מיינע אויגען שטעהט תדמור א סך העכער ווי יוסף! — האָט סרטן געענטפערט — און פּוטיפר האָט קיינמאָל נישט געטאָרט אוועקנעהמען פון איהם דעם אמט און עס איבערגעבען צו יוסף'ן.

— יעדער איינער קען זעהן דעם גרויסען אונטערשייד פון תדמור'ן

און יוסף׳ן — האָט אסנת בייז אַ קוק געטהאָן אויף סרטן — מיין פּאָטער׳ס הויז ווערט יעצט געפיהרט אין בעסטען אָרדנונג און אַלעס מיט אַ רעכענונג. אַלע גיעבען צו אַז זינט יוסף איז אונז אָנגעקומען, איז אין אונזער הויז אַריין די מזל ברכה.

— און איך זאָג דיר אסנת, אַז זינט דער קנעכט פון די עברים איז אַריין אין מיין שוועסטער׳ס הויז, האָט ער אהין אַריינגעבראַכט דעם שלעכטען גייסט און עס ווירקט אויך אויף דיר צום שלעכטען... עס איז אַ גרויסע זינד פאַר די געטער פון מצרים צו דערהויבען אַזאַ קנעכט, בפרט ווען ער ענטזאָגט זיך צו אָנערקענען אונזערע געטער און קומט אַפילו נישט אַריין אין זייערע טעמפּלען...

— אָבער יוסף דינט דאָך צו איין אנדערען גאָט... צו דעם גאָט וועלכער האָט די גאַנצע וועלט בעשאַפען, און אַלעס וואָס געפינט זיך אין דער וועלט...

— און דו גלויבסט אין אַלעס וואָס דער קנעכט דערצעהלט דיר? — האָט סרטן אויסגערופען.

— קיינער קען אין זיינע רייד נישט צווייפלען! ווען דו וואָלסט איהם הערען דערצעהלענדיג וועגען אַלע גרויסע וואונדער וואָס דער גאָט פון די עברים האָט געטהאָן, דאַן וואָלסטו אַליין אויך אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין זיין גאָט!...

— יעצט זעה איך וואָס פאַר אַ שלעכטע ווירקונג יוסף׳ס לערנען האָט אויף דיר געמאַכט... עס וועט לאַנג נישט נעמען און דו וועסט אויך אָנפאַנגען אָפּצולייקענען אין דער הייליגקייט פון אונזערע געטער... אַ אסנת איך וועל מוזען זיך דורכריידען מיט מיין שוועסטער, אַז זי זאָל זעהן דאָס יוסף זאָל מיט דיר אויפהערען צו לערנען... און אויב דאָס וועט נישט העלפען, וועל איך אַליין איבעררייִדען מיט פוטיפר׳ן... ווען דיין פּאָטער זאָל זיך דערוויסען, אַז דער קנעכט מאַכט אַ פערזוך דיר אָוועקצונעהמען פון די געטער פון מצרים, וועט ער נישט נאָר נישט דערלאָזען דאָס ער זאָל מעהר מיט דיר נישט לערנען, נאָר ער וועט אויך פון זיין אַמט אים אַרונטערזעצען, ווייל דו ווייסט דאָך ווי שטאַרק פרום און איבערגעגעבען דיין פּאָטער איז צו די געטער, און ער וועט בשום אופן נישט דערלאָזען אַז דער קנעכט זאָל זיי פערשוועכען....

— איך בעט דיר, סרטן, רייד דאָס נישט איבער פאַר מיין פּאָטער... איך וואָלט זעהר נישט וועלען, אַז יוסף זאָל מיט מיר אויפהערען צו לערנען... און אַ חוץ דעם וואָלט איך זעהר נישט געוואָלט, אַז יוסף זאָל ליידען צוליעב מיר. פערשטעהסטו מיר סרטן...

— גוט, איך פערשפּרעך דיר — האָט סרטן אָנגענומען איהר האַנט — איך וועל קיינעם נישט דערצעהלען וועגען דעם און זאָל דער קנעכט פאָרטזעצען מיט דיר צו לערנען... אָבער דערפאַר מוזטו מיט מיר אויך טהאָן אַ חסד...

— איך וועל טהאָן פאַר דיר אַלעס וואָס איך וועל קענען! — האָט אסנת איהם געענטפערט...

— ווערסטו דיין פערשפּרעכען האַלטען? — האָט סרטן איהר אַ פרעג געטהאָן.

— אויב עס וועט נאָר פאַר מיר מעגליך זיין, וועל איך עס געוויס טהאָן! — האָט אסנת געזאָגט — אָבער איך בעט דיר נאָך אַמאָל קיין וואָרט נישט צו ריידען פאַר מיין פאָטער אָדער מוטער...

— דו קענסט זיך אויף מיר פערלאָזען! — איז סרטן נעהענטער צוגעגאַנגען צו איהר און איהר האַנט נאָך פעסטער געהאַלטען — פאַר דיר וועל איך אַלעס טהאָן... ווייל... ווייל איך האָב דיר זעהר ליעב.

אסנת האָט פּרובירט אַרויסציהען איהר האַנט פון זיינע אָבער סרטן האָט עס נישט דערלאָזען...

— אָה, אסנת! — האָט ער אויסגערופען און זיין רויטער פּנים האָט נאָך מעהר גענומען פלאַמען — אסנת דו ביזט דאָך אַזוי וואונדער שעהן און רייצענד... דו ביזט אַזוי שנעל אונטערגעוואַקסען... איך האָב מיט מיין שוועסטער גערעדט וועגען דיר... אָבער זי האָט וועגען דעם נישט געוואָלט הערען. דעריבער האָב איך בעשלאָסען צו קומען צו דיר אין דער צייט ווען דיין מוטער וועט זיין אין קעניגס פּאַלאַץ... איך האָב דיר אַזוי ליעב... און דו מוזט מיר יעצט פערשפּרעכען מיין פרוי צו ווערען...

— דו מאַכסט שפּאַס מיט מיר, אָנקעל! — האָט זי אויסגערופען אַ דערשראָקענע און האָט געזוכט צו בעפרייען איהר האַנט.

— אָה, ניין, ליעבע אסנת... איך מאַך שוין גאָר קיין שפּאַס נישט... איך האָב דיר ליעב געהאַט ווען דו ביזט נאָך אַ קליין קינד געווען, און יעצט אַז דו ביזט אויסגעוואַקסען, דו ביזט רייף און ענטוויקעלט... — האָט סרטן איהר גענומען אַרומנעהמען.

— אָה, סרטן! איך בעט דיר לאָז מיר אָפּ! — האָט זי זיך ביי איהם גענומען בעטען... דו קענסט דאָך זיכער ניט זיין ערנסט...

— איך בין ערנסט! איך בין ערנסט — האָט סרטן געמאַכט אַ פּרזוך איהר אַ קוש צו טהאָן.

אסנת האָט זיך גענומען ראַנגלען... זי האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון זיינע הענט... אָבער סרטן האָט איהר פעסט געהאַלטען... ער האָט געזוכט איהרע ליפּען... ער האָט זיך אַרומגעקוקט... און ווען ער האָט געזעהן, אַז קיינער איז ניטאָ, איז ער נאָך דרייסטער געוואָרען...

אסנת האָט אָנגעפאַנגען צו וויינען... זי האָט נישט געוואָלט צו הויך שרייען... ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל זיך דערוויסען... דאַן וועט סרטן געוויס דערצעהלען... אַז יוסף לערענט איהר וועגען זיין גאָט... דעריבער האָט זי נישט אויפגעהערט זיך ביי איהם צו בעטען און וויינען...

אָה, סרטן, לאָז מיר אָפּ... ווי אַזוי קענסטו דאָס צו מיר טהאָן...

— אָה, ניין! — האָבען פון סרטן'ס אויגען פייער געשפּריצט! יעצט ביזטו אין מיינע הענט... דו געהערסט צו מיר... איך וועל דיר נישט אָפּלאָזען ביז וואַנען דו וועסט מיר צוזאָגען צו ווערען מיין פרוי... דו דאַרפסט נישט פערגעסען, אַז עס איז אַ גרויסע עהרע פאַר דיר, אַז אַזאַ מאַן ווי איך זאָל...

— אויב דו וועסט מיר באַלד נישט אָפּלאָזען, וועל איך שרייען! — האָט אסנת מיט מעהר פערביטערונג זיך גענומען רייסען פון איהם...

— דיין שרייען וועט דיר גאָר נישט העלפען, — האָט סרטן געוואָלט איהר אַ קוש טהאָן אויף איהרע ליפּען. די קנעכט וועלען נישט וואגען ארויסצוקומען ווען זיי וועלען מיר דערזעהן..

אסנת האָט געזוכט מיט איהר גאנצען כח אָפּצושטויסען זיין פּנים פון איהרען...

סרטן אָבער האָט איהר גלייך אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט. ער האָט איהר פעסט צוגעהאַלטען זי זאָל זיך מעהר נישט קענען אַ ריהר טהאָן.

אסנת געוויינענדיג און שרייען האָבען זיך פערשטאַרקט... סרטן האָט זיין מגושמדיגע האַנט אַרויפגעלעגט אויף איהר מויל... אסנת האָט זיך נאָך שטאַרקער געווערט...

יוסף וועלכער איז געווען פערנומען אין זיין צימער, האָט פּלוצלונג דערהערט פערשטיקטע געשרייען... ער איז צוגעלאָפען צום פענסטער און עס אויפגעעפענט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און פּלוצלונג האָט ער בעמערקט ווי צוויי פערזאָנען ראַנגלען זיך הינטער דעם אייכענבוים... ער איז שנעל אַרויס פון הויז און צוגעקומען צו דעם אייכענבוים. ער האָט גלייך דערזעהן סרטן און אסנת'ן... ער זעהט ווי זי רייסט זיך פון זיינע הענט... ווי זי בריקעט איהם מיט איהרע פיס, און וויל שרייען... אָבער סרטן האַלט זיין האַנט אויף איהר מויל... זיינע אויגען ברענען און זיין פּנים איז פלאַם פייער...

— לאָז איהר אָפּ! — האָט יוסף'ס שטימע אַ דונער געטהאָן.

סרטן האָט שנעל אומגעדרעהט זיין קאָפּ און ער האָט דערזעהן יוסף'ן.

— ווי אַזוי וואגסטו דו פערפלוכטער קנעכט צו מיר אַזוי צו ריידען!

— האָט סרטן אַ קריץ געטהאָן ביט זיינע ציינער... און אסנת'ן נישט אַרויס-געלאָזען פון זיינע הענט...

אסנת דערזעהענדיג יוסף'ן האָט זיך נאָך מעהר גענומען רייסען פון איהם...

— לאָז איהר אָפּ! — האָט יוסף ווידער אויסגעשריען און זיך עטוואָס דערנעהענטערט צו איהם.

— געה שנעל פון דאַנען אַוועק, דו פערפלוכטער קנעכט! — האָט סרטן איהם נישט אויפגעהערט צו זידלען און שילטען — געה צו דיין אַרבייט, אויב נישט וועל איך דיר מאַכען צו שטויב... מיט וואָס פאַר אַ חוצפה ביזטו גאָר אַהער צוגעקומען.. אסנת געהערט צו מיר און איך קען מיט איהר טהאָן וואָס מיין האַרץ געלוסט.

סרטן האָט אַזוי שנעל נישט געוואָלט אַרויסלאָזען אסנת'ן פון זיינע הענט... ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער זאָל איהר יעצט בעפרייען וועט איהם שוין דעם צווייטען מאָל זיין זעהר שווער צו קריגען אַזאַ געלעגענהייט... אסנת וועט איהם זיכער זוכען אויסצומיידען, און דעריבער האָט ער איהר מיט איין האַנט צוגעהאַלטען און מיט זיין צווייטער האַנט האָט ער זיך פערמאָסטען געגען יוסף'ן...

— אויב דו וועסט איהר באַלד נישט בעפרייען פון דיינע אומריינע הענט, וועסטו ערגער מאַכען! — האָט איהם יוסף געוואָרענט.

אסנת האָט זיך נאָך מעהר פאַרנאַנדערגעווײינט... זי האָט זיך אָנגע־שטרענגט מיט אַלע קרעפטען ארויסצורייסען זיך פון זיינע הענט...

— אסנת איך בעט דיר, שיק אַוועק דעם פערפלוכטען און אומווירדיגען קנעכט פון דאַנען... איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

— אָה, יוסף, לאָז מיך נישט איבער מיט דעם גרויזאַמען סרטן — האָט זיך גענומען בעטען אסנת ביי איהם... אָה ווען מיין מוטער וואָלט נאָר געווען..

מעהר האָט זיך יוסף נישט געקענט בעהערשען.

— דיעזע רגע זאָלסטו איהר בעפרייען! — האָט יוסף אויסגערופען מיט צאָרן.

— אוועק פון דאַנען דו אומריינער הונט! — האָט סרטן אַ געשריי געטהאָן אויף יוסף'ן און צוזאַמענגעדריקט זיין פויסט — ווען איך וועל מיין שוועסטער דערצעהלען וועגען דיין שרעקליכע חוצפה, וועט זי דיר אין געפענגנים אריינוואַרפען.

יוסף האָט סרטן'ען אַראָפּגעלאָזען אַ פלאַם פייערדיגען פּאַטש...

סרטן האָט גלייך אָפּגעלאָזען אסנת'ן וועלכע איז געשטאַנען טוידט בלאַס און געציטערט פאַר שרעק... ער האָט זיך מיטביידע הענט אָנגע־כאַפּט פאַר זיין באַק... באַלד אָבער איז ער צו זיך געקומען און זיך מיט ביידע הענט אַ וואָרף געטהאָן אויף יוסף'ן...

יוסף האָט איהם אָפּגעשטויסען פון זיך... און זיך אָפּגערופען:

— דו בעסער געה דיין וועג, אויב נישט וועסטו ערגער מאַכען...

— איך וועל דיר פאַר דיין חוצפה נישט שענקען! — האָט סרטן אַ שטשירע געטהאָן מיט די צייהנער און זיך ווידער אַ וואָרף געטהאָן אויף יוסף'ן מיט ביידע פויסטען.

יוסף האָט פלינק איהם ווידער אַראָפּגעלאָזען אַ געזונטען פּאַטש, אַז סרטן איז אומגעפאַלען צום באָדען...

— קום אסנת, איך וועל דיר צופיהרען צו דיין צימער! — האָט יוסף זיך צו איהר אָפּגערופען... אסנת איז צו איהם צוגעקומען, אָבער דאָ האָט זיך סרטן אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ מיט אַ שטיין אין האַנט...

— אָה, יוסף! יוסף! — האָט אסנת אויסגערופען מיט אַ ציטערנדע שטימע — ער האָט אַ גרויסען שטיין אין האַנט! ער קען דיך בעשעדיגען!

— יעצט וועל איך מאַכען פון דיר אַ סוף! — האָט סרטן אויפגעהויבען דעם שטיין און זיך אַ צילעווע געטהאָן אויף יוסף'ן און מיט זיין גאַנצען מאַכט אַ שליידער געטהאָן אויף איהם.

יוסף האָט זיך פלינק אַ קעהר געטהאָן און דער שטיין האָט איהם נישט געטראָפען...

סרטן האָט זיך איינגעבויגען און האָט אויפגעהויבען אַ צווייטען שטיין.

יוסף איז שנעל צו איהם צוגעגאַנגען און אַ זאָג געטהאָן:

— וואַרף דעם שטיין אַוועק! איך וואָרען דיר פריהער! אַז דו וועסט דערנאָך חרטה האָבען.

—דו וועסט זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסדרעהען דו נידעריגער קנעכט! איך וועל דיר ציינען ווי אַזוי צו הויבען אַ האַנט אויף סרטן, וועלכער איז דער שר האופים פון פּרעה׳ן... — האָט סרטן אויפגעהויבען זיין האַנט מיט׳ן שטיין און זיך דאַמיט פערמאָסטען אויף יוסף׳ס פּנים.

יוסף האָט דאַן גענומען איהם געבען קלעפּ... סרטן האָט זיך געקאָר־גלייך אָפּגעלאָזען דעם שטיין און זיך גענומען ראַנגלען און שלאָגען מיט איהם...

יוסף האָט דאַן גענומען איהם געבען קלעפּ... סרטן האָט זיך געקאָר־טשעט פון יסורים... ער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרשטעלען, אַז דער קנעכט מיט זיין צאַרטען איידעלען פּנים, זאָל האָבען אייזערנע פויסטען. ער האָט פּרובירט צוריק שלאָגען, אָבער ער האָט גלייך איינגעזעהן, אַז ער איז הילפלאָז געגען איהם... יוסף האָט איהם נישט אויפגעהערט צו דער־לאַנגען... אסנת איז געשטאַנען און אָנגעקוואָלען צו זעהן ווי יוסף גיט קלעפּ דעם פערהאַסטען סרטן, וועלכער האָט איהר נאָר וואָס אַזוי בעליידיגט... אָבער פונדעסטוועגען האָט איהר האַרץ גענומען ציטערען... יוסף זאָל צוליעב דעם נישט אַריינפאַלען אין אַ צרה... ער וועט דאָך געווים געהן דערצעהלען...

— איך וועל צו דיר טהאָן אַזוי ווי מיינע ברידער האָבען געטהאָן... האָט יוסף איהם מכבד געווען מיט נאָך אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ... ער האָט געוואָלט זיך אויסריידען ווי מיינע ברידער האָבען געטהאָן צו שכם׳ן, אָבער ער האָט זיך באַלד פערכאַפּט...

— אָה, איך בעט דיר, לאָז מיר אָפּ! — האָט זיך סרטן גענומען ביי איהם בעטען, פיהלענדיג די מאַכט פון יוסף׳ס פויסטען — אָה, ער וועט דאָך מיר צום טויט שלאָגען... האָב אויף מיר רחמנות, לאָז מיר אָפּ... איך שווער דיר ביי די געטער פון מצרים, אַז איך וועל מעהר קיין פערזוך ניט מאַכען צו וואַרפען שטיינער אויף דיר... לאָז מיר אָפּ... אָה, מיינע זייטען... מיינע ביינער צוברעכסטו דאָך! אָה, טויט מיר נישט... איך וועל טהאָן אַלעס וואָס דו וועסט מיר הייסען...

— דאַן שווער מיר ביי דיינע געטער, אַז דו וועסט מעהר קיינמאָל נישט זוכען צו בעלעסטיגען אסנת׳ן — האָט איהם יוסף פעסט געהאַלטען אין זיינע הענט...

— איך שווער ביי די געטער פון מצרים! — האָט סרטן געקרעכצט פון ווייטאָג...

— אַז וואָס? — האָט יוסף איהם נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזען.

— אַז איך... איך וועל מעהר נישט בעלעסטיגען אסנת׳ן.

— זאָל ער אויך שווערען, אַז ער וועט קיינעם נישט דערצעהלען פון אַלעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — האָט אסנת זיך אָפּגערופען צו יוסף׳ן.

— דאָס וועט ער שוין נישט טהאָן אפילו אָהן אַ שבועה — האָט יוסף אַ שמייכעל געטהאָן און איהם אָפּגעלאָזען...

סרטן האָט זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט... יעדער גליעד האָט

איהם ווערה געטהאָן. ער האָט גענומען אויסגלייכען זיינע ביינער און בעטאַפּען יעדען פּלאַץ, וואו עס האָט איהם וועה געטהאָן... ער האָט זיך געשראָקען אויפצוהויבען זיינע אויגען און אַ קוק טהאָן אויף יוסף׳ן און אסנת׳ן... פיעלייכט וועט יוסף ווידער אין כעס ווערען און איהם אָנפאַנגען צו שלאָגען... יעצט זעהט ער ווי שטאַרק דער קנעכט איז... ער ווינשט נאָר אַז קיינער זאָל איהם נישט בעמערקען... ער וועט געוויס נישט אויסהאַלטען פון שאַנדע, ווען נאָך אימיצער אַ חוץ אָסנת׳ן וואָלט יעצט געוואוסט, וואָס פאַר אַ קלעפּ יוסף האָט איהם געגעבען.. ער דאַרף זעהר צופריעדען זיין וואָס די אדומית האָט עס נישט בעמערקט... זי האַלט דאָך אַזוי פיעל פון איהם.. זיי דיינקט, אַז ער איז אַ זעלטענער גבור... נישט איינמאָל האָט ער זיך פאַר איהר בעריהמט, ווי ער האָט זיך געשלאָגען מיט העלדען און ער האָט זיי בייגעקומען... זי האָט איהם געגלויבט... יעצט זעהט ער, אַז ער קען שוין מעהר נישט חלום׳ען וועגען אסנת׳ן... זי האָט צוריק־געשליידערט זיין ליעבעס ערקלעהרונג.. ער וועט שוין מעהר קיינמאָל נישט קענען געווינען איהר האַרץ... ער האָט נאָך דערצו געשוואָרען ביי די געטער פון מצרים... אָה, ווען ער זאָל נאָר קענען נקמה נעהמען אָהן דעם פערפלוכטען קנעכט. פּלוצלונג איז איהם אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק אַז דורך דער אדומית וועט ער קענען אויספיהרען זיין פּלאַן פון נקמה אויף איהם... ער ווייס ווי שטאַרק די אדומית האָט איהם ליעב, און ווען ער זאָל איהר עטוואָס ערמוטהיגען... דאַן וועט זי פאַר איהם טהאָן אַלעס... יע, יוסף מוז אָפּגעראַמט ווערען פון וועג... ער מוז פּטור ווערען פון איהם... ער ווייס, אַז ער קען מיט יוסף׳ן נישט קעמפּפען... ער איז שטאַרקער פון איהם, און ער איז זיכער, אַז ווען דער קנעכט וועט איהם אַריינגעהמען אין זיינע הענט אַ צווייטען מאָל, וועט ער שוין קיין לעבעדיגער פון איהם נישט אַרויסגעהן... ער וועט איהם איצט דאַרפען אויסמיידען... אָה, ווי אַלע גליעדער טהוען וועה... ער קען דאָך גאָר יעצט נישט געהן.. אין אָבענד וועט ער דאָך צוריק מוזען זיין אין פּאַלאַץ, צוגרייטען פאַר פּרעה׳ן פרישע געבעקס...

אין האַרצען האָט סרטן אויך געשאָלטען פּרעה׳ן פאַרוואָס ער דאַרף איהם צושטעלען דריי מאָל אַ טאָג פרישע געבעקס... קוים וואָס ער האַלט זיך אויף זיינע פיס... ער וועט מוזען זיך גוט אויסרוהען איידער ער וועט קענען אָנפאַנגען זיין אַרבייט...

ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו דעם אייכע בוים... ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטערן בוים... ערשט יעצט האָט ער גענומען פיהלען דעם טעם פון די קלעפּ... ער האָט גענומען טאַפּען זיינע צייהנער... איהם האָ זיך געדוכט, אַז אַלע צייהנער אין זיין מויל שאָקלען זיך.. דער קאָפּ איז געווען אַזוי שווער... זיינע אויגען זיינען געווען אונטערגעשלאָגען... ער האָט אָנגעפאַנגען צו מורמלען קללות, אויף יוסף׳ן און אסנת׳ן און אויך אויף זיין שוועסטער... ווען זי וואָלט נישט געווען דאַגעגען דאָס אָסנת זאָל געהערען צו איהם, וואָלט עס דאָך נישט געקומען דערצו...

זאָל אַ פייער פערברענען דאָס גאַנצע הויז מיט אַלעמען...

— וועמען שילסטו עס? — האט סרטן פלוצלונג דערהערט א שטימע.

ער האט מיט גרוים שווערינקייטען אומגעדרעהט זיין קאפ און ער האט דערזעהן נעבען בוים די אדומית.

— וואס איז מיט דיר סרטן? דו קוקסט עפעס אויס אזוי מאדנע... ווי נאך א קאמפף!..

סרטן האט זיך בעגאסען מיט א קאלטען שוויים... איז עס מעגליך, אז זי, די אדומית, האט עס אויך אלעס צוגעזעהן. א שוידער איז דורך זיין קערפער... ער האט געמאכט א פערזוך זיך אופצושטעלען, אבער אהן ערפאלג..

— איך בין מיעד! — האט ער קוים ארויסגערעדט מיט א שמייכעל

— איך וויל זיך דא אונטער דעם שאטען פון בוים, אפרוהען..

— דו ביזט מיעד?! — האט די אדומית איהם געפרעגט מיט פער־וואונדערונג, וואס האסטו אזוי געטהאן וואס זאל דיר אזוי אויסמאטערען...

יעצט איז סרטן ביי זיך געווען זיכער, אז זי ווייס פון גארנישט... ער האט גרינגער אפגעאטהעמט.

— איך האב נאר וואס אנגעבראכען די ביינער דעם קנעכט יוסף'ן...

— דו האסט איהם געשלאגען? פארוואס? — האט די אדומית זיך קוים איינגעהאלטען פון לאכען...

— ער האט מיר אריינגעבראכט אין כעס, האב איך איהם געוויזען די מאכט פון מיינע פויסטען... איך האב איהם אזוי פיעל געשלאגען, אז איך בין שטארק פערמאטערט געווארען... דו האסט גדארפט זעהן, ווי ער איז געלעגען אונטער מיינע פיס, און האט זיך ביי מיר געבעטען, איך זאל איהם אפלאזען... ער וועט שוין יעצט א צעהנטען פערזאגען מיר נישט צו בעליידיגען...

— איך האב אבער אלע מאל געוואוסט, אז דו ביזט בראוו און העלדיש! — האט די אדומית זיך אפגערופען און איהם בעטראכט מיט איהרע פארשענדע אויגען... — יעצט פערדריסט מיר טאקע וואס איך האב עס נישט אליין בייגעוואהנט... יעצט זעה איך, אז יוסף וועמען מיין האר האט פאר דעם הויפט קנעכט געמאכט, איז א שוואכלינג, ער האט זיכער נישט פערדינט אזא כבוד...

— פונדעסטוועגען בעט איך דיר, אז דו זאלסט זיך פאר קיינעם נישט אויסריידען, וואס איך האב צום קנעכט געטהאן... איך וויל נישט, אז מיין שוועסטער און שוואגער זאלען מיינען דאס איך קום זיך שלאגען מיט די קנעכט און א חוץ דעם האט זיך יוסף ביי מיר אזוי שטארק גענומען בעטען, איך זאל קיינעם נישט דערצעהלען דערפון, אז איך האב אויף איהם רחמנות געקראגען און איהם פערשפראכען קיינעם דערפון נישט צו דער־צעהלען... אבער זאג מיר אדומית, ווי אזוי קומסטו דא אהער?...

— איך בין נאר וואס ארויסגעקומען — האט זי איהם געענטפערט — און איך האב פלוצלונג דערהערט דיין שטימע... דו האסט עפעס אימיצען געשאלטען... בין איך צו דיר צוגעקומען, אבער ענטשולדיג מיר, סרטן, איך האב דיר געווים געשטערט אין דיין רוהע... דו שיינסט טאקע צו זיין זעהר מיעד, וועל איך דיר דא איבערלאזען זיך אויסצורוהען...

די אדומית איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען און ווי זי האָט זיך עטוואָס דערוויטערט האָט זי אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער... ווען סרטן וואָלט געוואוסט, אַז זי האָט אַלעס צוגעזעהן... זי האָט געזעהן וואָס ער האָט פּרובירט טהאָן צו אסנת'ן...

זי האָט גלייך פערשטאַנען, ווען ער האָט איהר געבעטען אַרויסשיקען אסנת'ן אַז סרטן טראָגט זיך אַרום מיט אַ בייזע כונה, זי האָט דעריבער זיך פערבאָרגען הינטער די קוסטעס און אַלעס צוגעזעהן, זי האָט זיך מיט איהם געראַנגעלט, זי האָט געהערט איהרע געוויינען און געבעטען, איהר בלוט האָט אין איהר אויפגעקאָכט, אָבער זי האָט ניט געוואַגט אַרויסצו־קומען פון איהר בעהעלטעניס... זי האָט זיך שטאַרק געשראָקען פאַר איהם... און פּלוצלונג האָט זי בעמערקט ווי יוסף קומט אָן... איהר האָט זיך געדוכט אַז ווען סרטן וועט דערזעהען דעם הויפּט קנעכט פון פּוטיפר'ס הויז, וועט ער זיכער אָפּלאָזען אסנת'ן.. אָבער ווי פערוואונדערט זי איז געוואָרען, ווען זי האָט בעמערקט אַז ער האָט אַפילו קיין בושה ניט פאַר אַ פרעמדען... ער האָלט נאָך אסנת'ן גאַנץ פעסט אין זיינע הענד...

מיט נייגעריגע אויגען האָט זי די אדומית נאָכגעקוקט וואָס דאָ וועט פאָרקומען צווישען סרטן און יוסף... איהר האַרץ האָט שטאַרק געשראָקען אַז דער רויטער דיקער סרטן וועט צעשלאָגען דעם איידעלען שלאַנקען יוסף'ן... אָבער ווען צו איהרע אויערען האָט דערגרייכט דער קלאַנג פון דעם הילכיגען פּאַטש וואָס יוסף האָט געגעבען סרטן, האָט איהר שטאַרק הנאה געטהאָן... כאָטש פריהער, אין איהר האַרצען האָט זי אַ סך געטראַכט פון סרטן... זי האָט איהם זאָגאַר ליעב געהאַט, אָבער יעצט ווען זי האָט דערזעהען סרטן'ס געמיינעם כאַראַקטער, ווי ער האָט אָפּגענאַרט אסנת'ן, איהר געבעטען זי זאָל אַרויסקומען צו איהם, ווייל ער האָט אַ וויכטיגע שליחות צו איהר פון איהר מוטער, און צום סוף האָט ער איהר אַזוי געמיין בעהאַנדעלט... אָ, ער האָט גוט פערדיענט די קלעפּ וואָס יוסף האָט איהם געגעבען... ער האָט איהם אַזוי צושלאָגען אַז ער האָט זיך ניט געקענט פון אָרט ריהרען... זי האָט אויך גאַנץ גוט געהערט ווי סרטן האָט זיך גענומען בעטען ביי יוסף'ן ער זאָל איהם אָפּלאָזען.. ער האָט אַפילו צוגע־שוואָרען ביי די געטער אַז ער וועט מעהר אסנת'ן ניט בעליידיגען. די אדומית האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער, ווען זי האָט זיך דערמאָהנט ווי סרטן האָט זיך פאַר איהר נאָך בעריהמט אַז ער האָט צושלאָגען יוסף'ן... יוסף האָט ביי איהם געבעטען ער זאָל איהם אויפהערען צו שלאָגען... ווען סרטן וואָלט נאָר געוואוסט אַז זי האָט אַלעס צוגעזעהן... ער וואָלט זיך דאָך ניט געהאַט וואו אַהינצוטהאָן פון שאַנדע.. עס וועט קומען אַ צייט און זי וועט איהם דערצעהלען אַז זי האָט אַלעס געזעהן און געהערט... ער איז יעצט ביי איהר שטאַרק פערהאַסט געוואָרען... דער פּוסטער בעריהמער! ער האָט זיך מיט קיין גליעד ניט געקענט ריהרען און ער בעריהמט זיך נאָך אַז ער האָט יוסף'ן צושלאָגען... זי האָט געזעהן ווי יוסף איז אַריין מיט אסנת'ן אין הויז... ער איז געגאַנגען אַזוי זיכער און גלייך ווי ער וואָלט גאָר מיט קיינעם אַ ווילע צוריק ניט געקעמפט... זי

האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען אַז סרטן איז אַזאַ פערדאָרבענער מענש... ער האָט געהאַנדעלט ערגער פון דעם נידעריגסטען קנעכט... זי איז זיכער אַז ווען איהר האַר און האַרינטע וואָלטען זיך דערפון דערוואוסט וואָלט שוין סרטן ניט געהאַט קיין צוטריט אין דיזען הויז...

אַ היבשע ווייל שפּעטער איז די אדומית ווידער אַרויס אין דרויסען, זי האָט געוואָלט זעהן אויב סרטן זיצט נאָך אַלץ אונטער דעם בוים... זי האָט זיך אומבעמערקטערהייט דערנעהנטערט צום אייכען בוים, און זי האָט איהם דערזעהן: ער איז נאָך דאָרטען געזעסען, און זיך געהאַלטען פאַר די זייטען... ער האָט נאָך אַלץ געטאַפּט זיינע צוקלאַפּטע גליעדער און פון זיין מויל האָבען זיך קללות געשאָטען...

ווען די זון האָט שוין געהאַלטען ביים פערגעהען, האָט סרטן זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע זיינע כחות און זיך קוים אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ... ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויב קיינער בעמערקט איהם ניט, און ער איז מיט וואַקעלדיגע טריט זיך קוים אַוועקגעשלעפּט אין פּאַלאַץ...

* * *

אסנת איז געווען שטאַרק צושראָקען און צוטומעלט גון אַלעם וואָס מיט איהר האָט דאָ נאָר וואָס פּאַסירט... און ווען יוסף האָט איהר צוגע־פיהרט צו איהר צימער האָט זי ניט געהאַט קיין ווערטער אויסצודריקען איהר דאַנקבאַרקייט צו איהם...

— ווי פיהלסטו זיך יעצט אסנת? — האָט איהר יוסף אַ פרעג געטהאָן פילייכט זאָל איך אַריינשיקען צו דיר איינע פון די דיענסטען, וועלכע וועט מיט דיר זיין אַ ווײַלע אין דיין צימער ביז וואַנען דו וועסט זיך בערוהיגען און פיהלען בעסער?

— אָה ניין, יוסף, עס איז ניט נויטיג! — האָט אסנת איהם געענט־פערט — איך פיהל שוין יעצט גאַנץ גוט, דו ביזט געקומען צו מיר ווי אַ מלאך פון הימעל און מיר געהאָלפען אין אַ צייט ווען איך האָב זיך אַזוי געניטיגט אין הילף... איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז דו בעזיצסט אין זיך אַזאַ זעלטענע גבורה און מוטה... ווען איך דערמאָהן זיך ווען דער אומווירדיגער סרטן איז געלעגען אַזוי הילפלאָז און זיך ביי דיר געגומען בעטען דו זאָלסט איהם אויפהערען צו שלאָגען, און ער האָט דערצו נאָך געשוואוירען מיר מעהר ניט צו בעלעסטיגען, קוועלט מיין האַרץ אָן פון נחת... איך האָב סרטן קיינמאָל ניט איבעריג ליעב געהאַט, אָבער איך האָב ניט געוואוסט אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע שלעכטע כונות... ער האָט געשיקט די אדומית זי זאָל מיר אַרויסרופען, ווייל מיין מוטער וועלכע געפינט זיך יעצט אין פּאַלאַץ מיט מיין פאָטער, האָט איהם געבעטען מיר עפּעס איבערצוגעבען, איך האָב איהם געגלויבט און אַרונטער איהם פרעגען וואָס דאָס איז. ער האָט גלייך אָנגעפאַנגען צו פערפיהרען מיט מיר אַ געשפּרעך וועגען דיר, און ער האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל אויפ־הערען צו לערנען מיט דיר... און ווען עס איז אויסגעקומען צו ריידען וועגען גאָט, האָב איך זיך אַרויסגערעדט אַז דער גאָט צו וועמען דו דיענסט, האָט

בעשאפען די גאנצע וועלט און אלעם וואס דארט געפינט זיך, האט ער מיר געפרעגט אויב איך גלויב אין אלעם וואס דו האסט מיר דערצעהלט... און ווען איך האב געזאגט אז יא, האט ער געזאגט אז ווי באלד איך גלויב אין דיינע ווערטער איז א סימן אז איך לייקען אין די געטער פון מצרים, און אויב אזוי, האט ער מיר געדראהעט, וועט ער דערצעהלען מיין פאטער און מוטער אז מיט דיין לערנען מאכסטו א פערזוך מיך אוועקצונעהמען פון די געטער פון מצרים... איך האב גלייך איינגעזעהן אז ער זוכט דיר עפעס שלעכטעס צו טהאן, און איך האב ביי איהם געבעטען ער זאל מיינע עלטערען גארניט דערצעהלען וועגען דעם... און דאן האט ער געקראגען די חוצפה... פונדעסטוועגען האב איך יעצט שטארק מורא ער זאל טאקע ניט געהן און דערצעהלען דעם פאטער וועגען דעם... און דאס וועט דאך דיר שאדען.

— נאך אזא מפלה ווי סרטן האט געקראגען און וויסענדיג אז דיין פאטער וועט זיך אויך דערוויסען וואס ער האט צו דיר געוואלט טהאן — וועט ער ניט וואגען אפילו קיין איין איינציגען ווארט וועגען דער גאנצער געשיכטע ניט ארויסצורעדען... ער וועט נאך זיין צופריעדען אויב דו וועסט גארניט דערצעהלען דיין מוטער ווי אזוי ער האט זיך צו דיר בענומען...

ווען יוסף איז אוועקגעגאנגען איז אסנת אריין אין איהר צימער. זי האט זיך אוועקגעלעגט אויסרוהען אין איהר בעט און איהרע געדאנקען זיינען יעצט פערנומען געווארען מיט יוסף׳ן... יא, ניט נאר איז ער וואונדערשעהן, קלוג און געבילדעט, אבער ער בעזיצט א זעלטענע גבורה... סרטן, האט זי געדענקט איז גענוג שטארק, ער קוקט אוים צו זיין דיק און געזונד אבער יוסף האט איהם מיט איין זעץ פון זיין פויסט צום באדען געשליידערט.. אה ווי בראוו און העלדיש יוסף איז! יעצט איז זי זיכער אז יוסף איז ניט קיין געבארענער קנעכט... זי דערמאהנט זיך אז ווען יוסף האט סרטן געשלאגען האט ער זיך אויסגערעדט: „איך וועל צו דיר טהאן אזוי ווי מיינע ברידער האבען געטהאן"... און ער האט גלייך פערכאפט... געוויס מוז ער ערגיץ האבען ברידער און א משפחה... אבער פאר וואס זאל ער דאס וועלען פערלייקענען... פארוואס דערצעהלט ער איהר ניט וועגען זיך, ווער ער איז, פון וואנען ער שטאמט...

אסנת האט בעשלאסען אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט, וועט זי איהם פרעגען וואס ער האט זיך ארויסגערעדט וועגען זיינע ברידער... זי וויים אז יוסף וועט פון איהר קיין זאך ניט פערלייקענען... אסנת האט יעצט גענומען פיהלען ווי איהר נשמה איז צוגעבונדען צו זיינער... זי האט איינגעזעהען אז איהר הארץ בעלאנגט אין גאנצען צו יוסף׳ן... זי האט איהם ליעב, זעהר ליעב... זי וויים אבער אז איהר וועג איז פול מיט שטרויכלונגען און דערנער... יוסף איז זייער קנעכט.. און ניט איהר פאטער און ניט איהר מוטער וועלען ווען עס איז דערלאזען צו פערווירקליכען איהר ליעבע... א ווען יוסף וואלט געקענט בעפרייט ווערען... ווען ער זאל ווערען אונאפהענגיג.. דאן וואלט זי ניט געהאט וואס מורא צו האבען... איהר מוטער וואלט איהר אין דעם ארויסגעהאלפען... זי וואלט איהר גאנץ גוט פערשטאנען.. אבער יעצט איז דאס בלויז א חלום... אמת, זעהר

א זיסער א זיסער און אנגענעהמער חלום.. אָבער אַ חלום וואָס ווערט קיינמאָל ניט פערווירקליכט... זאָל נאָר יוסף פאַרטזעצען מיט איהר צו לערנען... אמוועניגסטען קען זי זיך מיט איהם זעהן יעדען טאָג.. זי קען הערען פון איהם זיינע קלוגע רייד און קען טיעף אריינדרינגען אין זיין נאָבעלע נשמה...

אין אַ פּאָר טעג ארום ווען יוסף איז געזעסען און געלערענט מיט אסנת'ן און זליכה איז גראָדע דאָביי ניט געווען, האָט זיך אסנת צו איהם אָפּגערופען:

— יוסף איך וויל דיר פרעגען אַ פראַגע, און איך וויל אַז דו זאָלסט פערשפּרעכען מיר צו געבען דעם ריכטיגען אַנטוואָרט...

יוסף האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך ווייס אַז דו האָסט אַלע מיינע פראַגעס ריכטיג געענטפערט

— האָט אסנת פאַרטגעזעצט מיט אַ שמייכעל — אָבער יעצט וויל איך דיר פרעגען אַ פערזענליכע פראַגע... און איך בעט דיר דו זאָלסט זיך ניט ענטזאָגען מיר צו ענטפערען...

יוסף האָט אַ שמייכעל געטהאָן, ער האָט אַ בליק געטהאָן אויף איהר שעהנעם פּנים און איהרע הימעל בלויע אויגען און האָט זיך געוואונדערט וואָס פאַר אַ פערזענליכע פראַגע אַזאַ רייצענדע און שעהנע בלום ווי אסנת קען האָבען איהם צו פרעגען...

— אויב איך וועל נאָר האָבען די מעגליכקייט וועל איך זיכער דיין פראַגע ענטפערען — האָט ער געזאָגט.

— ווען דו האָסט סרטן געשלאָגען, האָב איך געהערט ווי דו האָסט זיך אַרויסגערעדט: „איך וועל צו דיר טהאָן אַזוי ווי מיינע ברידער האָבען געטהאָן... יעצט בעט איך דיר יוסף זאָג מיר, האָסטו אויך ברידער?

יוסף'ס פּנים איז בעדעקט געוואָרען מיט טרויער... טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אויף זיינע אויגען... איהם איז שווער געווען יעצט דיעזע פראַגע צו ענטפערען.

אסנת האָט עס בעמערקט... זי האָט פערשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ פאַראַהן אַ געהיימנים וועגען וואָס יוסף'ן איז שווער צו ריידען. אָבער זי האָט ביי זיך בעשלאָסען איין מאָל פאַר אַלע מאָל איהם צו פרעגען... פיליייכט וועט זי איהם קענען בעהילפיג זיין מיט עפּעס... פאַר איהר דאַרף ער דאָך געוויס קיין מורא ניט האָבען...

— אָה, יוסף איך ווייס אַז איך האָב קיין רעכט ניט פון דיר צו פערלאַנגען דו זאָלסט מיר זאָגען וועגען זאַכען וואָס דיר איז אַזוי שווער צו ריידען... אָבער דאַרף איך דיר דען נאָך פערשפּרעכען אַז אַלעס וואָס אָן וועסט מיר דערצעהלען וועט בלייבען פערזיגעלט אין מיין הארצען... איך האָב די לעצטע עטליכע נעכט געליטען פון שלאָפלאָזיגקייט... ווייל איך האָב פערשטאַנען פון דיינע רייד אַז דו האָסט ערגיץ וואו משפחה, ברידער און אַז דו ביזט זיכער ניט קיין געבוירענער קנעכט... איך בעט דיר יוסף, דערצעהל מיר וועגען דיר אַלעס... האָסטו טאַקע ברידער? !

אַ קליינע ווײַלע האָט יוסף געשוויגן. ער האָט מיט מעלאַנכאָלישע בליקען געקוקט אויף אסנת'ן, זי איז איהם יעצט געוואָרען אַזוי נאָהענט אַזוי טהייער... דאַרף ער טאַקע האָבען עפּעס פערבאָרגען פון איהר... ער ווייס אַז זי איז איהם איבערגעגעבען... זי איז איהם אַ פריינד, וועלכע זוכט בלויז זיין טובה.. און ער? האָט ער איהר דען ניט ליעב? אמת, ער וואגט גאָר ניט דערפון צו טראַכטען... ווי קומט ער אַ „קנעכט" צו די טאָכטער פון פוטיפר.. אָבער ווען זי זאָל דעם אמת וויסען... פיללייכט וואָלט זי געפונען אַן אויסוועג.. דאָך ווי קען ער איהר פון אַלעם דערצעהלען... וועט ער איהר קענען ענטדעקען דעם סוד אַז ער איז אַ זוהן פון יעקב'ן און אַז דאָס האָבען איהם זיינע ברידער פאַר אַקנעכט פערקויפט.. אָבער ער זעהט יעצט אַז ער וועט זיך מעהר ניט קענען אַרויסדרעהען... ער וועט איהר אַלעס דערצעהלען, ער וועט זיך מיט איהר טהיילען אַלע זיינע סודות... דאַן וועט איהם אַליין אויך גרינגער ווערען...

— יאָ, אסנת! — האָט יוסף געענטפערט און זיין פּנים איז רויט געוואָרען, איך האָב ברידער....

— דו האָסט ברידער! — האָט אסנת אויסגערופען און אַ פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער אַלע איהרע גליעדער — און דו ווייסט די משפּחה פון וואַנען דו שטאַמסט?...

— יאָ, איך ווייס!

— און ווער איז דיין פאָטער?

— מיין פאָטער איז יעקב!

— און די ברידער ביי וועמען דו האָסט אונז פריהער דערצעהלט אַז ביי זיי האָסטו געדיענט אַלס קנעכט זיינען גאָר געווען דיינע ברידער?!

— יאָ, אָסנת, זיי זיינען מיינע ברידער.. איך בין דער זוהן פון יעקב'ן..

— אָבער ווי קומט עס אַז דו ביזט פערקויפט געוואָרען פאַר אַ קנעכט צו די ישמעאלים? — האָט אסנת געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— וועגען דעם קען איך יעצט ניט רייד ען, אסנת, איך האָף אַז דו וועסט מיר ענטשולדיגען, אָבער ביי אַן אַנדער געלעגענהייט וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען... איך וועל פון דיר קיין זאַך ניט האַלטען פערבאָרגען...

— קענסטו מיר פיללייכט זאָגען וואָס דו האָסט דאַן געמיינט אַז דו וועסט טהאָן צו סרטן ווי דיינע ברידער האָבען געטהאָן... יאָ, זאָג מיר וואָס האָט מיט דיינע ברידער געטהאָן און צו וועמען האָבען זיי עס געטהאָן...

— דאָס וועל איך דיר דערצעהלען — האָט יוסף געענטפערט.

— מיט יאָהרען צוריק האָט אונזער גאַנצע משפּחה געוואָהנט אין דער שטאָדט שכם... מיין פאָטער, מיין מוטער האָט נאָך דאַן אויך געלעבט.

— און ווי האָט דיין מוטער געהייסען? — האָט איהם אסנת אונטערבראָכען.

— מיין מוטער האָט געהייסען רחל... זי איז געווען אַזוי וואונדערשעהן און רייצענד... אָבער זינט איך געדענק איהר, איז זי געווען קראַנק, זעהר קראַנק... מיין פאָטער האָט אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד ביי חמור'ן וועלכער איז דאַן געווען דער הערשער פון יענער שטאָדט און מיר האָבען זיך אַלע

בעזעצט... דאָס לאַנד איז געווען פרוכטבאַר און מיר זיינען געווען צופריעדען דאָרטען צו וואָהנען...

— און וויפיעל ברידער זייט איהר דאָן געווען — האָט אסנת איהם ווידער אַ פרעג געטהאָן.

— דאָן זיינען מר געווען עלף ברדער... איך בין געווען דער אינגסטער.. מיר האָבען אויך געהאַט אַ שוועסטער מיט דעם נאָמען דינה... זי איז געווען אַ זעלטענע שעהנהייט.. זי איז עהנליך צו... דאָ האָט יוסף נישט פערענדיגט...

— צו וועמען איז דיין שוועסטער עהנליך? — האָט אסנת איבערגע־פרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט.

יוסף האָט געוואָרפען פריינדליכע בליקען צו אסנת'ן און נישט ווילענדיג אַ שמייכעל געטהאָן.

— איך וויים נישט ווי אַזוי דאָס איז, אָבער דו דערמאָהנסט מיר אַזוי פיעל אָן מיין שוועסטער.. דו ביזט אַזוי עהנליך צו איהר, אַז ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהן, האָט זיך מיר גלייך געדוכט, אַז איך זעה מיין שוועסטער דינה'ן ווען זי איז נאָך יונג געווען... איידער עס האָט איהר דער אומגליק געטראָפען...

אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף אסנת ליפּען און זי האָט זיך אָפּגערופען:

— וואָס האָט מיט דיין שוועסטער פּאַסירט, לעבט זי נאָך?

— יע זי לעבט אָבער זי האָט שוין זעהר פיעל דורכגעמאַכט דורך איהר לעבען.

— איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען אַלעס וואָס דיין שוועסטער האָט דורכגעמאַכט, איך בעט דיר, יוסף, דערצעהל מיר!

— ווען מיר זיינען געזעסען אין שכם — האָט יוסף פאָרטגעזעצט — האָט דער זוהן פון חמור'ן, וואָס זיין נאָמען איז געווען שכם, ווי דער נאָמען פון דער שטאָדט, איינמאָל דערזעהן אונזער שוועסטער.... און זי איז איהם אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען, אַז ער האָט בעשלאָסען איהר צו נעהמען צו זיך. און איינמאָל האָט ער איהר געפאַנגען און מיט געוואַלט געבראַכט צו זיין הויז... און איהר פאַראומרייניגט. מיינע ברידער זיינען געראַדע דאָן אין פעלד געווען, און ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט און געפונען די גאַנצע משפחה שרעקליך געטראָפען פון דעם אומגליק, זיינען זיי גלייך אַוועק און געפאָדערט פון שכם'ן ער זאָל אַרויסגעבען דינה'ן. און ווען ער האָט זיך ענטזאָגט, זיינען זיי איהם באַפאַלען און געטויטעט, איהם מיט אַלע זיינע פריינד, מיט דעם שווערד... און ווען איך האָב געזאָגט צו סרטן אין דער צייט פון מיין כעס און אויפרעגונג, אַז איך וועל צו איהם טהאָן ווי מיינע ברידער האָבען געטהאָן, האָב איך דאָס געמיינט, ווי מיינע ברידער האָבען געטהאָן שכם'ן...

— מערקווירדיג — האָט אסנת אויסגערופען — מיר דוכט, אַז דער נאָמען שכם איז מיר בעקאַנט, איך האָב איהם איינינע מאָל געהערט ווי מיין מוטער האָט מיט סרטן גערעדט וועגען שכם...

— נו, יא שכם איז א בעוואוסטע שטאָדט אין כנען! — האָט יוסף געזאָגט — מעגליך, אַז זיי האָבען גערעדט וועגען דער שטאָדט...

— קענסטו מיר נישט זאָגען וואָס האָט ווייטער פּאסירט מיט דיין משפחה נאָכדעם ווי דיינע ברידער האָבען זיך נוקם געווען אַן שכם׳ען? — האָט אסנת איהם ווייטער געפרעגט.

— מיר זיינען דאַן געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען שכם און געהן צו מיין זיידען יצחק׳ן אין חברון... אָבער אויפ׳ן וועג האָט אונז אַן אומגליק געטראָפען... מיין מוטער, רחל איז געשטאָרבען גלייך נאָכדעם ווי זי האָט געבוירען מיין אינגסטען ברודער בנימין... דאָס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר מיין פאָטער, וועלכער האָט מיין מוטער אַזוי ליעב געהאַט... איך בין נאָך דאַמאָלס צו יונג געווען צו פאַרשטעהן... ווער ווייס אויב מיין מוטער וואָלט דאַן געלעבט — האָט יוסף געווישט זיינע אויגען — וואָלט עס דערצו נישט געקומען, אַז איך זאָל פאַרוואָגעלט ווערען אין מצרים... פאַרקויפט צו ווערען פאַר אַ קנעכט...

אסנת איז שטאַרק גערירט געוואָרען פון יוסף׳ס רייד און ווען זי האָט בעמערקט די טרעהרען אין זיינע אויגען, האָט איהר דאָס האַרץ פאַר־קוועטשט און איהרע אויגען זיינען אויך אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען...

אַ קליינע ווײַלע האָבען ביידע געשוויגען, און נאָכהער האָט אסנת אויסגערופען:

— איך האָב אָבער גלייך פערשטאַנען אַז דו ביזט נישט קיין קנעכט... ווען איך האָב דיר צום ערשטען מאָל דערזעהן, האָב איך זיך געטראַכט, אַז דיר האָט מען אין מצרים געבראַכט אַלס קנעכט, דורך אַ צופאַל... און אפילו ווען איך האָב פון דיין אייגען מויל געהערט, אַז דו ביזט געווען אַמאָל אַ קנעכט ביי דער משפחה פון די עברים, האָב איך געוואוסט, אַז די גאַנצע זאַך איז איינגעהילט אין אַ געהיימניס... און איך האָף, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דו וועסט מיר אַלעס ענטדעקען..

— יאָ, — האָט יוסף אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ — איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען, אָבער נישט יעצט..

— דו וועסט דאָך מיר אָבער דערצעהלען וואָס האָט ווייטער פּאסירט מיט דיין שוועסטער? — האָט אסנת איהם געפרעגט.

— מיין אָרימע שוועסטער! — האָט יוסף אַ זיפץ געטהאָן — זי האָט נאָך אַ סך דורכגעמאַכט... יע, ווען מיר זיינען ענדליך אָנגעקומען אין חברון, האָט דינה געבאָרען אַ טאָכטער פון שכם׳ן... דאָס קינד איז געווען אַזוי שעהן און גראַטען, אַז מיר האָבען אַלע איהר זעהר שטאַרק ליעב געהאַט... און איבערהויפּט האָט איהר מוטער דינה געפונען אין איהר אַ טרייסט צו אַלע איהרע צרות וואָס זי האָט דורכגעמאַכט... מיין שוועסטער איז צו איהר קינד געווען אַזוי צוגעבונדען, אַז זי האָט איהר אויף אַ רגע פון זיך נישט אָפּגעלאָזען... זי איז ווידער געווען גליקליך און שוין כמעט געהאַט פערגעסען וועגען איהר טרויעריגען צופאַל אין שכם... דאָס קינד איז אַביסעל אונטערגעוואַקסען... זי האָט אַלעמען בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט און ליעבליכקייט. אין מיין פאָטער׳ס הויז האָט גענומען פּרעה־

ליבער זיין... דינה׳ס קליינע טעכטעריל האָט אין אונזערע אַלעמענס הערצער אַריינגעבראַכט פרייד און פערגעניגען... און איין מאָל, ווען דינה׳ס קינד האָט זיך געשפּיעלט מיט מיין אינגסטען ברודער בנימין, אין דרויסען. בנימין איז געווען בלויז איינינע מאָנאַטען עלטער פון איהר... זיינען צוגעקומען פרעמדע און האָבען מיין שוועסטער׳ס טעכטעריל אַוועקגע׳גנב׳ט און פערשוואונדען. דער איינציגער וואָס האָט דאָס צוגעזעהן איז געווען בנימין און ער איז גלייך אַריין אין הויז וויינענדיג. ער האָט מיט זיין קינדישע שפּראַך דערצעהלט וואָס איזפּאָרגעקומען.

— מיינע ברידער האָבען זיך גלייך אַוועקגעלאָזט איהר זוכען, אָבער זיי האָבען מעהר קיין שפּור פון איהר נישט געפונען... גרויס איז געווען דער טרויער און אומגליק פון מיין שוועסטער, זי האָט זיך פיעלע יאָהרען נישט געלאָזט טרייסטען וועגען איהר קינד, און כאָטש ווען איך האָב מיין פאָטער,ס הויז פערלאָזען איז דאַן געווען שוין כמעט צעהן יאָהר פאַראיבער זינט דאָס קינד איז אַוועקגעגנב׳עט געוואָרען, האָט דאָך מיין שוועסטער נישט אויפגעהערט צו טרויערען נאָך איהר...

— און דאַן האָט דיין משפחה אויף קיינעם פון יענער שטאָדט קיין פערדאַכט נישט געהאַט?

— ניין, מיר האָבען געלעבט בשלום מיט אַלע איינוואָהנער פון חברון... אַלע האָבען מיין זיידען יצחק׳ן ליעב געהאַט און געשעצט... אונז האָט זיך קיינעם נישט געגלויבט, אַז אימיצער פון שטאָט זאָל וועלען אונז שלעכטעס טהאָן... דאָס איז געוויס געווען די אַרבייט פון דורכוואַנדערער... דאָס קינד איז געווען אַזוי וואונדער־שעהן און רייצענד, און יענע שלעכטע מענשען האָבען איהר זיכער ערגעץ וואו פאַר אַ דינסט פאַרקויפט... אָה, ווען איך טראַכט נאָר פון דער מעגליכקייט, אַז מיין שוועסטער׳ס טאָכטער איז פאַר אַ דינסט פאַרקויפט געוואָרען, געהט אַ שוידער דורך מיין לייב... ווען אַ מאַן, וועלכער איז נישט קיין געבאָרענער קנעכט, ווערט אַלס קנעכט פערקויפט, איז שלעכט גענוג, אָבער ווען אַ יונגע שעהנע מיידעל ווערט פאַרקויפט אַלס דינסט... דאַן איז דער אומגליק נאָך גרעסער...

— עס איז מעגליך, אַז דורך דער צייט וואָס דו ביזט אין דערהיים נישט געווען, האָט דיין שוועסטער שוין געפונען איהר טאָכטער! — האָט אסנת געמאַכט אַ פאַרזוך איהם צו בערוהיגען...

— זי האָט שוין געהאַט אויפגעגעבען אַלע האָפענונגען, — האָט יוסף אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ — אפילו ווען זי זאָל איהר שוין יע ערגעץ־וואו טרעפען, וואָלט זי דען איהר דערקענט? דאָס קינד איז נאָך קיין פינף יאָהר אַלט געווען, ווען מען האָט איהר אַוועקגע׳גנב׳עט, און יעצט איז זי שוין אַרום זעכצעהן יאָהר... ווי אַזוי איז עס גאָר מעגליך איהר צו דערקענען...

— האָט זי פיליייכט געהאַט אנדערע סימנים פון וואָס מען וואָלט איהר געקאָנט דערקענען?

— ניין, זי איז געווען אַ פאָלקאָמע געזונטע קינד, און קיין איינציגען סימן אויף זיך נישט געהאַט...

— מיין האַרץ געהט אוים פאַר דיין שוועסטער! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען, כאָטש איך האָב איהר קיינמאָל נישט געזעהן, דאָך פיהל איך איהר וועהטאָג און צער זעהר גרוים... איך האָף, אַז גאָט, דער גאָט פון דיינע עלטערען, וועט זיך איבער איהר מרחם זיין און איהר אומקעהרען דאָס פאַרלאָרענע קינד.

— יעצט וויל איך דיר נאָך אַמאָל בעטען — האָט יוסף זיך אָפּגערופען צו אסנת׳ן — דו זאָלסט פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט דערצעהלען פון אַלעם וואָס איך האָב דיר נאָר־וואָס דערצעהלט...

— דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען, יוסף, אַז איך וועל אַלעס האַלטען פערבאָרגען אין זיך... איך דאַנק דיר זעהר וואָס דו האָסט אָן מיר אַזוי פיעל צוטרוי געהאַט און מיר דערצעהלט אייניגע זאַכען פון דיין פּערזענליכען לעבען...

אסנת איז יעצט געווען זעהר גליקליך. זי האָט זיך דערוואוסט פון יוסף׳ן, אַז ער איז טאַקע נישט קיין געבאָרענער קנעכט, ער איז אַ זוהן פון דעם בעריהמטען יעקב׳ן פון וועמען זי האָט אַזוי פיעל געהערט. ער שטאַמט פון אברהם און יצחק׳ן, פון וועמען אַלע ריידען מיט אַזוי פיעל דרך ארץ און אַכטונג... יע, עס וועט קומען אַ צייט ווען אויך איהר פאָטער און מוטער וועלען דערפון זיך דערוויסען, און דאַן וועלען זיי איהם פּילייכט אין גאַנצען בעפרייען... און דאַן... איהר האַרץ האָט אַ ציטער געטהאָן... יע, מעגליך, אַז דאַן וועלען שוין אויך איהרע חלומות פערווירקליכט ווערען.... איין זאַך איז זי יעצט זיכער, אַז יוסף איז צו איהר אויך נישט גלייכגילטיג... און פּיעלייכט האָט ער איהר נאָך ליעב, אויב נישט, וואָלט ער איהר געוויס ניט דערצעהלט וועגען זיין פּערזענליכען לעבען... און דערצו האָט ער נאָך איהר פאַרשפּראָכען צו דערצעהלען ווי אַזוי עס איז דערצו געקומען, אַז מען זאָל איהם פאַר אַ קנעכט פערקויפען... זי איז זיכער, אַז יוסף וועט זיין פאַרשפּרעכען צו איהר האַלטען... און דעריבער האָט זי אויף דיזער געלעגענהייט געוואַרט מיט גרוים אומגעדולד...

אסנת איז יוסף׳ן געווען נאָך מעהר דאַנקבאַר וואָס ער האָט געמאַכט אַן ענדע צו סרטן׳ס בעלעסטיגען איהר. אייניגע טעג זיינען שוין פאָריבער און סרטן בעווייזט זיך נישט אפילו אין הויז... ער ציטערט צו קומען, און אפילו ווען ער זאָל קומען וועט ער מעהר נישט וואַגען צו איהר צו ריידען... די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגען פון יוסף׳ן וועט ער לאַנג געדענקען... ער מוז געוויס זיי נאָך פיהלען און דעריבער שעהמט ער זיך צו בעווייזען אין איהר מוטער׳ס הויז, ווייל איהר מוטער וועט איהם זיכער פרעגען ווי אַזוי ער האָט געקראָגען אַזוי צושלאָגען. ער וועט דאָך זיכער ניט געהן דערצעהלען זיין שוועסטער וועגען זיין שענדליכע האַנדלונג צו איהר... און טאַקע דעריבער האָט זיך אסנת בערוהיגט, זי איז געווען זיכער, אַז סרטן וועט אפילו איהרע עלטערען נישט דערצעהלען, אַז יוסף לערענט מיט איהר די געזעצען פון זיין גאָט...

.23

סרטן פלאַנט נקמה

עטליכע טעג זיינען פאַריבער און סרטן איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען פון די קלעפ, וואָס ער האָט געקראָגען פון יוסף'ן. ערשט דאַן האָט ער גענומען בעגרייפען, אַז די קלעפ אַליין זיינען גאָרנישט קעגען די גרויסע שאַנדע, וואָס יוסף האָט איהם אָנגעטהאָן.

אסנת האָט אַלעס צוגעזעהן מיט איהרע אויגען. זי האָט געהערט ווי ער האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל איהם נישט טויטען...

ווי קליין און נידעריג ער מוז יעצט זיין אין איהרע אויגען. זי וועט איהם האַלטען פאַר אַ פּחדן און שוועכלינג... זי וועט אַפילו זיך נישט וועלען אומקוקען אויף איהם... יעצט וועט זי פאַרשטעהן, אַז אַלעס וואָס ער האָט איהר אַמאָל דערצעהלט וועגען זיין גבורה, איז געווען פוסטע בעריהמעריי... זי וועט איהם שוין קיינמאָל נישט גלויבען. יע, אויב ער האָט ווען עס איז יע געהאַט אַ האָפנונג צו קריגען אסנת'ן פאַר זיין פרוי, האָט יוסף אויך דיזע האָפנונג צו נישט געמאַכט... אה, ווי שטאַרק זיין כעס ברענט אויף יוסף'ן... ער מוז זיך נוקם זיין אין איהם... ער וועט איהם דאַרפען זעהן אָפראַמען פון וועג.

סרטן האָט יעצט טאָג און נאַכט גענומען קלערען ווי אַזוי ער זאָל זיך נוקם זיין אין יוסף'ן... ער ווייס גאַנץ גוט אַז יוסף האָט געפונען חן אין די אויגען פון זיין שוועסטער, און פוטיפר טוט אַלעס וואָס זיין פרוי הייסט איהם. ווען איהם זאָל געלינגען צו פאַר'מיאוס'ן יוסף'ן אין איהרע אויגען... אָבער דאָס איז אונמעגליך... צו שעהן קוקט דער קנעכט אויס, אַז זיין שוועסטער זאָל זיך צוהערען צו זיינע מסירות... פיליכט וואָלט ער געקענט עפּעס טהאָן דורך דער אדומית... יע, אויף איהר קען ער זיך פערלאָזען... זי איז זעהר צופרידען, ווען ער ווייזט איהר ארויס אַ שמייכעל... און איהר וועט ער קענען פערטרויען אַלע זיינע סודות... די אדומית וועט נישט טאָרען וויסען פון זיין ליעבע צו אסנת'ן. זי וועט נאָך ווערען אייפערזיכטיג און איהם נישט וועלען פאָלגען. — ער וועט דעריבער איהר מוזען פריהער פערזיכערען אז זי איז די איינציגע וועמען ער ליעבט, און דאָס וואָס ער האָט יוסף'ן פיינט איז גאָר צוליעב אַן אַנדער זאַך... זי וועט איהם זיכער פערשטעהען און פאָלגען... אָבער ווען אפילו איהם זאָל גע־

לינגען אַז מען זאָל יוסף'ן אַריינוואַרפֿען אין תּפֿיסה, וואָס וועט איהם שוין דערפֿון אַרויסקומען... עס וועט געוויס נישט לאַנג דויערען און מען וועט איהם בעפֿרייען און דאַן וועט ער ווידער דאַרפֿען אָנקוקען זיין פּנים...

ניין, יוסף מוז שטאַרבען, האָט ער בעשלאָסען, און אויב ער וועט עס ניט קענען אויספֿיהרען דורך דער אדומית, וועט ער דאָס פּיליינט טהאָן דורך תּדמור'ן... ער טראָגט אויף איהם אויך אַ גרויסע שנאה, צוליעב דעם וואָס מען האָט איהם באַשטימט אויף זיין אָרט.

סרטן האָט בעשלאָסען, אַז איידער ער וועט זיך דורכריידען מיט דער אדומית וועט ער זיך פֿריהער באַראַטהען מיט תּדמור'ן און איהם פֿרעגען, אויב ער קען פֿערטרויען זיין סוד צו איהר.

יענעם אָבענד איז ער אַוועק צו פּוטיפֿר'ס הויז, און איידער ער האָט זיך געקאָנט זעהן מיט זיין שוועסטער, איז ער אַרונטער אונטען צו די קנעכט, און פֿון דאָרטען אַרויסגערופֿען תּדמור'ן.

דו ווייסט דאָך, תּדמור, וואָס פֿאַר אַ גוטער פֿריינד איך בין דיר — האָט סרטן זיך צו איהם אָפּגערופֿען, ווען זיי זיינען ביידע אַליין געווען אין דרויסען. איך האָב זיך זעהר שטאַרק צום האַרצען גענומען ווען איך האָב אויסגעפֿונען, אַז יוסף האָט פֿאַרנומען דיין שטעלע און זינט דאַן ברענט אויף איהם מיין צאָרן און איך קען איהם גלייך אין די אויגען נישט קוקען. און אַ חוץ דעם האָב איך אויסגעפֿונען נאָך עטליכע זאַכען וועגען איהם, וואָס מאַכט מיר איהם נאָך שטאַרקער צו האַסען. און איך מוז דיר זאָגען אַ סוד, אַז איך האָב איהם שוין איינמאָל געגעבען פֿערזוכען דעם טעם פֿון מיינע אייזערנע פֿויסטען. אָבער דאָס איז פֿאַר איהם גאָר נישט. ער פֿערדינט אַז מען זאָל איהם אינ־גאַנצען אָפּראַמען פֿון וועג... ווייל כּל זמן ער וועט בלייבען לעבען, וועט ער געפֿינען פֿילע פֿריינד, וועלכע וועלען איהם מקריב זיין... פֿערשטעהסטו מיר, יוסף ווייס זיך ווי צו חנפ'ענען — ער האָט אַ געשליפֿענע צונג און די וועלכע קענען איהם נישט אַזוי גוט ווי איך, גלויבען, אַז ער איז טאַקע אַ ווירדיגע פּערזענליכקייט.

— אָבער מיין האַר, איך פֿערשטעה דיר נישט, וואָס מיינסטו מיט דיינע רייד? — האָט תּדמור איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— זאָג מיר מיין פֿריינד, ביזטו פֿעראינטערעסירט צו קריגען צוריק דיין שטעלע אַלס הויפּט קנעכט? — האָט איהם סרטן אַ פֿרעג געטאָן...

— נו, געוויס מיין האַר! האָב איך דען מיין אַרבייט נישט געטהאָן מיט געטרייהייט און עהרליכקייט?

אָבער זיי וויסען אַז כּל זמן יוסף לעבט, וועסטו דיין שטעלע נישט צוריק קריגען — האָט סרטן געזאָגט. און דער איינציגער וועג איז פֿון איהם פּטור צו ווערען.

— אָבער ווי אַזוי איז דאָס מעגליך צו טהאָן? האָט תּדמור איהם געפֿרעגט.

— עס זיינען פֿאַראַן פֿילע וועגען! — האָט סרטן געזאָגט — און איך בין זיך טאַקע יעצט מיט דיר געקומען באַראַטען... גלויבסטו אַז מיר וועלען קענען אָנפֿאַרטרויען דעם סוד צו דער אדומית?

— אה, ניין, מיין האַר ! — האָט תדמור אויסגערופן — די אדומית איז שטאַרק אין כעס אויף מיר. און ווען זי וועט זיך דערוויסן אַז איך בין פאַרבונדען מיט דער פאַרשווערונג געגען יוסף׳ן וועט זי געוויס ענטדעקען דעם סוד...

— דיר פעהלט דאָך טאַקע שכל ! — האָט סרטן געזאָגט מיט אַ בייזער שטימע — קיינער וועט איהר נישט זאָגען, אַז דו ביזט אין דעם פאַרמישט... איך וועל עס טהאָן אויף מיין אייגענער פאַראנטוואָרטליכקייט, און איך בין געקומען דיר בלויז פרעגען, צי קען איך די זאַך פאַרטרויען צו דער אדומית...

— מיר דוכט זיך, מיין האַר, אַז די אדומית האָלט אויך זעהר פיעל פון יוסף׳ן... פאַרשטעהסטו מיר... דער קנעכט פון כנען האָט געפונען חן אין די אויגען פון אַלע דינסטען.. און איך גלויב, אַז אויך די אדומית טראָגט זיך אַרום מיט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט צו איהם... וועט זי דער דער־לאָזען אַז דו זאָלסט זיך אָן איהם נוקם זיין ?

—אָבער ווייסטו דען נישט, תדמור, אַז די אַדומי איז אין מיר שטאַרק פערליעבט ? און ווען איך וועל איהר בעטען מיר אין דעם ארויסהעלפען, וועט זי עס טהאָן מיט פערגעניגען !

תדמור׳ס פנים איז פערצויגען געוואָרען מיט אַ וואָלקען... די אדומית ליבט גאָר דעם שר האופים — האָט ער זיך געטראַכט — יעצט פאַרשטעהט ער פאַרוואָס זי איז אַזוי קאַלט צו אים...

סרטן האָט בעמערקט די ענדערונג אויף זיין פריינד׳ס פנים, און ער האָט זיך צו איהם אָפּגערופען :

— איך זעה, מיין פריינד, אַז מיין לעצטע בעהויפּטונג האָט דיר זעהר טרויעריג געמאַכט... אָבער דו האָסט נישט וועגען וואָס צו זאָרגען... אמת די אדומית האָט מיר ליעב... אָבער איך ליעב אימיצען אַנדערש... נאָכאַלעמען, ווי קומט די אדומית צו מיר, דעם שר האופים פון פּרעה׳ן ! זי איז דאָך פּאָרט אַ געוועזענע דיענסט !.. ניין, תדמור, איך האָב איהר נישט ליעב, אָבער איך וויל איהר דערווייל אויסנוצען פאַר דעם צוועק מיר אַרויסצו־העלפען פּטור צו ווערען פון יוסף׳ן, וועלכען מיר אַלע האַסען... איך קען דיר פאַרזיכערען, אַז ווען איך וועל האָבען דערגרייכט מיין ציעל, דאַן וועל איך דיר נאָך אַרויסהעלפען אַריינצוקריגען די אדומית... און אויב זי האָט דיך יעצט ניט ליעב, וועט זי דיר שפּעטער ליעב האָבען...

— מיין האַר ! — האָט תדמור אויסגערופען מיט שטראַהלענדע אויגען — ווען דו וועסט עס פאַר מיר טהאָן, וועל איך דיין טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסען ! איך וועל טהאָן פאַר דיר אַלס וואָס דו וועס מיר הייסען !

— גוט ! — האָט סרטן איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע — די אדומית איז דיינע !... אָבער כל זמן יוסף געפינט זיך אין פּוטיפר׳ס הויז, וועלען מיר ביידע נישט קענען פאַרווירקליכען אונזערע זיסע טרוימען... צוליעב איהם וועסטו מוזען פאַרבלייבען אַ נידעריגער קנעכט דיין גאַנצען לעבען... און אויך איך וועל נישט קענען קריגען אסנת׳ן, מיין שוועסטער׳ס טאָכטער... ווייל דער אומווירדיגער קנעכט איז דאָך איהר לעהרער, און ער

בעאיינפלוסט איהר צום שלעכטען... יעצט גיב מיר אן עצה ווי אזוי זאלען מיר קענען פטור ווערען פון איהם...

— איך האב פיעלע מאל באמערקט, ווי יוסף, נאכדעם ווי ער ווערט פערטיג מיט זיין ארבייט, נעהמט ער א שפאציר בייננאכט אויף די זייטיגע געסלאך פון שטאדט... איינינגע מאל האב איך באמערקט, ווי ער שטעהט און קוקט אויף דער לבנה און די שטערען. ער קען אזוי אפשטעהן א היבשע ווילע פארטראכט... און מיין עצה דעריבער איז, אז מיר זאלען איהם נאכשפירען, און ווען ער וועט זיך אליין בייננאכט אין איינע פון די שטילע געסלאך געפינען, וועלען מיר איהם פלוצלונג בעפאלען און איהם טויטען... און אויף מארגען, ווען מען וועט זיין טויטען קערפער געפינען, וועט קיינער נישט וויסען ווער עס האט עס געטהאן... מען וועט מיינען, אז רויבער זיינען איהם בעפאלען... אונז ביידען וועט מען קיינמאל נישט חושד זיין, ווייל דו וועטס זיך גלייך צוריקקעהרען צו פרעה'ס פאלאץ און איך וועל זיך צונויפמישען מיט די איבעריגע קנעכט... ווי געפעהלט דיר מיין עצה...

— דיין עצה וואלט געווען גוט, ווען יוסף איז נישט אזוי שטארק, אבער דו דארפסט ניט פערגעסען, אז ער איז א געזונטער יונג און וואס וועט זיין אז ער וועט זיך נעהמען וועהרען, דאן זיינען מיר ביידע פערלארען... זיינע פויסטען זיינען ווי אייזען...

—אבער דו מיין האר, האסט דאך געוויס נישט וואס מורא צו האבען. האסטו דען איהם נישט לאנג צוריק גוט צושלאגען אז ער האט זיך פון זיין פלאץ נישט געקענט ריהרען ? !

— —יא, אמת, אז איך האב איהם שטארק צע'ממית'ט, אבער פונדעסטוועגען ווייס איך, אז אויך יוסף באזיצט אן אונגעהויערע גרויסע גבורה... ווען נישט דאס, וואלט ער געוויס מיינע קלעפ נישט אריבערגעטראגען... ניין, די עצה דיינע געפעהלט מיר ניט... איך וואלט וועלען ער זאל זיין טויט, און איך זאל מיינע הענט צו איהם נישט דארפען צולעגען... א, ווען דו וואלסט געהאט צוטריט אויבען צו דער קיך, דאן וואלט איך דיר געבראכט א טויטליכען סם, און דו וואלסט עס אריינגעטאן אין זיין שפייז...

— אבער דו ווייסט דאך, אז דאס איז יעצט פאר מיר אונמעגליך. איך האב נישט קיין רעכט זיך צו בעווייזען אין קיך... און א חוץ דעם וואלט גלייך אויף מיר געפאלען דער חשד, אז איך האב איהם פאר'סם'ט צוליעב דעם, וואס ער האט מיר פון מיין אמט בארויבט... און דאן וואלט מיר דען פוטיפר געשענקט... ער וואלט מיר זיכער געטויטעט...

— אט דעריבער האב איך דיר דאך געזאגט, אז דו וועסט עס ניט קענען אויספיהרען... איך האב געלויבט, אז פיליכט וועט די אדומית עס פאר אונז טהאן... אבער יעצט, אז דו האסט מיר פארזיכערט, אז זי האלט זעהר שטארק פון יוסף'ן, וועט זי עס געוויס נישט וועלען טהאן פאר אונז...

— ווען מיין האר וואלט געקענט מאכען, אז מען זאל יוסף'ן ארייזעצען אין געפענגנים, דאס וואלט מיר זעהר צופרידענגעשטעלט. דאן וואלט איך פיליכט געקענט האבען א געלעגענהייט צוריקצוקריגען מיין שטעלע אלס הויפט־קנעכט.

— מיר איז יעצט איינגעפֿאַלען אַ געדאַנק! — האָט סרטן אויסגערופֿען מיט פֿרייד — און איך בין זיכער, אַז דאָס וועט מיר געלינגען. זאָג מיר, תדמור, דו ביזט דאָך בעקאַנט מיט די געזעצען פֿון מצרים: וואָס פֿאַר אַ שטראָף בעקומט אַ קנעכט ווען מען כאַפּט איהם אַז ער האָט בע׳גנב׳עט זיין האַר?

— עס ווענדעט זיך וואָס די גנבה איז. פֿאַר אַ גרויסע גנבה קריגט ער אַ גרויסע שטראָף, פֿאַר אַ קלענערע גנבה, אַ קלענערע שטראָף.

— ווען ער זאָל קריגען עטליכע יאָהר געפֿענגנים, דאָס וואָלט מיר אויך גאַנץ פֿיין צופֿרידענגעשטעלט — האָט סרטן געזאָגט — דערווייל וואָלט איך געקענט אַריינקריגען אסנת׳ן פֿאַר זיך...

— אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז יוסף זעהר אַן עהרליכער קנעכט און ער וועט געוויס ניט גנב׳ענען — האָט תדמור געזאָגט.

— אָבער איך האָב אַ פּלאַן! — האָט סרטן זיך אָפּגערופֿען — מיין שוועסטער האָט נישט לאַנג צוריק געקראָגען אַ מתנה פֿון איהר מאַן אַ גאָל־דענעם האַלז־באַנד, געפּלאַסטערט מיט קאָסטבארע שטיינער... איך וועל עס אַרויסקריגען פֿון איהר און דו וועסט זעהן דאָס אַריינצוטהאָן אין יוסף׳ס רשות, אין זיין קעשענע, אָדער איז איינע פֿון זיינע כלים... און ווען מיין שוועסטער וועט זיך כאַפּען, אַז מען האָט ביי איהר אַוועקגע׳גנב׳עט דעם קאָסטבאַרען האַלזבאַנד, וועט זי זיכער נעהמען חושד זיין די קנעכט און דאַן וועט מען געפֿינען דעם האַלזבאַנד אין יוסף׳ס רשות, און מען וועט איהם דערפֿאַר בעשטראָפֿען מיט געפֿענגנים!

— דאָס איז זעהר אַ גוטער פּלאַן! — האָט תדמור זיך אָפּגערופֿען — אָבער איך ווייס נישט אויב איך וועל קענען אויספֿיהרען דיין שליחות — ווייל דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב מעהר ניט קיין דריסת הרגל נישט אין דעם פּלאַץ וואו יוסף געפֿינט זיך, און ווען אימיצער זאָל מיר באַמערקען אַהין אַריינגעהן, וואָלט דאָס ביי איהם אויסגעקוקט גאַנץ פֿאַרדכטיגט... דאַן וועט מען מיר נאָך בעשולדיגען, אַז איך האָב די ציערונג צוגע׳גנב׳עט און זוך צו מאַכען אַ בלבול אויף יוסף׳ן...

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזאַ פּייגלינג! — האָט סרטן זיך גע׳כעס׳ט — דו ציטערסט פֿאַר דיין אייגענעם שאָטען... דו ווילסט איך זאָל דיר העלפֿען צוריקקריגען דיין שטעלע, און ווען עס קומט עפּעס צו טהאָן האָסטו מורא...

— גוט, איך וועל דאָס טהאָן! — האָט תדמור זיך אָפּגערופֿען — ווען יוסף וועט אַרויס אויף זיין שפּאַציר, וועל איך אומבאַמערקטערהייט אַריינגעהן צו איהם אין צימער און עס אַריינטהאָן אין איינע פֿון זיינע בגדים.

— אָט יעצט רעדסטו ווי אַ בראַווער מאַן! — האָט סרטן אויסגערופֿען מיט פֿרייד — דו וועסט זעהן, אַז עס וועט לאַנג נישט דויערען און דו וועסט ווידער ווערען דער הויפּט־קנעכט פֿון פּוטיפֿר׳ס הויז... און ווען איך וועל קריגען אסנת׳ן פֿאַר מיין פֿרוי, דאַן וועל איך דיר אויך געבען אַ שעהנע מתנה...

יעצט האָט סרטן גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי אַרויסצוקריגען דעם האַלז־באַנד פון זיין שוועסטער. ער פּלעגט קומען איהר אָפטער בעזוכען און ער האָט גענומען מיט איהר רעדען וועגען פאַרשידענע זאַכען... ער האָט איהר דערצעהלט וועגען די טייערע ציערונג וואָס די קעניגין בעזיצט...

— ווען איך האָב לעצטען אָוועגט געבראַכט געבעקס פאַר פּרעה'ן איז אויך די קעניגין געזעסען נעבען איהם... זי איז געווען בעהאַנגען מיט די שעהנסטע ציערונג... איך גלויב, אַז נישט נאָר אין מצרים, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער קען מען ניט געפינען אַזאַ האַלזבאַנד ווי די, וועלכע די קעניגין בעציערט איהר האַלז... און איך מוז צוגעבען, מיין שוועסטער, אַז כאָטש די קעניגין איז ווייט פון שעהנהייט, איז אָבער ווען זי האָט אָנגעטהאָן איהר ציערונג האָט זי אויסגעקוקט זעהר שעהן... אָה, ווען דו, מיין שוועס־טער, וואָלסט געהאַט אַזעלכע ציערונג ווי די קעניגין, וואָלסטו אויסגעקוקט אַזוי שעהן ווי די זון און ווי דער נילוס אונטער אַ זילבערנע לבנה...

— און וואָס מיינסטו, סרטן, אַז איך האָב נישט קיין שעהנע ציערונג? — האָט זליכה זיך אָפּגערופען מיט שטאָלץ און איז צוגעגאַנגען צו איהר שופלאָדעל און אַרויסגענומען איהרע ציערונג... — דו זעהסט, די רינגען האָט מיר פּוטיפר געגעבען גלייך נאָך אונזער חתונה; דיזע אָרעם־רינגען, געפלאָכטערט מיט פּערעל, האָט ער מיר געגעבען מיט עטליכע יאָהר צוריק צו מיין געבורטסטאָג; אָבער די ציערונג וואָס פּוטיפר האָט מיר נישט לאַנג צוריק געקויפט איז דער האַלזבאַנד, דו זעהסט ווי ער פּאַסט מיר...

זליכה האָט אָנגעטאָן דעם האַלז־באַנד און סרטן האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— דיזער האַלזבאַנד איז טאַקע זעהר אַ קאָסטבאַרע ציערונג... און עס מאַכט דיר אַזוי שעהן און רייצענד... מיר דוכט זיך, אַז דיין האַלזבאַנד איז אַזוי שעהן ווי דער קעניגינ'ס... אָבער ווי קומט די קעניגינ'ס פּנים צו דיינעם, מיין ליעבע שוועסטער... דיר וואָלט גיכער געפּאַסט צו טראָגען די קרוין און איהר צו זיין דיין דיענסט.

— נישט אַזוי הויך, מיין ברודער! — האָט זליכה אַ צופריעדענע גע־זאָגט — מען קען דאָך דיר דערהערען און דאַן וואָלט מען דיר דערפאַר בעשטראָפט.

— בעשטראָפט פאַר זאָגען דעם אמת! — האָט סרטן געלאַכט — און מיינסטו אַז פּרעה אַליין ווייס ניט, אַז דו ביזט שעהנער פון זיין קעניגין?... און גלויב מיר, ווען דו וואָלסט ניט געווען פאַרהייראַט צו פּוטיפר'ן וואָלט דיר פּרעה געמאַכט פאַר זיין קעניגין...

— אָבער פּרעה קוקט אויס נאָך העסליכער ווי פּוטיפר... און דו ווייסט דאָך, ווי איך האַס אַ העסליכען מאַן... געדענקסטו שכם'ן. ער איז געווען שעהן און העלדיש... איהם האָב איך טאַקע ליעב געהאַט... און אין גאַנץ מצרים האָב איך ניט געזעהן איינעם, וועלכער זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט איהם אין שעהנקייט...

— אָבער צו וואָס טויג דיר די שעהנקייט, ווען דו האָסט אַזוי פיעל כבוד און רייכטום! — האָט סרטן צו איהר געזאָגט — אַלע פרויען פון גאַנץ

מצרים זיינען דאך דיר מקנא... דו בעזיצסט אזוי פיעל מאכט און פוטיפר האט דאך דיר אזוי ליעב...

— אמת, עס פעהלט מיר גארניט ביי פוטיפר'ן — האט זליכה געזאגט — אבער איך גאר נאך ליעבע און דאס קען איך נישט קריגען ביי פוטיפר'ן...

— איך ווייס ניט וואס מיט דיר האט לעצטענס פאסירט? — האט סרטן זיך צו איהר אפגערופען — ביז ניט לאנג פלעגסטו מאכען מאלצייטען און פארוויילונגען אין דיין הויז, און דו פלעגסט איינלאדען פיעלע שעהנע יונגעלייט פון קעניגליכען הויף, און יעצט איז שוין באלד א יאהר און דו האסט קיין איינצעלנע פערוויילונג נישט געמאכט... פאר וואס האסטו אויפגעהערט דאס צו טהאן? זיינען דען די יונגעלייט, וועלכע איך פלעג ברענגען, נישט צוציהענד און אמוזירענד? איך האב געהערט ווי פיעלע יונגע לייט, וועלכע האבען דיר געזעהן, זאגענדיג, אז דו ביזט די שעהנסטע פרוי אין מצרים... פאלג מיר, מיין שוועסטער, פאנג אן ווידער צו מאכען פארוויילונגען... איך וועל שוין זעהן, אז די שעהנע יונגע לייט זאלען קומען...

זליכה האט איהם ניט געענטפערט.. ווען ער וואלט נאר געוואוסט, וואס ביי איהר אין הארצען טוט זיך יעצט... ווען ער וואלט געוואוסט וואס פאר פלאם־פייערדיגע ליעבע עס ברענגט אין איהר הארצען צו דעם קנעכט פון כנען... יע, זי ווערט פארצעהרט פון ליעבע.. זי הערט נישט אויף צו טראכטען פון יוסף'ן טאג און נאכט... קיינער, א חוץ יוסף'ן אינטערעסירט איהר מעהר נישט... אבער זי מוז עס האלטען פארבארגען ביי זיך אין הארצען. . איהר אייגענער ברודער אפילו טאר דערפון נישט וויסען... ווייל זי ווייסט ווי שטארק ער האסט יוסף'ן, און ער וועט זיכער זיין דאגעגען...

— און ווען ווען וועסטו מאכען א פערוויילונג? — האט סרטן איהר ווידער געפרעגט, ווען ער האט געזעהן, אז זי איז פארטיעפט אין איהרע מחשבות...

— אין גיכען! — האט זליכה זיך אויפגעכאפט פון איהרע חלומות — פוטיפר וועט קירצליך אפרייזען און, ווי זיין שטייגער איז, צו באזוכען די שטאדט וואו ער איז געווען א פריעסטער פאר אזוי פיעל יאהרען. און ער פערזאמט זיך איינינגע וואכען, און דאן וועל איך ווארשיינליך מאכען עטליכע פערוויילונגען.

— אבער ווי איך פארשטעה איז פוטיפר קיינמאל נישט געווען געגען די פארוויילונגען וואס דו האסט געמאכט — האט סרטן איהר אנגעקוקט — פארוואס זאלסטו דארפען ווארטען ביז וואנען ער רייזט אפ נאך און.

— דו ווייסט דאך, אז פוטיפר איז קיינמאל נישט דאגעגען וואס איך טו, פונדעסטוועגען ווייס איך, אז ער איז נישט זעהר צופרידען פון דעם...

זליכה האט גענומען צוריק אוועקלעגען די ציערונג. סרטן האט גענומען ווארפען זיינע פארשענדע בליקען אויף יענעם פלאץ.

יעצט, אז ער ווייסט דעם פלאץ וואו זי האלט עס, וועט איהם שוין נישט שווער אנקומען דאס ארויסצוקריגען... און דער גאנצער פלאן וועט פארווירקליכט ווערען —האט ער זיך געטראכט און זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ... ער איז ארוים פון איהר צימער מיט צופרידענהייט. ער איז

גלייך אריינגעגאנגען צו תדמור'ן און איהם דערצעהלט אז ער האט שוין אויסגעפונען וואו זיין שוועסטער האלט די ציערונג...

— יעצט אז איך ווייס דעם פלאץ, וואו זי האלט דעם האלזבאנד וועט שוין פאר מיר נישט שווער זיין דאס ארויסצוקריגען... און דו וועסט שוין וויסען וואס צו טהאן...

— געוויס! — האט תדמור אויסגערופען א גליקליכער — דאס וועט מאכען א סוף פון יוסף'ס גרויסקייט... איך קען זיך פארשטעלען ווי מיין האר וועט פון איהם האלטען, ווען ער וועט זיך דערוויסען אז זיין געטרייער קנעכט יוסף איז גאר א גנב!...

— פונדעסטוועגען וועל איך נאך פריהער פרובירען ריידען מיט דער אדומית, איך וועל דערגעהן ביי איהר וואס זי טראכט פון מיר און איהר מיינונג וועגען יוסף'ן... און אויב זי האט מיר באמת ליעב, וועל איך מעגליך איהר קענען אנפערטרויען דעם סוד...

— אבער מיין האר! — האט תדמור אויסגערופען — וואס פאר א נוצען קען זי אונז ברייגגען אויב זי וועט שוין יע וויסען דערפון... דו וועסט דארפען זעהר פארזיכטיג זיין איידער דו וועסט אנפערטרויען אזא וויכטיגען סוד צו א פרוי...

— די אדומית קען אונז זעהר פיעל ארויסהעלפען אין דעם! — האט פרטן געזאגט — ווען מיין שוועסטער כאפט זיך אז מען האט צוגעגנב'עט איהר האלדזבאנד, וועט די אדומית זיין די איינציגע וועלכע וועט קענען עדות זאגען אז זי האט געזעהן יוסף'ן אריינגעהענדיג אין זליכה'ס צימער... דאן וועט גלייך פאלען דער חשד אויף יוסף'ן... מען וועט איהם בעזוכען און ביי איהם געפינען דעם האלדזבאנד...

— איך גלויב אבער נישט אז זי וועט וועלען זאגען פאלשע עדות וועגען יוסף'ן — האט תדמור געקוועטשט מיט די פלייצעם — ווען איך האב געוואלט בלויז זי זאל בעשטעטיגען מיינע ווערטער וועגען יוסף'ס שלעכטער אויפפיהרונג מיט די דיענסטען, האט זי אין מיין פנים געלייקענט... ווי אזוי דען, וועט זי איינשטימען צו זאגען פאלשע עדות אויף איהם...

— מעגליך אז פאר דיר האט זיך איהר נישט געלוינט צו זאגען א ליגען אבער פאר דעם שר האופים איז עפעס אנדערש... אויב איך וועל מיט איהר ריידען וועט זי שוין צושטימען דערצו... פערגעס נישט אז איך בין דער ברודער פון איהר הארינטע, אויסער דעם וואס איך בין אזוי געהויבען און חשוב ביי פרעה'ן... יע, צו זיין דער הויפט בעקער ביי פרעה'ן, איז נישט אוועקצומאכען מיט דער האנד... איך וועל בלויז מיט איהר ריידען איינינע ווערטער וועט זי צושטימען... אויסער דעם האט זי לעצטענס, נאכדעם ווי איך האב איהר דערצעהלט אז איך האב יוסף'ן גוט אנגעבראכען די ביינער, האט זי אויף איהם געקראגען א שנאה... איך ווייס אז זי האט פיינט שוואכלינגע... איך האב איהר אויך דערצעהלט ווי יוסף איז געפאלען צו מיינע פיס און זיך ביי מיר געבעטען איך זאל איהם אויפהערען צו שלאגען... ער איז שטארק געפאלען אין איהרע אויגען... און אויב אזוי וועט זי מיר נישט וועלען טהאן די קלייניגקייט, און זאגען מיין שוועסטער אז זי האט בעמערקט...

— פונדעסטוועגן וואָלט איך דיר געראָטען, מיין האַר, אַז איידער דו געהסט איהר אָנפּאַרטרויען דעם סוד, זאָלסטו זיך גוט איבערצייגען, אויב מען קען זיך אויף איהר פערלאָזען — האָט תדמור געזאָגט — ווייסטו דען נישט אַז פרויען האָבען ליעב אַ סך צו ריידען, און נישט ווילענדיג קען זי זיך אַמאָל אַרויסריידען... און דאַן בין איך דאָך געוויס אַ פערלאָרענער... דו ביזט מיין האַרינטעס ברודער, און וועסט זיך זיכער אויסדרעהען פון אַ שטראָף, אָבער מיר וועט מען געוויס בעשטראָפען, מען קען נאָך טהאָן צו מיר, דאָס וואָס מיר האָבען געוואָלט אַז מען זאָל טהאָן צו יוסף׳ן...

— מעגליך אַז דו ביזט גערעכט, תדמור, יעדענפאַלס וועל איך זיך פריהער מיט איהר זעהן און הערען וואָס זי האָט צו זאָגען וועגען יוסף׳ן און ערשט דאַן וועל איך זיך נאָך גוט איבערלעגען אויב עס לוינט זיך פאַר מיר איהר דעם סוד אָנצופערטרויען...

אין אַ ווײַלע אַרום, איז שוין סרטן געשטאַנען און גערעדט מיט דער אדומית... ער האָט זיך ווידער גענומען פאַר איהר בעריהמען וועגען זיין „זעלטענע גבורה"... ווי ער האָט מיט איין קלאַפּ אַוועקגעלעגט יוסף׳ן צום באָדען....

— דו ווייסט, אדומית — האָט סרטן צו איהר זיך אָפּגערופען — מיר וואונדערט זעהר פאַר וואָס מיין שוואָגער האָט געמאַכט פאַר דעם הויפּט קנעכט דעם שוואַכסטען פון אַלע קנעכט...

— מעגליך אַז ער איז טאַקע „שוואַך" אָבער דערפאַר בעזיצט ער אַנדערע מעלות... ער איז קלוג, שעהן און געבילדעט! — האָט די אדומית זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל — און אפשר איז ער גאָרנישט אַזוי שוואַך ווי דו דיינקסט... ער קען זיך נישט פאַרמעסטען מיט אַזאַ גבור ווי דו ביזט... איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, סרטן, אַז איך צווייפעל....

— צווייפעל וואָס? ! — האָט סרטן זיך אָפּגערופען מיט שרעק — דו צווייפעלסט אויב איך האָב יוסף׳ן גוט צושלאָגען ! !

— אַ ניין, אין דעם בין איך זיכער! — האָט זי קוים איינגעהאַלטען איהר געלעכטער — אָבער איך צווייפעל אויב עס איז דאַ אין גאַנץ מצרים, איינער, וועלכער זאָל זיך קענען פערמעסטען אין כחות מיט דיר...

—— יע, דאָס ביזטו גערעכט, אַלע גיבען צו אַז איך בעזיץ אייזערנע פויסטען...

— נו, יעצט זעהסטו שוין סרטן, אַז פון דעם וואָס דו האָסט יוסף׳ן בעזיעגט, קען מען נישט דרינגען, דאָס ער איז אַ שוואַכלינג...

——אָבער דאָך איז ער אַן אומגעווינשטער קנעכט אין מיין שוועס־טער׳ס הויז, און עס וואָלט געווען כדאי פון איהם אין גאַנצען פטור צו ווערען...

— איך זעה נישט איין וואָס פאַר אַ שאדען יוסף טוט דיר — האָט די אדומית געשמייכעלט — ווען עס קומט צו קלעפּ האָסטו די אויבערהאַנט איבער איהם... ער פאַלט צו דיינע פיס און בעט זיך ביי דיר דו זאָלסט איהם נישט שלאָגען...

— אָבער ער איז נישט קיין עהרליכער קנעכט, ער איז אַ גנב! — האָט סרטן אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהנער. איך וואָלט איהם נישט גע־

טרויט מיט דער קלענסטער זאך, און דא נעמט פוטיפר און טרויט איהם אן דאס גאנצע הויז...

— פון וואנען דרינגסטו אז ער איז א גנב? — האסטו דען איהם געכאפט ביי א גנבה...

— דאס קען מען גלייך דערקענען פון זיינע אויגען אז ער איז א גנב!

— האט סרטן געזאגט, און פריהער אדער שפעטער וועלען אלע זיך ארומזעהן אז מען טאר איהם נישט אנפארטרויען די מינדעסטע זאך.

— דערווייליע אבער האט נאך קיינער איהם נישט חושד געווען אז ער זאל האבען בעגאנגען אן אומרעכט — האט זי געווארפען איהרע דורכדרינגליכע בליקען אויף איהם...

סרטן האט זיך ארומגעזעהן אז עס לוינט זיך יעצט נישט אנצופערטרויען די אדומית מיט אזא זאך... ער האט איהר, ווי די איבעריגע דינסטען, אויך בעצויבערט מיט זיין שעהנקייט... זי גלויבט אז ער איז אויך עהרליך... זאל זי זיך אויך ענטוישען אין איהם...

ער איז דעריבער צוריק אוועק צו תדמור'ן און זיך אפגערופען:

— דו ביזט גערעכט תדמור, איך האב זיך איבערקלערט און בעשלאסען אז די אדומית זאל דערווייל גארנישט וויסען פון אונזער פלאן מיר וועלען דאס קענען אויספיהרען אהן איהר... ווען מיין שוועסטער וועט זיך כאפען אז מען האט גע'גנב'עט איהר האלדזבאנד, וועט זי ווארשיינליך פריהער נעהמען חושד זיין די קאמער מיידלאך און זוכען ביי זיי... דאן וועל איך איהר זאגען, אז איך בין חושד יוסף'ן... און ווען זי וועט הייסען זוכען אין זיין צימער — וועט מען די גנבה געפינען און דאס וועט מאכטע א סוף צו יוסף'ס גדולה אין מיין שוועסטער'ס הויז... ער וועט פערפוילט ווערען אין געפענגנים.

אין איינע טעג ארום, האט סרטן בעזוכט זיין שוועסטער'ס צימער ווען זי איז אין הויז נישט געווען און האט מיט גרויס פארזיכטיגקייט ארויסגענומען פון דעם שיפלאד איהר קאסטבארען האלדזבאנד... ער האט זיך גוט ארומגעקוקט אויב אימיצער פון די קאמער־מיידלאך בעמערקען איהם נישט און איז גלייך אוועק צו תדמור'ן.

ווען תדמור האט גענומען דעם האלדזבאנד אין זיין האנט, האט ער אנגעפאנגען ציטערען.

— וואס ביזטו אזוי צעשראקען, תדמור! — האט סרטן אויסגערופען, עפעס ציטערען דיינע הענט...

— פערשטעהסטו מיר, מיין האר, איך... הם... — האט ער גענומען שטאמלען — איך וועל די ציערונג מוזען האלטען ביי זיך ביז אין אבענד, ווען יוסף פערלאזט זיין צימער, און טאמער וועט זיך דיין שוועסטער באלד כאפען וועגען דער גנבה, און נעמען זוכען ביי די קנעכט, וועל איך דאך דאן זיין א פערלארענער, מען וועט ביי מיר געפינען דעם האלדזבאנד און איך וועל בעשולדיגט ווערען אז איך האב דאס גע'גנב'עט...

— שרעק זיך נישט, מיין פריינד, איך וועל שוין זעהן אז מיין שוועסטער

זאָל גאָרנישט טראַכטען וועגען איהרע ציערונג ביז מאָרגען... איך וועל צו איהר צוקומען שפּעטער און מיט איהר ריידען וועגען אַנדערע זאַכען... און ווען דו וועסט מיר געבען אַ צייכען אַז דו ביזט פאַרטיג, וועל איך שוין זעהן, אַז זי זאָל זיך באַלד כאַפּען וועגען דער גנבה... דו קענסט זיך אויף מיר פערלאָזען, איך גאַראַנטיר דיר אַז דו וועסט דערפון נישט ליידען...

תדמור האָט שנעל די ציערונג אַריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע, און זיך גענומען צו זיין אַרבייט...

סרטן איז אַוועק אין פּאַלאַץ און זיך בעשעפטיגט מיט די געבעקס און ווי נאָר ער איז פאַרטיג געוואָרען איז ער גלייך אַוועק צו פּוטיפר'ס הויז. ער האָט געוואוסט אַז זי האָט ליעב צו ריידען פון די יאָהרען וואָס זיינען פערבייגעגאַנגען פון דער צייט ווען זיי זיינען נאָך געווען אין שכם... ווען דער זוהן פון חמור איז געווען איהר געליעבטער... ער האָט איהר דער־מאָהנט פאַרשיעדענע פּאַסירונגען פון איהר יוגענד און זליכה האָט זיך צו אַלעם צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. דאַן איז געקומען פּוטיפר און זיי האָבען זיך אַלע געזעצט עסען אָבענד ברויט... אסנת איז געזעסען לעבען איהר מוטער און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף סרטן.

יוסף האָט זיי בעדינט, ער האָט געבראַכט דאָס עסען... עס איז געווען זעהר זעלטען אַז סרטן האָט זיך צוזאַמען מיט זיי געזעצט ביים טיש... און ווען יוסף האָט דערלאַנגט צום טיש האָבען זיך זיינע בליקען בעגעגענט מיט סרטן'ס... ער האָט בעמערקט דעם אויסדרוק פון האַס און פעראַכטונג אין זיינע אויגען. אָבער יוסף האָט אַ קליינעם שמייכעל געגעבען... ער איז בערעכטיגט צו זיין אין כעס אויף איהם — האָט זיך יוסף געטראַכט — סרטן האָט אַריינגעקראָגען גוטע קלעפּ פון איהם... און ער איז נאָך געצוואונגען צו שווייגען... ער וועט דאָך נישט געהן דערצעהלען זיין שוועסטער וועגען דעם.. און ווען ער זאָל איהר וועלען זאָגען אַ ליגען אַזוי ווי ער האָט געטהאָן צו דער אדומית, וועט זי דאָך איהם געוויס נישט גלויבען... איהר וועט ער דאָך געוויס נישט קענען נאַרען... אַפילו די אדומית האָט געוואוסט אַז ער זאָגט ליגען... זי האָט עס צוגעגעבען צו אסנת'ן. יוסף האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון לאַכען, ווען אסנת האָט איהם איבערגעגעבען, וואָס די אדומית האָט איהר דערצעהלט, אַז סרטן האָט זיך פאַר איהר בעריהמט דאָס ער האָט איהם צוממית'ט... יע, אַ בעריהמער איז גוט צו שלאָגען.. און לויט ווי אסנת האָט איהם איבערגעגעבען, האָט איהם די אדומית אויך נישט גע־גלויבט, טו ווי אַזוי וועט איהם גלויבען זיין שוועסטער.

ווען דער מאַלצייט האָט זיך געענדיגט, איז יוסף געווען גאַנץ צופרידען, ער האָט זיך געפיהלט זעהר אומבאַקוועם אין צימער וואו סרטן האָט איהם נאָכגעפאָלגט מיט שטעכעדיגע בליקען. ער איז גלייך אַרויס פון צימער און האָט ווי זיין שטייגער גענומען אַוועקשפּאַצירען.

תדמור האָט די גאַנצע צייט נאָכגעשפּירט יוסף'ן און ווען ער האָט בעמערקט אַז יוסף האָט זיך דערווייטערט, איז ער שנעל אַריין צו איהם אין צימער און אַריינגעלעגט דעם האַלדזבאַנד אין איינעם פון זיינע בגדים. ווען

ער איז ארויסגעגאנגען פון יוסף'ס צימער אין דרויסען, האט ער בעמערקט סרטן...

— פארטיג! — האט תדמור זיך אפגערופען — מיט א שמייכעל — דער האלדזובאנד געפינט זיך אין יוסף'ס ריטי'ת...

— יעצט זעה איך אז דו ביזט א בראווער יונג! — האט סרטן איהם געדריקט ביים האנט — מארגען וועט שוין יוסף איינגעשפארט ווערען אין געפענגנים.

— ביזטו זיכער אז קיינער איז דורך דער צייט אין דרויסען נישט געוועזען — האט תדמור זיך ווידער ארומגעקוקט...

— קיינער נישט מיין פריינד. מיין שוועסטער'ס קאמער־מיידלאך זיינען יעצט פערנומען... די דינסטען און די קנעכט זיינען אונטען... יוסף איז אוועק און אסנת איז פערבליבען מיט איהר מוטער... יע, מארגען וועלען אלע וויסען אז יוסף האט בע'גנב'עט זיין האר, וועלכער האט געהאט אזוי פיעל צוטרויען צו איהם. און דו תדמור, א חוץ דעם וואס דו וועסט גלייך צוריקקריגען דיין שטעלע אלס הויפט קנעכט, וועל איך דיר אויך גאנץ גוט בעלוינען פאר דיין בראווקייט.

— יעצט וועל איך זעהן וואס די אדומית וועט טראכטען וועגען איהם...

— האט תדמור געזאגט — זי האט געדענקט אז יוסף האט נישט פערדינט דאס מען זאל אויף איהם שלעכטס ריידען. יעצט וועט זי זיך ארומזעהן אז ער איז ווייט פון צו זיין אן עהרליכער קנעכט...

מיט גרויס אומגעדולד האט סרטן געווארט אויף דעם מארגענדיגען טאג... ווען ער איז פארטיג געווארען מיט זיין ארבייט אין פאלאץ איז ער גלייך אריבער צו זיין שוועסטער. ער האט געוואונשען זי זאל זיך וואס שנעלער כאפען וועגען דעם פערלוסט פון דעם האלדזובאנד... דאן יועט ער איהר זאגען וועמען ער איז חושד... געוועהנליך, וועט ער פריהער פרובירען א זאג טהאן אז עס איז מעגליך די ארבייט פון איינער פון די קאמער־מיידלאך.. און ווען מען וועט זוכען און ביי זיי גארנישט געפינען, וועט ער זאגען אז עס איז געוויס יוסף'ס ארבייט... און אזוי וועט זליכה נישט פערדעכטיגען אז ער האט געהאט דערמיט צו טהאן... ער האט גענומען טראכטען ווי אזוי צו בעוועגען זליכה'ן זי זאל געהן נאכקוקען איהרע ציערונג, אבער ער איז זעהר פארזיכטיג געוועזן... ווייל ער האט געוואוסט ווי ביטערע זיין שוועסטער איז...

ווען ער איז אריין אין פוטיפר'ס הויז, האט ער זיך דערוואוסט אז זליכה געפינט זיך אין דעם צימער וואו יוסף לערנט מיט אסנת'ן... און דאס האט נאך זיין צארן פערגרעסערט. ער האט בעשלאסען איין מאל פאר אלע מאל צו דערצעהלען זיין שוועסטער אז יוסף לערנט מיט אסנת'ן וועגען זיין גאט... ער וועט עס טהאן, אפילו ווען זי וועט זיך דורך דעם דערוויסען פון אלעם, וואס איז פארגעקומען צווישען איהם און אסנת'ן... און פון די קלעפ וואס ער האט געקראגען פון יוסף'ן.. ער וועט מוזען זעהן דערצו דאס אסנת זאל אויפהערען צו לערנען פון דעם קנעכט.

ווען זליכה און אסנת זיינען אַרויסגעגאַנגען פון צימער, האָט זיי סרטן ביידען בעגריסט. ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען און דערצעהלען וועגען זיין גרויסקייט ביי פּרעה'ן... ווי אַזוי די דאַמען פון פּרעה'ס הויף זיינען זעהר גליקליך ווען ער פערברענגט מיט זיי...

אסנת האָט נישט געקענט פערליידען זיינע פּוסטע באַריהמערייען. זי האָט זיך געפיהלט זעהר אומאַנגענעהם אין זיין אנוועזענהייט און דעריבער האָט זי געפונען אַן אויסרייד און אַוועק צו זיך אין צימער.

— דו ווייסט מיין שוועסטער — האָט סרטן זיך צו איהר אָפּגערופען ווען זיי זיינען געבליבען אַליין — איך האָב מורא אז דער קנעכט יוסף האָט זעהר אַ שלעכטען איינפלוס איבער אסנת'ן... זי האָט זיך פיעל געענדערט זינט זי האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען פון קנעכט...

— דאָס דוכט זיך דיר, סרטן — האָט זליכה געענטפערט מיט אַ שמייכעל —איך ווייס פאַרוואָס דו גלויבסט אַזוי, ווייל אסנת זוכט אויסצומיידען דיין געזעלשאַפט....

— דו מאַכסט אַ טעות מיין שוועסטער! — האָט סרטן געענטפערט אָט האָב איך נישט לאַנג צוריק מיט איהר גערעדט און זי האָט אַזוי גוט ווי צוגעגעבען אַז יוסף לערנט מיט איהר די וועגען און געזעצען פון זיין גאָט...

— דאָס איז אוממעגליך! — האָט זליכה אויסגערופען — זעהר זעלטען ווען איך בין דערביי נישטאָ ווען יוסף לערנט מיט אסנת'ן... איך הער זיך צו אַלעם וואָס ער לערנט מיט איהר, און איך ווייס אַז ער דערמאָהנט גאָרנישט זיין רעליגיאָן צו איהר. אחוץ דעם וואָס ער דערצעהלט אַמאָל אַ מעשה וועגען זיין גאָט...

— זליכה, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין מצרים מיט אסנת'ן, זיינען מיר געווען צוגעבונדען צו די געטער פון שכם... אונז האָט זיך געדוכט אַז מיר וועלען בשום אופן קיינמאָל נישט קענען דינען קיין אַנדערע געטער, אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבען אויסגעפונען אַז די געטער פון מצרים זיינען בעסער פאַר די געטער פון שכם, האָבען מיר אָנגעפאַנגען צו דינען צו די געטער פון מצרים... און יעצט קען איך גאָרנישט פערשטעהן ווי אַזוי דו ערלויבסט אין דיין הויז אַז דיינער אַ קנעכט זאָל דינען צו זיין גאָט... אויב יוסף האָט אַליין קיין שכל ניט אויסצוגעפינען ווי גוט עס זיינען די געטער פון מצרים, פאַרוואָס זאָלסטו איהם נישט צווינגען דערצו?!

— אַז די געטער פון מצרים זיינען בעסער פון די געטער פון שכם דאָס האָבען מיר שוין אויסגעפונען און מיר זיינען איבערצייגט אין דעם... אָבער אַז די געטער פון מצרים זיינען בעסער פון יוסף'ס גאָט, דאָס ווייסען מיר נאָך נישט.. און יוסף איז גאָר איבערצייגט פאַרקעהרט...

— איך בין זיכער! — האָט סרטן אויסגערופען עטוואָס ברוגז, אַז פאַר פוטיפר'ן וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט וועגען די געטער פון מצרים...

— —אָבער זעהסטו דאָך אַז פוטיפר אַליין ערלויבט יוסף'ן צו דינען צו זיין גאָט!

— איך ווייס אַז דאָס טוט ער דיר צוליעב, ווייל דו האָסט געבעטען ער זאָל יוסף'ן ערלויבען דאָס צו טהאָן... אָבער ווען ער זאָל אויסגעפינען

אז יוסף וויל איינריידען אסנת׳ן אז די געטער פון מצרים זיינען נישט גוט, וואלט ער דאס זיכער נישט דערלאזען.

— אבער דאס איז נישט אמת! — האט זליכה אויסגערופען — ווייל איך אליין הער דאך ווי ער לערנט מיט איהר... אמת, נישט אלעס קען איך פערשטעהן... אבער ווען איך וואלט געהערט אז ער רעדט וועגען די געטער פון מצרים וואלט איך זיכער פערשטאנען...

— דו ווייסט מיין שוועסטער צו וואס איך בין געקומען יעצט! — האט סרטן פלוצלונג אויסגערופען — איך האב נישט לאנג צוריק געזעהן א שרעקליכען חלום און איך וועל ברייננען א קרבן פאר דעם גאט אזירים, ער זאל מיר בעשיצען פון אלע בייזע חלומות.

— און וואס האט זיך דיר גע׳חלומ׳ט? — האט זליכה איהם געפרעגט.

— איך געדענק נישט! אבער איין זאך געדענק איך אז ווען איך האב זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האבען מיר אלע מיינע גלידער וועה געטהאן, און איך האב א נדר געגעבען אז ווי נאר איך וועל זיך פיהלען בעסער, וועל איך קומען בעדאנקען די געטער פאר זייער חסד וואס זיי טוען מיט מיר... יעצט זליכה, בין איך געקומען דיר בעטען דו זאלסט מיט מיר געהן אין טעמפעל פון אזירים, און דו וועסט מיט מיר צוזאמען מתפלל זיין און נאכהער וועל איך ברייננען מיין קרבן פאר אלע געטער.

— ווען דו וואלסט געקומען עטוואס פריהער וואלט פוטיפר אליין מיט דיר געגאנגען! — האט זליכה געזאגט. צו פוטיפר׳ס תפילות הערען זיך די געטער ניכער צו ווי צו מיינע, אבער אויב דו פערלאנגסט פון מיר, וועל איך געהן... דוווארט צו א ווייל און איך וועל איבערבייטען מיינע קליידער.

—איך דאנק דיר, מיין שוועסטער, גוט! איך וועל אויף דיר ווארטען... איך ווייס אז צו געהן אין טעמפעל פון אזירים דארף מען אנטהאן די שעהנסטע קליידער און ציערונג וואס מען האט... גלויבסטו אז די בגדים וואס איך טראג זיינען גוט גענוג צו געהן מיט זיי אין טעמפעל פון אזירים.

— געווים! זיינען זיי דען נישט די בעסטע בגדים וואס דו האסט — האט זליכה געשמייכעלט און אריין צו זיך אין צימער... זי האט זיך גע־נומען ארומוואשען און אויסשמירען מיט שמעקעדיגע אוילען. זי האט אנגע־טאן איהרע שעהנסטע קליידער און נאכהער איז זי צוגעגאנגען צום שיפ־לאד וואו איהרע ציערונג איז געווען... זי איז געבליבען שטעהן בעוועגלאז און צוטומעלט. דער האלדזבאנד פעהלט איהר!... זי האט נאך אמאל גענומען זוכען אין שופלאדל און אין גאנצען צימער, אבער ער איז ניטא! יע, מען האט ביי איהר צוגע׳גנב׳עט דעם קאסטבארען האלדזבאנד, וואס פוטיפר האט איהר א מתנה געקויפט... ווער האט עס געקאנט טהאן!

זי האט גלייך אריינגערופען איהרע קאמער־מיידלאך און זיי גענומען אויספרעגען אויב זיי האבען געזעהן דעם האלדזבאנד, אבער יענע האבען נישט געוואוסט פון וואס צו זאגען...

זליכה האט גענומען שרייען און ליארעמען... א גנבה! מען האט מיר בערויבט!

סרטן האט דערהערט איהרע קולות און האט פערשטאנען אז זיין

שוועסטער האָט שוין אויסגעפונען וועגען איהר פערלוסט, און ער איז דעריבער גלייך אַרויסגעקומען און איהר געפרעגט וואָס האָט פּאַסירט.. .

— אָ, זעהר אַ שרעקליכע זאַך האָט פּאַסירט! — האָט זליכה זיך נאָך העכער צושריגען —מען האָט מיר בערויבט, מען האָט ביי מיר אַוועקגע־גנב'עט דעם קאָסטבאַרען האַלדזבאַנד... ווער האָט עס גאָר געקענט גלויבען אַז אַזאַ אומפאַרשעהמטע זאַך זאָל פּאַרקומען אין מיין הויז...

— אָבער זליכה בערוהיג זיך! פיליייכט האָסטו די ציערונג ערגיץ וואו אַוועקגעלעגט און דו האָסט פערגעסען דעם פּלאַץ! — האָט סרטן מיט אַ כיון איהר געזאָגט. האָסטו דען גוט געזוכט?

— יע, איך האָב געזוכט אומעטום! — האָט זליכה אויסגערופען. איך האָב דורכגעקוקט יעדען מעגליך פּלאַץ און נישט געפונען! אה, ווי שרעקליך אַז אַזאַ זאַך זאָל אָפּגעטהאָן ווערען אין מיין הויז...

— דאָס איז זיכער אַ היימישע שטיקעל אַרבייט! האָט סרטן אויס־גערופען דו דאַרפסט אויסגעפינען וועלכע פון דיינע קאַמער־מיידלאַך זיינען געוועזען אין דעם צימער היינט אין דער פריה, און דאַן דאַרפסטו זעהן, אַז מען זאָל זיי בעזוכען...

זליכה האָט צוזאַמענגערופען אַלע איהרע קאַמער־מיידלאַך צווישען וועלכע עס איז אויך געוועזען די אדומית, און זי האָט זיך אָפּגערופען מיט אַן אויפרע־גענדע שטימע:

— איך בעהאַנדעל אייך אַלעמען זעהר גוט... און איהר קומט און טהוט מיר אָפּ אַזאַ שענדליכע זאַך! עס איז ביי מיר קיין ספק נישט אַז איינע פון אייך האָט אַרויסגע'גנב'עט מיין האַדזבאַנד... יעצט זאָל זיך די יעניגע מודה זיין און מיר צוריקקעהרען די ציערונג וועט דאַן איהר שטראָף נישט זיין אַזוי גרויס. אָבער ווען איך וועל אַליין אויסגעפינען ווער עס האָט גע'גנב'עט, דאַן וועל איך יענער פאַרשפאַרען אין געפענגנים פאַר איהר גאַנץ לעבען...

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער... אַלע קאַמער־מיידלאַך זיינען געשטאַנען בלאַסע און געציטערט פון שרעק...

— מיין עצה איז אַז מען זאָל זוכען יעדע איינציגע פון זיי — האָט סרטן אויסגערופען. זאָלען אַלע בלייבען שטעהן אויף זייערע פּלעצער און דערווייל וועל איך מיט איינער פון דיינע דינסטען אַריינגעהן צו די צימערען פון די קאַמער־מיידלאַך און זוכען אין זייערע כלים, נאָכהער וועסטו אויך זוכען די מיידלאַך זעלבסט, און אויב מיר וועלען אַלץ נישט געפינען וועלען מיר זעהן וואָס מיר קענען ווייטער טהאָן... ניין! אַזאַ זאַך טאָר נישט געשאָנקען ווערען. דער שולדיגער וועט מוזען בעשטראָפט ווערען...

מען האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען... סרטן האָט געהאָלפען. ער האָט זיך געמאַכט זוכענדיג אומעטום אָבער מען האָט דעם האַלדזבאַנד נישט געפונען... מען האָט אויסגעטרייסעלט יעדע זאַך, וואָס האָט בעלאַנגט צו די מיידלאַך... אָבער אומזיסט. זליכה האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען.

— וואַרט ביז פּוטיפר וועט קומען. איהר אומדאַנקבאַרע בעשעפע־נישען... אַזוי טוט איהר צו מיר, אייער האַרינטע. פּוטיפר וועט אייך

אַלעמען פערשפּאַרען אין געפענגניס ביז וואַנען איהר וועט אָפּגעבען דעם האַלזבאַנד !...

— אָבער מיין שוועסטער וואָס האָסטו זיך צושריגען אויף דיינע קאַמער־מיידלאַך, זעהסטו נישט אַז זיי זיינען אומשולדיג, מען האָט דאָך ביי אַלעמען געזוכט און נישט געפונען — האָט סרטן געזאָגט.

— אויב נישט זיי ווער דען האָט עס געקענט טהאָן ! — האָט זליכה זיך נאָך אויך נישט בערוהיגט... זיי זיינען די איינציגע וועלכע האָבען אַ צוטריט צו מיין צימער...

— ביזטו זיכער אַז זיי זיינען די איינציגע ? — האָט סרטן אַ פרעג געטהאָן.

אויסער פּוטיפר'ן, אסנת'ן און דיר, קומט מעהר קיינער נישט אַריין אין מיין צימער... — האָט זליכה געזאָגט.

— איך בין נישט זיכער — האָט סרטן אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס — אָבער מיר דוכט זיך אַז איין מאָל ווען דו ביזט אין הויז נישט געוועז, האָב איך געטראָפען יוסף'ן אַרויסגעהענדיג פון דיין צימער.

—עס איז אַ ליגען ! — האָט אסנת אויסגערופען מיט פערביטערונג. יוסף קומט קיינמאָל נישט אַריין אין צימער, סיידען מיין מוטער פערלאַנגט עפּעס פון איהם...

— אָבער אסנת, דו ווייסט דאָך אַז איך בין נישט בלינד, איך האָב איהם נישט לאַנג צוריק געזעהן אַרויסגעהענדיג פון מיין שוועסטער'ס צימער, אין דער צייט ווען זי איז גאָר אין דער היים נישט געוועז.

— דאָס איז אונמעגליך ! — האָט זליכה געזאָגט — און אַ חוץ דעם האָב איך ערשט נעכטען אַליין געהאַלטען דעם האַלדזבאַנד אין מיין האַנט.

— —עס וועט נישט שאַדען, ווען דו וועסט אויך לאָזען בעזוכען אַלע קנעכט מיט יוסף'ן צוזאַמען — מעגליך אַז איינער פון די קנעכט, איז אומ־בעמערקטערהייט אַריין אין דיין צימער און אַרויסגע'גנב'עט די קאָסטבאַרע ציערונג. נאָר אויב דו באַזוכסט די איבעריגע קנעכט, דאַן מוזטו אויך יוסף'ן בעזוכען — האָט סרטן געזאָגט.

— איך בין זיכער, אַז יוסף וועט אַזאַ זאַך נישט טהאָן — האָט זליכה אויסגערופען — יוסף איז זעהר עהרליך און נישט אומזיסט האָב איך און פּוטיפר איהם אָנפאַרטרויט דאָס גאַנצע הויז... גיין, ביי איהם דאַרף מען אפילו נישט זוכען !

— אויב דו וועסט זוכען ביי אַלעמען, דאַרפסטו ביי איהם אויך זוכען — האָט סרטן געגומען איינטענה'ן מיט זיין שוועסטער — אויב נישט וועלען זיי זיך פיהלען בעליידיגט... נאָר דו ווייסט וואָס דו קענסט טהאָן, איהם וועסטו זוכען צום לעצטען און אויב דער האַלדזבאַנד וועט געפונען ווערען ביי איינעם פון די קנעכט, דאַן וועסטו דאָך אַלץ איינס פאַרשפּאַרען זוכען ביי יוסף'ן און אויב נישט, קען טאַקע מעגליך זיין, אַז ער האָט איהם גע'גנב'עט.

— עס איז לעכערליך צו בעשולדיגען אַז יוסף זאָל האָבען בעגאַנגען אַזאַ אומרעכט געגען מיר.

— אַ קנעכט בלייבט אַ קנעכט! — האָט סרטן אַ שמייכעל געטהאָן — און אַפילו ווען דו האָסט איהם ערהויבען צו זיין דער הויפּט קנעכט איז ער פאָרט געבליבען דער זעלבער קנעכט און לויט מיין מיינונג טאָר מען דעם בעסטען קנעכט נישט געטרויען.

אסנת׳ס פּנים האָט זיך אָנגעצונדען מיט צאָרן, אָבער זי האָט געשוויגען... זי האָט נישט געוואָלט אַרויסצייגען פאַר אַלעמען, אַז זי זוכט צו בעשיצען יוסף׳ס נאָמען, כדי קיינער זאָל איהר נישט חושד זיין אַז זי האָט יוסף׳ן ליעב.

זליכה איז געשטאַנען אין מיטען צימער מיט דער קעסטעל ציערונג אין האַנט און בעטראַכטענדיג די איבעריגע ציערונג, האָט זי מיט כעס געזאָגט: ווען מען וואָלט צוגענומען אַן אַנדער שטיקעל ציערונג וואָלט מיר אַזוי נישט נעאַרט, אָבער דער האַלדזבאַנד איז געווען דאָס שעהנסטע און בעסטע צירונג, וואָס פּוטיפר האָט מיר געקויפט... און עס האָט מיר אַזוי געפּאַסט... אַ, דער גנב איז ווערט מען זאָל איהם אויף שטיקער צעררייסען!

— איך זאָג דיר מיין שוועסטער, פערליער נישט מעהר קיין צייט און בעפעהל מען זאָל אַלע קנעכט בעזוכען צוזאַמען מיט דעם הויפּט קנעכט, און טו עס באַלד, זיי זאָלען קיין צייט נישט האָבען זיך אַרומצוזעהן און אוועקוואַרפען די צירונג ערגיץ וואו...

— נו גוט! — האָט זליכה צוגעשטימט. זאָל מען אהער רופען אַלע קנעכט און זאָל יוסף אויך קומען.

מען האָט גערופען די קנעכט און יוסף׳ן... זיי זיינען אַריינגעקומען אין זליכה׳ס צימער און זיך געוואונדערט צוליעב וואָס מען האָט נאָך זיי פּלוצלינג געשיקט.

ווען זליכה האָט בעמערקט יוסף׳ן איז איהר כעס אין גאַנצען אַריבער... זי האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ מילדער, ווייכער שטימע:

— איך האָב אויסגעפונען אַז מיינע אַ שטיקעל ציערונג איז פערשוואונדען געוואָרען פון דיזער קעסטעלע... און אַלע מיינע קאַמער מיידלאַך האָט מען געזוכט — מיין ברודער האָט מיר געראַטען אויך די קנעכט זאָלען געזוכט ווערען...

— איך ראַטה אויך, אַז אין דער צייט, וואָס די קנעכט געפינען זיך דאָ, זאָל מען גלייכצייטיג שיקען זוכען אין די צימערען פון די קנעכט און אין זייערע כלים.

זליכה האָט אַזוי געטהאָן, זי האָט געשיקט איינינע פון איהרע אָנפאַרטרויטע קאַמער מיידלאַך, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען די אדומית אין די צימערען פון די קנעכט דאָרט דורכזוכען.

— פערגעסט נישט אויך צו זוכען אין יוסף׳ס צימער! — האָט סרטן זיי אָנגעזאָגט, ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען נעבען טיהר.

— איך וועל בעטען יוסף׳ן ער זאָל אייך בעזוכען — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — איך וויים. אַז דאָס איז זעהר אַן אונאַנגענעהמע ארבייט פאַר יוסף׳ן... אָבער דאָס זעלבע איז אויך געטהאָן געוואָרען צו די קאַמער־מיידלאַך און דורך דעם איז פון זיי אַרונטער יעדער חשד...

זליכה האָט אַ וואונק געטהאָן צו יוסף׳ן און ער האָט זיך נישט ווילענדיג

געמוזט נעמען צו דער ארבייט. ער האָט בעטאַפּט און בעזוכט יעדען קנעכט, אָבער ער האָט ביי קיינעם ניט געפונען...

ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט די קנעכט איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און געוואַרט...

— נו, און ווער וועט איהם בודק זיין! — האָט סרטן א קריץ געטהאָן מיט די צייהנער אָנצייגענדיג אויף יוסף׳ן.

— האָב איך דיר דען נישט געזאָגט אַז אויף יוסף׳ן איז נישטאָ קיין פערדאַכט...

— הם... דיר דוכט זיך אַזוי, מיין שוועסטער. אָבער איך גלויב אַז עס איז נאָך נישט געבוירען געוואָרען אַזאַ קנעכט, וועלכער זאָל זיין אויסער פערדאַכט...

— מוטער, זאָל סרטן איהם בעזוכען! — האָט אסנת אויסגערופען מיט איינגעהאַלטענעם כעס. — דו זעהסט דאָך, אַז ער וועט נישט רוהען. זאָל ער זיך אַליין איבערצייגען... און דאַן וועט ער פּיליכט מעהר נישט האָבען וואָס צו ריידען אויף יוסף׳ן.

— גוט, איך בין געגרייט! — האָט יוסף אויסגערופען — זאָל ער מיר זוכען!...

מיט א נצחון שמייכעל אויף זיינע ליפּען, איז סרטן צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן און איהם גענומען אַרומזוכען און אַרומטאַפּען, אָבער ער האָט גאָר נישט ביי איהם געפונען.

— נו, יעצט ביזטו צופרידען! — האָט זליכה אויסגערופען — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אויף יוסף׳ן איז ביי מיר קיין פערדאַכט נישטאָ!...

— וואַרט צו מיין שוועסטער דו וועסט באַלד הערען וואָס די פּאָלגען פון דעם זוכען אין זייערע צימערען וועט זיין... דערוויילע זאָלען דאָ אַלע בלייבען ביז וואַנען דיינע קאַמער־מיידלאַך וועלען זיך צוריקקעהרען.

די אדומית מיט די איבעריגע מיידלאַך האָבען געזוכט אין אַלע צימערן פון די קנעכט און נישט געפונען...

— מיר קענען זיך שוין אומקעהרען צו אונזער הארינטע — האָט די אדומית געזאָגט — — זיי זיינען אויך אומשולדיג.

—אָבער מיר האָבען נאָך נישט געזוכט אין יוסף׳ס צימער! — האָט איינע פון די קאַמער־מיידלאַך זיך אָפּגערופען.

—דאַרטען וועלען מיר עס געוויס נישט געפינען! — האָט די אדומית אויסגערופען — יוסף וועט אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט טהאָן!

— אפשר, סרטן האָט דאָך אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען אויך זוכען אין יוסף׳ס צימער!

— ווער איז דאָס סרטן אַז מיר זאָלען זיך צו איהם צוהערען! — האָט די אדומית געזאָגט... ער דאַרף דאָך האָבען גענוג חוצפה חושד צו זיין יוסף׳ן אין אַזאַ זאַך!

— פונדעסטוועגען וואָלט געווען בעסער, אַז מיר קומען און זאָגען אַז מיר האָבען אויך יוסף׳ס צימער בעזוכט, און גאָר נישט געפונען — האָט אַ צווייטע געזאָגט — דאָס וועט פערשטאָפּען זיין מויל.

— נו, גוט! — האט די אדומית אויסגערופען — לאמיר אויך געהן צו יוסף'ן אין צימער.

זיי זיינען אהין אריינגעקומען און גענומען זוכען. זיי האבען געזוכט אין יעדער ווינקעלע און זיי האבען שוין געוואלט אוועקגעהן, ווען פלוצלונג האט א קאמער מיידעל אויסגערופען:

— איך האב געפונען דעם האלדזבאנד! אט איז ער!

די איבעריגע זיינען שנעל צו איהר צוגעלאפען און בעטראכט דעם האלדזבאנד...

— וואו האסטו עס געפונען!? — האבען זיי איהר געפרעגט — אין דער קעשענע פון דיזען בגד! — האט זי אנגעצייגט אויף יוסף'ס בגד, וואס איז געהאנגען נעבען טיהר. נו, יעצט זעהט איהר, אז איז דאך טאקע א גנב! סרטן איז נאך אלעמען נישט געוועזן אין גאנצען אומגערעכט ווען ער האט חושד געווען דעם הויפט קנעכט.

— ווען איך וואלט עס אליין מיט מיינע אויגען נישט געזעהן, וואלט איך דאס אויף יוסף'ן קיינמאל נישט געקלויבט — האט אן אנדערע מיידעל געזאגט — ער שיינט צו זיין אזוי שטיל און ערליך...

— פון שטילע ראדף מען זיך דאס רוב מעהר היטען ווי פון אנדערע — האט נאך א מיידעל אויסגערופען — איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז איך האב אויף איהם גלייך געקראגען א חשד...

— און פונדעסטוועגען האסטו ניט געוואלט געהן זוכען אין זיין צימער...

— און איך זאג אייך אז איך גלויב נאך איצט אויך ניט, אז יוסף האט דעם האלדזבאנד גע'גנב'עט! — האט די אדומית אויסגערופען...

—ביזטו פון זינען ארונטער! — האבען איהר די איבעריגע מיידלאך אנגעקוקט מיט ערשטוינונג — האסטו דען נישט אליין געזעהן אז די ציערונג איז געפונען געווארען אין זיין בגד!?

— ניין ער איז אומשולדיג! ער איז אומשולדיג! — האט די אדומית געזאגט — —איך בין גרייט צו שווערען פאר די געטער, אז ער איז אומשולדיג! יוסף וועט אזא זאך נישט אהאן!

— אבער א בלינדער וואלט געקענט זעהן, אז יוסף האט דאס גע'גנב'עט! מען האט דאס געפונען אין זיין קעשענע!

— דאס איז די ארבייט פון זיינעם א שונא! — האט די אדומית אויסגערופען און טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— וואס מיינסטו?

— איך קען יעצט גאר נישט ריידען! — האט זי געענטפערט — איך טאר נישט ריידען, אבער יוסף איז אומשולדיג...

—און וואס קענען מיר טהאן, מיר קענען דאך נישט זאגען אונזער הארינטע, אז מיר האבען עס געפונען ביי אימיצען אנדערש.

— א, ניין! מיר וועלען מוזען זאגען דעם אמת! — האט די אדומית געזאגט — און לאמיר האפען, אז עס וועט לאנג נישט דויערען און אונזער הארינטע וועט אויסגעפינען ווער עס איז דער שולדיגער...

די איבעריגע קאמער-מיידלאך האבען איהר אנגעקוקט מיט פערוואונ-

דערונג. זיי האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט בליקען און אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען ביי יעדען אויף די ליפּען.

— אָבער זאָג אונז וועמען ביזטו חושד, אויב נישט יוסף׳ן... קיינער וועט דאָך צו איהם אין צימער נישט געהן...

— וואָס וועט זיינעם אַ שונא אָפּהאַלטען דאָס צו טהאָן! — האָט די אדומית געזאָגט — און איהר אַליין זייט איהר דען נישט איבערציינגט, אַז יוסף איז ניט פעהיג צו טהאָן אַזאַ זאַך!

— ניין! —איך וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געקענט טראַכטען אַזוי פון יוסף׳ן! — האָט די אינגערע קאַמער־מיידעל געזאָגט — אָבער יעצט, אַז דער האַלדזבאַנד איז געפונען געוואָרען אין זיין קעשענע, ווי קען איך דען אַנדערש ריידען...

— און איך זאָג אייך אַז יוסף האָט עס נישט געטהאָן! — האָט די אדומית געזאָגט — און איך וועל אין דעם ניט שווייגען, ביז וואַנען איך וועל אויפדעקען דעם גאַנצען אמת...

די קאַמער־מיידלאַך זיינען מיט לאַנגזאַמע טריט אריין אין זליכה׳ס צימער.

אַ ווײַלע זיינען זיי געבליבען שטעהען שווייגענדיג. — נו, וואָס, האָט איהר דעם האַלדזבאַנד געפונען? — האָט זליכה זיי אַ פרעג געטהאָן...

די קאַמער־מיידעל, וועלכע האָט געהאַט דעם האַלדזבאַנד איז צוגע־גאַנגען צו זליכה׳ן, זיך פערנייגט און איהר דערלאַנגט דעם האַלדזבאַנד.

— און ביי וועמען אין צימער האָסטו עס געפונען? — האָט זליכה אויסגערופען מיט פרייד ווען זי האָט דערזעהן דעם האַלדזבאַנד...

— —אין זיין צימער! — האָט זי אָנגעצייגט אויף יוסף׳ן.

— אהא! וואָס האָב איך דיר געזאָגט! — האָט סרטן אַ שפּרונג גע־טהאָן. — איך האָב אָבער גלייך געוואוסט, אַז ער איז אַ גנב און אַ בעטריגער! דו האָסט איהם אָנפּארטרויט דאָס גאַנצע הויז, און יעצט האָט ער דיר בעצאָהלט פאַר דיין גוטסקייט... ווען מען גיט נאָר אַ קוק אויף זיינע אויגען, קען מען זעהן, אַז ער איז אַ גנב.

— אָה ניין! עס איז אַ ליגען! עס איז אַ ליגען! האָט אסנת אויס־געשריען מיט טרעהרען אין די אויגען — עס איז אַ בלבול...

—האָט איהר עס נישט געפונען אין זיין צימער? — האָט זיך סרטן געווענדעט צו די קאַמער־מיידלאַך.

יע, אין זיין צימער! אין אַ קעשענע פון זיין בגד! — האָט די מיידעל ניט ווילענדיג ווידערהאָלט.

— און ווי אַזוי איז דער האַלדזבאַנד צו דיר געקומען, דו אונווירדיגער קנעכט! — האָט סרטן אַ געשריי געטהאָן אויף יוסף׳ן, וועלכער איז גע־שטאַנען צוטומעלט און טויט בלאַס.

— וואַרט! וואַרט! — האָט זליכה אויסגערופען מיט אַ שמייכעל — איך האָב זיך יעצט דערמאָנט, איך האָב נעכטען געדאַרפט ערגיץ וואו געהן און איך האָב ביי זיך געהאַט דעם האַלדזבאַנד, האָב איך איהם איבערגעגעבען יוסף׳ן ער זאָל איהם פאַר מיר האַלטען און איך האָב גאָר פאַרגעסען פון דעם...

יעצט מוזען מיר זיך אלע ענטשולדיגען פאר יוסף'ן און דו סרטן אויך!

— אבער וואס רעדסטו מיין שוועסטער! — האט סרטן איהר אנגעקוקט מיט ווילדע בליקען...

— יע. מיין ברודער, עס איז מיין שולד. איך האב איהם דעם האלדזבאנד איבערגעגעבען צו האלטען און עס איז מיר גאר פון זינען ארוים... איך האב פערגעסען!...

— אבער דאס איז דאך אוממעגליך! — האט סרטן אויסגערופען — איך און תדמור האבען... ער האט זיך גלייך פערכאפט... — איך מיין איך און תדמור זיינען זיכער אז ער האט דעם האלדזבאנד גע'גנב'עט!

— פון וואנען ביזטו עס אזוי געווען זיכער! — האט זליכה אויסגערופען — און תדמור! ווי אזוי קומט עס דאס ער איז אויך זיכער, איידער ער האט אויסגעפונען אז איך האב דעם האלדזבאנד פערלארען?!

— וואס איך האב געמיינט! — האט סרטן זיך פרובירט ארויספלאנטערען — איז דאס איך און תדמור האבען איהם געזעהן ארויסגעהענדיג פון דיין צימער... נו, און וואס דען האט ער דארטען געטהאן ווען דו ביזט נישט געווען, אויב נישט גנב'ענען?..

יוסף איז די גאנצע צייט געשטאנען בלאס, צושראקען און צוטומעלט... אויף אזא בלבול מען זאל אויף איהם מאכען האט ער זיך גארנישט גערעכענט... ער פערשטעהט אז סרטן האט אין דעם א האנט... דאס האט ער אוועקגעלעגט זליכה'ס האלדזבאנד אין זיין רשות כדי צו פערמיאוס'ן איהם אין די אויגען פון זיין האר און הארינטע... ער האט שוין געוואלט אויסשרייען, אז סרטן האט דעם האלדזבאנד אריינגעלעגט אין זיין רשות... אבער ווי גרויס איז זיין ערשטוינונג געווארען ווען ער האט געהערט זיין הארינטע אויסרופענדיג, דאס זי האט זיך יעצט דערמאהנט אז זי אליין האט איהם גאר געגעבען דעם האלדזבאנד צו האלטען פאר איהר.

יעצט איז זיין פערצווייפלונג נאך גרעסער געווארען... ער וועט נישט קענען בעשולדיגען סרטן דאס ער האט אויף איהם א בלבול געמאכט..

די אדומית איז אויך געווארען צוטומעלט... זי האט גלייך פערשטאנען אז סרטן האט געזוכט נקמה צו נעמען פון יוסף'ן און האט דעריבער פרובירט מאכען אויף איהם דיזען בלבול... זי האט געוואלט דערצעהלען איהר הארינטע וועגען דעם געשפרעך וואס סרטן האט מיט עטליכע טעג צוריק געהאט מיט איהר, זאגענדיג איהר אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיך אלע ארומזעהן אז יוסף איז א גנב! אבער יעצט, אז זליכה גיט צו דאס זי האט איהם אליין איבערגעגעבען דעם האלדזבאנד... זי פערשטעהט אז זליכה האט עס געטהאן כדי ארויסצונעמען יוסף'ן פון דער שעהמפולער לאגע... אבער איז דאס מעגליך אז זי גלויבט טאקע אז יוסף זאל האבען גע'גנב'עט דעם האלדזבאנד...

די אדומית האט א וואונק געטהאן צו אסנת'ן וועלכע איז אויך געשטאנען ווי א פערגליווערטע און האט נישט געקענט צו זיך קומען פון אויפרעגונג.

אסנת איז צו איהר צוגעגאנגען און די אדומית האט זיך צו איהר אפגערופען:

— אויב מיין הארינטע וועט מיר ענטשולדיגען, וועל איך דיר עטוואס זאגען וואס וועט פיעלייכט ווארפען ליכט אויף דער גאנצער לאגע...

— ווייסטו עפעס דערפון? — האט אסנת זיך אפגערופען און אויף איהר געקוקט מיט פארשענדע בליקען...

— מיר דוכט זיך אז עטוואס וועל איך קענען קלאר מאכען די לאגע!

— האט די אדומית געענטפערט — איך ווייס אז סרטן האסט יוסף'ן, און ער זוכט די גאנצע צייט נקמה צו נעמען פון איהם...

— פון וואנען ווייסטו עס? — האט אסנת געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— ווייל ווי איך האב דיר שוין נישט לאנג צוריק דערצעהלט, האט סרטן מיט מיר גערעדט וועגען יוסף'ן... ער האט זיך פאר מיר בעריהמט אז ער האט יוסף'ן אזוי שטארק צושלאגען...

— יע, דאס האסטו מיר דערצעהלט? — האט אסנת געזאגט — דער ליגנער, און דו האסט איהם געגלויבט?..

— אה, ניין מיין הארינטע. סרטן האט נישט געוואוסט אז איך האב אלעס צוגעזעהן... איך האב געזעהן ווי ער האט דיר געזוכט צו בעלעס־טיגען, און ווי יוסף איז נאכהער צוגעקומען. איך האב אויך צוגעזעהן דעם קאמף און ווי יוסף האט איהם צושלאגען... און איך האב אויך געהערט ווי סרטן האט זיך ביי איהם געבעטען ער זאל איהם אויפהערען צו שלאגען... ער אבער ווייסט נישט אז איך האב עס אלעס צוגעזעהן, האט ער זיך פאר מיר בעריהמט, אז יוסף האט זיך ביי איהם געבעטען ער זאל איהם אפלאזען...

— אויף אזא זאך איז פעהיג בלויז אזא אומווירדיגער מאן ווי סרטן

— האט אסנת זיך אפגערופען — אבער זאג מיר וואס נאך האט ער מיט דיר גערעדט אז עס האט דיר געמאכט צו גלויבען דאס סרטן האט עטוואס צו טהאן מיט דעם האלרזבאנד!

—נישט לאנג צוריק איז ער צו מיר צוגעקומען און גענומען ווידער ריידען שלעכטעס אויף יוסף'ן און ווען איך האב איהם געזאגט אז אלע זיינע בעשולדיגונגען זיינען גרונדלאז, האט ער מיר געגעבען אנצוהערען אז אין א פאר טעג ארום וועלען אלע זיך ארומזעהן אז מען טאר נישט געטרויען יוסף'ן ווייל ער איז א גנב!

— אזוי האט ער געזאגט — האט אסנת אויסגערופען — יעצט בין איך זיכער אז דאס האט סרטן אויף איהם געמאכט דעם בלבול... איך מוז עס גלייך געהן דערצעהלען מיין מוטער.

— אבער איך בעט דיר אסנת, זעה אז מיין נאמען זאל דא נישט דער־מאנט ווערען... ווייל ער קען נאך אויסלאזען זיין צארן אויך אויף מיר...

— זארג נישט, איך וועל בעטען מיין מוטער זי זאל איהם גארנישט דערצעהלען פון וואנען זי ווייס דאס אלעס — האט אסנת איהר בערוהיגט.

— און מיר וואונדערט זיך איין זאך! — האט די אדומית אויסגערופען

— ווי אזוי מיין הארינטע האט געזאגט דאס זי האט אליין איבערגעגעבען

יוסף׳ן איהר האַלדזבאַנד צו האַלטען אָבער זי האָט וועגען דעם געהאַט פערגעסען...

— פערשטעהסטו מיר, די אומשטענדען זיינען געווען אַזעלכע אַז אַלעס האָט געצייגט אַז יוסף האָט טאַקע גענומען די ציערונג און ווען איך וואָלט יוסף׳ן בעסער נישט געקענט וואָלט פון אַזעלכע בעווייזע, ביי מיר אַליין געבאָרען געוואָרען אַזאַ חשד אויף יוסף׳ן... און כדי צו פערשפּאָרען אַזוי פיעל אונאַנגענעהמליכקייט פאַר איהם, האָט די מוטער פריהער פון אַלעס געזוכט פון איהם אַרונטערצוּוואַרפען יעדען חשד...

— איך פערשטעה! איך פערשטעה! — האָט די אַדומית צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — דיין מוטער האָט דאָ זעהר קלוג און נאָבעלגעהאַנדעלט, אָבער דערווייל האָב איך מורא וועט סרטן זיך אַרויסדרעהען פון אַ שטראָף...

— דער שולדיגער וועט פריהער אָדער שפּעטער זיין שטראָף בעקומען — האָט אסנת געזאָגט — און יעצט מוז איך זיך איילען צו מיין מוטער און זעהן איהר אַלעס קלאָר צו מאַכען.

— איך גלויב אַז תדמור האָט אין דעם אויך אַ חלק — האָט די אדומית שטילערהייט געזאָגט — נאָר געוועהנליך אויף איהם האָב איך נישט קיין בעווייזע....

— איך וועל שוין זעהן אַז מיין מוטער זאָל דעם אמת אויסגעפונען און איך וועל איהר דערצו העלפען! — האָט אסנת געזאָגט און איז צוריק אַריין אין זליכה׳ס צימער. זי האָט געטראָפען יוסף׳ן שטעהענדיג מיט די אויגען אַרונטער צום באָדען, און סרטן האָט נאָך אַלץ געשאָטען פעך און שוועבעל אויף יוסף׳ן...

זליכה האָט אין איהר האַנט געהאַלטען דעם האַלדזבאַנד און האָט געוואָרפען דורכדרינגענדע בליקען אויף יוסף׳ן און אויף איהר ברודער...

— איך בין אַזוי איבערראַשט וואָס מיין זכרון האָט מיר אין גאַנצען פערראַטען!... אַזוי צו פערגעסען דאָס טרעפט מיר דאָס ערשטע מאָל!

— פון דעסטוועגען זאָג איך דיר, מיין שוועסטער אַז דו מאַכסט יעצט אַ טעות אָדער... ער... ווי אַזוי איז דאָס מעגליך אַז דו האָסט איהם געגעבען דעם האַלדזבאַנד צו בעהאַלטען?... און אויסער דעם, האָט דען דער קנעכט נישט געוואוסט אַז דו זוכסט אַרום דעם האַלדזבאַנד, פאַרוואָס האָט ער געשוויגען, פאַרוואָס איז ער נישט אַריין און געבראַכט דעם האַלדזבאַנד... יע, ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען ווי דו ווילסט מיר איינריידען וואָלט ער דיר גלייך דערמאָהנט!

— אָבער מוטער פאַרוואָס האָט סרטן פאַראויסגעזאָגט מיט עטליכע טעג צוריק אַז אַלע וועלען זיך אַרומזעהן אַז יוסף איז אַ גנב! — האָט אסנת זיך געווענדעט צו איהר מוטער.

— אַזוי? דאָס האָט ער פאַראויסגעזאָגט! — האָט זליכה אַ שמייכעל געטהאָן — איך האָב שוין לאַנג געוואוסט אַז מיין ברודער איז „אַ נביא“ ער טרעפט אַלעס וואָס וועט פּאַרקומען...

— עס איז גאָרנישטאָ וואָס צו טרעפען! — האָט סרטן אויסגערופען

מיט כעס — ווען מען גיט בלויז א קוק אויף יוסף׳ס פנים, קען מען גלייך זעהן וואס פאר א גנב ער איז...

— און דערצו איז יוסף א שוואכלינג און א פחדן האט אסנת צוגעגעבען און קוים איינגעהאלטען איהר כעס...

— וואס מיינסטו, מיין טאכטער? ! — האט זליכה איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג... ביזטו אויך געגען דיין לעהרער?

— איך דערצעהל בלויז וואס איך האב געהערט מען דערצעהלט אין סרטן׳ס נאמען — האט אסנת איהר געענטפערט. — יע, ער האט זיך בעריהמט פאר אלעמען אז ער האט יוסף׳ן געשלאגען און ווען יוסף האט שוין מעהר נישט געקענט ליידען די יסורים פון זיינע קלעפ, איז ער געפאלען סרטן׳ען צו די פיס און זיך ביי איהם געבעטען ער זאל איהם אפלאזען.

איז דאס אמת סרטן? — האט זליכה זיך צו איהם געווענדעט — דו האסט יוסף׳ן געשלאגען.

סרטן איז רויט געווארען, און ער האט איהר נישט געענטפערט...

— אזוי גאר! — האט זליכה גענומען מאכען פארווירפע איהרברודער, דו קומסט אין מיין הויז צו שלאגען מיינע קנעכט! !

— איך האב איהם געשלאגען... ווייל... ער.. איך האב זיך דערוואוסט אז ער לערנעט מיט אסנת׳ן די לעהרע פון זיין גאט!...

— און ער האט נאך די חוצפה צו זאגען אין מיינע אויגען, און אין די אויגען פון יוסף׳ן... — האט אסנת אויסגערופען מיט צארן — און אחוץ דעם וואס איך און יוסף וויסען פון אלעס, האט נאך די אדומית אלעס צוגעזעהן!

סרטן האט פלוצלונג א ציטער געטהאן ער האט געקוקט אויף אסנת׳ן מיט אן אפענעם מויל...

— יע, די אדומית האט אלעס צוגעזעהן! — האט אסנת ווידערהאלט איהרע ווערטער!

—אבער זאג דאך מיר מיין טאכטער וואס האט פאסירט? — איז זליכה אוגעדולדיג געווארען... דערצעהל מיר אלעס.

— ווען דו און דער פאטער זייט געווען אין פרעה׳ס פאלאץ, איז סרטן געקומען און דורך דער אדומית מיר ארויסגערופען פון מיין צימער... ער האט איהר געזאגט אז ער האט מיר איבערצוגעבען א שליחות פון דיר... און ער וועט אויף מיר ווארטען נעבען אייכען בוים, איך בין ארונטער און ווען איך האב איהם געפרעגט וואס דו האסט איהם איבערגעגעבען פאר מיר — האט ער מיר גענומען בעלעסטיגען...

איך האב געוואלט ענטלויפען פון איהם, האט ער מיר פעסט געהאלטען, איך האב זיך גענומען ראנגלען מיט איהם און גענומען שרייען אבער ער האט מיר נישט אפגעלאזען... פלוצלונג איז יוסף צוגעקומען צו דעם פלאץ... אבער סרטן האט מיר נאך אליץ נישט געוואלט אפלאזען און ווען יוסף האט איהם מיר געהייסען בעפרייען, האט ער זיך אויסגעלאכט פון יוסף׳ן, ער האט איהם שטארק בעליידיגט און מיר האט ער נאך שטייפער צוגע־דריקט מיט זיינע אומריינע הענט... און ווען יוסף האט געזעהן אז ער פאלגט

איהם נישט מיט גוטען, האָט איהם יוסף אַראָפּגעלאָזען אזא פּאַטש אז סרטן האָט מיר שוין נישט נאָר אָפּגעלאָזען, נאָר ער איז אויך גלייך געפאַלען צום באָדען... און ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער געכאַפּט אַגרויסען שטיין און האָט אַ שלײדער געטהאָן אויף יוסף'ן, אָבער יוסף האָט מיט אַן אונגעהויער פלינקייט אַ שפּרונג געטהאָן אָן אַ זייט און דער שטיין האָט איהם נישט געטראָפען... סרטן אָבער האָט זיך מיט דעם נישט בענוגענט און ער האָט ווידער אויפגעהויבען אַ שטיין, נאָך אַ שווער־ ריגערען... דאַן איז יוסף צו איהם צוגעגאַנגען און געהייסען אַרונטערוואַרפען דעם שטיין אָבער ער האָט נישט געוואָלט...

— און דאָס האָט מיין ברודער אַזוי געהאַנדעלט? — האָט זליכה אויסגערופען מיט צאָרן.

— יע, מוטער, אָבער יוסף האָט איהם נישט געשאָנקען, ער האָט איהם אַזוי שטאַרק צושלאָגען, אַז סרטן איז איהם געפאַלען צו זיינע פיס און גענומען בעטען ער זאָל איהם אויפהערען צו שלאָגען... יוסף האָט איהם געענטפערט אַז ער וועט איהם אָפּלאָזען מיט דעם בדינג דאָס ער זאָל שווערען אַז ער וועט מיר מעהר קיינמאָהל נישט בעלעסטיגען... סרטן האָט צוגע־ שוואָרען און דאַן האָט איהם יוסף אָפּגעלאָזען... עטליכע טעג האָט ער זיך נישט בעוויזען... ווייל די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגען האָבען איהם נאָך שטאַרק וועה געטהאָן אָבער ווי נאָר זיינע וואונדען האָבען זיך פערהיילט, איז ער ווידער געקומען און זיך פאַר אַלעמען גענומען בעריהמען דאָס ער האָט יוסף'ן צושלאָגען און אַז יוסף איז גאָר דער שוואַכלינג און פחדן... אָבער וויסענדיג אין זיין האַרצען אַז די קלעפּ האָט ער געקראָגען האָט ער גענומען פלאַנעווען נקמה... און יעצט גלויב איך מוטער איז נישט שווער צו פערשטעהן ווי אַזוי דער האַלדזבאַנד קומט אין יוסף'ס צימער...

— עס איז אַ ליגען! — האָט סרטן גענומען דריקען מיט זיין פויסט און קריצען מיט די צייהן! איך האָב יוסף'ן צוקלאַפּט... זי האַלט מיט יוסף'ן ווײלע... ער איז איהר לעהרער.

— אויב דו צווייפעלסט מוטער אין מיינע רייד וועל איך אַריינרופען די אדומית... זי האָט אַלעס צוגעזעהן.. זי איז געווען בעהאַלטען און פון איהר בעהעלטנים האָט זי אַלעס צוגעזעהן.

אסנת איז אַרויסגעגאַנגען און ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט דער אדומית, האָט סרטן זיך בעגאָסען מיט אַ שווייס...

זליכה האָט געבעטען די אדומית זי זאָל איהר אַלעס דערצעהלען וואָס זי האָט געהערט און געזעהן און ווען די אדומית האָט קוקענדיג אויף סרטן גענומען צעגערען, האָט איהר זליכה פערזיכערט אַז זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר סרט'ן, זי וועט שוין איהר בעשיצען און קיין שלעכ־ טעס וועט צו איהר נישט געשעהן.

די אדומית האָט דערצעהלט אַלעס וואָס זי האָט געזעהן פון איהר בעהעלטעניש און זליכה האָט פערשטאַנען אַז אַלעס וואָס אסנת האָט דער־ צעהלט איז טאַקע ריכטיג...

— און ווי לאַנג נאָכדעם האָסטו גערעדט מיט סרט'ן? — האָט זליכה

געפרעגט די אדומית.

גלייך ווי יוסף און אסנת זיינען פון איהם אוועק, האָב איך בעמערקט ווי ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום בוים און האָט גענומען שילטען... בין איך צו איהם צוגעגאַנגען און זיך נישט וויסענדיג געמאַכט אַז איך האָב אַלעס צוגעזעהן, האָב איך איהם געפרעגט פאַר וואָס ער קוקט אוים אַזוי מיעד, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט צוממית׳ט יוסף׳ן און אַז ער איז מיעד געוואָרען שלאָגענדיג יוסף׳ן...

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זליכה׳ס פנים — און זי האָט זיך אָפּגערופען צו יוסף׳ן...

— און דו יוסף ביזט גאָרנישט אָפּגעשוואַכט געוואָרען אָדער פערמאַטערט געוואָרען פון די „קלעפּ“ וואָס מיין ברודער האָט דיר געגעבען...

— יוסף האָט אַ שמייכעל געטהאָן... און געזאָגט: עס איז ריכטיג וואָס מען זאָגט אַז אַ בעריהמער איז גוט צו שלאָגען. — איך האָב איהם געגעבען אַ געלעגענהייט אָוועקצוגעהן אומבעשטראָפט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט, האָב איך זיך געמוזט בענוצען מיט מיינע פויסטען...

— געבענשט זאָלען זיין דיינע הענט! — האָט זליכה געזאָגט — דו האָסט מיין טאָכטער געהאָלפען, און איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר דערפאַר... און דו סרטן — האָט זי זיך געווענדעט צו איהר ברודער — ווי איך זעה ביזטו נאָך געוואָרען מעהר פערדאָרבען זינט דו ביזט פּרעה׳ס שר האופים... דו האָסט זיכער פערדיענט אַ גרויסע שטראָף פאַר דעם און ווען איך וועל דאָס אַלעס דערצעהלען פּוטיפר׳ן, וועט ער שוין זעהן, אַז דו וועסט דיין שר האופים שטעלע ביי פּרעה׳ן פערליערען...

אָ, איך בעט דיר מיין שוועסטער, זיי מיר מוחל און טו מיט מיר קיין שלעכטעס נישט איך האָב חרטה אויף דעם וואָס איך האָב געטהאָן צו אסנת׳ן, איך בעט דיר, דערצעהל נישט דיין מאַן, ווייל איך ווייס אַז ווען ער זאָל זיך דערוויסען פון דעם וועל איך זיין אַ פערלאָרענער.

— אָבער האָסטו אויך חרטה וועגען דעם האַלדזבאַנד? — האָט זליכה איהם אַ פרעג געטהאָן.

— איך שווער דיר, מיין שוועסטער אַז איך האָב דעם האַלדזבאַנד נישט אַריינגעטהאָן אין יוסף׳ס צימער!

— אויב נישט דו ווער דען האָט עס געטהאָן! האָט זליכה אויפגעהויבען איהר שטימע...

— איך ווייס נישט! — האָט סרטן געענטפערט.

— אויב דו וועסט מיר נישט זאָגען אַלעס וואָס דו ווייסט, פון דעם האַלדזבאַנד, וועל איך זיכער דערצעהלען פּוטיפר׳ן פון אַלע דיינע מעשים...

— אַ ניין טו עס נישט, מיין שוועסטער! — האָט סרטן גענומען ציטערן... דאָס האָט תדמור אַריינגעטהאָן דעם האַלדזבאַנד אין יוסף׳ס בגד.

— און פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט זליכה איהם אַ פרעג געטהאָן.

— תדמור האָט עס מיר דערצעהלט... ער איז שטאַרק אין כעס אויף יוסף׳ן פאַרוואָס ער איז געוואָרען דער הויפּט קנעכט אנשטאדט איהם, און ער האָט שוין פון לאַנג געפּלאַנעוועט זיך נוקם צו זיין אָן יוסף׳ן, און דעריבער

האָט ער אַרויסגע׳גנב׳עט דעם האַלדזבאַנד פון דיין צימער און איהם אַריינ־געלעגט אין יוסף׳ס רשות, כדי מען זאָל איהם בעשולדיגען אַז ער איז דער גנב..

— און דו האָסט די גאַנצע צייט פון דעם געוואוסט און מיר גאָר נישט דערציילט וועגען דעם.

— איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, מיין שוועסטער, אַז איך אַליין בין אויך געווען שטאַרק צופרידען פון דעם, ווייל דו קענסט דאָך פערשטעהן, אַז איך האָב יוסף׳ן נישט איבעריגס ליעב...

— זאָל מען גלייך שיקען רופען תדמורן! — האָט זליכה בעפוילען.

ווען תדמור איז אַריינגעקומען אין צימער איז ער געווען זעהר צושראָקען, אָבער ווען ער האָט דערזעהן סרטן איז זיין שרעק פון איהם אַרונטער... ער ווייסט איהם געווים בעשיצען — האָט ער זיך געטראַכט.

— דו נידערטרעכטיגער קנעכט! — האָט זליכה׳ס פּנים גענומען פלאַמען — ווי אַזוי האָסטו גאָר געוואַגט אַריינצוגעהן אין מיין צימער און אַרויס׳גנב׳ענען פון דאָרטען מיין האַלדזבאַנד!!

— איך בין... איך האָב נישט גע׳גנב׳עט!.. איך בין אומשולדיג. מיין האַרינטע! — האָט תדמור גענומען שטאַמלען.

— וואָס? דו ליגנער! — האָט זליכה צו איהם אַ געשריי געטהאָן — דו ווילסט פון מיר פּערלייקענען?! האָסט דען נישט אַריינגעלעגט דעם האַלדזבאַנד אין דער קעשענע פון יוסף׳ס בגד...

תדמור׳ס פּנים האָט זיך געביטען קאָלירען... זיינע בליקען זיינען געפאַלען אויף סרטן.. ער האָט געוואַרט אַז סרטן וועט איהם אַרויסנעהמען פון זיין שווערע לאַגע... אָבער סרטן האָט אומגעדרעהט זיין פּנים אין אַן אַנדער ריכטונג...

— נו, דו אומפערשעהמטער קנעכט, דו שווייגסט! נאָך נישט גענוג וואָס דו אַליין ביזט אַריין אין מיין צימער און אַרויסגע׳גנב׳עט מיין בעסטע ציערונג, האָסטו נאָך געוואָלט מאַכען אַ בלבול אויף אַן אומשולדיגען און עהרליכען מאַן... דיין שטראָף וועט זיין זעהר גרויס... וואַרט ביז וואַנען פּוטיפר וועט קומען.

— אָבער מיין האַרינטע, איך שווער ביי די געטער פון מצרים, אַז איך בין אויך אומשולדיג! איך האָב די ציערונג נישט גע׳גנב׳עט!

— דו הערסט, סרטן, די חוצפּה פון אַ קנעכט! ער לייקענט נאָך! זאָג איהם אין די אויגען... זאָל ער נישט מיינען, אַז מיר ווייסען נישט דעם גאַנצען אמת! האָט ער דען אַליין נישט גע׳גנב׳עט דעם האַלדזבאַנד?!

— יע, מיין שוועסטער ער האָט עס געטהאָן! תדמור האָט פריהער פון דיין צימער דעם האַלדזבאַנד אַרויסגע׳גנב׳עט און נאָכהער האָט ער עס אַריינגעלעגט אין יוסף׳ס רשות.

— אָה, סרטן! — איז תדמור אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, — ווי אַזוי קענסטו אַרויפוואַרפען די גאַנצע שולד אויף מיר... דו האָסט דאָך די ציערונג גע׳גנב׳עט...

— ער איז אַ ליגנער, זליכה! — האָט סרטן זיך צו איהר אָפּגערופען

— זיין שטראָף זאָל נאָך גרעסער זיין, ווייל ער וויל אויף מיר אויך מאַכען א בלבול!

— און ער שווערט נאָך פאַלש ביי די געטער! — האָט זליכה צוגע־געבען.. ער וועט שוין פאַר אַלעם שווער בעשטראָפט ווערען...

— איך בעט דיר, מיין האַרינטע... איך וויל זיך אַלעם מודה זיין... איך וועל דערצעהלען דעם ריינעם אמת... זאָלען אזוי מיר די געטער פון מצרים העלפען...

— ער האָט זיך שוין נישט וואָס מודה צו זיין — האָט סרטן פּער־כאַפּט, — מיר ווייסען שוין אזוי אויך אַלעם...

— יעצט ווילסטו זיך מודה זיין! — האָט זליכה צו איהם א געשריי געטהאָן — פריהער, ווען דו האָסט געמיינט אַז מיר ווייסען נישט ווער דער שולדיגער איז, האָסטו געלייקענט! יעצט ווען סרטן זאָגט דיר אין די אויגען וועגען אַלעס וואָס דו האָסט געטהאָן, ווילסטו אונז ציינען, אַז דו ביזט א פיינער מאַן און זיך מודה זיין... צו שפּעט תדמור! דיין שטראָף ועסטו בעקומען!

— צו שפּעט! — האָט סרטן איהר אונטערגעהאָלפען...

— אָבער מיין האַרינטע, איך בעט דיר, הער מיר אויס, איך האָב נאָך עטוואָס צו דערצעהלען, וואָס קיינער א חוץ סרטן און איך, ווייסט נישט.

— גענוג! מיר ווילען מעהר פון דיר נישט הערען! — האָט סרטן איהם נישט געלאָזען ענדיגען.

— מוטער איך בעט דיר, זאָל תדמור אונז זאָגען וואָס ער ווייס, פּיליכט וועלען דורך זיינע ווערטער פאַר אונז קלאָהר ווערען מעהרערע זאכען! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען.

סרטן האָט געוואָרפען א בייזען בליק אויף אסנת'ן און זליכה האָט זיך אָפּגערופען:

— נו, גוט, תדמור לאָמיר הערען וואָס דו האָסט אונז צו דערצעהלען... ווי איך זעה סרטן האָסטו אויך געהאָט עפּעס צו טהאָן דאָמיט!

— ניין, שוועסטער, תדמור איז א גרויסער ליגנער, ער וויל זיך ארויס־דרעהען פון שטראָף.

— דאָס וועל איך שוין זעהן — האָט זליכה אויסגערופען — דערצעהל תדמור.

— עס איז ריכטיג, אַז איך האָב געטראָגען א שנאה אויף יוסף'ן, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער פערנעהמט מיין פּלאַץ אַלס הויפּטקנעכט, — האָט תדמור געזאָגט — אָבער עטוואָס שפּעטער האָב איך ארומגעזעהן, אַז יוסף האָט פּאַרט פערדינט דיזען אַמט. און איך האָב זיך שוין צוגע־וואוינט צו מיין יעצטיגער לאַגע. אָבער דאָ נישט לאַנג איז צו מיר צוגע־קומען סרטן און ער האָט גענומען רעדען שלעכטעס אויף יוסף'ן. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט יוסף'ן אזוי צושלאָגען, אַז ער האָט זיך ביי איהם געבעטען דאָס ער זאָל איהם אָפּלאָזען... און דאָס איז נאָך ביי איהם ווינציג, האָט ער מיר געזאָגט, ער האָט געוואָלט איהם אין גאַנצען טוידטען, און ער האָט מיר געבעטען איך זאָל איהם אין דאָס ארויסהעלפען. אָבער ווען

איך האָב זיך ענטזאגט דאָס צו טהאָן, האָט ער מיר געזאָגט וועגען זיין פּלאַן זיך נוקם צו זיין אָן יוסף׳ן...

— אזוי! — האָט זליכה אַ קרים געטהאָן — פאַר איהם האָסטו זיך אויך בערימט אַז דו האָסט יוסף׳ן צוממית׳ט און דאָס איז נאָך דיר געוועזן ווינציג...

— איך זאָג דאָך דיר זליכה, אַז ער איז אַ גרויסער ליגנער! — האָט סרטן גערדריקט זיין פויסט — איך וועל איהם נישט שענקען פאַר דעם.

— דערצעהל ווייטער! — האָט זליכה איהם בעפוילען — דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר סרטן.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַזוי ווי ער וועט אַרויסנעהמען דעם האַלדז־באַנד פון זיין שוועסטער׳ס צימער און מיר געבעטען, איך זאָל דאָס אַריינלעגען אין יוסף׳ס כלים, כדי מען זאָל יוסף׳ן דערפאַר בעשטראָפען... און ע... איך האָב איהם געפאָלגט... ער האָט מיר לעצטע נאַכט דעם האַלדזבאַנד איבערגעגעבען און איך האָב געטהאָן ווי ער האָט מיר געהייסען... איך האָב איהם אַריינגעטהאָן אין אַ קעשענע פון יוסף׳ס אַ בגד, אָבער איך האָב עס נישט גע׳גנב׳עט.

— דו ליגנער! — האָט זיך סרטן אַ וואָרף געטהאָן אויף תדמור׳ן מיט די פויסטען, אָבער זליכה האָט איהם אָפּגעהאַלטען:

— איך קען דיר שוין גאַנץ גוט! — האָט זי איהם געזאָגט מיט דיין לעצטע האַנדלונג האָסטו זיך אין גאַנצען פּאַרמיאוסט אין מיינע אויגען און איך בין זיכער, אַז ווען פּוטיפר וועט זיך דערפון דערוויסען, וואָלסטו און תדמור נישט גוט אָפּגעשניטען פון דעם.

— איך בעט דיר, מיין שוועסטער, דערצעהל נישט דעם מאָל וועגען אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען — איך פערשפּרעך דיר, אַז איך וועל שוין מעהר אַזעלכע זאַכען נישט טהאָן.

— דו מוזט מיר אויך פערשפּרעכען אַ גאַנצען יאָהר נישט אַריינצוקומען אין מיין הויז. —האָט זליכה איהם געזאָגט — ווען אַ יאָהר וועט פאַראיבער געהען און דו וועסט פערבעסערען דיינע וועגען, וועל איך דיר דאַן ווידער ערלויבען צו קומען צו מיר אין הויז... אָבער זיי וויסען אויב קומסט אין מיין הויז, איידער דאָס יאָהר איז פאַראיבער, וועט פּוטיפר וויסען פון אַלעס.

— איך פאַרשפּרעך דיר, מיין שוועסטער! — האָט סרטן אַ זאָג געטהאָן מיט אַ טרויעריגע שטימע.

— נו, יעצט קענט איהרביידע געהן! — האָט זי אַ זאָג געטהאָן צו סרטן און צו תדמור׳ן — איך וועל אויך תדמור׳ן דיזען מאָל נישט בעשטראָפען, אָבער ווען איך וועל נאָך אַמאָל אויסגעפינען וועגען איהם עפּעס שלעכטער, וועט ער זיי שטראָף בעקומען אויך פאַר דעם.

סרטן און תדמור האָבען גלייך פערלאָזען זליכה׳ס צימער.

.24

פוטיפר פאָהרט אָפּ נאָך „און"

נאָך אייניגע יאָהר זיינען פערביי און יוסף האָט זיך גאַנץ גליקליך געפיהלט אין פּוטיפר׳ס הויז... יעצט האָט ער געוואוסט ווער עס זיינען זיינע שונאים און ווער זיינע גוטע פריינד. ער האָט אָבער געזעהן אַז גוטע פריינד האָט ער אַ סך מעהר ווי שונאים. ער האָט געטריי געדיענט פּוטיפר׳ן און זליכה׳ן און זיך בעמיהט זיי צופרידענצושטעלען אין אַלע הינזיכטען.

ווען יוסף פלעגט אַרוים אין אָבענד און באַמערקען ווי די פּראַכטפולע לבנה שוועבט איבער די לויטערע בלויע הימלען, פלעגט ער זיך דאַן דער־מאָהנען אָן זיין פאָטער און זיין משפחה אין חברון.

די זעלבע לבנה שיינט יעצט אין דער זעלבער רגע אויך דאָרט אין חברון... מעגליך, אַז זיין פאָטער שטעהט יעצט אין דרויסען, קוקט אויף דעם זעלבען פונקט ווי ער און טראַכט אויך פון איהם... אין יענע מאָמענטען פלעגט איהם דריקען אין האַרצען... אַ שטאַרקע בענקעניש האָט איהם ארומגענומען און איהם גענאָגט און גענאָגט ביי דער נשמה. ווען ער זאָל כאָטש קענען געבען איין בליק אויף זיין פאָטער... ווען ער זאָל בלויז קענען הערען זיין שטימע... דאַן זיינען זיינע ליידען גרוים געווען... ער איז אַ קנעכט, אַ פערקויפטער אויף עוויג... ער איז נישט פריי זיך צו בעוועגען זעלבסטשטענדיג... ווער וויים וואָס זיין פאָטער טראַכט וועגען איהם... ער מוז איהם שוין לאַנג פעררעכענען פאַר טויט... און דאָ שטעהט ער, יוסף, אַ לעבעדיגער אָבער אַ הילפלאָזער קנעכט...

דיזע טרויעריגע געדאַנקען פלעגען נישט זייער אָפּט קומען צו איהם. ער האָט זיך דאָך געפיהלט גליקליך אין זיין יעצטיגען אומגעבונג. זיין ליעבע צו אסנת׳ן האָט זיך פערשטאַרקט פון טאָג צו טאָג... ער האָט איהר ליעב געהאַט מעהר פון אַלעם אין דער וועלט, און איז געווען העכסט גליקליך, וואָס זליכה האָט איהם בעשטימט פאַר אסנת׳עם לעהרער... כאָטש זליכה׳ס אָפטע אנוועזענהייט בעת׳ן לערנען האָט איהם פערשאַפט אַ סך עגמת נפש. ער איז דאַן נישט געווען פריי צו לערנען מיט איהר דאָס וואָס ביידע האָבען געוואָלט, און דאָס איז די רעליגיאָן פון זיינע עלטערען אַברהם, יצחק און יעקב... פונדעסטוועגען זיינען אויך געווען צייטען ווען זליכה האָט זיי נישט געשטערט און זיי ביידע זיינען אַליין געווען און אסנת פלעגט זיך דאַן אויך פיהלען גאַנץ פריי. זי פלעגט איהם פרעגען פערשיעדענע פראַגען וועגען זיין פערזענליכען לעבען אין חברון. זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז

יוסף וועט איהר דערצעהלען ווי אזוי ער איז פערקויפט געוואָרען פאַר אַ קנעכט.. ער האָט דאָס איהר פערשפּראָכען צו טהאָן, אָבער ווען עס קומט דערצו, בעמערקט זי זיינע טרעהרען... זי זעהט נאָך דעם אויסדרוק פון זיין פּנים ווי שטאַרק עס טהוט איהם וועה וועגען דעם צו רעדען. און טאַקע דעריבער געהט זי שנעל אַריבער צו אַן אַנדער ענין.

די מאָמענטען וואָס זיי פערברענגען צוזאַמען אָהן די בעגלייטונג פון זליכה'ס בליקען, זיינען די ערהאבענסטע און גליקליכסטע אין זייער לעבען.

יוסף קוקט אַריין טיעף אין די שעהנע הימעל־בלויע אויגען פון אסנת'ן און עס ווערט איהם אזוי גוט און וואַרעם אויף דער נשמה... אסנת ווערט איהם אַזוי נאָהענט... עפּעס דוכט זיך איהם, אַז ער קען איהר שוין פון יאָהרען. ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען... יע, וואָס מעהר ער קוקט זיך צו צו איהר אַלץ מעהר דוכט זיך איז איהר עהנליכקייט גרעסער צו זיין שוועסטער דינה... און אפילו איהר שטימע קלינגט אין זיינע אויערען אַזוי ווי דינה'ס...

יוסף האָט לאַנג, זעהר לאַנג דערפון געטראַכט... ווי קומט עס אַז אסנת זאָל האָבען אַזאַ גרויסע עהנליכקייט צו זיין שוועסטער... ער האָט אָבער פּרובירט אַליין פערענטפערען:

אַזוי ווי ער האָט זיין שוועסטער זעהר שטאַרק געליעבט, און דעריבער יעצט, אַז ער איז אויך פערליעבט אין אסנת'ן דוכט זיך עס איהם, אַז זי איז עהנליך צו זיין שוועסטער... אָה, ווען ער וואָלט נאָר געקענט איין בליק אויף זיין שוועסטער, ווען זיי וואָלטען יעצט ביידע צוזאַמען געשטאַנען פאַר זיינע אויגען... אָבער ער ווייס, אַז דאָס איז אַ האָפנונגסלאָזער וואונש... ער איז אַ קנעכט.. און זיין ליעבע צו אסנת'ן? וועט זי דען ווען עס איז פאַרווירקליכט ווערען! זיין האָפענונג איז דאָ אויך זעהר קליין... ער ווייס, אַז ווי שטאַרק ער זאָל האָבען נושא חן געווען אין די אויגען פון פּוטיפר'ן און זליכה'ן, וועלען זיי קיינמאָל נישט צושטימען איהם אָפּצוגעבען אסנת'ן פאַר זיין פרוי. אפילו ווען זיי זאָלען זיך דערוויסען, אַז ער איז נישט קיין געבאָרענער קנעכט... ער ווייס ווי שטאָלץ פּוטיפר איז... און זליכה?.. זי איז צו איהם זעהר גוט געווען די גאַנצע צייט... זי בעהאַנדעלט איהם ווי אַן אייגענעם, גאָר נישט ווי אַ קנעכט... ער איז איהר דערפאַר זעהר דאַנקבאַר... ער האָט נאָך נישט פאַרגעסען די גע־שיכטע, ווען סרטן האָט געוואָלט אויף איהם דעם בלבול מאַכען און אַלע בעווייזען האָבען געצייגט, אַז ער, יוסף, זאָל האָבען בעגאַנגען די גנבה, האָט זי גלייך נישט פיעל געטראַכט און איהם ריינגעוואשען, זאָגענדיג, אַז זי האָט איהם דעם האַלדזבאַנד אַליין געגעבען צו צו האַלטען... אָבער דאָך איז איהם שוין זליכה'ס גוטסקייט עטוואָס דערווידער... עפּעס פיהלט ער זיך זעהר נישט בעקוועם אין איהר אנוועזענהייט... איהרע בליקען וועלכע דרינגען אַריין אין זיין נשמה פערשאַפט איהם אומרוהיגקייט און נערוועזיטעט... ער זוכט איהר אויסצומיידען. אָבער זליכה איז לעצטענס געוואָרען צו דרינגליך; זי פערלאַנגט פון איהם ער זאָל איהר בעדינען אין איהר צימער... און נישט איינמאָל איז ער געווען געצוואונגען אַליין צו

ברענגען דעם פריהשטיק אין בעט... זי האָט שוין געפונען אַן אויסרייד דערצו. עס איז געווען צייטען ווען זי האָט פערלאַנגט פון איהם ער זאָל מיט איהר זיצען שטונדען לאַנג און איהר דערצעהלען געשיכטעס.

— פּוטיפר איז יעצט שטאַרק פערנומען מיט זיינע תפלות צו די געטער — פלעגט זליכה זאָגען צו יוסף׳ן... און איך פיהל זיך גאַנץ איינזאַם און אומעטיג, קום אַריין צו מיר און דערצעהל מיר עטליכע שעהנע בעשיות...

די ערשטע צייטען פלעגט זי איהם איינלאַדען אין אויפנאַהם צימער, וואו אַלע האָבען געהאַט צוטריט... זי פלעגט זיך אַנידערלעגען אויף דער ווייכער זאָפאַ און זיך צוהערען צו יעדען וואָרט וואָס פלעגט אַרויסקומען פון יוסף׳ס מויל... לעצטענס אָבער, האָט ער געמוזט דערצעהלען זיינע מעשיות אין איהר שלאָף צימער. פריהער פלעגט זי פון איהם פערלאַנגען ער זאָל איהר אַריינברענגען דעם פריהשטיק, און ווען ער האָט עס געטהאָן, פלעגט זי זיך אַוועקזעצען אין איהר בעט... יוסף האָט געמאַכט אַ פערזוך צו פערלאָזען דעם צימער, אָבער זליכה פלעגט איהם פערהאַלטען.

— איך האָב אין גאַנצען פערלאָרען מיין אַפּעטיט צום עסען — האָט זי איהם געזאָגט — פיעלייכט ווען דו וועסט דאָ פערבלייבען און מיר עפּעס דערצעהלען, וועל איך עפּעס עסען.

זינט דאַן פלעגט ער איהר מוזען ברענגען יעדען פריהמאָרגען דעם פריהשטיק אין איהר שלאָף צימער און דאַן פלעגט ער זיך אַוועקזעצען אויפ׳ן באָדען און נעהמען איהר דערצעהלען. זליכה פלעגט עסען אַזוי לאַנגזאַם... איהרע אויגען זיינען געווען געווענדעט צו יוסף׳ן... און זעהר דאַנקבאַר איז יוסף געווען וואָס פּוטיפר קומט אָן. זליכה האָט שוין געוואוסט די צייט ווען פּוטיפר קעהרט זיך צוריק פון די טעמפּלען אָדער פון פרעה׳ס פּאַלאַץ. זי פלעגט דעריבער אַרויסקוקען דורך איהר פענסטער און ווען זי פלעגט בעמערקען איהר מאַן אַנקומענדיג, האָט זי געגעבען אַ וואונק צו יוסף׳ן ער זאָל פערלאָזען איהר צימער...

זליכה האָט ליעב בעקומען יוסף׳ן פון דעם ערשטען טאָג, ווען זי האָט איהם פּאָר אַ קנעכט געקויפט... זי האָט פון איהם נישט אויפגעהערט צו טראַכטען טאָג און נאַכט... ער איז געווען אַזוי וואונדער שעהן, יונג און קלוג... און שפּעטער האָט זי אויך ערפאַהרען, אַז ער איז אויך בראַוו און העלדיש, ער קען געבען אַ קלאַפּ, ווען עס איז נויטיג. זינט דאַן האָט זיך איהר ליעבע צו איהם פערדאָפּעלט... געוועהנליך האָט זי עס געהאַלטען פערבאָרגען אין איהר הארצען. זי איז געווען בלויז צופריעדען דאָמיט, וואָס זי קען אָנזעטיגען איהרע אויגען זיך צוקוקענדיג צו זיין שעהנעם פּנים, און איהרע אויערען — זיך צוהערענדיג צו זיין זיסע מעלאָדישע שטימע...

לאַנג אָבער האָט עס אַזוי נישט געקענט אָנהאַלטען. זליכה האָט גע־פיהלט, אַז זי ווערט פערברענט פון איהר אייגענעם פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהר הארצען צו דעם קנעכט פון כנען... און וואָס שטאַר־קער איהר ליעבע צו יוסף׳ן איז געוואָרען אַלץ מעהר האָט זי פּוטיפר׳ן געגומען האַסען... זיינע קושען און לאַשצען האָבען איהר געעקעלט... זי איז אָבער געווען גאַנץ פּאָזיכטיג, פּוטיפר זאָל עס נישט בעמערקען.

ווי נאָר פּוטפר פּלעגט אַהיים קומען, אַזוי פּלעגט זי צו איהם צוגעהן און איהם אַרומנעהמען... און איהם זאָגען ווי שטאַרק איינזאַם זי איז אָהן איהם... און כאָטש עס איז איהר זעהר שווער אָנגעקומען פּלעגט זי דאָך מאַכען אַ פּערזוך איהם צו קושען... און ווען פּוטיפר האָט איהר געגומען האַלזען און קושען, פּלעגט אַ שוידער דורכגעהן איהר קערפּער...

פּוטיפר וועלכער איז געווען זעהר פרום און אין יעדע שטיקעל לײדיגע צייט, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער פערבראַכט אין טעמפּעל פון אזירים אָדער אין די טעמפּלען פון די אַנדערע געטער, האָט גאָר נישט געפיהלט און בעמערקט די גרויסע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין זליכה'ן... ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז דורך זיינע פיעלע תפלות וועלען זיך די געטער איבער איהם מרחם זיין און איהם בעשענקען מיט אַ זוהן... ווי גליקליך ער און זליכה וועלען דאַן זיין — האָט ער זיך געטראַכט ווען ער האָט מקריב געווען פאַר אזירים'ן... זי וועט האָבען אַ יורש... ווען ער בעמערקט, אַז זליכה איז אומעטיג און פערטראַכט פערשטעהט ער, אַז דאָס איז זי בעזאָרגט צוליעב דעם וואָס זי איז אַן עקרה, אָבער ווען די געטער וועלען העלפען און איהר געבען אַן אייגען קינד, דאַן וועט זי אימער פרעהליך און גליקליך זיין...

איינמאָל האָט זיך פּוטיפר אָפּגערופען צו זליכה'ן:

—מיין טהייערע ליעבע פרוי, פאַרוואָס ביזטו אַזוי טרויעריג... איך זעה אַז דו האָסט פערלאָרען דיין אַפּעטיט צום עסען... דו ביזט די גאַנצע צייט פערטראַכט און פאַראומערט... יע, זליכה איך ווייס, וואָס דיין אומעט בעדייט...

זליכה האָט זיך עטוואָס דערשראָקען און איהם אָנגעקוקט מיט אויס־געגלאָצטע אויגען.

— דו דאַרפסט אָבער אַזוי ניט זיין פאַרצווייפעלט, זליכה, ביזטו דען ביי מיר נישט טייערער ווי צעהן זיהן... און אַ חוץ דעם טאָרען מיר נאָך נישט אויפגעבען אונזער האָפענונג, אַז די געטער וועלען אונז ענדליך פאָרט בעשאַנקען מיט אַ זוהן.

זליכה האָט גרינגער אָפּגעאָטעמט... זי האָט זיך דערשראָקען. זי האָט מורא געהאַט, אַז פיללייכט איז ער איהר חושד דאָס זי ליעבט יוסף'ן... אָבער יעצט זעהט זי, אַז פּוטיפר איז בלינד און זי האָט נישט וואָס מורא צו האָבען... ער איז צופיעל פערטהאָן אין די געטער. ער גלויבט, אַז די סיבה פאַרוואָס זי איז אַזוי אומעטיג איז גאָר צוליעב דעם וואָס זי האָט קיין קינדער נישט פון איהם... זאָל ער גלויבען אַזוי — האָט זי זיך געטראַכט.

— יע, פּוטיפר! —האָט זי צוגעגעבען מיט אַ געמאַכטע טרויעריגע שטימע — ווען די געטער וואָלטען זיך נאָר איבער מיר ערבאַרעמט און מיר געגעבען אַ זוהן, ווער וואָלט זיך דאַן צו מיר געקענט גלייכען... איך ווייס נישט פאַרוואָס די געטער פון מצרים האָבען אויף מיר אויסגעגאָסען זייער צאָרן... מעגליך, אַז דאָ אין צוען קענסטו נישט בעוואויגען די געטער אויף מיר זיך מרחם צו זיין. אָבער דו האָסט פיעלע מאָל דערצעהלט, אַז די געטער

פון דער שטאָדט „און", וואו דו ביזט אַ פּריסטער געווען זיינען צו דיר אימער צו גנעדיג געווען...

— יע, זליכה, עס איז ריכטיג... די געטער פון „און" האָבען מיר פיעלע טובות געטהאָן... זיי האָבען בעגליקט אַלע מיינע וועגען... עס איז דורך זיי וואָס פּרעה האָט מיר דערהויבען צו דעם העכסטען אַמט אין גאַנץ מצריב...

— פון וואַנען ווייסטו, אַז עס איז געווען דורך די געטער פון און?

— האָט איהם זליכה געפרעגט קוים איינהאַלטענדיג איהר שמייכעל.

— ווייל ווען פּרעה איז געקומען אין און מתפלל צו זיין צו די געטער, האָט ער מיר צום ערשטען מאָל דערזעהן. איך האָב דאַן פאַר איהם מקריב געווען די קרבנות פאַר די געטער און איך האָב איהם אויך געהאָלפען מתפלל צו זיין צו די געטער... און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין תפלה האָב איך איהם געזאָגט:

— די געטער האָבען דיין תפלה אָנגענומען און אַלע דיינע וואונשען וועלען ערפיהלט ווערען.

— און האָט דיר דען פּרעה געזאָגט וואָס זיינע וואונשען זיינען געווען,

— האָט זליכה איהם געפרעגט.

— יע, ער האָט מיר דערצעהלט... ווײלע איידער מען געהט מתפלל זיין צו די געטער, דאַרף מען דעם פּריסטער זאָגען וואָס מען פערלאַנגט פון די געטער... און פּרעה האָט מיר געזאָגט, אַז די געטער האָבען איהם געבענשט מיט צוויי טעכטער, אָבער ער וויל האָבען אַ יורש פאַר זיין טראָהן... און אַזוי ווי די קעניגען וועט אין עטליכע מאָנאַטען אַרום דאַרפען ווידער ווערען אַ מוטער, איז ער געקומען אַהער אין דער היילינגער שטאָדט און, וואו אַלע היילינגע פּריסטער געפינען זיך, און מתפלל געווען... און יעצט זעהסטו ווי די געטער פון און האָבען אָנגענומען זיין תפלה און פּרעה'ס פרוי האָט טאַקע שפּעטער געבאָרען אַ זוהן... ווען איך האָב איהם נאָך זייענדיג אין און געזאָגט, אַז די געטער האָבען זיך צו זיין תפלה צוגעהערט, האָט ער מיר גלייך גערופען צו זיך אין פּאַלאַץ... איך בין מיט איהם צוריקגעפאָהרען קיין צוען... איך האָב געמיינט אַז פּרעה וועט מיר בעשטימען פאַר אַ פּריעסטער פאַר די געטער פון צוען... אָבער פּרעה האָט מיר אַנשטאָדט דעם געבראַכט אין פּאַלאַץ און מיר בעשטימט פאַר איינעם פון זיינע לייב־וועכטער... די גאַנצע צייט איידער די קעניגין האָט געבאָרען, האָט אין מיר מיין האַרץ געשראָקען, פיליכט האָבען זיך די געטער נישט צוגעהערט צו פּרעה'ס תפלות און זי וועט ווידער געבוירען אַ טאָכטער... דאַן וואָלט דאָך פּרעה אויף מיר אין כעס געווען און פיעלייכט נאָך מיר בעשטראָפט... אָבער די געטער פון און זיינען צו מיר זעהר גוט געווען, זיי האָבען מיין תפלה אָנגענומען און בעשאָנקען פּרעה'ן מיט אַ זוהן... און גלייך אין דעם זעלבען טאָג ווען פּרעה'ס יורש איז געבאָרען געוואָרען און דאָס גאַנצע לאַנד האָט גענומען פייערען דעם גרויסען יום טוב פון זיין געבורט, האָבען מיר די געטער ווידער בעגליקט און איך האָב דיר בעגעגנט...

— אויב די געטער פון און זיינען צו דיר מעהר גנעדיג ווי די געטער פון צוען, פאַר וואָס זאָלסטו טאַקע נישט מאַכען אַ רייזע נאָך און און צו

זיי מתפלל זיין, פיעלייכט וועלען זיי זיך צו דיר דיזען מאָל אויך צוהערען און אונז געבען א זוהן מיט וועמען מיר וועלען קאָנען שטאָלץ זיין.

— דו ביזט גערעכט זליכה! — האָט פוטיפר אויסגערופען — איך וועל טאַקע בעטען דעם קעניג ער זאָל מיר ערלויבען אוועקצופאָהרען נאָך און, מתפלל צו זיין צו די געטער... איך האָף אז פרעה וועט נישט האָבען דאַגעגען.

דעם זעלבען טאָג איז פוטיפר אוועק אין פאַלאַץ און פאָרגעלעגט פאַר פרעה'ן זיין פערלאַנג.

— איך גיב דיר מיין ערלויבעניש צוזאַמען מיט מיין ברכה, — האָט פרעה זיך צו איהם אָפגערופען — געה נאָך און און זאָלען די געטער פון דאָרט צוהערען דיין תפלה, ווי זיי האָבען זיך צוגעהערט צו מיינע...

מיט א גליקליכען שמייכעל אויף זיין פנים, האָט פוטיפר געבראַכט די בשורה צו זליכה'ן, אַז דער קעניג ערלויבט איהם אָפצורייזען נאָך און.

— יעצט וועלען מיר זיך גלייך נעהמען צוגרייטען צו דער רייזע — האָט ער איהר ארומגענומען.

— וואָס מיינסטו? — האָט איהם זליכה געפרעגט — ווילסטו איך זאָל אויך מיט דיר מיטפאָהרען!

— נו, געוויס, מיין טייערע — האָט איהר פוטיפר א קוש געטהאָן — מיר וועלען ביידע אהין אָפפאָהרען און ווען מיר וועלען ביידע מתפלל זיין צו די געטער, וועלען זיי געוויס זיך צוהערען צו אונזערע תפלות.

— אָבער אויף וועמען וועלען מיר איבערלאָזען דאָס גאַנצע הויז? — האָט זליכה געפרעגט.

— איך גלויב, אַז מיר קענען זיך פערלאָזען אויף יוסף'ן, ער איז זעהר עהרליך און טהוט זיין ארבייט מיט געטרייהייט... איך מוז אויך צוגעבען זליכה, אַז א מזל ברכה איז געקומען צו מיין הויז, זינט איך האָב יוסף'ן אַלס קנעכט געקויפט... איך זעה צו וואָס ער זאָל זיך נישט נעהמען בעגליקט ער... יע, א חוץ וואָס ער איז זעהר פעהיג, האָט ער אויך מזל... און צוליעב איהם האָבען די געטער מיין גאַנץ הויז געבענשט... און דעריבער גלויב איך, אַז מיר קענען איבערלאָזען אַלעס אין יוסף'ס הענט און אָפרייזען נאָך און.

— אָבער אסנת, וואָס וועלען מיר טהאָן מיט איהר?

— אָה, וועגען איהר האָסטו געוויס גאָרנישט וואָס צו זאָרגען — האָט פוטיפר זיך אָפגערופען מיט א שמייכעל — זי איז דאָך שוין אויסגעוואַקסען. זי איז דאָך זעלבסטשטענדיג... און זי וועט קענען אויסקומען אויף אייניגע וואָכען אָהן אונז...

— דו פערשטעהסט נישט, פוטיפר, איך האָב מורא איהר צו לאָזען אַליין... ווייל דו ווייסט דאָך אויף וואָס סרטן איז פעהיג צו טהאָן... יע, נישט איינמאָל האָב איך געזעהן, אַז ווען מיין ברודער קומט צו בעזוכען מיין הויז, נויטיגט זיך אסנת אין מיין שמירה!...

— איך וועל אָנזאָגען סרטן, אַז דורך דער גאַנצער צייט וואָס מיר וועלען ניט זיין אין דער היים, זאָל ער נישט וואַגען צו קומען אין אונזער הויז! יע, מיר וועט ער פאָלגען... ער ציטערט פאַר מיר!

— אָבער דו ווערסט איהם נישט קענען אָפּהאַלטען, ער וועט געפינען אַנדערע וועגען... ניין, פּוטיפר אסנת וועט זיך פיהלען זעהר אומגליקליך אָהן מיין השגחה...

— ווייסטו גאָר וואָס, — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען — לאָמיר אויך מיטנעהמען אסנת׳ן...

— אָבער איך וויים נישט צו דאָס וועט זיין די ריכטיגע זאַך צו טהאָן

— האָט זליכה געגומען זוכען אַן אויסרייד — פערשטעהסטו מיר ווען די געטער וועלען זעהן, אַז מיר האָבען אַ טאָכטער, וועלען זיי פיעלייכט דענקען, אַז עס איז גענוג...

— נו, וועל איך אין מיינע תפלות דערמאָהנען, אַז אסנת איז נישט אונזער ריכטיגע טאָכטער — האָט פּוטיפר געזאָגט.

— דאַן קען זיין, אַז אסנת וועט עס דערהערען און זי וועט אויסגעפינען, אַז זי איז נישט אונזער טאָכטער... ניין, אסנת טאָר נישט מיטפאָהרען, און צוליעב איהר וועל איך זיך שוין אויך מוזען אָפּשטעלען אין דער היים...

— אָבער איך וויים, אַז ווען דו קומסט און העלפּסט מיר מתפלל צו זיין צו די געטער, וועלען זיי אונזערע ביידענס תפלות גיכער אָננעהמען.

— איז דען פּרעה געקומען נאָך און מיט דער קעניגין? — האָט זליכה איהם געפרעגט.

— ניין, פּרעה איז געקומען אָהן איהר.

— און פונדעסטוועגען האָבען די געטער זיך צוגעהערט צו זיינע תפלות... אויב אַזוי קענען מיר האָפען, אַז ווען דו ווערסט דאָרט אַליין קומען, אָהן מיר, וועלען זיך די געטער אויך צוהערען צו דיין תפלה...

— אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך וועל דאָרטען זיך דארפען פערזאַמען אַ פּאָר מאָנאַטען, טו ווי אַזוי וועל איך דאָרטען קענען זיין אָהן דיר. איך וועל זיך פיהלען איינזאַם און אומעטיג.

— דו ווערסט דאָך די גאַנצע צייט פערברענגען אין די טעמפּלען פון די געטער און דו ווערסט זיך גאָר נישט אַרומזעהן ווי די צייט לויפט פערביי. דערפאַר פערשפּרעך איך דיר, פּוטיפר, אַז ווען די געטער וועלען דיין תפלה אָננעהמען און מיר שענקען אַ זוהן, דאַן וועלען מיר ביידע פאָהרען אהין זיי צו בעדאַנקען... און צוזאַמען וועלען מיר פאַר זיי ברענגען אונזערע קרבנות... יע, ערשט דאַן וועלען מיר זיך נויטיגען אין דער ברכה פון די געטער, זיי זאָלען בעשיצען אונזער קינד פון אַלדאָס בייז...

פּוטיפר האָט געמאַכט נאָך עטליכע פערזוכען איינצורעדען זליכה׳ן זי זאָל מיט איהם מיטגעהן, אָבער ווען זי האָט איהם איבערצייגט, אַז עס איז יעצט אוממעגליך פאַר איהר מיטצוגעהן מיט איהם, האָט ער זיך גע־נומען גרייטען צום וועג און אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, האָט ער זיך געזעגענט מיט זליכה׳ן און מיט אסנת׳ן, וועלכע זיינען אַרוים איהם באַגלייטען און איז אַליין אָפּגעפאָהרען נאָך און.

.25

אסנת געפינט אויס...

סרטן, פרעה'ס שר האופים, האָט געטראָגען ביי זיך אין האַרצען אַ שנאה נישט נאָר אויף יוסף'ן אָבער אויך אויף זיין שוועסטער זליכה. פאַר אַ גאַנצען יאָהר האָט ער נישט געוואַגט אַריינצוקומען אין פוטיפר'ס הויז, ווייל ער האָט מורא געהאַט, זליכה זאָל פוטיפר'ן נישט דערצעהלען וועגען אַלעס און דאַן וועט ער נאָך פערלירען זיין שטעלע ביי פרעה'ן.

נאָכדעם ווי דאָס יאָהר איז פאַריבער האָט ער זיך ווידער גענומען בעווייזען אין פוטיפר'ס הויז. זליכה האָט די ערשטע צייטען אפילו זיך אויף איהם נישט געוואָלט אומקוקען. איהר כעס אויף איהם האָט זיך נישט איינגעשטילט זינט דאַן ווען ער האָט איהר פעראורזאַכט אַזאַ גרויסע שאַנדע פאַר די אויגען פון אַלע קנעכט און דינסטען און פאַר די אויגען פון אסנת'ן.

איינמאָל איז סרטן אַריינגעקומען צו זליכה'ן אין צימער און אויף איהר **דאָרט געוואַרט.**

ווען זי איז אַריינגעקומען און איהם דערזעהן, האָט זי גלייך אומגע־דרעהט איהר קאָפּ.

סרטן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און איז צו איהר צוגעגאַנגען.

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר, סרטן — האָט זליכה זיך צו איהם אָפּגערופען מיט אַ שטרענגע און טרוקענע שטימע.

— איז שוין נישט צייט דו זאָלסט זיך פערגעסען אָן אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט און מיר מוחל זיין? — האָט סרטן זיך צו איהר געווענדעט — זאָג מיר זליכה, וויפיל ברידער האָסטו עס? איך בין דיין איינציגער לייב־ליכער ברודער! האָב איך דיר דען ווען עס איז שלעכט בעהאַנדעלט? געדענקסטו נישט אונזערע קינדער יאָהרען אין שכם... האָב איך דיר דען נישט אַרויסגעהאָלפען ווען דו ביזט געווען שרעקליך פערליבט אין שכם, אין דעם זוהן פון חמור... און שפּעטער ווען דו האָסט געפּלאַנעוועט צו נעמען נקמה פון דינה'ן, די טאָכטער פון יעקב'ן, וועמעס ברידער האָבען געטויטעט שכם'ן...

בין איך דען מיט דיר נישט מיטגעגאַנגען נאָך חברון, און וואָכען לאַנג האָב איך מיט דיר דאָרט געוואַרט, ביז וואַנען מיר האָבען געקראָגען די געלעגענהייט אוועקצוגנב'ענען אסנת'ן וועלכע האָט נאָך דאַן געהייסען נעמה? און יעצט ווייזט אויס, אַז דו האָסט אָן אַלעס פאַרגעסען — דו האָסט מיר פון זיך דערווייטערט... אַ גאַנץ יאָהר איז מיר געווען פערבאָטען

מיין פוס אויף דיין שוועל ארויפצושטעלען... און אפילו יעצט, נאכדעם ווי אזא לאנגע צייט איז פארביי, ביזטו נאך אלץ אויף מיר אין כעס?..

—איך בין אויף דיר אין כעס! איז זליכה עטוואס ווייכער געווארען

— ווייל זינט דו ביזט דערהויבען געווארען צו זיין פרעה'ס שר האופים, האסטו מיר פערזאורזאכט בלויז צרות און שאנדע און יעצט ווייס איך אויך צוליב וואס דו ביזט געקומען...

— יעצט בין איך צו דיר געקומען דו זאלסט מיט מיר שלום מאכען!

— איז סרטן ערמוטיגט געווארען פון דער ענדערונג אין איהר שטימע — דו ביזט מיין איינציגער פריינד ווען איך האב דא... און דו דארפסט פערגעסען וואס האט פאסירט און מיר פון יעצט אן ווידער בעהאנדלען ווי א ברודער.

סרטן איז צוגעגאנגען און זיין שוועסטער א קוש געטהאן.

— נו, גוט, סרטן — האט זליכה זיך אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען... פון יעצט אן וועלען מיר ווידער ווערען גוטע פריינט... איך בין זיכער, אז ביזט געקומען צום שכל און געענדערט דיין מיינונג וועגען פילע זאכען.

— יע, מיין שוועסטער, איך זעה יעצט אלעס מיט אנדערע אויגען... דאך ווען דו וואלסט געוואוסט, זליכה, ווי איינזאם איך פיהל זיך, וואלסטו געוויס עפעס געטהאן פאר מיר.

— בין איך דען נישט גרייט צו טהאן אלעס פאר דיר? — האט זליכה איהם געזאגט.

— מיט דיר, מיין שוועסטער, זיינען די געטער געווען גנעדיג, זינט דו ביזט אנגעקומען אין מצרים. גלייך האסטו צופעליג זיך געטראפען מיט פוטיפר'ן און ער האט מיט דיר געהייראט און דו ביזט גליקליך!

— גליקליך?... — האט זליכה א זיפץ געטהאן — נו, יע, געוויס בין איך גליקליך — איז נישט פוטיפר דער חשוב'סטער מאן אין מצרים?

— אבער איך? — האט סרטן א שאקעל געטהאן מיט זיין קאפ. דאס גליק איז יעצט אזוי ווייט פון מיר, ווי עס איז געווען דעם ערשטען טאג פון מיין אנקומען...

— ביזטו דען נישט צופרידען און גליקליך צו פערנעהמען אזא געהויבענע שטעלע ביי דעם קעניג? האסטו דען ווען עס איז געקענט חלום'ען צו זיין פרעה'ס שר האופים!

— דו פערשטעהסט מיר נישט, מיין שוועסטער, איך מיין אז זינט איך בין אנגעקומען אין מצרים, האב איך נישט געקאנט צופאסען פאר זיך א פרוי וועלכע איך זאל ליבען...

— ווינציג שעהנע פרויען זיינען פאראן אין מצרים? און דו אזא חשוב'ער ביים קעניג, וואלסטו דאך געקענט אויסקלייבען די שעהנסטע און בעסטע פרוי פון מצרים. און אויב דו ווילסט וועל איך מאכען א גרויסען מאלצייט און איינלאדען אלע שעהנע פרויען פון מצרים, און פון זיי וועסטו אויסוועהלען די שעהנסטע וועלכע וועט דיר געפעלען. איך וועל דיר נאך

קומען צו הילף און דו וועסט מיט יענער חתונה האָבן און וועסט זיין גליקליך.

— איך גלויב אַז דו דאַרפסט שוין וויסן אַז מיין האַרץ ציהט מיר נישט צו די פרויען פון מצרים — האָט סרטן איהר געענטפערט.

— דאָס האָסטו זיך אַזוי איינגערעדט, און אויסערדעם האָב איך דען נישט חתונה געהאַט מיט אַ מצרי... דו ווייסט דאָך ווי ווייט פוטיפר איז צו זיין אַ שעהנער מאַן...

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך! פוטיפר'ס גרויסקייט פאַרשיינט אויך זיין פנים... און אין אַ מאַן גלויב איך, זוכט מען ניט קיין שעהנקייט.

— דערפאַר מאַקע זאָג איך אַז דו האָסט אויך אַפילו אַ געלעגענהייט צו קריגען אַ שעהנע פרוי — האָט זליכה געלאַכט.

— און איך זאָג דיר, מיין שוועסטער, — האָט זיך סרטן געפיהלט עטוואָס באַליידיגט, אַז ווי נישט שעהן מיין פנים זאָל נישט אויסקוקען, בין איך נאָך שעהנער פאַר דעם שעהנסטען מאַן אין מצרים.

— וועט דיר מאַקע נישט זיין שווער צו געפינען פאַר זיך אַ פרוי — האָט זליכה געזאָגט.

— הער זיך צו, מיין שוועסטער — האָט סרטן זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאַץ — איך וויל יעצט איין מאָל פאַר אַלע מאָל עפענען פאַר דיר מיין האַרץ און איך האָף אַז דו וועסט מיר געוויס אַרויסהעלפען אין דעם.

— דו ווילסט ווייטער ריידען מיט מיר וועגען אסנת'ן? — האָט זליכה איהם געפרעגט.

— יע, מיין שוועסטער, דו ווייסט דאָך ווי ליעב איך האָב געקראָגען אסנת'ן זינט זי איז אויסגעוואַקסען און זיך ענטוויקעלט אין אַ רייפער פרוי... איך חלום פון איהר טאָג און נאַכט.

— האָב איך דיר נישט פריהער געוואָרענט, אַז דו זאָלסט זיך אסנת'ן אַרויסשלאָגען פון דעם קאָפּ — האָט זליכה זיך אָפּגערופען מיט אַ בייזער שטימע... ווי קומסטו גאָר פון אַזאַ זאַך אפילו צו טראַכטען!... דו ביזט דאָך צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי און אויסער דעם, האָט דיר אסנת נישט ליעב!

— אָסנת האָט מיר נישט ליעב, ווייל זי ווייס ווי דו בעציהסט זיך צו מיר... זי ווייס אַז דו ביזט שטאַרק דאַגעגען איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען... ווען אָבער זי זאָל זיך דערוויסען אַז דו ביזט צופרידען דאַמיט, וואָלט זי זיך אין גאַנצען געענדערט.

— דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהען! אסנת איז צו מיר באַליעבט ווי מיין אַן אייגען קינד, און ווער ווייסט נאָך בעסער ווי איך, אַז דו ביזט איהר נישט ווערטה, ניין דו ביזט נישט ווערטה די שטויב וואָס איז אונטער איהרע פיס...

— ווען אסנת זאָל וויסען ווער זי איז, וואָלט זי זיך אַזוי נישט גרויס-געהאַלטען געגען מיר! — האָט סרטן בייז אַ זאָג געטהאָן — אין דיינע אויגען ווייזט אויס בין איך שטאַרק געפאַלען, אָבער ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי מען בעהאַנדעלט מיך אין פאַלאַץ, ווי פילע פון די געהויבענע פרויען

זיינען גליקליך ווען איך גיב בלויז א שמייכעל צו זיי, וואלסטו שוין אזוי נישט גערעדט...

— איך זאג יעצט נאכאמאל, אז איך וועל קיינמאל נישט דערלאזען, אז דו זאלסט אסנת'ן נעמען פאר דיין פרוי, און אפילו ווען איך זאל שוין יא צושטימען וואלט פוטיפר געווען שטארק דאגעגען... ווייל ער ווייס שוין צופיל פון דיין כאראקטער און פון דיינע מעשים און דו ווייסט דאך ווי טייער אסנת איז ביי איהם.

— ווען פוטיפר זאל וויסען דעם אמת וועגען אסנת'ן, וואלט ער אויך נישט געווען אזוי פאמערליך צוגעבונדען צו איהר... ער מיינט דאך אז זי איז דיין שוועסטער'ס קינד, אבער ווען ער זאל זיך דערוויסען אז איך מיט דיר האבען אסנת'ן אוועקגע'גנב'עט פון יעקב'ס משפחה אין חברון, וואלט ער שוין גאר נישט געווען דאגעגען, אז איך זאל מיט איהר חתונה האבען.

— און דו גלויבסט אז איך וועל זיך פאר דיר דערשרעקען, דו זאלסט פוטיפר'ן נישט דערצעהלען דעם אמת. — זאג איך דיר, סרטן, אז דו מאכסט א גרויסען טעות... איך האב פאר דיר שוין גאר נישט קיין מורא, אויב דו וועסט נישט וויסען ווי צו האלטען דיין צונג, וועסטו נאכהער מעהר חרטה האבען ווי איך... מיר קען עס שוין יעצט גאר נישט שאדען, אבער דיר וועט עס קאסטען טייער.

— איך זאג דען אז איך וועל דערצעהלען — האט סרטן אויסגערופען

— איך פארלאנג בלויז פון דיר איין זאך דו זאלסט ניט זיין דאגעגען, דאן וועל איך שוין אויך קריגען אסנת'ס צושימונג, און נאכהער וועט מיר נישט שווער אנקומען זיך דורכצוזרעדען מיט פוטיפר'ן.

כא, כא, כא! — האט זיך זליכה פארנאנדערגעלאכט — און דו גלויבסט אז דיר וועט געלינגען צו געווינען אסנת'עס הארץ. ווי איך זעה האלסטו פון זיך זעהר שטארק!

— ווען דו וועסט נאר דאגעגען נישט זיין, וועל איך איהר שוין קריגען!

— האט סרטן געזאגט מיט זיכערקייט...

— און דאס וואס דו האסט זיך אמאל ארויסגעוויזען צו זיין א שוואכלינג, א ליגנער און א פאלשער בעריהמער אין איהרע אויגען, דאס וועט דיר נישט שטערען?

— דו קענסט זיך פארלאזען אויף מיר. דו לאז איהר איבער צו מיר און דו וועסט זעהן ווי שנעל איך וועל איהר הארץ געווינען...

— אה, מיין ברודער, ווי שטארק גענארט דו ביזט ביי זיך! — האט זליכה געשאקעלט מיט'ן קאפ — אסנת איז דאך אזוי שעהן אז צו איהר גלייכען אי זשווער צו געפינען, נישט נאר אין מצרים, נאר אויך אין גאנץ כנען. דערצו איז זי יעצט זעהר געבילדעט און קלוג, וועט זי, גלויבסטו צושטימען צו ווערען דיין פרוי? — דו וועסט זיך בלויז נאך מעהר נאריש מאכען אין איהרע אויגען.

— איך בין שוין גארנישט גענארט אין זיך — האט סרטן מיט שטאלץ געזאגט — אזא מאן ווי איך, וועלכער איז א שר האופים ביי פרעה'ן,

וועלכער זעהט דעם קעניג דריי מאָל א טאָג פּנים צו פּנים, בין איך דען נישט גוט און חשוב גענוג פאַר אסנת'ן?

— נישט אין מיינע אויגען און ניט אין אסנת'עס אויגען ביזטו גוט גענוג! — האָט זליכה געשמייכעלט — אָבער אז דו ווילסט זיך ווידער מאַכען צום נאַרען קענסטו עס טהאָן!

— און דו פערשפּרעכסט מיר, ניט צו זיין דאַגעגען?

— אויב דיר וועט געלינגען צו געווינען איהר הארץ און זי וועט קומען צו מיר און זאָגען, אז זי האָט דיר ליב, דאַן זאָג איך דיר צו, אז איך וועל נאָך זעהן אז פּוטיפר זאָל אויך זיין הסכמה געבען...

— אָ, מיין שוועסטער! איז סרטן אויפגעשפּרונגען פון פרייד — דיינע יעצטיגע רייד מאַכען מיר זעהר גליקליך... דו וועסט זעהן ווי שנעל אסנת וועט מיר ליעב בעקומען... און דאַן... דאַן וועסטו נישט זיין דאַגע־גען... איך וועל קענען פריי ריידען מיט אסנת'ן...

— אָבער דו מוזט מיר צוזאָגען, אז דו וועסט נישט וואגען צו טהאָן צו איהר אזוי ווי דאַן, אונטער דעם אייכען בוים.. דו הערסט, דו זאָלסט אפילו נישט מאַכען קיין פערזוך אַרויפצוצווינגען דיין ליעבע אויף איהר, ווייל אויב איך וועל זיך דערוויסען, אז דו האָסט מיט געוואַלד איהר אפילו א קוש געטהאָן, דאַן פערלירסטו יעדע געלעגענהייט אפילו מיט איהר א וואָרט צו ריידען.

— דו קענסט רוהיג זיין, אז איך וועל זיין יעצט אזוי צאַרט ווי מעגליך, איך בין דאָך אזוי גליקליך צו הערען, אז דו שטימסט איין...

— מאַך נישט קיין טעות — האָט זליכה געלאַכט. איך שטים נור דאַן איין, אויב אסנת וועט איינוויליגען צו ווערען דיין פרוי...

— נו, דאָס פאַרשטעהט זיך, אז אָהן אסנת'עס הסכמה וועל איך דאָך נישט קומען בעטען דיין און פּוטיפר'ס צושטימונג, — האָט סרטן געזאָגט.

— אָבער דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען... איך וועל שוין וויסען ווי אזוי צו רעדען מיט איהר און ווי אזוי צו געווינען איהר הארץ... יאָ, ווי באַלד אז איך וועל אומגעשטערטערהייט זיך קענען מיט איהר זעהן צו יעדער צייט, וועט זי שוין געהערען צו מיר!

א גליקליכער איז סרטן אוועק פון זליכה'ן. ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, אז זיין שוועסטער זאָל איהם אזוי שנעל נאָכגעבען. יאָ, אסנת וועט געהערען צו איהם. זי וועט מיט איהם חתונה האָבען און אַי וועלען איהם זיינע פריינט און בעקאַנטע פון פּאַלאַץ מקנא זיין! איבערהויפּט וועט איהם עכבור, פּרעה'ס שר המשקים מקנא זיין, און דאָס וועט זיין א גרויסע נקמה אָן איהם.

סרטן האָט עכבור'ן נישט איבעריגס ליעב געהאַט, כאָטש ער פלעגט מיט איהם זיך בעגעגענען עטליכע מאָל א טאָג. איהם האָט פערדראָסען פאַרוואָס עכבור'ס אמט ביי פּרעה'ן איז א מעהר בכבוד'יגער און א סך גרינגער ווי זיין אמט. אָנצופּילעןדעם קעניג'ס בעכער מיט וויין איז נישט אזא שווערע אַרבייט ווי צו באַקען געבעקס פאַר'ן קעניג. פונדעסטוועגן זעהט ער, אז דער שר המשקים קריגט מעהר כבוד פאַר איהם און נישט נאָר

האָט סרטן עכבור׳ן פיינט געהאַט צוליעב דעם אַליין, נאָר אויך ווייל די דינסטען פון פּאַלאַץ האָבען צום שר המשקים אַרויסגעוויזען מעהר פריינט־ליכקייט ווי צו איהם.

דעם זעלבען טאָג, ווען סרטן האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פּאַלאַץ, האָט ער אויסגערופען צום שר המשקים:

— עכבור, דו קענסט מיר שוין גראַטולירען!

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט איהם דער שר המשקים געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— דאָס שעהנסטע מיידעל פון מצרים, ניין, נישט נאָר פון מצרים, נאָר אויך פון אַלע לענדער, וועט אינגיכען ווערען מיין פרוי.

— און ווער איז זי דאָס? — האָט איהם עכבור געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

— דאָס איז אסנת, מיין שוועסטערס טאָכטער! — האָט זיך אַ גליק־ליכער שמייכעל צעגאָסען איבער זיין רויטען פּנים.

— אָבער ווי איז דאָס מעגליך? — האָט דער שר המשקים אויסגע־רופען מיט אַ שטימע פון קנאה. — ווי איך האָב געהערט, האָט דיך אסנת ליעב פון ווייטען...

— ווער האָט עס דיר אַזעלכע ליגענס דערצעהלט? — האָט סרטן זיך אָפּגערופען מיט כעס. — יענער איז אַ ליגנער!

— איך האָב עס שוין געהערט פון עטליכע פּערזאָן.

— איך ווייס ווער עס האָט דיר אַזאַ ליגען געזאָגט, דאָס איז תדמור. אָבער איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען!

— דו מאַכסט אַ טעות. איך האָב עס געהערט פון איינער פון די דינסטען, וועמעס האַרינטע איז שטאַרק באַפריינדעט מיט זליכה׳ן. זי האָט אונטערגעהערט אַ געשפּרעך, וואָס איהר האַרינטע האָט געהאַט מיט איהר האַר, אַז דו האָסט גרויס חשק צו נעהמען אסנת׳ן פאַר דיין פרוי, אָבער אסנת קען דיין פּנים נישט אָנקוקען.

— אַזוי האָט זי דיר געזאָגט, האַ? נו, וועל איך זיי שוין ציינען, די בייזע צינגער, אַז אסנת וועט געהערען צו מיר!

— כל זמן איך וועל מיט מיינע אויגען נישט זעהן די פייערונג פון דיין חתונה מיט אסנת׳ן, וועל איך דאָס אויך נישט גלויבען — האָט דער שר המשקים געלאַכט — דו האָסט אַזאַ טבע זיך צו באַריהמען און שטאַרק איבערטרייבען וועגען דיינע גליקען.

— און דו מיינסט, אַז אַלע פרויען, וועלכע געפינען זיך אין פּאַלאַץ, זיינען אין דיר פאַרליעבט — האָט זיך סרטן אַ קרום געטהאָן.

— וואָס דען? זיי וועלען זיין פאַרליעבט אין אַזאַ פּאַרזעהעניש ווי דו ביסט! — האָט עכבור זיך מיט איהם אַ רייץ געטהאָן.

דאָס האָט סרטן׳ען זעהר שטאַרק אויפגערעגט. דאָס בלוט האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין פּנים. ער האָט אָבער געשוויגען. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט בכח זיך אָנצופאַנגען מיט דעם שר המשקים. זאָל ער נאָר וואַרטען! — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וועט ער זעהן ווי די שעהנע

אסנת געהערט צו מיר! ער וועט שוין דאן זעהן צי דאָס איז בעריהמעריי אָדער איבערטרייבונג פון מיין זייט.

די גאַנצע נאַכט האָט סרטן געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל רעדען צו דער שעהנער אסנת, ווי אַזוי ער זאָל געווינען איהר הארץ. נאָכבאַלעמען ווייסט ער דאָך, אז ער האָט זיך נאָך דאַן, מיט איינינע יאָהר צוריק, זיך לעכערליך געמאַכט אין איהרע אויגען, ווען ער האָט געמאַכט א פּארזוך איהר א קוש צו טהאָן און דאַן איז געקומען יוסף, דער קנעכט, און האָט נאָך מעהר קאַליע געמאַכט, ער האָט איהם פּשוט פאַרשעהמט. זי האָט אַליין צוגע־זעהן ווי הילפלאָז ער איז געווען געגען יוסף׳ן, ווען ער האָט איהם אַזוי צעשלאָגען, אז ער האָט זיך נישט געקענט פון אָרט ריהרען און ער האָט נאָך געמוזט שווערען ביי די געטער, דאָס ער וועט איהר נישט מעהר באַלעסטיגען... האָט ער דען א רעכט יעצט צו קומען צו איהר? באַלד האָט ער אָבער אַליין געלאַכט פון זיין נארישקייט. וועט ער דען באַלעס־טיגען, ווען ער וועט מיר איהר רעדען וועגען דעם ווי שטאַרק ליעב ער האָט זי?... און וואָס וועט ער טהאָן, אז זי וועט זיך צו איהם נישט וועלען צוהערען? דער געדאַנק האָט איהם שטאַרק באַאומרוהיגט. אויב דאָס זאָל טאַקע אַזוי געשעהן, וועט ער זיין געצוואונגען איהר צו ענטדעקען דעם סוד ווי אַזוי זי קומט צו זליכה׳ן. דאַן וועט שוין דער שטאָלץ פון איהר ארונטער... זי וועט דאָך איינזעהן, אז זי איז נישט די אמת׳ע טאָכטער פון פוטיפר׳ן און וואָס איז דען דער יחוס מיט איהר? און אויסער דעם וועט זי זיין פאַראינטערעסירט צו וויסען מעהר פון זיך און זי וועט איהם פרעגען, דאַן וועט ער האָבען א געלעגנהייט צו זיין מיט איהר אַליין און ביסלעכווייז וועט ער איהר געבען אָנצוהערעניש, אז ער איז גרייט מיט איהר חתונה צו האָבען. ער איז זיכער, אז זי וועט זיך אָנכאַפּען אָן זיין אָנבאָט.

אויף מאָרגען, ווען סרטן איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין באַקען די געבעקס פאַר פּרעה׳ס פּריהשטיק, איז ער אַוועק צו זיין שוועסטער אין הויז. יעצט האָט ער זיך שוין מעהר נישט געדאַרפט פאַרבאָרגען פאַר זליכה׳ן. זי האָט איהם געזאָגט, אז ער קען פריי און אָפען רעדען מיט אסנת׳ן ער וועט שוין נישט דאַרפען געהן צום אייכען בוים. ער וועט מיט איהר קענען רעדען אין הויז.

ווען ער האָט אסנת׳ן דערזעהן, האָט ביי איהם דאָס הארץ אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען שטאַרקער. ווי וואונדערליך שעהן און רייצענד זי איז! באַלד אָבער האָט ער געפאַסט מוטה און איז צו איהר צוגעגאַנגען און זי באַגריסט.

אסנת האָט איהם אויף זיין באַגריסונג געענטפערט מיט א קאַלטען שמייכעל און זי האָט זיך גלייך אָפּגעקעהרט פון איהם.

פון איהר קאַלטקייט און פון די בליקען פון פאַראַכטונג, וואָס זי האָט אויף איהם געוואָרפען, האָט סרטן זיך באַלד ארומגעזעהן, אז פאַר איהם שטעהט פאַר א שווערע אויפגאַבע. אָבער ער מוז זי קריגען פאַר זיין פרוי... זאָל דער שר המשקים נישט האָבען פון וואָס צו לאַכען פון איהם. ער מוז איהם ווייזען ווי וויכטיג און חשוב ער איז!

— אסנת! — האָט סרטן אויסגערופען, ווען זי איז שוין געווען אויף

יענער זייט טיר. — אסנת, איך האָב עפּעס זעהר וויכטיגס מיט דיר צו רעדען.

אסנת איז געבליבען שטעהן. זי האָט איהם א ווײלע באַטראַכט און נאכהער זיך אָפּגערופען:

— איך האָף, אַז עס איז נישט די זעלבע וויכטיגע זאַך, וואָס דו האָסט מיר אמאָל ארויסגערופען צום אייכען בוים...

סרטנ'ס פּנים איז רויט געוואָרען. ער האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— אָ ניין, אסנת, זינט דאָן בין איך צום שכל געקומען, איך וועל שוין מעהר אַזעלכע נארישקייטען נישט באַגעהן. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב גע־שוואוירען דיר מעהר נישט צו באַלעסטיגען און סרטן וועט זיין שבועה צו די געטער נים ברעכען!

— אויב אַזוי, וואָס האָסטו מיר צו זאָגען? — האָט זיך שוין אסנת פאראינטערעסירט.

— קום אַריין און זעץ זיך צו און מיר וועלען זיך דורכרעדען, — האָט סרטן איהר אָנגעוויזען מיט זיין האַנט אויף א פּלאַץ.

— קענסטו עס מיר גלייך נישט זאָגען, אָט דאָ, שטעהענדיג ביי דער טיר? — האָט אסנת איהם געפרעגט.

— דאָס, וואָס איך האָב דיר צו דערצעהלען, איז זעהר וויכטיג פאַר דיר! — האָט סרטן זיך אָפּגערופען מיט א נידעריגער שטימע — און עס איז אונמעגליך פאַר מיר דיר צו זאָגען דאָס שטעהענדיג.

— איך גלויב, אַז דאָס, וואָס דו האָסט מיר צו דערצעהלען, וועט מיך זעהר ווינציג וואָס אינטערעסירען, — האָט אסנת זיך אָפּגערופען. — איך פאַרשטעה דאָך, דו וועסט מיר מסתמא ווייטער נעהמען זאָגען מוכר פאַר־וואָס איך דערלאָז, אַז יוסף זאָל מיט מיר לערנען וועגען זיין גאָט און נאָך אַזעלכע זאַכען. דעריבער גלויב איך, אַז דו קענסט עס אָפּלייגען אויף א צווייטען מאָל.

— אָ ניין, ניין! — האָט סרטן אויסגערופען — דאָס, וואָס איך וויל דיר דערצעהלען, האָט גאָרניט צו טהאָן מיט דעם קנעכט. איך האָב מיט דיר צו רעדען וועגען א זאַך, וואָס געהט דיר פּערזענליך אָן.

— מיר פּערזענליך? — האָט אסנת איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— יאָ, דיר פּערזענליך. עס וועט זיין פאַר דיר גאָר א גרויסע איבער־ראַשונג. קום אַריין אסנת און זעץ זיך דאָ אויף א שטול און איך וועל דיר אַלעם דערצעהלען.

אסנת האָט נאָך א קליינע ווײלע געצעגערט. נאכהער האָט זי געזאָגט:

— גוט, איך וועל אַריינגעהן.

מיט לאַנגזאַמע טריט, וואַרפענדיג א פאַרדעכטיגען בליק אויף סרטנ'ען, איז אָסנת אַריין אין צימער. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער אָנגע־צייגטער שטול און אין דער זעלבער צייט האָט זי געוואָרפען איהרע בליקען אויף דער טיר.

סרטן האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א צווייטער שטול, נישט ווייט פון אסנת'ן.

א ווײַלע זיינען ביידע געבליבען זיצען שווייגענדיג. אסנת האָט גע־נומען אומרוהיג ווערען.

סרטן איז געווען זעהר נערוועז. ער האָט מיט זיינע פינגער געקלאַפּט אין שטול, ער האָט געפינגערט זיינע האָר און האָט געמאַכט עטליכע פּאַר־זוכען אָנצופאַנגען, אָבער מען האָט געקענט זעהן, אז עס קומט איהם אָן גאַנץ שווער.

— נו, פאַרוואָס רעדסטו נישט? — איז שוין אסנת אומגעדולדיג געוואָרען.

— המ... איך... ע... ער... — האָט סרטן גענומען שטאַמלען — דו ווייסט, אסנת, אז איך קען דיר זינט דו ביסט פינף יאָהר אַלט געווען?...

— נו, וואָס איז דאָס פאַר א נייעס? — האָט זי א שמייכעל געטהאָן.

—מיך וואונדערט נאָר, וואָס דו קענסט מיך נישט זינט מיין געבורט, ווייל דו ביסט שוין דאָן אויך געווען אַלט גענוג מיך צו געדענקען...

— ניין, איך האָב דיר צום ערשטען מאָל דערזעהן ווען דו ביזט אַלט געווען אָרום זינף יאָהר! — האָט סרטן געזאָגט.

— וואָס מיינסטו? — האָט איהם אסנת געפרעגט — ביזטו דען די גאַנצע צייט נישט געווען מיט דיין שוועסטער...

— נו, געוויס בין איך מיט איהר געווען די גאַנצע צייט. מיר האָבען זיך זינט אונזערע קינדער יאָהרען איינע פון דעם צווייטען נישט אָפּגעטיילט...

— אויב אזוי, טו ווי איז דאָס מעגליך אז ביז וואַנען איך בין פינף יאָהר אַלט געווען האָסטו מיר נישט געקענט? האָט דען דיר מיין מוטער נישט ערלויבט מיר אָנצוקוקען?...

— דיין מוטער... המ... זי האָט דיר אויך ביז דאָן נישט געקענט...

— וואָס רעדסטו? — האָט זיך אסנת פאַנאַנדערגעלאַכט, ביזט גע־דיהרט פון זינען?!

— איך בין ביים פולען זינען און פערשטאַנד! — האָט סרטן געזאָגט מיט אַן ערנסטע מינע — יע, אסנת איך האָב דיר א גרויסען סוד צו ענטדעקען, מוזטו מיר פאַרשפּרעכען א וואָרט נישט צו ריידען וועגען דעם צו מיין שוועסטער.

—ווי אזוי קען איך דיר פערשפּרעכען אז איך ווייס נישט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ! — האָט אסנת געזאָגט.

— דו וועסט דאָך מיר געוויס פערשטעהן — האָט סרטן געזאָגט — אז מיין שוועסטער האָט עס פון דיר אַלע יאָהרען געהאַלטען פאַרבאָרגען, און מיר אויך שטרענג אָנגעזאָגט דיר נישט צו דערצעהלען און דעריבער וואָלט איך וועלען אז דו זאָלסט מיר פערזיכערען דאָס דו וועסט פאַר איהר נישט זאָגען וואָס איך האָב דיר דערצעהלט.

אסנת נייגעריגקייט איז זעהר שטאַרק געוואָרען... זי האָט מעהר קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטען. זי האָט דעריבער אויסגערופען:

— איך פערשפּרעך דיר! דערצעהל מיר שנעלער וועגען דעם סוד.

— דו דאַרפסט וויסען, אסנת, — האָט סרטן זיך אַריבערגעבויגען צו איהר און מיט אַ נידעריגע שטימע געזאָגט — דו דאַרפסט וויסען אַז דו ביזט נישט קיין ריכטיגע טאָכטער פון זליכה׳ן און פּוטיפר...

אסנת איז אַ טויט־בלאַסע געבליבען זיצען אויף איהר פּלאַץ... איהרע אויגען האָבען זיך גענומען דרעהען... זי איז שיער אין חלשות נישט געפאַלען.

סרטן האָט געזעהן דעם אונרוהיגען אויסזעהן פון אסנת׳ן און ער האָט איהר געבראַכט אַביסעל וואַסער און ער האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען זי האָט זיך בערוהיגט...

ווען אסנת איז צו זיך געקומען, האָט זי אויף סרטנ׳ען גענומען קוקען מיט בעטענדיגע בליקען, ער זאָל איהר ווייטער דערצעהלען.

סרטן, אָבער האָט געזעהן דעם אונגעהויער גרויסען איינדרוק וואָס זיינע ווערטער האָבען איוף איהר געמאַכט, און האָט דעריבער געשוויגען...

— אָבער אויב אַזוי טו ווי קום איך צו זיי! — האָט אסנת איהם געפרעגט טימ אַ ציטערענדע שטימע.

— דאָ ליגט איינגעהילט אַ גרויסע געהיימנים! — האָט סרטן געזאָגט — אָבער וועגען דעם וועל איך מיט דיר אַן אַנדערש מאָל ריידען. איין זאַך וויל איך דיר זאָגען אַז דו ביזט צו מיין שוועסטער און פּוטיפר׳ן אַ ווילד פרעמדע, אָבער פּוטיפר דענקט אַז דו ביזט זליכה׳ס אַ פּלעמעניצע... אַזוי האָט זי איהם געזאָגט, ווען זי איז מיט דיר געבראַכט געוואָרען אין זיין הויז...

— אַ איך בעט דיר סרטן, דערצעהל מיר אַלעס וואָס דו ווייסט פון מיר! — האָט זיך אסנת גענומען ביי איהם בעטען און איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך ווי אין קאַנוואַלסיען געוואָרפען — דו מוזט מיר אַלעס דערצעהלען!

— יעצט איז פאַר מיר אוממעגליך דאָס צו טהאָן! — האָט סרטן געזאָגט אָבער איך וועל זיך מיט דיר אין גיכען נאָך אַמאָל זעהן וועל איך דיר נאָך עפּעס דערצעהלען פון זיך.

— אָבער סרטן זאָג דאָך מיר ווי אַזוי קום איך צו מיין מו... איך מיין צו דיין שוועסטער! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען.

— דו מעגסט איהר אפילו יעצט רופען מוטער! — האָט סרטן אַ שמייכעל געטהאָן — ווייל איז זי דיען צו דיר די גאַנצע צייט נישט געווען ווי אַ מוטער? זי האָט דיר ליעב געהאַט און זי ליעבט דיר נאָך יעצט אויך ווי איהר אייגען טאָכטער...

—אָבער ווער בין איך און ווי אַזוי קום איך צו איהר?... אַ סרטן דו האָסט מיר אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען און יעצט ווילסטו נישט פערענדיגען... איך בעט דיר נאָך אַמאָל, ב׳וועל דיזען חסד פון דיר קיין מאָל נישט פערגעסען... דערצעהל מיר אַלעס וואָס דו ווייסט.

— אַלעס מיט איינמאָל קען איך דיר נישט דערצעהלען! — האָט סרטן אויסגערופען — אָבער אויף אַזוי פיעל קען איך דיר זאָגען אַז דו שטאַמסט

פון כנען און ווען איך און מיין שוועסטער און דו זיינען אנגעקומען אין מצרים ביזטו בלויז פינף יאהר אלט געווען...

— און ווי אזוי קום איך אין פוטיפר׳ס הויז? — האט אסנת איהם ווידער גענומען פרעגען?

— דאס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך — האט סרטן א שמייכעל געטהאן — דו קומסט אהער דורך מיין שוועסטער. ווען פוטיפר האט חתונה געהאט מיט זליכה׳ן האט זי איהם דערצעהלט אזוי ווי איהר שוועס־טער איז געשטארבען און אז דו ביזט געבליבען א יתומה אהן א פאטער און מוטער, האט זי דיר צוגענומען צו ערציהען און דאן האט פוטיפר דיר אנגענומען פאר זיין קינד און דו ביזט געווארען אויך זיין טאכטער...

— און אין אמת׳ן בין איך נישט אפילו איהר פלימעניצע! — האט אסנת איהם געפרעגט.

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט אז דו ביזט צו זליכה׳ן גאר א ווילד פרעמדע...

— און דו ווייסט ווי אזוי איך קום צו דיין שוועסטער? — האט אסנת געזאגט מיט א צעוועהטאגטע הארץ.

— נו, געווים! — האט סרטן מיט שטאלץ געזאגט — מיר זיינען דאך אלע דריי אנגעקומען אין מצרים...

אסנת האט איהם אנגעקוקט און א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.

— ווען איך און זליכה זיינען אנגעקומען מיט דיר אין מצרים, פון כנען, איז דאן אין דיזער שטאדט צוען, געווען זעהר א גרויסער יום טוב, פרעה׳ס פרוי האט איהם א יורש געבארען און דאס גאנצע לאנד האט גע־פייערט די שמחה... מיר זיינען אנגעקומען אין דער צייט ווען דער געיעג פון פערד און רייטוועגען איז פארגעקומען אין צוען... איר און מיין שוועסטער זיינען געווען שטארק פעראינטערעסירט צו זעהן דעם געיעג און מיר האבען זיך אוועקגעשטעלט צווישען דעם גאנצען המון צושויער און צוגעקוקט... די פערד און וועגענער האבען זיך געיאגט ווי טייוואלים... פלוצלונג האט זליכה בעמערקט, ווי דו האסט גענומען איבערגעהן דעם וועג... זי איז געווען אזוי פערטהאן אין צוקוקען אז זי האט גארנישט געפיהלט ווי דו האסט אפגעלאזען איהר האנט און גענומען אליין וואנדערען איבער דעם געפעהרליכען וועג... ווען דו ביזט געווען שוין אויף מיטען וועג, האט זליכה דיר בעמערקט... און דא קומט אן מיט פולען אימפעט א פערד און רייטוואגען, וועלכער איז געלאפען שנעל פאראוים פון די איבעריגע... ווי זליכה האט עס בעמערקט האט זי זיך שנעל אוועקגעלאזען דיר אנכאפען און ראטעווען פון א זיכערען טויט... און פלוצלונג איז זי אויך אומגע־פאלען. דער פערד און רייטוואגען האט זיך שנעל אפגעשטעלט... נעבען זליכה׳ן און דיר... עס איז געווען בלויז א טריט צווישען איהר און די רעדער פון דעם רייט־וואגען... אלע האבען זיך געוואונדערט, ווי אזוי דער אנטייל נעהמער איז געיעג האט אזוישנעל געקענט אפשטעלען זיין לויפענדען פערד, וועלכער האט זיך געטראגען ווי א ווינד... איך בין אויך דאן צוגעלאפען... איך האב שוין געמיינט אז איהר זייט בײדע אויף טויט צוטראטען געווארען

פון דעם פּערד און די רעדער... אָבער געלויבט זיינען די געטער... אייך האָט ביידען נישט געשאַדט... דער טרייבער פון פּערד איז געווען פּוטיפר... ער האָט גלייך אונז אַלעמען אָבגעפיהרט צו זיך אהיים... און דערזעהענדיג ווי שעהן מיין שוועסטער איז געוועז, האָט ער זיך אין איהר פערליעבט און מיט איהר חתונה געהאַט... און מיר האָט ער רעקאָמענדירט צו פּרעה'ן אַלס זיין שר האופים... זינט דאַן בין איך שטאַרק געשטיגען אין פּרעה'ס אויגען... איך זעה זיך מיט דעם קעניג פּנים צו פּנים דריי מאָל יעדען טאָג... און פיעלע מאָל רעדט צו מיר פּרעה און אפילו אין די אויגען פון דער קעניגין האָב איך אויך נושא חן געווען... יע, אסנת ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי שטאַרק מען רעכענט זיך מיט מיר אין פּאַלאַץ, דאַן וואָלסטו אויך געהאַט צו מיר אַן אַנדער בעציהונג... נישט איינמאָל האָט פּרעה געלויבט מיינע געבעקס... און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט אַז אין פּרעה'ס אויגען שטעה איך אַ סך העכער אפילו פון שר המשקים...

אסנת איז געווען אַזוי ערשיטערט און צוטומעלט פון אַלעס וואָס זי האָט נאָר וואָס געהערט פון סרטן אַז זי האָט זיינע לעצטע ווערטער וועגען זיין בעריהמערייען אפילו נישט געהערט...

סרטן האָט געזעהן, אַז אסנת לאָזט איהם ריידען, האָט ער נאָך גע־קראָגען מיהר מוטה און פאָרטגעזעצט:

— איך בין גאַנץ רייך... איך בעקום זעהר אַ גרויסען געהאַלט ביי דעם קעניג... און דאָס גאַנצע געלט האָב איך אָפּגעשפּאָרט... איך וועל זיך בויען אַ פיינע הויז אַזוי ווי פּוטיפר'ס נישט ווייט פון פּאַלאַץ און גליקליך וועט זיין די פרוי וועלכע וועט מיט מיר חתונה האָבען...

יע, אסנת ווען דו וואָלסט געוואוסט וויפיעל איך טראַכט פון דיר... זינט דו ביזט אונטערגעוואַקסען, האָב איך פון דיר נישט אויפגעהערט צו טראַכטען... און כאָטש איך ווייס דאָך די גאַנצע צייט ווער דו ביזט, און ווי אַזוי דו קומסט צו זליכה'ן, האָב איך דיר נישט אויפגעהערט ליעב צו האָבען... נישקשה אסנת דו דאַרפסט ביי זיך נישט זיין געפאַלען אפילו ווען דו ביזט נישט די ריכטיגע טאָכטער פון פּוטיפר'ן און זליכה'ן, ביי מיר ביזטו די זעלבע, און ווען דו וועסט מיר נאָר דיין צושטימונג געבען, וועל איך מיט דיר באַלד חתונה האָבען... דו ווייסט דאָך אַז איך זאָל וועלען, וואָלט איך געקענט קריגען די שעהנסטע און רייכסטע פרוי פון מצרים... די פרויען שעצען זיך גליקליך ווען איך רייד אויס צו זיי אַ וואָרט... אָבער איך האָב ליעב בלויז דיר !...

אסנת איז געווען אַזוי נייגעריג צו וויסען דעם גאַנצען געהיימנים וועגען זיך, אַז זי האָט סרטן געלאָזט אויסריידען זיין האַרץ און האָט איהם גאָרנישט געשטערט... זי האָט געוואוסט, אַז ווען זי זאָל איהם יעצט ציינגען ווי לעבערליך ער מאַכט זיך אין איהרע אויגען מיט זיינע נאַרישע רייד... וועט ער אויף איהר נאָך אין כעס ווערען און איהר מעהר נישט וועלען דערצעהלען וועגען דעם גרויסען סוד וואָס הילט איהר אַרום...

— אַ אסנת ווען דו וואָלסט געוואוסט וויפיעל שלאָפלאָזע נעכט איך האָב פערבראַכט טראַכטענדיג פון דיר... און ווען איך האָב געזעהן אַז די

ערוויטערסט זיך פון מיר, האָט עס מיר שטאַרק גענומען קרענקען... איך האָב געמיינט אַז דער קנעכט יוסף בעאיינפלוסט דיר געגען מיר און דעריבער האָב איך אויף איהם געטראָגען אַזאַ גרויסע שנאה ביז יעצט... אָבער ווען דו וועסט ווערען מיין פרוי, פערזיכער איך דיר אַז איך וועל גאַרנישט האָבען דאַגעגען, דער קנעכט זאָל מיט דיר לערנען....

אויף אסנת ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ ביטערער שמייכעל... אויפ'ן הארצען איז איהר געוואָרען זעהר אומעטיג. זי האָט זיך פּלוצלונג דערפיהלט אַזוי עלענד אַזוי איינזאַם... עפּעס איז איהר אַלעס געוואָרען אַזוי פרעמד. און סרטן איז נאָך מעהר געוואָרען דערווידער... זי האָסט איהם אַזוי שטאַרק דעם פּוסטען בעריהמער... אָבער זי טאָר מיט איהם יעצט אין גאַנצען נישט אָבברעכען... זי מוז פון איהם אַלעס הערען... און דאַן וועט זי שוין וויסען וואָס זי האָט צו טהאָן.

סרטן האָט איהר שווייגען אָנגענומען פאַר אַ צייכען אַז זי שטימט צו... און ער האָט שוין גענומען קריגען מעהר מוטה. ער איז צו איהר נעהענטער צוגעגאַנגען און איהר אָנגענומען פאַר איהר האַנט...

אסנת האָט גלייך אַרויסגעצויגען איהר האַנט פון זיינע.

— דו דאַרפסט נישט פערגעסען דיין שבועה — האָט זי איהם דערמאָהנט.

— אָבער יעצט איז דאָך אַלעס אַנדערש! האָט סרטן אויסגערופען. יעצט האָסטו דאָך מיר ליעב... נישט אַזוי אסנת?...

— איך קען דיר יעצט גאַרנישט זאָגען — האָט אסנת איהם געענט־פערט, אָבער ווען איך וועל פון דיר הערען אַלע איינצעלהייטען וועגען מיר, דאַן וועל איך וויסען וואו איך האַלט אין דער וועלט...

— גוט! — האָט סרטן אויסגערופען מיט אַ פרעהליכען פּנים — איך וועל דיר אין איינינגע טעג אַרום אַלעס דערצעהלען ווייל דו ווייסט נישט ווי אומגעדולדיג איך בין צו הערען פון דיר אַז דו האָסט מיר אויך ליעב... נאָך מעהר אומגעדולדיג און נייגעריג ווי דו ביזט צו הערען פון מיר וואָס איך האָב דיר ווייטער צו דערצעהלען.

— דו וועסט מיר אַלעס דערצעהלען אין איינינגע טעג אַרום? — האָט אסנת ווידערהאָלט זיינע לעצטע ווערטער.

— געוויס! דערווייל זיי רוהיג און דו דאַרפסט געדענקען, אַז איך וועל דיר קיינמאָל נישט פערלאָזען, אפילו ווען אַלע וועלען זיך פון דיר אָפּקעהרען...

סרטן איז אַרויסגעגאַנגען און אסנת איז אַריין אין איהר צימער, זיך אַוועקגעלעגט אין איהר בעט און זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט.

לאַנג איז אסנת אַזוי געלעגען אין איהר בעט... וואָס פאַר אַ גרויסע ענדערונג סאַרטן'ס עטליכע ווערטער האָבען אָנגעמאַכט אין איהר לעבען... הייסט עס אַז זי איז נישט איהר מוטער און פּוטיפר איז נישט איהר פאָטער... זי איז אויך נישט אפילו פון איהר משפחה... זי איז אַ ווילד פרעמדע... ווער איז זי דען, פון וואַנען שטאַמט זי? ווי אַזוי קומט זי צו זליכה'ן?... ווער זיינען איהרע עלטערען, פון וועלכער שטאָדט קומט זי?... אָט די אַלע גע־

דאַנקען האָבען זיך איהר גענומען פלאָנטערען אין מוח... וואָס זאָל זי יעצט טהאָן? זאָל זי דערצעהלען איהר „מוטער" אז זי ווייס שוין פון אַלעם... און וואָס וועט ווייטער זיין? קען זי דען ביי איהר פערלאַנגען זי זאָל איהר ענטדעקען דעם סוד... ניין, איהר „מוטער" טאָר דערווייליע דערפון גאָר נישט וויסען... זי האָט דאָך פערשפּראָכען סרטנ׳ען איהר נישט צו דערצעהלען... מעגליך אז אין עטליכע טעג וועט ער איהר דאָס איבעריגע דערצעהלען, דאַן אַז זי וועט מעהר איינצעלהייטען וועגען זיך וויסען... אויף איהרע געדאַנקען זיינען גענומען אַרויפקומען די אַלע גליקליכע יאָהרען וואָס זי האָט פערבראַכט אין דיעזען הויז... זי האָט גאָר קיין מאָל נישט קיין אַהנונג געהאַט אַז זי איז אַ פרעמדע... זליכה האָט איהר אַרויסגע־ציינט אַזוי פיעל צערטליכקייט און מוטער ליעבע און אויך פּוטיפר האָט איהר ליעב געהאַט... זי געדענקט נאָך ווען זי איז גאַנץ יונג געוועז, פלעגט זי זיצען אויף פּוטיפר׳ס שוים, און ער פלעגט מיט איהר ריידען וועגען דער גרויסקייט פון די געטער פון מצרים. ער פלעגט איהר דערצעהלען גרויסע וואונדער וואָס די געטער האָבען געטהאָן אין דער צייט וואָס ער איז געוועזן פריסטער אין „און"... און זי, איהר מוטער האָט געטהאָן אַלעס איהר צופריע־דענצושטעלען... זי האָט אפילו אַנגעשטעלט יוסף׳ן ער זאָל מיט איהר לערנען... ווען זי דערמאָהנט זיך פון יוסף׳ן געהט דורך אַן אנגענעהמער געפיהל איבער איהר קערפּער... און מערקווירדיג: אין מיטען פון איהר גרויסען צער און וועהטאָג וואָס די נייעס האָט היינט איהר פערשאַפט גיט אַ צאַפּעל איהר האַרץ פון פרייד... אפשר וועט דאָס גאָר זיין אַ גליק פאַר איהר... יעצט אַז זי איז נישט די טאָכטער פון פּוטיפר׳ן, וועט פיעלייכט איהר ליעבע צו יוסף׳ן קענען פערווירקליכט ווערען... וועט עס דען נשט זיין פאַר איהר דאָס גרעסטע גליק... פריהער האָט זי גאָר מורא געהאַט צו טראַכטען וועגען דעם... זי האָט געוואוסט אַז דאָס איז אומ־מעגליך... איהרע עלטערען וועלען דאָך נישט דערלאָזען זי זאָל חתונה האָבען מיט אַ קנעכט... אפילו ווען זיי וואָלטען דעם אמת געוואוסט וועגען יוסף׳ן אַז ער איז נישט קיין קנעכט, און אַז ער שטאַמט פון אַזאַ חשוב׳ע משפחה אין כנען... וואָלטען זיי אויך קיינמאָל נישט איינגעשטימט דערצו... אָבער יעצט אַז זי איז נישט זייער טאָכטער, וועלען זיי שוין שטאַרק נישט האָבען דאַגעגען... זי וועט היינט מוזען דערצעהלען יוסף׳ן וועגען דער ענדערונג. מיט איהם וועט זי זיך אויך בעראַטען וואָס ווייטער צו טהאָן... ער וועט איהר געבען די ריכטיגע עצה... ער איז דאָך אַזוי קלוג...

אסנת האָט זיך גלייך אויפגעהויבען פון איהר בעטעל, זי האָט זיך אַרומגעוואַשען און אומגעביטען איהרע קליידער און געוואַרט אויף דער צייט ווען יוסף וועט אַנפאַנגען מיט איהר צו לערנען... זי האָט בלויז גע־וואונשען אַז איהר „מוטער" זאָל דערווייל נישט אַנקומען, וועט זי קענען ריידען מיט יוסף׳ן אומגעשטערט.

גראַדע יענעם טאָג איז יוסף געוועזן שטאַרק פערנומען, זליכה האָט עפּעס נישט געפיהלט אַזוי גוט און זי האָט געשיקט נאָך יוסף׳ן ער זאָל איהר אונטערהאַלטען מיט זיינע שעהנע געשיכטעס... יוסף איז געזעסען

אין זליכה'ס צימער ווי אויף גליהענדע קוילען... ווען ווען זי איהם שוין הייסען געהן... ער האט געזאלט היינט לערנען מיט אסנת'ן און יעצט איז שוין באלד אבענד און זליכה נעמט פון איהם איהרע אויגען נישט ארונטער. זי שטעכט איהם דורך מיט איהרע דורכדרינגענדע בליקען...

— יוסף, קום אהער צו מיר! — האט זליכה איהם בעפוילען מיט א צערטליכע שטימע — קום צו נעהענטער, זעץ זיך אט דא, נעבען מיר...

יוסף איז נישט ווילענדיג צוגעגאנגען און איז געבליבען שטעהן נעבען דער זאפא אויף וועלכע זליכה איז געלעגען...

— זעץ זיך דא אויף דעם בארען נעבען מיר! — האט זי ווידערהאלט איהרע ווערטער.

יוסף האט ארונטערגעלאזען די אויגען און זיך געזעצט אויף דעם בארען...

— יוסף, קיק מיר אריין אין די אויגען! — האט זליכה זיך פלוצלונג אפגערופען...

יוסף האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, אבער ער האט געקוקט אין אן אנדער ריכטונג...

— פארוואס האסטו מורא צו קוקען מיר גלייך אין די אויגען — האט זי זיך אפגערופען און איהר פנים האט גענומען פלאמען...

יוסף האט א בליק געטהאן אויף איהר...

נו, וואס זעהסטו דארטען? — האט זי איהם געפרעגט.

יוסף איז געבליבען זיצען א צוטומעלטער און איבערשראקענער, עפעס איז זי אזוי מאדנע... ער פערשטעהט איהר גארנישט... זי האט די לעצטע צייט זיך גענומען אויפפיהרען אזוי משונה'דיג אבער היינט איז עס נאך צו איהם מעהר אומפערשטענדליך...

— פארוואס ענטפערסטו מיר נישט, יוסף? — האט זליכה איהם ווייטער געפרעגט — זאג מיר, וואס זעהסטו דארטען, אין מיינע אויגען?...

— הם... איך ער... איך זעה גארנישט!

— כא, כא! כא! — האט זיך זליכה שטארק פאנאנדערגעלאכט. ביזטו דען בלינד, יוסף, זעהסטו דען נישט אז איך בעזיץ די שעהנסטע פאר אויגען אין גאנץ מצרים? נישט אמת, זאג מיר יוסף?...

יוסף האט זיך געדרעהט און געקארטשעט... ער האט זיך געפיהלט אזוי אונאנגענעהם פון איהרע ווערטער און ער האט נישט געוואוסט וואס צו ענט־פערען...

זליכה האט געזעהן זיין פארלעגענהייט און זי האט זיך צו איהם אפגע־רופען מיט א שמייכעל:

— דוכט זיך אז דו האסט דאך אזעלכע שעהנע און קלארע אויגען און דו קענסט נישט זעהן מיינע אויגען...

זי האט גענומען דורכפיהרען איהר האנט דורך זיינע געקרייזעלטע האר...

א ציטער איז דורכגעלאפען יוסף'ס קערפער, ער האט זיך גלייך אויפ־געשטעלט פון פלאץ...

— מיין הארינטע. ענטשולדיג מיר, אבער מיר דוכט זיך אז מיין הארינטע פיהלט זיך נישט גוט... זאל איך שיקען רופען דעם רופא?

— אָ, יוסף, יוסף! ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט וואָס ביי מיר אין הארצען טוט זיך... יוסף, איך האָב דאָך דיך אזוי ליעב!... ווי הימעלשע מוזיק קלינגט אין מיינע אויערען דיין שטימע... ווען דו געפינסט זיך נעבען מיר, דאַן פעהלט מיר קיין זאך נישט — דאַן בין איך גליקליך...

— אָה, מיין הארינטע! — איז יוסף טויט בלאַס געוואָרען, פארוואָס זאָל מיין הארינטע ריידען אזוי צו איהר קנעכט... מיין הארינטע, קען איך יעצט געהן?

— דו איילסט זיך יוסף... גוט, געה יעצט!

יוסף האָט שנעל פערלאָזען איהר צימער... ער איז געווען אזוי צושראָקען און צו רודערט, אז ער האָט גאָרנישט בעמערקט וואָס ארום איהם טוט זיך... וואָס האָט פּאַסירט מיט זליכה'ן?... זי איז ווירקליך נישט געזונט! — האָט ער זיך געטראכט און גענומען שפּאַנען אין זיין צימער הין און צוריק... וואָס זאָל עס אַלעס בעדייטען? פארוואָס האָט זי יעצט צו איהם אזוי גערעדט... מעגליך אז זי האָט עס געטריבען שפּאַס מיט איהם... זי האָט פּרובירט חוזק מאַכען פון איהר קנעכט... אָבער ניין, ער האָט בעמערקט ווי איהר פּנים האָט געפלאַמט און איהרע אויגען האָבען געגליהט ווי ברענענדע קוילען... ווען זי האָט איהרע פינגער דורך זיינע האָר דורכגעפיהרט האָט ער געקענט פיהלען ווי זיי ציטערען...

אזוי פערטיעפט איז יוסף געווען אין זיינע מחשבות אז ער האָט גאָר־נישט געהערט ווי אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיהר...

דאָס קלאַפּען האָט זיך עטליכע מאָל ווידערהאָלט ביז וואַנען יוסף האָט עס דערהערט און האָט די טיהר געפענט און דערזעהן די אדומית.

— מיין הארינטע אסנת האָט מיר געשיקט פרעגען די אורזאַכע וואָס דו ביזט נישט געקומען צו דער בעשטימטער צייט מיט איהר צו לערנען — האָט די אדומית געזאָגט...

— אָ, איך בין געווען שטאַרק פערנומען — האָט יוסף געענטפערט.

— אסנת האָט מיר אויך געבעטען דיר איבערצוגעבען, אז אויב דו האָסט יעצט צייט, וועט פאַר איהר אויך נישט זיין צו שפּעט — האָט זי ווידער געזאָגט.

— גוט! — האָט יוסף געענטפערט — דו קענסט איבערגעבען דיין הארינטע אסנת'ן, אז איך וועל באַלד צוקומען.

די אדומית האָט זיך פערנייגט און איז ארויסגעגאַנגען. יוסף האָט צו־רעכט געמאַכט זיינע האָר און איז באַלד אריין אין צימער וואו ער פלעגט לערנען מיט אסנת'ן. דאָרטען האָט ער שוין אסנת'ן געטראָפען. ער האָט איהר בעגריסט מיט א ליבליכען שמייכעל, און האָט זיך פאַר איהר ענט־שולדיגט.

יוסף האָט גלייך בעמערקט אַן אסנת'ס פּנים אז עפּעס האָט מיט איהר פּאַסירט.. אָבער זיינע אייגענע נערוועז זיינען געווען אזוי צעשרויפט, אז ער האָט בעשלאָסען איהר גאָר נישט צו פרעגען. ער האָט מיט איהר אָנגע־פאַנגען צו לערנען, אָבער ער האָט געזעהן אז זי איז יעצט גאָרנישט אויפגע־

לעגט דערצו און איהם האָט זיך שטאַרק געוואונדערט פאַר וואָס זי האָט נאָך איהם געשיקט.

— פיהלסטו זיך נישט גוט — האָט יוסף פּלוצלונג איהר אַ פרעג גע־טהאָן...

— אָה, האָט אסנת אַ זיפץ געטהאָן און יוסף האָט זיך נאָך מעהר דער־שראָקען.

— איך בעט דיך אסנת, דערצעהל מיר וואָס עס דריקט דיר אויפ'ן הארצען — האָט יוסף איהר אריינגעקוקט אין די אויגען — האָב איך דיר דען נישט דערצעהלט פון זיך ?...

— איך האָב דיר זעהר פיעל צו דערצעהלען, יוסף, אָבער יעצט בין איך אזוי צוטומעלט, אז איך ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר... מיין קאָפּ דרעהט מיר...

— דו ביזט נישט געזונט ! — האָט יוסף אויסגערופען — איך וועל גלייך שיקען נאָך דעם רופא.

— אַ, ניין יוסף, עס איז נישט נויטיג... איך וועל זיך דורך דער נאַכט אויסרוהען און אויף מאָרגען, וועל איך דיר אַלעם דערצעהלען.

— ווי איך זעה, האָט עפּעס פּאַסירט היינט מיט דיר, אסנת, און דאָס בעאונרוהיגט מיך זעהר שטאַרק... האָט דען פיליכט סרטן ווידער אַ האַנט אין דעם ?...

— יע, סרטן האָט אין דעם אַ האַנט, אָבער עס איז יעצט אין גאַנצען אַנדערש... ער האָט מיר ענטדעקט אַ סוד וועגען זיך, אז דאָס האָט מיך אינגאַנצען אויפגערודערט...

— אָבער דו ווייסט דאָך, אז סרטן איז אַ ליגנער און דו דאַרפסט נישט שענקען קיין אויפמערקזאַנקייט צו זיינע רייד...

— דיזען מאָל האָט ער מיר דעם אמת דערצעהלט. מאָרגען וועל איך דיר אַלץ זאָגען...

אסנת איז צוריק אריין צו זיך אין צימער און יוסף האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג.

יוסף האָט פערשטאַנען פון אסנת'ס רייד, אז עפּעס וויכטיגעס האָט פּאַסירט אין איהר לעבען... סרטן האָט איהר ענטדעקט אַ סוד, וואָס האָט איהר שטאַרק איבערראַשט... ער האָט זיך באַלד אַנגעשטויסען, אז סרטן האָט איהר געוויס דערצעהלט, דאָס זי איז נישט די ריכטיגע טאָכטער פון זליכה'ן און זי איז בלויז אַ טאָכטער פון זליכה'ס אַ שוועסטער... יע, ער האָט עס שוין לאַנג געהערט, אָבער ער האָט געוואוסט, אז ס'איז דער פערלאַנג פון פּוטיפר'ן און זליכה'ן, דאָס אסנת זאָל דערפון נישט וויסען... איהם האָט אמאָל דער גאַנץ אַלטער קנעכט, וועלכער האָט געדיענט פּוטיפר'ן איידער ער האָט חתונה געהאַט אנפערטרויט דעם סוד... אָבער ער האָט געוואוסט, אז אסנת איז פערדעכענט פאַר זייער אייגענער טאָכטער... און יעצט איז געקומען דער אומווירדיגער סרטן און האָט איהר אַלעם דערצעהלט... ער האָט איהר זיכער פאַרשאַפט שמערצען דערמיט. ווייל זי איז דאָך געווען אזוי

גליקליך, זי ליעבט איהרע עלטערען און זי וואָלט זיכער קיינמאָל נישט דער־צעהלט.

ויף מאָרגען, ווען יוסף האָט געלערענט מיט אסנת'ן און ווען זליכה איז דערביי נישט געווען, האָט זיך אסנת צו איהם אָפּגערופען:

— ווען דו וואָלסט וויסען יוסף וואָס פאר אן ענדערונג אין מיין לעבען סרטן'ס ווערטער האָבען געמאַכט, וואָלסטו געקענט פערשטעהן פארוואָס איך בין געזעסען אזוי צוזאמענגעדריקט. אז איך האָב דיר נישט געקענט דערצעהלען. יעצט, אז איך האָב זיך בערוהיגט, בין איך געגרייט דיר צו דערצעהלען אזא זאך וואָס וועט דיך שטארק איבערראשען.

— דו מיינסט, אָט דאָס וואָס סרטן האָט דיר דערצעהלט? — האָט איהר יוסף געפרעגט.

— יע, האָט אסנת געזאָגט מיט אַ נידעריגע שטימע — איך האָב איהם, אפילו פערשפּראָכען פאר קיינעם נישט צו דערצעהלען, אָבער פאר דיר וועל איך דאָך קיין פערבאָרגענעס נישט האַלטען... זיי וויסען יוסף, אז איך בין נישט די ריכטיגע טאָכטער פון פוטיפר'ן און זליכה'ן!

יוסף האָט געשוויגען. ער האָט נישט ארויסגעצייגט קיין שום איבעררא־שונג. דאָס אָבער האָט אסנת'ן גאַנץ געשטוינט און זי האָט זיך אָפּגערופען:

— ווי איך זעה יוסף, האָט דאָס אויף דיר קיין שום ווירקונג נישט גע־מאַכט, און איך האָב געגלויבט, אז דו...

— איך האָב דאָס שוין לאַנג געוואוסט! — האָט יוסף זיך צו איהר אָפּגערופען — מיר האָט דאָס דער אַלטער קנעכט אמאָל דערצעהלט.

— און דו האָסט מיר די גאַנצע צייט פון דעם קיין וואָרט נישט געזאָגט — האָט איהם אסנת געפרעגט.

— ערשטענס האָב איך נישט געוואוסט, אויב דער אַלטער דערצעהלט דעם גאַנצען אמת און צווייטענס ווען דאָס וואָלט געווען אמת, זעה איך נישט איין פארוואָס מען זאָל דיר אומזיסט אזוי פיעל שמערצען פערשאַפען.

— און וואָס האָסטו וועגען מיר געהערט פון דעם אַלטען קנעכט? — האָט איהם אסנת אומגעדולדיג געפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט ווארשיינליך דאָס זעלבע וואָס סרטן האָט דיר דערצעהלט. ער האָט מיר געזאָגט, אז דו ביזט נישט די טאָכטער פון זליכה'ן, אָבער אז דו ביזט איהר פּלימעניצע...

— דאָס איז אויך נישט ריכטיג! — האָט אסנת אויסגערופען — איך בין אַ ווילד פרעמדע צו זליכה'ן, איך קום אפילו נישט פון זייער משפחה...

— אויב אזוי, טו ווי קומסטו צו זליכה'ן? — האָט יוסף איהר אָנגע־קוקט.

— אָט דאָס ווייס איך נאָך נישט! — האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ טרויעריגען בליק — סרטן האָט מיר פערשפּראָכען עס צו דערצעהלען אין עטליכע טעג ארום... און איך וואַרט שוין מיט גרוים אומגעדולד צו הערען פון איהם דעם גאַנצען סוד...

אויף יוסף'ן האָבען איהרע לעצטע ווערטער געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען רושם, הייסט עס אז זי בעלאַנגט גאָר נישט צו זליכה'ס משפחה, זי איז אין

גאנצען פרעמד צו איהר... ער האט גלייך דאך איינגעזעהן, אז זי האט קיין שום עהנליכקייט צו זליכה'ן... אבער ווער איז זי אט די וואונדערשעהנע אסנת, וועלכע דערמאהנט איהם אזוי שטארק אן זיין שוועסטער דינה'ן? — האט יוסף געגומען טראכטען.

— וועסטו מיר אויך אלעס דערצעהלען — האט איהר יוסף געפרעגט.

— געוויס! — האט איהם אסנת געענטפערט — אבער איך ווייס יעצט נישט ווי אזוי איך זאל האנדלען מיט מיינע עלטערען... זיי טארען אפילו נישט פערדעכטיגען, אז איך ווייס פון דעם... און מיר וועט זיין אזוי שווער אנצוגעהן אין דיזען הויז ווי פריהער.

— און איך גלויב, אסנת, אז דו דארפסט גארנישט ענדערען פון דעם גאנג פון דיין לעבען, נאך אלעמען זיינען זיי דען ניט אזוי גוט צו דיר ווי ריכ־טיגע עלטערען, דו ביזט זיי אזוי טייער ווי אן אייגענע טאכטער, און דאס דארף צו דיר יעצט קיין גרויסער אונטערשיעד נישט מאכען.

— יע, ווען איך וואלט אמוועניגסטען געוואוסט, ווער מיינע ריכטיגע עלטערען זיינען... וואלט איך זיך ווי עס איז געקענט בערוהיגען — האט אסנת געזאגט, — אבער ווי איך פערשטעה איז אין דעם איינגעהילט א גרויס געהיימניס, און ווער ווייס צו איך וועל ווען עס איז דערגעהן ווער מיין אמת'ע מוטער איז, אויב זי לעבט נאך ערגעץ וואו?

— פיליבט וועט סרטן דיר אין גאנצען קלאהר מאכען! — האט יוסף געענטפערט — איין זאך וואונדערט זיך מיר אויף איהם, אז ער זאל פלוצלונג וועלען דיר אלעס דערצעהלען.

אסנת פנים איז בעדעקט געווארען מיט א רויטקייט און זי האט זיך אפגערופען:

— נישט אויס דער גוטסקייט פון זיין הארצען האט ער דאס מיר אלעס דערצעהלט... א, ניין, ער האט דערביי אן אנדער כונה געהאט... און כאטש אונטער אנדערע אומשטענדען וואלט איך שוין געזעהן אז ער זאל מעהר נישט וואגען אזוי צו ריידען אונגעשטערט... איך האב איהם בלויז דער־מאנט אן דער שבועה וואס ער האט דיר אמאל געגעבען מיר נישט צו בע־לעסטיגען...

— און וואס האט ער דאס אזוי צו דיר גערעדט? איז יוסף נייגעריג געווארען...

— ער האט זיך גענומען פאר מיר בעריהמען ווי רייך ער איז און ווי חשוב ער איז אין פרעה'ס אויגען, און אז ער שטעהט אפילו העכער פון דעם שר המשקים.

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף יוסף'ס ליפען.

— און וואס האט ער געציעלט מיט זיינע ווערטער? — האט ער איהר געפרעגט.

— ער האט מיר געוואלט געבען צו פערשטעהן וואס פאר א גליק עס שטעהט מיר פאר אויב איך וועל איינוויליגען צו ווערען זיין פרוי... ער האט מיר געטרייסט, אז כאטש איך בין נישט די אמת'ע טאכטער פון פוטיפר'ן,

וועט ער פונדעסטוועגן אויף דעם נישט קוקען און מיט מיר חתונה האָבען אויב איך וועל נאָר וועלען.

— און וואָס האָסטו איהם דערצו געזאָגט? — האָט יוסף געפרעגט.

— איך האָב איהם גאָרנישט געענטפערט — האָט זיך אסנת עטוואָס פערשעהמט, איך וויל אז ער זאָל מיר פריהער ענטדעקען דעם גאנצען סוד וואָס ער ווייס וועגען מיר... און נאכהער וועל איך שוין וויסען ווי אַזוי מיט איהם צו האנדלען.

— אסנת האָט יוסף אָנגעריהרט איהר האנט — איך ווייס נישט פאָר־וואָס דאָס איז, אָבער די ענדעקונג וואָס דו האָסט מיר נאָרוואָס געמאכט, אז דו בעלאנגסט נישט אין דער משפחה פון זליכה'ן, האָט אנשטאט אָן אומעט אריינגעבראכט פרייד אין מיין הארצען... עפּעס זיינען פיעלע פון מיינע חלומות נעהענטער געוואָרען צום פערווירקליכונג...

אסנת האָט געוואָרפען אַ ליבליכען בליק אויף יוסף'ן...

— און איך בין אויך גאַנץ צופרידען, וואָס איך בין נישט די אמת'ע טאָכטער פון פּוטיפאַר'ן! — האָט אסנת צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל... איך בין צופרידען וואָס אַזוי ווי דיין אָנקומען אין מצרים איז איינגעוויקעלט אין אַ געהיימנים אַזוי איז אויך מיין אָנקומען.. יעצט זיינען מיר ביידע גלייך, דער איינציגער אונטערשיעד איז וואָס דו ווייסט, ווער דיינע עלטערען זיינען און איך ווייס נישט!

— דו וועסט אין גיכען אַלעס זיך דערוויסען! — האָט איהר יוסף געטרייסט — איך בין זיכער אז עס וועט שוין לאנג נישט נעמען און דו וועסט וויסען, ווער דיין מוטער און פאָטער זיינען געווען און פון וועלכער שטאָדט פון כנען דו שטאַמסט.

— אָ, יוסף, ווי גליקליך איך וועל זיך שעצען, ווען איך וועל אויסגעפינען אז די משפחה פון וועלכער איך שטאַם, וועט זיך נישט דארפען שעהמען קעגען דיין משפחה...

— און איך מוז דיר עס יעצט צוגעבען, אסנת, — האָט יוסף זיך אָפּ־גערופען, — אז פון דעם ערשטען מאָל וואָס איך האָב דיך דערזעהן, האָב איך נישט געקענט פערשטעהן ווי אַזוי עס קומט צו פּוטיפאַר'ן און זליכה'ן אַזאַ טאָכטער... און אפילו ווען איך האָב אויסגעפונען אז דו ביזט ניט זליכה'ס אמת'ע טאָכטער האָב איך זיך נאָך אַלץ געוואונדערט ווי אַזוי דאָס איז מעגליך אז דו זאָלסט געהערען צו זליכה'ס משפחה... איך בין איבערצייגט אז די משפחה צו וועלכע דו בעלאנגסט איז געווים נאָבעל און עהרליך, און איך בעט דיך, אז ווי נאָר סרטן וועט דיר דערצעהלען דעם סוד, זאָלסטו מיר גלייך אי־בערגעבען... ווייל איך וועל זעהר אומגעדולדיג זיין וועגען דעם.

— און דאַן וועסטו מיר אויך אַלעס פון זיך דערצעהלען? — האָט אסנת איהם געפרעגט.

— געווים! — האָט יוסף געענטפערט — איך וועל דיר דערצעהלען, ווי אַזוי איך בין פערקויפט געוואָרען פאַר אַ קנעכט און וועגען מיין לעבען אין חברון און אַלעס וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

די עטליכע טעג זיינען שנעל פאַראיבער און סרטן איז ווידער געקומען בעזוכען אסנת׳ן. מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ איז זי איהם ענטקעגען געקומען.

— דו האלסט דיין וואָרט, סרטן, — האָט זי זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל.

— ווען דו וועסט מיך עטוואָס בעסער קענען וועסטו וויסען, אַז איך האַלט אימער מיין וואָרט... איך האָב פיינט צו זאָגען ליגען... און איך קען נישט פערליידען ווען איינער איז מגזם...

— דו וועסט מיר היינט אלעס דערצעהלען ? — האָט זי איהם געפרעגט מיט אַ נידעריגער שטימע.

— יע, אסנת... איך וועל דיר דערצעהלען אלעס וואָס איך ווייס וועגען דיר ! אָבער איידער איך געה עס טהאָן, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר צושווערען ביי די געטער פון מצרים, אַז דו וועסט מיין שוועסטער קיין וואָרט דערפון נישט איבערגעבען... פערשטעהסטו מיך, איך האָב זליכה׳ן פערשפּראָכען נישט נאָר דיר נישט צו דערצעהלען, אָבער איך זאָל אויך צו קיינעם נישט וואגען וועגען דעם אַ וואָרט צו זאָגען... און אויב זליכה זאָל אויסגעפינען, אַז איך האָב ענטדעקט צו דיר דעם גאַנצען סוד, דאַן בין איך אַ פערלאָרענער... זי וועט זיך זיכער נוקם זיין אָן מיר... איך וועל פעריאָגט ווערען פון פּאַלאַץ, און דו, מיין ליעבענדע אסנת, וואָלסט דאָך געוויס נישט געוואָלט, אַז סרטן זאָל זיין אוים שר האופים !

— דו קענסט זיך אויף מיר פערלאָזען, אַז מיין מוטער וועט אפילו קיין אהנונג נישט האָבען דאָס דו האָסט מיר עטוואָס דערצעהלט.

— דאָך וויל איך דיר בעטען, אַז דו זאָלסט מיר שווערען ביי די געטער פון מצרים.

— איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו שווערען ביי די געטער ! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען — קענסטו זיך דען נישט פערלאָזען אויף מיין עהרען וואָרט ?

— נו, יע, — האָט איהר סרטן געענטפערט — אויב דו וועסט מיר געבען דיין וואָרט נישט צו ריידען וועגען דעם מיט מיין שוועסטער, דאַן וועל איך דיר זיכער גלויבען...

— איך גיב דיר מיין וואָרט !

— גוט, יעצט לאָמיר צוגעהן צו אַ פּלאַץ, וואו קיינער וועט אונז נישט זעהן און נישט הערען — האָט סרטן צו איהר געזאָגט.

— איך וועל דיר אָבער בעמערקען אַז די שבועה וואָס דו האָסט אַמאָל געגעבען צו יוסף׳ן מיר נישט צו בעלעסטיגען גילט אויך אויף יעצט ! — האָט אסנת איהם דערמאהנט.

— דו מעגסט זיכער זיין אסנת, אַז איך וועל דיר מעהר שוין נישט בע־לעסטיגען. איך וויל טהאָן אלעס וואָס דו וועסט פון מיר פערלאנגען... ווייל איך ליעב דיך און איך בין איבערצייגט ווען דו וועסט דערגעהן דעם גאַנצען אמת וועגען זיך זעלבסט, וועסטו געוויס אָננעהמען מיין אָנבאָט דיר צו הייראטען...

אסנת האָט געשוויגען. זי איז איהם לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען ביז וואַנען

זיי זיינען צונעקומען צו א פּלאַץ, וואו זיי זיינען געווען זיכער, אַז מען וועט זיי נישט שטערן.

— מיר וועלען זיך דאָ צוזעצען! — האָט סרטן אָנגעוויזען אויף דעם פּלאַץ, און זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן גראָז.

אָסנת האָט זיך געזעצט עטוואָס אָפּגערוקט פון איהם און זי האָט גע־וואַרט מיט גרוים אונגעדולד סרטן זאָל איהר אָנפאַנגען דערצעהלען.

— איידער איך געה דיר דערצעהלען ווער דו ביזט און פון וואַנען דו שטאַמסט — האָט סרטן אָנגעפאַנגען — וועל איך דיר מוזען דערצעהלען עטוואָס פון דעם לעבען פון מיין שוועסטער אין דעם לאַנד כנען. איך און מיין שוועסטער זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין שכם. דאָרטען האָט זי אויך געהייסען מיט אַן אַנדער נאָמען.

— און ווי האָט זי געהייסען דאָרטען? — האָט איהם אסנת אונטער־בראָכען.

— איהר נאָמען אין שכם איז געווען — זבורית, זי האָט איהר נאָמען ערשט געענדערט, ווען זי האָט חתונה געהאט מיט פּוטיפר'ן... עס האָט בעסער געפּאַסט פאַר פּוטיפר'ן, אַז זיין פרוי זאָל זיך אָנרופען מיט א מצרישען נאָמען.

— און דו האָסט אויך דיין נאָמען געענדערט? — האָט אסנת געפרעגט.

— ניין, איך טראָג דעם זעלבען נאָמען, אָבער זינט איך בין דערהויבען געוואָרען צו אזא הויכען אַמט, רופט מען מיך אויך דער „שר האופים"! אָבער סרטן איז געבליבען מיין נאָמען... זעהסטו דיין נאָמען איז אויך גע־ענדערט געוואָרען ווען מיר זיינען מיט דיר אָנגעקומען אין מצרים.

— און ווי האָב איך פריהער געהייסען — האָט אסנת מיט אומגעדולד געפרעגט.

— נו, דאָס וועל איך דיר שפּעטער דערצעהלען, ווען איך וועל שוין האַלטען דערביי, דערווייל וועל איך דיר פאַרטזעצען צו דערצעהלען וועגען מיין שוועסטער... זבורית, איך מיין זליכה, ווי דו קענסט אפילו יעצט זעהן, איז זעהר א שעהנע פרוי, אָבער נאָך שעהנער איז מיין שוועסטער געווען, ווען זי איז נאָך גאָר א יונגע מיידעל געווען... אין שכם האָבען אַלע מיידלעך מקנא געווען איהר שעהנקייט. דאַן איז דער אייגענטהימער און הערשער פון שטאָדט געווען חמור. ער האָט געהאט א זוהן, וועלכער האָט געטראָגען דעם זעלבען נאָמען פון שטאָדט... מען האָט איהם גערופען שכם. ער איז געווען חמור'ס איינאייינציגער זוהן, און נאָך זיין פאָטערס טויט וואָלט ער געוואָרען דער הערשער..

— זיין נאָמען איז געווען שכם!! — האָט אסנת אויסגערופען און זי איז בלאָס געוואָרען.

— יע, ער האָט געהייסען שכם! — האָט סרטן אויסגערופען — אָבער פאַרוואָס האָט דיזער נאָמען געמאַכט אזא איינדרוק אויף דיר, האָסטו דען ווען עס איז געהערט וועגען שכם'ן?

— יע! איך האָב געהערט! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען מיט א ציטערענדע שטימע.

— פון וועמען האסטו עס געהערט? — איז ער אומרוהיג געווארען.

— איך געדענק נישט!

— ווארשיינליך האסטו זיין נאמען געהערט דערמאנענדיג פון זליכה׳ס מויל — האט סרטן זיך ברוהיגט.

אסנת האט זיך יעצט געגומען דערמאנען וואס יוסף האט איהר וועגען זיין שוועסטער דערצעהלט, און יעצט איז זי זיכער, אז דאס איז דער זעלבער שכם, וועגען וועמען סרטן דערצעהלט איהר... יעצט איז איהר נייגיריגקייט נאך מעהר געשטיגען און זי האט אויסגערופען:

— נו, סרטן, דערצעהל מיר ווייטער! איך בין זעהר פעראינטערעסירט.

— אבער דו אונטערברעכסט מיר צו אפט! — האט סרטן געשמייכעלט.

— לאמיר דיר פריהער אלעס דערצעהלען און נאכהער וועסטו מיר שטעלען דיינע פראגען.

— אויסער דעם וואס שכם איז געווען אזוי רייך און דער זוהן פון הערשער פון שטאדט, איז ער אויך זעהר שעהן געווען — האט סרטן פארטגעזעצט — יעדע מיידעל פון שטאדט האט זיך גליקליך געשעצט ווען שכם האט אווארט ביט זיי אויסגערעדט... היינט קענסטו זיך פארשטעלען ווי גליקליך מיין שוועסטער האט זיך געפיהלט, אז שכם האט מיט איהם פערבראכט מעהר ווי מיט וועלכער עס איז אנדער מיידעל פון שטאדטט, מיין שוועסער האט זיך זעהר שטארק פערליעבט אין איהם... און שכם האט איהר אויך ליעב געהאט און איך בין זיכער, אז ער וואלט מיט איהר געהייראט, ווייל אזא שעהנהייט ווי זבורית, איך מיין זליכה, איז אין דער גאנצער שטאדט נישט געווען. איך בין אויך זעהר גליקליך געווען צו וויסען, אז מיין שוועסטער וועט נאך ווערען די הערשערין פון שטאדט... אבער פלוצלונג איז אנגעקומען אין שכם א משפחה פון גאנץ וויט, מיר דוכט זיך אזש פון חרן. דאס איז געווען די משפחה פון יעקב׳ן.

— די משפחה פון יעקב! — האט אסנת הארץ ווייטער א ציטער געטהאן. — דערצעהל מיר ווייטער!

— די משפחה פון יעקב האט געשיינט צו זיין זעהר א פיינע, יעקב האט געהאט א סך געזונטע און העלדישע זיהן און איין טאכטער, דינה האט זי געהייסען!

— דינה! דינה! — האט אסנת אויסגעשטארטשעט איהרע אויגען, איהר גאנצער קערפער האט אנגעהויבען צו ציטערען. — דערצעהל! דערצעהל, ווייטער!

— איך מוז צוגעבען — האט סרטן ווייטער גענומען דערצעהלען, — אז אזא שעהנע מיידעל ווי דינה האב איך נאך אין מיין לעבען נישט געזעהן... זי איז געווען זעהר פיעל שעהנער פון מיין שוועסטער, דארף זיך מאכען, אז שכם האט איהר איינמאל דערזעהן און ער האט זיך אזוי שטארק פערליבט אין איהר, אז ער האט שוין אפילו זיך נישט געוואלט אומקוקען אויף זבורית׳ן... ער האט מיין שוועסטער פערשפראכען, אז אויב זי וועט איהם העלפען ארייגקריגען יעקב׳ס טאכטער פאר זיין פרוי, וועט ער אויך מיט איהר חתונה האבען. מיין שוועסטער איז געווען צופרידען אפילו מיט דעם

און זי איז אוועק צו דינה'ן און זיך מיט איהר שטארק בעפריינדעט... זי האט געהאט אפגעמאכט מיט שכם'ן זיך צו טרעפען אין א דערבייאיגען וועלדעל, און ווען מיין שוועסטער איז אהין אנגעקומען מיט דינה'ן, האט איהר שכם געפאנגען און אוועקגעפיהרט צו זיך אין הויז...

— מיין שוועסטער האט זיך דאן געפונען אין א צווייטען צימער, וואו זי האט געהערט דינה'ס געבעטען און געוויינען, און פלוצלונג האט זי דער־הערט ווי שכם פערזיכערט דינה'ן, אז זי וועט ביי איהם זיין די איינציגע פרוי און ער האט איהר גענארט...

זי איז שטארק אין כעס געווארען אויף שכם'ן פאר וואס ער האט זי פערלאזען און איז אוועק און דערצעהלט יעקב'ן ווער עס האט זיין טאכטער געפאנגען...

— נו, און וואס איז געווען דער סוף ? — האט אסנת נערוועאיש גע־נומען רייסען די גראז.

— דער סוף איז געווען א ביטערער. יעקב'ס זיהן זיינען בעפאלען חמור'ן און שכם'ן און זיי געטויטעט מיט פיעלע אנדערע, וועלכע האבען זיך געגען זיי געגענגעשטעלט... איך און מיין שוועסטער האבען מורא געהאט, אז דינה וועט איהר פערדעכטיגען דאס זי האט געהאט צו טהאן מיט איהר געפאנגשאפט... און ווען מיר האבען אויסגעפונען, אז די גאנצע משפחה פון יעקב האט פערלאזען די שטאדט שכם, זיינען מיר ארויסגעקומען פון אונזער בעהעלטעניס... מיר האבען געפונען א חרובע שטאדט... זבורית'ן האט שוין שטארק חרטה געהאט, וואס זי האט פערראטהען שכם'ן... זי האט נישט געקענט פערגעסען זיין געשטאלט... טאג און נאכט האט זי פון שכם'ן געטראכט... שווער און ביטער איז איהר אויפ'ן הארצען געווען, ווען זי האט נאר זיך דערמאהנט אז זי איז שולדיג אין שכם'ס טויט... איהר ליעבע צו איהם איז אימער פערבליבען אין איהר הארצען.

— איך האב אויך קיין פלאץ נישט געפונען אין שכם, כאטש איך בין געווען א בעקער, דאך האב איך גארנישט געקענט טהאן אין דיזער חרוב'ער שטאדט. ארום פינף יאהר האבען מיר זיך ביידע אפגעוואלגערט אין שכם... איך האב געהערט, אז מצרים איז א פרוכטבארע לאנד און דארטען קען מען זיך בעסער איינארדענען ווי אין כנען, האב איך פארגעשלאגען מיין שוועס־טער זי זאל מיט מיר אוועקוואנדערען נאך מצרים.

— איך וועל מיט דיר מיטרייזען נאך מצרים — האט מיר מיין שוועס־טער געזאגט, אבער איידער איך געה אהין מוזטו מיר ארויסהעלפען דורכ־פיהרען מיין פלאן !

— איך האב איהר געפרעגט וואס איז איהר פלאן און זי האט מיר גע־זאגט, אז אזוי ווי זי איז זיכער דאס יעקב'ס טאכטער האט געבארען א קינד פון שכם'ן... און אזוי ווי זי וואלט געוואלט האבען עפעס אן אנדיינקונג פון שכם'ן, דעריבער זאל איך מיט איהר פריהער אוועקגעהן נאך חברון, וואו יעקב'ס משפחה האט זיך נאכהער בעזעצט... מיר זאלען אויסגעפינען וועגען דינה'ן, אויב זי האט געבארען א קינד פון שכם, און אויב דאס קינד לעבט

נאָך. און דאן זאָלען מיר דאָס קינד אוועק׳גנב׳ענען פון דינה׳ן און מיט׳ן קינד אוועק נאָך מצרים.

אסנת האָט זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען ווי אין קאָנוואולסיע, איהר פנים איז דאָ בלאָס געוואָרען און דאָ ווידער רויט געוואָרען, איהרע אויגען האָבען אָנגעפאנגען צו שווינדלען און איהר קאָפּ דרעהען.

— וואָס איז מיט דיר, אסנת! — האָט זיך סרטן דערשראָקען און איהר צוגעהאלטען זי זאָל ניט אומפאלען, זאָג דאָך מיר אסנת וואָס האָט פּאסירט.

— און... דאָס״׳ בין איך... די טאָכטער פון דינה׳ן! — האָט אסנת קוים ארויסגערעדט און איז גלייך געפאלען אין חלשות...

סרטן האָט זיך שטארק דערשראָקען ווען ער האָט געזעהן אז אסנת האָט גע׳חלש׳ט... ער איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן אין גרויס פערלעגענהייט, ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, ער האָט געוואָלט נעהמען שרייען און ארויסרופען די קנעכט און די דינסטען, אָבער ער האָט מורא געהאט, אז זליכה זאָל דאָס ניט הערען... און דאן וועט זי דאָך וועלען אלעס דערגעהן... ניין, זליכה טאָר דערפון קיין וואָרט ניט הערען... זי טאָר אסנת׳ן אין אזא לאגע ניט טרעפען. ער האָט איהר גלייך גענומען מינטערען און אין אַ קורצע ווײַלע האָט אסנת צוריק געעפענט איהרע אויגען...

זי האָט זיך גענומען ארומקוקען ווי זי וואָלט געוואָלט וויסען וואָס מיט איהר האָט פּאסירט...

— וואו בין איך? — זיינען געווען איהרע ערשטע ווערטער.

— דו ביזט נעבען מיר, נעבען סרטן דיין פריינד! — האָט ער איהר גענומען בערוהיגען...

— וואָס האָט מיט מיר פּאסירט? — האָט זי געפרעגט מיט צושראָקענע אויגען.

— איך האָב דיר גענומען דערצעהלען ווער דו ביזט און ווי אזוי דו קומסט צו מיין שוועסטער, ביזטו פּלוצלונג אריינגעפאלען אין אַ חלשות. און מיר האָט גענומען אַ היבש ביסעל צייט דיר אָפּצומונטערען, זאָג דאָך מיר, אסנת, ווי פיהלסטו זיך יעצט?

אסנת האָט זיך גלייך גענומען דערמאהנען וועגען דער געהיימניס וואָס סרטן האָט איהר נאָר וואָס ענטדעקט... הייסט עס אז זי איז גאָר דינה׳ס טאָכטער... איהר ריכטיגע מוטער איז יוסף׳ס שוועסטער... און איהר מוטער לעבט נאָך... און יוסף איז גאָר איהר אָנקעל! זי האָט ביסלעכווייז גענומען קומען צו זיך. יאָ, זי דאַרף דאָך זיך שעצען גליקליך. זי איז פון דערזעלבער משפּחה וואָס יוסף איז... דאָס האָט מען פון איהר מוטער אוועגגערויבט און יעצט האָט גאָט געמאַכט אז יוסף, איהר אָנקעל זאָל זיך נעבען איהר געפינען... און זי ליעבט דאָך איהם אזוי פיעל... אָ, ווי גליקליך יוסף וועט זיך פיהלען, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אז זי איז גאָר דינה׳ס טאָכטער... ער וועט איהר דאן גלייך דערצעהלען וועגען זיך, ווי אזוי ער איז פערויפט געוואָרען פאַר אַ קנעכט אין מצרים... און מעגליך אז זליכה און פּוטיפר וועלען איהם אין גאנצען בעפרייען און איהר לאָזען מיט איהם זיך צוריקקעהרען נאָך כנען, צו זייער שטאָדט חברון...

אסנת האָט זיך גענומען ארומזעהן אז נאָך אַלעמען איז דאָס וואָס סרטן האָט איהר נאָר וואָס דערצעהלט, האָט איהר נאָך מעהר גליקליכער געמאכט... ווי באַלד אז זי האָט דאָך שוין אַלץ איינס געוואוסט אז זי איז ניט די ריכ־טיגע טאָכטער פון זליכה'ן, דארף זי זיך דען ניט שעצען גליקליך אז זי איז דאָס די פערלוירענע טאָכטער פון דינה'ן.

סרטן האָט פון אהר זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען און ווען ער האָט בעמערקט אז איהר פּנים איז געוואָרען מונטערער האָט ער זיך אָפּ־גערופען:

— דו וועסט מיר מוחל זיין אסנת, וואָס מיינע רייד האָבען אויף איך געמאכט אזא שלעכטען איינדרוק... דו האָסט עס פון מיר פערלאַנגט און איך האָב דיר אַלעס ריכטיג דערצעהלט.

— און איך בין דיר זעהר דאַנקבאר פאר דעם — האָט אסנת איהם געענטפערט — איך פיהל זיך שוין יעצט גאַנץ גוט, דו קענסט מיר ווייטער דערצעהלען וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— און געדענקסטו וואו איך האָב איבערגעלאָזען? — האָט סרטן איהר געפרעגט.

— דו האָסט מיר דערצעהלט אזוי ווי דיין שוועסטער האָט דיר פאָר־געשלאָגען צוצונעהמען דאָס קינד ביי דינה'ן יעקב'ס טאָכטער..

— יא, מיר האָבען פערקויפט אונזער קליינעם פערמעגען אין שכם און מיר זיינען אָנגעקומען אין חברון. מיר האָבען געמאכט אַ געצעלט הינטער'ן שטאָדט און דאָרטען פערבראכט עטליכע טעג... דערוויילע האָבען מיר אויסגעפונען פון שכנים, אז דינה האָט אַ קליין טעכטערל.. זליכה האָט אָנגעטהאָן אַ דיקען שלייער אויף איהר פּנים, זי זאָל ניט דערקענט ווערען און מירביידע צוזאמען פלעגען זיך גאַנץ אָפט אַרומדרעהען אדום די געצעל־טען פון יעקב'ן, ביז וואנען מיר האָבען בעמערקט דינה'ס קינד. מיר האָבען זיך גענומען צוגרייטען... מיר האָבען געהאט אונזער פערד געגרייט, און איינמאָל ווען דאָס קינד האָט זיך געשפּילט ניט ווייט פון יעקב'ס וואָהנונג זיינען מיר ביידע צוגעגאַנגען און מיט איהר אָנגעפאַנגען צו ריידען... און ווען מיר האָבען זיך גוט ארומגעקוקט און געזעהן אז קיינער בעמערקט אונז ניט האָב איך אַ הויב געטהאָן דאָס קינד, זבורית איז מיר שנעל נאָכגעגאַנגען, מיר זיינען ביידע ארויפגעשטיגען אויפ'ן פערד מיט'ן קינד און שנעל פערשוואונ־דען געוואָרען פון חברון. איינינע טעג האָבען מיר זיך אויסבעהאלטען און נאכהער פאָרטגעזעצט אונזער רייזע נאָך מצרים.

— און ווי האָב איך דאן געהייסען? — האָט אסנת איהם געפרעגט.

מיר האָבען פון איהר דערגאַנגען, אז איהר נאָמען איז געווען נעמה.. און וואָס ווייטער האָט פּאסירט ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין מצרים, איז דאָך דיר בעוואוסט.

— הייסט עס, אז איך בין יעקב'ס אן אייניקעל — האָט אסנת פלוצ־לונג אויסגערופען.

— יא, אָבער דו דארפסט ביי זיך ניט זיין געפאלען! — האָט סרטן

געמאכט א פערזוך איהר צו טרייסטען... דו זעהסט דאך אז איך האב די גאנצע צייט געוואוסט פון וואנען דו שטאמסט, און ווי אזוי דו קומסט אהער. פונדעסטוועגען האט עס מיר ניט געשטערט דיך ליעב צו האבען... און איך בין נאך יעצט נעגרייט מיט דיר חתונה צו האבען.

— אבער סרטן ווער האט דיר געזאגט אז איך בין ביי זיך געפאלען צו וויסען אז איך שטאם פון יעקב׳ס משפחה. ניין, סרטן, איך בין נאך יעצט ביי זיך מעהר שטאלץ ווי פריהער .. איך בין גליקליך אז אין מיר פליעסט דאס בלוט פון אברהם, יצחק און יעקב!

— איך האב געמיינט, אז דו זאלסט ביי זיך ניט זיין געפאלען דאס וואס דו ביזט ניט די אמת׳ע טאכטער פון פוטיפר... האט סרטן זיך גענומען פערענטפערען.

— אבער ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז איך בין דינה׳ס טאכטער בין איך אין מיינע אויגען נאך געשטיגען... און יעצט סרטן דארפסטו וויסען אז א טאכטער פון דער משפחה פון די עברים, קען ניט געהערען צו איינעם. וועלכער דיענט צו אפגעטער! — האט אסנת געזאגט מיט א שמייכעל...

— וואס רעדסטו?... — איז סרטן בלאס געווארען — ווער האט עס דיר אזא זאך געזאגט... געוויס דער קנעכט יוסף... אמת, יוסף האט געדיענט אלס קנעכט ביי די משפחה פון די עברים, אבער דאס וואס ער האט מיט דיר גערעדט וועגען דער רעליגיאן פון די עברים, האט ער דיר פאלש איבערגעגעבען, ווייל ווי קומט א קנעכט צו וויסען פון אזעלכע זאכען!

— יוסף וויים אלעס! — האט אסנת אויסגערופען און ניט אומזיסט האט מיר מיין „מוטער" איהם אויסגעקליבען ער זאל מיט מיר לערנען... און יעצט אז איך וויים אז איך שטאם פון די עברים, דארפסטו זעהן, סרטן, מיר צורוה לאזען און מעהר ניט בעלעסטיגען מיט דיין נארישע הייראטס פארשלאגען... ווייל יעצט איז עס נאך מעהר אוממעגליך ווי פריהער...

— וואס רעדסטו אסנת! — האט סרטן אויסגערופען א צוטומעלטער... איך מוז דיך קריגען פאר מיין פרוי... איך האב דיר דאס אלעס דערצעהלט, כדי עס זאל מיר גרינגער אנקומען דיך פאר מיין פרוי צו נעהמען, און יעצט מאכסטו נאך פאר מיר שווערער...

— איך האב דיר קיין זאך ניט פערשפראכען, אמת איך בין דיר זעהר דאנקבאר פאר דעם, וואס דו האסט מיר אלעס ענדעקט... איך האב דיר בלויז צוגעזאגט פון דעם קיין ווארט ניט צוריידען צו מיינע „עלטערען", אבער דו דארפסט זיך ארויסשלאגען גאר פון קאפ אז איך וועל צושטימען צו ווערען דיין פרוי... איך בין נאך גאר יונג און א חוץ דעם האב איך דיר שוין געזאגט, אז אן עברית קען קיינמאל ניט הייראטען מיט א געצען דינער.

— און דו, דיענסט דען אליין ניט צו די געטער פון מצרים?... — האט סרטן קוים איינגעהאלטען זיין בעס.

—ניין! איך האב שוין לאנג אויפגעהערט צו זיי צו דיענען, איידער איך האב זיך דערוואוסט פון וואנען איך שטאם, האב איך איינגעזעהן אז

דער גאָט פון די עברים איז דער איינציגער גאָט וועלכער האָט באַשאַפען הימעל און ערד און אַלעם וואָס עס געפינט זיך דאָרטען.

— אָבער איך האָב דאָך אַליין געזעהן אַז ווען עס קומט אַ פייערטאָג אין מצרים, געהסטו צוזאַמען מיט פּוטיפר'ן און זליכה'ן צו די טעמפּלען פון די געטער...

— אמת, איך געה אהין אָבער מיין הארץ איז מיט דעם גאָט פון די עברים. איך טהו עס בלויז צופריעדענצושטעלען מיינע „עלטערען", אָבער ניט איך בוק זיך ניט איך בין מתפלל צו זיי...

— אויב אַזוי וועל איך דאָס טאַקע דערצעהלען מיין שוועסטער און פּוטיפר'ן — האָט סרטן אויסגערופען — אויב דו ענטזאָגסט זיך מיט מיט מיר חתונה צו האָבען, וועל איך טאַקע גלייך געהן צו מיין שוועסטער און איהר דערצעהלען אַז דו דיענסט גאָר אין דיין הארצען צו דעם גאָט פון די עברים, און פאַר די געטער פון מצרים האָסטו גאָר קיין פורכט ניט...

— אויב דו וועסט דאָס דיין שוועסטער דערצעהלען, דאַן פערגעס אויך ניט איהר צו דערצעהלען, אַז דו האָסט מיר אַלעם ענטדעקט... און אַז איך ווייס דאָס דו און זי האָבען מיר אוועקגערויבט פון מיין מוטער דינה'ן...

— אָה, ניין! ניין! — זי טאָר דערפון גאָר ניט וויסען! — האָט סרטן אויסגעשריען — איך בעט דיר אסנת מאַך מיר ניט אומגליקלאַך!

— אויב דו וועסט איהר דערצעהלען אַז איך האָב אויפגעהערט צו דיענען צו די געטער וועל איך דאָך זיין געצוואונגען איהר צו דערצעהלען אַז איך ווייס ווער איך בין...

—דו מעגסט רוהיג זיין, אסנת אַז איך וועל איהר גאָרניט דערצעהלען... אָבער דו דאַרפסט ניט פערגעסען אַז איך בין אַזאַ גרויסער און חשוב'ער מאַן, און עס וואָלט פאַר דיר יעצט אַ גליק געווען מיט מיר חתונה צו האָבען... אַלע מיידלעך פון מצרים וועלען דיר שטאַרק מקנא זיין, זיי וועלען אָנצייגען אויף דיר מיט זייערע פינגער און אויסרופען, „אָט געהט די פרוי פון פרעה'ס שר האופים... און כבוד וועט דיר אין פאַלאַץ אויך ניט פעהלען. דו וועסט זיין אנוועזענד צו יעדער פייערונג וואָס קומט פאָר אין פאַלאַץ. איך וועל דיר אויסלערנען ווי אַזוי צו באַקען געשמאַקע געבעקס און דו וועסט דער־מיט געפינען חן אין די אויגען פון דער קעניגין...

— און איך וואָלט דיר געראַטהען, סרטן — האָט אסנת זיך צו איהם אָפּגערופען — אַז עס וואָלט געווען אַ סך בעסער פאַר דיר ווען דו בעגליקסט אַ מיידעל פון מצרים מיט אַזאַ „גליק"... דו נעהם זיך אַ פרוי וועלכע זאָל דיענען צו דיזעלבע געטער ווי דו דיענסט, נאָר מיט אַזעלכער וועסטו זיך גליקליך שעצען.

— אָבער, ניין, אסנת, דו פערשטעהסט ניט — האָב איך דען ניט אויפגעגעבען צו דיענען צו די געטער פון שכם, צוליעב מיין שטעלע ביי פרעה'ן, און יעצט ווען דו וועסט איינוויליגען צו ווערען מיין פרוי וועל איך צוליעב דיר אויך אויפגעבען די געטער פון מצרים...

—סרטן, איך בעט דיר אַז דו זאָלסט צו מיר מעהר וועגען דעם ניט

ריידען! — האָט אסנת שטרענג אַ זאָג געטהאָן. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז יעצט איז עס אונמעגליך, נאָך מעהר ווי פריהער...

— אָבער ווען דו וואָלסט געוואוסט אַז מיין שוועסטער האָט איהר צושטימונג דערצו געגעבען... וואָלסטו שוין יעצט אַנדערש גערעדט.

— וואָס מיינסטו? — האָט איהם אסנת אַנגעקוקט מיטעט ערשוינונג.

— דו ווייסט דאָך אַז דיין ע.. „מוטער" האָט ביז יעצט אפילו ניט געוואָלט הערען פון דעם דאָס דו זאָלסט געהערען צו מיר... און מיר האָט געקאָסט אַזוי פיעל מיה ביז וואַנען מיר איז געלונגען איהר צושטימונג צו געבען... קומסטו און דו ענטטוישט נאָך מיר מעהר...

— איך גלויב סרטן אַז דו זאָגסט ניט דעם אמת! — האָט אסנת זיך צו איהם אָפּגערופען, איך בין זיכער אַז דיין שוועסטער האָט איהר צושטי־מונג ניט געגעבען...

— און איך זאָג דיר אַז זי האָט מיר יאָ געגעבען איהר הסכמה — האָט סרטן זיך אָפּגערופען.

— מיר גלויבט זיך קוים אַז זי זאָל דאָס טהאָן... סיידען זי וויל פון מיר לויז ווערען... איך וועל איהר נאָך היינט פרעגען.

— אַ ניין! ניין! דו פערשטעהסט ניט! — האָט סרטן זיך פערכאַפּט...
— זי האָט טאַקע צוגעשטימט אָבער מיט אַ בעדינג, דאָס אויב דו וועסט איינוויליגען... זי האָט מיר געזאָגט אַז אויב אסנת וועט איינוויליגען צו ווערען מיין פרוי, דאַן וועט זי מיר ניט שטערען...

— און דו רופסט עס אָן אַז זי האָט צוגעשטימט — האָט אסנת אַ שמייכעל געטהאָן...

— יאָ, יעצט ווענדעט זיך בלויז אָן דיר... דו דאַרפסט וויסען זיין אסנת אַז איך בין גאַנץ רייך.. איך וועל פאַר דיר בויען אַ הויז ניט ווייט פון פרעה'ס פאַלאַץ, און קנעכט און דיענסטען ווּעלען דיר אַרומרינגלען און אויב דו וועסט פערלאַנגען וועל איך אָפּקויפען דעם קנעכט יוסף פון מיין שוועסטער... ער זאָל אונז ביידען בעדיענען, און דו ווּעסט קענען **פאַרטזעצען** צו לערנען פון איהם ווי דו טהוסט עס יעצט.

— סרטן איך האָב דיר געזאָגט אַז עס איז אוממעגליך!.. דו מאַכסט זיך בלויז לעכערליך און צום נאַרען... שלאָג זיך אַרויס די נאַרישקייט פון דיין קאָפּ און וואָס שנעלער וועט זיין פאַר דיר בעסער... יעצט לאָז מיר געהן... איך פיהל אַז איך מוז זיך אויסרוהען פון דער גאַנצער אויפרעגונג.

— זאָל איך צו דיר ווידער קומען, מאָרגען ווען דו ווּעסט זיך אויס־רוהען? — האָט איהר סרטן געפרעגט.

— דו דאַרפסט זיך גאָר ניט מעהר בעמיהען — האָט אסנת איהם געענטפערט — איך האָב דיר געגעבען מיין ענטגילטיגען ענטפער... און איך בעט דיר מיר מעהר ניט צו בעלעסטיגען..

סרטן איז געבליבען שטעהן אַן אויפגערעגטער... וואָס האָט ער דאָ יעצט געטהאָן? אַנשטאַט צו פערבעסערען די לאַגע האָט ער נאָך ערגער געמאַכט, ער האָט געגלויבט, אַז ווי נאָר אסנת וועט זיך דערוויסען אַז זי

איז ניט די אמת'ע טאָכטער פון פּוטיפר'ן וועט זי גלייך צושטימען צו ווערען זיין פרוי... און יעצט זעהט ער גאָר אַז זי איז ביי זיך נאָך שטאָלצער, און וויל איהם אַפילו ניט קענען... יאָ, ער האָט זיך טאַקע גאַנץ גוט בענאַרישט... יעצט האָט נאָך אסנת דערצו אַ בייטש איבער איהם... זי קען נאָך דער־צעהלען זליכה'ן וואָס ער האָט איהר דערצעהלט, דאַן איז ער אַ פּערלאָרענער... אַ ציטער געהט דורך זיין לייב ווען ער גיט בלויז אַ טראַכט פון דער מעגליכקייט אַז זליכה זאָל זיך דערוויסען, אַז ער האָט איהר סוד פּער־ראַטהען... אָה, פאַרוואָס האָט ער זיך געאיילט איהר אַלעס צו דערצעהלען.

— איך האָף אַז דו וועסט מיר ניט בעצאָהלען מיט אַ רעה אנשטאט די טובה וואָס איך האָב מיט דיר געטהאָן און דיר אַלעס דערצעהלט... — האָט סרטן אויסגערופען מיט אַ ברוגז'ער שטימע, דו זאָלסט אקאָרשט קיין וואָרט פון דעם ניט דערצעהלען צו זליכה'ן.

— דאָס ווענדעט זיך אויך אָן דיר זעלבסט! — האָט איהם אסנת געענטפערט — איך פערזיכער דיר אַז איך וועל איהר גאָרניט דערצעהלען... אָבער אין דערזעלבער צייט מוזטו מיר פערשפּרעכען מעהר אַפילו אַזעלכע געדאַנקען וועגען מיר ניט האָבען... יאָ, אויב דו וועסט מיר מעהר ניט בעלעסטיגען מיט דיינע לעכערליכע רייד. דאַן מעגסטו זיכער זיין אַז איך וועל מיין מוטער גאָר ניט דערצעהלען וועגען אַלעס וואָס דו האָסט מיר היינט ענטדעקט, טאָמער אָבער וועסטו אַלץ ניט אויפהערען צו קומען צו מ יר און מיט מיר אַזעלכע רייד ריידען, דאַן קען איך דיר גאָרניט ערב זיין אַז מיין „מוטער“ וועט דערפון זיך ניט דערוויסען...

— גוט! — האָט סרטן אַ בורטשע געטהאָן — איך וועל דיר מעהר ניט בעלעסטיגען, אָבער זעה אַז מיין שוועסטער זאָל דערפון ניט דערהערען... ווייל אויב איך וועל זיך דערוויסען אַז דו האָסט איהר דערצעהלט וועל איך נעהמען ראַכע!...

— כל זמן דו וועסט דיין וואָרט האַלטען, מעגסטו זיכער זיין אַז זי וועט אַפילו קיין פערדאַכט ניט האָבען אַז איך ווייס ווי אַזוי איך קום צו איהר — האָט איהם אסנת געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

סרטן איז געבליבען שטעהן ווי געלעהמט, זיין כעס האָט איהם גע־ברענט, און איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער צו זיך אַ מורמעל געטהאָן: — נישקשה זי וועט נאָך ווייבער ווערען... זי וועט זיך בעזינען און דאַן וועט זי זיך אַרומזעהען אַז קיין בעסערען מאַן ווי ער איז וועט זי ניט קריגען אין גאַנץ מצרים... ניין, ער דאַרף נאָך זיין האָפנונג ניט אויפגעבען... די גאַנצע זאַך איז וואָס דער קנעכט יוסף איבט אויס זעהר אַ שלעכטען איינפלוס איבער איהר...

— איך וועל מיין קאַמפף געגען דעם פערפלוכטען קנעכט ווידער מוזען בענייען — האָט סרטן צו זיך גערעדט, דריקענדיג זיינע פויסטען... ווען יוסף וואָלט מיט איהר זיין רעליגיאָן ניט געלערענט, דאַן וואָלט זי אַפילו ניט געוואוסט דעם אונטערשיעד צווישען איינעם וועלכער דיענט צו איין גאָט און איינעם וועלכער דיענט צו פיעלע געטער, זי וואָלט אויך ניט גע־

וואוסט אז אן עברית טאר ניט הייראטען מיט א מאן וועלכער דיענט צו אפגעטער. ער וועט איהם דערפאר ניט שענקען!

מיט דיעזען בעשלוס האט סרטן א צוקלעמטער און ענטטוישטער פערלאזען דעם פלאץ און האט זיך צוריקגעקעהרט צום פאלאץ.

אסנת איז גלייך אוועק צו זיך אין צימער און זי האט גענומען טראכטען פון דעם וואס מיט איהר האט דא נאר וואס פאסירט... יא, יוסף איז איהר אנקעל, זי איז דאס די פערלארענע טאכטער פון דינה'ן, פון וועמען יוסף האט איהר אזוי פיעל דערצעהלט...

— אה, ווי גליקליך יוסף וועט זיך פיהלען ווען זי וועט איהם דער־צעהלען וועגען אלעס... זי וועט יעצט מוזען זעהן צו טהאן אלעס וואס ליעגט אין איהר קראפט צו זעהן איהם צו בעפרייען פון קנעכטשאפט... זי וועט פיליכט זעהן צו ווירקען אויף איהר „מוטער"... זי איז דאך אימער זעהר גוט צו איהר געווען און געטהאן אלע איהרע פערלאנגען. ווען יוסף וואלט נאר געהאט עטוואס געלד וואלט ער זיך פיליכט געקענט אויסקויפען.

אסנת האט יענע נאכט ניט געקענט איינשלאפען, זי האט זיך יעצט געפיהלט ווי א ניי געבוירענע... איהר הארץ איז אויסגעגאנגען פאר איהר אומגליקליכער מוטער, דינה. . וויפיעל זי האט זיך אנגעליטען.. פריהער די צרות אין שכם... און נאכהער פון... א ציטער געהט דורך איהר קער־פער ווען זי דערמאהנט זיך אז די וועמען זי האט די גאנצע צייט געהאלטען פאר איהר אייגענער מוטער, האט בעגאנגען אזא פערברעכען... זי האט איהר אוועקגערויבט פון איהר אייגענער מוטער... זי האט פערארזאכט אזוי פיעל עגמת נפש און צרות צו דער גאנצער משפחה פון יעקב'ן. יוסף האט דאך איהר דערצעהלט ווי שטארק דער טרויער איז געווען אין דער צייט ווען מען האט דינה'ס טאכטער אוועקגע'גנב'עט... זי פיהלט יעצט א היבשע שנאה צו זליכה'ן וועלכע זי האט ביז ניט לאנג געהאלטען פאר איהר מוטער אבער זי מוז זעהן א זליכה זאל ניט האבען דעם מינדעסטען פער־דאכט אז זי ווייס עפעס פון דער געהיימנים... זי וועט יעצט מוזען אנ־ווענדען אלע איהרע כחות דאס יוסף זאל בעפרייט ווערען פון קנעכטשאפט... דאן וועט ער מעגליך געהערען אינגאנצען צו איהר... און פיליכט וועט זיך זיי ביידען איינגעבען צו פערלאזען מצרים און זיך צוריקקעהרען אין חברון צו זייער אייגענער משפחה.

.26

זליכה און יוסף

זעהר גליקליך האָט זיך זליכה געפיהלט, ווען איהר מאַן פּוטיפר איז אוועקגעפאָהרען נאָך דער שטאָדט און מתפלל צו זיין צו די געטער, זיי זאָלען איהם שענקען א זוהן... יעצט האָט זי זיך געפיהלט אין גאַנצען פריי... זי וועט האָבען די מעגליכקייט דורכצופיהרען אַלע איהרע פּלענער וועגען איהר שטאַרקער ליעבע צו יוסף'ן... און פּלענער האָט זי געהאַט זעהר פיעל... זי האָט ערשטענס געפּלאַנעוועט אין גאַנצען פּטור צו ווערען פון פּוטיפר'ן... דאָס וועט זי מוזען טהאָן מיט יוסף'ס הילף... יעצט אַז זי וועט האָבען די מעגליכקייט צו בלייבען מיט יוסף'ן אַליין, אומגעשטערט, וועט זי קענען פאַר איהם איהר גאַנצע הארץ ענטדעקען, אָבער איידער זי געהט איהם אָנפערטרויען איהר פּלאַן וועגען אָפּראַמען פּוטיפר'ן פון וועג, וועט זי פריהער זעהן צו קריגען יוסף'ן פאַר איהר געליעבטען... ער מוז איהר אַזוי ליעב האָבען ווי זי האָט איהם ליעב... זי דערמאָהנט זיך אָן די לעצטע צייט ווען זי האָט געמאַכט עטליכע ניט געלונגענע פערזוכען, צו קריגען יוסף'ס ליעבע... יאָ, יוסף האָט זיך געזוכט אַרויסצודרעהען פון איהרע הענד... אָבער זי קען דאָס פערשטעהן, דאָס איז געווען נאָך איידער פּוטיפר האָט פערלאָזען צוען... ער האָט מורא געהאַט פיליכט וועט ער נאָך אָנקומען... יעצט אָבער אַז פּוטיפר איז ניטאָ, ער וועט זיך פערזאַמען עטליכע וואָכען... יעצט וועלען זיי ביידע זיין פריי...

זליכה'ס געדאַנקען זיינען יעצט אין גאַנצען אָנגעווענדעט געוואָרען אויף יוסף'ן... אין איהר הארץ ברענט אַ פייער פון איהר ליידענשאַפטליכע ליעבע צו דעם יונגען, שעהנעם קנעכט... און וואָס ווייטער צופלאַקערט זיך דאָס נאָך מעהר אין איהר...

— יוסף! יוסף!

טאָג און נאַכט טראַכט זי וועגען איהם... און אַט שטעלט זי זיך פאָר... יוסף האָט איהר אויך זעהר שטאַרק ליעב... איז זי דען ניט די שעהנסטע פרוי פון מצרים... זיי ליעבען זיך איינער דעם צווייטען... פּוטיפר דאַרף באַלד אָנקומען פון „און" זייער ליעבע וועט צושטערט ווערען. דאַן וועט זי זיך בעראַטהען מיט יוסף'ן ווי אַזוי פּטור צו ווערען פו זאיהר פערהאַסטען מאַן, אַזוי אַז עס זאָל אויף קיינעם פון זיי אפילו קיין חשד ניט פאַלען... זי ווייס אַז יוסף איז זעהר קלוג, ער וועט שוין געפינען אַ וועג... און אַ חוץ דעם וועט זי אַליין אויך קענען אַ טראַכט טהאָן ווי אַזוי איהר פּלאַן דורכצופיהרען... און טאָמער וועט איהר פּלאַן צו ערמאָרדען פּוטיפר'ן ניט גע־

לינגען, האָט זי נאָך אַ בעסערען פּלאַן... זי וועט צוזאַמען מיט יוסף'ן אַנטלויפען נאָך כנען. זי איז דאָך יעצט אַזוי רייך, זי וועט נאָך קריגען מעהר גאָלד און ציערונג און דאַן, וועט זי מיט יוסף'ן שטילערהייט ביינאַכט פערלאַזען מצרים און אַנטלויפען נאָך כנען, אָבער וואָס וועט זיין מיט אסנת'ן? האָט זי געגומען טראַכטען... זי איז דאָך צו איהר אַזוי טהייער ווי אַן אייגען קינד... אָבער נאָך אַלעמען — האָט זי געזוכט זיך אַרויסצופּלאָנטערען, נאָך אַלעמען, איז דאָך אסנת גאָר אַ ווילד פרעמדע צו איהר... די איינציגע סיבה צוליעב וואָס זי האָט אסנת'ן אַזוי ליעב געהאַט איז דאָך געווען די אָנדענקונג וואָס זי האָט דורך איהר פון איהר אַמאָליגען געליעבטען שכם. יעצט אָבער ווען זי ליעבט יוסף'ן, דאַרף זי גאָר אָן שכם'ען פערגעסען... און אין אמת'ן איז דען ניט יוסף אַ סך שעהנער און קלוגער ווי שכם איז געווען. ניין, אסנת דאַרף פאַר איהר קיין אָפּהאַלט ניט זיין... און אפשר וואָלט טאַקע געווען אַ פּלאַן אָפּצוגעבען אסנת'ן צו איהר ברודער סרטן, זאָל ער מיט איהר התונה האָבען, און דאַן וועט זי דאָך געווים ניט האָבען וואָס צו זאָרגען וועגען איהר... ניין, דאָס איז אונמעגליך! זי ווייס ווי שטאַרק פיינט אסנת האָט סרטן און פאַר וואָס זאָל זי איהר מאַכען אומגליקליך און איהר צווינגען צו לעבען מיט איינעם וועמען זי האַסט... ווייט זי דען ניט אַליין דעם טעם פון אַזאַ צוזאַמענלעבען... יאָ, זי האָט פּוטיפּר'ן קיינמאָל ניט געליעבט, זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט צוליעב זיין רייכטהום און גרויסען נאָמען... אָבער אָט דאָס אַלעס האָט איהר נאָך אומגליקליכער געמאַכט... ווען זי געהט דורך די צימערען פון איהר פּאַלאַץ, און זי זעהט ווי אַלץ איז אַזוי שעהן און רייך אויסגעשטאַטעט, פיהלט זי נאָך מעהר די פּוסטקייט אין איהר האַרצען... ווערט איהר בענקעניש נאָך ליעבע פערשטאַרקט... ווערען אַלע איהרע גליעדער אומרוהיג און זי שילט דעם טאָג ווי זי האָט זיך פערבונדען מיט דעם אַלטען פּוטיפּר'ן...

יענעם טאָג האָט זליכה געשיקט רופען יוסף'ן... און ווען ער איז אַריינגעקומען אין איהר צימער, האָט זי איהם מיט אַ פרעהליכע שטימע עמפּפאַנגען.

— דו ווייסט יוסף אַז דיין האַר פּוטיפּר איז אַוועק נאָך דער שטאָדט „און" און ער וועט דאָרטען פערזאַמען עטליכע וואָכען...

— איך ווייס, מיין האַרינטע! — האָט יוסף געענטפערט — און איך וועל מיין האַרינטע פערזיכערען אַז איך וועל מיין האַר געטריי דינען אפילו אין זיין אַבוועזענהייט...

— איך צווייפעל גאָר ניט אין דיין עהרליכקייט און אין דיין איבערגעבענהייט. — האָט זליכה אַ שמייכעל געטהאָן — אָפט מאָל דורכט זיך מיר אַז דו ביזט צופיעל עהרליך און געטריי...

— עהרליכקייט איז דער הויפּט פונדאַמענט פון מיין רעליגיאָן! — האָט יוסף געענטפערט.

— און איך גלויב אַז ליעבע דאַרף זיין דער הויפּט יסוד פון יעדער רעליגיע — האָט זליכה קאָקעטיש אַ זאָג געטהאָן.

— דאָס איז אויך ריכטיג! — האָט יוסף צוגעגעבען ווען מען האָט

ליעב א פערזאָן דאַן וועט מען צו איהם עהרליך זיין... אונזער רעליגיאָן לערענט אונז ליעב צו האָבען אונזער פריינד ווי זיך זעלבסט..

— ניט דעם סאָרט ליעבע מיין איך! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — איך מיין די ליידענשאַפטליכע ליעבע פון א פרוי צו א מאַן און פון א מאַן צו א פרוי.. זאָג מיר יוסף, האָסטו ווען עס איז געליעבט?..

יוסף האָט געוואָרפען א בליק אויף זליכה'ס פנים און ער האָט געזעהען ווי איהרע אויגען פלאַמען... און ער האָט געוואוסט אז עס וואָלט פאר איהם יעצט געווען א סך גלייכער ווען ער פערפיהרט מיט איהר קיין געשפרעך ניט וועגען ליעבע...

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט אויף מיין פראַגע? — איז זליכה געוואָרען דרייסטער... איך האָב דאָך דיר געפרעגט אויב דו האָסט דורכגעמאַכט די ערפאַהרונג פון ליעב צו האָבען א פרוי... יאָ א פרוי, וואָס זאָל פאר דיר אוועקשטעלען אַלע איבעריגע זאַכען פון דער וועלט אין הינטערגרונד, און דיין גאַנץ וועזען מיט דיינע געדאַנקען זאָלען זיך קאָנצענטרירען בלויז אויף דיעזען פערזאָן וועמען דו ליעבסט אַזוי שטאַרק, פאר וועמען דו וואָלסט געווען גרייט צו געהן אין פייער און אין וואַסער... פאר וועמען דו וואָלסט אפילו דיין לעבען געאָפּפערט... זאָג מיר יוסף, — האָט זי זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט און איהם אָנגענומען פאר'ן האַנד — זאָג מיר האָסטו אַמאָל אַזוי געליעבט.

— אָ, מיין האַרינטע — האָט יוסף געזוכט ארויסצונעהמען זיין האַנד פון איהרער — איך בין דאָך א איינפאַכער קנעכט... ווי קום איך גאָר צו טראַכטען וועגען ליעבע... מיין קערפּער בעלאַנגט צו מיין האַר וועלכער האָט פאר מיר זיין געלד בעצאָהלט... איך האָב קיין רעכט ניט צו דענקען אפילו וועגען דעם.

— אָבער איך מיין, יוסף, פריהער, איידער דו ביזט פערקויפט געוואָרען פאר א קנעכט אין מצרים האָסטו דען פריהער אויך קיין פרוי ניט ליעב געהאַט?..

— איך בין א קנעכט זייט איך געדענק, מיין האַרינטע...

— א ניין, יוסף, דו ביזט ניט קיין קנעכט! דו ביזט א פּרינץ! א ווי ניט ריכטיג די געטער האָבען איינגעטהיילט די וועלט, א פּרינץ האָבען זיי פאר א קנעכט געמאַכט... און א קנעכט, א העסליכען קנעכט האָבען זיי פאר א פּרינץ געמאַכט! נו, זאָג אַליין יוסף וואָלט דען ניט געווען ריכטיגער ווען דו פערנעהמסט פּוטיפאַר'ס פּלאַץ און פּוטיפאַר — דיין פּלאַץ!

—אָבער, מיין האַרינטע! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען א דערשראָקענער — פאר וואָס זאָל מיין האַרינטע ריידען אַזעלכע רייד!

— ווייל איך האָב דיר ליעב יוסף! זינט דו ביזט אָנגעקומען צו דינען אין מיין הויז, האָט זיך פאר מיר געעפענט א נייער קוואַל פון גליק און פרייד... יאָ, איך האָב דיר ליעב מעהר פון אַלעס אין דער וועלט... איך האָב פּוטיפאַר'ן קיינמאָל ניט ליעב געהאַט... און יעצט האָס איך איהם נאָך מעהר... ווען ער קומט צו נאָהענט צו מיר וואָלט איך גלייכער געשפּרונגען אין פייער אום זיך פון איהם צו בעפרייען... א יוסף ווען דו וואָלסט נאָר

געקענט זעהן דעם פּלאַם וואָס האָט זיך ביי מיר אין הארצען צופלאַקערט... וואָלסטו מיר געווים פערשטאַנען!... ווי שטאַרק מיין ליעבע איז צו דיר אַזוי גרויס איז מיין שנאה צו דעם אָפּגעלעבטען פּוטיפר'ן.. אָה, דער אַלטער נאַר... ער איז געפאָהרען נאָך „און" מתפּלל זיין אויף קינדער, אַ סך װעלען איהם זיינע תּפלות העלפען... אַ װען די געטער פֿון און װאָלטען זיך איבער מיר מרחם געװען און איהם אין גאַנצען צוגענומען צו זיך, דאַן װאָלט איך זיי געבענשט טויזענד מאָל אַ טאָג...

יוסף האָט זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. זליכה'ס רייד האָבען איהם װי שאַרפֿע שפּיזען געשטאָכען... הענד און פֿיס האָבען איהם געטרייסעלט... ער האָט אָנגעװענדעט זיינע בּליקען צום טהיר... אַ װען ער קען יעצט זיין אין דרויסען... ער מוז איהר גלייך פערלאָזען... אָבער ניין! דאַמיט װעט ער ערגער מאַכען... ער דאַרף זעהן צו װירקען אויף איהר מיט פערניג־פטיגע רייד, זי זאָל אויפגעבען די שרעקליכע געדאַנקען... פֿון איהרע רייד קען ער שוין יעצט פערשטעהען אַז זי איז װי אַ גיפטיגער שלאַנג, זי װעט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלען, ביז װאַנען זי װעט איהר קרבן קריעגען... ער מוז דאַריבער דאָ האַנדלען זעהר פאָרזיכטיג... ער װעט איהר ערקלעהרען די גרויסע זינד װאָס אַ פרוי האָט װען זי איז אונטריי איהר מאַן, ער װעט פאַר איהר מאָהלען דעם בילד פון דעם שטראָף, װאָס זי װעט קריגען, אפשר װעלען אַזעלכע רייד האָבען אויף איהר אַ בעסערע װירקונג... זי װעט זיך אַרומזעהען אַז זי האָט זיך בענאַרישט... און זי װעט אויפהערען צו טראַכטען װעגען דעם...

— מיין האַרינטע! — האָט זיך יוסף אָפּגערופען — דו מוזט מיר ענטשולדיגען, אָבער איך בין ניט פאַרטיג מיט מיין אַרבייט...

— זאָלען די איבעריגע קנעכט טהאָן דיין אַרבייט! — האָט זליכה אויסגערופען — פֿון היינט אָן ביזטו דער פּרינץ איבער מיין הויז און די קנעכט װעלען דאַרפען טהאָן אויך דיין אַרבייט.

— אויב מיין האַרינטע װעט מיר ערלויבען, װעל איך אַ װיילע אַרויס־געהן אויפ'ן פרישען לופט. איך פיהל זעהר הייס...

— איך װיים, יוסף אַז דו װילסט זיך איבערטראַכטען װעגען דעם װאָס איך האָב נאַר װאָס מיט דיר גערעדט. איך װעל דיר ערלויבען יעצט אַרויסצוגעהן.

יוסף האָט שנעל פאַרלאָזען איהר צימער. ער האָט זיך געפֿיהלט װי אַ פויגעל װאָס איז נאָר װאָס בעפרייט געװאָרען פֿון איהר שטייג.

ער איז אַרוים אין דרויסען און שנעל גענומען געהן. ער האָט אַליין ניט געװאוסט װאוהין... און װען ער איז שוין געװען אַ שטיק װעג אָפּגע־גאַנגען פֿון פּוטיפר'ס הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. װאָס זאָל ער װייטער טהאָן? — האָט ער גענומען טראַכטען... װי אַזוי זאָל ער האַנדלען מיט זיין האַרינטע?.. ער װיים גאַנץ גוט איהר בייזען כאַראַקטער. ער דאַרף אויסגעפֿינען אַ װעג װי אַזוי איהר צו בערוהיגען... ער איז זיכער אַז װען ער זאָל פאָרזיכטיג ניט זיין מיט זיינע רייד, קען ער נאָך אַרויפבריינגען אויף זיך אַ צרה! נאָך אַלעמען האָט זליכה איהם די גאַנצע צייט זעהר

גוט בעהאַנדעלט... און ווען זיינע שונאים האָבען געזוכט אויף איהם אַ בלבול צו מאַכען, האָט זי, איידער זי האָט דעם אמת דערגאַנגען, שוין געזוכט איהם ריינצוואַוואַשען... ער האָט דאָך איהר צו פערדאַנקען וואָס פּוטיפר האָט איהם פאַר דעם הויפּט פון אַלע קנעכט געמאַכט... אָבער וואָס פערלאַנגט זי פון איהם? ער זאָל פערראַטהען זיין האַר, וועלכער האָט אַזוי פיעל צוטרויען צו איהם!.. ווי אַזוי קען אַ פרוי גאָר אַזוי ריידען וועגען איהר אייגענעם מאַן, וועלכער האָט מיט איהר אַזוי פיעל גוטעס געטהאָן?! אַה, זי מוז זעהר פערדאָרבען זיין!... געלויבט איז גאָט וואָס אסנת איז ניט איהר ריכטיגע טאָכטער.. אָבער ער מוז זעהן איהר נישט אַריינברענגען אין כעס, ווייל ער קען נאָך אויך פערלירען די געלעגענהייט צו לערנען מיט אסנת'ן. וואָס אָבער זאָל ער טהאָן? ווי אַזוי זאָל ער האַנדלען?...

לאַנג איז יוסף געשטאַנען און געטראַכט... ער האָט מתפלל געווען אַ תפלה צו גאָט:

יאָ, מעכטיגער גאָט פון מיינע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב, בעשיץ מיר פון שלעכטעס און בייז, ברייננ מיר נישט צו קיין נסיון, שיק דיין פערשטאַנד צו דער מצרית, זליכה, עפען איהרע אויגען און זאָל זי זעהן דעם געפעהרליכן וועג וואָס זי האָט אויסגעקליבען צו געהן. גיעב מיר כוח, מוטה און פערשטאַנד איהר אויפצוקלעהרען ווי אומגערעכט זי איז, און אין דער זעלבער צייט זאָל זי ניט אויסגיסען איהר צאָרן אויף מיר!

יוסף האָט זיך אַרומגעזעהן אַז ער מוז זיך גלייך צוריקקעהרען אין הויז. ער האָט נאָך זעהר פיעל אַרבייט צו טהאָן. — אָבער וואָס וועט זיין אויב זליכה וועט איהם ווייטער שיקען רופען צו זיך? יאָ, ער וועט איהר דערצעהלען אַ געשיכטע. ער וועט איהר דערצעהלען די מעשה וואָס האָט געטראָפען טאַקע צו פּרעה'ס עלטער זיידען אין מצרים. ער וועט איהר דערצעהלען וועגען אברהם און זיין ווייב שרה, ווען זיי זיינען צוליעב דעם הונגער אויסגעוואַנדערט נאָך מצרים, און ווען פּרעה האָט די שעהנע שרה דערזעהן האָט ער געגלוסט איהר צו נעהמען פאַר זיך, אָבער ער איז גלייך בעשטראָפט געוואָרען פון גאָט, און האָט זיך צו איהר אפילו ניט צוגע־ריהרט. ער וויים ווי שטאַרק זי האָט ליעב צו הערען זיינע געשיכטעס. אפשר וועט זיך איהם איינגעבען איהר צו איבערצייגען וועגען דעם אומרעכט..

ער איז צוריק אין הויז אַריין און זיך גענומען צו זיין אַרבייט נאָך מיט מעהר פליים. פּלוצלונג האָט ער בעמערקט זליכה אַריינקומענדיג אין דעם צימער וואו ער האָט זיין אַרבייט געטהאָן. זי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ שעהן זיידען קלייד, איהר פּנים איז געווען צוגעפּאַרבט און אַ ריח פון גוטער פּערפיום, האָט זיך צוטראָגען איבער'ן גאַנצען צימער...

יוסף האָט אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט זיין אַרבייט און האָט געוואָרפען אַ צושראָקענעם בליק אויף זליכה'ן. ער איז אָבער געווען שטאַרק צופריעדען וואָס אין דעם צימער זיינען נאָך עטליכע קנעכט געווען...

זליכה איז אַרומגעגאַנגען אין צימער הין און צוריק, זי האָט כלומרשט

בעטראַכט די אַרבייט פון די איבעריגע קנעכט. נאַכהער האָט זי אויס־געררופען:

— איהר זייט פוילענצער — דער איינציגער וועלכער אַרבייט איז יוסף. איהר לאָזט פאַר איהם איבער די גאַנצע אַרבייט! יעדער פון אייך וועט מוזען פלייסיגער אַרבייטען, אויב ניט וועט ער שווער בעשטראָפט ווערען.

אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַלען אויף די קנעכט וועלכע האָבען זיך דאָרט געפונען... יעדער האָט זיך גענומען אַרבייטען מיט מעהר ענערגיע.

— און דו יוסף, זאָלסט בלויז אויפזעהן אויב זיי טהוען זייער אַרבייט ווי עס בעדאַרף צו זיין! — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט מיט אַ צערט־ליכע שטימע. — כל זמן פּוטיפר איז נישטאָ אין דער היים, וועסטו פאַר־נעהמען זיין פּלאַץ, און אַלע קנעכט און דיענסטען זיינען צו דיר פאַראַנט־וואָרטליך. און אין אָוועגד וויל איך אַז דו זאָלסט אַריינקומען צו מיר מיט אַ בעריכט וועגען אַלעם... יע, היינט דאַרפסטו מיט אסנת'ן אויך ניט לערנען, און דעריבער וועסטו קענען צו מיר קומען אַ סך פריהער ווי יעדען טאָג.

זליכה איז אַרויסגעגאַנגען, און יוסף'ס האַרץ האָט ווידער גענומען זיך שרעקען... איהר כונה איז שוין גאַנץ קלאָהר געווען צו איהם. וואָס בלייבט איהם צו טהאָן? ער וועט דאָך ניט ווידערשפּעניגען איהר מויל! אָבער ער מוז געפינען אַ וועג צו פערמיידען אַן אומגליק.

נאָכדעם ווי סרטן האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז אסנת איז נאָך איצט ווייטער פון איהם ווי פריהער איידער ער האָט איהר סוד אַנטדעקט איז ער געווען זעהר ענטטוישט און פאַרביטערט... ער איז געווען ביי זיך אַזוי זיכער אַז נאָכדעם ווי אסנת וועט אויסגעפינען דעם גאַנצען אמת וועגען זיך, וועט זי זיין אָנבאָט אָנגעהמען מיט גרויס צופרידענהייט. ער האָט זיך באַריהמט פאַר דעם שר המשקים אַז אסנת האָט שוין צוגעשטימט צו זיין זיין פרוי... און ער האָט איהם טאַקע ניט געוואָלט גלויבען, יעצט וועט אויסקומען אַז דער שר המשקים איז געווען גערעכט... ער האָט זיך אומזיסט בעריהמט וועגען אסנת'ן, זי וויל גאָר אפילו פון איהם ניט וויסן! ער האָט גענומען פּלאַנעווען און טראַכטן ווי אַזוי צו ענדערען אסנת'ס מיינונג וועגן איהם. איהר איינציגער תירוץ פאַר וואָס זי וויל ניט צושטי־מען זיין פרוי צו ווערען, איז גאָר יעצט ווייל זי האָט אויסגעפונען אַז זי שטאַמט פון דער משפּחה פון די עברים. און אַלס אַ טאָכטער פון דער משפּחה, זאָגט זי קען זי ניט הייראַטהען איינעם וועלכער דיענט צו אָפּגעטער. אין דעם איז בלויז יוסף שולדיג. ער האָט מיט איהר געלערנט אַלע געבאָטען פון דער רעליגיאָן פון די עברים. אַ דער נידעריגער קנעכט! צוליעב דעם וואָס ער איז געווען אַ קנעכט ביי די עברים זינט זיין יוגענד, האַלט ער גאָר אַזוי שטאַרק פון זייער גאָט אַז ער לערענט מיט אסנת'ן וועגען דעם... אָ, ווען ער זאָל דאָס דערצעהלען פּוטיפר'ן, אַז יוסף האָט אין אסנת'ן ליעבשאַפט צו דעם גאָט פון די עברים איינגעפּלאַנצט, דאַן וואָלט שוין יוסף זיין פּסק בעקומען, אָבער דאָס קען נאָך איהם אויך אין אַ צרה אַריינ־

ברייִנגען... זליכה וועט דורכדעם אויסגעפינען אז ער האָט אסנת׳ן אויס־געזאָגט אַלעס וואָס האָט מיט איהם פּאסירט, און דאַן איז ער אַ פאַר־לוירענער... ער ווייס אז זיין שוועסטער וואָלט איהם פאַר דעם ניט געשאָנקען. ער מוז אָבער געפינען אַן אנדער מיטעל. ער וועט אסנת׳ן אזוי שנעל ניט אויפגעבען... נאָך אַלעמען, דער איינציגער וועלכער וואָלט איהם דאָ יעצט יע געקענט העלפען איז דער קנעכט יוסף. ווען ער וואָלט מיט איהם געוועזען אין מעהר פריינדליכע בעציהונגען, וואָלט ער איהם אַ סך געקענט העלפען. אָבער יעצט קען ער אויף איהם זיך ניט פערלאָזען. יוסף ווייס ווי שטארק ער איז ביי איהם פערהאַסט, און געוויס האָט ער איהם אויך ניט איבעריג ליעב. פונדעסטוועגען וועט ער פּרובירען מאַכען אַ פּערזוך זיך דורכצורייִדען מיט יוסף׳ן פּיעלייכט וועט ער מיט איהם דורכקומען.

— וואָס ביזטו אזוי פאַרטיעפט אין דייִנע געדאַנקען? — האָט עכבור דער שר המשקים זיך אָפּגערופען צו סרטן, דו טראַכסט ווארשיינליך, וואָס פאַר אַ ציערונג צו קויפען פאַר דיין כלה אסנת׳ן.

דאָס בלוט האָט סרטן אַ זעץ געטהאָן אין פּנים. ער פאַרשטעהט אַז דער שר המשקים רייצט זיך מיט איהם. אָבער ער וועט איהם נאָך צייגען אַז סרטן איז ניט קיין ליגנער. עס וועט לאַנג ניט נעהמען און ער וועט זעהן אַז די שעהנע אסנת איז זיין כלה... דאַן וועט זיין נקמה זיין גרויס... און ער וועט זיין מיט איהר אזוי שטאָלץ! ער וועט זי ארייִנפיהרען אין פּאַלאַץ און איהר פאָרשטעלען פאַר פּרעה׳ן... זי וועט זעהן ווי שטארק געאַכטעט און געשעצט ער איז אין די אויגען פון קעניג. דאַן וועט דער שר המשקים שוין מעהר ניט וואַגען צו איהם אזוי צו ריידען... דאַן וועט ער שוין מיט איהם זיך קענען אַ רייִץ טהאָן....

— איך וועל דיר זאָגען וואָס פאַר אַ ציערונג דו זאָלסט קויפען פאַר אסנת׳ן — האָט עכבור ווייִדער געזאָגט מיט אַ שמייכעל — דו קויף פאַר איהר אַ האַלז־באַנד!

— איך פרעג ביי דיר קיין עצות נישט! — איז סרטן אויפגערעגט געוואָרען — איך וואָרען דיר אז אויב דו וועסט מאַכען אַ פּערזוך מיר צו בעליידיגען, וועט דיין סוף זיין אַ ביטערער.

— וואָס פאַר אַ באַליידיגונג איז עס פאַר דיר, ווען איך ראטה דיר צו קויפען אַ האַלזבאַנד פאַר אסנת׳ן... דו ביזט נישט מחוייב צו קויפען אזאַ טהייערען האַלזבאַנד ווי דיין שוועסטער זליכה האָט געקראָגען... ניין! עס לוינט זיך נישט... אויף אזאַ טהייערען האַלזבאַנד זייִנען פּאַראַן פּיעלע בעלנים... און מען קען נאָך אַוועק׳גנב׳ענען, אזוי ווי מען האָט גע׳גנב׳עט דעם האַלזבאַנד פון פּוטיפאַר׳ס ווייב...

— דו פערמאַך דיין מויל! — האָט סרטן אַ געשריי געטהאָן און זיך פאַרמאָסטען צו איהם מיט זיין פויסט. — איך פרעג ביי דיר קיין עצות ניט...

— דו בעסער האַלט איין דיין כעס, מיין ברודער, און פאַרגעס ניט אז אויף דעם שר המשקים קען מען אזוי ניט שרייען. דו דיינקסט מסתמא אז איך ווייס גאָר ניט וואָס פאַר אַ קלוגע און גוטע מעשים דו האָסט מיט אייניגע יאָהר צוריק אויפגעטהאָן אין דיין שוועסטער׳ס הויז... איך ווייס

אַלעס, סרטן, עס איז פון מיר קיין איין פאַרבאָרגענע זאַך ניטאָ... ווען יוסף האָט דיר אָנגעבראָכען די ביינער האָב איך געוואוסט, כאָטש דו ביזט זיך ארומגעגאַנגען בעריהמען פאַר אַלעמען אַז דו האָסט יוסף׳ן שיער צום טויט ניט געשלאָגען, און ווען דו האָסט אַרויסגע׳גנב׳עט ביי דיין שוועסטער דעם האַלזבאַנד און געבעטען תדמור׳ן ער זאָל עס אַריינלייגען אין יוסף׳ס כלים, האָב איך אויך געוואוסט... דו האָסט געזוכט צו מאַכען אַ בלבול אויף איהם און דו ביזט אַליין אַריינגעפאַלען...

— דאָס איז דער אומווירדיגער תדמור וועלכער דערצעהלט דיר אַלעס!

— האָט סרטן געקריצט מיט די צייהנער — איך וועל איהם דערפאַר ניט שענקען!...

— אומזיסט קאָכסטו זיך און ביזט אויפגערעגט אויף תדמור׳ן. ער האָט מיר קיין וואָרט ניט דערצעהלט — תדמור איז מעגליך געווען דיין פריינד אָבער קיין מאָל נישט מיין פריינד.

— אויב אַזוי, טאָ ווען דען האָט עס דיר אַלעס דערצעהלט? — האָט סרטן אַ פרעג געטהאָן.

— אָבער יעצט ביזטו שוין מודה אַז אַלעס איז ריכטיג! — האָט דער שר המשקים אויסגערופען — און יעצט קענסטו מיר אויך גלויבען ווען איך זאָג דיר אַז אסנת האָט דיר פיינט און דו ווילסט מיר איינריידען אַז זי וועט אין גיכען ווערען דיין פרוי.

— דער וואָס האָט דיר דאָס דערצעהלט איז מיינער אַ שונא און האָט געזאָגט ליגען — האָט סרטן אויסגערופען — אסנת האָט מיך ליעב און זי האָט צוגעשטימט צו ווערען מיין פרוי. און נאָך מעהר, אפילו מיין שוועסטער וועלכע איז ביז יעצט געווען דאַגעגען איך זאָל מיט איהר טאָכטער הייראַטהען האָט דאָ ניט לאַנג אויך צוגעשטימט און יעצט זיינען אַלע שטרויכלונגען פון מיין וועג אַרונטער.

— און איך וועל דיר בלויז דאַן גלויבען — האָט עבבור זיך אָנגערופען — ווען איך וועל אַלעס צוזעהען מיט מיינע אויגען. ווען, צום ביישפיעל גלויבסטו, וועט דיין הייראַטה מיט אסנת׳ן פאָרקומען?..

— ווי נאָר פוטיפר וועט זיך אומקעהרען פון „און“ — האָט סרטן געזאָגט. — עס פערשטעהט זיך דאָך אַז אָהן מיין שוואָגער וועל איך דאָך ניט פראַווען די חתונה!

— דאַן ווען דו וועסט פראַווען דיין חתונה מיט אסנת׳ן וועט דער טייך נילוס אויסגעטריקענט ווערען! — האָט דער שר המשקים געלאַכט.

— דאָס וועלען מיר שוין זעהן — האָט סרטן געענטפערט — איך וויים, אַז דו ביזט מיר מקנא און דעריבער ווילסטו זיך איינריידען אַז איך וועל אסנת׳ן ניט קריגען...

— איך האָב געדולד צו וואַרטען — יע, עס וועט לאַנג נישט דויערען און דיעזער ליגען וואָס דו בעמיהסט זיך אַליין איינצורריידען, וועט אַרויפשווימען ווי בוימאייל אויפ׳ן וואַסער. און לאָמיר דיר נאָך אַמאָל זאָגען, אויב דו גלויבסט אַז אסנת איז אין דיר פאַרליעבט מאַכסטו אַ גרויסען טעות. איך וויים אַז זי האָט דיר ניט איבעריגס ליעב!

סרטן האָט עבבור'ן מעהר ניט גענענספערט, אָבער זיין בעשלוס אריינ־צוקריגען אסנת'ן איז נאָך ביי איהם שטאַרקער געוואָרען. ער וועט איהם ווייזען און זיינע איבעריגע אַלע שונאים. ווער האָט עס געקענט איהם אַלעס דערצעהלען? האָט ער גענומען ביי זיך טראכטען, אויב ניט תדמור, ווער זשע דען? ער וועט דאַרפען אויספאָרשען די זאַך. יוסף? ניין, ער געווים ניט. ער האָט נישט קיין טבע צו געהן יענעם בעריידען, בפרט יעצט, ווען ער איז פאַרנומען דעם גאַנצען טאָג... אָה יע, ער ווייס שוין ווער דאָס איז. יע, די אדומית. מען האָט טאַקע דערצעהלט אַז דער שר המשקים קומט בעזוכען די אדומית... ווי עס ווייזט אוים האָט ער זי ליעב און זי דערצעהלט איהם אַלע סודות! ער וועט אָבער מאַכען אַן ענדע דערצו. ער וועט זיך נאָך היינט דורכריידען מיט זיין שוועסטער און זי וועט די אדומית פערבאָטען זיך צו זעהן מיט דעם שר המשקים! זאָל זי וויסען אַז נישט אַזוי גרינג וועט זי קענען ריידען רכילות אויף סרטן. יע, זי וועט נאָך היינט דערפאַר בעשטראָפט ווערען.

סרטן איז יענעם טאָג אַוועק צו זיין שוועסטער און זיך צו איהר אָפּגערופען:

— איך ווייס נישט פאַרוואָס דו בעהאַנדעלסט דיינע דינסטען און קאַמערמיידלעך אַזוי גוט... זיי פערנאַכלעסיגען זייער ארבייט און טהוען וואָס נאָר זיי געפעהלט.

— איך פערשטעה נישט וואָס דו ציעלסט מיט דיינע ווערטער! — האָט זליכה איהם אָנגעקוקט...

— איך האָב זיך דאָ נישט לאַנג דערוואוסט, אַז איינע פון דיינע קאַמערמיידלעך פאַרברייגגט גאַנץ אָפט אין דער געזעלשאַפט פון דעם שר־המשקים — האָט ער געזאָגט — און דו דאַרפסט זעהן, אַז דאָס זאָל מעהר נישט געשעהן.

— ווער איז זי? — האָט זליכה געפרעגט.

— דאָס איז די אדומית.

— און ווער האָט דיר דערצעהלט, אַז זי פערברענגט מיט דעם שר המשקים?

— דאָס איז שוין פאַר קיינעם קיין פאַרבאָרגענע זאַך נישט!

— און פאַרוואָס זאָל איך איהר נישט דערלאָזען, מיר דוכט זיך אַז דער שר־המשקים איז אַ גאַנץ פיינער מאַן?

— אָבער די אדומית דערצעהלט אַלעס וואָס עס קומט זאָר אין דיין הויז.

— וואָס האָט זי איהם, צום ביישפּיל, אַזוינס דערצעהלט?

— המ... איך ווייס נישט, געגוי אָבער זי דערצעהלט איהם!

— אויב דו ווייסט נישט, טו וואָס זשע רעדסטו?

— אָבער דו דאַרפסט זעהן איינהאַלטען דיינע דינסטען און קאַמער־מיידלעך, זיי זאָלען בעסער טהאָן זייער ארבייט און נישט פיהרען קיין ליעבעס מיט מענער.

— איך האָב געהערט, אַז דער שר־המשקים האָט בדעה צו הייראַטהען מיט דער אדומית! — האָט זליכה אַ שמייכעל געטהאָן.

— און דו וועסט עס דערלאָזען! — האָט ער אויסגערופען.

— פאַרוואָס נישט? זיי ליעבען זיך דאָך! די אדומית איז אַ גאַנץ שעהנע מיידעל און דער שר־המשקים איז אַ פיינער מאַן, פאַרוואָס־זשע זאָל איך זיי שטערען? סיידען דו ווילסט די אדומית פאַר זיך... אָבער ווי איך פערשטעה, האָסטו דאָך ביי זיך אָפּגעמאַכט צו קריגען אסנת'ן. נו, זאָג מיר, האָסטו שוין מיט איהר גערעדט? איך וועל מיין וואָרט האַלטען, אויב אסנת וועט דיר איהר צושטימונג געבען, דאַן וועל איך נישט זיין דאַגעגען...

— פונדעסטוועגען, מיין ליבע שוועסטער, ווען דו וואָלסט מיר טאַקע געוואָלט ארויסהעלפען, וואָלט שוין אסנת לאַנג געווען מיינע!

— מיט וואָס קען איך דיר אַרויסהעלפען? — האָט זליכה געלאַכט — איך קען דאָך נישט מאַכען זי זאָל דיר ליעב האָבען, ווען זי האָט דיר עס נישט!

— ווען דו אַליין וואָלסט איהר געזאָגט, וואָס פאַר אַ גרויסער גליק עס איז פאַר איהר ווען זי וועט מיט מיר חתונה האָבען, וואָלט זי שוין צוגעשטימט.

— דאַרף איך דאָך פריהער אַליין גלויבען, אַז דו ביזט אַ גליק פאַר איהר! און דו ווייסט דאָך, אַז עס האַלט ווייט דערפון.

— אָ, זי איז ביי זיך צו שטאָלץ! — האָט סרטן אויסגערופען גע־קרענקט — פיללייכט ווען זי וואָלט געוואוסט ווער זי איז, וואָלט זי אַנדערש געהאַנדעלט.

— ווי איך זעה, ווילסטו איך זאָל דיר דערלויבען אסנת'ן צו דער־צעהלען פון אַלעס, זאָג איך דיר אָן, סרטן, אַז ווי נאָר איך דערוויס זיך, אַז דו האָסט אפילו מיט אַ וואונק איהר געגעבען אָנצודייטען וועגען אונזער געהיימניס, דאַן וועל איך דיר פון זיך מיט גרויס פאַראַכטונג פערטרייבען. און איך וועל שוין זעהן, אַז דו זאָלסט אויך פון קעניגליכען פּאַלאַץ פּער־טריבען ווערען.

— נו, שוועסטער, דו ווייסט דאָך, אַז איך וועל אַזאַ זאַך נישט טהאָן! — האָט סרטן אַ דערשראָקענער געזאָגט — איך וועל דיר נישט פעררעטען און דיינע געהיימניסע וועלען בלייבען אויף אימער פערזיגעלט אין מיין האַרצען...

— דו שלאָג זיך בעסער אַרוים פון קאָפּ דיינע געדאַנקען וועגען אסנת'ן — האָט איהם זליכה געוואָרענט —דו ווייסט, אַז זי איז נישט פאַר דיר... ווייל אַ חוץ דעם וואָס דו ביזט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי, בעזיצטו קיין זאַך נישט וואָס זאָל דיר צוציהען צו איהר... און דו ווייסט דאָך ווי טייער אַסנת איז צו מיר און פוטיפר'ן... איך גלויב, אַז ווען פוטיפר וועט זיך צוריקקעהרען פון און, וועט ער וואהרשיינליך מיט זיך מיטברייננגען פון דאָרטען אַ יונגען מצרי פון די חרטומים, צו וועמען ער וועט אסנת'ן אָפּגעבען פאַר אַ פרוי... אַזוי האָב איך איהם שוין נישט איינמאָל געהערט רעדען וועגען דעם.

— נו, יעצט זאָג אַליין, שוועסטער! — האָט סרטן אויסגערופען מיט פערדרוס — שטעה איך דען נישט העכער פון די חרטומים? איך געפין

זיך אין פּאַלאַץ יעדען טאָג, און איך זעה פּרעה'ס פּנים דריי מאָל יעדען טאָג, אָבער די חרטומים! ווען האָבען זיי צוטריט צום פּאַלאַץ? קיינמאָל נישט! סיידען דער קעניג לאַדעט זיי איין!

— אָבער ווער האָט מעהר שכל און מעהר פערשטאַנד? — האָט זליכה א שמייכעל געטהאָן — דו צו איינער פון די חרטומים?

סרטן האָט געשוויגען. ער האָט פערלאָזען פּוטיפר'ס הויז נאָך מיט מעהר פערביטערונג און ענטוישונג.

דער אָוועגד האָט גענומען צופאַלען און זליכה האָט זיך גענומען צו־גרייטען צו עמפּפאַנגען יוסף'ן. היינט וועט ער וואָס פריהער אריינקומען צו איהר... זי וועט מיט איהם דעם גאַנצען אָבענד פערברייינגען... אסנת'ן וועט זי אַוועקשיקען צו איינער פון איהרע פריינדינען, די פרוי פון פּרעה'ס הויפּט־מיניסטער, וועלכע האָט געמאַכט א פערוויילונג און איינגעלאַדען אהין זליכה'ן מיט איהר טאָכטער... זי וועט שוין געפינען אַן אויסרייד פאַרוואָס זי קען מיט איהר נישט מיטגעהן.

זליכה האָט געשיקט רופען אסנת'ן און זיך צו איהר אָפּגערופען מיט א צערטליכע שטימע:

— דו ווייסט דאָך, מיין טאָכטער, אַז די פרוי פון פּרעה'ס הויפּט־מיניסטער פייערט היינט איהר געבורטס־טאָג און זי האָט מיר איינגעלאַדען מיט דיר צום מאַלצייט, איך האָב איהר פערשפּראָכען צו קומען, אָבער איך האָב שטאַרקע שמערצען און איך וועל קיין מעגליכקייט נישט האָבען צו געהן אהין, דעריבער וויל איך, מיין טאָכטער, אַז דו זאָלסט דאָרטען געהן, אָהן מיר, דו זאָלסט, איהר ערקלעהרען, אַז איך בין עפּעס היינט נישט מיט אַלעמען און איך קען נישט קומען זיך בעטייליגען אין איהר שמחה...

— אָבער, מוטער! — האָט אסנת אויסגערופען — צו געהן דאָרטען אליין איז פאַר מיר זעהר נישט אנגענעהם... פיליכט וואָלסטו אהין געשיקט איינע פון דיינע קאַמער־מיידלעך דאָרטען צו ערקלעהרען די אורזאַכע וואָס דו קענסט נישט קומען, און בעטען זיי זאָלען דיר ענטשולדיגען.

— אָ, ניין, מיין טאָכטער, איך וויל אַז דו זאָלסט דאָרטען אליין געהן... ערשטענס, וויל איך נישט זיך אריינרייסען מיט דעם הויפּט־מיניסטער'ס פרוי, און צווייטענס, בין איך זיכער, אַז דו וועסט דאָרטען זעהר גוט פער־ווייַלען, ווייַלע דאָרטען וועלען זיך געפינען די רייכסטע און חשוב'סטע יונגע לייט פון מצרים!

— דו ווייסט דאָך אָבער מוטער, אַז איך בין נישט גאַנץ איבעריג נייגעריג זיך צו בעגעגענען מיט די יונגע לייט פון מצרים... און איך וואָלט דיר זעהר דאַנקבאַר געווען, ווען דו בעפרייסט מיר פון דיזען פליכט.

— ניין, דו מוזט אהין געהן! — האָט שוין זליכה געזאָגט עטוואָס שטרענגער, טו אָן דיין נייע קלייד... יע, איך וועל אריינשיקען די אדומית צו דיר און זי וועט דיר זיך העלפען אָנטהאָן...

אסנת האָט גלייך איינגעזעהן פון דעם טאָן פון איהר מוטער'ס שטימע, אַז זי וועט מוזען געהן...

זי איז געווען זעהר ענטוישט וואָס יוסף וועט מיט איהר היינט נישט לערנען... זי האָט דאָך אַזאַ וואונדערבאַרע איבערראַשונג פאַר איהם! זי האָט דעם גאַנצען טאָג מיט אַזוי פיעל אומגעדולד געוואַרט אויף דיזער צייט... זי האָט זיך גענומען פאָרשטעלען וואָס פאַר אַן איינדרוק דיזע גוטע נייעס וועט מאַכען אויף יוסף'ן... זי האָט זיך גענומען צוגרייטען ווי איהם צו דערצעהלען... פריהער וועט זי איהם זאָגען, אַז זי האָט אַ שפור צו זיין שוועסטער'ס טאָכטער נעמה, און ווען ער וועט איהר אָנקוקן מיט ערשטוינונג און דאָס קוים גלויבען וועט זי איהם דערצעהלען, אַז דאָס איז זי גאָר די טאָכטער פון דינה'ן... זי וועט איהם איבערגעבען אַלע איינצעלהייטען וואָס סרטן האָט איהר דערצעהלט... און יעצט וועט ער וויסען, אַז זי, אסנת איז די טאָכטער פון זיין שוועסטער...

דעריבער איז טאַקע אסנת זעהר שטאַרק ענטוישט געוואָרען, ווען זליכה האָט פון איהר פערלאַנגט, אַז זי זאָל דעם גאַנצען אָבענד נישט זיין אין הויז. זי וועט נישט זעהן יוסף'ן, וועט זי דען האָבען אַזוי פיעל געדולד צו וואַרטען ביז מאָרגען?... אָבער זי טאָר יעצט געווים איהר „מוטער" נישט דערצאָרענען... זי קאָן נאָך אָנפאַנגען איהר חושד צו זיין, אַז דאָס וויל זי נישט געהן אויף דער פאַרוויילונג, ווייל זי וויל זיין מיט יוסף'ן... ניין, דאָס טאָר זי דערווייל נישט פערדעכטיגען, ווייל דאָס קען איהר זעהר פיעל שאַדען!

עס האָט איהר לאַנג נישט געדויערט און אסנת איז געווען צוגעגרייט מיט איהרע קליידער און אין די בעגלייטונג פון איהרע קאַמער־מיידלאַך איז זי אַוועק צו דער פייערונג.

.27

יוסף אין געפענגנים

זליכה האָט זיך יענעם אָבענד גאַנץ פריי געפיהלט, פוטיפר איז אין דער שטאָדט „און" און אסנת וועט זיך אויך אומקעהרען זעהר שפעט... יע, היינטיגען אָבענד וועט זי קענען דורכפיהרען איהרע פּלענער אומגע־שטערט. זי האָט ערוואַרטעט יוסף'ן אין איהר צימער... א גליקליכע פרייד האָט זיך צוגעָסען איבער איהרע גליעדער ווען זי האָט בעטראַכט איהר שעהנעם רייצענדען קערפּער.. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז איהר שטאַרקע וואַפע, און עס וועט איהר נישט שווער אָנקומען יעצט, אַז זי וועט פאַרזיכערען יוסף'ן דאָס קיינער וועט זיי נישט שטערען.. ווי עהרליך א יונגער מאַן זאָל זיין צו זיין האַר, וועט ער קיינמאָל נישט קענעןביישטעהן אַזא נסיון... — האָט זי זיך געטראַכט... איז זי דען נישט אַזוי צוציהענר און וואונדערשעהן... איז איהר פערדרוס דען נישט גרעסער צו וויסען, אַז זי בעזיצט אַזא פּראַכטפאָלען קערפּער וואָס בעלאַנגט גאָר צו אַזא מגושם'־דיגען און העסליכען מאַן ווי פוטיפר... א שוידער געהט דורך איהר לייב ווען זי דערמאָהנט זיך, אַז פוטיפר ריהרט זי אָן מיט זיינע דיקע הענט... ניין, מעהר וועט עס שוין נישט געשעהן, היינט, אין אָבענד וועט ווערען אָן ענדע צו אַלעס. זי וועט מיט פוטיפר'ן מעהר ניט זיין צוזאַמען, זי וועט מיט יוסף'ן ענטלויפען אין א צווייטען לאַנד און דאָרטען וועט זי געניסען פון איהר גרויסער ליעבע צו איהם... זי איז צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו זי האָט געהאַלטען פאַרבאָרגען איהרע קאָסטבאַרע ציערונג, גאָלד און ברילאַנטען, וואָס פוטיפר האָט גאָר פון זיי קיין אהנונג נישט געהאַט און דאָס געגומען בעטראַכטען... זי האָט איבערגעצעהלט די גאָלדענע מטבעות און זי האָט זיך מיט צופרידענהייט געטראַכט, אַז אפילו ווען איהר זאָל אויסקומען אין גאַנצען צו פערלאָזען מצרים, וועט זי זיין געגוג רייך צו לעבען אין רחבות אין א צווייטען לאַנד... געוועהנליך, עס וואָלט איהר שטאַרק לייד געטהאָן, זיך צו שיידען מיט דעם פּראַכטפולען פּאַלאַץ, מיט דעם שעהנעם בלומען גאָרטען, און מיט איהרע פיעלע קנעכט און דינסטען... אָבער דערפאַר וועט זי דאָרטען האָבען יוסף'ן נעבען זיך... זי וועט איהם קענען ליעב האָבען אומגעשטערט... ער וועט געהערען צו איהר, צו איהר אַליין!

זליכה האָט צוגעמאַכט איהרע אויגען און זיך געגומען פאָרשטעלען ווי אַזוי יוסף וועט איהר אַרומנעהמען, ווי ער וועט איהר בעדעקען מיט הייסע קושען, ווי ער וועט צו איהר רעדען צערטליכע ווערטער פון ליעבע,

אויף דעם אָבענד, האָט זי שוין לאַנג געוואַרט... זי האָט ווייטער גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון פּוטיפר'ן. אין איהר האַרצען האָט זי איהם געוואונשען דעם טויט... זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיך צוריקקעהרען קיין צוען ביי דער טייך נילוס. האָט זי איהם געוואונשען, אַז זיין שיף זאָל צובראָכען ווערען און ער זאָל דערטרונקען ווערען... ווען פּוטיפר וואָלט געטויטעט געוואָרען און קיין שום חשד וואָלט אויף איהר נישט געקענט פאַלען, דאַן וואָלט זי אַפּגע'ירש'נט פון איהם דעם גאַנצען פּאַלאַץ מיט זיין רייכטהום... ערשט דאַן וואָלט זי געקענט לעבען מיט איהר געליעבטען יוסף'ן אונגעשטערט... אָבער דאָס זעהט זי איז נאָך גאַנץ ווייט... פּוטיפר איז נאָך געזונד און שטאַרק... און דאָס גליק איז אויך מיט איהם.. סיידען זי זאָל בעטען יוסף'ן ער זאָל איהר העלפען איהם אַפּראַמען פון וועג.. אָבער וועט ער דען איינוויליגען צו טהאָן אַזאַ זאַך? זי האָט געהערט זיך אַנדערצעהלען, אַז זעהר שעהנע פרויען קענען ווירקען אויף זייער געליעבטען צו טהאָן אַלעס אין דער וועלט... אָבער יוסף שיינט נישט צו זיין פון די מענער, וועלכע וואָלטען געקענט בעגעהן אַ מאָרד קאַלטבלוטיג... מעגליך אויב זי וועט איהם קענען בעאיינפלוסען מיט איהר ליעבע אַזוי שטאַרק וואָלט ער שוין אַלעס פאַר איהר געטהאָן... אָבער וואָס עס זאָל נישט געשעהן, מוז זי היינט אין אָבענד יוסף'ן ענטדעקען איהר גאַנץ האַרץ... זי האָט ווידער איהר קערפּער בעטראַכט. זי האָט אין איהר שפּיגעל געקוקט און זי איז ביי זיך זיכער געווען, אַז זי איז זעהר שעהן און אַנציהענד, און יוסף וועט געהערען צו איהר.

זליכה איז גאַנץ אומגעדולדיג געוואָרען, ווען זי האָט געזעהן, אַז יוסף קומט נישט... איהר דוכט זיך, אַז ער האָט איהר פערשפּראָכען צו קומען... אַזוי האָט זי דאָך פון איהם פערלאַנגט. זי געדענקט דאָך גאַנץ גענוי, ווען זי איז אַריינגעקומען אין צימער, וואו ער האָט געאַרבייט. זי האָט איהם גאַנץ דייטליך געזאָגט, אַז כל זמן פּוטיפר איז נישטאָ איז יעדער איינער צו איהם פעראַנטוואָרטליך. דערנאָך האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי פערלאַנגט דאָס ער זאָל צו איהר קומען היינט אין אָבענד און איהר אָפּגעבען אַ בעריכט וועגען אַלעס...

אַזוי ווי ער דאַרף היינט מיט אסנת'ן נישט לערנען, האָט זי איהם ערוואַרטעט אַ סך פריהער. אָבער ער קומט נישט... איהר אומגעדולד איז געוואָקסען מיט יעדער רגע, און ווען זי האָט געזעהן, אַז ער קומט נישט, האָט זי אַריינגערופען איינער פון איהרע קאַמער מיידלעך און איהר געשיקט צו יוסף'ן:

— געה זאָג יוסף'ן, אַז איך פערלאַנג דעם בעריכט פון היינטיגען טאָג און ער מוז גלייך קומען צו מיר!

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין יוסף געווען אין זליכה'ס צימער...

זי האָט איהם עמפּפאַנגען מיט אַ זיסען ליעבליכען שמייכעל, וואו זי האָט אַרויסגעצייגט איהרע פערעלדיגע צייהנער.

זי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ זיידען נאַכט קלייד, וואָס איז געווען בעציערט מיט שעהנע בלומען. פון איהר קערפּער האָט אַ זעץ געטהאָן

א ריח פון שמעקענדע פּערפיומען, איהר קלאָהרער ווייסער קערפּער איז געווען עטוואָס ענטבלויזט...

יוסף איז אריין אין איהר צימער, ער האָט זיך פערנייגט, אָבער זיינע אויגען האָט ער אָנגעווענדעט אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט זליכה'ן גאָר נישט בעמערקט... ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער בעוועגלאָז...

— יוסף! יוסף! — האָט זליכה צו איהם אויסגערופען — קום נעהענטער צו מיר, איך וויל דיר עפּעס פרעגען.

יוסף האָט נישט ווילענדיג געמאַכט א פּאָר שריט פאָראויס און איז ווידער געבליבען שטעהן...

— יוסף! דו דאַרפסט יעצט פאַר קיינעם נישט קיין מורא האָבען — האָט זליכה מיט א נידעריגע שטימע געזאָגט. — מיר זיינען יעצט ביידע אַליין... אסנת'ן האָב איך אוועקגעשיקט אויף דער פּערוויילונג פון דעם הויפּט מיניסטער'ס פרוי. זי וועט זיך אומקעהרען גאַנץ שפּעט, און פּוטיפר ווייסטו דאָך, וואו ער איז איצט! יע, מיר זיינען ענדליך ביידע אַליין און קיינער וועט אונז נישט הערען און נישט זעהן.

— ווייסט דען נישט, מיין האַרינטע, אַז עס איז פאַראַן אַן אויג וואָס זעהט אַלעס און אַן אויער וואָס הערט אַלעס.

— אָה, ניין, ליעבער יוסף, מיינע דינסטען ווייסען גאַנץ גוט, אַז זיי דאַרפען זיך געפינען גאַנץ ווייט פון מיין צימער...

— אָבער גאָט אין הימעל זעהט און הערט אַלעס וואָס קומט פאָר אין די פערבאָרגענע צימערען!

— מיינע געטער פון מצרים זעהען בלויז דאָן, ווען מען קומט צו זיי אין די טעמפּלען און מען ברייננט זיי מתנות — האָט זליכה געלאַכט — אָבער אַזוי זעהען זיי ניט און הערען ניט...

— אָבער מיין גאָט אין הימעל, דער בעשעפער פון דער גאַנצער וועלט, ווייס די מחשבות פון יעדען מענשען... ער בעשטראָפט דעם וואָס טהוט אומרעכט, און בעלוינט דעם גערעכטיגען! — האָט יוסף געזאָגט.

— זאָג מיר יוסף איז ליעבע דען א זינד? — האָט זליכה איהם פּלוצלונג א פרעג געטהאָן.

— ווען די ליעבע איז ריין און עהרליך דאַן איז זי נישט קיין זינד.

— און מיין ליעבע צו דיר, יוסף איז דאָך ריין און עהרליך, איז עס דאָך גאָר קיין זינד נישט! — אַז זליכה שוין געוואָרען עטוואָס דרייסטער...

— אָה, מיין האַרינטע עס איז זעהר א גרויסע זינד! דיין ליעבע דאַרף געהערען אין גאַנצען צו דיין מאַן, צו וועמען צו דו ביזט צוגעבונדען מיט היילינע בענדער...

— אָבער איך האָב מיין מאַן נישט ליעב! — האָט זליכה אויסגערופען.

— דאַרפסטו זעהען לערנען איהם ליעב צו האָבען! — האָט יוסף געענטפערט.

— אָבער איך האַס איהם! איך קען איהם נישט אַנקוקען! איך

האָב פּיינט פּוטיפר'ן ווי אַ שפּין! — האָט זליכה געזאָגט מיט אַ שטאַרקער שטימע.

— האָסטו דען מיט איהם ניט חתונה געהאַט מיט דיין גוטען ווילען?

— האָט איהר יוסף געפרעגט — איך בין זיכער, אַז קיינער האָט דיר נישט געצוואונגען דערצו... געווים האָסטו איהם דאַן ליעב געהאַט און דעריבער דאַרפסטו זעהען אויך יעצט איהם ליעב צו האָבען.

— ווען איך האָב מיט איהם דאָ געהייראַט בין איך אין לאַנד געווען גאַנץ עלענד. איך בין אָהער געקומען פון כנען און ווען ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צו מיר אַרויסגעצייגט פריינדליכקייט, האָב איך דאַן איינגעשטימט צו ווערען זיין פרוי, אָבער איך האָב איהם קיינמאָל נישט געליעבט!

— איז ער דען נישט צו דיר אַ געטרייער און איבערגעגעבענער מאַן?

— האָט ער דיר נישט ליעב מיט זיין גאַנצען הארצען.

— אָה, יוסף, ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי זיין ליעבע איז מיר דער־ווידער, וואָלסטו יעצט אַנדערש גערעדט, אָבער לאָמיר יעצט פון פּוטיפר'ן נישט ריידען... איך בין גליקליך, אַז ער איז אַוועק אויף עטליכע טעג און איך וועל זיין פּנים נישט דאַרפען אָנקוקען, טו פאַרוואָס זאָל איך נאָך זיין נאָמען דאַרפען דערמאָנען... קום אַהער יוסף, זעץ זיך נעבען מיר.. אָט דאָ...

יוסף האָט זיך פון אָרט נישט געריהרט.

— אויב איך קען דיר נישט בעוועגען צו טהאָן מיין פערלאַנג אַלס געליעבטע, האָב איך דאָך גאָר געגוג מאַכט דיר צו בעפעהלען צו טהאָן מיין בעפעהל אַלס דיין האַרינטע! — האָט זליכה אויסגערופען מיט עטוואָס אַ שטרענגע שטימע.

יוסף האָט איינגעזעהן, אַז ער מוז געהאָרכזאַם זיין צו די בעפעהלען פון זיין האַרינטע און דעריבער האָט ער איהר געפאָלגט און זיך געזעצט נעבען איהר.

— אָט אַזוי, יוסף אַז דו פאָלגסט מיר, האָב איך דיר ליעב! האָט זליכה אויסגערופען און דורכגעפיהרט איהרע פינגער דורך זיין קאָפּ גע־קרייזעלטע האָר... — האָסטו שוין פערגעסען יענע פּיעלע אָבענדען ווען דו ביזט געזעסען אָט אַזוי נעבען מיר און דערצעהלט דיינע צויבערליכע גע־שיכטעס... יע, ביז יעצט האָב איך געדאַרפט מורא האָבען פּוטיפר זאָל אין מיטען דערינען נישט אָנקומען... דער אַלטער נאַר זאָל נישט זיין אייפער־זיכטיג אויף דיר! אָבער יעצט דאַרפען מיר דערפאַר קיין מורא נישט האָבען... פּוטיפר וועט פלוצלונג נישט אָנקומען, אסנת וועט אויך פון גאַרנישט וויסען... יע, מיר זיינען גאַנץ אַליין יוסף!

— זאָל איך מיין האַרינטע דערצעהלען אַ געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט מיט אברהם און שרה ווען זיי זיינען אַמאָל אַנגעקומען אין מצרים...

— די געשיכטע וועסטו מיר שפּעטער דערצעהלען! — האָט זליכה עטוואָס מעהר ענטבלויזט איהר קערפער — איך וויים נישט וואָס מיט דיר איז יוסף... דו ביזט שוין דאָ אַ היבשע ווילע אין צימער און האָסט מיר אפילו נישט בעשאַנקען מיט איינעם פון דיינע בליקען?!

יוסף האט נאך אלץ געהאלטען די אויגען ארונטערגעלאזען צום באדען... פיעלע מחשבות האבען איהם געטומעלט אין קאפ... ער האט געטראכט וועגען דער וואונדערבארער באשיידענער אסנת... געלויבט איז גאט, וואס זליכה איז נישט איהר אמת'ע מוטער... עס איז טאקע א פערגלייכעניש! די אומשולדיגע אסנת האט אפילו קיין בעגריף נישט וואס פאר א כונה איהר „מוטער" האט געהאט, ווען זי האט איהר פון הויז אוועקגעשיקט... אסנת איז אזוי פיעל יאהרען אפגעוועזען מיט אזא אומווירדיגע און נישט בעשיידענע פרוי, ווענען זי האט פאר איהר מוטער געהאלטען, און דאך איז אסנת געבליבען אומבאפלעקט און אומבעריהרט. זי איז אזוי ריין ווי א מלאך... און יעצט געפינט ער זיך נעבען דיזער פרוי... אה, ווען ער זאל נאר געפינען אן אויסרייד אוועקצוגעהן. אבער ניין! זי וועט נישט לאזען... וואס זאל ער טהאן...

— אה, מיין ליעבער פאטער! — האט יוסף אין זיך מתפלל געוועזן, ווען דו וואלסט געוואוסט וואס דיין בעליעבטער זוהן האט אויסצושטעהן... אה, גאט העלף מיר. צוליעב דעם זכות פון מיין פאטער יעקב, און צוליעב דעם זכות פון מיין זיידען יצחק'ן, וועלכער איז געגאנגען צו דער עקדה אזוי בראוו. שטארק מיר אה גאט, און בעפריי מיר פון די נעגעל פון דיעזער פרוי...

— יוסף, וואס שעפצען דארט דיינע ליפען! — האט זליכה געזאגט מיט א שמייכעל און אויפגעהויבען זיין האנט — הויב אויף דיינע ריינע אויגען און קוק זיך גוט אום אויף מיר... און זאג מיר האסטו נאך ווען עס איז געזעהן אזא שעהנע פרוי אין גאנץ מצרים, און אפילו אין כנען, יוסף איך בעפעהל דיר א קוק צו טהאן אויף מיר!

יוסף האט עטוואס אויפגעהויבען זיינע אויגען, אבער ער האט זיי באלד ארונטערגעלאזען... ער האט בעמערקט ווי זי איז געזעסען אין א זעהר נישט אנשטענדיגע פאזע. יע, דאס נוצט זי אוים אלע איהרע ווייבליכע וואפען איהם אין איהר נעץ צו פאנגען... ער האט גלייך אומגעדרעהט זיין קאפ און געקוקט אין א צווייטער ריכטונג...

דאס האט נאך זליכה'ן מעהר צורייצט און אויפגערעגט. זי איז שנעל ארונטער פון איהר זאפא. איהר זיידענער מאנטעל וואס האט געזאלט פארדעקען די נאקעטקייט פון איהר קערפער איז געוועזן פארנאנדער געעפענט.

יוסף האט זיך אויך גלייך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ... פאר זיינע אויגען האט אלעס געשווינדעלט... דער קאפ האט זיך איהם גענומען דרעהען. ער האט געוואוסט, אז אויב ער זאל יעצט זיין הארינטע בעליידיגען אדער דערצארענען, וועלען די פאלגען זיין זעהר שלעכט פאר איהם... זי וועט נעווים זעהן איהם ארונטערזעצען פון זיין הויכע שטעלע, אלס הויפט סנעכט... דאס וואלט נאך נישט געוועזן אזוי שלעכט... ווער וויים וואס זי קען נאך צו איהם טהאן, די מרשעת... אבער וואס זי זאל צו איהם נישט טהאן, וועט ער זיך נישט אונטערגעבען...

— יוסף, — האט זליכה איהם ארומגענומען — אה, יוסף ווי שטארס

איך האָב דיר ליעב... ריהר אָן מיין קערפּער מיט דיין האַנט... אָה, איך בעט דיר, נעהם מיר אַרום און גיעב מיר אַ קוש! אָה, קוק אויף מיר!... זעה ווי דאָס פייער פון ליעבע ברענט אין מיינע אויגען... אָה, יוסף איך געהער צו דיר דו קענסט מיט מיר טהאָן וואָס דו ווילסט!

— מיין האַרינטע, בערוהיג זיך! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — איך מוז געהן, איך קען דאָ מעהר נישט פערבלייבען!

— אָה, ניין יוסף, איך וועל דיר ניט לאָזען געהן... גיב בלויז איין קוק אויף מיר... נעהם מיר אַרום און דריק מיר צו דיין האַרצען.. יוסף איך ליעב דיר!

יוסף האָט זיך בעפרייט פון איהר אומאַרמונג און האָט געוואָלט אַרויס־געהן פון איהר צימער, אָבער זליכה האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן בגד און נישט געלאָזט געהן...

—אָה, יוסף, מיט מיר וועסטו היינט פערבלייבען די גאַנצע נאַכט! — האָט זי אויסגערופען האַלטענדיג זיין בגד פעסט אין איהרע הענט... יוסף האָט זיך גענומען ווערען און גענומען רייסען... זיינע אויגען האָט ער געווענדעט צום טהיר...

— גיב נאָר בלויז איין קוק אויף מיר! — האָט זליכה זיך ביי איהם געבעטען... זעה וואָס פאַר אַ פּרעכטיגען שעהנעם קערפּער איך בעזיץ... קוק אין מיינע גליהענדע אויגען אה יוסף!

יוסף האָט זיך אָבער אויף איהר ניט אומגעקוקט, ער האָט זיך נאָך אַלץ געריסען צום טהיר...

זליכה האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר דעם אַרבעל פון זיין בגד און איהם גענומען צוהען צו זיך.

יוסף האָט פלינק אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם בגד, און איבערלאָ־זענדיג זיין מאַנטעל אין זליכה'ס הענט איז ער שנעל צוגעלאָפען צום טהיר און אַרויס פון זליכה'ס צימער...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ווען ער האָט געזעהן, אַז קיינער בעמערקט איהם נישט, איז ער אַרויס אין דרויסען און עטוואָס פרייער אָפּגעאָטעמט...

זליכה איז געבליבן שטעהן אַ ווייל אין מיטען צימער, עטוואַס צוטו־מעלט, אין איהר האַנט האָט זי געהאַלטען יוסף'ס בגד... זי האָט זיך קיין מאָל ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז דער קנעכט זאָל זיך מיט איהר אַזוי בע־געהן... איהר גרויסע ליעבע צו איהם איז פּלוצלונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין נאָך אַ גרעסערע שנאה... וואַרט, זי וועט זיך מיט איהם אָפּרעכענען! זי האָט שנעל אַרויפגעצויגען אויף זיך אַ קלייד און זיך איינגעהילט אין איהר זיידענעם מאַנטעל... זי איז צוגעגאַנגען צו איהר זאָפאַ, זיך אַוועקגעלעגט... יוסף'ס בגד האָט זי אַוועקגעלעגט נעבען דעם זאָפאַ און זי האָט גענומען קוויטשען, שרייען, און מאַכען געוואַלדען:

— אה! העלפט מיר, ראַטעוועט מיר! מיינע דינסטען, מיינע קנעכט! געוואַלד ראַטעוועט מיר! ער וויל מיר פערומגליקען!!

זליכה'ס קולות זיינען באַלד דערהערט געוואָרען פון איהרע דיענסטען און קאַמער מיידלאַך וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעלאָפען אין גרויס שרעק

צו זעהן וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

— א, וואו זייט איהר, מיינע קנעכט און דינסטען! — האָט זליכה נאָך העכער געשריען, ווען זי האָט זיי געזעהן אַריינקומען, גיכער לויפט, רופט אַלע מיינע קנעכט. עפּעס שרעקליכעס האָט דאָ פּאַסירט.

אייניגע פון די קאַמער מיידלאַך זיינען אַוועק און געמאַכט אַ געוואַלד צווישען די קנעכט. די קנעכט זיינען אויך אַרויסגעלאָפען פון זייערע צימער־רען אין גרויס בהלה.

— שנעלער, לויפט צו אונזער הארינטע אין צימער...

די קנעכט האָבען געכאַפּט מעסערס און העק און זיי זיינען אַריין אין צימער פון זליכה'ן, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען אָנגעפילט מיט איהרע דינסטען...

זליכה האָט זיך געמאַכט ווי זי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און נישט אויפגעהערט שרייען:

— דער אונפאַרשעהמטער קנעכט! אַזאַ אונערהערטע זאַך! אָ, פּוטיפר! וואו ביזטו? פאַר וואָס האָסטו מיר איבערגעלאָזען אַזוי' אָהן דיר בין איך דאָך אַזוי שוצלאָז!

די קנעכט און דינסטען זיינען געשטאַנען מיט צושראָקענע פּנים'ער און קוים איינגעהאַלטען זייערע אָטעמס... זיי האָבען געהערט די געשרייען. צו זייערע אויערען זיינען דערגאַנגען זליכה'ס ווערטער, אָבער קיינער האָט נאָך נישט געקענט פאַרשטעהן וואָס דאָ איז אַזוי שרעקליך פּאַרגעקומען, וואָס האָט באַוואויגען זייער הארינטע צו מאַכען אַזעלכע געוואַלדען.

זליכה האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו ברעכען איהרע הענט און שרייען. דער נאָך האָט זי זיך עטוואָס בערוהיגט. זי איז צוגעגאַנגען צו איהר זאָפאַ און אויפהויבענדיג פון באָדען יוסף'ס בגד האָט זי אויסגערופען:

—קען ווער עס איז פון אייך דערקענען וועמענס בגד דאָס איז?

— עס איז דער בגד פון יוסף! האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען.

— אָ, יאָ, דאָס איז דער בגד פון דעם פערפלוכטען קנעכט יוסף'ן! — האָט זליכה אַ קריץ געטאָן מיט איהרע צייהנער. אָה, ווי גרויס מיין שרעק איז געווען!... ווער וואָלט עס געקענט גלויבען אז דער קנעכט, וועמען מיין מאַן האָט ערהויבען צו אַזאַ הויכער שטעלע זאָל זיך אַרומטראָגען מיט אַזעלכע בייזע געדאַנקען פון מיר? איך האָב מיט איהם אַזוי פיעל גוטעס געטאָן און צום סוף קומט ער און וויל בעפלעקען מיין כבוד...

זי איז אַ ווייל̇ע שטיל געבליבען. זי האָט נאָך אַ מאָל בעטראַכט יוסף'ס בגד אין איהרע הענט און דאַן האָט זי ווייטער געזאָגט:

— אָה, ווי שרעקליך! ווען איך דערמאָן זיך, וואָס דער נידערטרעכטיגער קנעכט פון די עברים האָט צו מיר געוואָלט טהאָן, נעהמט מיך דורך אַ שוי־דער איבער'ן לייב! שנעלער ברייַנגט מיר וואַסער... איך וועל אפשר באַלד אין חלשות פאַלען.

די אדומית איז שנעל געלאָפען און איהר געבראַכט וואַסער. זליכה האָט אַ זופּ געטהאָן און אַ שליידער געטהאָן יוסף'ס בגד אויפ'ן באָדען און גענומען טרעטען איהם מיט איהרע פיס.

— אָה, דער פארפלוכטער שקלאַף! — האָט זי גענומען נאָך העכער שרייען. — צו האָבען די חוצפה און אריינגעהן אין מיין צימער, ווען איך האָב געכאַפּט אַ דרעמעל. אָבער דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע! איך כאַפּ זיך אויף, זעה איך דער קנעכט שטעהט נעבען מיר. ווען איך האָב איהם געפרעגט, וואָס ער פארלאַנגט, האָט ער זיך פּלוצלונג אָנגעהויבען צו ערקלעהרען אין ליעבע צו מיר... ווען איך האָב איהם גענומען טרייבען פון זיך, איז ער נאָך מעהר צוגעשטאַנען צו מיר. ער האָט מיך געוואָלט ארומנעהמען... איך האָב גענומען שרייען, האָט ער מיר דאָס מויל פארמאכט, ער האָט פון זיך זיין בגד אראָפּגענומען... איך האָב זיך גענומען רייסען פון זיינע הענט און גענומען שרייען. האָט ער זיך דערשראָקען און איז ארונטערגעלאָפען, איבערלאָזענדיג זיין בגד אין מיין צימער... אָה, געלויבט זיינען די געטער, וואָס זיי האָבען מיר געגעבען כח צו שרייען אזוי הויך! אַך, וואָס פאר אַ שטארקען קאַמף איך האָב מיט איהם אָנגעפיהרט. אזאַ אומפארשעהמטער שקלאַף! ער זאָל וואגען מיך אזוי צו באַליידיגען! אַ, נאָך אביסעל וואסער!

די קנעכט און די דינסטען זיינען געבליבען שטעהן ווי פארגליווערט. אזאַ זאַך זאָל פאסירען מיט זייער הארינטע האָט זיך קיינער ניט געקענט פאָרשטעלען און בפרט אז יוסף זאָל עס טהאָן!

— וואָס שטעהט איהר ווי געלעהמטע! — האָט זליכה אַ געשריי געטהאָן. — פארוואָס געהט איהר נישט איהם כאַפּען און פארשפארען אין אַ צימער און איהם גוט היטען ביז וואנען פוטיפר וועט זיך אומקעהרען. ער וועט שוין וויסען, וואָס מיט איהם צו טהאָן... דערווייליע אָבער טאָר ער נישט ארומגעהן פריי, ווייל ווי אזוי וועל איך קענען רוהיג שלאָפען? איך וועל זיך שרעקען, טאָמער וועט ער ווידער צו מיר קומען. ניין, יוסף מוז פארשפארט ווערען און גוט געהיט ווערען. און איהר, מיינע קנעכט, זייט נענוג שטארק, האָף איך, אז איהר וועט איהם קענען בייקומען, טאָמער וועט ער מאַכען אַ פארזוך זיך געגענצושטעלען געגען אייך.

— איך וועל איהם שוין פארהאלטען, מיין הארינטע! — האָט תדמור אויסגערופען מיט אַ פרעהליכער שטימע. — קומט, לאָמיר געהן איהם אויפזוכען!

די קנעכט זיינען גלייך אַוועק אויפזוכען יוסף׳ן. די דינסטען און די קאַמער־מיידלעך זיינען נאָך אַ ווייליע געשטאַנען אין זליכה׳ס צימער און נישט ארונטער גענומען זייערע אויגען פון זייער הארינטע, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו שיטען פעך און שועבעל אויף יוסף׳ן.

— זאָגט מיר דעם אמת, — האָט זליכה זיך אָפּגערופען צו איהרע דינסטען, — האָט דער קנעכט יוסף ניט געמאַכט קיין פארזוך אימיצען פון אייך ווען עס איז צו באַלעסטיגען?

אַלע דינסטען האָבען געשוויגען, נאָר איין דינסט, וואָס איז געווען נישט איבעריג יונג און שעהן, און אין וואוקס איז זי געווען גאַנץ קורץ און דיק, האָט גענומען נערוועאיש באוועגען מיט איהרע הענט.

— איך זעה, אַז דו האָסט עפּעס צו דערצעהלען וועגען יוסף׳ן, — האָט זליכה זיך צו איהר געווענדעט. — שרעק זיך נישט, דערצעהל מיר אַלעס.

— איך, ע... איך האָב אַלע מאָל געוואוסט, — האָט זי אָנגעהויבען צו שטאַמלען, — אַז מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט דעם קנעכט יוסף... עפּעס האָט אַ געוויסער קוק אין זיינע אויגען מיך זעהר בעאומרוהיגט... און איינמאָל ווען איך בין שוין געלעגען אין בעט און געשלאָפען, האָב איך גע־הערט טריט נעבען מיין צימער... איך בין זיכער, אַז דאָס זיינען געווען די טריט פון יוסף׳ן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער, וואהרשיינליך, אַריין צו מיר אין צימער, בין איך שנעל אַרונטער פון בעט און פאַרריגעלט מיין טיר.

— האָסטו דען פריהער נישט געעפענט די טיר צו איבערצייגען זיך, אויב דאָס איז ווירקליך געווען יוסף? — האָט זליכה זי געפרעגט.

— אָ, ניין, מיין האַרינטע! איך האָב מורא געהאַט דאָס צו טהאָן, וויילע... ע.. יוסף איז דאָך אַזוי שטאַרק. ווען ער וואָלט באַמערקט, אַז די טיר איז אָפען, וואָלט איך דען געהאַט גענוג כח צו קעמפפען געגען איהם?

— אָבער אויב אַזוי, טאָ פון וואַנען ביסטו געווען זיכער, אַז דאָס איז געווען יוסף? — האָט זליכה איהר געפרעגט.

— אויב איך בין דאַן פיליייכט נישט געווען גאַנץ זיכער, בין איך אָבער יעצט איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען יוסף, האָט ער דען יעצט נישט געטהאָן די זעלבע זאַך צו מיין האַרינטע?

— אָ, יעצט בין איך אויך זיכער! — האָט אַ צווייטע דינסט זיך אָפּ־גערופען. — אַז יוסף האָט געמאַכט איינמאָל אַ פאַרזוך אַריינצוגעהן אין מיין צימער ביינאַכט. איך בין נאָר וואָס איינגעשלאָפען און פּלוצלונג האָב איך דערהערט ווי אימיצער פּאַרעט זיך דאָרט ביי מיין טיר. און איך האָב געגלויבט די געטער, וואָס זיי האָבען מיר געגעבען שכל צו פאַרשליסען די טיר איידער איך געה זיך לייגען שלאָפען.

— ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז איך זאָל דאַרפען פאַרשליסען מיינע צימערען פון די מענשען פון מיין הויז? בין איך דען נישט געזיכערט אין מיין אייגען הויז? — האָט זליכה זיך ווידער גענומען בעס׳ן. — אָבער דאָס וועט איהם נישט געשאָנקען ווערען! פּוטיפר וועט שוין וויסען ווי שטאַרק איהם צו באַשטראָפען פאַר זיין חוצפּה. איך האָף נאָר, אַז ער זאָל אינגאַנצען נישט ענטלויפען פון דאַנען. יעצט קאָנט איהר אַלע געהן, און ווען דיקנעכט וועלען שוין האָבען פאַרשפּאַרט יוסף׳ן אין אַ זיכערען פּלאַץ, זאָל אימיצער פון אייך מיר קומען אָנזאָגען, וועל איך קענען רוהיג שלאָפען די נאַכט.

יוסף איז געשטאַנען אין דרויסען און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך ווי אין קאָנוואולסיען געוואָרפען. ער האָט געוואוסט, אַז זליכה וועט איהם דערפאַר נישט שענקען. ער וועט געוויס מעהר נישט זיין דער הויפּט קנעכט. אָבער ער איז געווען צופרידען, וואָס גאָט האָט איהם געהאָלפען בייצושטעהן דעם נסיון און ער איז אַרויס אומבאַפלעקט. פּלוצלונג האָבען צו זיינע אויערען דערגרייכט די געוואַלדען און געשרייען פון זליכה׳ן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס טהוט זי מיט אַ כוונה. זי וועט זיכער מאַכען אַ בלבול אויף איהם. איהרע קוויטשערייען און געוואַלדען פאַרשטאַרקען זיך. ער הערט אַ גערויש.

א גלאף. די קנעכט, די דינסטען לויפען צו זייער הארינטע אין צימער. ער הערט זי שרייט, זי שילט און קאכט זיך. יוסף איז געבליבען שטעהן ווי צו־געוואקסען צו זיין פלאץ. ער פארלאזט זיך אויף זיין גאט, ער וועט איהם אויך ווייטער נישט פארלאזען... ער דערהערט א גלאף פון די טרעפ. ער איז זיכער, אז דאס לויפט מען איהם זוכען. ער הערט תדמור׳ס שטימע און די שטימען פון די איבעריגע קנעכט.

— וואו ביסטו, דו פארפלוכטער עברי! — שרייט אויס תדמור.

יוסף האט דערזעהן די קנעכט, וועלכע זיינען געווען באוואפענט מיט העק און מעסערס און א טויט־שרעק איז אויף איהם אנגעפאלען. ער האט געוואוסט, אז באלד וועלען זיי איהם דערזעהן, דאן וועט ער נאך ערגער מאכען. זיי וועלען זיכער איהם באפאלען און טויטען. ער האט דעריבער באשלאסען זיי אנטקעגען ארויסצוגעהן און זיך איבערגעבען אין זייערע הענט.

— אט בין איך! — האט יוסף אויסגערופען מיט א שוואכער שטימע.

תדמור האט זיך אויף איהם א ווארף געטהאן. יווסף האט איהם אפ־געהאלטען.

— איך בין דאך אין אייערע הענט! — האט יוסף אויסגערופען. — איהר וועט דאך צייט האבען באשטימען מיין שטראף.

— אהא, דער אומפארשעהמטער עברי איז זיך מודה אין זיין גרויסען פארברעכען! — האט תדמור אויסגעשריען מיט נצחון. — ווארט, זאל נאר אונזער הער קומען און דאן וועסטו שוין הענגען און דיין קערפער וועט ווערען א שפייז פאר די פויגלען פון הימעל!

תדמור און די איבעריגע קנעכט האבען יוסף׳ן א נעהם געטהאן און איהם ארויפגעפיהרט אין איינעם פון די פינסטערע חדרים, דארטען האבען זיי איהם געבונדען די הענט מיט די פיס און איהם פארשפארט.

— צוויי פון אייך וועלען איהם דארפען היטען די גאנצע נאכט, — האט תדמור געגעבען א באפעהל. ער האט געפיהלט, אז אט, אט וועט ער ווידער ווערען דער הויפט פון די קנעכט.

— די אדומית און די איבעריגע דינסטען האבען צוגעזעהן ווי די קנעכט האבען יוסף׳ן געפיהרט און ווי זיי האבען איהם פארשפארט אין א זיכערען פלאץ.

— יעצט וועל איך געהן אנזאגען אונזער הארינטע, אז זי האט זיך שוין נישט וואס צו שרעקען פאר יוסף׳ן — האט די אדומית געזאגט צו די איבערי־גע דינסטען. — ווער וואלט זיך דאס געקענט גלויבען אז יוסף זאל זיין פעהיג צו טהאן אזא זאך? איך האב אימערצו געמיינט, אז יוסף איז עהרליך און באשיידען, ווייל ער איז דאך געווען אזא שטילער.

— אט פון די שטילינקע דארף מען זיך נאך מעהר היטען, — האט א צווייטע דינסט זיך אפגערופען. — זיי קענען אפטהאן די גרעסטע פארברע־כען.

— און איך האב איהם געהאלטען פאר א קלוגען, — האט אן אנדער דינסט געזאגט. — יעצט זעה איך, אז ער איז א גרויסער נאר. ווען ער וואלט געמאכט א פארזוך צו באליידיגען איינע פון אונז וואלט ער זיך פיליכט גע־

קענט ארויסדרעהען פון א שטראף. אָבער אז ער זאָל וואגען און געהן צו אונזער הארינטע, דאן פעהלט איהם שוין שכל. ווייסט ער דען נישט, וואָס פאר א שטראף עס ווארט אויף איהם?!

— יאָ, דאָס וועט זיין דער סוף פון זיין יונגען לעבען! — האָט די אדומית מיט עטוואָס באדויערען געזאָגט. — אונזער האר וועט איהם זיכער באשטראָפען מיט'ן טויט פאר אזא זאך. מיך פארדריסט נאָר איין זאך, פארוואָס ער איז ערלויבט געווען צו לערנען מיט אסנת'ן. זי איז דאָך אזוי איידעל און צערטליך. און זי האָט גאָר די גאנצע צייט ניט געוואוסט מיט וואָס פאר א שלעכטע געדאנקען יוסף טראָגט זיך ארום.

— עס איז גוט וואָס מען האָט נאָך אויסגעפונען אין צייט וועגען איהם!

— האָט אַן אַנדער דינסט געזאָגט. — ער וואָלט נאָך פיליכט געמאכט א פאר־זוך צו באליידיגען אסנת'ן.

— אָ, וועט זי דאָס זיין איבערראשט צו הערען אזא זאך פון יוסף'ן — האָט די אדומית ווייטער געזאָגט. — זי וועט וואהרשיינליך באלד צוריקקומען פונ'ם מאַלצייט און זי וועט זעהן די גאנצע אומאָרדענונג אין הויז און מיר וועלען איהר מוזען גלייך דערצעהלען...

— און ווען מיר וועלען איהר נישט דערצעהלען וועט עס איהר מוטער גלייך טהאָן.

— אָה, אָט דער ביטרער קנעכט! ווי שטארק איך האָס איהם! — האָט א דיקליבע דינסט זיך אָפגערופען. — ער האָט אויסגעקליבען דעם אָווענט ווען אסנת איז אָוועק אויף אַ פארוויילונג און אונזער האר פוטיפר איז אינגאנצען אין הויז נישטאָ. און איהם האָט מען נאָך געמאכט פאר דעם הויפט קנעכט...

— נו, דאָס קען מען נישט פארלייקענען, ער האָט אין זיך מעלות, וואָס מאכען איהם פאסיג צו זיין דער הויפט קנעכט. די אָרדענונג וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין הויז איז דאָך טאקע צו באוואונדערען און א חוץ דעם ווייסען מיר דאָך אלע, אַז ער איז זעהר גוט געלערענט איך האָב אליין געהערט ווי אונזער האר האָט איינמאָל געזאָגט פאר דעם פריסטער, וואָס איז געקומען אויף א באזוך, אַז יוסף פאַרשטעהט די חכמה פון די מצרים מעהר ווי די חרטומים.

— אָבער וואָס איז די פעולה, אַז ער באזיצט אַ פארדאָרבענעם כאראקטער?

— ווען מען וואָלט איהם נישט דערהויבען צו זיין דער הויפט קנעכט און ווען מען וואָלט איהם פיליכט אזויפיעל לויב נישט געגעבען, וואָלט ער אזא חוצפה נישט געהאַט.

— פונדעסטוועגען פיהל איך אביסעל רחמנות אויף איהם.

— רחמנות אויף אזא קנעכט? קיינמאָל נישט! — האָט די דיקליבע דינסט אויסגערופען. — זאָל ער הענגען! און דאן וועלען מיר קענען רוהיג שלאָפען.

— און דו גלויבסט טאקע, אז דאָס איז יוסף געווען נעבען דיין צימער?

— האָט די אדומית זיך אָפגערופען לאכענדיג.

— געווים בין איך זיכער! — האָט זי געענטפערט, — אויב נישט יוסף, טאָ וועד דען איז דאָס געווען?

— עס איז אַ וואונדער, אַז דו האָסט פריהער דערפון נישט גערעדט.

— נו, פריהער האָט מיר דאָך ניט געקענט איינפאַלען, אַז יוסף איז פעהיג צו טהאָן אַזאַ זאַך.

— איך גלויב, אַז עס איז גאָר קיינער נישט געווען, נאָר דיר האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט —האָט אַן אַנדער דינסט געשמייכעלט — דיר האָט זיך גאָר געמוזט חלומ׳ען, אַז יוסף קומט קלאַפען אין דיין טיר.

— איך האָב אָבער פאָרט געהערט ווי אימיצער פאָרעט זיך ביי מיין טיר.

— מסתמא איז דאָס געווען דער ווינט... נאָך אַלעמען האָט יוסף קיין שעהנערע שוין נישט געפונען ווי דו, אַז ער זאָל געהן קלאַפען אין דיין טיר.

— פאַרוואָס איז דאָס יעצט אַזוי שווער צו גלויבען? אויב ער האָט געקענען טהאָן אַזאַ זאַך צו אונזער האַרינטע, טאָ וואָס וואָלט איהם אָפגעהאַלטען צו טהאָן אַזאַ זאַך צו מיר?

— אין דאָך אָבער אונזער האַרינטע זעהר אַ שעהנע, אָבער דו?...

— נו, זאָל זיין גענוג! — האָט זיך די אדומית אַריינגעמישט. — איהר וואַרט דאָ צו און איך וועל אַריינגעהן צו אונזער האַרינטע און איהר אָנזאָגען, אַז מען האָט יוסף׳ן געכאַפּט.

די אדומית האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין זליכה׳ס צימער. זליכה האָט איהר אויפגעפענט די טיר.

— איך בין געקומען אָנזאָגען מיין האַרינטע, אַז די קנעכט האָבען יוסף׳ן געפונען. זיי האָבען איהם געבונדען און פאַרשפּאַרט אין דעם פינסטערען צימער.

— זיי מוזען איהם אָבער דערצו היטען! — האָט זליכה אויסגערופען.

— יאָ, מיין האַרינטע! צוויי פון די קנעכט באַוואַכען די טירען פון דעם צימער.

— אַ, איך בין אַזוי נערוועז און צעשראָקען, אַז איך ווייס נישט אויב איך וועל קענען היינטיגע נאַכט שלאָפען. דו ווערסט וואַרטען ביז וואַנען אסנת וועט זיך צוריקקעהרען פון דער פאַרוויילונג און דו זאָלסט איהר זאָגען, אַז זי זאָל גלייך אַריינקומען אין מיין צימער. איך וויל, אַז זי זאָל מיט מיר שלאָפען היינט ביינאַכט.

— גוט, איך וועל טהאָן ווי מיין האַרינטע פאַרלאַנגט, — האָט זיך די אדומית פאַרנייגט און אַרויס פון זליכה׳ס צימער.

* * *

אין דעם פאַלאַץ פון פרעה׳ס הויפּט מיניסטער איז געווען זעהר פרעהלאַך און לוסטיג. זיין פרוי האָט געפראַוועט איהר געבורטסטאָג מיט׳ן גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ. די גאַנצע אַריסטאָקראַטי פון מצרים זיינען דאָרטען געווען. אַלע יונגע לייט האָבען געזוכט די געזעלשאַפט פון דער שעהנער אסנת. יעדער האָט איהר געמאַכט קאָמפּלימענטען. דאָך אָבער, האָט זי זיך געפיהלט דאָרט זעהר איינזאַם... איהר גאַנץ האַרץ איז גאָר געווען מיט יוסף׳ן... ווי

אומגעדולדיג זי איז געווען זיך מיט איהם צו זעהן און איהם דערצעהלען וועגען דעם וויכטיגען און וואונדערבארען סוד וואס סרטן האט איהר דערצעהלט. זי האט זיך פארגעשטעלט דעם אונגעהויער גרויסען איינדרוק וואס דאס וועט מאכען אויף יוסף'ן... ער וועט פלוצלונג אויסגעפינען אז זי איז דינה'ס פארלארענע טאכטער... זי געדענקט דאך מיט וואס פאר א גרויס וועהטאג און צער ער האט איהר דערצעהלט וועגען דעם פארלוסט פון זיין שוועסטער... און יעצט וועט ער גאר אויסגעפינען אז זי איז דאס גאר אט די נעמה, וועלכע איז נאך אלס קינד אוועקגע'גנב'עט געווארען פון דינה'ן. א געפיהל פון פרייד לויפט דורך איהר קערפער. ווען זינעהמט זיך באטראכטען, ווי יוסף וועט איהר ארומנעהמען... זי איז דאך זיין שוועסטער'ס קינד.. יעקב, יוסף'ס פאטער, איז דאך איהר זיידע... זי וועט דאך יעצט האבען א רעכט צו קושען איהר אייגענעם אנקעל! א, ווען נישט אט דיזער נארישער מאלצייט, וואס דעם הויפט מיניסטער'ס פרוי האט געמאכט, וואלט זי דאך היינט אין אבענד געזעסען אין דערהיים ווי אלע אבענד... יוסף וואלט דאך מיט איהר געלערענט, און דאן וואלט זי פלוצלונג איהם אלעם ענטדעקט... זי קען נישט פארשטעהן פארוואס איהר „מוטער" האט איהר כמעט געצוואונגען אהין צו געהן.... וואס פאר אן אינטערעס איז עס פאר איהר זיך דא צו געפינען און זיך צוהערען צי די נארישע „חכמות" פון די האלב שכור'ע יונגע לייט, וועלכע האבען געזוכט צו מאכען זעהר א גוטען איינדרוק אויף איהר... באלד אבער האט זי אין איהר הארצען פארענטפערט איהר „מוטער"... זי האט געוויס געהאט קאפשמערצען, און זי האט אליין נישט געקענט געהן, האט זי איהר געשיקט, כדי דורך דעם צו פארמיידען א שנאה... אבער פארוואס ציהט זיך עפעס דער אבענד אזוי לאנג... א, ווי זי ווינשט אז די אונטערהאלטונג זאל זיך שוין ענדיגען און זי זאל קענען אהיים געהן... זי ווייס אז עס וועט שוין אלץ איינס זיין צו שפעט פאר איהר זיך צו זעהן מיט יוסף'ן און איהם דערצעהלען די פרעהליכע נייעס.... פונדעסטוועגען האט זי שוין קוים דערווארט אז דער מאלצייט זאל זיך ענדיגען און זי איז געווען זעהר דאנקבאר ווען מען האט איהר אפגעפיהרט אהיים...

עס איז שוין געווען גאנץ שפעט ביינאכט, ווען אסנת איז אריין אין הויז... זי האט זיך געוואונדערט וואס אזוי שפעט איז נאך אין הויז ליכטיג... זי האט געהערט די באוועגונגען פון די קנעכט און דינסטען און ווען זי האט שוין געוואלט אין איהר צימער ארייננגעהן איז איהר אדומית אנטקעגען געקומען:

— מיין הארינטע, דיין מוטער האט מיר אנגעזאגט, אז ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען, זאלסטו היינט ביינאכט שלאפען צוזאמען מיט איהר.

— פיהלט זיך דען מיין מוטער נישט גוט! — האט איהר אסנת געפרעגט.

— הם... נישט דאס... אבער ער... האט די אדומית געגומען שטאמלען.

— וואס האט פאסירט? — האט אסנת אויסגערופען — דערצעהל דאך מיר, איז מיין מוטער נית מיט אלעמען?

— א, אט דער אומווירדיגער קנעכט יוסף האט עס אלעס פאראורזאכט.

— וואָס ?! יוסף ?! — האָט אסנת אויסגערופען מיט שרעק — וואָס רעדסט דו... ווער האָט שוין ווידער געזוכט צו מאַכען אַ בלבול אויף איהם ?!

— דיזען מאָל איז שוין נישט קיין בלבול, מיין האַרינטע — האָט די אדומית אויסגערופען — היינט אין אבענד איז עפּעס געשעהן אַזעלכעס וואָס האָט אין גאַנצען אַרונטערגעריסען די מאַסקע פון דעם אומפּאַרשעהמטען קנעכט יוסף'ן... אָבער דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגען אסנת, ער וועט שוין זיין שטראָף קריגען, זאָל נאָר דיין פּאָטער זיך צוריקקעהרען אהיים...

— אָבער איך בעט דיך, דערצעהל מיר וואָס איז געשעהן ? פּאַרוואָס רעדסטו אַזוי וועגען יוסף'ן !? — האָט איהר אסנת אָנגענומען און זיך גענרמען בעטען ביי איהר מיט טרעהרען אין די אויגען.

— מיין האַרינטע, דיין מוטער וועט דיר שוין אַלעס דערצעהלען — האָט זיך די אדומית אָפּגערופען — איך בין זיכער, אַז זי שלאָפט נאָך נישט... וויל ווער וואָלט גאָר געקענט שלאָפען נאָך אַזאַ שרעקליכע פּאַסירונג...

מסתמא האָט שוין סרטן ווידער אָנגעמאַכט אַ צרה ! — האָט אסנת אויסגערופען.

— דיזען מאָל האָט עס גאָרנישט צו טהאָן מיט סרטן ! ער האָט געטהאָן אַזאַ זאַך וואָס דער נידעריגסטער פון די קנעכט וואָלט קיינמאָל אפילו נישט גע'חלומ'ט דאָס צו טהאָן... אָבער יעצט איז ער שוין אין זיכערע הענט, און אין אַ זיכערען פּלאַץ... און עס איז זיך מעהר נישטאָ וואָס צו שרעקען פאַר איהם.

— ביזטו ביי דיין קלאָהרען זינען ?! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען צו איהר — וויסטו וואָס דו רעדסט... מיינסטו עס טאַקע יוסף'ן ?..

— אָ, מיין האַרינטע... איך בין ביים פולען זינען !... איך האָב אויך ביז היינט אין אָבענד געהאַט זעהר אַ געהויבענע מיינונג וועגען יוסף'ן... זיין ריידען און זיינע איידעלע מאַניערען און איבערהויפּט זיינע שעהנע רייד, האָבען מיר געמאַכט צו גלויבען אַז ער איז געווים עהרליך און באַזיצט אַ גוטען כאַראַקטער, אָבער נאָך דעם וואָס איך האָב אויסגעפונען היינט אינאָבענד וועגען איהם... קען איך דיר זאָגען אַז ער וועט קריגען די תליה, האָט ער דאָס זיכער פאַרדינט !

אסנת האָט זיך שוין מעהר נישט געקענט באַהערשען און איז גלייך אַריין אין זליכה'ס צימער. זליכה איז געזעסען אין איהר בעט, איהרע אויגען זיינען געוועןן פאַרוויינטע.

— אָ, מוטער, מוטער, וואָס האָט דאָ פּאַסירט !? — איז אסנת צוגעלאָפען צו איהר.

בארוהיג זיך, מיין טאָכטער ! — האָט זליכה איהר גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ... זעץ זיך אַנידער אָט דאָ, נעבען מיר און איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען...

— אָבער וואו געפינט זיך יעצט יוסף ! — וואָס איז מיט איהם געשעהן !
— האָט זיך אסנת שנעל געזעצט נעבען איהר.

— אָה, זעהר אַ שרעקליכע זאַך האָט היינט אין אבענד פּאַסירט אָט דאָ אין צימער ! — האָט זליכה גענומען ווישען איהרע טרעהרען. — דו ווייסט

דאָך מיין טאָכטער, אַז זינט דיין פּאָטער האָט אָפּגערייזט נאָך און, לייד איך זעהר פון שלאָפלאָזע נעכט... איך בין זעהר אומרוהיג וועגען דיין פּאָטער... ער איז אַזוי ווייט אַוועק און די סכנות אין וועג זיינען אימערצו זעהר גרויסע... ליעג איך כמעט יעדע נאַכט און טראַכט וועגען מיין ליעבען מאַן פּוטיפר'ן און איך קען נישט איינשלאָפען. היינטיגען אבענד ווי דיר איז באוואוסט, האָב איך געקראָגען שטאַרקע קאָפּ־שמערצען... איך האָב נאָר געוואונשען איך זאָל קענען עטוואס שלאָפען וואָלט מיינע שמערצען גרינגער געוואָרען... האָב איך באשלאָסען אַריינצורופען יוסף'ן דעם קנעכט ער זאָל מיר דערצעהלען אַ מעשה... ווייל פיעלע מאָל האָבען מיך זיינע מעשיות איינגעשלעפערט... און אַזוי איז טאַקע געווען... ער האָט מיר אָנגעהויבען עפּעס צו דערצעהלען און איך בין געוואָרען גאַנץ שלעפעריג, האָב איך איהם געהייסען אַרויסגעהן פון צימער און איך האָב שוין געקומען איינדרעמלען... פּלוצלונג ווען איך עפען אויף מיינע אויגען דערזעה איך יוסף'ן שטעהענדיג נעבען מיין בעט...

— אָבער מוטער — האָט איהר אסנת אונטערבראָכען — דאָס האָט זיך דיר געמוזט חלום'ען!

— אָ. ניין, מיין טאָכטער — דאָס איז שוין גאָר קיין חלום נישט געווען!

— האָט זליכה געענטפערט — איך האָב זיך גלייך אָנידערגעזעצט און איהם געפרעגט וואָס ער פארלאַנגט... אַנשטאַט מיר צו געבען אַן ענטפער — האָט ער מיך ארומגענומען און געגעבען אַ קוש... איך האָב זיך ארויסגעריסען פון זיין אומארמונג און איהם געהייסען גלייך פארלאָזען מיין צימער, אָבער דאָ האָט ער זיך גענומען פּלוצלונג ערקלערען אין ליעבע צו מיר... איך האָב נישט געוואָלט מאַכען קיין טומעל, ווייל איך האָב זיך געשעהמט פאר די דינערשאפט... איך האָב זיך גענומען ביי איהם בעטען ער זאָל מיך פארלאָזען.. איך האָב איהם געוואָרענט אַז איך וועל מאַכען אַ געוואלד... אָבער ער איז נאָך דרייסטער געוואָרען, ער האָט זיך גענומען אויסטהאָן און מיר געוואָלט אטאַקירען. האָב איך גענומען שרייען און מאַכען געוואלדען, האָט ער איבער־געלאָזען זיין בגד און איז אַרויסגעלאָפען פון מיין צימער...

— אָבער מוטער, דאָס האָט דאָך ווירקליך נישט געקענט פּאַסירען! — האָט אסנת אויסגערופען — דיר האָט עס וואהרשיינליך אזוי דייטליך גע־חלום'ט אז דו האָסט געמיינט אַז דאָס האָט פּאַסירט אין דער ווירקליכקייט...

— נו, און דאָס איז אויך אַ חלום! — האָט זליכה איהר געצייגט יוסף'ס בגד... ווען איך וואָלט עס גע'חלום'ט וואָלט זיין בגד יעצט געווען אין מיין צימער?!

— אָבער מוטער, איך בין זיכער אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַ מיס־פארשטענדניס! — האָט אסנת גענומען וויינען. איך קען דאָך נישט גלויבען אויף יוסף'ן אַזאַ זאַך!

— וואָס דו צווייפעלסט מיינע ווערטער! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען מיט כעס — מיין אייגענע טאָכטער וויל מיר גאָר נישט גלויבען!

— ווי אַזוי איז דאָס אָבער מעגליך... יוסף באַזיצט דאָך אַזאַ איידעלע און צאַרטע נשמה... ער איז דאָך אַזוי געטריי מיין פּאָטער... ווי אַזוי וועט ער טהאָן אַזאַ זאַך...

— אמת, מיין טאָכטער — איז זליכה עטוואָס ווייכער געוואָרען — איך וואָלט עס אויף יוסף'ן אויך קיינמאָל ניט געגלויבט. אָבער דאַרפסטו דען אַ בעסערען בעווייז ווי זיין בגד, וואָס ער האָט אין גרוים איילעניש איבערגע־לאָזען... יע, איך און פוטיפר האָבען מיט איהם בלויז גוטעס געטהאָן און יעצט האָט ער מיר אַזוי אָפּגעצאָהלט... אָ, אויב איך וועל נישט קראַנק ווערען פון דיזער פאסירונג וועל איך זיין שטאַרקער פון אייזען!

— אָבער מוטער, אפשר האָט גאָר יוסף עפּעס אנדערש געמיינט. איך קען עס בשום אופן נישט גלויבען אויף איהם... אָ, איך בין זיכער, ווען איך וואָלט יעצט געהאַט די מעגליכקייט זיך מיט איהם דורכצוריידען, וואָלט ער מיר אַלעס ערקלערט...

— אָ, ניין, מיין טאָכטער. מעהר וועסטו שוין צו איהם קיינמאָל נישט ריידען... יעצט פארדריסט מיך זעהר שטארק, וואָס איך האָב איהם גאָר ער־לויבט מיט דיר צו לערנען... מיין ברודער סרטן האָט מיר אָבער שטאַרק גע־וואָרענט געגען דעם, און יעצט זעה איך אַז ער איז געווען גערעכט...

— מוטער, וואו איז ער יוסף! איך קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, אַז איך וועל מעהר קיין מעגליכקייט נישט האָבען צו לערנען פון יוסף'ן... איך האָב דאָך אַזויפיעל פון איהם געלערענט... וואו איז ער יעצט?

— די קנעכט האָבען איהם געכאַפּט און געבונדען... יעצט געפינט ער זיך אין דעם פינסטערען צימער און צוויי פון די קנעכט היטען איהם...

— איך וואָלט איהם וועלען זעהן, בלויז איין וואָרט מיט איהם ריידען, איך בין זיכער, אַז דאַן וואָלט אַלעס קלאָר געוואָרען...

— יוסף וועט שוין דאָרטען אין צימער פארבלייבען ביז וואַנען פוטיפר וועט צוריקקומען — האָט זליכה געזאָגט — און ביז דאַן וועט קיינער נישט זיין ערלויבט צו איהם אויסצוריידען אַ וואָרט... און נאָכהער ווען פוטיפר וועט איהם באַשטראָפען וועט שוין זיין נישט צו וועמען צו רעדען.

— מוטער, וואָס פאַר אַ שטראָף וועט איהם דער פאָטער געבען! — האָט אסנת אויסגערופען אַ דערשראָקענע...

— איך גלויב אַז פוטיפר וועט יוסף'ן הענגען פאַר דיזע שרעקליכע באַ־ליידיגונג צו מיר — האָט זליכה קאַלטבלוטיג געענטפערט.

— אָ, ניין, מוטער! — איז אסנת אַרויפגעפאַלען אויף איהר און איהר גענומען בעטען מיט טרעהרען. זאָל מען איהם נישט באַשטראָפען מיט'ן טויט... און אויב מיין פאָטער וועט טויטען יוסף'ן, דאַן זאָל ער מיר אויך טויטען...

— אָבער איך פארשטעה נישט מיין טאָכטער פארוואָס דו נעהמסט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצען וועגען יוסף'ן, גלויבסטו אַז ער האָט נישט פאַרדיענט אַזאַ האַרבע שטראָף, נאָכדעם ווי ער איז זיך אַזוי באַגאַנגען מיט מיר?

— יוסף איז געווען מיין לעהרער און וועג־ווייזער פאַר אַזויפיעל יאָהרען.. איך האָב פון איהם אַזוי פיעל געלערענט. אָ. ניין, מוטער, נאָר נישט טויטען איהם! — איז אסנת געוואָרען היסטעריש...

— בערוהיג זיך מיין טאָכטער! — האָט זליכה אויסגערופען — איך וועל שוין זעהן פועל'ן ביי דיין פאָטער ער זאָל איהם נישט טויטען, כאָטש

יעדער איינער ווייס אז פאר אזא פארברעכען קומט טויט שטראף אין מצרים...
אבער דאס וועל איך טהאן פון דיינעטוועגען... און איך קען דיר זאגען, אסנת,
אז ביין כעס און אויפרעגונג אויף יוסף'ן איז געווען אזוי גרויס, ווען ער האט
מיך אזוי שרעקליך באליידיגט, אז ווען איך וואלט ביי זיך געהאט א שווערד
אדער א מעסער וואלט איך גלייך אויף אן ארט איהם געטויטעט...

אסנת האט זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט און זליכה האט איהר שוין
יעצט געזוכט צו בערוהיגען.

— מיין טאכטער, ווען איך וואלט דיך גוט נישט געקענט, ווען איך וואלט
דיין כאראקטער און נאטור נישט געוואוסט, וואלט איך דיך חושד געווען,
אז דו ביזט גאר פארליעבט אין קנעכט... אבער איך ווייס, מיין קינד אז דאס
פיהלסטו אזוי שלעכט, ווייל דו באזיצסט זעהר א ווייך און צערטליך הארץ
און דעריבער פארזיכער איך דיר אז איך וועל שוין פועל'ן ביי פוטיפר'ן, ער זאל
יוסף'ן נישט טויטען...

— אבער איך בין זיכער, אז יוסף איז אומשולדיג! — האט אסנת
נישט אויפגעהערט צו כליפען...

— ווען דו וועסט נאך אמאל אזוי ריידען! — האט זליכה געזאגט מיט
צארן, וועל איך שוין דאן אליין זעהן אז יוסף זאל געטויטעט ווערען! ווי
וואגסטו גאר צו צווייפלען מיינע ווערטער...

— מוטער, איך צווייפעל נישט דיינע ווערטער.

— אויב נישט, ווי אזוי קענסטו זאגען, אז יוסף איז אומשולדיג, ווען
איך זאג דיר אז ער איז שולדיג.

— איך מיין, אז אפשר האט ער גארנישט געמיינט אזא פארברעכען צו
באגעהן. א, ווען איך וואלט נאר געקענט מיט איהם ריידען בלויז געצעהלטע
ווערטער...

— דאס דארפסטו זיך שוין ארויסשלאגען פון קאפ, נאכדעם ווי יוסף
איז באגאנגען אזא פארברעכען, קענסטו שוין צו איהם מעהר קיינמאל נישט
ריידען!... און אויב דו ווילסט איך זאל בעטען פוטיפר'ן ער זאל פארגרינ־
גערען זיין שטראף אויף געפענגניס, זאלסטו זעהן מעהר אזעלכע רייד נישט
ריידען... דו בעסער לעג זיך שלאפען... עס איז שוין גאנץ שפעט און איך
האב נאך מיינע אויגען נישט צוגעמאכט. איך בין געווען אזוי צושראקען און
נערוועאיש פון דער פאסירונג, אז כאטש איך האב געוואוסט אז יוסף איז
אין זיכערע הענט פונדעסטוועגען האב איך נישט געקענט איינשלאפען פון
שרעק... ווי איך פלעג צומאכען די אויגען אויף א ווייל'ע, אזוי האט זיך מיר
פארגעשטעלט דאס יוסף קומט צו צו מיר... יעצט אז דו ביזט מיט מיר,
וועל איך שוין פיליכט קענען רוהיג שלאפען...

זליכה איז באלד איינגעשלאפען. אבער אסנת איז געלעגען אין בעט און
זיך אומרוהיג געדרעהט פון זייט צו זייט... זי האט נישט אויפגעהערט צו
וויינען שטילערהייט... זי האט זיך גענומען באטראכטען וואס דא איז פאר־
געקומען, וואס איהר מוטער האט איהר דערצעהלט וועגען יוסף'ן... ניין, עס
איז אוממעגליך! יוסף וועט אזא זאך קיינמאל נישט טהאן... בפרט אז ער
ליעבט איהר... זי ווייס ווי שטארק יוסף האט איהר ליעב און ער וועט אזא

פאַרברעכען קיינמאָל נישט באַגעהן... אָבער זיין בגד — איז איהר ארויפגעקומען אויפ׳ן געדאַנק — ווי קומט פּאָרט זיין בגד אין איהר מוטער׳ס צימער? פּילייכט האָט ער איהם פאַרגעסען... די מוטער האָט דאָך איהר דערצעהלט, אַז יוסף האָט איהר מעשיות דערצעהלט... פּילייכט האָט זי איינגעדרימעלט, און איהר האָט זיך דאָס גע׳חלומ׳ט אַזאַ זאַך וועגען יוסף׳ן און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפונען יוסף׳ס בגד נעבען זיך, האָט זי געדענקט אַז עס איז טאַקע פּאָרגעקומען אַזוי אין דער ווירקליכקייט. און זי האָט גענומען שרייען... יעצט פאַרדריסט איהר וואָס זי האָט עס איהר „מוטער" נישט געזאָגט... געוויס אַזוי האָט עס פּאַסירט.. אַנדערש האָט עס גאָרנישט געקענט זיין!...

אסנת האָט קוים דערוואַרט דעם פריהמאָרגען און ווי נאָר זליכה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז זי צו איהר צוגעגאַנגען און איהר געזאָגט וואָס זי האָט געטראַכט...

— זיי נישט נאַריש, מיין טאָכטער! — האָט זליכה זיך צו איהר אָפּגערופען — ווען איך וואָלט גע׳חלומ׳ט וואָלט איך דען נישט געוואוסט וועגען דעם. און אַ חוץ דעם, באַטראַכט גוט דעם בגד, וועסטו באַמערקען ווי ער איז צוריסען אין׳עטליכע פּלעצער... נו, געוויס איך האָב זיך מיט איהם געראַנגעלט... איך האָב איהם ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך און אין דעם גע־ראַנגעל האָב איך זיין בגד צוריסען!...

אסנת איז נאָך יעצט מעהר צוטומעלט געוואָרען... עפּעס ווידערשפּרעכען זיך איהר מוטער׳ס רייד... פריהער האָט זי איהר געזאָגט, אַז יוסף האָט אויסגעטהאָן זיין בגד און דערנאָך האָט ער איהר געוואָלט אַטאַקירען און יעצט זאָגט זי גאָר אַז זי האָט זיך מיט איהם געראַנגעלט, ווען ער האָט דעם בגד געטראָגען, און זי האָט זיין בגד צוריסען...

אסנת האָט יעצט אָנגעהויבען אין גאַנצען צו צווייפלען איהרע רייד... מעגליך אַז דאָס איז נאָר געווען פּונקט פאַרקערט. זי ווייס דאָך אַז איהר „מוטער" האָט פּוטיפר׳ן נישט איבעריגס שטאַרק ליעב... דאָס האָט זי שוין נישט איינמאָל באַמערקט... און זי ווייס אויך אַז זי האָט יוסף׳ן צו אָפּט געפאָדערט צו זיך אין צימער אונטער פאַרשידענע אויסריידען... אחוץ דעם איז איהר אויך באַוואוסט אַז זי איז זעהר ליידענשאַפטליך.. און יעצט קען זי פאַרשטעהן פאַר וואָס זי האָט נישט געוואָלט געהן צו דעם מאָלצייט, וואָס דעם הויפּט מיניסטער׳ס פרוי האָט געגעבען... זי איז געווען אַזוי נייגעריג, דאָס זי זאָל דאָרטען אַליין געהן... כדי קיינער זאָל איהר נישט שטערען דורכצופירען איהר פּלאַן... אָבער יוסף איז געווען צו עהרליך, ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבען, און דעריבער האָט זי אויף איהם אַזאַ בלבול געמאַכט.. וואָרום ווי לעגט זיך דאָס גאָר אויפ׳ן שכל אַז יוסף זאָל זיך אַריינברעכען אין דעם שלאָף צימער פון זיין האַרינטע... אפילו ווען ער וואָלט געווען שטאַרק פאַרדאָרבען וואָלט ער קיינמאָל נישט געוואַגט צו טהאָן אַזאַ זאַך!

אַזוי האָט אסנת גענומען צונויפבינדען אַלע פּאַסירונגען און אַלע רייד וואָס זי האָט געהערט פון איהר מוטער און אין איהרע געדאַנקען האָט זי יעצט אויסגעאַרבייט די טעאָריע ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט... געוועהנליך זי ווערט

נישט וואגען דאס צו זאגען, אבער זי איז זיכער אז אזוי איז דאס פאר־געקומען, און איהר מוטער זוכט נאך צו באשולדיגען יוסף׳ן... א, ווען זי וואלט מיט איהר געקענט ריידען... זי איז זיכער אז אלע איהרע געדאנקען וועגען דעם וואלטען באשטעטיגט געווארען פון יוסף׳ן... זי וועט יעצט מוזען זעהר פארזיכטיג זיין... זי זאל נישט אריינברייגנען איהר „מוטער״ אין א גרעסערען צארן... דאן קען זי נאך אין גאנצען אומברייגנען יוסף׳ן...

אסנת האט זיך שנעל אנגעטהאן און איז ארויסגעגאנגען פון זליכה׳ס צימער, זי איז גלייך צוגעקומען צו דעם פלאץ, וואו יוסף געפינט זיך... זי האט געזעהן ווי צוויי געזונטע קנעכט היטען די טיר פון דעם פינסטערען צימער...

— קען איך אויף א ווייל אריינגעהן אין צימער! איך וויל בלויז מיט יוסף׳ן אויסריידען אייניגע ווערטער...

— ניין, דאס איז אוממעגליך! — האבען די קנעכט איהר געענטפערט.

— איך דארף איהם בלויז פרעגען איין איינציגע פראגע.

— אונזער הארינטע האט אונז שטרענג פארזאגט קיינעם צו איהם נישט צולאזען, ביז וואנען אונזער האר וועט קומען — האבען זיי איהר געענטפערט.

— אבער זיכער, מיין מוטער האט דאך נישט געמיינט מיר... זי האט געמיינט אז קיין פרעמדען זאל מען צו איהם נישט צולאזען... אבער מיר וועט דאך די מוטער נישט פארווערען... יוסף איז דאך געווען מיין לעהרער און איך דארף איהם פרעגען זעהר א נויטיגע זאך.

— דיין מוטער האט אונז בפירוש אנגעזאגט אז ווען דו אפילו וועסט וועלען זיך זעהן מיט יוסף׳ן, זאלען מיר דיך נישט צולאזען — האבען זיי איהר געענטפערט.

אסנת איז אוועק פון דעם פאלאץ ביטער ענטוישט. אט איז זי געשטאנען נעבען טיר. דארטען געפינט זיך יוסף, דער אומגליקליכער יוסף, וואס האט שוין אזוי פיעל געליטען אין זיין יונגען לעבען און זי קען איהם אפילו ניט זעהן. ווען זי וואלט איהם בלויז געקענט פארזיכערען אז זי גלויבט אין איהם, אז זי פארשטעהט אלעס. א, ווען ער זאל נאר וויסען, אז זי איז דינה׳ס טאכטער, דאס וואלט דאך א סך פארגרינגערט זיינע ליידען.

ווי וועט זי איהם יעצט קענען העלפען? אין אייניגעטעג ארום דארף אנקומען איר „פאטער״, און זי קען זיך שוין פארשטעלען ווי אויפגערעגט און צארענדיג ער וועט זיין אויף יוסף׳ן, ווען ער וועט דערהערען וואס זיין פרוי האט איהם צו דערצעהלען. ער וועט איהם זיכער וועלען טויטען דער־פאר! א שוידער געהט דורך איהר קערפער ווען זי טראכט נאר וועגען דעם. זליכה האט איהר פארשפראכען צו פועל׳ן ביי פוטיפר׳ן ער זאל איהם ניט טויטען. אבער טאמער וועט זי דאס ניט טהאן, אפשר וועט זיין כעס זיין אזוי שטארק, אז ער וועט זיך ניט וועלען צוהערען צו איהר?

אבער ניין, דאס וועט זי ניט דערלאזען. זאל מען איהר אויך טויטען צוזאמען מיט איהם. זי וויים, אז איהר „פאטער״ האט איהר ליעב און אז ער וועט זיך צו איהר צוהערען. אבער די שטראף וואס יוסף וועט קריגען וועט זיין גרויס גענוג. און די שאנדע נאך גרעסער. קיינער וועט דאך זליכה׳ס רייד ניט צווייפלען און מען וועט איהם חושד זיין אז ער זאל האבען באגאנגען אזא שענדליכע טהאט.

אסנת האָט שוין געוואָלט אריין אין איהר צימער, אָבער פּלוצלונג האָט זי דערהערט איהר נאָמען. זי האָט זיך אומגעקערט און האָט דערזעהן סרטן. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך באַוויזען אויף זיין נארישען פּנים.

— נו, אסנת, יעצט זעהסטו שוין ווער יוסף איז? — האָט סרטן זיך צו איהר אָפּגערופען — איך האָב אָבער גלייך געוואוסט, אז ער איז אַ פאַרדאַרבענער מענש און אז ער איבט אויס זעהר אַ שלעכטע ווירקונג אויף דיר. מיין שוועסטער איז באַגאַנגען זעהר אַ גרויסע נארישקייט ווען זי האָט פון דעם אונווירדיגען קנעכט פארלאנגט ער זאָל מיט דיר לערנען. יא,ביידע, אי פּוטיפר און אי זליכה האָבען גלייך געקראָגען צופיעל צוטרויען צו איהם. ער האָט איהם געמאכט פאר'ן הויפּט פון אַלע קנעכט און איהם אנפארטרויט דאָס גאַנצע הויז. נו, יעצט וועט ער שוין וויסען ווי אזוי צו געטרויען אַ קנעכט, וועלכער באַזיצט אַ שעהנעם פּנים מיט אַ גלאַטען צונג.

אסנת איז געווען אזוי פארביטערט און צוקלעמט אז זי האָט שוין געוואָלט אוועק פון איהם ניט ענטפערענדיג איהם. אָבער דאָ האָט זי זיך איבערגעלעגט, פיללייכט וועט ער איהר מיט וואָס עס איז קענען ארויסהעלפען. יע, עס איז בעסער יעצט מיט איהם ניט איינצורייסען.

— דו ביזט גערעכט, סרטן, — האָט זי זיך אָפּגערופען, קוים איינהאַלטענדיג איהרע טרעהרען. מען טאָר קיין מאָל ניט האָבען צופיעל צוטרויען צו אַ מענשען.

— אָט יעצט רעדסטו זעהר פערנינפטיג! — האָט זיך אַ פרייד צוגאָסען איבער זיין פּנים — יעצט זעהסטו אַז איך בין גערעכט. איך בין דער איינציגער צו וועמען מען קען האָבען צוטרויען. איך בין אזוי פיעל יאָהרען פּרעה'ס שר האופים, און אויף מיר וועט מען קיינמאָל ניט זאָגען קיין שלעכט וואָרט. פיעלע מאָל האָב איך אליין געבראכט פרישע געבעקס פאר דער קעניגין. און גאָר ניט! אָ, ווען דו וואָלסט וויסען ווי גרויס מיין צאָרן איז געווען אויף יוסף'ן, ווען איך האָב דערהערט פון מיין שוועסטער, וואָס ער האָט צו איהר געוואָלט טהאָן לעצטען אבענד. זיין גליק וואָס זליכה האָט מיך אָפּגעהאלטען, אז ניט וואָלט איך איהם מיט מיין שטאַרקען פויסט צוריבען אויף שטויב. אָבער ווארט, איך וועל איהם נאָך ניט שענקען איידער איך קעהר זיך צוריק אין פּאלאץ, וועל איך נאָך אריינקומען, אָהן מיין שוועסטער'ס וויסען, און איהם גוט אָנברעכען די ביינער פאר זיין באַליידיגונג צו מיין שוועסטער, און ווען פּוטיפר וועט זיך צוריקקעהרען, וועט שוין יוסף דאן זיך אין גאנצען געזעגענען מיט זיין לעבען. כא, כא, כא. דער אונפארשעהמטער קנעכט וויים גאָר ניט ווי שטאַרק פּוטיפר איז אייפערזיכטיג אויף זיין פרוי. און דו קענסט זיך טאקע פאָרשטעלען וואָס ער וועט איהם טהאָן, ווען ער וועט זיך דערוויסען פון זליכה'ן פון אלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען, אָבער איידער פּוטיפר קומט וועל איך איהם אויך ניט שענקען.

— דו ווייסט דאָך יעצט ניט געהן שלאָגען אַ הילפלאָזען מענשען. דו ווייסט דאָך אז ער וועט סיי ווי סיי זיין שטראָף באַקומען! — האָט אסנת זיך צו איהם אָפּגערופען.

— איך האָב נאָך מיט איהם אַן אלטען חשבון נאָך פון דאן, ווען ער האָט

זיך געגומען אריינמישען. איך בין דאן געווען אזוי צוטומעלט און וויסענדיג, אז ער איז דיין לעהרער האב איך איהם ניט געוואלט שלאגען און ער האט עס אנגענומען אלס צייכען דאס איך בין שוואך און ער האט מיך געשלאגען. און יעצט וועל איך איהם טאקע צייגען ווי שטארק איך בין.

— אבער דו ווייסט דאך אז יוסף איז געבונדען הענד און פיס. וואס פאר א גבורה וועסטו קענען ארויסצייגען אין קאמף מיט א פערזאן, וועמעס הענד און פיס זיינען געבונדען.

— וועל איך הייסען די קנעכט איהם אויפבינדען פאר א ווייל. איך וועל איהם צייגען אז איך קען זיך נאך מיט איהם פארמעסטען אפילו ווען ער איז ניט געבונדען.

— איך בעט דיך סרטן! — האט אסנת זיך צו איהם אפגערופען — געה יעצט ניט צו איהם, ווייל ער איז שוין אזוי אויך פארביטערט.

— דו האסט אודאי מורא, אז יוסף וועט מיך ווידער באשעדיגען. זאג איך דיר, אסנת אז דו האסט ניט וואס מורא צו האבען. איך וועל איהם יעצט גוט אנלערנען.

— אבער האט דיר דען דיין שוועסטער ניט אנגעזאגט, אז דו זאלסט יוסף'ן יעצט גאר ניט טהאן! — האט אסנת זיך ביי איהם גענומען בעטען — און דו וועסט דאך זיכער ניט ווידערשפעניגען איהרע רייד!

— זליכה האט מיר פארבאטען אריינצוגעהן צו איהם אין צימער, צוליב דער זעלבער אורזאכע וואס דו, ווייל זי האט מורא, אז יוסף וועט מיך צו־שלאגען. און אט וועל איך אייך ביידען טאקע ווייזען, אז סרטן איז נאך גענוג שטארק און קען נאך אזעלכע צוויי קנעכט ווי יוסף צוממית'ן.

סרטן איז האסטיג פון איהר אוועקגעגאנגען. ער האט זיך ניט צוגע־הערט צו אסנת'ס געבעט. ער איז גלייך אוועק צו דעם פינסטערען צימער און האט זיך אפגערופען צו די קנעכט, וועלכע האבען יוסף'ן געהיט:

— לאזט מיך אריין צו איהם. איך וועל זיך דערווייל, איידער פוטיפר קומט, מיט איהם אפרעכענען פאר באליידיגען מיין שוועסטער.

— אבער אונזער הארינטע האט אונז אנגעזאגט קיינעם צו איהם ניט צולאזען — האבען זיי איהם געענטפערט.

— זי האט אבער ניט געמיינט מיך, איהר ברודער! — האט סרטן מיט שטאלץ אויסגערופען — לאזט מיך שנעלער צו איהם צו. איך וועל איהם צייגען דעם כח פון מיינע פויסטען.

די קנעכט האבען אויפגעעפענט די טיר און אביסעל ליכטיגקייט האט אריינגעשטראהלט אין דעם פינסטערען צימער.

מען האט באמערקט ווי יוסף איז געזעסען א געבונדענער אויף'ן באדען.

— דו פארפלוכטער קנעכט! — האט סרטן א געשריי געטהאן — איך וועל דיר באלד צייגען אז איך בין אויך ניט קיין שוואכלינג. דאן האב איך דיך ניט געוואלט שלאגען צוליעב אסנת'ן. אבער באלד וועסטו ביי מיר קריגען אזעלכע קלעפ, אז דו וועסט עס האבען צו געדענקען ביז וואנען פוטיפר וועט דיך פיהרען צו דער תליה!

יוסף האט איהם ניט געענטפערט. זיין קאפ איז נאך אלץ געווען געזונ־

קען צום באָדען. זיינע הענד זיינען געווען פאַרבונדען אויף הינטען.

— בינדט איהם אָפּ! — האָט סרטן באַפוילען דיקנעכט — זאָל ער נאָכהער ניט זאָגען אַז איך האָב איהם געשלאָגען ווען ער איז געווען געבונדען.

די קנעכט האָבען געטהאָן וואָס סרטן האָט זיי געהייסען און אויפגעבונדען די דיקע שטריק פֿון יוסף'ן הענד און פיס.

— יעצט שטעלט זיך ביים טיר און היט דעם ארויסגאנג, דער קנעכט זאָל קיין פאַרזוך ניט מאַכען צו אַנטלויפען — האָט סרטן זיי אָנגעזאָגט — און קיינער פֿון אייך זאָל זיך פֿון פּלאַץ ניט ריהרען. איך וויל ניט אַז מען זאָל זאָגען דאָס איהר האָט מיר מיטגעהאָלפען איהם שלאָגען.

די קנעכט האָבען איבערגעלאָזט די טיר אָפען. עס זאָל זיין ליכטיג און אַליין האָבען זיי זיך אוועקגעשטעלט נעבען ארויסגאנג און געוואַרט מיט גרויס פאַרגעניגען צו זעהן דעם קאַמף צווישען יוסף'ן און סרטן.

— אָה, דו פאַרפלוכטער עברי — האָט סרטן אויפגעהויבען זיין פויסט און געוואָלט א זעץ טהאָן יוסף'ן אין פּנים.

יוסף אָבער האָט זיך פלינק א דרעה געטהאָן און סרטן האָט איהם ניט געטראָפען. דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערייצט און געגעבען מעהר מוטה: ער איז געווען געבונדען א גאַנצע נאַכט — האָט סרטן א טראַכט געטהאָן. ער וועט שוין יעצט גאָר קיין שוועריגקייטען ניט האָבען צו צושלאָגען יוסף'ן און דאַמיט וועט ער פון זיך אראָפּוואַרפען דעם שאַנד פלעק וואָס ער טראָגט, זינט דער קנעכט האָט איהם דאָן צוממית'ט פאַר די אויגען פון אסנת'ן און דער אדומית.

סרטן האָט זיך ווידער א וואָרף געטאָן אויף יוסף'ן און יוסף האָט איהם שנעל אָפּגעשטויסען.

— געה זיך דיר דיין וועג! — האָט יוסף איהם געזאָגט — פאַר וואָס זאָל איך דיך שלאָגען?

— דו וועסט מיך שלאָגען? — האָט סרטן א קריץ געטהאָן מיט די צייהנער — וואַרט איך וועל דיך אַזוי צוממית'ן, אַז דו וועסט קיין כח ניט האָבען צו געהן צו דער תליה, וואָס פוטיפר וועט פאַר דיר צוגרייטען.

— אַז דו וועסט יעצט פון מיר ניט אָפּטרעטען, וועסטו נאָכהער קיין כח ניט האָבען עס צו־צוזעהן! — האָט יוסף איהם געזאָגט מיט א ביטערען שמייכעל.

סרטן האָט זיך מיט זיין גאַנצער קראַפט א וואָרף געטאָן אויף איהם. אָבער יוסף האָט איהם געגעבען אַזאַ שטויס דאָס סרטן האָט זיך צוויי מאָל איבערגעקוליעט.

די קנעכט, די שומרים האָבען דאָס צוגעזעהן און קוים איינגעהאַלטען זיך פון לאַכען.

סרטן האָט זיך אויפגעהויבען, זיך אויסגעגלייכט. זיין כעס איז יעצט געוואָרען אַזוי גרויס, אַז ער האָט בעשלאָסען, דאָס ער מוז איהם טויטען אויף אָן אָרט. ער האָט געזוכט עפּעס א וואַפע צו נעהמען אין האַנד, און ווען ער האָט גאָר ניט געפונען, האָט ער זיך ווידער געוואָרפען אויף איהם מיט זיינע פויסטען.

דער קאמף האט זיך צופלאקערט. יוסף האט עטליכע מאל סרטן'ען צום באָדען געשליידערט, און סרטן איז אָבער געווען זעהר פארביסען און ער האט ניט אפגעלאזען.

יוסף האט איהם אפילו ניט געוואָלט שטארק בעשעדיגען דיזען מאל. ער ווייס אז ער איז אין א גרויסער צרה פאר וואס זאל נאך די זאך ערגער מאכען. אָבער ווען ער האט געזעהן אז סרטן לאזט איהם ניט אפּ, איז שוין יוסף שטארק אויפגערעגט געוואָרען און ער האט איהם אנגעהויבען צו דערלאנגען קלעפּ.

די קנעכט האבען בעמערקט ווי יוסף האגעלט מיט קלעפּ אויף איהם. זיי האבען אויך געהערט סרטן'ס קרעכצען און געשרייען. אָבער זיי האבען זיך ניט גערירט פון אָרט, ווייל ער האט דאך זיי אנגעזאגט אז זיי זאלען איהם ניט קומען צו הילף.

פלוצלונג האבען זיי בעמערקט ווי סרטן האט זיך צוגעקייקעלט צו זיי. ער איז געווען אזוי צושלאגען, דאס ער האט זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט..

— העלפט מיר! העלפט מיר! — האט ער געקרעכצט.

די קנעכט אָבער, דערזעהענדיג יוסף'ס גבורה, האבען גאר יעצט מורא גע־האט צוצוגעהן צו יוסף'ן. זיי זיינען דעריבער געשטאנען אויף זייערע פלעצער און זיך ניט גערירט פון אָרט.

* * *

ווען אסנת האט דערהערט אז סרטן איז אוועק שלאגען יוסף'ן, האט זי זיך שטארק דערשראקען. זי קען דאך סרטן. ער וועט זיך זיכער בענוצען מיט דעם וואס יוסף איז געבונדען און וועט איהם נאך זיכער בעשעדיגען. זי איז דעריבער גלייך אוועק צו זליכה'ן און איהר געזאגט, אז סרטן איז גע־גאנגען שלאגען יוסף'ן.

— איך האב איהם אנגעזאגט, אז ער זאל דאס ניט וואגען צוע טהאן! — האט זליכה אויסגערופען מיט כעס. — זיין שטראף וועט שוין דער קנעכט בעקומען פון דיין פאטער.

— סרטן איז יעצט געגאנגען זיך מיט איהם אפרעכענען פאר דעם, וואס ער האט אמאל געקראגען קלעפּ פון איהם — האט אסנת געזאגט.

— אָ, דער פוסטער בעריהמער. ער וועט איהם געהן שלאגען יעצט ווען ער איז געבונדען. אויב איך וואלט געוואלט אז מען זאל יוסף'ן שלאגען וואלט איך דאך געהייסען די קנעכט עס טהאן. איך וויל אלעס איבערלאזען צו פוטיפר'ן. ער וועט שוין וויסען וו יאיהם צו בעשטראפען, אָבער ווי קומט סרטן יעצט צו איהם?

— איך בעט דיך מוטער, איידער עס איז ניט צו שפעט, קענסטו עס נאך פילייכט פארמיידען. — האט אסנת זיך צו איהר אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען.

— איך האב אנגעזאגט די קנעכט, וועלכע היטען יוסף'ן, קיינעם צו איהם ניט צוצולאזען! — האט זליכה געענטפערט און דו ווייסט דאך אליין ווי סרטן האט זיך ליעב צו בעריהמען.

— פונדעסטוועגן מוטער, לאָמיר צוגעהן אהין — האָט אסנת געזאָגט מיט א ציטערנדער שטימע.

זליכה און אסנת זיינען גלייך אוועק צו דעם פּלאַץ וואו יוסף געפינט זיך, און ווי ערשטוינט זיינען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען געפונען סרטן ליגענדיג אויף דעם באָדען נעבען אריינגאנג פון צימער, די טיר איז געווען אָפען און די צוויי קנעכט, די שומרים, זיינען געשטאַנען טויט בלאס און געציטערט.

— וואָס האָט דאָ פּאסירט! — האָט זליכה א געשריי געטהאָן.

די קנעכט האָבען זיך נאָך מעהר דערשראָקען פאר זליכה'ן. זיי האָבען זיך פארנייגט.

— סרטן איז געקומען אהער און אונז געזאָגט, אז ער וויל שלאָגען יוסף'ן — האָט איינער פון די קנעכט זיך אפּגערופען און העגד און פיס האָבען איהם געציטערט — מיר האָבען איהם ניט געוואָלט אריינלאָזען, אָבער ער האָט אונז בעפוילען עס צו טהאָן.

— יע, ער האָט נאָך אונז געהייסען אָפּבינדען יוסף'ן, כדי צו צייגען אז ער קען איהם שלאָגען אפילו אז ער איז ניט געבונדען. מיר האָבען איהם געפאָלגט און דאָס איז די פאָלגען — האָט ער אָנגעצייגט אויף סרטן, וועלכער איז געלעגען און זיך געקאָרטשעט פון יסורים.

— אוי, מיינע ביינער! אוי, איך האָב מורא אז ער האָט מיך בלינד געמאַכט! — האָט סרטן געקרעכצט.

אסנת און זליכה האָבען בעטראַכט סרטן און האָבען געזעהן אז זיינע אויגען זיינען אונטערגעהאַקט, די אונטערשטע ליפּ איז געווען צושפּאָלטען און זיינע באַקען זיינען געווען רויט און געשוואָלען.

— וואָס האָט פּאסירט?! — האָט זליכה א געשריי געטהאָן! — אָ, דער אונווירדיגער קנעכט, ער האָט צומיט'ט מיין ברודער!

— מיין הארינטע! יוסף איז אין דעם ניט שולדיג — האָט איינער פון די קנעכט זיך אָפּגערופען — ער האָט ניט געוואָלט קעמפען מיט סרטן, ער האָט זיך ביי איהם געבעטען און געוואָרענט, אָבער סרטן האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען און זיך געוואָרפען שלאָגען.

— יע, עס איז ריכטיג! יוסף האָט איהם עטליכע מאָל אָפּגעשטויסען און געזוכט צו פארמיידען א קאַמף, אָבער סרטן האָט ניט נאָכגעגעבען.

— אהא! דו האָסט ווידער געוואָלט צייגען דיין גבורה! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען צו סרטן, ווען זי האָט בעמערקט דאָס ער בעמיהט זיך אנידערצוזעצען. — רעכט אויף דיר! יעצט וועסטו שוין וויסען מיט וועמען זיך אָנצופאַנגען.

סרטן האָט גאָר ניט געענטפערט. ער האָט זיך נאָך אַלץ געקאָרטשעט פון יסורים.

אסנת האָט דורך דער אָפענער טיר בעמערקט יוסף'ן. זי האָט צו איהם געוואָרפען א מילדען בליק. ער האָט אויסגעקוקט אַזוי בלאס און צושראָקען.

— זאָל מען איהם גלייך בינדען, דעם קנעכט! — האָט זליכה בעפוילען

די קנעכט, — און האַלט איהם געבונדען ביז וואַנען אייער האַר וועט זיך צוריק קעהרען.

די קנעכט זיינען צוגעגאַנגען צו יוסף'ן און האָבען איהם געבונדען פאַר די אויגען פון זליכה'ן. אסנת'ס אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען. זי האָט געוואָלט אריינלויפען אין צימער, פאַלען יוסף'ן אויפ'ן האַלז און פאַרזיכערען אז זי האָט פולען צוטרוי צו איהם, און אַז זי וועט אַנווענדען אַלע איהרע קרעפטען איהם ריינצוואַשען און איהם ארויסהעלפען פון זיין אונגליק. באַלד אָבער האָט זיך די טיר פאַרהאַקט הינטער יוסף'ן. די קנעכט זיינען געבליבען שטעהן הינטען און זליכה האָט אָנגענומען אסנת'ן פאַר'ן האַנד און איז מיט איהר אַוועק.

זי האָט אָנגעזאָגט עטליכע פון איהרע קנעכט און זיי האָבען אריינגע־פיהרט סרטן צו איהר אין צימער. די דיענסטען האָבען געבראַכט קאַלטע קאָמפּרעסען און צוגעלעגט צו סרטן'ס וואונדען.

א גאַנצען טאָג איז סרטן אזוי געלעגען אין געהאַקטע וואונדען און ווען עס איז געקומען אָבענד צייט, און סרטן האָט געוואוסט אז ער דאַרף באַלד געהן צוגרייטען פרישע געבעקס פאַר פּרעה'ן, האָט ער געבעטען זיין שוועסטער אז זי זאָל הייסען איינשפּאַנען די קאַרעטע און איהם צופיהרען צום פּאַלאַץ.

— נו ,יעצט האָף איך אז דאָס וועט זיין דאָס לעצטע מאָל, וואָס דו וועסט זיך אָנפאַנגען מיט דעם קנעכט! — האָט זליכה צו איהם געזאָגט, ווען ער איז אריין איין קאַרעטע, — דו זעה זיך בעסער אויסצורוהען עטליכע טעג. פאַרבלייב ביי זיך, דו קענסט זאָגען דעם קעניג אז דו ביזט ניט געזונד און דערווייל וועלען די אַנדערע בעקער, וועלכע זיינען אונטער דיר, צוגרייטען פרישע געבעקס פאַר'ן קעניג.

— אָבער ווען פּוטיפר וועט זיך אומקעהרען און ער וועט הייסען פיהרען יוסף'ן צו דער תליה, זאָלסטו מיר שיקען אָנזאָגען — האָט סרטן געזאָגט צו זיין שוועסטער מיט א שוואַכער שטימע — איך וויל אליין צוזעהן מיט מיינע אויגען ווי יוסף הענגט, זאָגסטו עס מיר צו, מיין שוועסטער?

— אָט דאָס פאַרזיכער איך דיר! — האָט זליכה געזאָגט מיט א שמייכעל — פּוטיפר וועט איהם ניט הענגען כל זמן דו וועסט דאָביי ניט זיין. און נאָך מעהר, פּוטיפר וועט דיר לאָזען אליין פאַרציהען די שטריק ארום יוסף'ס האַלז.

— איך וועל דיזע ארבייט טהאָן מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען — האָט סרטן אויסגערופען צוליידענדיג זיין האַנט צו זיין געשוואָלענעם פּנים — איך וועל זיך נוקם זיין אָן דעם פאַרפלוכטען קנעכט פאַר דעם וואָס ער האָט דיך באַליידיגט אָן פאַר דעם וואָס ער האָט צו מיר געטהאָן שוין דאָס צווייטע מאָל.

סרטן האָט א מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד צום טרייבער און ער איז באַלד אָפּגעפאָהרען. ווען ער איז אריינגעקומען אין פּאַלאַץ אין דעם פּלאַץ וואו פּרעה'ס דינער האַלטען זיך אויף, האָט ער בעגעגענט עכבור דעם שר המשקים, איהם האָט זיך זעהר ניט געוואָלט אָפּשטעלען און ריידען מיט איהם, אָבער דער שר המשקים האָט גלייך בעמערקט זיין געשוואָלענעם פּנים מיט זיינע

אונטערגעהאקטע אויגען און ער האט זיך צו איהם אפגערופען מיט א סאר־קאסטישען שמייכעל:

— זאג מיר, סרטן, ווער האט עס אזוי בעציערט דיין וואונדער שעהנעם פנים?

סרטן האט איהם נישט געענטפערט און געוואלט אריין אין זיין צימער, אבער עכבור איז איהם נאכגעגאנגען.

— ווי עס ווייזט אויס, האט דיר אסנת מכבד געווען מיט אזעלכע טייערע „ציערונג"! — האט ער זיך מיט איהם ווידער א רייץ געטהאן.

סרטן האט געוואוסט אז ער איז יעצט נישט אימשטאנד זיך צו פערמעסטען מיט עכבור'ן און ער האט דעריבער אויך אראפגעשלונגען דיזע בעלייריגונגען...

— עס וועט שוין לאנג נישט געדויערען! — האט ער זיך געטראכט און ער וועט קענען אלעמען איבערצייגען אז אסנת וועט ווערען זיין פרוי...

— נו, אויב דו ווילסט מיר אליין נישט דערצעהלען — האט דער שר המשקים געזאגט וועל איך שוין היינט ביינאכט אויסגעפינען אלעס וואס האט מיט דיר פאסירט, דורך דער אדומית. דו ווייסט דאך אז זי דערצעהלט מיר אלעס.

סרטן האט איינגעזעהן, אז עס וועט זיך פאר איהם יעצט בעסער לוינען צו זיין פריינדליכער מיט עכבור'ן און אזוי ווי ער וועט דאך אלץ איינס זיך פון אלעם דערוויסען האט ער בעשלאסען איהם אליין צו דערצעהלען.

— גוט, זעץ זיך אוועק נעבען מיר, מיין פריינד — האט ער זיך אנגערופען צו איהם — און איך וועל דיר דערצעהלען אזעלכעס וואס דיינע אויערען וועלען שטוינען ווען דו וועסט עס הערען.

דער שר המשקים האט זיך אוועקגעזעצט און סרטן האט איהם דערצעהלט וואס איז פארגעקומען צווישען יוסף'ן און זיין שוועסטער, זליכה'ן.

איך האב געמאכט א פארזוך זיך אפצורעכענען, אבער דו ווייסט דאך אז דער קנעכט דער עברי איז גענוג שטארק און האט מיך ווידער צושלאגען, אבער יעצט קען איך דיר פערזיכערען — האט ער פערענדיגט — אז דאס וועט זיין דאס לעצטע מאל. יוסף וועט קירצליך געהאנגען ווערען און איך וועל נאך פערציהען די שטריק איבער זיין האלדז!

* * *

איינציגע וואכען איז פוטיפר אפגעווען אין דער שטאדט „און", ער האט די גאנצע צייט פערבראכט אין תפלות צו די געטער, אז זיין זליכה זאל איהם געבוירען א זוהן...

די פריסטער פון די טעמפלען האבען אויך געלאזען הערען זייערע שטימען צו די געטער, זיי האבען צו זיי געבעטען דאס זיי זאלען אננעהמען פוטיפר'ס תפלה און איהם צושיקען זיין פערלאנג. דערפאר האט זיי פוטיפר בעשאנקען מיט פיעלע מתנות..

ווען אלע הייליגע פריסטער האבען איהם פערזיכערט, אז זיין תפלה איז אנגענומען געווארען, איז ער שוין געווען געגרייט זיך אומצוקעהרען אהיים, אין צוען.

דעם לעצטען טאָג פון זיין פערברענגען, איז ער אריין אין דעם טעמפּעל פון דעם גאָט אזירים, און נאָכדעם ווי ער האָט פאר אים מקריב געווען אַ קרבן, האָט ער זיך אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און אויסגעגאָסען זיין הארץ:

„מעכטיגער גאָט אזירים, דו שטעהסט העכער פון אַלע איבעריגע געטער פון מצרים... דיין פערלאנג טהוען זיי דאָך! אָבער אויך דו ביזט גנעדיג צו זיי... ווען די געטער וועלן צו דיר קומען זיך משתדל זיין פאר מיר, דו זאָלסט מיר שענקען אַ זוהן, אויף ווען איך זאָל קענען שטאָלץ זיין, זאָלסטו אויך זייער פערלאנג טהאָן... דו האָסט מיט מיר פיעל חסד געטהאָן ביז יעצט, דו האָסט געמאכט איך זאָל געפינען חן אין פרעה'ס אויגען און ער האָט מיך דערהויבען איך זאָל זיין דער העכסטער שר אין מצרים, דערנאָך האָסטו מיר מיט דיין גרויס גנאָד צוגעשיקט זליכה'ן, וועלכע איז די שעהנסטע פרוי אין גאַנץ מצרים... דורך איהר איז מיין גליק פערגרעסערט געוואָרען, ווייל זי האָט מיך דאָך אַזוי ליעב... זי איז מיר זעהר געטריי און איבערגעגעבען, און מיין ליעבע צו איהר ווערט גרעסער און שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. יעצט, גרויסער אזירים, אויב דו וועסט מיט דיין פיעל גענאָד זיך צוהערען צו מיינע תפלות און מיר שענקען אַ זוהן, דאן וועל איך יעדען יאָהר צו זיין געבורטסטאָג קומען אַהער אין „און" און מקריב זיי אַ קרבן פאר דיר".

פּוטיפער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאַץ, ער איז זיכער געווען, אַז אויך אזירים האָט זיין תפלה אָנגענומען און אז אין אַ יאָהר ארום וועט זליכה איהם געבוירען אַ זוהן. יעצט איז ער געווען גרייט צו פאָהרען אהיים.. ער האָט שוין גענומען זעהר שטאַרק בענקען נאָך זליכה'ן.

די פריסטער האָבען אפילו געמאכט אַ פערזוך צו פערהאלטען פּוטיפר'ן אויף נאָך אייניגע טעג, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען. פּוטיפר האָט זיך געאיילט צו פאָהרען אהיים.

די פריעסטער האָבען לכבוד איהם געמאכט אַ גרויסארטיגען מאָהלצייט; און נאכהער איהם בעגלייט ביז דעם טייך נילוס, וואו פּוטיפר האָט זיך געזעצט אויף אַ שיפעל, וואָס האָט איהם געפיהרט נאָך צוען.

די שיפעל האָט זיך לאַנגזאַם געגליטשט איבער די קלאָהרע וואסער פון דעם טייך נילוס, און פּוטיפר איז געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיט וויפיעל ליעבע זליכה וועט איהם עמפּפאנגען, זי בענקט זעהר נאָך איהם, אַזוי ווי ער בענקט נאָך איהר... און ווי גליקליך זי וועט זיין, ווען ער וועט איהר זאָגען דאָס ער איז זיכער, אַז די געטער האָבען זיינע תפלות אָנגענומען און זי וועט אין אַ יאָהר אַרום געבוירען אַ זוהן... אַ לייכטער ציטער פון פרייד געהט דורך זיין קערפּער, ווען ער שטעלט זיך פאָר, דאָס ער וועט האַלטען זליכה'ס זוהן וואָס זי וועט צו איהם געבוירען, אויף זיין שוים... דאן וועט שוין זיין גליק פערפולט ווערען, אַ טאָכטער האָט ער דאָך, יע, אסנת איז ביי איהם בעליעבט אַזוי ווי זיין אייגענע טאָכטער... און ווירקליך קען ער מיט איהר שטאָלצירען, ווייל זי איז די שעהנסטע מיידעל פון מצרים, פיעלע זיהן פון די רייכסטע און חשוב'סטע לייט פון מצרים, זייינען שוין אייניגע מאָל ביי איהם געווען און געבעטען ער זאָל זיי אָפּגעבען אסנת'ן פאר אַ פרוי... אָבער זי איז נאָך אין גאַנצען צו יונג, זי קען נאָך

ווארטען... ווען פרעה'ס זוהן וואָלט עטוואס עלטער געווען, דאַן וואָלט ער שוין געזעהן, דאָס ער זאָל איהר בעמערקען. ער איז זיכער, אַז דער קרוינפּרינץ וואָלט זיך גלייך אין איהר פערליעבט... אָבער ער איז נאָך פינף יאָהר אינגער פון אסנת'ן... איין זאַך בעשליסט ער ביי זיך, אז ער וועט שוין זעהן דאָס אסנת זאָל קריגען א מאן איינעם פון פרעה'ס גרויסע שרים, וועלכער וועט איהר ווערטה זיין.

ווען פּוטיפר איז אָנגעקומען אין צוען, איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט זיך צוגאָסען איבערן הימעל מיט איהרע ליעבליכע שטראהלען. מיט א קלאָפּענדע האַרץ און מיט פיעל ערוואַרטונגען האָט פּוטיפר זיך דערנעהנ־טערט צו זיין הויז...

ער איז געווען עטוואס ענטוישט. ער האָט ערוואַרטעט, אז זליכה וועט איהם אנטקעגען קומען, אָבער בלויז אסנת אליין איז צו איהם צוגעקומען און זיך מיט איהם צוקושט.

— איז דיין מוטער יעצט אין דער היים נישטאָ? — האָט איהר פּוטיפר געפרעגט פערוואונדערט — אָדער איז זי נישט געזונט?

— זי איז דאָ אין הויז, און פריערדען איז צו איהר! — האָט איהם אסנת געענטפערט.

— אָבער מיר דוכט זיך, אז דו ביזט נישט אין גאַנצען געזונט — האָט איהר פּוטיפר געזאָגט — דו שיינסט זעהר אומעטיג צו זיין.

— שלום איז צו מיר! — האָט אסנת געענטפערט.

— אַה, איך זעה, אסנת! — האָט פּוטיפר א שמייכעל געטהאָן — דו האָסט ווארשיינליך שטאַרק געבענקט נאָך מיר, און דעריבער ביזטו אזוי אַרונ־טער זינט איך בין אוועקגעפאָהרען.

אסנת האָט אַ שמייכעל געטהאָן און זי איז נאָכגעגאַנגען פּוטיפר'ן, וועל־כער איז זעהר אומגעדולדיג געווען צו זעהן זליכה'ן.

— וואו איז אייער האַרינטע? — האָט זיך פּוטיפר געווענדעט צו די אייגינע דינסטען, וועלכע האָבען זיך פערנייגט ווען זיי האָבען איהם דערזעהן.

— אונזער האַרינטע איז אין איהר צימער! — האָט א דינסט געענט־פערט.

פּוטיפר איז שנעל אריין צו זליכה'ן אין צימער און ווי גרויס איז זיין ערשטוינונג געווען, ווען ער האָט בעמערקט דאָס זי האָט אומגעדרעהט איהר קאָפּ צום וואַנט, ווי נאָר זי האָט איהם דערזעהן.

— מיין ליעבענקע און טהייערע זליכה! — איז פּוטיפר שנעל צוגעלאָ־פען צו איהר בעט און איהר געגומען קושען — זאָג מיר ביזטו דען נישט געזונד?

זליכה האָט איהם נישט געענטפערט, און דאָס האָט פּוטיפר'ן נאָך מעהר דערשראָקען....

— איך בעט דיך, זליכה! — האָט ער גענומען גלעטען איבער איהרע האָר — זאָג דאָך מיר, האָט עפּעס מיט דיר פּאַסירט? פאַרוואָס ווילסטו זיך אויף מיר נישט אומקוקען... ביזטו דען אויף מיר אין כעס?

— יע, איך בין אויף דיר שטאַרק אין כעס — האָט זליכה קאָקעטיש

געוואָרפען ברוגז'ע בליקען אויף איהם.

— אָבער זאָג מיר, וואָס האָב איך געטהאָן, אז דו זאָלסט אויף מיר אין כעס זיין! — האָט פוטיפר איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— דו האָסט מיך מעהר ניט ליעב! — האָט זליכה אויסגערופען מיט א וויינענדיגער שטימע.

— אָה זליכה, וואָס רעדסטו! — האָט פוטיפר אויסגערופין מיט ער־שטוינונג — איך האָב דיר נישט מעהר ליעב! ווער האָט עס אויף מיר גע־מאַכט א בלבול....

— ווען דו וואָלסט מיך ליעב געהאט וואָלסטו מיך נישט איבערגעלאָזען אזוי לאַנג איינע אליין — האָט זליכה זיך פארנאַנדערגעכליפּעט...

— אָבער דו ווייסט דאָך מיין טייערע, אז איך בין אוועק נאָך „און" מתפלל צו זיין צו די געטער דו זאָלסט מיר געבוירען א זוהן... און יעצט קען איך דיר אָנזאָגען די גוטע בשורה, אז די געטער האָבען מיין תפלה אָנגענ־מען.. די פּריסטער האָבען מיר פערזיכערט, אז אין א יאָהר ארום וועסטו האָבען א זוהן. אָבער זאָג מיר, ליעבע זליכה פארוואָס וויינסטו?...

—דו האָסט קיינע רעכט נישט געהאט מיך איבערצולאָזען אליין! — האָט זליכה זיך שוין אנידערגעזעצט אויף איהר בעט.

— דו האָסט גאָר פערגעסען, ליעבע זליכה! — האָט פוטיפר אויסגערו־פען מיט א שמייכעל — אז איך האָב געוואָלט דיר מיטנעהמען, אָבער דו האָסט נישט געוואָלט... דו האָסט מיר געזאָגט, אז דו ווילסט בעסער פער־בלייבען אין דער היים. נו, דאַן האָב איך דאָך געמוזט פאָהרען אליין, אָהן דיר.

— האָב איך דען געוואָלט וויסען, אז די קנעכט וועמען דו האָסט פאר מיר געקויפט, וועלען האָבען אזא גרויסע חוצפּה און מיר אזוי שרעקליך בעליי־דיגען! — האָט זליכה געווישט איהרע אויגען.

— וואָס! — האָט פוטיפר אויסגערופען — די קנעכט האָבען דיך בעליי־דיגט — ווער האָט דאָס געוואַגט! זיין קאָפּ וועט איהם אָרונטערגעהאַקט ווערען...

— דאָס האָט געטהאָן דער קנעכט צו וועמען דו האָסט געהאט פיעל צוטרויען, וועמען דו האָסט פאר דעם הויפּט קנעכט געמאכט און אין וועמענס הענט דו האָסט דאָס גאַנצע הויז איבערגעגעבען.

— יוסף!! — האָט פוטיפר אויסגערופען — יוסף האָט דיך בעליי־דיגט!?

— ווען ער וואָלט מיך בלויז בעליידיגט מיט ווערטער! וואָלט איך זיך אזוי שטאַרק נישט גענומען צום הארצען! — האָט זליכה זיך ווידער פערנאַנ־דערגעוויינט — אָבער ער האָט מיך שיעור נישט אומגליקליך געמאַכט אויף מיין גאַנצען לעבען... געלויבט זיינען די געטער וואָס זיי האָבען מיר געגעבען גענוג כח זיך צו ראַנגלען מיט דיזען אומווירדיגען קנעכט און האָב איהם פער־טריבען פון מיין צימער...

— אָבער וואָס האָט ער צו דיר געוואָלט טהאָן? — איז פוטיפר אויפ־געשׂ פרונגען פון זיין פּלאַץ, ווי ער וואָלט געביסען געוואָרען פון א שלאַנג — זאָג דאָך, וואָס האָט פּאסירט?!

— דיך האָבען די געטער געבענשט און דו האָסט געקראָגען אזא שעהנע פרוי, האָסטו געדארפט בעסער וויסען און נישט איבערלאָזען איהר אליין אין הויז און אוועקגעהן אויף אַזוי לאַנג... ווייסטו דען נישט, אז אויף דעם וועג פון א שעהנער פרוי לויערן זעהר פיעל געפאהרען... — האָט זליכה זיך גע'כעס'ט.

— אָבער דו האָסט מיר נאָך אלץ נישט דערצעהלט וואָס מיט דיר האָט פאסירט? — איז ער ווילד געוואָרען — זאָג מיר, דערצעהל מיר אלעס.

— זינט דו ביזט אוועק, בין איך זעהר אומעטיג געווען און כאָטש דו ווייסט דאָך, אז איך פלעג ליעב האָבען צו הערען די מעשיות וואָס דער קנעכט יוסף פלעגט אונזביידען דערצעהלען, האָב איך אָבער נישט געוואָלט ער זאָל עס טהאָן אין דער צייט ווען דו ביזט ניטאָ אין דער היים... ווײלע ער האָט אויף מיר א פאָר מאָל א קוק געטהאָן און זיין קוק האָט מיך זעהר שטאַרק געשראָקען, ווען איך האָב עפּעס פון איהם געדארפט, האָב איך געשיקט דורך די דינסטען און קנעכט... און איין אָבענד האָב איך געפיהלט זעהר אומעטיג. איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר... איך בין געווען שטאַרק בעזאָרגט וועגען דיין געזונט. איך האָב געוואוסט, אז דו ביזט אין אַ פרעמדע שטאָדט, און ווער ווייס ווי דו פיהלסט זיך דאָרט. איך האָב זיך יענעם אָבענד געפיהלט זעהר איינזאַם און איך בין געגאַנגען זעהר פריה צו בעט... איך האָב שוין גוט איינגעשלאָפען. פלוצלונג דערפיהל איך אז עמיצער ריהרט אָן מיין האַנט... איך האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען און ווי דערשראָקען בין איך געווען, ווען איך האָב דערזעהן דעם קנעכט יוסף'ן שטעהענדיג נעבען מיר!

— און דיזער אונדאנקבארער קנעכט האָט געוואגט אריינצוגעהן אין דיין שלאָף צימער! — האָט פוטיפר אויסגערופען מיט כעס.

— נישט נאָר האָט ער געוואגט דאָס צו טהאָן, אָבער ער האָט אין זיך געהאט געננוג חוצפה און ער האָט מיך ארומגענומען און געוואָלט אַ קוש טהאָן! איך האָב זיך אָבער געגומען ראנגלען און זיך גלייך בעפרייט פון זיין אומארמונג...

— פארוואָס האָסטו איהם גלייך אויף אָן אָרט נישט מיט עפּעס געטויטעט! — האָט פוטיפר צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטען.

— איך האָב נישט געוואָלט מאכען קיין טומעל, איך האָב זיך געשעהמט פאר די דיענסטען און די קנעכט, אז צו מיר זאָל זיך טרעפען אַזאַ זאך! איך האָב זיך ביי איהם דעריבער גענומען בעטען, ער זאָל פערלאָזען מיין צימער... אָבער ער איז נאָך געוואָרען מעהר חוצפה'דיג. איך האָב גלייך בעמערקט ווי מיין מאנטעל און ארויס פון מיין בעט און איהם גענומען שטופען צו דער טיר. אָבער ער איז נאָך געוואָרען מעהר חוצפה'דיג. איך האָב גלייך בעמערקט ווי ער האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפען זיין בגד... דאָ איז מיין שרעק נאָך גרעסער געוואָרען. און איך האָב גענומען שרייען מיט אלע מיינע כחות... און צו מיין גליק האָט דאָס געהאָלפען.. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פון מיינע קולות. און ער האָט איבערגעלאָזען זיין בגד אין מיין צימער און איז שנעל ארויסגעלאָפען...

— און וואו איז ער יעצט? — האָט פוטיפר געקריצט מיט זיינע צייהן

— איך וועל איהם גלייך לאָזען הענגען פאַר אזא שרעקליכע באַליידיגונג צו מיין פרוי.

— די קנעכט האָבען איהם געכאַפּט און איך האָב זיי געהייסען זיי זאָלען איהם פאַרשפּאַרען אין דעם פינסטערען צימער און איהם היטען ביז וואַנען דו וועסט זיך צוריקקעהרען אַהיים.

פּוטיפר האָט גענומען אַרומשפּרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק. זיין כעס האָט אין איהם געברענט און ער האָט געשריען:

— דער נידערטרעכטיגער עברי! דער אומדאַנקבאַרער הונט! וואָס איך האָב פאַר איהם געטהאָן! געמאַכט איהם פאַר דעם הויפּט קנעכט, אי־בערגעגעבען אין זיינע הענט מיין גאַנץ הויז, געגעבען איהם צוטריט צו אַלע מיינע צימערען. קומט ער און פאַרראַט מיך אַזוי שענדליך! ווער וואָלט עס זיך געקענט ריכטען, אַז יוסף זאָל גאַר האָבען אַזא חוצפּה?

— אָה, ווען דו וואָלסט איהם מיט זיך מיטגענומען, — האָט זליכה גע־זאָגט מיט אַ וויינענדיגער שטימע — וואָלסטו דאָך מיר פערשפּאָרט פיעל הארצוועהטאָג.

— ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז יוסף וועט בעגעהן אַזא פערברעכען, וואָלט ער שוין יעצט נישט געווען צווישען די לעבעדיגע! — האָט פּוטיפר אויסגערופען. — אָבער בערוהיג זיך, מיין ליעבע זליכה, — איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און איהר אַ קוש געטהאָן, — דער קנעכט וועט נאָך היינט בעקומען זיין שטראָף. און ווען די איבעריגע קנעכט וועלען צוזעהן די האַרבע שטראָף, וואָס ער בעקומט, וועסטו שוין קענען זיכער זיין, אַז קיינער וועט מעהר קיינמאָל נישט וואַגען דיך אַזוי צו בעליידיגען.

פּוטיפר האָט צוגערופען אייניגע פון זיינע קנעכט און זיי געהייסען זיי זאָלען אריינפיהרען יוסף'ן, געבונדען, אין דיזען צימער.

— אָה, ניין! — האָט זליכה אויסגערופען, — ברייננ איהם נישט אריין אהער, איך וויל מעהר זיין פּנים נישט אָנקוקען! דו קענסט טהאָן מיט איהם, וואָס דו ווילסט, אָבער זאָל דער פאַרהאַסטער קנעכט מעהר נישט געבראַכט ווערען בעפאָר מיינע אויגען.

— וועל איך שוין אליין געהן צו איהם, — האָט פּוטיפר געדריקט זיינע פויסטען.

— זיי פאָרזיכטיג, — האָט זליכה איהם געוואָרענט, — מיין ברודער, סרטן, איז אריינגעקומען אין צימער און געוואָלט דעם קנעכט בעשטראָפען פאַר מיין גרויסער באַליידיגונג, איז ער זעהר ווילד געוואָרען און גענומען שלאָ־גען סרטנ'ען אַזוי שטאַרק, אַז סרטן איז קוים אַ לעבעדיגער ארויס פון אונטער זיינע הענט...

— זיינע הענט וועלען אָפּגעהאַקט ווערען, ווי ער וועט נאָר וואַגען צו הויבען אַ האַנט געגען מיר! — האָט פּוטיפר געזאָגט. — דו דאַרפסט נישט מורא האָבען, טייערע זליכה. דער קנעכט וועט נישט וואַגען אויפצוהויבען זיינע אויגען צו מיר!

פּוטיפר איז מיט די קנעכט צוגעקומען צום צימער, וואו יוסף איז געווען פערשפּאַרט. די צוויי קנעכט, וועלכע האָבען געהיט דעם אַרויסגאַנג פון

צימער, האָבען זיך פערנייגט, ווען זיי האָבען דערזעהן זייער האר.

— עפענט די טיר! — האָט פּוטיפר בעפוילען — און ברייננט ארויס דעם פערפלוכטען קנעכט צו מיר.

די קנעכט האָבען שנעל געעפענט די טיר פון דעם פינסטערען צימער און זיינען צוגעגאנגען צו יוסף'ן, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן באָדען פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען.

— שטעה אויף! — האָבען זיי צו איהם שטילערהייט א זאָג געטהאָן,— אונזער האר וויל דיך זעהן.

יוסף האָט זיך קוים אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. די הענט און פיס זיינען איהם געווען געבונדען און איהם איז אָנגעקומען גאנץ שווער זיך צו בעוועגען.

די קנעכט האָבען איהם ארויסגעפיהרט און געלאָזען שטעהן נעבען פּוטיפר'ן.

יוסף האָט זיך אויסגעגלייכט און ער האָט א קוק געטהאָן אויף פּוטיפר'ן און ער האָט בעמערקט ווי די אויגען פון זיין האר זיינען מיט בלוט פערלאָפען, ווי זיין פּנים דריקט אוים צאָרן און פערביטערונג און ער האָט פערשטאנען, אז זליכה האָט נאָך דעם בלבול אויף איהם גרעסער געמאכט פאר פּוטיפר'ן.

— דו אומפארשעהמטער קנעכט! דו אומווירדיגער הונט! — האָט איהם פּוטיפר גלייך אראָפּגעלאָזט א פּאַטש — ווי אזוי האָסטו געוואגט אזוי שרעקליך צו באַליידיגען דיין הארינטע! ווען האָסטו אזוי שענדליך פערראטען, מיר, דיין האר, וועלכער האָט דיר אזוי פיין בעהאנדלט... איך האָב דיר געמאכט פאר דעם הויפּט קנעכט, איך האָב דיר אפילו געלאָזען דינען צו דיין גאט! דאָס לערנט דיר דיין רעליגיע צו באַגעהן אזא פערברעכען געגען דער פרוי פון דיין האר!

יוסף איז געבליבען שטעהן באַוועגלאָז זיין באַק איז רויט און געשוואָלען געוואָרען פון פּאַטש. די שמערצען זיינען גרוים געווען..... ער האָט ניט געקענט ביי זיך באַשליסען וואָס צו ענטפערען. ער ווייס אז ווען ער זאָל איהם זאָגען דעם גאנצען אמת, וועט ער נאָך ערגער מאכען.... פּוטיפר וועט איהם זיכער ניט גלויבען און ער וועט עס נאָך אָננעהמען פאר א גרויסע באַליידיגונג... געוויס וועט ער גיכער גלויבען איהר, זיין פרוי... ער האָט דעריבער גענומען שטילערהייט מתפּלל צו זיין.

„אַלמעכטיגער גאט פון מיינע עלטערען אברהם, יצחק ויעקב. פאר דיר איז דאָך קיין פערבאָרגענעס ניטאָ. דו ווייסט דאָך ווי אומשולדיג איך בין. העלף מיר אין דער צייט פון מיין שרעקליכער נויט. עפען אויף די אויגען פון מיין האר און זאָל ער זעהן, אז איך בין ריין פון זינד, אז מיינע שונאים זוכע מיר צו פאַראומגליקען. אָ העלף מיר, מיין גאט!

— דאָס וועט שוין זיין דיין לעצטע תּפלה! —האָט פּוטיפר א געשריי געטהאָן. — דיין גאט וועט דיר שוין דאָ אויך ניט קענען העלפען... פאר דיזען פאַרברעכען וועסטו נאָך היינט געהאנגען ווערען.

פּוטיפר האָט גלייך געשיקט רופען אַלע זיינע קנעכט, און ווען זיי זיינען

צוגעקומען און געזעהען ווי יוסף שטעהט א געבונדענער מיט א רויטען גע־שוואָלענעם פּנים, איז אויף זיי אָנגעפאַלען א גרויס פּחד.

— איך וויל אַז מען זאָל גלייך צוגרייטען א תליה פאַר אייער הויפּט קנעכט, ער וועט נאָך היינט געהאנגען ווערען פאַר אייך אַלעמען אין די אויגען.

— מיין האר׳ס באַפעהל וועט גלייך געטהאָן ווערען! — האָט תדמור זיך פאַרנייגט. — אויף וועלכען פּלאַץ זאָל מען די תליה אויפשטעלען? — האָט ער פּוטיפר׳ן א פרעג געטהאָן, און קוים געקענט באַהערשען זיין גרויס צופרידענהייט.

— די תליה זאָל מען אויפשטעלען קעגען די פענסטער פון מיין פרוי׳ס צימער! — האָט פּוטיפר א זאָג געטאָן. — איך וויל אַז אייער הארינטע זאָל קענען צוקוקען, ווי אַזוי דיעזער אומווירדיגער קנעכט ווערט באַשטראָפט פאַר זיין פאַרברעכען!

— מיין האר! — האָט תדמור ווידער געזאָגט. — איך וועל באַשטימען פינף קנעכט וועלכע וועלען צוגרייטען די תליה און אויב מיין האר וועט מיר ערלויבען, וועל איך לויפען אָנזאָגען סרטן וועגען דעם. ער האָט מיר געבעטען, אַז ווען יוסף וועט דאַרפען געהן צו דער תליה, זאָל איך איהם אָנזאָגען — ווייל מיין הארינטע, זיין שוועסטער האָט איהם פאַרשפּראָכען, דאָס ער וועט פאַרציען די שטריקעל אויף זיין האלדז — האָט ער אָנגעצייגט מיט זיין פינגער אויף יוסף׳ס האלדז.

— גוט, זאָל ער האָבען דעם פאַרגעניגען! — האָט פּוטיפר אויסגערופען.

— מיין פרוי האָט מיר טאַקע דערצעהלט אַז דער קנעכט האָט סרטן גוט צושלאָגען — זאָל ער יעצט זעהען נקמה אָן איהם... און איהר אַלע וועט זיך אראָפּנעמען א מוסר, נישט צו וואגען צו באַליידיגען אייער הארינטע...

— זאָל איך גלייך געהן צו סרטן? — האָט תדמור געפרעגט.

— עס איז דאָ נאָך צייט, — האָט פּוטיפר געענטפערט. — ווען די תליה וועט פאַרטיג ווערען, וועסטו דאַן לויפען איהם רופען!

די איבעריגע קנעכט האָבען זיך געוואונדערט ווי אַזוי תדמור רעדט מיט אַזאַ קאַלטבלוטיגקייט וועגען דעם... זיי האָט עס זעהר באַנג געטהאָן, ווייל זיי האָבען אַלע זעהר ליעב געהאַט זייער הויפּט קנעכט, יוסף׳ן... ער האָט זיי אַלעמען גאַנץ פיין בעהאַנדעלט...

— פיהרט איהם צוריק אין צימער! האָט פּוטיפר באַפוילען. זאָל ער דאָרטען פערבלייבען ביז וואַנען די תליה וועט פאַרטיג ווערען.

די צוויי שומרים האָבען יוסף׳ן צוריק אריינגעפיהרט אין צימער און נאַכהער פאַרשלאָסען די טהיר.

תדמור און די איבעריגע קנעכט האָבען דערווייל גענומען צוגרייטען די תליה... פּוטיפר איז נאָך אַלץ ארומגעגאַנגען אויפגערעגט. ער האָט נאָך זיין צאָרן ניט געקענט שטילען... זליכה איז געווען בייז און קאַפּריזנע... זי האָט אַלץ געהאַט טענות צו פּוטיפר׳ן, אַז עס איז זיין שולד, וואָס איהם האָט זיך פלוצלונג פאַרוואָלט אוועקפאָהרען מתפּלל צו זיין צו די געטער פון „און“ און איבערלאָזען מיט אַזאַ ווילדען קנעכט ווי יוסף איז.

— בערוהיג זיך מיין טייערע און ליבע זליכה. איך פארזיכער דיר, אז אויף מארגען וועסטו שוין אין גאנצען פארגעסען אן דעם.... דער קנעכט וועט זיין טויט... און דו וועסט שוין מעהר ניט טראכטען וועגען דעם...שטעה אויף, מיין ליבענקע זליכה, לאמיר צוזאמען עפעס עסען, ווייל איך בין שטארק פארהונגערט פון וועג.

זליכה האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון איהר בעט. איהר פנים איז געווען שטארק פארכמורעט. זי האט אויף זיך ארויפגעצויגען איהר מארגען קלייד און איז מיט פוטיפר'ן אריין אין עס-צימער.

דער טיש איז געווען געגרייט און פוטיפר האט זיך צוגעכאפט צום עסען ווי א הונגעריגער וואלף.

זליכה האט געמאכט א פארזוך צום עסען, אבער זי האט יעצט קיין אפעטיט ניט געהאט. צו איהרע אויערען האט זיך דערטראגען דער גערויש פון הויף וואו די קנעכט האבען צוגעגרייט די תליה פאר יוסף'ן...

— זאל זי איהם טאקע לאזען הענגען? — ער איז דאך אומשולדיג... זי איז גאר די שולדיגע. — האט איהר געוויסען אויף א קורצע ווילע איהר גענומען בעאומרוהיגען, באלד אבער האט זי ביי זיך אפגעמאכט, אז יוסף פארדינט טאקע אויפגעהאנגען צו ווערען... ווען ער האט געקענט זיין צו איהר אזוי קאלט און ניט נאר האט ער ניט ערווידערט איהר ליעבע, אבער ער איז גאר פון איהר אנטלאפען... אזא באליידיגונג! ער איז פון איהר אנטלאפען ווי זי וואלט געווען זעהר א העסליכע און אפשטויסענדע פרוי! יע, זאל ער דערפאר מיט זיין לעבען באצאהלען! ווי גרויס איהר ליעבע צו איהם איז געווען פריהער, איז איהר שנאה צו איהם יעצט נאך גרעסער...

— פאר וואס עסטו ניט, זליכה? — האט פוטיפר זיך צו איהר אפגערופען מיט א פולען מויל מיט עסען — קום וועל איך דיר צייגען אז באלד וועט שוין דער וועלכער האט דיר באליידיגט מעהר ניט עקזיסטירען.

ער האט איהר אנגענומען פאר'ן האנט און צוגעפיהרט צום פענסטער.

— אט, זעהסטו, די תליה איז שוין באלד פארטיג און א קורצע ווילע ארום וועט שוין יוסף'ס קערפער דארטען הענגען... און ווייסטו נאך וואס, מיין טייערע, דיין ברודער וועט נאך אליין פארציהען די שטריק איבער זיין האלדז.

— מיין ברודער! — האט זליכה אויסגעשריען מיט ערשטוינונג. — פון וואנען ווייסטו אז סרטן האט עס פון מיר פערלאנגט.

— תדמור האט מיר געזאגט אז סרטן האט איהם געבעטען געהען אנזאגען איידער יוסף געהט צו דער תליה, ווייל דו האסט איהם פארשפראכען צו געבען די מעגליכקייט נקמה נעהמען פון יוסף'ן.

— יע, האט זליכה צוגעגעבען. — עס וועט זיין פאר סרטן די גליקליכסטע רגע אין זיין לעבען.

— נו, יעצט געה עסען, מיין טייערע! — האט פוטיפר געזאגט צו איהר.

— איך בין יעצט ניט הונגעריג! — האט זליכה אויסגערופען. שפע-

מער ווען אַלעס וועט זיין פּאַראיבער וועל איך פּיליכט קענען עסען מיט מעהר אַפּעטיט...

— נו, אויב אַזוי, וועל איך טאַקע זעהען אַז אַלעס זאָל צוגעהן וואָס שנעלער! — האָט פּוטיפר געזאָגט און זיך צוריקגעזעצט צום טיש און ווידער גענומען עסען.

* * *

אסנת איז די גאַנצע צייט געזעסען אין איהר צימער און געוויינט... זי האָט געשווידערט ווען זי האָט זיך נאָר פאָרגעשטעלט אַז איהר „פאָטער“ וועט באַלד הערען דעם שרעקליכען בלבול אויף יוסף׳ן... ער וועט זיכער אַלעס גלויבען און דאַן... אַ קעלט איז דורך איהר לייב.. ווען זי וואָלט נאָר געקענט איבערצייגען איהר פאָטער, אַז יוסף איז אומשולדיג און אַז איהר „מוטער“ איז די שולדיגע, אָבער דאָס ווייס זי איז אונמעגליך... זי וועט זיך דאַמיט פאַרהאַסען ביי ביידען. און אויב זי וואָלט יאָ געהאַט אַ שטיקעל מעגליכקייט צו ראַטעווען יוסף׳ס לעבען, וואָלט זי דאָס יעצט אויך פאַרלאָרען.... איהר „מוטער“ האָט דאָך איהר פערשפּראָכען צו בעטען פּוטיפר׳ן ער זאָל איהם ניט טויטען.. אפשר וועט גאָט געבען אַז שפּעטער וועט זיך ארויסוויזען יוסף׳ס אומשולד און ער וועט אינגאַנצען בעפרייט ווערען.

פלוצלונג האָט אסנת דערהערט אַ גערויש וואָס איז געקומען פון הויף. זי האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער און דערזעהען ווי די קנעכט שטעלען אויף אַ תליה. זי איז געוואָרען אַ פאַרציטערטע. זי איז שנעל אַרונטערגעלאָפען אונטען און געפרעגט די קנעכט, וואָס דאָס בעדייט...

— אונזער גנעדיגער האר האָט באַוויליגט אַז יוסף זאָל שטאַרבען אויף דער תליה פאַר זיין שרעקליכען פאַרברעכען וואָס ער איז באַגאַנגען געגען אונזער הארינטע! — האָט תדמור געזאָגט, — און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צוגאָסען איבער זיין פּנים.. יע, די תליה איז שוין באַלד פאַרטיג...

ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער און האָט פּראָבירט אַ טרייסל טהאָן די תליה...

— עס איז שוין גאַנץ שטאַרק... יוסף וועט קענען אויף דעם הענגען עטליכע טעג... יעצט מוז איך לויפען אָנזאָגען סרטן... ווייל ער וועט דאַרפען פערציהען די שטריק אַרום יוסף׳ס האַלדז — האָט תדמור געזאָגט און שנעל אַוועק

אסנת׳ן האָט זיך גענומען דרעהען אין קאָפּ. איהר קערפּער איז באַגאָסען געוואָרען מיט אַ קאַלטען שוויים... וועט דען איהר „מוטער“ דערלאָזען אַז יוסף זאָל שטאַרבען פאַר איהר זינד... האָט זי דען ניט פאַרשפּראָכען.. אסנת האָט זיך דערפיהלט אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז האָט זיך קוים געקענט ריהרען פון אָרט... זי האָט זיך אָבער געקרעפטיגט... זי טאָר זיך יעצט ניט אָפּלאָזען. זי מוז ראַטעווען יוסף׳ן... נאָכהער וועט שוין זיין צו שפּעט... זי דאַרף וויסען ווי צו האַנדלען.....

ווען זי האָט זיך געפיהלט עטוואָס קרעפטיגער, איז זי קוים דערגאַנגען צו דעם צימער, וואו פּוטיפר און זליכה זיינען געווען.

— וואָס איז מיט דיר, מיין טאָכטער! — איז איהר פּוטיפר ענטקעגען

געקומען. — פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלאַס.. יע, איך פאַרשטעה, מיין קינד, דו האָסט זיך אויך זעהר שטאַרק גענומען צום הארצען די גרויסע בעליידיגונג וואָס דער ווילדער קנעכט האָט פאַראורזאַכט דיין ליעבע מוטער, אָבער דו קענסט שוין יעצט רוהיג זיין... באַלד, באַלד וועט ער קריגען זיין פולען שטראָף... די תליה איז שוין פאַרטיג... דיין אָנקעל, סרטן, וועט באַלד קומען און דער אומפאַרשעהמטער קנעכט וועט געהאַנגען ווערען פאַר אַלעמען אין די אויגען...

— אָבער פאָטער! — האָט אסנת קוים אַרויסגערעדט — איך בעט דיך, טויט איהם ניט...

— וואָס מיין טאָכטער! — האָט פוטיפר איהר אָנגעקוקט. — איך זאָל ניט טויטען דעם קנעכט פאַר אַזאַ פאַרברעכען!

—בעשטראָפען אימיצען מיט דעם טויט איז דאָך אַזוי שרעקליך און שוי־דערליך — האָט אסנת זיך אָפּגערופען און איהרע טרעהרען האָבען איהר אין האַלדז געשטיקט... אָ, איך בעט דיך פאָטער, זעה צו געפינען אַן אַנדער שטראָף...

— מיין קינד! — דו בעזיצסט זעהר אַ ווייכע און נאָבעלע האַרץ, דער־פאַר דוכט זיך דיר אַז אַזאַ שטראָף איז שרעקליך, ווען דו וואָלסט נאָר גענומען באַטראַכטען דעם שענדליכען פאַרברעכען וואָס דער קנעכט איז בעגאַנגען נעגען דיין מוטער און מיר, וועלכער האָט מיט איהם די גאַנצע צייט בלויז טובות געטהאָן, וואָלסטו אַליין צוגעגעבען אַז די תליה איז נאָך גאָר אַ צו מילדע שטראָף פאַר איהם.

— אָבער עס איז דאָך מעגליך, אַז יוסף איז ניט אינגאַנצען שולדיג אין דעם! — האָט אסנת אויסגערופען.

זליכה האָט אָנגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר אויגען און פוטיפר האָט זיך אָפּגערופען מיט כעס:

— וואָס? מיינסטו אַז דיין מוטער האָט אויף איהם אַ בלבול געמאַכט...

— און דו, מיין טאָכטער, זאָלסט גאָר אַזוי דענקען פון דיין מוטער! — האָט זליכה אויסגערופען.

— אָה, ניין, — איהר פערשטעהט מיך ניט! — האָט אסנת זיך פער־כאַפּט. — איך מיין אַז יוסף האָט בעת מעשה פיליייכט זיין פאַרשטאַנד פער־לוירען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער טהוט...

אַ שווערעניש איז אַראָפּ פון זליכה'ס הארצען... זי זעהט יעצט אַז איהר טאָכטער גלויבט איהר אויך, נאָר אַזוי ווי יוסף איז געוועזן איהר לעהרער, זוכט זי איהם צו פערטיידיגען...

— אָבער מיין טאָכטער, דאָס איז ניט קיין תירוץ פאַר אַ קנעכט... ווען איך זאָל איהם שענקען, וועל איך דאָמיט גרינגשעצען די עהרע פון דיין מו־טער... אויב ער האָט פאַרלאָרען זיין פאַרשטאַנד און געוואָלט בעגעהן אַזאַ שוידערליכען פאַרברעכען, דאַן מעג ער אויך זיין קאָפּ פערלירען... יע, מיין טאָכטער, יוסף וועט נאָך היינט שטאַרבען אויף דער תליה...

— אויב דו וועסט טויטען יוסף'ן, טו טויט מיך אויך — האָט זיך אסנת

פּאַנאַנדערגעווײנט — איך וויל מעהר ניט לעבען, נאָכדעם ווי איך וועל וויסען אז יוסף, מיין לעהרער און וועגווייזער איז טויט!

— וואָס רעדסטו אסנת! — האָט פּוטיפר אויסגעשריען, — וואָס פאַר א שייכות האָסטו מיט יוסף׳ן? ! ביזטו דען אין איהם...

— איך וועל דיר זאָגען פּוטיפר! — האָט זליכה איהם אונטערבראָכען.

— אונזער טאָכטער בעזיצט א ווייכע הארץ און זי וואָלט זיכער אזוי געהאַנדעלט ווען אַן אנדער קנעכט וואָלט געדאַרפט געטויטעט ווערען. אין בפרט אז יוסף איז געווען איהר לערער.

— מוטער! — איז אסנת איהר אַרויפגעפאַלען אויפ׳ן האלדז. — דו האָסט דאָך מיר פערשפּראָכען צו בעטען דעם פאָטער, ער זאָל פערבייטען יוסף׳ס טויט שטראָף אויף געפענגניס.

— עס איז ריכטיג. איך האָב דיר פערשפּראָכען! — האָט זליכה אויסגערופען, — אָבער ווען איך גיב נאָר א טראַכט ווי אזוי אזא קנעכט האָט געוואגט צו טהאָן צו מיר אזא זאַך, בין איך איבערצייגט, אז ער האָט פערדינט טויט שטראָף.

— איך בעט דיך ליעבע מוטער! — האָט אסנת שטאַרקער געווײנט — זאָל יוסף ניט געטויטעט ווערען... ווען ער וועט פאַרשפּאַרט ווערען אין געפענגניס פאַר זיין גאַנצען לעבען, וועט דאָס דען ניט זיין א גרויסע שטראָף? זליכה האָט געוואָרפען איהרע בליקען אויף פּוטיפר׳ן.

— טו איהר פארלאַנג דיזען מאָל! — האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען — אָבער פערשפּאַר איהם אין געפענגניס אויף זיין גאַנצען לעבען.

פּוטיפר האָט ניט געענטפערט. ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט.

— די תליה איז פאַרטיג! — האָט זי שטילערהייט א ברום געטהאָן. — טויט ניט, יוסף׳ן! טויט איהם ניט! — איז אסנת געפאַלען צו פּוטיפר׳ס פיס און זיך ביטער פאַנאַנדערגעווײנט.

זליכה איז שנעל צוגעגאַנגען און אויפגעהויבען אסנת׳ן און איהר גענומען בערוהיגען.

— ער וועט איהם ניט טויטען, מיין טאָכטער, הער אויף צו וויינען... איך האָב דיר געזאָגט אז ער וועט פערבייטען זיין טויט שטראָף אויף לעבענס־לענגליכע געפענגניס... וועסטו דען אזוי ניט טהאָן, פּוטיפר! — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט.

— אויב דאָס איז אויך אַזוי דיין פערלאַנג! — האָט פּוטיפר געזאָגט — וועל איך טהאָן ווי דו זאָגסט.

— צוליב אונזער טאָכטער ווע׳לען מיר דאָס אזוי טהאָן — האָט זליכה צוגעדריקט אסנת׳ן צו זיך. — פאַרוואָס זאָלען מיר פערביטערען איהר גאַנצען לעבען.

— גוט, האָט פּוטיפר אויסגערופען, — איך וועל פערבייטען זיין טויט־שטראָף אויף געפענגניס... ער וועט שוין די ליכטיגע וועלט ניט אָנזעהן זיין גאַנצען לעבען...

* * *

שנעל ווי א ווינט, איז תדמור געלאָפן אַנזאָגן סרטן די פרעהליכע בשורה, אַז די תליה איז שוין פאַרטיג און אַז מען וואַרט בלויז אויף איהם, ער זאָל קומען איהם הענגען.

סרטן׳ס שמחה און גליק איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אפילו ניט געוואָלט וואַרטען ביז וואַגען די געבעקס וועלען פאַרטיג ווערען. ער האָט געבעטען דעם שר המשקים, ער זאָל זעהן אַנזאָגען די איבעריגע בעקער, וועל־כע זיינען אונטער זיין אויפזיכט, זיי זאָלען אכטונג געבען אויף די געבעקס און אויב ער וועט זיך פאַרשפּעטיגען זאָלען זיי צוברייננגען די געבעקס צו פרעה׳ס לייב־וועכטער.

— איך געה יעצט דורכפיהרען מיין נקמה אָן מיין גרעסטען שונא! — האָט ער אויסגערופען און זיין פּנים האָט געשטראַהלט פון פרייד. — איך געה הענגען יוסף׳ן...

— זעה נאָר אז דו זאָלסט ווידער זיך ניט צוריקקעהרען מיט אונטערגע־האַקטע אויגען און אָנגעשוואָלען פּנים! — האָט דער שר המשקים זיך מיט איהם אַ רייץ געטהאָן.

— אויב דו וועסט נאָר האָבען עטוואָס צייט, וואָלט איך געוואונשען, אַז דו זאָלסט אליין אויך דערביי זיין. וואָלסטו געקענט צוזעהן מיט וואָס פאַר אַ כח איך וועל די שטריק אַרום יוסף׳ס האַלדז פערציהען.

תדמור און סרטן האָבען גענומען שטעלען שנעלע טריט. אויפ׳ן וועג האָט איהם תדמור דערצעהלט ווי אַזוי פּוטיפר האָט געפּאַטשט יוסף׳ן, אַז זיינע באַקען זיינען געשוואָלען געוואָרען און ווי אַזוי ער האָט שנעל געהייסען מאַכען די תליה.

— דו האָסט מיר צו פערדאַנקען וואָס דו וועסט יעצט האָבען אַ געלעג־גענהייט זיך אָפּצורעכענען מיט יוסף׳ן — האָט תדמור איהם געזאָגט — איך האָב מיין האַר דערמאָנט וואָס דיין שוועסטער האָט דיר פערשפּראָכען, און איך האָב ביי איהם ערלויבעניס געבעטען דיר צו געהן רופען.

— איך דאַנק דיר תדמור — איך בין זיכער, אַז אונזער פריינדשאַפט וועט ווידער שטאַרק זיין ווי אַמאָל, און איך וועל שוין זעהן אַז דו זאָלסט קריגען דיין לוין. יעצט אַז מיר וועלען פּטור ווערען פון יוסף׳ן וועל איך זעהן פּועל׳ן ביי מיין שוועסטער אַז פּוטיפר זאָל דיר ווידער בעשטימען פאַר דעם הויפּט קנעכט.

— איך בין זיכער אַז איך וועל קיין שוועריגקייטען ניט האָבען — האָט תדמור געזאָגט מיט שטאָלץ — איז דען צווישען די איבעריגע קנעכט פאַראַן איינער וועלכער זאָל זיין מעהר פּאַסיג צו אַזא אַמט ווי איך?

— אָ, ווי לאַנג דער וועג ציהט זיך! — האָט סרטן אויסגערופען. — איך בין דאָך אַזוי נייגעריג אַרויפצולעגען די שטריק אויף יוסף׳ס האַלדז... מיר וועלען גלייך געהן צו יוסף׳ן אין צימער. איך וועל דאָך זיכער יעצט מעהר ניט דאַרפען פּוטיפר׳ס ערלויבניס. סרטן און תדמור זיינען צוגעגאַנ־גען צו דעם צימער וואו יוסף איז געזעסען און סרטן האָט זיך אָפּגערופען:

— אין נאָמען פון אייער האַר, פּוטיפר, פערלאַנג איך איהר זאָלט

עפענען די טיר, און מיר העלפען איהם פיהרען צו דער תליה... אבער דיזען מאל זאלט איהר איהם ניט אפבינדען.

די שומרים האבען גלייך אויפגעעפענט די טיר. סרטן איז צוגעגאנגען צו יוסף'ן און האט איהם געגעבען א בריק מיט זיין פוס.

— שטעה אויף, דו פערשאלטענער קנעכט!... — האט ער א שטשירע געטהאן מיט די צייהנער — די תליה איז שוין פארטיג... מיינע הענט בייסען מיך, איך וויל שוין די שטריק אויף דיין האלדז פערציהען.

יוסף האט זיך ניט גערוהרט פון ארט. ער האט אפילו אויף איהם ניט א קוק געטהאן. ער איז געבליבען זיצען מיט דעם קאפ פערזונקען.

כאטש יוסף איז געווען געבונדען, פונדעסטוועגען האט סרטן מורא געהאט. ער האט דאריבער געהייסען די קנעכט זיי זאלען איהם א נעהם טהאן, ווייל ער האט קיין סך צייט ניט צו פערלירען.

די קנעכט זיינען צוגעגאנגען צו יוסף'ן און יוסף האט זיך באלד אויפגעשטעלט.

פיהרט איהם צו דער תליה! — האט סרטן א בעפעהל געגעבען.

— אבער אונזער האר! — וויים ער דען דערפון? — האט איינער פון די קנעכט געפרעגט.

— געוויס וויים ער! — האסטו דען ניט געהערט ווי ער האט מיר געשיקט רופען. די תליה איז שוין פארטיג!

תדמור און די אנדערע קנעכט האבען גענומען פיהרען יוסף'ן. סרטן איז געגאנגען אפריהער און ווען ער האט דערזעהן די פארטיגע תליה האט זיך א פרייד צעגאסען איבער זיין גאנצען קערפער.

— באלד, אט באלד וועל איך אט יענע שטריק, וואס הענגט דארט, פערציהען איבער דיין האלדז! — האט סרטן זיך אפגערופען צו יוסף'ן, וועלכער איז געגאנגען מיט א געבויגענעם קאפ און זיינע ליפען האבען א תפלה צו גאט געפליסטערט.

די צוויי קנעכט און תדמור, וועלכע האבען איהם די גאנצע צייט נישט אפגעלאזען, האבען איהם צוגעפיהרט נעהענטער צו דער תליה.

— איהר האלט איהם צו ביז וואנען איך וועל גרייכען די שטריק — האט סרטן א בעפעהל געגעבען.

— פיללייכט וואלט געווען ראטהזאם צו ווארטען ביז וואנען אונזער האר וועט ארונטערקומען? — האט זיך איינער פון די קנעכט אפגערופען. אין זיין הארץ האט זיך ערוועקט רחמנות אויף דעם אומגליקליכען קנעכט, וועלכער וועט זיך באלד געזעגענען מיט זיין יונגען לעבען.

— דיין האר האט נאך מיר געשיקט, — האט סרטן אויסגערופען. — ער ווייסט, אז ער קען זיך אויף מיר פערלאזען. ווען ער וועט ארונטערקומען, וועט ער שוין געפינען דעם קנעכט א טויטען.

— דיין שוואגער וועט גארנישט האבען דאגעגען! — האט תדמור צוגעגעבען. — און דיין שוועסטער געוויס ניט, דעריבער גלויב איך, אז מיר דארפען גארנישט ווארטען אויף זיי. לאמיר זיך צואיילען. לאמיר ציינען אונזער האר ווי שנעל מיר פיהרען דורך זיין פערלאנג!

— מיר וועלען איהם הענגען א געבונדענעם! — האָט סרטן געזאָגט. דער מאָנענדיג זיך אָן די שטאַרקע קלעפּ, וואָס ער האָט נישט לאַנג צוריק געכאַפּט פון יוסף׳ן, ווען ער האָט געהייסען מען זאָל איהם אָפּבינדען.

— עס פּאַסט פיליכט נישט צו הענגען א געבונדענעם קנעכט. — האָט תדמור זיך אָפּגערופען. — מיר זיינען דאָך דאָ יעצט פיער און מיר וועלען איהם זיכער קענען בייקומען אפילו ווען ער וועט נישט זיין געבונדען.

— אויב אזוי, טאָ לאָמיר איהם פריהער צופיהרען גאַנץ נאָהענט צו דער תליה, — האָט סרטן געזאָגט. — און ווען די צוויי קנעכט וועלען איהם צוהאַלטען, זאָלסטו איהם דאָן אָפּבינדען און איך וועל גלייך אַרויפלייגען די שטריק אויף זיין האַלז.

יוסף איז געווען אזוי צעבראָכען און דערשלאָגען, אַז ער האָט אפילו קיין פּאַרזוך נישט געמאַכט זיך צו וועהרען, ווען זיי האָבען איהם גענומען פיהרען נעהענטער צו דער תליה. ער האָט באַמערקט די פרעהליכקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אויף סרטן׳ס פּנים.

— אָ, אָט דער פאַרהאַסטער סרטן, — האָט ער זיך געטראַכט. — ער איז נישט בעסער פון זיין שוועסטער, וועלכע האָט אויף איהם אזא שוידערליכען בלבול געמאַכט... אָט פיהרט מען איהם. ער דערזעהט די תליה. איז דאָס שוין זיין סוף? אָ, גאָט! פאַרוואָס קומט מיר אזא שרעקליכע שטראָף?

— האָט ער אין הארצען מתפּלל געווען. — אויב איך האָב געגען דיר געזינדיגט, בין איך דען שוין ניט גענוג אָפּגעקומען פאר מיינע זינד? מיינע אייגענע ברידער האָבען מיך פאר א קנעכט פאַרקויפט... די שרעק און ליידען, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, איידער מען האָט מיך אין מצרים פאר א קנעכט פאַרקויפט... און זינט איך בין אין פּוטיפר׳ס הויז האָב איך אויך גענוג געליטען פון זליכה׳ן מיט איהרע ליעבעס פאַרפאָלגונגען און פון סרטן׳ען וועלכער האָט נאָר געזוכט מיר שלעכטס צו טהאָן. און יעצט? איז עס מעגליך, אז דער פאַרהאַסטער סרטן וועט איהם יעצט טויטען? א גרויל און שוידער נעהמט איהם דורך. צו שטאַרבען דורך זיינע הענט! דאָס איז נאָך ערגער און שרעקליכער ווי דער טויט זעלבסט... אָ, מיין ליעבער פאָטער! — האָבען זיינע ליפּען געשעפּטשעט, — ווען דו וואָלסט יעצט צוגעזעהן מיט דיינע אויגען וואָס עס קומט פאָר מיט מיר! און דו, מיין ליעבע מוטער! דו זעהסט דאָך זיכער אַלעס צו! זיי זיך משתדל פאר מיר, דאָרט אין הימעל! זאָל דער אַלמעכטיגער גאָט מיר צושיקען זיין הילף...

— שילט, שילט, דו פערפלוכטער קנעכט! — האָט זיך סרטן צו איהם אָפּגערופען מיט א שפּאָטישען שמייכעל, ווען ער האָט בעמערקט, אַז יוסף׳ס ליפּען בעוועגען זיך. — באַלד, באַלד וועט דיין מויל אויף אייביג פאַרשטומט ווערען! מאַכט עס שנעלער! — האָט ער זיך געווענדעט צו תדמור׳ן און די קנעכט.

זיי האָבען יוסף׳ן צוגעפיהרט צו דער תליה. סרטן איז גלייך צוגעגאַנגען און אָנגענומען די שטריק און צורעכט געמאַכט די פּעטליע. זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט פון פרייד, זיין פּנים האָט געלויכטען.

— בינדט איהם אָפּ! — האָט ער בעפוילען. — און וואָס שנעלער!

די קנעכט און תדמור האָבן גענומען אָפּבינדען יוסף'ן און איהם צוגריי־טען צו דער תליה.

— האַלט איהם צו! — האָט סרטן אויסגערופען, — אביסעל נעהענ־טער! אַט אַזוי! עטוואָס צו לינקס! קעהרט איהם אום מיט'ן פּנים צו מיר, איך וויל איהם אַנקוקען איידער איך לעג די פּעטליע אויף זיין האַלז.

די קנעכט האָבן יוסף'ן געשטופּט נעהענטער צו דער תליה, האַלטענדיג איהם פעסט פאַר זיינע הענט.

סרטן האָט זיך עטוואָס דערנעהענטערט און אויפהויבענדיג די פּעטליע איבער יוסף'ס קאָפּ, האָט ער אויסגערופען, פאַרשטשירענדיג זיינע ציינער:

— אָה, ווי זיס די נקמה איז!

פּלוצלונג האָט יוסף אויפגעהויבען זיין פוס און געגעבען סרטן'ען אַזאַ בריק, אַז ער האָט זיך צוויי מאָל איבערגעקעהרט, ארויסלאָזענדיג די פּעטליע פון זיינע הענט. די קנעכט זיינען פערציטערט געוואָרען און האָבן איהם איינגאַנצען אַפּגעלאָזען.

— אָה, איהר פערפלוכטע קנעכט! — האָט סרטן אויסגעשריען און זיך בעמיהט אויפצוהויבען. — פאַרוואָס האָט איהר איהם אַפּגעלאָזען?

— ווען דו קומסט נאָכאַמאָל נאָהענט צו מיר, וועל איך דיך טויטען!

— האָט יוסף זיך צו איהם אָפּגערופען.

— האַלט איהם צו, גיכער! — האָט סרטן געשריען מיט אַלע זיינע כחות. — דער קנעכט וועט נאָך אַנטלויפען!

— אַן עברי אַנטלויפט קיינמאָל ניט! — האָט יוסף געענטפערט און איז געבליבען שטעהן נעבען דער תליה. — איך וועל געהן צום טויט, אָבער נישט דורך דיינע הענט!

סרטן האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעגלייכט זיינע ביינער. זיין פּנים האָט געברענט פון אויפרעגונג און כעס.

— אה, פאַרוואָס האָב איך זיך צוגעהערט צו דיין נאַרישע עצה! — האָט ער זיך אָפּגערופען צו תדמור'ן. —איך האָב דיר אָבער געזאָגט, אַז מען זאָל איהם הענגען אַ געבונדענעם! בינדט איהם ווידער! און שטאַרק!

תדמור און די קנעכט זיינען געשטאַנען בלאַסע און צעשראָקענע. זיי האָבן זיך מורא געהאַט צו ריהרען פון אָרט.

— פאַרוואָס נעהמט איהר איהם ניט אָן? האָט זיך סרטן נאָך העכער צעשריען. — בינדט איהם!

די קנעכט זיינען צוגעלאָפען צו יוסף'ן. ער האָט זיך גענומען מיט זיי ראַנגלען און תדמור האָט דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר גוטע קלעפּ, אַז ער האָט זיך גענומען אָפּרוקען אָן אַ זייט.

די צוויי קנעכט האָבען איינגעזעהן, אַז אַליין וועלען זיי געוויס נישט קענען בייקומען דעם געזונטען קנעכט און זיי האָבען אָנגעהויבען שרייען און בעטען, אַז תדמור און סרטן זאָלען אויך צוקומען.

— פריהער בינדט איהם און נאָכהער וועל איך צוקומען! — האָט סרטן אויסגערופען. — אה, תדמור! פאַרוואָס האָסטו זיך אָפּגערוקט, דו פּייגלינג! פאַרוואָס העלפסטו נישט בינדען יוסף'ן?

— צוליעב דער זעלבער סיבה, וואָס דו העלפסט נישט! — האָט תדמור געזאָגט. —און אויב איך בין אַ פייגלינג, ביסטו עס אויך.

יוסף האָט זיך שטאַרקער געריסען פון די קנעכט׳ס הענט און סרטן האָט נאָך העכער געשריען:

— האַלט איהם! —בינדט איהם!

ער איז פאָרזיכטיג ווידער צוגעגאַנגען צו דער תליה און גענומען די פעטליע אין האַנט.

— תדמור! — האָט ער געשריען. — ברייננג די שטריק און העלף זיי בינדען יוסף׳ן!

— כל זמן זיינע פיס זיינען נאָך נישט געבונדען, וועל איך זיך נישט ריהרען פון אָרט! — האָט תדמור געשריען.

— מיר וועלען מוזען קריגען נאָך הילף! — האָבען די קנעכט געשריען צו תדמור׳ן און סרטן׳ען. — אויב איהר וועט נישט באַלד צוקומען און העלפען, וועלען מיר איהם אָפּלאָזען.

—ניין! לאָזט איהם נישט אָפּ! האַלט איהם! — האָט סרטן גענומען שרייען מיט אַלע זיינע כוחות.

ווען אסנת האָט דערהערט, אַז פוטיפר וועט פאַרבייטען יוסף׳ס טויט־שטראָף, אויף לעבענסלענגליכע געפענגניש, האָט זי פרייער אָפּגעאָטעמט. יעצט אַז יוסף וועט נישט געטויטעט ווערען, איז נאָך פאַראַן אַ שטראַל האָפנונג, אַז זיין אומשולד וועט פריהער אָדער שפּעטער באַוויזען ווערען. זי וועט ניט רוהען ביז וואַנען איהר וועט געלינגען רייינצוואַשען יוסף׳ן און דאַן וועט ער מעגליך אינגאַנצען באַפרייט ווערען פון געפענגנים. זי וועט שוין געפינען אַ געלעגענהייט ווי אַזוי צו רעדען מיט יוסף׳ן און איהם זאָגען ווער זי איז... ווי גליקליך ער וועט זיך פיהלען, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז זי איז דינה׳ס טאָכטער, דאָס וועט פאַר איהם אַ סך גרינגער מאַכען די ליידען. זי וועט איהם אויך זאָגען, אַז זי ווייסט, דאָס ער איז אומשולדיג און זי וועט אָנווענדען אַלע איהרע קרעפטען איהם פון געפענגניש צו באַ־פרייען. יאָ, זי דאַרף זיך שעצען זעהר גליקליך, וואָס איהר איז געלונגען איבערצורעדען איהרע „עלטערען"... די תליה איז דאָך שוין געווען פאַרטיג... זי האָט יעצט איינגעזעהן, אַז זיי האָבען זיך ליעב און אַז זי וועט קענען ווייטער פועל׳ן ביי זיי פיעלע זאַכען לטובת יוסף׳ן.

אסנת האָט פּלוצלונג דערהערט אַ טומעל, וואָס איז געקומען פון דרויסען. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און צוגעלאָפען צום פענסטער. באַלד האָט זי אַרויסגעלאָזען אַ געשריי.

פוטיפר און זליכה האָבען זיך דערשראָקען און שנעל צוגעגאַנגען צו איהר.

— וואָס איז געשעהן? — האָט זליכה זיך אָפּגערופען.

— אָה! — האָט אסנת נישט אויפגעהערט צו יאָמערען, אָנצייגענדיג מיט איהר האַנט אויפ׳ן פענסטער...

ביידע, פּוטיפר און זליכה, האָבען גלייך ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און זיי האָבען גלייך דערזעהן דאָס פאָלגענדע בילד:

די קנעכט האַלטען יוסף׳ן מיט אַלע זייערע כחות. יוסף ראַנגעלט זיך. סרטן האַלט די פּעטליע און וויל זי אַריבערוואַרפען איבער יוסף׳ס קאָפּ...

— אָ, שנעלער, ראַטעוועט יוסף׳ס לעבען! — איז אסנת ארויסגעלאָפען פון הויז און איז גלייך צוגעלאָפען צום פּלאַץ.

— זאָלסט נישט וואַגען דאָס צו טהאָן! — האָט אסנת אַ געשריי געטהאָן צו סרטן׳ען, וועלכער האָט שוין געהאַט די פּעטליע איבער יוסף׳ס קאָפּ, ווייל ווי יוסף האָט נאָר דערזעהן אסנת׳ן, האָט ער זיך אויפגעהערט צו וועהרען און סרטן האָט שוין מעהר קיין שוועריגקייטען ניט געהאַט מיט דער פּעטליע.

— פּוטיפר האָט מיר דאָס רעכט געגעבען! — האָט סרטן אויסגערופען און האָט די פּעטליע אַרונטערגערוקט אויף יוסף׳ס האַלז.

אסנת איז שנעל צוגעלאָפען און אָנגעכאַפּט סרטנ׳ען פאַר דער האַנט.

— דו וועסט עס נישט טהאָן! וואַרט! מיין פאָטער און מוטער קומען גלייך אַרונטער! — האָט אסנת גענומען בייסען סרטן׳ס האַנט ער זאָל אָפּלאָזען די פּעטליע.

— ער מוז גלייך געטויטעט ווערען! — האָט סרטן געמאַכט אַ פּאַרזוך זי אָפּצושטויסען פון זיך.

—וואָס איז דאָ? — האָט פּוטיפר׳ס דונערענדע שטימע אָפּגעקלונגען איבער׳ן גאַנצען הויף.

די קנעכט האָבען באַלד אָפּגעלאָזען יוסף׳ן און סרטן האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט, אָבער די פּעטליע האָט ער פון זיינע הענט נישט ארויסגעלאָזען.

זליכה איז אויך באַלד צוגעקומען, אָבער זי האָט זיך געמאַכט קוקענדיג אין אַן אַנדער ריכטונג, וואַרפענדיג פון צייט צו צייט אַ בליק אויף יוסף׳ן.

— וואָס האָסטו געוואָלט טהאָן?! — האָט פּוטיפר אַ געשריי געטהאָן אויף סרטן׳ען.

— איך, ע... האָב... ע... געוואָלט אויפהענגען יוסף׳ן, — האָט סרטן גענומען שטאַמלען אַ דערשראָקענער.

— ווער האָט עס דיר געהייסען טהאָן?! — האָט פּוטיפר אַ זאָג געטהאָן.

תדמור איז צו מיר געקומען און געזאָגט, אַז מיין האַר האָט באַוויליגט דאָס איך זאָל די פּעטליע פּאַרציהען, — האָט ער אָנגעצייגט אויף תדמור׳ן וועלכער איז געשטאַנען און זיך געטרייסעלט פון שרעק.

— האָב איך דען דיר געזאָגט, אַז ער זאָל דאָס טהאָן אליין, אין מיין אַנוועזענהייט? — האָט פּוטיפר אַ געשריי געטהאָן אויף תדמור׳ן.

— איך האָב נישט געוואוסט, מיין האַר! — האָט תדמור געזאָגט אין טויט־שרעק. — איך האָב געמיינט, אַז סרטן וועט עס קענען טהאָן גלייך ווי נאָר ער וועט קומען, ווייל אי ווייס ווי אומגעדולדיג ער איז דאָס צו טהאָן.

— איך זעה דאָך שוין, אַז דו האָסט אַזוי פיעל שכל ווי אַ בהמה! —

האָט פּוטיפר געזאָגט. — און איך וואונדער זיך נאָך יעצט ווי אַזוי דו ביסט אַמאָל געווען מיין הויפּט קנעכט... יעצט וועסטו אַליין פאַנאַנדערנעהמען די תליה. דער קנעכט יוסף וועט נישט געהאַנגען ווערען!

— אָבער זליכה! — האָט סרטן זיך געווענדעט צו זיין שוועסטער, האַלטענדיג נאָך אַלץ די שטריק אין זיין האַנט. — אָ, זליכה, דו ווייסט דאָך מיך נישט בארויבען פון דעם פאַרגעניגען, אויף וועלכען איך האָב אַזוי לאַנג גע'חלום'ט.

זליכה האָט איהם נישט געענטפערט. זי האָט אויסגעדרעהט איהר קאָפּ.

— דו, בעסער געה צוריק צו דיין ארבייט! — האָט פּוטיפר געזאָגט צו סרטן'ען. — ווען איך וועל דאַרפען אימיצען הענגען, וועל איך דיר לאָזען וויסען.

אַן ענטוישטער האָט סרטן אָפּגעלאָזען די פעטליע פון זיינע הענט און וואַרפענדיג אַ בייזען בליק פון שנאה אויף יוסף'ן, האָט ער זיך גענומען ארויסרוקען פון הויף. צו זיינען אויערען האָבען דערגרייכט די קלעפּ, וואָס תדמור האָט געגעבען מיט דעם האַמער פאַנאַנדערנעהמענדיג די תליה און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט ביטערניש, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט צוגעהיילט... ווען ער לאָזט איהם נישט אָפּבינדען, האָט סרטן ביי זיך געטראַכט, וואָלט שוין יוסף יעצט געווען אַ געהאַנגענער. ער קען נישט פאַרשטעהן, וואָס דאָ איז פּאַרגעקומען! פאַרוואָס האָט פּוטיפר געביטען זיין וואָרט? זאָל עס זיין, אַז זליכה האָט איהם מוחל געווען די באַליידיגונג? אָבער ניין, ער וועט נאָך זיין האָפנונג נישט אויפגעבען! מעגליך, אַז פּוטיפר האָט אָפּגעלעגט יוסף'ס הינריכטונג אויף אַ קורצע צייט און דאַן וועט מען איהם ווידער שיקען רופען...

יוסף איז געשטאַנען שטאַרק נידערגעשלאָגען... וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט? ער האָט נאָר וואָס געזעהן דעם טויט פאַר זיינען אויגען און יעצט לעבט ער נאָך... תדמור צוואוואַרפט די תליה... אסנת... אַ די שעהנע נאָבעלע אסנת האָט יעצט זיין לעבען געראַטעוועט.. ווי שטאַרק איהר פערצווייפלונג איז געווען... זי האָט זיך מיט סרטן געראַנגעלט, זי האָט געביסען זיין האַנד ביז וואַנען ער האָט אָפּגעלאָזען... וועט ער יעצט בלייבען לעבען? אַ ווייליע פריהער איז ער געגאַנגען צום טויט מיט אַ גלייכגילטיג־קייט... ער האָט געוואָלט שטאַרבען און פּטור ווערען פון אַזוי פיעל שמערצען און צרות... אָבער יעצט ווי ער האָט אסנת'ן דערזעהן... ווילט זיך איהם לעבען פאַר אידרעטוועגען.... ער קען נישט פערשטעהען פאַרוואָס ער האָט די גאַנצע צייט זינט דער אומגליק האָט זיך געטראָפען, ניט געטראַכט פון אסנת'ן וועלכע איז צו איהם געווען ווי אַ שוועסטער... זיינע געדאַנקען זיינען געווען פערנומען מיט זיין היים אין חברון — ער האָט פון זיין פאָטער געטראַכט, פון זיין שוועסטער דינה'ן און פון זיינע ברידער... אויף די געדאַנקען זיינען איהם ארויפגעקומען אַלעס וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט זינט ער איז נאָך אַ קליין קינד געווען... ער האָט זיך דערמאָהנט אַז די חלומות וואָס איהם האָט זיך גע'חלום'ט, ווי נאַריש ער איז געווען צו דערצעהלען די פּוסטע חלומות צוו זיינע ברידער... יעצט ווייס ער אַז

דאָס האָט זייער שנאה אויף איהם פערשאַרפט... ווען זיי וואָלטען יעצט געוואוסט ווי אזוי זיינע חלומות ווערען פערווירקליכט, וואָלטען זיי געוויס חרטה געהאַט אויף וואָס זיי האָבען איהם פאַר אַ קנעכט פערקויפט... זיי האָבען מורא געהאַט דאָס ער וועט ווערען זייער הערשער... אָבער וואָס איז ער יעצט, אַ קנעכט, וועלכער קען צו יעדער רגע געהאַנגען ווערען...

יוסף האָט עטוואָס אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האָט בעמערקט דעם בייזען צאָרענדיגען פּנים פון פּוטיפר. און ווי די פאַלשע זליכה שטעהט אַ פערכמורעטע, אַן אַנגע'ברוגז'טע, אַזוי ווי זי וואָלט טאַקע געווען אזוי אומשולדיג, ריין ווי אַ מלאך! אַה, ווען ער זאָל קענען דערצעהלען פּוטיפר'ן דעם גאַנצען אמת!... אָבער ער ווייס דאָך אַז פּוטיפר וועט גיכער גלויבען זיין פרוי, און איהם וועט נאָך ערגער ווערען... ווייל די מרשעת, וועט שוין זעהן אַז זיין שטראָף זאָל נאָך הארבער זיין... אָבער וואָס טראַכט אסנת פון איהם... גלויבט זי טאַקע אויף איהם אַז ער איז בעגאַנגען אזא ווערבּרעכען געגען זיין האַרינטע?.. ניין! ווען זי וואָלט אזא זאַך אויף איהם געגלויבט, וואָלט זי יעצט ניט אַרונטערגעלאָפען און געקעמפט מיט אזא פערצווייפלונג געגען סרטן ער זאָל איהם אָפּלאָזען... ווער ווייס אויב זי האָט עס ניט געטהאָן ווייל זי איז אַזוי גוטהערציג, אָבער אין איהר האַרצען גלויבט זי אַלעס וואָס איהר מוטער האָט אויף איהם אָנגערעדט... ער האָט געגעבען אַ בליק אויף אסנת'ן... ער האָט געזעהען ווי בלאַס און צושראָקען זי איז... קאָנטיג אַז זי האָט אויך דורכגעמאַכט זעהר פיעל דורך דער צייט וואָס דאָס האָט פּאַסירט... אַ, ווען ער זאָל קענען מיט איהר ריידען בלויז עטליכע ווערטער, און איהר פערזיכערען אַז ער איז אומשולדיג, וואָלט זי זיך אויך פיעל פרייער געפיהלט.

— דו אומווירדיגער קנעכט! — האָט פּוטיפר זיך צו איהם געווענדעט מיט צאָרן — דו האָסט צו פערדאַנקען מיין טאָכטער'ס גוטהערציגקייט און נאָבעלקייט וואָס איך האָב פערביטען דיין טויט שטראָף אויף לעבענס־לענגליכע געפענגנים...

— ווען איך וואָלט דיר ניט פערשפּראָכען, מיין טאָכטער צו טהאָן דיין פערלאַנג און בעטען דיין פאָטער ער זאָל אומבייטען זיין טויט שטראָף, וואָלט איך דאָס געוויס ניט געטהאָן, — האָט זליכה זיך אָפּגערופען צו אסנת'ן אין דער הויך אַז פּוטיפר און יוסף זאָלען עס הערען... פאַר אזא בעליידיגונג וואָס איך האָב פון מיין קנעכט ערליטען פערדיענט ער די שווערסטע שטראָף...

— דו מעגסט רוהיג זיין, מיין טייערע זליכה, האָט זי פּוטיפר צו איהר אָפּגערופען — אַז דער אומפערשעהמטער קנעכט וועט שוין קיין האָניג ניט לעקען אין דעם געפענגנים וואו איך וועל איהם פערשפּארען... דאָרטען געפינען זיך די ערגסטע פערברעכער פון די נידעריגסטע שיכטען פון פאָלק... און עס איז ביי מיר קיין ספק ניט אַז ער וועט דאָרטען קיין צוויי יאָהר ניט אויסהאַלטען... פיעלע פון די אַרעסטאַנטען וועלכע ווערען דאָרטען פערשפּאַרט, שטאַרבען דעם ערשטען יאָהר... יע, אַט דאָרטען וועט יוסף פערשפּאַרט ווערען!...

אַ שטראָם טרערן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אסנת׳עס אויגן ווען זי האָט עס דערהערט וואָס פּוטיפר האָט געזאָגט. אָבער זי האָט געוואוסט אַז יעצט איז ניט די צייט איהם צו בעטען ער זאָל איהם פערשיקען אין געפענגנים וואו די קעניגליכע פערברעכער געפינען זיך... אין אַ טאָג, צוויי, ווען זיין כעס וועט איינגעשטילט ווערען, וועט זי שוין זעהן פועל׳ן ביי איהר מוטער, זי זאָל בעטען איהר פאָטער, ער זאָל איהם פערשיקען אין דעם געפענגנים וואו די פערברעכער פון קעניג געפינען זיך...

— פיהרט איהם צום געפענגנים! — האָט פּוטיפר אַ זאָג געטהאָן צו די צוויי קנעכט און תדמור׳ן — איך וועל באַלד אַהין אַליין צוקומען און איך וועל שוין זעהן אַז ער זאָל שוין פון דאָרטען קיין מאָל ניט אַרויסקומען.

די קנעכט האָבען יוסף׳ן אוועקגעפיהרט אין געפענגנים און איבערגעגעבען אין די הענד פון הויפּט וועכטער, ביז וואַנען פּוטיפר וועט קומען.

.28

יהודה און תמר

פיעלע יאָהרען זיינען אַוועק און יעקב׳ס משפחה האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. אַלע זיינע זיהן האָבען געהייראַט און האָבען קינדער געהאַט. דאָך אָבער האָט זיך יעקב נישט געוואָלט טרייסטען וועגען יוסף׳ן. כאָטש זיין הארץ האָט איהם געזאָגט, אַז יוסף איז נאָך נישט טויט; און איהם האָט געטליהעט אַ האָפענונג, אַז ער וועט נאָך, מעגליך, הערען, אַז זיין באַליעבטער זוהן יוסף לעבט, אָבער אַזוי פיעל יאָהר זיינען פאַראיבער און זיינע זיהן האָבען יוסף׳ן נישט אויפגעהערט צו זוכען און זיך נאָכפרעגען ביי יעדען דורכרייזענדען, און קיין שפור האָבען זיי נאָך אַלץ נישט געפונען.

— איך פיהל, אַז יוסף לעבט נאָך ערגעץ וואו, — פלעגט יעקב אָפט אַ זאָג טהאָן צו זיינע זיהן, — ווייל ווען ער וואָלט געווען טויט, וואָלט ער ביסלאַכווייז פאַרגעסען געוואָרען. און יעצט איז שוין באַלד צוועלף יאָהר זינט יוסף איז פאַרשוואונדען געוואָרען און איך פיהל דעם צער און טרויער פון זיין אבוועזענהייט אַזוי טיעף, ווי דאָס וואָלט ערשט היינט פּאַסירט. אָבער גאָט ווייסט, אויב איך וועל זוכה זיין ווען עס איז צו הערען, אַז ער לעבט און האָבען די מעגליכקייט איהם צו זעהן, איידער איך וועל שטאַרבען.

יעקב׳ס זיהן האָבען געשוויגען... זיי האָבען איהם קיינמאָל נישט געענטפערט אויף דעם, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז פון אַזאַ געשפּרעך קען אַמאָל איינער פון זיי אַרויסכאַפּען זיך מיט אַ וואָרט, וואָס זאָל זיי אַלעמען פאַרראַטען.

די איינציגע, וועלכע פלעגט יאָ רעדען און פּרובירען טרייסטען יעקב׳ן, איז געווען דינה.

יעקב האָט ליעב געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיין טאָכטער, ווייל מיט איהר האָט אויך פּאַסירט אַן ענליכער אומגליק און זי האָט מיטגעפּיהלט זיין טרויער פיעל שטאַרקער ווי די אַנדערע. און אַ טרייסט־וואָרט צו געבען.

— אָ, פאָטער! — פלעגט זי זאָגען, — מיט איינינגע יאָהר פריהער, איידער יוסף איז פאַרפאַלען געוואָרען, איז מיין קליינע נעמה אַזוי מיסטעריעז פאַרשוואונדען געוואָרען. און כאָטש אַזוי פיעל יאָהרען זיינען פאַריבער און איך האָב קיין שפור פון איהר נישט געפונען, דאָך האָב איך מיין האָפענונג נישט פאַרלוירען און מיין בטחון אין גאָט איז, אַז זי לעבט נאָך און אַז עס וועט קומען אַצייט און איך וועל זי זעהן מיט מיינע אויגען...

יעקב האָט דינה׳ן אַ קוש געטהאָן און זיך אָפּגערופען:

— דיינע ווערטער, מיין ליעבע טאָכטער, שטאַרקען און מוטהיגען מיר. אָבער דו ביסט נאָך יונג און קענסט האָפען, אז עס וועט קומען א צייט און דו וועסט אויסגעפינען וואו דיין קינד איז און וועסט זי זעהן און וועסט האָבען נחת פון איהר. איך אָבער בין שוין גאַנץ אַלט און וויפיעל יאָהרען איז מיר איינגאַנצען פארבליבען צו לעבען? און אפילו אויב יוסף לעבט, ווייס גאָט, אויב איך וועל נאָך זוכה זיין איהם צו זעהן, איידער איך וועל שטאַרבען.

— איך בין זיכער, זיידע, אז דו וועסט נאָך דערלעבען צו זעהן יוסף'ן.

— האָט יעקב פּלוצלונג דערהערט און האָט דערזעהן די קליינע סרח, די טאָכטער פון אשר'ן.

סרח, אשר'ס טאָכטער, איז געווען דאַן אַרום צעהן יאָהר אַלט און זי איז געווען באַליעבט ביי אַלעמען מיט איהר פרעהליכקייט און לוסטיגקייט. ווען זי האָט זיך געפונען אין הויז, האָט שוין דאָרטען קיין טרויער נישט געקענט הערשען אויף לאַנג. איהר שטימע איז געווען וואונדער־זיס און זי פלעגט זינגען פארשידענע ליעדער, דערצו האָט זי נאָך זעהר גוט גע־שפּיעלט אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטען.

יעקב האָט זי שטאַרק ליעב געהאַט. ער האָט זי גענומען אויף זיין שויס און געגלעט איהרע שעהנע לאָקען.

— פון וואַנען ביסטו עס אזוי זיכער, מיין קינד? — האָט יעקב זי צערטליך געפרעגט.

— איך בין זיכער, אַז יוסף לעבט נאָך און אַז מיר אַלע וועלען איהם נאָך אַמאָל זעהן, ווייל כאָטש איך האָב איהם נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, קען איך זיך אַזוי גוט פאָרשטעלען ווי ער האָט אויסגעזעהן. איך קען אפילו זעהן זיינע טיעפע בלויע אויגען, וועלכע האָבען געטרוימט פון וואונדערליכע זאַכען. איך קען זעהן זיין שעהנעם געשטאַלט. איך זעה איהם אזוי דייטליך און קלאָר אין מיין פאָרשטעלונגס קראַפט, אַזוי ווי ער וואָלט יעצט געשטאַנען פאַר מיינע אויגען.

יעקב האָט זיין אייניקעל געדריקט צו זיין הארצען און קושענדיג זי האָט ער געזאָגט:

— דו באַזיצסט א נשמה פון א נביאה, דו קענסט פאָראויסזעהן פיעל זאַכען... זאָל גאָט געבען, אַז דיינע ווערטער זאָלען מקוים ווערען.

און מיין טאָכטער, נעמה, לעבט זי נאָך? — האָט דינה זיך צו סרח'ן געווענדעט האַלב אין ערנסטע, האַלב אין שפּאַס. — קענסטו זי אויך זעהן אַזוי קלאָר און דייטליך?

—יאָ, טאַנטע! — האָט סרח זיך אָפּגערופען און איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט. — איך קען זעהן די וואונדערשעהנע נעמה, וועלכע איז אַזוי ענליך צו דיר. זי לעבט. זי איז זיכער פארהייראַט צו א פּרינץ. אָבער עס וועט קומען א צייט און דו וועסט זי זעהן א גליקליכע, פריש און געזונט.

— הלואי! — האָט דינה א שטילען זיפץ געטהאָן. — ביי גאָט איז אַלעס מעגליך. מיין זיידע יצחק האָט מיר אויך געזאָגט, אז איך זאָל נישט זיין פארצווייפעלט, גאָט וועט מיר העלפען און מיין טאָכטער וועט זיך אָפּזוכען.

יצחק איז שוין זעהר אַלט געווען, הונדערט און אכציג יאָהר איז ער געווען. ער האָט זיך גאַנץ שוואַך געפיהלט און ער האָט געזעהן אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע. ער האָט געשיקט רופען יעקב'ן און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— מיין זוהן, איך זעה אַז איך וועל אין גיכען געהן צו מיין פאָטער אברהם, און איך וואָלט פאַר מיין טויט אויך וועלען אַז עשו זאָל קומען, כאָטש איך קען איהם ניט זעהן, דאָך וואָלט איך וועלען ער זאָל קומען זיך געזעגענען מיט מיר... איך ווייס מיין קינד, ווי גרויס עס זיינען דיינע שמערצען, דו האָסט גענוג געליטען, אָבער איך בין זיכער אַז דיינע לעצטע יאָהרען וועסטו פערברייננגען אין נחת און פרייד... עס איז אַ גאָט זאַך אַז די קינדער וועלכע מיר ליעבען אַממעהרסטען, זאָלען אויף אַ בעשטימטע צייט פון אונז אַוועקגעהן... אַזוי ביזטו געווען גאַנץ ווייט אַוועק פון מיר, אַריבער צוואַנציג יאָהר.. דו ביזט געווען אין אַ פרעמד לאַנד און דו האָסט זיך גאַנץ גוט אַנגעליטען.. און יעצט איז דיין זוהן יוסף ערגיץ וואו פער־וואַגעלט געוואָרען אָבער ווען די צייט וועט קומען, וועסטו איהם ווידער זעהן אַ גליקליכען... טרעהרען האָבען זיך בעוויזען פון יעקב'ס אויגען ווען ער האָט געהערט פו יצחק'ן דיעזע ווערטער... ער ווייס אַז זיין פאָטער'ס ווערטער זיינען הייליג... און זיין האָפנונג האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט.

— מיין זוהן: — האָט יצחק ווייטער געזאָגט — ווען איך וועל שטאַרבען פערלאַנג איך פון דיר אַז דו זאָלסט מיר בעגראָבען אין מערת המכפלה וואָס מיין פאָטער האָט אָפּגעקויפט פון די קינדער פון חת. דאָרטען ליגען מיינע עלטערען בעגראָבען און דאָרטען וויל איך אויך בעגראָבען ווערען. נעבען מיין פרוי רבקה או יעצט אייל זיך או שיק אָנזאָגען דיין ברודער עשו'ן, און זאָל ער שנעל קומען, ווייל איך פיהל אַז קיין פיעלע טעג זיינען מיר שוין ניט פערבליבען צום לעבען.

יעקב האָט גלייך אַוועקגעשיקט צוויי פון זיינע זיהן, דן און נפתלי'ן אין דעם לאַנד אדום צו עשו'ן.

אַ פאָר וואָכען האָט געדויערט און עשו מיט זיין גאַנצער משפחה זיינען אָנגעקומען אין חברון... ער האָט שוין געפונען זיין פאָטער זעהר אָפּגעשוואַכט, קוים וואָס ער האָט געקענט ריידען.

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף יצחק'ס ליפּען, ווען ער האָט דער־הערט אַז עשו איז דאָ. ער האָט אָנגענומען זיין האַנד און האָט איהם געפרעגט וואָס ער מאַכט און ווי עס געהט איהם אין זיין לאַנד אדום.

עשו האָט איהם געענטפערט אַז גאָט האָט איהם מצליח געווען און ער פיהלט זיך גליקליך אין זיין לאַנד... די ארומיגע פעלקער ציטערען פאַר זיין שווערד און זוכען צו לעבען מיט איהם בשלום.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיין ברכה אויף דיר פערווירקליכט דורך דיין לעבען... זעהסטו, יעקב איז שוין ניט אַזוי גליקליך ווי דו... ער האָט אַ סך דורכגעמאַכט, פריהער מיט דינה'ן און נאַכהער מיט יוסף'ן.

יצחק האָט געבענשט יעקב'ס קינדער און אייניקלעך און נאַכהער עשו'ס קינדער און זיינע אייניקלעך.

— איך שטארב! — האט יצחק זיך אפגערופען צו יעקב'ן און עשו'ן — און איך לאז אייך איבער מיין גאנץ פערמעגען איהר זאלט זיך צוטהיילען גלייך אויף גלייך. דו, עשו האסט אויסדערוועהלט דאס לאנד אדום, וואס וועט בלייבען א ירושה פאר דיינע קינדער נאך דיר, און יעקב'ן האט גאט אפגעגעבען דאס לאנד כנען ווי ער האט פארשפראכען צו מיין פאטער אברהם.

ווען יצחק האט געענדיגט ריידען צו זיינע זיהן און אייניקלעך האט ער באלד אויסגעהויכט זיין נשמה.

יעקב און עשו האבען שטארק און ביטער געוויינט אויף דעם טויט פון זייער פאטער...

צו דער לויה זיינען געקומען אלע איינוואהנער פון חברון און פון די ארומיגע שטעדט און דערפער, ווייל זעהר בעליעבט איז יצחק געווען ביי אלעמען.

יעקב מיט זיינע זיהן און עשו האבען געטראגען דעם ארון און בע־גראבען זייער פאטער אין מערת המכפלה נעבען זייער מוטער רבקה.

ווען די טרויער טעג זיינען פאראיבער האט זיך יעקב צוטיילט מיט עשו'ן די ירושה און עשו איז צוריק אוועק נאך אדום.

* * *

גליקליך איז יהודה געווען מיט זיין פרוי עלית די טאכטער פון שיע, וועמען ער האט אזוי שטארק געליעבט. האט זיך בעזעצט אין עדולם מיט זיינע שאף, עלית האט געבארען צו יהודה'ן דריי זיהן. דער בכור איז געווען ער, אונן, איז געווען זיין צווייטער זוהן און שלה זיין איינגסטער זוהן.

גאנץ אפט פלעגט יהודה קומען בעזוכען זיי פאטער אין חברון, און פיעל מאל מיטנעמען זיינע קינדער אהין, כדי צו טרייסטען יעקב'ן, וועלבער האט ליעב געהאט אלע זיינע אייניקלעך.

איינמאל ווען יהודה איז אליין געגאנגען פון עדולם נאך חברון, האט ער באמערקט אן אלטען מאן זיצענדיג אונטער א בוים און קרעכצענדיג.

יהודה איז שנעל צו איהם צוגעגאנגען און איהם געפרעגט וואס איהם פעהלט.

דער אלטער האט איהם דערצעהלט אז עס איז שוין צוויי טעג ווי ער האט ניט געגעסען און ניט געטרונקען, און אז ער האט קיין כח ניט צו געהן זוכען שפייז און וואסער.

—איך האב ביי זיך עטוואס שפייז — האט ילודה צו איהם געזאגט, נעהם דאך דיר די שפייז, פילייכט וועל איך דערביי געפינען א ברונים וועל איך פאר דיר אנשעפען עטוואס וואסער.

דער אלטער האט יהודה'ן בעדאנקט אבער ער האט די שפייז ניט אנגעריהרט.

— פארוואס בייסטו דערוויל ניט צו, דאס וועט דיר קרעפטיגען! האט יהודה צו איהם געזאגט.

— די ליידען פון דורשט איז שטארקער ווי די ליידען פון הונגער! — האט איהם דער אלטער מיט א שוואכערשטימע געענטפערט, און ווען

איך זאָל יעצט נעהמען עטוואָס שפּייז וועט עס פערשטאַרקען מיין דורשט.

גרויס רחמנות האָט יהודה געקראָגען אויף דעם אַלטען.

— וואַרט דאָ, איך וועל זעהן צו קריגען וואַסער פאַר דיר! — האָט ער איהם געזאָגט.

יהודה איז אַוועקגעגאַנגען זוכען אַ ברונעם און ער האָט ניט געפונען. פון ווייטען האָט ער בעמערקט אַ נידעריג הייזעל. ער איז אַהין אַריינגעגאַנגען און ער האָט דאָרט געטראָפען אַ יונגע מיידעל שפּינענדיג וואָל.

דאָס מיידעל איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען און געפרעגט וואָס ער פערלאַנגט.

— געפינט זיך אין דיין הויז עטוואָס וואַסער? — האָט איהר יהודה געפרעגט.

— יאָ, מיין האַר! — האָט זי געענטפערט — אָבער דאָס וואַסער איז ניט אַזוי קאַלט און פריש, אויב דו וועסט צוואַרטען אַ קליינע ווייליע וועל איך אָנשעפּען פרישעס וואַסער פון ברונעם.

— ניט פאַר מיר וויל איך דאָס וואַסער! — האָט איהר יהודה געזאָגט — איך האָב אויפ'ן וועג געטראָפען אַן אַלטען מאַן וועלכער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון הונגער און דורשט, אַז ער קען זיך פון זיין פּלאַץ ניט ריהרען. איך האָב איהם געגעבען עטוואָס שפּייז, אָבער קיין וואַסער האָב איך ניט געהאַט און איך האָב אויך קיין ברונעם דערביי ניט באַמערקט, בין איך דאָ, צו דיר אין הויז געקומען.

— זאָל דיר גאָט בענשען פאַר דיין גוטהאַרציגקייט, מיין האַר — האָט דאָס מיידעל געזאָגט און גענומען דעם קרוג, אָט וועל **איך געהן אָנ־**שעפּען וואַסער, און איך וועל עס צוברייננגען צום אַלטען, אויב דו וועסט מיר אָנצייגען דעם וועג.

זי האָט שנעל געבראַכט פריש וואַסער און איז געווען גרייט צו געהן.

— צו וואָס זאָלסטו זיך דאַרפען מטריח זיין! — האָט יהודה צו איהר געזאָגט — איך וועל דאָס בעסער צו איהם צוברייננגען.

— אָבער מיין האַר, דער אַלטער מאַן וועט זיך וואַהרשיינליך נויטיגען אין נאָך הילף... מעגליך אַז ער איז אויך עלענד און האָט ניט וואו איבער־צונעכטיגען, פּיליכט וועל איך איהם קענען מיט עפּעס בעהילפיג זיין.

יהודה'ן איז זעהר געפעלען געוואָרען די גוטהאַרציגקייט פון דער שעהנער יונגער מיידעל און איז מיט איהר מיטגעגאַנגען. זי האָט דעם אַלטען געגעבען אַ טרונק און ער האָט אויפגעלעבט.

— געבענשט זיין צו גאָט, ליעב קינד, — האָט דער אַלטער איהר בעדאַנקט — דו האָסט מיר מחיה געווען...

יהודה האָט זיך געאיילט צו געהן נאָך חברון, און האָט זיי דעריבער איבערגעלאָזען און איז געגאַנגען זיין וועג.

אייניגע וואָכען איז יהודה אָפּגעווען ביי יעקב'ן און ווער האָט זיך צוריקגעקעהרט און פערבייגעגאַנגען די הויז פון יענער מיידעל האָט ער בעשלאָסען אַריינצוגעהן אַהין, צו זעהן וואָס איז דאָן געוואָרען מיט'ן אַלטען. ווי איבעראַשט איז ער געוואָרען צו געפינען דעם אַלטען מאַן אַליי אי הויז.

דעקענסטו מיר? — האָט איהם יהודה געפרעגט:

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַצאָן זיך פערנייגט.

— מיין האר ווי אַ מלאך פון הימעל האָט דיר גאָט דאַן צוגעשיקט צו מיר... איך בין געווען אַזוי עלענד און פארלאָזען, דערצו בין איך געווען הונגעריג און דורשטיג און געמיינט האָב איך אַז איך וועל אונטער יענעם בוים אויסגעהן פון הונגער און דורשט. דאַן ביזטו געקומען און דו האָסט יענע מיידעל געבראַכט צו מיר... זי האָט מיר אין איהר הויז געפיהרט, און אַזוי איידעל און גוטהערציג ווי זי איז זיינען אויך איהרע עלטערען, וועלכע האָבען מיר צו זיך צוגענומען... זיי בעהאַנדלען מיר ווי אַ פאָטער און איך פיהל זיך גליקליך מיט זיי.

— און וואו איז יעצט דאָס מיידעל?

זי העלפט איהרע עלטערען אין פעלד! — האָט ער געענטפערט, אויב דו ווילסט צו־וואַרטען אַ קליינע ווילע וועלען זיי אַלע באַלד זיך צוריקקעהרען פון פעלד.

ווען זיי האָבען נאָך גערעדט איז דאָס מיידעל פּלוצלונג אריינגעקומען אין הויז און זי האָט געבראַכט מילך פאַר דעם אַלטען.

— זיי געבענשט צו גאָט, מיין קינד! — האָט יהודה זיך צו איהר אָפּגערופען — איך זעה אַז גאָט האָט דיר בעשאָנקען מיט אַ נאָבעלע הארץ און איידעלע נשמה, זאָג מיר ווי איז דיין נאָמען און דער נאָמען פון דיין פאָטער.

— מיין נאָמען איז תמר! — האָט זי געענטפערט — און מיין פאָטערס נאָמען איז עילם.

— דו האָסט געפונען גנאָדע אין מיינע אויגען תמר! — האָט יהודה צו איהר געזאָגט — וואָלסטו געוואָלט געהן מיט מיר נאָך עדולם צו ווערען די פרוי פון מיין עלטערען זוהן, ער?

— דאָס דאַרפסטו פרעגען מיין פאָטער! — האָט תמר געזאָגט רויט ווערענדיג.

ווען תמר׳ס פאָטער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון פעלד, האָט זיך יהודה פאָרגעשטעלט פאַר איהם. יהודה האָט איהם דערצעהלט ווער ער איז און עילם איז געווען זעהר צופרידען.

— איך בין גליקליך אַז אַ זוהן פון יעקב׳ן געפינט זיך אין מיין הויז — האָט ער איהם געזאָגט.

— איך האָב געזעהן אַז גאָט האָט דיר געבענשט מיט אַ טאָכטער וועלכער איז גוטהערציג און נאָבעל, ווערסטו ניט האָבען דאַגעגען ווען איך וועל איהר נעהמען פאַר מיין עלטערען זוהן, פאַר אַ פרוי?

— עס וועט פאַר מיר זיין אַ גרויסער כבוד זיך מתחתן צו זיין מיט דער משפחה פון יעקב! — האָט עילם געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט יהודה געזאָגט — וועלען מיר אָפּרייזען נאָך עדולם און פייערען דאָרטען די חתונה פון אונזערע קינדער.

יהודה, תמר און איהר פאָטער זיינען דעם צווייטען טאָג אָנגעקומען

אין עדולם. מיט גרויס פאראד האט יהודה געפייערט די חתונה פון זיין ערשט געבארענעם זוהן, ער, מיט תמר׳ן.

א קורצע צייט נאך דער חתונה איז תמר׳ס מאן געשטארבען און איבערגעלאזען איהר אהן קינדער...

ווען די טרויער טעג זיינען פאראיבער האט יהודה צוגערופען זיין צווייטען זוהן אונן און צו איהם געזאגט:

דיין עלטערער ברודער איז געשטארבען און האט ניט איבערגעלאזען קיין קינדער. עס איז דעריבער דיין פליכט חתונה צו האבען מיט זיין פרוי, און די קינדער וואס זי וועט פון דיר האבען וועלען אויך פעררעכענט ווערען אויף דעם נאמען פון דיין ברודער?

אונן האט מיט תמר׳ן חתונה געהאט, אבער ער האט מיט איהר קיין קינדער ניט געוואלט האבען און מיט איינינע יאהר שפעטער איז ער אויך געשטארבען.

יהודה האט זעהר שטארק געטרויערט נאך זיינע צוויי זיהן. ער האט אין דעם געזעהן א שטראף פון גאט. פאר דעם וואס ער האט געראטהען די ברידער צו פערקויפען יוסף׳ן. זיין פרוי עלית האט דעם טויט פון איהרע צוויי זיהן נאך שטארקער גענומען צום הארצען, און זי איז פון גרויס עגמת נפש קראנק געווארען.

יהודה האט זיך מיט זיין פרוי בעראטהען וואס ווייטער צו טהאן.

—עס איז ביי אונז אין דער משפחה איינגעפיהרט, אז ווען א מאן שטארבט און לאזט איבער א פרוי אהן קינדער, מוז דער אנדערער ברודער מיבם זיין (הייראטהען) די אלמנה. יעצט אז אונזערעביידע זיהן זיינען געשטארבען און תמר׳ן איבערגעלאזען אהן קינדער, וועט מיט איהר מוזען הייראטהען אונזער דריטער זוהן שלה — האט יהודה געזאגט — אבער איך האב מורא אז אויב ער וועט מיט תמר׳ן הייראטהען זאל מיט איהם פילייכט ניט פאסירען דאסזעלבע וואס האט פאסירט מיט זיינע ברידער...

— אה, ווי מיין הארץ ציטערט מיר פאר מיין לעצטען זוהן, שלה!

— האט עלית געוויינט — איך וואלט זעהר ניט געוואלט ער זאל מיט תמר׳ן חתונה האבען...

— שלה איז נאך אלץ איינס גאנץ יונג. איך וועל זאגען תמר׳ן אז זי זאל דערוויילע געהן צו איהר פאטער׳ס הויז און דארטען ווארטען ביז וואנען שלה וועט עלטער ווערען... און דאן וועלען מיר זעהען...

— אבער זי וועט דאך אויף איהם ווארטען! — האט עלית געזאגט און דאן וועסטו איהר מוזען איהם אפגעבען — האט עלית געזאגט מיט זארג... און דו ווייסט דאך אז מיינע צוויי זיהן זיינען דורך איהר געשטארבען... ווילסטו דען אז דער דריטער און איין איינציגער זוהן וואס איז אונז פערבליבען, זאל אויך געהן פון דער וועלט.

— דו מאכסט א טעות, מיין ליעבע עלית, ניט פאר תמר׳ס זינד, זיינען אונזערע צוויי קינדער געשטארבען, ניין, תמר איז ריין ווי א מלאך... ווי איך ווייס האט זי לויטער גוטעס געטהאן. אבער דאס וואס גאט האט אונז געשטראפט איז עס צוליעב מיינע זינד!

—דיינע זינד! — האָט עלית געזאָגט מיט פערוואונדערונג — ווילסטו מיר דען איינריידען אַז דו האָסט ווען עס איז געטהאָן שלעכטעס.

— יאָ, מיין ליעבע עלית, איך האָב שטאַרק געזינדיגט געגען גאָט, געגען מיין פאָטער און געגען מיין ברודער יוסף.

—איך פערשטעה נישט וואָס דו מיינסט! — האָט עלית זיך אָפּגע־רופען, מיט וואָס האָסטו געזינדיגט — איז דאָס דען געווען דיין שולד וואָס מיט יוסף'ן האָט אַן אומגליק פּאַסירט.

— טייערע עלית! — האָט יהודה געזאָגט — אין יוסף'ס אומגליק זיינען מיר אַלע ברידער שולדיג, אָבער איך בין דער הויפּט שולדיגער, ווייל איך בין געווען דער יעניגער וועלכער האָט זיי די עצה געגעבען. עלית האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— צום בעדויערען, עלית קען איך דיר קיין איינצעלהייטען ניט דער־צעהלען, ווייל איך און מיינע איבריגע ברידער, זיינען אונטער אַ שבועה פאַר קיינעם ניט צו דערצעהלען וואָס עס איז פאָרגעקומען, און כאָטש אַזוי פיעל יאָהרען זיינען פאַראיבער זינט דאַן, פונדעסטוועגען טאָר איך די שבועה ניט ברעכען און איך קען דיר קיינע איינצעלהייטען ניט דערצעהלען... איך האָף נאָר אַז איך בין שוין אָפּגעקומען פאַר מיינע זינד און אַז מעהר וועט ער מיר שוין ניט שטראָפען.

— דאָך האָט עלית געזאָגט מיט טרעהרען — מוזטו מיר צוזאָגען אַז שלה וועט מיט תמר'ן מעהר ניט הייראַטהען.

— ווילסטו איך זאָל ווידער זינדיגען? — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — דאָס וועט דאָך זיין אַ גרויסע זינד געגען דער אונשולדיגער תמר'ן. זי וועט דאָך אויף איהם וואַרטען...

—ניין! איך וויל ניט איינשטעלען דעם לעבען פון מיין לעצטען זוהן — האָט עלית געוויינט, דו מוזט מיר פערשפּרעכען יהודה, אַז דו וועסט תמר'ן ניט אָפּגעבען צו שלה'ן.

— בערוהיג זיך, עלית! — האָט יהודה געזאָגט, — אויב דאָס איז דיין פערלאַנג וועל איך עס זיכער ערפילען.

תמר איז אוועק צוריק צו איהר פאָטער'ס הויז און דאָרטען האָט זי געוואַרט ביז וואַנען שלה וועט עלטער ווערען.

אין אַ יאָהר אַרום איז געשטאָרבען עלית, יהודה'ס פרוי... דאָס האָט יהודה'ן נאָך מעהר דערשלאָגען... ער איז זעהר אומעטיג געוואָרען... ווייל ער האָט עלית'ן שטאַרק ליעב געהאַט.

דער איינציגער טרייסט וואָס איז איהם פערבליבען איז געווען זיין זוהן שלה.. און כאָטש ער איז שוין עלטער געוואָרען האָט ער דאָך ניט געקענט בעשליסען איהם חתונה צו מאַכען מיט תמר'ן, ווי ער האָט פערשפּראָכען.

אין עדולם האָט זיך יהודה גענומען פיהלען זעהר איינזאַם, זיין איינ־ציגער פריינד איז געווען חירה, דער אָנקעל פון זיין פערשטאָרבענער פרוי.

מיט איהם פלעגט ער פערברייננגען די צייט, און עס איז געווען חירה, וועלכער האט איהם צוגערעדט ער זאל פערבלייבען אין עדולם.

תמר האט געווארט איניגע יאהר, זי האט געדענקט אז יהודה וועט נאך איהר שיקען, ווייל שלה איז שוין עלטער געווארען, און ווען זי האט געזעהן אז ער האט אן איהר פערגעסען, האט זי פערדעקט איהר פנים מיט א שלייער און איז אנגעקומען אין עדולם. צו ערשט איז זי געקומען צו חירה׳ן זיך מיט איהם צו בעראטהען וואס צו טהאן. זי האט געוואוסט אז חירה איז יהודה׳ס בעסטער פריינד און ער וועט וויסען וואס צו ראטהען.

ווען חירה האט איהר דערזעהן, האט ער געקראגען גרוים רחמנות אויף איהר; ער האט געוואוסט, אז יהודה׳ס בעשלום איז איז איהר ניט צו געבען זיין איינגסטען זוהן פאר איהר מאן, ער האט זיך דעריבער צו איהר אפגערופען:

—איך וויים דיין שווערע לאגע און איך האב בעשלאסען דיר צו העל־פען... יהודה טאר דערפון ניט וויסען אז דו געפינסט זיך אין עדולם... דו קענסט דאך פערשטעהן אז עס איז ניט יהודה׳ס שולד... זיינע ערשטע צוויי זיהן זיינען קירצליך, ווי זיי האבען מיט דיר חתונה געהאט געשטארבען, און יעצט האט ער מורא, עס זאל מיט זיין אינגסטן זוהן ניט פאסירן, דאס־זעלבע ווי מיט זיינע ברידער... אבער איינער פון דער משפחה מוז דאך דיר מיבם זיין, וועל איך שוין זעהן אז יהודה זאל מיט דיר טהאן גערעכטיגקייט...

אין איניגע טעג ארום האט יהודה געפייערט דעם יום טוב פון וואל שערען און ער איז געגאנגען מיט זיין פריינד אין תמנה... אויפ׳ן וועג האבען זיי בעגעגענט א יונגע פרוי, איהר פנים איז געווען איינגעהילט אין א שלייער...

חירה האט איינגערוימט יהודה׳ן עפעס אין אויער און אין א ווייל־ע ארום זיינען זיי שוין געווען נעבען דער פרוי... יהודה האט איהר איינגע־לאדען צו זיין שמחה און ווען זיי האבען זיך משמח געווען מיט וויין, האט זיך חירה אפגערופען צו יהודה׳ן:

די יונגע פרוי איז שעהן און עהרליך, דו האסט יעצט ניט קיין וויב. פארוואס זאלסטו מיט איהר יעצט ניט חתונה האבען?

— דו ביזט גערעכט, מיין פריינד, — האט יהודה געזאגט — אבער איך האב אפילו איהר פנים ניט געזעהן...

—דו מעגסט זיך פערלאזען אויף מיר! — האט חירה געזאגט — איך בין זיכער אז דו וועסט קיין חרטה ניט האבען, ווייל איך אלס דיין פריינד, בין איך דאך אויסען בלויז דיין טובה.

חירה האט געגעבען יהודה׳ן צו טרינקען א סך וויין, און זייענדיג עטוואס בערוישט , האט שוין חירה געזעהן אז יהודה זאל מיט תמר׳ן חתונה האבען.

אויף מארגען, ווען יהודה האט זיך געוואלט אומקעהרען אהיים, האט זיך תמר אפגערופען:

— איידער דו געהסט אוועק וואָלט איך וועלען האָבען פון דיר א צייכען, אז דו ביזט מיין מאַן.

יהודה האָט אראָפּגענומען פון זיין פינגער זיין זיגעלרינג און איהר ארויפגעטהאָן אויף תמר'ס פינגער...

איידער יהודה האָט צייט געהאַט זיך ארומצוזעהן, האָט שוין חירה בעזאָרגט אז תמר זאָל וואָס שנעלער אוועק צו איהר פאָטער.

ווען יהודה האָט זיך געקליבען אהיים, האָט ער געזוכט זיין נייע פרוי אומעטום און איהר ניט געפונען.

— וואו איז מיין פרוי מיט וועמען איך האָב נעכטען געהייראַט? — האָט יהודה געפרעגט זיין פריינד חירה'ן.

— זי האָט דאָך פון דיר געקראָגען א סימן — האָט איהם חירה גע־ענטפערט — וועט זי שוין דיר געפינען.

איינינע מאָנאַטען שפּעטער, און יהודה האָט שוין כמעט פערגעסען אין דער גאַנצער פּאסירונג מיט יענער פרוי אויף זיין יום טוב פון וואָל שערען... ער האָט געוואוסט דאָס ער איז דאַן געווען עטוואָס בערוישט פון דעם וויין, און האָט אפילו ניט געקענט גענוי געדענקען וואָס מיט איהר איז דאַן פאָרגעקומען.

איין מאָל קומט צו איהם אריין זיין פריינד, חירה און האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דו ווייסט יהודה, וואָס איך האָב געהערט, אז דיין שנור, תמר, וועמען דו האָסט געהייסען וואַרטען ביז וואַנען שלה וועט אונטערוואַקסען, דאַרף אין גיכען ווערען א מוטער!...

— וואָס?! — האָט יהודה אויסגערופען מיט כעס — תמר איז גע־וואָרען אויסגעלאַסען — זאָל מען איהר גלייך ברייננען אהער... זי מוז איהר פּסק בעקומען... אויב עס איז ריכטיג וואָס מען דערצעהלט אויף איהר, דאַן וועל איך שוין זעהן אז מען זאָל אויף איהר שטערן אויסברענען א צייכען, ווי עס ווערט געטהאָן צו אַלע אויסגעלאַסענע פרויען...

— אָבער, מיין פריינד — האָט איהם חירה פּרובירט בערוהיגען — דו האָסט דאָך אַלץ איינס אין זינען ניט געהאַט איהר אָפּצוגעבען דיין זוהן אַלס איהר מאַן, איז זי דאָך געווען פריי...

— ניין, כל זמן, איך אָדער מיין זוהן האָט איהר ניט בעפרייט, איז זי נאָך געווען אַלס צוגעבונדענע צו דער משפחה.

יהודה האָט גלייך געשיקט שלוחים צו רופען תמר'ן.

תמר איז מיט איהר פאָטער אַנגעקומען אין עדולם און זיינען ביידע אריין צו חירה'ן אין הויז.

— ווייסטו דען ניט אז יהודה האָט נאָך דיר געשיקט, כדי דיר צו בעשטראָפען — האָט חירה צו איהר געזאָגט מיט א שמייכעל — און יעצט וועל איך דיר ראַטהען זאָלסט איינוויקלען דעם זיגעלרינג וואָס יהודה האָט דיר געגעבען און וועל דאָס איהם איבערגעבען אין דיין נאָמען... דאַן וועלען מיר זעהן אויב ער וועט נאָך דענקען אז דו האָסט געזינדיגט.

תמר האָט איבערגעגעבן חירה'ן דעם זיגעל רינג איינגעבונדען אין עפּעס, און חירה איז אַוועק צו יהודה'ן און האָט עס איהם איבערגעגעבן.

— תמר איז דאָ, זי געפינט זיך אין מיין הויז — האָט ער איהם געזאָגט — און זי האָט דיר געשיקט אָט דעם קליינעם פּעקעל.

יהודה האָט עס שנעל פאַנאַנדערגעוויקעלט און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט בעמערקט זיין זיגעל רינג...

— איז דאָס דען געוועזן תמר!! — האָט ער אויסגערופען — איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט, און דאָס דאַרף זי ווערען אַ מוטער פון מיר! זי איז מעהר גערעכט ווי איך בין... איך האָב איהר מיין פערשפּרעכען ניט געהאַלטען, און איינער פון איהר מאַנ'ס משפּחה, מוז איהר דאָך אויס־לייזען... געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט מיר ניט געלאָזט געשטרויכעלט ווערען, און איך דאַרף דיר מיין פריינד חירה, פאַר דעם אַלעס בעדאַנקען. איך מוז שנעלער געהן צו איהר און בעטען זי זאָל מיר מוחל זיין.

יהודה איז גלייך מיט זיין פריינד אַוועק צו איהם אין הויז און דאָרטען געטראָפען תמר'ן...

— דו וועסט דאָך מיר מוחל זיין, תמר! — האָט איהר יהודה געקושט — עס איז בעשערט געוועזן אַזוי פון גאָט אַז איך זאָל מיט דיר חתונה האָבען... יעצט ביזטו מיין פרוי, ער האָט איהר געבראַכט צו זיך אין הויז, און מיט עטליכע מאָנאַטען שפּעטער, האָט תמר געבאָרען אַ צווילינג צו יהודה'ן.

יהודה האָט דעם ערשטען אַ נאָמען געגעבען פרץ און דעם צווייטען — זרח. און ער האָט אין זיינע צוויי ניי־געבאָרענע זיהן געפונען אַ טרייסט פאַר די צוויי זיהן וועלכע זיינען יונגערהייט פון דער וועלט געגאַנגען.

.29

פון דער טיפעניש

איינינע טעג איז יוסף געזעסען אין דער געפענגעניש, וואס איז אזוי טיעף און פינסטער ווי א גרוב. קיין איין שטראהל ליכט איז דארטען נישט צוגעקומען. מיט איהם זיינען געזעסען נאך איינינע פון די געפעהרליכסטע פארברעכער פון מצרים. זייערע פנימער האט יוסף צוליעב דער שטענדיגער פינסטערניש קיינמאל נית געזעהן, אבער זייערע שטימען האט ער געהערט. פון זייערע רעדען און געשפרעכען, וואס האבען זיך צו איהם דערטראגען, האט ער פערשטאנען, אז זיי שטאמען פון די נידעריגסטע שיכטען פון פאלק און אז זיי זיינען באגאנגען די גרויזאמסטע פארברעכענס. און יעצט וועט ער, יוסף, וועלכער איז געווען ריין און אומשולדיג פון יעדען פארברעכען, מוזען אויך אפפינסטערען זיינע יאהרען אין דיעזען שריקליכען פלאץ. זעהר א שלעכטער גערוך האט זיך דארט געהערט, ווייל יענעם געפענגניש האט מען זעלטען אויסגערייניגט. ראצען און מייז זיינען דארטען געווען זעהר פיעל. אט פיהלט יוסף, אז א שרעקליך גרויסער ראץ לויפט איהם פארביי און א סקרוך געהט איהם איבער זיין לייב.

דער אויפזעהער פון דעם געפענגעניש האט איהם געבראכט א קריגעל וואסער און א שטיקעל פארדארט ברויט. אבער יוסף'ן איז קיין עסען אין האלז נישט געקראכען. זיין הארץ איז געווען צעקלעמט און אנגעוועהטאגט, אז כאטש ער האט שוין א פאר טעג נית געגעסען, האט ער דאך נישט געפיהלט קיין הונגער. איהם האט זיך געוואלט בעסער שטארבען, איידער ליידען אזוי פיעל אומזיסטע יסורים. ווען סרטן וואלט איהם דאן געהאנגען, וואלט דאך געקומען א סוף צו אלע זיינע צרות און יסורים. ווי עס ווייזט אויס איז ער געבוירען געווארען בלויז צום ליידען. די עטליכע גוטע און הערליכע יאהרען, וואס ער האט געהאט אין זיין יוגענד, זיינען פארטונקעלט געווארען דורך די שרעקליכע יאהרען, וואס ער האט דורכגעמאכט זינט זיינע ברידער האבען איהם פאר א קנעכט פארקויפט. א, וואס פאר א שרעקליכער טאג עס איז דאן פאר איהם געווען... ער געדענקט אזוי קלאר און דייטליך, וואס מיט איהם האט אין יענעם טאג פאסירט, אזוי ווי עס וואלט ערשט נעכטען געווען. ער איז געגאנגען זעהן זיינע ברידער, ווענען ער האט שוין מאנאטען נישט געזעהן. זיין הארץ און נשמה זיינען געווען אנגעפילט מיט ליעבשאפט און ברידערליכקייט צו זיי. און ווען ער האט

זיי פון ווייטען באַמערקט, האָבען זיך זיינע פּיס אַזוי גרינג געהויבען. יעדער רגע איז איהם ווי אַ יאָהר געווען. אָט וועט ער אַרויפפאַלען אויף זיינע ברידער, זיי האַלזען און קושען... ער וועט זיי דערצעהלען ווי שטאַרק ער האָט געבענקט נאָך זיי... יעדען איינעם פון זיי וועט ער צו זיין האַרצען דריקען.. אָבער אַנשטאַט דעסאיז געקומען די שרעקליכע ענטוישונג. פון כעס געדריקטע פויסטען, קריצען מיט די צייהן.. זייער אַרויפפאַלען אויף איהם.. זייער אַרונטעררייסען דאָס זיידען העמדעל און נאָכהער זייער אַריינוואַרפען איהם אין יענעם פינסטערען גרוב דאָרטען זיינען אויך געווען ראַצען און מייז. און איצט געפינט ער זיך ווידער אין אַ גרוב. זיין לאַגע איז נאָך יעצט פיעל ערגער... דאַן האָט ער נאָך געהאַט אַ האָפנונג, אַז זיינע ברידער וועלען זיך אַרומזעהען, אַז זיי באַגעהען אַ גרויסע עולה געגען איהם און וועלען נאָך איהם באַפרייען. יעצט אָבער האָט ער אפילו קיין האָפנונג... זיינע שונאים זיינען פיעל. וועמען אַרט עס פאַר איהם? ער איז דאָך דאָ אַזוי עלענד.. ווער וועט זיך אָננעהמען זיין קריוודע? יע, ער וועט דאָ אַזוי לאַנג אָפּ'חושכ'ען ביז וואַנען זיינע כחות וועלען אויסגעהן. ער וועט ניט עסען, זאָל דער סוף קומען וואָס שנעלער...

ווען דער אויפזעהער פון געפענגעניש איז אַריינגעקומען און ער האָט געזעהן, אַז יוסף ריהרט נישט אָן דאָס עסען, האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז צוליעב דעם, וואָס דאָס ברויט איז אַזוי פאַרדאַרט. ער האָט דעריבער אויף איהם רחמנות געהאַט און איהם פּרובירט אַ פּאָר מאָל ברייגגען פון זיין אייגען עסען. אָבער צו זיין גרויס ערשטוינונג האָט יוסף אויך דאָס נישט פערזוכט. ווען ער האָט איהם געפרעגט די אורזאַכע, האָט יוסף נישט געענטפערט. דאָס האָט דעם אויפזעהער אַריינגעבראַכט אין כעס און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— אויב דו וועסט נישט עסען, וועט לאַנג נישט נעהמען און מען וועט דיך פון דאַנען אַרויסנעהמען אַ טויטען!

— אָ, ווען דער טויט וואָלט נאָר וואָס שנעלער געקומען! — האָט יוסף ביי זיך געטראַכט, — דאַן וואָלט ער מיך אויסגעלייזט פון אַלע מיינע צרות.

גלייך ווי פּוטיפר'ס קנעכט האָבען יוסף'ן אָפּגעפיהרט אין דעם ענגען שמוציגען געפענגעניש, האָט אסנת נישט גערוהט... זי האָט געבעטען ביי איהר מוטער זי זאָל פּועל'ן ביי פּוטיפר'ן מען זאָל יוסף'ן איבערפיהרען אין דעם געפענגעניש, וואו די קעניגליכע אַרעסטאַנטען געפינען זיך. דאָרטען ווייסט זי, איז אַ סך גראַמער און ריינער: מעהר לופט און ליכט קומט דאָרט צו.

— דו ווייסט דאָך, מוטער, — האָט אסנת זיך גענומען בעטען ביי איהר — אַז פון דעם געפענגעניש, וואו יוסף געפינט זיך יעצט, קומט מען זעלטען אַרויס אַ לעבעדיגער. איך האָב געהערט, אַז די אַרעסטאַנטען, וועלכע געפינען זיך דאָרטען, ווינשען שטענדיג אויף זיך דעם טויט. און יעצט, אַז דו האָסט מיט דיין גרויס גנאָדע איהם פון טויט גערעטעט, וועט ער דאָך יעצט שטאַרבען מי אַן ערגערען לאַנגזאַמערען טויט.

— מיין טאָכטער! — האָט זליכה איהר געענטפערט, — דורך דיין גוטהאַרציגקייט און רחמנות אויף דעם קנעכט זעהסטו בלויז זיינע ליידען, אָבער דו פאַרגעסט די גרויסע יסורים און שרעק, וואָס ער האָט דיין מוטער פאַראורזאַכט... וויפיל האָט געפעהלט, אַז איך זאָל פון דעם שרעק שטאַרבען? שטעל זיך פאָר, איך ליג און שלאָף אזוי רוהיג אין מיין בעט און פּלוצלונג דערפיהל איך אַ פרעמדע האַנט... אָ, ווען איך דערמאָן זיך, שוידער איך איינגאַנצען אויף! מיר וואונדערט זיך ווי אזוי איך האָב נעקראָגען גענוג כח עס איבערצוטראָגען. איך מוז טאַקע זיין שטאַרקער פון אייזען, אַז איך בין געבליבען לעבען... קומסטו און דו זאָרגסט נאָך פאַר איהם! טראַכט זיך נאָר גוט אַריין ווענען דעם, ועסטו זיך אַרומזעהן, אַז דער אומפאַרשעהמטער קנעכט האָט נישט פאַרדיענט, אַז דו זאָלסט אויף איהם רחמנות האָבען.

— אָבער מוטער, — האָט אסנת געווישט איהרע טרעהרען, — באַקומט ער דען נישט קיין גרויסע שטראָף, ווען ער וועט מוזען פאַרברייננען אין געפענגעניש זיין גאַנצען לעבען? זאָל ער דאָך אמווענינגסטען איבערגעפיהרט ווערען אין דעם גרעסערען געפענגעניש.

— דו ווייסט דאָך, מיין טאָכטער, — איז זליכה עטוואָס ווייכער געוואָרען — ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען צו בעטען דיין פאָטער, ער זאָל דעם קנעכט'ס טויט־שטראָף פאַרבייטען אויף געפענגעניש, וועט עס דען זיין פּאַסיג פאַר מיר אָדער פאַר דיר איהם צו בעטען ווידער צו פאַרגרינגערען יוסף'ס לאַגע? וואַרט אויף עטליכע טעג, פיעלייכט וועט דיין פאָטער'ס כעס קלענער ווערען און דאַן וועסטו קענען פון איהם פאַרלאַנגען, ער זאָל איהם איבערפיהרען.

— און דו וועסט מיר דערצו אַרויסהעלפען, מוטער? — האָט אסנת איהר געפרעגט.

— אויב דיין פאָטער וועט זיך צו דיר נישט ווילען צוהערען, זאָג איך דיר צו, אַז איך וועל עס אליין פון איהם פאַרלאַנגען, אָבער נישט איצט, מיט איינינע טעג שפּעטער.

אסנת האָט זיך עטוואָס בערוהיגט. זי ווייסט, אַז מען קען זיך אויף איהר פאַרלאָזען און ווען זי וועט עס ביי איהם פאַרלאַנגען, וועט ער זיכער נאָכגעבען. און ווען יוסף וועט איבערגעפיהרט ווערען אין דעם בעסערען געפענגעניש דאַן וועט זי האָבען אויך אַ געלעגענהייט איהם אַמאָל צו קומען באַזוכען. פאַר דער קורצער צייט, וואָס יוסף געפינט זיך אין יענעם גרויל־האַפטען געפענגעניש איז זי שוין אַ פּאָר מאָל געוועזן, אָבער דער אויפזעהער לאָזט זי ניט צו צו איהם. יעצט אַז זי האָט געקראָגען פון איהר מוטער אַ פאַרזיכערונג, איז זי ווידער אַהין אַוועק. זי האָט געוואָלט איהם אָנזאָגען ווענען דעם, אָבער דער אויפזעהער האָט צו איהר געזאָגט:

— אומזיסט איז דיין קומען! דער אַרעסטירטער קנעכט וועט פיעלייכט ציהען נאָך עטליכע טעג.

— וואָס?! — האָט אסנת אויסגערופען מיט שרעק. — איז יוסף קראַנק געוואָרען? אָ, איך בעט דיך, זאָג מיר!

— ער איז נישט קראַנק, — האָט דער אויפזעהער איהר געענטפערט.
— אָבער זינט ער געפינט זיך אין מיין געפענגעניש, האָט ער נאָך נישט פאַרזוכט קיין עסען. און ווי לאַנג קען א מענש אויסהאַלטען אָהן עסען ?!

— אָ, איך בעט דיך, לאָז מיר צו צו איהם ! — האָט אסנת גענומען זיך ביי איהם בעטען. — איך בין זיכער, אז איך וועל איהם קענען באַוועגען צו עסען.

— אָבער איך האָב א פאַרזאָג פון מיין האַר, פוטיפר, קיינעם צו איהם נים צולאָזען, — האָט דער אויפזעהער איהר געענטפערט.

— איך וועל מיין פאָטער וועגען דעם נישט דערצעהלען, — האָט אסנת געזאָגט, — און קיינער וועט דערפון נים וויסען. איך מוז איהם זעהן בלויז איין רגע !

— זעהן ! — האָט דער אויפזעהער געלאַכט, — דאָרטען קען מען קיין זאַך נישט זעהן.

— איך מוז מיט איהם רעדען בלויז געצעהלטע ווערטער. — איז אסנת צוגעשטאַנען צום אויפזעהער. — איך וועל דיר דעם חסד קיינמאָל נישט פאַרגעסען. פאַרשטעהסטו, מיין פאָטער וועט איהם אינגיכען אריבערפיהרען אין דעם קעניגליכען געפענגעניש...

— און גלויב מיר, איך וועל זיין שטאַרק צופרידען, אויב מען וועט איהם פון דאַנען אוועקנעהמען ! — האָט דער אויפזעהער געזאָגט. — איך וויל נישט, אז דערנאָך זאָל מען מיך בעשולדיגען, אז ער איז געשטאָרבען, ווייל איך האָב אויף איהם נישט גוט אויפגעפאַסט.

— אָבער אז איך וועל יעצט נישט האָבען די מעגליכקייט מיט איהם צו רעדען, וועט ער דאָך שטאַרבען פון הונגער נאָך איידער מען וועט איהם אריבערפיהרען !

— דאַן וועט עס זיין זיין אייגענע שולד ! איך האָב איהם יעדען טאָג געבראַכט עסען. און ווען איך האָב געזעהן, אז ער עסט נישט, האָב איך געמיינט, אז דאָס איז צוליעב דעם פאַרדאַרטען ברויט, האָב איך איהם געבראַכט א טייל פון מיין שפייז, אָבער אויך דאָס האָט ער נישט גענעסען !

אסנת האָט אַרונטערגענומען איהר רינג פון איהר פינגער און דערלאַנגענדיג איהם דעם אויפזעהער האָט זי געזאָגט :

— נעהם די קליינע מתנה פון מיר און לאָז מיך אריין צו יוסף'ן. איך פאַרזיכער דיר, אז איך וועל מיט איהם רעדען געצעהלטע ווערטער !

— גוט ! — האָט דער אויפזעהער געזאָגט, נעהמענדיג איהר רינג.
— איך וועל דיר אריינלאָזען, אָבער דו וועסט מיט איהם רעדען אין מיין אנוועזענהייט.

אסנת האָט צוגעשטימט און דער אויפזעהער האָט אויפגעעפענט די טיר פון געפענגעניש און איז מיט איהר אַרונטער אין דעם פינסטערען גרוב. דער שלעכטער ריח, וואָס האָט זיך דערטראָגען, האָט פאַרכאַפּט איהר אָטעם. מיט א קלאַפּעדיג האַרץ איז זי צוגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו יוסף איז געשטאַנען.

— יוסף! — האָט זי אויסגערופען מיט א ציטערענדיגע שטימע. — יוסף, דאָס בין איך, אסנת!

— אסנת! — האָט יוסף אויסגערופען און א פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיין קערפער.

ער האָט דערפיהלט איהר צאַרטע האַנט און ווי א שטראַהל פון וואַרימ־קייט און ליבטיגקייט איז צו איהם געקומען.

— יוסף! — איז אסנת צוגעקומען עטוואָס נעהענטער צו איהם. — מיינע רייד צו דיר זיינען באַגרעניצט, אָבער איך ווייס פון דיין אומשולד און לאָמיר האָפען, אַז עס וועט לאַנג נישט נעהמען און אלע וועלען זעהן ווי אומשולדיג דו ביזט! אין א טאָג אָדער צוויי וועט מען דיך אַריבערפיהרען אין דעם קעניגליכען געפענגעניש. דאָרטען, האָף איך, וועל איך זיך מיט דיר קענען אָפט זעהן און דיר אַלעס דערקלעהרען. דערווייל בעט איך דיר, יוסף, דו זאָלסט עסען. טהו עס פון מיינעט וועגען! פערשפּרעכסטו עס מיר יוסף?

— איך פערשפּרעך דיר, אסנת! — האָט יוסף זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— א, אָסנת! מיט דיין קומען האָסטו יעצט מיין לעבען געראַטעוועט!

— גענוג, דיין צייט איז פאַראיבער! — האָט דער אויפזעהער זיך אָפּגערופען צו אסנת'ן. — דו מוזט גלייך פון דאַנען אַרויסגעהן.

—יוסף, האָף, אַז דאָס גליק וועט נאָך פאַר אונז ביידען אַמאָל שיינען!

— האָט אסנת געזאָגט און האָט מיט'ן אויפזעהער פערלאָזען דאָס געפענגעניש.

יוסף איז געבליבען שטעהן צוטומעלט. ווי א מלאך פון הימעל איז אסנת איצט צו איהם געקומען און האָט איהם געגעבען אזוי פיעל טרייסט, האָפענונג און מוטה. מיט א קליינע ווייַלע צוריק, האָט ער אויף זיך גע־וואונשען דעם טויט. און יעצט! ווי א נייער שטראָם לעבען איז צו איהם געקומען. יעדע גליעד איז פול געוואָרען מיט געזאַנג, מיט לוסט צו לעבען און א שטאַרקער פערלאַנג צו קריגען פרייהייט האָט איהם ווידער אָנגענומען. יע, ער ווייס אַז אסנת, די ליעבע נאָבעלע אסנת, גלויבט אין זיין אומשולד... זי פאַרשטעהט אַז דאָס האָט זליכה אויף איהם א בלבול געמאַכט. אויב אַזוי אַרט איהם שוין נישט וויפיעל יסורים און שמערצען עס וועט איהם אויסקומען אַריבערצוטראָגען... ער זעהט אַז ער איז ניט עלענד.. אסנת וועט שוין נישט רוהען ביז וואַנען מען וועט איהם ריינוואַשען.. זי האָט איהם פון דער תליה געראַטעוועט און יעצט איז זי געקומען איהם אָנזאָגען אַז מען וועט איהם פון דיעזען ענגען שמוציגען גרוב איבערפיהרען. ער וועט נישט דאַרפען מעהר זיין אין דיעזען שרעקליכען פלאַץ... א ווי גוט עס איז צו פיהלען אַז עס געפינט זיך אַזאַ צערטליכע פערזאָן ווי אסנת וועלכע פיהלט מיט איהם, וועלכע פאַרשטעהט איהם אזוי גוט, און וועלכע טהוט אַלעס אין איהר מעגליכקייט איהם צו העלפען, איהם צו פערגרינגערען זיינע יסורים.

יוסף האָט צוריק געקראָגען זיין אַפּעטיט, און ווען דער אויפזעהער איז

אריינגעקומען צו איהם, האט ער געזעהען צו זיין גרוים ערשטוינונג, אז יוסף האט אויפגעגעסען די גאנצע שפייז וואס ער האט איהם פריהער געהאט איבערגעלאזען. פון דער שיין פון דער קליינער ליכט וואס ער האט מיט זיך געהאט, האט דער אויפזעהער בעמערקט אז יוסף איז א סך פרעהליכער און מוטהיגער, און ער האט זיך געוואונדערט וואס פאר א גרויסע ווירקונג אסנת'עס געצעהלטע ווערטער האבען אויף דעם אונגליקליכען קנעכט, פון וועמען ער האט שוין כמעט ווי גאר נישט געהאלטען. יעצט זעהט ער אז די טאכטער פון פוטיפר בעזיצט אזא איידעלע נשמה. זי האט נישט אפגע־טראטען פון דאנען ביז איהר איז געלונגען אהער אריינצוקומען. יעצט האט איהם שוין פערדראסען וואס ער האט ביי איהר גענומען דעם רינג...

— דו ווייסט קנעכט! — האט דער אויפזעהער זיך אפגערופען צו יוסף'ן אז איך בין שטארק געריהרט געווארען פון דער גוטהערציגקייט פון פוטיפר'ס טאכטער... זי איז פון מיר נישט אפגעטראטען ביז וואנען איך האב איהר ערלויבט אריינצוגעהן און מיט דיר אויסריידען עטליכע ווערטער. איך האב זיך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען, אז א טאכטער פון פוטיפר און זליכה, זאל זיין אזוי איבערגעגעבען צו א קנעכט פון איהרע עלטערען... ווי עס ווייזט האסטו איהר פאר'כשופ'ט!..

— ווען דו וואלסט געווען אויף מיין פלאץ — האט יוסף געענטפערט מיט א שמייכעל — וואלט זי אויך דאס זעלבע געטהאן ווייל צו איהר גוטהערציגקייט און נאבעלקייט איז קיין גרעניץ ניטא.

— ווי איך זעה איז זי זיך פאר דיר משתדל מען זאל דיר איבערפיהרען פון דאנען אין קעניגליכען געפענגעניש. אויב איהר וועט עס געלינגען, וועט זי האבען דיין לעבען געראטעוועט... ווייל די וועלכע שמאכטען אין דיעזען גרוב לעבע נישט לאנג.. יע, דו דארפסט זיך שעצען גליקליך וואס אזא וואונדער שעהנע און ליעב קינד ווי אסנת פוטיפר'ס טאכטער איז אין דיר אזוי שטארק פאראינטערעסירט, אז זי האט זיך פאר קיין זאך ניט אפגע־שטעלט ווען איך האב איהם נישט געוואלט אריינלאזען צו דיר, ווייל אזוי הא מיר פארזאגט פוטיפר, האט זי מיר איהר גאלדענעם רינג געגעבען. ווען איך וואלט געוואוסט אז איהר קומען וועט אויף דיר מאכען אזא ווירקונג, וואלט איך ביי איהר דיעזען רינג נישט גענומען...

— איך בין געווען איהר לעהרער! האט יוסף מיט שטאלץ געזאגט.

—איך בין זיכער אז זי וועט קומען דיר זעהן גאנץ אפט אין יענעם געפענגניס. דארטען וועט זי האבען א בעסערען צוטריט ווי דא. פיעלע פון די נאבעלע פרויען פון מצרים קומען בעזוכען די ארעסטאנטען פון קעניגליכען געפענגנים. יא, נעהם דיעזען רינג און ווען דו וועסט איהר זעהן זאלסטו איהר איהם צוריקגעבען און וועסט איהר קענען זאגען אין מיין נאמען, אז מיר פארדריסט זעהר שטארק וואס איך האב דעם רינג ביי איהר גענומען.

יוסף האט דעם רינג ביי איהם גענומען און דער אויפזעהער האט צוגעגעבען.

— זעה אז דו זאלסט איהר אפגעבען דעם רינג, ווען איך וועל זיך

דערוויסען אַז דו האָסט איהם פאַרהאַלטען פאַר זיך, וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען פאַר דעם.

דו מעגסט רוהיג זיין — האָט יוסף געשמייכעלט — אַז ווי נאָר איך וועל איהר דערזעהען וועל איך איהר איהם אָפּגעבען.

יענע נאַכט האָט אסנת ניט געקענט שלאָפען. יעדעס מאָל ווי זי האָט נאָר אַ טראַכט געטהאָן וועגען דעם שרעקליכען פּלאַץ וואו יוסף געפינט זיך האָט זי אויפגעשוידערט. די גאַנצע נאַכט איז זי געלעגען און געטראַכט ווי אַזוי איהם פון דאָרטען אַרויסצונעהמען וואָס שנעלער. איהר מוטער האָט איהר געראַטען צו צואוואַרטען איינינע טעג. אָבער אַן איבעריגע רגע דאָרט צו פערבלייבען איז שרעקליך. אָרימער יוסף, וויפיעל יסורים ער האָט אַריבערגעטראָגען. ווען עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגען, האָט זי זיך שנעל אָנגעטהאָן און איז אַרויס אין דרויסען. זי האָט געוואוסט אַז פּוטיפר שטעהט גאַנץ פריה אויף און ער געהט מתפּלל זיין צו די געטער, דאַן איז ער זעהר אויפגעלעגט און מעגליך אַז זי וועט ביי איהם פועל'ן ער זאָל גלייך הייסען איבערפיהרען יוסף'ן אין דעם געפענגעניס וואו די קעניג־ליכע אַרעסטאַנטען געפינען זיך.

די זון האָט זיך בעוויזען אין מזרח, אַ רונד רויט פייער. זי האָט בע־טראַכט דעם וואונדערבאַרען זונען אויפגאַנג און איהר האַרץ האָט נאָך מעהר געוויינטאָגט פאַר יוסף'ן. צו איהם קומט אפילו קיין איין איינציגער שטראַהל ניט צו. פינסטער, אומעטיג און שרעקליך איז דאָרטען... וועט ער ווען עס איז האָבען די מעגליכקייט אָנצוקוקען די ליכטיגע זון, איינצואטהעמען די פרישע לופט. אָה ווען איהר „מוטער" וואָלט נאָר געהאַט אַ געוויסען. זי ווייס דאָך ווי אומשולדיג און ריין יוסף איז.

אסנת האָט דערהערט טריט. זי האָט אומגעדרעהט איהר קאָפּ און בעמערקט פּוטיפר'ן.

— מיין טאָכטער! — האָט פּוטיפר זיך צו איהר אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל —דו ביזט אויף אַזוי פריה!

—איך האָב פיעלע מאָל געהערט דערצעהלען פון דעם וואונדערבאַרען זונען אויפגאַנג, און איך האָב בעשלאָסען אויפצושטעהן זעהר פריה, עס צו זעהן מיט מיינע אויגען. און ווירקליך, איך האָב נאָך אַזאַ פּראַכטפולע ערשיינונג ניט געזעהן. מיר דאַכט אַז פון היינט אָן וועל איך שוין נישט וועלען שלאָפען שפּעט... איך וועל אימערצו אויפשטעהן גאַנץ פריה און בעטראַכטען די גרויסע וואונדער פון גאָט'ס וועלט.

— יע, מיין טאָכטער, אונזער גאָט אזירים איז מעכטיג, ער פיהרט די וועלט מיט גרויס חכמה. און אויך די איבעריגע געטער פון מצרים העלפען איהם אין דעם.

— אָה, ליעבער פאָטער, וואָס מעהר מען בעטראַכט די פּרעכטיגקייט פון דער נאַטור, אַלץ מעהר ווערט מען איבערצייגט אַז עס איז פאַראַן אַ מעכטיגער הערשער און פיהרער וועלכער בעשטימט יעדע זאַך...

— און דאָס איז אָהן צווייפעל דער אַלמעכטיגער אזירים! — האָט

פוטיפר געזאָגט — נאָר די אַלע וועלכע גלויבען אין איהם און זיינען צו איהם מתפלל, געניסען פון דאָס וואָס ער האָט בעשאַפען...

— עס איז ריכטיג! — האָט אסנת צוגעגעבען, וועלענדיג נושא חן זיין ביי איהם — ווען יוסף האָט מיר געלערענט האָט ער מיר געזאָגט אַז גאָט האָט באַשאַפען די שעהנע וועלט כדי די מענשען וועלכע געפינען זיך אין איהר, זאָלען פון איהר הנאה האָבען.

— איך בעט דיר מיין טאָכטער, דו זאָלסט מעהר ניט דערמאָנען דעם קנעכטס נאָמען! — האָט פוטיפר זיך אָפּגערופען. מיר דאַרפען אַלע זעהן צו פאַרגעסען אָן איהם, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיין מאָל ניט עקזיסטירט.

— אָבער ווי אַזוי קענען מיר פאַרגעסען די פיעלע גוטע זאַכען וואָס ער האָט געטהאָן! — האָט אסנת ווייטער געזאָגט — זינט ער איז אָנגעקומען צו אונז, האָט גאָט דיין הויז געבענשט... און צו וואָס ער האָט זיך גענומען האָט ער בעגליקט.

— און טאַקע דערפאַר איז נאָך מיין כעס גרעסער אויף איהם. ווען אַן אייגנפאַבער קנעכט וואָלט אַזאַ זינד בעגאַנגען, וואָלט ער זיין שטראָף בעקומען און איך וואָלט מעהר קיין האַרץ קלאָמעניש נישט געהאַט, אָבער אַזאַ קנעכט ווי יוסף וואָס האָט מיר געבראַכט אַזוי פיעל נוצען אַז איך בין געצוואונגען איהם צו בעשטראָפען, אין דער זעלבער צייט בעשטראָף איך זיך זעלבסט, ווייל אַזעלכע ארבייט וואָס ער האָט געטהאָן, וועט שוין קיינער נישט קענען טהאָן פאַר מיר.

—נו, וועסטו איהם בעשטראָפען מיט געפענגנים פאַר אַ קורצע צייט און נאָכהער וועסטו איהם צוריק רופען! — האָט אסנת אַ זאָג געטהאָן.

— אַ ניין מיין טאָכטער דאָס וועט קיין מאָל ניט געשעהן, ווייל ווען איך רוף איהם צוריק, וואָלט עס געווען זעהר אַ גרויסע בעלייריגונג פאַר דיין מוטער און פאַר די איבעריגע קנעכט וואָלט עס אויסקוקען אַז פאַר דעם פאַרברעכען געגען זייער האַרינטע קומט מען אָפּ מיט אַ לייכטע שטראָף...

— איך האָב אָבער אַזוי פיעל געלערענט פון יוסף'ן, מיין ליעבער פאָטער און מיין האַרץ בלוטיגט מיר צו וויסען אַז אַזאַ מאַן וועלכער בעזיצט אַזאַ אונגעהויער גרויסע בילדונג און חכמה זאָל דאַרפען קירצליך שטאַרבען.

— וואָס רעדסטו, מיין טאָכטער! — האָט איהר פוטיפר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג — האָב איך דען נישט אומגעביטען זיין טויט שטראָף אויף לעבענסלענגליכע געפענגעניס. און דאָס האָב איך געטהאָן ווייל דו האָסט עס פון מיר פערלאַנגט. און ווי אַזוי קענסטו זאָגען אַז ער וועט דאַרפען קירצליך שטאַרבען.

— איך וויים אַז אין דעם געפענגנים וואו דו האָסט איהם געהייסען פאַרשפאַרען, קען מען לאַנג נישט בלייבען לעבען. איך האָב געהערט אַז דאָס רוב אַרעסטאַנטען שטאַרבען דאָרטען נאָך דעם ערשטען יאָהר ווי זיי קומען דאָרט אָן.

— ווער האָט עס דיר אַזוי געזאָגט? — האָט פוטיפר איהר געפרעגט.

— איך געדיינק נישט. אָבער דאָס האָב איך שוין אַזוי געהערט פון אייניגע מענשען, וועלכע האָבען מיר געזאָגט אַז אין יענעם געפענגנים געפינען

זיך בלויז די ערגסטע פאַרברעכער, און יענע שטאַרבען ביסלעכווייז אויס פון די פייכטקייט און פון דער שרעקליכער לופט.

— מיר דאַכט זיך אַז מען האָט אַ סך מגזם געווען ווען מען האָט עס דיר געזאָגט! האָט פּוטיפר אויסגערופען.

—מען קען זיך זעהר גרינג איבערצייגען אין דעם! — האָט אסנת געזאָגט. — דו קענסט דאָרט אריינקומען אויף אַ ווײַלע, וועסטו זעהן. מעגליך אַז איך מאַך אַ טעות!

— גוט, מיין טאָכטער, אויב דו וועסט מיט מיר יעצט געהן צו דעם טעמפּעל פון אזירים, דאָרטען מתפּלל צו זיין, וועל איך מיט דיר נאָכהער צוגעהן צו יענעם געפענגנים און זעהן אויב די לאַגע דאָרט איז טאַקע אַזוי שרעקליך און געפעהרליך ווי מען האָט דיר איבערגעגעבען.

— געוויס וועל איך מיט דיר געהן! — האָט אסנת אויסגערופען מיט שמחה. זי איז געווען זיכער אַז ווען איהר „פאָטער" וועט דאָרט אריינגעהן אויף אַ ווײַלע וועט ער גלייך אַליין הייסען איבערפיהרען יוסף׳ן. גאָט וועט איהר מוחל זיין וואָס זי וועט יעצט געהן מיט איהר פאָטער מתפּלל צו זיין צו אזירים. ער ווייס דאָך אַז דאָס טהוט זי כדי צו פערגרינגערען יוסף׳ס לאַגע. אָבער איהר האַרץ וועט ניט זיין אין דעם טעמפּעל פון די געטער.

פּוטיפר איז געווען שטאַרק צופריעדען וואָס אסנת געהט מיט איהם אַזוי פריה מתפּלל זיין. יעצט וועלען אַלע פריעסטער זעהן אַז זיין טאָכטער איז אויך זעהר פרום... נישט איין מאָל האָבען זיי איהם פאַרגעוואָרפען פאַרוואָס אסנת קומט אַזוי זעלטען אין די טעמפּלען פון די געטער. און אפילו ווען זי קומט יע דאָרט, בלייבט זי שטעהן אויף איהר פּלאַץ און טהוט נישט ווי אַלע אַנדערע וועלכע קומען מתפּלל זיין.

מיט שנעלע טריט איז ער אַוועק מיט אסנת׳ן אין דעם טעמפּעל פון אזירים.

אסנת האָט דיעזען מאָל געטהאָן אַלעס וואָס פּוטיפר האָט איהר געוויזען... זי האָט מכלומרשט מתפּלל געווען צו אזירים אָבער אין האַרצען האָט זי געזאָגט אַ תפלה צו דעם גאָט פון איהרע עלטערען, צו דעם גאָט פון יוסף׳ן. זי האָט איהם געבעטען ער זאָל זיך מרחם זיין אויף איהר אונגליקליכען אָנקעל און איהם ארויסהעלפען אין דער צייט פון זיין אומגליק.

נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט זייערע תפלות איז פּוטיפר מיט אסנת׳ן אַוועק צו יענער געפענגנים, וואו יוסף האָט זיך געפונען.

ווען דער אויפזעהר האָט דערזעהן פּוטיפר׳ן האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען. ער האָט זיך פאַרנייגט. העגט און פיס האָבען איהם אָנגעהויבען צו ציטערען. ער האָט מורא געהאַט פיעלייכט האָט אסנת אויסגעזאָגט אַז ער האָט ניט אויסגעפאָלגט זיין בעפעהל און אַז זי האָט איהם אונטערגעקויפט מיט׳ן רינג.

— מיין טאָכטער האָט מיר נאָר וואָס געזאָגט — האָט פּוטיפר זיך אָנגערופען צום אויפזעהער — אַז מען האָט איהר דערצעהלט דאָס אין דיעזען געפענגנים קענען די אַרעסטאַנטען לאַנג נישט לעבען. איז דאָס ריכטיג?!

— יע, מיין האר, האט דער אויפזעהער געענטפערט ציטערענדיג מיט זיין גאנצען קערפער — עס איז ריכטיג. דער שטארקסטער ארעסטאנט, קען דארטען נישט בלייבען לעבען מעהר ווי א יאהר!

— אויב אזוי וויל איך זיך טאקע איבערצייגען! — האט פוטיפר געזאגט — נאך אלעמען אויב א פארברעכער איז פאר'משפט צו געפענגנים, דארף מען דאך זעהן אז ער זאל דארטען לעבען און נישט שטארבען. עפען אויף די טיהר און צינד אן ליכט איך וועל ארונטערגעהן אהין מיט מיין טאכטער צו זעהן אויב עס איז אלץ אמת.

— א ניין, פאטער, דו געה אליין ארונטער. איך וועל בלייבען שטעהן דא! האט אסנת געזאגט, מורא'האבענדיג אז ווען יוסף וועט איהר ווידער דערזעהן וועט ער זיך פיעלייכט ארויסריידען מיט א ווארט וואס וועט איהר פארראטהען.

— אבער איך וויל אז דו זאלסט אליין צוזעהן. אויב עס איז ניט אזוי שלעכט ווי מען האט דיר דערצעהלט, וועסטו זיך אמווייניגסטען בערוהיגען. און אויב עס איז טאקע דארט אזוי אומגעזונט, פערשפרעך איך דיר, אז איך וועל יוסף'ן איבערפיהרען אין דעם געפענגנים וואו דעם קעניג'ס ארעסטאנטען געפינען זיך.

דער אויפזעהער האט אנגעצונדען א ליכט און אויפגעעפענט די טיהר און איז מיט פוטיפר'ן און מיט אסנת'ן ארונטער אין דעם קאמער, וואו יוסף געפינט זיך.

פוטיפר האט גלייך צוגעלייגט זיין האנט צו דער נאז... דער אטעם האט איהם פארכאפט. וואס טיעפער ער איז געגאנגען, אלץ ערגער איז דער גערוך געווארען.

— עס איז ווירקליך דא זעהר שרעקליך! — האט פוטיפר זיך אפגערופען. — פארוואס זעהסטו נישט, אז מען זאל האלטען דעם געפענגנים עטוואס ריינער? — האט ער זיך געווענדט צום אויפזעהער.

—עס איז אונמעגליך, מיין האר! — האט ער געענטפערט, — ווייל דער שלעכטער גערוך קומט פון דער נאסקייט און פארשימעלטקייט און פון די אומריינע ארעסטאנטען, ווען עס איז אונמעגליך אויסצולערנען זיך צו האלטען ריין.

זיי זיינען צוגעקומען צו יוסף'ס קאמער. דער אויפזעהער האט די טיהר געעפענט.

יוסף'ס פנים איז געוועזן בלייך, זיין קערפער האט אויסגעקוקט עטוואס אויסגעצעהרט.

אסנת האט איינגעהאלטען איהרע טרעהרען, ווען זי האט ווידער דערזעהן יוסף'ן. זייערע בליקען האבען זיך באגעגענט. ער האט זיך געפיהלט אזוי זיכער אין איהר אנוועזענהייט... ווי אזוי וועט ער איהר ווען עס איז קענען אפדאנקען פאר אלעם, וואס זי טהוט פאר איהם?

א רחמנות געפיהל האט זיך אויך ערוועקט אין פוטיפר'ס הארצען און ער האט זיך אפגערופען צום אויפזעהער.

— זאלען איינינע פון די וועכטער איבערפיהרען יוסף'ן אין דעם

געפענגעניש, וואו די קעניגליכע פארברעכער געפינען זיך און זאלען זיי עס באלד טהאן.

אין א ווײלע ארום האט מען שוין יוסף'ן אריבערגעפיהרט אין צווייטען געפענגעניש.

פוטיפר און אסנת זיינען פריהער געגאנגען און ער האט עפעס אריינגערוימט עטליכע ווערטער צו דעם נייעם אויפזעהער און יענער האט גלייך אריינגעפיהרט יוסף'ן אין זיין קאמער.

יוסף האט גלייך דערפיהלט דעם גרויסען אונטערשיעד. ער האט פרייער געקענט אטעמען.

— געלויבט ביסטו, גאט, פאר דעם חסד, וואס דו טהוסט מיט מיר!

— האט ער א שטילע תפלה געזאגט. — אזוי ווי דו האסט מיר ביז יעצט נישט פערלאזען, האף איך, וועסטו מיך אויך אויף ווייטער נישט פערלאזען.

איינינע מאנאטען זיינען פאריבער און יוסף האט געפונען חן אין די אויגען פון דעם הויפט פון געפענגעניש, וועלכער האט באמערקט, אז יוסף איז געבענשט מיט זעלטענע פעהיגקייטען און ער האט איהם באשטימט איבער אלע ארעסטאנטען.

— איך וויים, יוסף, אז אויף דיר קען מען זיך פארלאזען! — האט ער איהם געזאגט. — און די אלע ארעסטאנטען זיינען אמאל אליין געוועזען הויכע בעאמטע ביי דעם קעניג און דעריבער דארפסטו וויסען ווי זיי צו באהאנדלען.

יוסף איז געוועזען העכסט צופרידען פון זיין נייער שטעלע אין געפענגעניש. יעצט וועט ער אמוועניגסטען זיין באשעפטיגט און וועט זיך נישט פיהלען אזוי איינזאהם. דער אויפזעהער האט איהם אויך געגעבען מיהר פרייהייטען.

יוסף האט באדיענט די ארעסטאנטען און איז זעהר שנעל באליעבט געווארען אויך ביי זיי אלעמען. זיי האבען אויסגעפונען, אז יוסף קען דערצעהלען שעהנע מעשות און זיי פלעגען זיך אלע אוועקזעצען ארום איהם און ער פלעגט זיי צוליעב טהאן און דערצעהלען.

זליכה'ס כעס אויף יוסף'ן איז ביסלאכווייז קלענער געווארען. די ערשטע צייטען ווען זי האט זיך דערמאנט ווי אזוי יוסף האט צוריקגעשליידערט איהר ליעבע, פלעגט עס איהר שטארק אויפרעגען. אזא באליידיגונג פאר איהר... איז זי דען נישט די שעהנסטע פרוי פון מצרים? וואלטען דען נישט אלע מענער פון מצרים געפאלען צו איהרע פיס, ווען זי וואלט זיי נאר ערמוטיגט, און דא קומט איהר קנעכט און צייגט איהר ארוים אזא קאלטקייט. רעכט אויף איהם! ער פארדיענט יעדע שווערע שטראף, וואס ער באקומט! ווען אבער עס איז אריבער א היבשע צייט, האט זליכה שוין אליין אויך אנגעפאנגען צו פיהלען אומעטיג און איינזאם. ווען יוסף איז געוועזען איהר הויפט קנעכט, האט זי אמוועניגסטען געקענט איהם אנקוקען צו יעדער צייט, זי האט מיט איהם גערעדט און געהערט פיעלע אינטערע־

סאַנטע זאַכען פון איהם. יעצט אָבער איז אין איהר פּאַלאַץ אומעטיג. איהר מאַן, דער נאַרישער, אַלטער פּוטיפר, איז יעצט נאָך מעהר ווי פריהער פאַרטהאָן מיט זיינע תפלות צו די געטער און זי געהט אוים פון בענקעניש נאָך יוסף'ן. איהר ליעבע צו איהם האָט זיך ווידער צעפלאַקערט.

זליכה האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו באַזוכען יוסף'ן אין געפענגעניש. זי וועט זעהן אויב ער וועט צו איהר ווייכער ווערען וועט זי איהם פאַר־שפּרעכען צו באַפרייען. זי וועט שוין געפינען אַן אויסוועג... קיין גרויסע קלוגשאַפט דאַרף מען נישט האָבען צו פאַרדרעהען פּוטיפר'ס קאָפּ. זי וועט איהם זאָגען, אַז זינט יוסף איז אין געפענגעניש געהט אַלעם אָהן אַ סדר, די אַרבייט פון די קנעכט און דינסטען ווערט נישט ריכטיג געטהאָן.

איינמאָל, ווען פּוטיפר איז געווען פאַרנומען אין פרעה'ס פּאַלאַץ, איז זליכה אוועקגעגאַנגען אין געפענגעניש.

דער הויפּט פון געפענגעניש איז איהר אַנטקעגען געקומען און זיך פאַרנייגט פאַר איהר, האָט געפרעגט מיט וואָס ער קען איהר דיענען.

— איך וויל דיך פריהער פון אַלץ בעטען, — האָט זליכה זיך אָפּגערופען.

— אַז מיין יעצטיגער באַזוך אין געפענגענים זאָל בלייבען אַ סוד.

— מיין האַרינטעם וואונש וועט זיכער ערפילט ווערען! — האָט ער געענטפערט.

— און יעצט וועל איך דיר בעטען, דו זאָלסט מיך צופיהרען צו דעם קאַמער וואו מיין פריהערדיגער קנעכט, יוסף, געפינט זיך. איך האָב עטליכע וויכטיגע זאַכען איהם אויסצופרעגען. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ער האָט דעם שליסעל צו עטליכע געהיימנישען, וואָס קומען פאַר אין מיין הויז.

דער הויפּט פון געפענגעניש איז מיט איהר צוגעגאַנגען צו יוסף'ס קאַמער. ער האָט אויפגעשלאָסען די טיר און האָט זיך באַלד צוריקגעצויגען, איבערלאָזענדיג זליכה'ן אַליין נעבען דער טיר פון יוסף'ס קאַמער.

זליכה האָט לאַנגזאַם אויפגעעפענט די טיר און איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע.

יוסף איז געזעסען אויף זיין בעטעל, וואָס איז באַשטאַנען פון עטליכע ברעטער און אַ ביסעל שטרוי. ער איז געווען פאַרטיעפט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון אסנת'ן. איהם האָ זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס זי קומט איהם נישט באַזוכען, ווי זי האָט איהם געהאַט פאַרשפּראָכען. זאָל עס זיין, אַז זי האָט אויך אָנגעפאַנגען צו צווייפלען אין זיין אומשולד? ניין, דאָס איז אונמעגליך. זי האָט דאָך איהם געזאָגט, אַז זי ווייסט, דאָס ער איז אומשולדיג. מעגליך, אַז עס קומט איהר נישט אוים צו קומען אַהער. זי האָט מורא פיעלייכט וועט מען אויסגעפינען און דאָס וועט פאַר איהם ערגער זיין. פּלוצלונג האָט ער דער־פיהלט, אַז מען פּאָרעט זיך ביי זיין טיר. ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגען. ער האָט באַמערקט ווי די טיר פון זיין קאַמער עפענט זיך לאַנגזאַם, אַ פרויען פיגור באַווייזט זיך.

— עס איז אסנת! — האָט אין איהם אַ געדאַנק אַ בליץ געטהאָן און ער איז איהר אַנטקעגען געקומען. באַלד אָבער האָט ער איינגעזעהן זיין

טעות און ער איז געווען גאַנץ צופרידען, וואָס ער האָט נישט אויסגעשריען „אסנת“. ווען ער וואָלט דאָס געטהאָן, וואָלט ער זיך אַליין פאַרראַטען.

זליכה איז אַריין אינעווייניג און יוסף האָט עטוואָס אָפּגעטראָטען אויף צוריק.

— יוסף! — האָט זליכה זיך צו איהם אָפּגערופען: — דו דערקענסט מיך נישט?

יוסף האָט איהר נישט געענטפערט. ער איז געבליבען שטעהן באַוועג־לאָז. וואָס וויל זי יעצט פון איהם? האָט ער געטראַכט. האָט זי דען איהם נישט פאַראורזאַכט גענוג צרות. האָט ער דען ווינציג געליטען פון איהר רשעות און בייזוויליגקייט?

— איך האָף, יוסף, אַז דו ביסט שוין יעצט עטוואָס קליגער געוואָרען, — האָט זי פאַרטגעזעצט מיט אַ שמייכעל — מיר טהוט זעהר לייד, וואָס דו דאַרפסט זיך יעצט געפינען אין געפענגעניש, אָבער דאָס איז דיין איי־גענע שולד... איך האָב דיר אימערצו געהאַלטען פאַר אַ קלוגען און דאָ קומסטו און באַנאַרישסט זיך אַזוי פיעל... וואָס דענקסטו האָב איך געזאָלט טהאָן, ווען דו האָסט זיך אַרויסגעריסען פון מיינע הענט און איבערגעלאָזען דיין בגד אין מיין רשות? האָב איך דען געקענט בלייבען צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגען פון מיינע קנעכט און דינסטען? די איינציגע ברירה, וואָס איך האָב געהאַט, איז געווען אַרויפצוואַרפען די גאַנצע שולד אויף דיר. און איך מוז יעצט צוגעבען, אַז דו האָסט דיין שטראָף פאַרדיענט. איך בין געווען אַזוי גוט צו דיר, איך האָב געזעהן אַז דו זאָלסט שטייגען אין מיין הויז ביז וואַנען דו ביסט געוואָרען דער הויפּט פון אַלע קנעכט און פּוטיפר האָט דיר אַלעס אַנפאַרטרויט, און דאָס האָט ער געטהאָן, ווייל איך האָב איהם געבעטען. און ווען איך האָב דיר אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל ליעבע און איבערגעבענהייט, קומסטו און באַהאַנדעלסט מיך אַזוי, ווי איך וואָלט געווען איינע פון די העסליכסטע פרויען פון מצרים. בין איך דען נישט גענוג שעהן אין דיינע אויגען? ווייסטו דען נישט, אַז ווען איך קום אויף אַ פאַרוויילונג, זיינען די אויגען פון אַלע וויכטיגע יונגע פּערזאָנען געווענדט אויף מיר? יעדער איינער וואָלט זיך געפיהלט גליקליך, ווען איך וואָלט איהם בלויז באַשאַנקען מיט אַ שמייכעל... און דיר האָב איך אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל צערטליכקייט און ליעבע און דו קומסט און צייגסט מיר אַרויס אַזאַ קאַלטקייט.

יוסף האָט אויף איהר געקוקט מיט ערשטוינונג. וואָס איז זי אויסען מיט איהר יעצטיגען באַזוך? איז זי ווידער געקומען צו איהם מיט איהר אומפאַרשעהמטקייט? זיין כעס האָט אין איהם גענומען ברענען אויף איהר, אָבער ער האָט זיך באַהערשט.

— מיין הארינטע! — האָט ער אויסגערופען, — איך בין מיט מיין האַנדלונג געגען דיר גאַרנישט אויסען געווען. איך האָב בלויז נישט געוואָלט פאַרראַטען מיין האַר, וועלכער האָט צו מיר אַזוי פיעל צוטרויען געהאַט.

— אָבער זעהסטו ווי ער האָט דיר באַצאָהלט פאַר דיין טרייהייט צו איהם? וויפיעל האָט געפעהלט, אַז דו זאָלסט גאָר געהאָנגען ווערען און

נאָך דורך סרטן'ס הענט ? ווען נישט מיין טאָכטער אסנת, וואו וואָלסטו יעצט געווען ? געוועהנליך האָב איך אויף פוטיפר'ן געווירקט, ער זאָל אומבייטען דיין שטראָף. און יעצט, ווער מיינסטו האָט ביי איהם גע'פועל'ט, אַז מען זאָל דיר אריבערפיהרען אין אַ בעסערען געפענגעניש ? איך ! ווען איך וואָלט נישט צוגעלייגט אַ וואָרט, וואָלט אסנת'עס רייד נישט געהאָלפען.

— פון דער טיפעניש פון מיין הארצען דאַנק איך דיר פאַר די „טובות", וואָס דו האָסט מיר געטהאָן ! — האָט יוסף געזאָגט מיט סארקאזם. — דאָך וואָלט איך דיר געבעטען, דו זאָלסט מיר ערלויבען צו דערמאָנען, אַז איך בין אינגאַנצען אומשולדיג ! איך קריג שטראָף פאַר אַ זינד, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

— דו ביסט אָבער פאַרט באַגאַנגען אַ זינד געגען מיר ! — האָט זליכה געזאָגט מיט אַ ווייכער שטימע. — איך האָב דיר געליעבט און דו האָסט נישט ערווידערט מיין ליעבע. אנשטאַט צו זיין העכסט גליקליך און צופרידען, וואָס דיין הארינטע צייגט אַזאַ גרויסע ליעבע, אנטלויפסטו גאָר פון מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ דינסט און נאָך אַ מיאוסע דערצו.

— אָבער מיין הארינטע, ווי אַזוי האָסטו גאָר געקענט פון מיר ער־וואַרטען איך זאָל ערווידערען דיין ליעבע, דו ביסט דאָך פאַרהייראַט צו אַ מאַן און דער מאַן איז דאָך מיין האר... און אַ חוץ דעם וואָלסטו דאָך געזינדיגט געגען גאָט ? !

— מיין גאָט אזירים, וואָלט עס מיר קיינמאָל ניט פאַררעכענט פאַר אַ זינד ! האָט זליכה געענטפערט מיט אַ שמייכעל. אזירים קען גאַנץ גוט פוטיפר'ן און ער ווייס אויך ווי איך האָס איהם און מיין גאַנצער צוזאַמענ־לעבען מיט איהם איז אַ דורכפאַל. זעהסטו ניט, אַז די געטער פון מצרים זיינען געגען מיין הייראַט מיט פוטיפר'ן אַז זיי האָבען מיך בעשטראָפט און איך האָב קיין קינדער ניט. דו ווייסט דאָך געוויס אַז אסנת איז ניט מיין ריכטיגע טאָכטער, זי איז מיין שוועסטער'ס טאָכטער, און איך האָב איהר פון איהר גענומען אויסצוהאָדעווען.

יוסף האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ער האָט געוואָלט פרעגען וואָס אסנת מאַכט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען. עס וועט זיין בעסער פאַר אסנת'ן און פאַר איהם אַז זליכה זאָל גאָר נישט חושד זיין אַז עפּעס קומט פאָר צווישען זיי ביידען.

—יעצט, יוסף, בין איך געקומען זיך מיט דיר דורכרעדען. מיר טהוט זעהר לייד וואָס דו דאַרפסט יעצט אַזוי פיעל ליידען, און דו ווייסט דאָך אַז איך קען דיר אין גאַנצען העלפען. פוטיפר טהוט אַלעס וואָס איך זאָג איהם. ער האָט מיך זעהר ליעב, ווען דו וואָלסט מיך נאָר אַזוי ליעב געהאַט !

— מיין הארינטע, איך בין די גאַנצע צייט דיר געווען זעהר דאַנקבאַר פאַר די טובות וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן. אָבער צו בעגעהן אַזאַ פערברעכען געגען מיין גאָט און מיין האר איז פאַר מיר אונמעגליך געווען און דו טאָרסט אַליין וועגען דעם גאָר ניט טראַכטען.

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז דו וועסט זיין אַזוי נאַריש, יוסף ! — האָט זליכה איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנט. אנשטאַט צו

שעצען גליקליך וואָס איך, דיין האַרינגטע, ווייז דיר אַרוים אַזוי פיעל ליעבע, אַנטלויפסט דו גאָר פון מיר. איך האָף אַז יעצט וועסטו קומען צום שכל. איך האָב די מאַכט דיך צו בעפרייען און ווען איך זאָל נאָר וועלען וועסטו אויך צוריק קריגען דיין פריהערדיגע שטעלע זאָג מיר, יוסף, ווילסט פריי זיין?

— פריי זיין! — האָט יוסף טרויעריג געזאָגט און אַרויסגעצויגען זיין האַנט פון איהרע — עס זיינען פאַראַן צווייערליי פרייהייטען; פרייהייט פון גוף און פרייהייט פון נשמה. ווען דער גוף איז פערשקלאַפט קען די נשמה פריי זיין. אָבער ווען די נשמה ווערט פערשקלאַפט, דאַן האָט דער גוף אויך קיין פרייהייט ניט.

— ווילסטו בעסער אָפּזיצען אין געפענגעניש דיין גאַנצען לעבען? האָט איהם זליכה געפרעגט — דו דאַרפסט וויסען, אַז ווען איך זאָל פאַר דיר ניט בעטען, וועסטו שוין קיינמאָל פון דאַנען ניט אַרויס?

— אָבער דו ווייסט דאָך אַז איך האָב דיעזע שטראָף ניט פערדינענט! איך האָב קיין פערברעכען ניט באַגאַנגען. פאַרקעהרט, איך האָב דיך נאָך אויסגעהיט פון אַ זינד!

— **דאָס וויים איך בלויז אַליין! האָט זליכה זיך אָפּגערופען** — אָבער פוטיפר און אַלע מיינע פריינד גלויבען אַז דו ביזט דער זינדיגער!

— גאָט, פאַר וועמען קיין פערבאָרגעניש איז ניטאָ, וויים דאָך דעם אמת! האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

—אָבער אויב דו וועסט דאַרפען וואַרטען ביז דיין גאָט וועט דיר פון דיעזען געפענגעניש בעפרייען, דאַן וועסטו האָבען לאַנג צו וואַרטען — האָט זליכה געשמייכעלט.

—איך האָב מיין האָפענונג אין גאָט ניט פערלאָרען! — האָט יוסף מיט שטאָלץ געזאָגט.

— יוסף, ווייסטו פאַר וואָס איך בין צו דיר געקומען? — האָט זליכה צו איהם געזאָגט און איהר פנים האָט גענומען פלאַמען — מיין כעס אויף דיר איז פאַראיבער, און מיין ליעבע צו דיר האָט אין מיר ווידער גענומען אויפוואַכען. איך וויל דיך בעפרייען פון געפענגעניש און דו מוזט מיר פערשפּרעכען אַז דו וועסט מיין ליעבע ערווידערען. קום צו נעהנטער, יוסף, גיעב מיך אַ קוש! דאַן וועל איך וויסען אַז איך קען אויף דיין ליעבע האָפען.

יוסף האָט זיך אָבגערוקט פון איהר און איז געבליבען שטעהן אויף זיין פּלאַץ טרויעריג. זיין גורל געפינט זיך אין איהרע הענט. ווען ער וועט טהאָן וואָס זי פערלאַנגט וועט ער ווידער פריי ווערען. ער וועט קענען איינאָטעמען די פרישע לופט, זיך וואַרעמען אין די הערליכע שטראַהלען פון דער זון, און ער וועט אויך קענען זעהן אסנת'ן יעדען טאָג. זי וויל ער זאָל איהר בלויז איין קוש געבען! אָבער ניין! דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן. ער וועט בעסער אָבפינסטערען זיין גאַנצען לעבען אין געפענגניס איידער צו פערקויפען זיין נשמה דעם טייוועל.

— וואָס טראַכסטו אַזוי לאַנג, יוסף! האָט זליכה אויסגערופען — בין איך דען ניט גענוג שעהן און רייצענד? קוק זיך איין אין מיינע אויגען.

זעה ווי דאָרט ברענט דאָס פייער פון ליעבע צו דיר! אָ, יוסף, גיעב מיר בלויז איין קוש און דו וועסט צוריק קריגען דיין פרייהייט! דו ווייסט דאָך ווי איך האָס פּוטיפר'ן. אָ, ווי איך ווינש איהם דעם טויט, דעם אַלטען נאַר. דו מעגסט זיין זיכער, יוסף, אַז עס וועט לאַנג ניט דויערען און איך וועל אין גאַנצען פּטור ווערען פון פּוטיפר'ן. דאַן וועל איך זיך מיט דיר טיילען זיין גאַנצען פאַרמעגען. דו וועסט ווערען דער האַר איבער זיין הויז. אָ, יוסף, בלויז איין קוש!

יוסף האָט אָבגעקעהרט זיין קאָפּ און האָט אפילו אין איהר ריכטונג ניט געקוקט.

— יוסף! — האָט זיך זליכה צו איהם דערנעהענטערט און איהם ווידער אָנגענומען פאַר'ן האַנד. דו ביזט דאָך אַזוי יונג און שעהן, ווילסטו דען ניט געניסען פון דיין יוגענד? נעהם מיך אַרום און דריק מיך צו דיין האַרצען. קיינער געפינט זיך ניט דאַביי, איך האָב דעם אויפזעהער פון געפענגנים געבעטען ער זאָל זעהען דאָס קיינער זאָל אונז ניט שטערען. אָ, בלויז איין קוש!

— פערלאָז מיין קאַמער! — האָט יוסף אויסגערופען מיט כעס! אויב ניט וועל איך טהאָן ווי דו האָסט געטהאָן אין דיין צימער! איך וועל אויפהויבען מיין שטימע. און יעצט וועסטו מעהר ניט קענען מאַכען אַ בלבול אויף מיר. יעצט וועלען אַלע מיר גלויבען. יעדער וועט זעהען אז דו ביזט צו מיר געקומען! בעסער געה פון דאַנען אַרויס און וואָס שנעלער!

— וואַרט! דו וועסט שוין דאָ פאַרפוילט ווערען אין געפענגנים! — האָט זליכה געקריצט מיט איהרע צייהן פון כעס — ווי איך וועל אַרויסגעהן וועסטו חרטה האָבען, אָבער עס וועט שוין זיין צו שפּעט! זי האָט גלייך אַרונטערגערוקט איהר שלייער איבער'ן פּנים און שנעל פערלאָזען זיין קאַמער.

30.

אסנת דערצעהלט

די גאנצע צייט זינט יוסף איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין דעם אנדערען געפענגניס, האָט אסנת קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו קומען איהם בעזוכען. זי האָט געוואוסט אז זי דאַרף זעהר פאָרזיכטיג זיין, ווייל ווען אימיצער זאָל זיך דערוויסען אז זי האָט יוסף׳ן בעזוכט, קען דאָס איהם א סך שאדען. י האָט זיך דערוואוסט אז דער אויפזעהער פון געפענגניס האָט יוסף׳ן בעשטימט צו בעדיענען אַלע געפאנגענע און זי האָט זיך געפרעהט. דאָס איז אַ סימן אז ער האָט באַלד איינגעזעהען יוסף׳ס פעהיגקייטען. און יוסף האָט געפונען גנאדע אין זיינע אויגען. ווי אָבער קען זי קומען איהם בעזוכען, אז קיינער זאָל דערפון ניט וויסען. בייטאָג איז עס פאַר איהר אונמעגליך צו טהאָן, און אין אָווענד געפינט זיך איהר „מוטער" שטענדיג אין דער היים און זי וועט איהר דאַרפען געבען אַן ערקלעהרונג וואוהין זי געהט. אזוי זיינען אריבער מאָנאטען און אסנת האָט אַלץ די מעגליכקייט ניט געהאט איהם צו בעזוכען. זי האָט דעריבער געווארט מיט גרוים אונגעדולד אויף דעם געבורטסטאָג פון פרעה׳ס זוהן, וואָס עס ווערט געפייערט מיט גרוים פאראַד אין גאַנץ מצרים. יענעם טאָג, ווייס זי, ווערען ביידע, פוטיפר און זליכה, איינגעלאַדען אין פאַלאַץ, וואו זיי פערברייגגען דעם גאַנצען טאָג ביז שפעט אין דער נאַכט. דאַן זיינען אויך אַלע בעאַמטע זעהר גוט אויפגעלעגט און אָנגעטרונקען מיט וויין, און עס וועט איהר גאַנץ שווער ניט אָנקומען צו קריגען ערלויבניס פון דעם אויפזעהער פון געפענגניס צו זעהן זיך מיט יוסף׳ן.

אסנת׳עס האָפנונג האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט ווען זי האָט א פּאָר מאָל געהערט ווי איהר מוטער רעדט וועגען יוסף׳ן מיט א ווייבערען טאָן. דורך דער גאַנצער צייט האָט זי פיעלע מאָל דערמאָנט יוסף׳ס נאָמען צום גוטען.

— ווען יוסף וואָלט געווען וואָלט אזא זאך קיינמאָל ניט פאַסירט — האָט זי ניט איין מאָל פאָרגעוואָרפען איהרע קנעכט און איינמאָל האָט זי אפילו גאַנץ דייטליך געזאָגט צו אסנת׳ן:

— דו ווייסט, מיין טאָכטער, אז כאָטש איך בין דאָך אויף יוסף׳ן אין כעס, פונדעסטוועגען מוז איך צוגעבען אז זינט ער איז ניטאָ, איז אין מיין הויז קיין אָרדנונג ניטאָ. קיינער טהוט ניט די אַרבייט ריכטיג.

— איך גלויב, מוטער, האָט אסנת זיך אָפּגערופען מיט אָ פערבאָרגענע

צופרידענהייט אין איהר הארצען — אז יוסף איז שוין אָפּגעקומען פאר זיין זינד, און אויב ער איז זעהר נויטיג פאר'ן הויז, פאר וואָס זאָלסטו איהם ניט צוריק רופען פון געפענגענים? איך בין זיכער אז ער וועט שוין מעהר ניט „וואגען" צו באגעהען א פערברעכען געגען דיר!

— מעגליך אז דו ביסט גערעכט! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — איך וועל זיך נאָך אביסעל מיישב זיין. ווען איך וועל זעהן אז עס איז טאקע אונמעגליך פאר מיר אויסצוקומען אָהן יוסף'ן וועל איך וואהרשיינליך בעטען פוטיפר'ן ער זאָל איהם בעפרייען פון געפענגנים.

דיעזע ווערטער פון זליכה'ן האָט אסנת'ן שטארק דערפרעהט. זי האָט ערוואַרטעט אז אַ, אָט וועט יוסף בעפרייט ווערען און צוליעב דעם טאקע האָט זי זיך אָפּגעהאַלטען פון צו בעזוכען איהם, מורא האָבענדיג אז ווען איהר „מוטער" אָדער דער פאָטער וועטלען זיך דערוויסען, וועט יוסף פערלירען זיין איינציגע געלעגענהייט בעפרייט צו ווערען.

ווי איבערראשט איז אָבער אסנת געוואָרען, ווען זי האָט ניט לאנג פערפיהרט אַ שמועס מיט איהר „מוטער" וועגען יוסף'ן, האָט זי באַלד געזעהן ווי שטאַרק זי האָט זיך געענדערט. זי האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו שיטען פעך און שוועבעל אויף יוסף'ן. זי האָט איהם גענומען זידלען און שילטען, גאָר אַזוי ווי אין די ערשטע טעג.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט מעהר זיין נאָמען פאַר מיר ניט דערמאָנען — האָט זליכה צו איהר געזאָגט — אויב האָב איך עס איז געהאָט אַ געדאַנק איהם צו בעפרייען, איז עס געווען בלויז אויס רחמנות. אָבער ווען איך דערמאָן זיך די שווידערליכקייטען פון יענער נאַכט, זעה איך איין אַז אויף אַזאַ קנעכט טאָר מען גאָר קיין רחמנות ניט האָבען. עס פערדריסט מיך שוין וואָס איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדען פון דיר און איהם ניט געהאַנגען. איך וועל זעהן צו קריגען אַן אַנדער פעהיגען קנעכט וועלכער וועט זיין עהרליך דערצו, און איך וועל איהם בעשטימען אויף זיין פּלאַץ און יוסף וועט אָפּפינסטערען אין געפענגענים ביז'ן טאָג פון זיין טויט!

אסנת האָט זיך שטאַרק געוואונדערט וועגען דער פּלוצלינגער ענדערונג וואָס איז אין איהר פאָרגעקומען. זי האָט שוין יעצט איינגעזעהען אַז זי האָט ניט אויף וואָס צו האָפען דאָס איהר „מוטער" זאָל בעפרייען יוסף'ן, און דעריבער האָט זי נאָך מיט מעהר אונגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג ווען דאָס גאַנצע לאַנד וועט פייערען דעם געבורטסטאָג פון פרעה'ס יורש.

דער טאָג איז געקומען און אסנת האָט שוין אויסגעמאַרקירט צו פער־בלייבען אין דער היים. פוטיפר און זליכה זיינען גאַנץ פריה אַוועק צו פרעה'ן אין פּאַלאַץ.

אסנת האָט זיך איינגעהילט אין אַ שלייערמאַן איז גלייך אַוועק אין געפענגנים.

דער אויפזעהער איז שוין געווען אביסעל בגלופינ'דיג און דערזעהענדיג אסנת'ן האָט ער איהר געפרעגט וואָס איהר פערלאַנג איז.

— איך וויל דו זאָלסט מיר ערלויבען זיך צו זעהן מיט יוסף'ן — האָט אסנת איהם געזאָגט אין דער שטיל.

— האַ, מיט יוסף׳ן! גוט, איך וועל דיך צו איהם אריינלאָזען. געווים האָט דיך דיין מוטער צו איהם געשיקט. ווי עס ווייזט אוים האָט זי מיט איהם גאָר ניט געקענט מאַכען. זי איז פון איהם אוועק זעהר אויפגערעגט און אין כעס. און יעצט שיקט זי דיך, פיללייכט וועסטו פון איהם קענען דערגעהן די געהיימניסע.

— איז מיין מוטער געוועזן אין געפענגניס? — האָט אסנת געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— וואָס? זי האָט דיר גאָר ניט געזאָגט וועגען איהר בעזוך צו יוסף׳ן?

— האָט דער אויפזועהער איהר געפרעגט א צושראָקענער. אָ, איך בין פערלאָרען! ווען זי זאָל זיך דערוויסען אז איך האָב דיר דעם סוד ענדעקט וועט זי זיך מיט מיר זיכער אָפּרעכענען. זי האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל פאר קיינעם ניט ארויסרעדען דאָס זי האָט ווען בעזוכט יוסף׳ן.

— דו מעגסט רוהיג זיין! — האָט אסנת צו איהם געזאָגט — אז אויב דו וועסט מיינע בעזוכע אין געפענגניס האַלטען בסוד, וועט מיין מוטער קיינמאָל זיך ניט דערוויסען אז דו האָסט מיך דערצעהלט דאָס זי איז דאָ געוועזן בעזוכען יוסף׳ן.

— איך וועל עס דיר פּאַררעכענען פאַר א גרוים געפעליגקייט — האָט דער אויפזועהער זיך צו איהר אָפּגערופען — און איך פערזיכער דיר אז דו וועסט קענען קומען צו בעזוכען יוסף׳ן צו יעדער צייט און קיינער וועט דערפון ניט וויסען.

— איך דאַנק דיר זעהר — האָט אסנת איהם געענטפערט. און דו מעגסט האָבען צוטרוי צו מיר אז איך וועל מיין וואָרט האַלטען.

דער אויפזועהער האָט איהר צוגעפיהרט צו יוסף׳ס קאַמער און איהר אויפגעשלאָסען די טיהר און איז גלייך אוועק. מיט א קלאַפּענדע האַרץ און ציטערענדע הענט האָט אסנת אויפגעעפענט די טיהר פון יוסף׳ס קאַמער, און מיט א שטילע שטימע אויסגערופען:

— יוסף!...

— אסנת! איז יוסף גלייך אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, דער־קענענדיג איהר שטימע — אסנת דו ביזט פאַרט געקומען!... אָ, ווי גוט עס איז צו וויסען אז דו האָסט זיך נאָך אין מיר דערמאָנט.

— אָ, יוסף האָט איהם אסנת גענומען האַלדזען און קושען — איך האָב פון דיר נישט אויפגעהערט צו טראַכטען טאָג און נאַכט... איך האָב אויסגעקוקט מיינע אויגען אויף דיזער געלעגענהייט... און יעצט ווי גליקליך בין איך דיר צו זעהן נאָך אמאָל..

יוסף איז געוואָרען אזוי צוטומעלט אז ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט ארויסריידען... אסנת, פון וועמען ער האָט בלויז געוואגט צו טרוימען, נעהמט איהם ארום און קושט איהם... זי האָט איהם אויך ליעב...

— יוסף! האָט זי זיך ווידער אָפּגערופען — איך האָב דיר אזעלכע פרעהליכע און וויכטיגע נייעס צו דערצעהלען, אז איך ווייס נישט ווי עס אָנצופאַנגען.

— האָט פּוטיפר אויסגעפונען אַז איך בין אומשולדיג? — האָט יוסף איהר גלייך אַ פרעג געטהאָן...

— ניין! — האָט אסנת אומעטיג געענטפערט — ווער ווייס אויב ער וועט ווען עס איז אויסגעפונען דעם אמת!...

— און עס איז פאַר מיר קיין האָפנונג נישטאָ, אין גיכען בעפרייט צו ווערען? — האָט יוסף איהר געפרעגט.

— אונזער איינציגע האָפענונג איז ביי גאָט! — האָט אסנת געזאָגט — אָבער יעצט וויל איך דיר אַ גאַנץ אַנדער פרעהליכע בשורה אָנזאָגען.

— וואָס איז דאָס? — איז יוסף אומגעדולדיג געוואָרען — דיין שוועסטער'ס דינה'ס טאָכטער איז געפונען געוואָרען!

— נעמה לעבט! — האָט יוסף אויסגערופען מיט גרויס איבערראַשונג און צוריקגעטראָטען עטליכע טריט צוריק.

— יע, זי לעבט! — האָט אסנת געזאָגט מיט פרעהליכקייט. — זי לעבט!

אָה, גאָט ווי גרויס איז דיין חסד! און וואו געפינט זי זיך?

—זי געפינט זיך אין מצרים!

— אין מצרים! פון וואַנען ווייסטו אַז דאָס איז נעמה דינה'ס טאָכטער? — האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט זיינע אויערען.

— ווילע איך קען איהר זעהר גוט!...

— אַ איך בעט דיר אסנת, דערצעהל מיר אַלעס וואָס דו ווייסט וועגען מיין שוועסטער'ס טאָכטער!

— גוט! איך וועל זיך אוועקזעצען נעבען דיר און דיר דערצעהלען אַלעס. אסנת האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די ברעטער אויף וואָס יוסף פלעגט שלאָפען... און זי האָט געבעטען יוסף'ן זיך צו זעצען נעבען איהר.

— דיין שוועסטער'ס טאָכטער געפינט זיך יעצט נעבען דיר!! — האָט אסנת אויסגערופען...

דו ביזט עס נעמה!! — האָט יוסף אויסגעשריען בעטראַכטענדיג איהר אין דער טונקעלהייט פון זיין קאַמער.

— יע, יוסף, דו ביזט מיין אָנקעל! איך בין דינה'ס טאָכטער!

פון גרויס איבערראַשונג האָט יוסף זיין מויל נישט געקענט עפענען. ער איז געשטאַנען בעוועגלאָז...

— וואָס, יוסף דו גלויבסט מיר נישט! — האָט אסנת איהם גרעפרענט.

— דו ביזט דינה'ס טאָכטער! פון וואַנען ווייסטו עס?

פרטן האָט מיר דעם גאַנצען אמת דערצעהלט... עס איז שוין אַ היבשע צייט פאַריבער... ער האָט מיר דערצעהלט בלויז איין טאָג איידער זליכה האָט אויף דיר דעם בלבול געמאַכט. און ווען איך האָב געוואָלט דיר דערצעהלען איז שוין צו שפּעט געוועזן, איך האָב שוין דאַן צו דיר מעהר נישט געקענט צוקומען אָבער יעצט, געלויבט איז גאָט וואָס איך האָב דיזע געלעגענהייט געקראָגען דיר אַלעס צו דערצעהלען — יע, זליכה, וועמען איך האָב ביז נישט לאַנג געהאַלטען פאַר מיין אייגען מוטער, האָט מיר פון מיין מוטער אוועקגע'גנב'עט אויס נקמה...

— זליכה? ! ווי קומט זליכה צו דינה׳ן.

— זליכה האָט זי דאָן נישט געהייסען, זי האָט זיך גערופען זבורית און זי איז געווען די געליעבטע פון שכם׳ען. און דאָס האָט זי זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט יעקב׳ס משפחה. זי איז צוזאַמען מיט איהר ברודער סרטן אַוועק נאָך חברון און פון דאָרטען מיר אַוועקגע׳גנב׳עט און נעבראַכט קיין מצרים!

— און זליכה איז דאָס יענע זבורית! — האָט יוסף געשטוינט.

— יע, זי איז דאָס יענע זבורית! פּוטיפר האָט זיך אין איהר פערליעבט ווען ער איז געווען אויף אַ פערד געיעג ווערט... און דאָן האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט און מיר האָבען זיי ביידע אַדאָפּטירט פאַר זייער אייגענער טאָכטער.

— אָבער איין זאַך פערשטעה איך נישט — האָט יוסף זיך אָפּגערופען ווי אַזוי קומט עס אַז סרטן זאָל דיר דערצעהלען דעם גאַנצען אמת.

— דו ווייסט דאָך, יוסף, אַז סרטן זוכט פערשיעדענע מיטלען ווי אַזוי מיר אַריינצוקריגען פאַר זיך, און ער האָט געמיינט אַז דאָמיט וואָס ער וועט מיר דערצעהלען דעם אמת, וועט איך בין, וועל איך ביי זיך זיין געפאַלען און צושטימען צו זיין פאָרשלאָג...

— און דו ביזט עס נעמה! — האָט יוסף ערשט אויסגעשריען און זיך מיט איהר צוקושט. דו ביזט פון מיין אייגען פלייש און בלוט, דו ביזט אַ טאָכטער פון דינה׳ן! אַ גאָט! ווי וואונדערבאַר זיינען דיינע וועגען! ווי גליקליך איך שעץ זיך אַז דו, די צאַרטע און איידעלע נשמה, שטאַמסט פון מיין משפחה... יעצט בין איך זיכער אַז גאָט וועט זיין חסד פון מיר אויף ווייטער נישט אָפּטהאָן, און מיר בעפרייען פון דיזען געפענגנים.

— דו מעגסט רוהיג זיין אַז איך וועל נישט רוהען ביז וואַנען דו וועסט רייזגעוואַשען ווערען פון דיזען שענדליכען בלבול... איך האָב זיך נאָר וואָס דערוואוסט אַז זליכה איז דיר נישט לאַנג צוריק געווען בעזוכען...

— ווי אַזוי האָסטו זיך עס דערוואוסט? — האָט איהר יוסף געפרעגט.

— ווען איך בין געקומען און געבעטען דעם אויפזעהער ער זאָל מיר ערלויבען זיך מיט דיר צו זעהן, האָט ער געמיינט אַז דאָס האָט מיר מיין „מוטער“ געשיקט, ווייל זי האָט פון דיר גאָרנישט געקענט ארויסקריגען, און זי איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען אויפגערעגט און אין כעס... ווען ער האָט אויסגעפונען אַז איך בין נישט געשיקט געוואָרען דורך איהר, איז ער שטאַרק דערשראָקען געוואָרען ווייל זי האָט איהם שטרענג אָנגעזאָגט ער זאָל פאַר קיינעם נישט דערצעהלען אַז זי איז דיר געקומען בעזוכען, נישט אַרויסריידען דאָס ער האָט מיר אויסגעזאָגט...

— און דו האָסט איהם פערשפּראָכען? — האָט יוסף איהר געפרעגט.

— אויף דעם בעדינגג אַז ער וועט מיר צולאָזען צו דיר צו יעדער צייט און אויב ער וועט האַלטען בסוד מיינע בעזוכען צו דיר... יעצט וועל איך דיר קענען בעזוכען צו יעדער צייט... איך וועל זעהן צו קומען גאַנץ אָפט... איך בין זעהר צופריעדען וואָס זליכה איז צו דיר געקומען און אַז דער אויפזעהער ווייס דערפון, עס וועט מיר שטאַרק צוניץ קומען, ווען איך

וועל זוכען צו בעווייזען דיין אומשולד.. און וואס האט זליכה פון דיר יעצט פערלאנגט, יוסף.

— זי איז צו מיר געקומען מיט דעם זעלבען פארשלאג וואס דאן אין יענעם אווענד, ווען איך האב זיך פון איהרע הענט ארויסגעריסען און איבערלאזענדיג מיין בגד, בין איך אנטלאפען...

— איך האב אבער גלייך פערשטאנען — האט אסנת אויסגערופען אז דעם זינד וואס זי האט געוואלט בעגעהן, האט זי ארויפגעווארפען אויף דיר.

—און יעצט איז זי ווידער צו מיר געקומען און מיר געזאגט ווי שטארק זי האט מיר ליעב... איך האב איהר איינפאך ארויסגעטריבען פון מיין קאמער, זי איז טאקע באלד פון דאנען אוועק.. ווייל דא וואלט זי דאך נישט געקענט אויף מיר ארויפווארפען דעם בלבול.

— גוט, דאס אלעס וועט מיר אמאל צונוץ קומען צו באווייזען ווי אומשולדיג דו ביזט, יוסף! האט אסנת געזאגט, דערווייל פערליר נישט דיין האפענונג אז עס וועט קומען א צייט און דו וועסט פון דאנען בעפרייט ווערען און דאן וועט פאר אונזביידען דאס גליק א שיין טהאן... דו ווייסט דאך יוסף אז איך האב דיר ליעב געהאט, נאך איידער איך האב געוואוסט אז דו ביזט מיין אנקעל. יע, איידער איך האב זיך אפילו פון דיר דער־וואוסט אז דו ביזט נישט קיין געבארענער קנעכט... יענער טאג ווען דו האסט מיר געלערענט איז פאר מיר דער גליקליכסטער טאג געווען... יע, געליבט איז אונזער גאט וואס ער האט דיר אריינגעבראכט א געדאנק מיר דערצעהלען וועגען דיין שוועסטער דינה און וועגען אלעס וואס מיט איהר האט פאסירט. אז נישט וואלט איך אפילו יעצט נאכדעם ווי סרטן האט מיר דערצעהלט, נישט געוואוסט אז דער וועמען איך האב אזוי ליעב איז גאר מיין אנקעל...

— און איך האב אלע מאל געזעהן אין דיר א גרויסע עהנליכקייט צו מיין שוועסטער, אבער איך האב געמיינט אז דאס דוכט זיך עס מיר אזוי, ווייל איך האב דיר שטארק ליעב, דעריבער פארגלייך איך דיין געשטאלט אין מיין פארשטעלונגס קראפט, צו מיין שוועסטער וועמען איך האב אזוי שטארק ליעב געהאט — האט יוסף מיט א פרעהליך פנים געזאגט.

—און יעצט, יוסף בעט איך דיר מיר צו דערצעהלען ווי אזוי דו ביזט פערקויפט געווארען פאר א קנעכט... דו האסט מיר צוגעזאגט אז דו וועסט מיר ווען עס איז דערצעהלען וועגען אלעס.... יעצט דארפסטו דאך געוויס קיין זאך נישט פארבארגען פון מיר.

יוסף האט ארויסגעלאזען א שטילען זיפץ, און איז א ווייל גע־בליבען שטיל.

— עס איז מיר זעהר שווער דיר צו דערצעהלען און בפרט נאך יעצט, אז דו ביזט איינע פון אונזער משפחה... איך ווייס אז דו וועסט עטוואס ענטוישט זיין — האט יוסף געזאגט.

— דאך בעט איך דיר דו זאלסט מיר אלעס דערצעהלען — האט אסנת זיך אפגערופען.

— איך בין מיין פאטער אימער צו געווען זיין ליבלינג — האט יוסף

אָנגעפאנגען, און מעגליך אַז ער האָט ריכטיג נישט געטהאָן וואָס ער האָט פאַר מיינע איבעריגע ברידער אַזוי אָפען אַרויסגעצייגט דאָס ער האָט מיר מעהר ליעב ווי זיי, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, מיינע ברידער האָבען פון דעם געוואוסט און האָבען מיר שטאַרק מקנא געווען... נאָך מעהר האָט זייער קנאה געשטיגען, ווען מיין פאָטער האָט מיר צו מיין זיבעצעהנטען געבורטסטאָג, געמאַכט אַ זיידען העמדעל, און מיר געמאַכט איבער מיינע ברידער. איך האָב זיי אָבער אין גאָרנישט חושד געווען. איך פלעג זיי אַלעס דערצעהלען אַז ווען מיר האָט זיך גע'חלום'ט מאָדנע חלומות האָב איך זיי דערצעהלט און דאָס האָט זיי, ווייזט אויס נאָך מעהר געערגערט.

— און וואָס זיינען דיינע חלומות געווען? — האָט איהם אסנת אונטערבראָכען.

— איין חלום איז געווען וועגען גאַרבען אין פעלד... מיר האָט זיך געחלום'ט אַז איך און מיינע ברידער בינדען גאַרבען אין פעלד. פלוצלונג האָבען זיך די גאַרבען פון מיינע ברידער אויפגעשטעלט און זיך געבוקט צו מיין גארב... אין מיין צווייטען חלום, האָב איך געזעהן די זון, די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו מיר... די ברידער האָבען מיר דאַן בעשולדיגט אַז טראַכט וועגען הערשען איבער זיי, און זייער שנאה צו מיר איז נאָך שטאַרקער געוואָרען. איך האָב אָבער געמיינט אַז זייער כעס אויף מיר איז בלויז אַ צייטווייליגער, און מיט איינינע טעג שפּעטער וועלען זיי אָן אַלעס פאַר־געסען... בפרט נאָך ווען עס איז אַריבער אַ שטיק צייט און מיר האָבען זיך נישט געזעהן, ווייל מיינע ברידער זיינען אוועק גאַנץ ווייט פון חברון צו פיטערען די שאָף. איינמאָל רופט זיך מיין פאָטער אָפּ צו מיר: „דיינע ברידער פיטערן די שאָף אין די געגענדען פון שכם. עס איז שוין אַ לאַנגע צייט אַז איך האָב פון זיי נישט געהערט, געה און געפין אויס וואָס זיי מאַכען און קום גלייך צוריק.

יוסף האָט זיך אָפּגעשטעלט... זיינע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען.. די עראינערונג פון יענע צייטען האָט איהם שטאַרק וועה געטהאָן..

— נו, איז וואָס איז דאַן געשעהן? — האָט אסנת איהם געפרעגט.

— איך בין געגאַנגען טהאָן די שליחות פון מיין פאָטער, אָבער איך בין שוין מעהר צוריק נישט געקומען... ווען איך בין אָנגעקומען אין דותן און פון ווייטען מיינע ברידער דערזעהן, בין איך געווען איבערגליקליך. מיט גרויס פרייד בין איך צו זיי צוגעלאָפען... איך האָב זיי אַלעמען אַזוי שטאַרק געליעבט און נישט זעהענדיג זיי פאַר א לענגערע צייט, איז ביי מיר יעדע רגע אַן אייביגקייט געווען, און ווען איך בין צו זיי צוגעקומען און געוואָלט יעדען פון זיי אַרומנעמען, האַלדזען און זיך צוקושען, זיינען זיי מיר באַלד אַרומגעפאלען און גענומען שלאָגען. זיי האָבען פון מיר אַראָפּ־געצויגען דאָס זיידען העמדעל וואָס דער פאָטער האָט פאַר מיר געמאַכט און באַלד אַריינגעוואָרפען אין אַ דערבייאיגער גרוב. מיין עלטערער ברודער ראובן, איז אפילו צוגעגאַנגען צום גרוב און מיר פערזיכערט אַז ער וועט מיר פון דאָרטען באַלד אַרויסנעמען און צוריק שיקען צו מיין פאָטער, אָבער עטוואָס שפּעטער האָבען זיי מיר פון גרוב אַרויסגעשלעפּט... איך האָב גע־

מיינט אז דאָס האָבען זיי מיר בלויז געוואָלט אָנשרעקען. אָבער ווי גרויס איז מיין איבערראשונג געווען ווען איך האָב דערזעהן אז זיי פיהרען פער־האנדלונגען מיט א קאראוואן פון ישמעאלים וועלכע האָבען זיך מיט זיי געדונגען איבער מיר, און ענדליך האָבען מיר מיינע ברידער פערקויפט פאר א קנעכט צו די ישמעאלים פאר צוואנציג שקלים.

— אָ מיין גאט ! — האָט אסנת זיך פאנאדערגעוויינט, ווי אזוי איז דאָס מעגליך אז ברידער זאָלען טהאָן אזא זאך צו זייער אייגען פלייש און בלוט ! יוסף, איך בין שטארק דערשיטערט פון דעם... ווי אזוי האָבען די זיהן פון יעקב'ן געקענט באגעהן אזא פארברעכען.

— ביז יעצט, טייערע אסנת, האָב איך אויך דאָס זעלבע וועגען דעם געטראכט... איך בין געווען שטארק פערביטערט געגען מיינע ברידער. אָבער יעצט זעה איך אז דאָס איז אזוי געווען דער ווילען פון גאט... ווען מיינע ברידער וואָלטען מיר פאר קיין קנעכט נישט פארקויפט, וואָלט איך דיר דאָך נישט באגעגענט, און דאן וואָלסטו געווען אויף אייביג פארלאָרען צו דינה'ן און צו מיר. יעצט בין איך גליקליך צו ליידען צוויי מאָל אזוי פיעל צוליעב דיר.

—מאָרנע זיינען די וועגען פון אונזער גאט ! — האָט אסנת אויסגע־רופען — און פאר אונז זיינען זיי שווער צו פערשטעהן.

— יע, דאָס וואָס קען אין אונזערע אייגען אויסקומען שלעכט, קען עס גאָר זיין גוט... און די גוטע זאכען קענען זיך צום שלעכטען ענדערען. שטעל זיך פאָר אסנת, ווען דיין מוטער געפינט אויס, אז דו לעבסט און דאָס זעלבע ווען מיין פאָטער און מיינע ברידער וואָלטען אויסגעפונען אז איך לעב, ווי גליקליך זיי וואָלטען זיך אלע געשעצט...

— לאָמיר האָפען, אז עס וועט קומען א צייט און גאט וועט אונז ווידער אלעמען פעראייניגען — האָט אסנת געקושט יוסף'ן. איך וועל דיר יעצט אָפטער בעזוכען און דיר לאָזען וויסען פון אלעם וואָס קומט פאָר. יעצט מוז איך געהן, ווייל עס איז שוין שפעט... און מען קען נאָך אויסגעפינען אז איך בין צו דיר אין געפענגניס געגאנגען.

— אָ, אסנת, ווי דאנקבאר איך בין צו דיר, דו האָסט מיר געבראכט אזוי פיעל האָפנונג און גליק אין די פינסטערע טעג פון מיין לעבען...

— איידער איך האָב געוואוסט אז דו ביזט א קנעכט, האָב איך דיר שוין ליעב באקומען, און ווען דו האָסט מיט מיר געלערענט, האָב איך גע־וואָלט אז די צייט זאָל זיך ציהען אויף אייביג... איך וועל נישט רוהען ביז וואנען דו וועסט בעפרייט ווערען, און דאן וועלען מיר מעגליך ביידע פער־לאָזען מרים און זיך צוריקקעהרען אין כנען... וואָס פאר א גרויסע איבער־ראשונג עס וועט זיין ביי אלעמען דיר צו זעהן.

— און נאָך גרעסער און אנגענעהמער וועט די איבעראשונג זיין ווען זיי וועלען אויסגעפינען אז מיין פרוי איז נעמה, דינה'ס טאָכטער — האָט יוסף איהר צו זיך געדריקט.

— דאן וועט מיין גליק פערפולט ווערען — האָט אסנת איהם ווידער געקושט און שנעל פערלאָזען דעם געפענגניס.

.31

א פארשווערונג

זינט זליכה'ס לעצטען בעזוך אין געפענגניס, וואו זי האט געהאט א פולשטענדיגען דורכפאל ווען זי האט געמאכט א צווייטען פערזוך צו גע־ווינען יוסף'ס ליעבע, איז איהר שנאה און כעס צו איהם געווען אזוי שטארק אז איהר שוין פערדראסען וואס זי האט יוסף'ן נישט געלאזט דאן הענגען...

— עס איז אסנת'עס שולד! — האט זי זיך געטראכט — זי האט צופיעל רחמנות געקראגען אויפ'ן קנעכט, וועלכער בעזיצט א פוסטע שטאלצקייט... און טאקע דעריבער איז זליכה'ס ליעבע צו אסנת'ן שטארק אפגעקיהלט געווארען. אין דער זעלבער צייט האט זיך פערשטארקט איהר ליעבע און איבערגעבענהייט צו איהר ברודער, סרטן, דער שר האופים פון פרעה'ן.

יעדען טאג פלעגט זי מיט איהם פערברייינגען... זי האט פאר איהם איהר גאנצע הארץ ענטפלעקט, כאטש זי האט איהם אויך נישט אויסגעזאגט דעם גאנצען אמת וועגען איהר פריהערדיגע ליעבע צו יוסף'ן.

זליכה האט געקראגען איינזעהעניש מיט איהר ברודער... זי האט שטארק חרטה געהאט פאר וואס זי האט סרטן געשטערט אין זיין ליעבע צו אסנת'ן, און האט ביי זיך באשלאסען אז נאך אלעמען איז אסנת קיין בעסערען מאן ווי סרטן נישט ווערט. עס וועט זיין א סך בעסער ווען זי וועט חתונה האבען — האט זליכה געטראכט — זי איז זעהר שעהן און יונג און ווען געסט קומען צו איהר, ווענדען זיי אן זייער גאנצע אויפמערק־זאמקייט צו אסנת'ן...

— מיין ברודער — האט זי זיך איינמאל צו איהם אפגערופען — איך ווייס גאנץ גוט אז דו האסט נאך אלץ ליעב אסנת'ן... איך האב זיך וועגען דעם איבערלעגט און האב בעשלאסען צו ערפילען דעם פערלאנג און אפגעבען אסנת'ן צו דיר פאר א פרוי...

— א, זליכה! — איז סרטן אויפגעשפרונגען פון שמחה און האט איהר גענומען האלדזען און קושען —דו מיינסט עס אויף אן אמת?!

— געוויס מיין איך! — האט זליכה איהם געענטפערט — ווען אסנת וואלט געווען מיין ריכטיגע טאכטער, וואלט איך מעגליך געצווייפעלט אין דעם, אבער דו ווייסט דאך ווער זי איז...

— נישט איינמאל האט מיר אסנת בעליידיגט, ווען איך האב איהר פארגעשלאגען צו הייראטען... יעצט אבער אז דו אליין שטימסט איין דאן בין איך זיכער אז אסנת געהערט צו מיר!

— דער איינציגער, וועלכער וועט דיר ווארשיינליך יעצט שטעהן אין וועג, איז פּוטיפר! — האָט איהם זליכה געזאָגט — ווייל איך וויים אז ער האָט אסנת'ן ליעב אזוי ווי זי וואָלט טאַקע געווען זיין אייגענע טאָכטער... און איך וויים אויך אז ער האָט דיר פיינט... אָבער דו קענסט זיך פער־לאָזען אויף מיר... איך קען טהאָן מיט דעם אַלטען נאַר וואָס איך וויל.. פאר מיר האָט ער נאָך קיינמאָל נישט ארויסגעוויזען זיין עקשנות...

— אויב אזוי — האָט סרטן אויסגערופען מיט א שטראַהלענדען פּנים — איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז אסנת בעלאַנגט צו מיר.. זאָל איך באלד איהר געהן אָנזאָגען דיין בעשלום?

— בעסער ווארט, סרטן ביז וואנען מיר וועלען זיך דורכריידען מיט פּוטיפר'ן — האָט איהם זליכה געראטען, און ווען פּוטיפר וועט צושטימען, דאַן וועלען מיר אריינרופען אסנת'ן און איהר איבערגעבען אונזער בעשלום און מיר וועלען פייערען דיין חתונה מיט איהר אין איניגע טעג ארום.

— אָ, מיין שוועסטער, ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי אומגעדולדיג איך בין!.. איך וועל ווארטען ביז וואנען פּוטיפר וועט זיך צוריקקעהרען פון פרעה'ס פּאַלאַץ און מיר וועלען נאָך היינט מיט איהם ריידען.

— גוט! האָט זליכה געזאָגט — איך וועל פריהער מיט איהם ריידען, און דו וועסט דאָ ווארטען, און ווען איך וועל זעהן אז ער איז אין א גוטער שטימונג וועל איך דיר אויך אריינרופען.

אין אָבענד האָט זיך פּוטיפר צוריקגעקעהרט פון פּאַלאַץ, זליכה איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען און בעגריסט מיט א קוש.

— ווען דו וואָלסט געוואוסט, טייערער פּוטיפר — האָט זליכה איהם ארומגענומען, ווי איינזאַם איך פיהל זיך אָהן דיר, וואָלסטו זיך אזוי לאַנג ניט געזאמט!... און דיר, ווי עס ווייזט אויס, ארט שוין ניט וועגען מיר! דיין ליבע צו מיר האָט זיך א סך אויסגעוועבט אין דער לעצטער צייט...

— וואָס רעדסטו, זליכה! — האָט פּוטיפר איהר ארומגענומען — ווייסטו ניט ווי גרויס מיין ליעבע איז צו דיר.. אמת, איך בין שטארק ענטטוישט, וואָס די געטער האָבען זיך צו מיינע תפלות ניט צוגעהערט, און דו האָסט מיר קיין קינד ניט געבוירען... אָבער איך בין צופרידען וואָס אסנת איז פערגעבענט פאר מיין טאָכטער... איך האָב איהר זעהר ליעב... און איך צווייפעל אויב איך וואָלט אַן אייגענע טאָכטער געקענט מעהר ליעב האָבען ווי אסנת'ן.

— און איך וויל טאַקע מיט דיר יעצט ריידען וועגען אסנת'ן — האָט זליכה זיך אָפּגערופען.

— וועגען אסנת'ן? — האָט פּוטיפר איהר אָנגעקוקט.

— יאָ, וועגען אסנת'ן — האָט זליכה געענטפערט — דו ווייסט דאָך ווי שנעל זי האָט זיך ענטוויקעלט און איז שוין גרויס גענוג חתונה צו האָבען.

— אָבער אין יאָהרען איז זי נאָך גאָר יונג! — האָט פּוטיפר געזאָגט

— און צו וואָס זיך איילען, ווען דער ריכטיגער מאַן וועט קומען, וועלען מיר נאָך דאַן צייט האָבען וועגען דעם א טראַכט צו טהאָן...

—איך האָב לאַנג געטראַכט וועגען דעם פּאַסענדען מאַן, און איך בין

געקומען צום בעשלוס אַז מיין ברודער סרטן וואָלט געווען דער ריכטיגער מאַן פאַר איהר! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען.

— סרטן! — האָט פּוטיפר אויסגערופען מיט ערשטוינונג — וואָס רעדסטו זליכה, ווי קומט סרטן צו אונזער אסנת׳ן, ער איז דאָך כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי און אַ חוץ דעם האָסטו דאָך מיר אַליין געזאָגט אַז אסנת האָט איהם ניט ליעב...

— וועט זי דען אויסקלייבען איהר מאַן? — האָט זליכה געהעכערט איהר שטימע — מיט וועמען מיר ווען איהר הייסען מיט יענעם וועט זי חתונה האָבען...

—יאָ, אָבער ניט מיט סרטן... דו וועסט פיליכט ניט ווען ליידען, אָבער איך קען דיר זאָגען אַז סרטן איז ניט ווערטה דעם שנירעל פון איהר שוך.

— פאַרוואָס דעקסטו אַזוי וועגען איהם, פּוטיפר? — האָט איהם זליכה געפרעגט — איז ניט סרטן פרעה׳ס שר האופים?... וויפיעל יונגע לייט פון מצרים, זיינען איהם מקנא מיט דיעזען גרויסען אַמט?

— ווען דו וואָלסט וויסען אַז פרעה האָט שוין ניט איינמאָהל איהם געוואָלט אַרונטערזעצען פון זיין אַמט וואָלסטו ניט אַזוי געשטאָלצירט מיט איהם!

— וואָס רעדסטו, פּוטיפר? — האָט זליכה זיך אָפּגערופען, פאַרוואָס זאָל דער קעניג איהם ווען אַרונטערזעצען פון זיין אַמט, איז ער דען ניט אַ גוטער בעקער... איז דען פרעה ניט צופריעדען מיט זיינע געבעקס?

— דיין ברודער האָט זיך פערהאַסט געמאַכט ביי אַלעמען אין פּאַלאַץ... פרעה אַליין דולדעט אים נאָר צוליעב מיר... שוין ניט איינמאָל אַז פרעה האָט איהם געוואָלט אין גאַנצען פון זיין פּאַלאַץ פערטרייבען! נאָר אַזוי ווי איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט זיך נעמען צום האַרצען האָב איך גע׳פּועלט ביי דעם קעניג ער זאָל איהם דולדען נאָך אַ שטיקעל צייט.

— אָבער וואָס האָט ער אַזוינס געטהאָן, אַז פרעה זאָל אויף איהם אין כעס זיין? — האָט זליכה געפרעגט.

— ערשטענס האָט ער אָנגעפאַנגען צו פערנאַכלעסיגען זיין אַרבייט, און צווייטענס האָט סרטן אַ טבע זיך אומעטום צו מישען און מיט יעדען צו קריגען... פיעלע קלאַגעס זיינען שוין געבראַכט געוואָרען קעגען איהם, און ווי איך פערשטעהע וועט לאַנג ניט נעהמען און ער וועט אינגאַנצען דער־ווייטערט ווערען פון פּאַלאַץ. איך אַליין האָב שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז מעהר וועל איך דעם קעניג פאַר איהם ניט בעטען... ניין, ער האָט עס ניט פערדיענט!...

— איך ווייס ניט וואָס דו האָסט צו מיין אָרימען ברודער!.. האָט זיך זליכה געמאַכט ווישענדיג איהרע אויגען — ער האָט דאָך דיר קיינמאָל קיין שלעכטעס ניט געטהאָן...

— האָב איך איהם דען קיין סך טובות ניט געטהאָן? און אַזוי איז ער מיר יעצט דאַנקבאַר... ניט איינמאָל האָט מיר דער קעניג אויסגערעדט פאַרוואָס איך האָב איהם גאָר געבראַכט אין פּאַלאַץ... ווען פרעה וואָלט מיר שטאַרק ניט געאַכטעט, וואָלט ער שוין לאַנג סרטן פון פּאַלאַץ פעריאָגט!..

— אָבער איך גלויב אז ווען מיין ברודער וועט הייראטעהען מיט אסנת'ן וועט ער זיך אין גאנצען ענדערען — האָט זליכה געזאָגט — ער וועט שוין דאַן ניט פערנאַכלעסיגען זיין פליכט צו דעם קעניג...

—ניין, דאָס איז אוממעגליך! איך וועל קיינמאָל ניט דערלאָזען אז סרטן זאָל חתונה האָבען מיט אסנת'ן! — האָט זיך פּוטיפר אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ —מיר וואונדערט זיך אויף דיר אליין ווי אזוי דו קענסט טראַכטען וועגען דעם... האָסטו דען פערגעסען אז דו אליין ביזט געווען דאַגעגען דאָס מיר זאָלען אָפּגעבען אסנת'ן צו סרטן... און זינט דאַן איז נאָך סרטן מעהר געפאַלען אין מיינע אויגען.. איך וויל אז דו זאָלסט איהם איבערגעבען אין מיין נאָמען דאָס ער זאָל גאָר ניט וואַגען צו טראַכטען וועגען דעם. דו הערסט. פּוטיפר איז געווען אזוי אויפגערעגט אז ער האָט פערלאָזען דעם צימער, איבערלאָזענדיג זליכה'ן אליין.

זליכה האָט פּאָר כעס געקריצט מיט די צייהן... זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און איז אריין צוריק אין דעם צימער וואו זי האָט איבערגעלאָזען סרטן.

סרטן איז איהר שנעל ענטקעגען געלאָפען און מיט גרוים נייגעריגקייט געפרעגט:

— נו, זליכה, האָט פּוטיפר צוגעשטימט?!

— דער אַלטער נאַר! איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען! — האָט זליכה ווי צו זיך אַ ברום געטהאָן.

— אָבער וואָס האָט ער געזאָגט?! גיכער דערצעהל דאָך מיר! — איז סרטן געוואָרען אומגעדולדיג.

ער האָט מיר געזאָגט אז פרעה און אַלע וועלכע געפינען זיך אין פּאַלאַץ האַסען דיך, און אז עס וועט לאַנג ניט נעהמען און פרעה וועט דיר אינגאַנצען פערטרייבען פון זיין פּאַלאַץ...

— איך ווייס פון וועמען דאָס שטאַמט אַלעס! — האָט סרטן אויסגערופען — יאָ, איך האָב אַלעס צו פערדאַנקען דעם שר המשקים... איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען...

—אָ, ווען איך זאָל נאָר קענען פּטור ווערען פון מיין אַלטען נאַר, ווי גליקליך איך וואָלט זיך געפיהלט..

— איך גלויב, אז עס וועט שוין לאַנג ניט דויערען און אַלע אונזערע שונאים וועלען האָבען אַ מפּלה...

— וואָס מיינסטו, מיין ברודער? — האָט איהם זליכה געפרעגט מיט פערוואונדערונג.

— ווען איך וואָלט געווען זיכער מיין שוועסטער, אז איך קען זיך אויף דיר פערלאָזען און אָנפערטרויען דיר דעם גרעסטען סוד, וואָלסטו זיכער געהערט און געשטוינען וואָס דיין ברודער קען אויפטהאָן...

— איך פערשטעה דיר ניט סרטן — האָט זליכה זיך אָפּגערופען עטוואָס בעליידיגט — דו האַלסט מיר גאָר פאַר אַ פרעמדע... בין איך דען ניט דיין אייגען פלייש און בלוט... איז דען דיין לעבען און גליק ביי מיר ניט אזוי טייער ווי מיין אייגענס...

— איך ווייס שוועסטער, אז דו וועסט מיר ניט געהן פערראטען, אבער איך האב מורא דו זאלסט זיך אמאל פאר וועמען עס איז ניט ארויסריידען, דאן בין איך א פערלוירענער!

— דיין שוועסטער, דוכט זיך איז גארניט אזוי נאריש אז זי זאל ארויסריידען זאכען וואס וועלען איהר קיין נוצען ניט ברייננגען.. האסטו דען ניט קיין בעוויז אז ביז יעצט ווייס נאך קיינער ניט דעם אמת'ן אפ־שטאמונג פון אסנת'ן... יא, סרטן, זליכה ווייס ווי צו האלטען איהר צונג...

— אויב אזוי, שוועסטער, קען איך דיר דערצעהלען אלעס! — האט סרטן געזאגט

ער איז צוגעגאנגען און פערשלאסען די טיהר...ביידע האבען זיך אוועקגעזעצט אויף א זאפא און סרטן האט אנגעפאנגען:

— עס איז שוין א היבשע צייט אז איך האב זיך בעקענט אין מצרים, מיט דעם הויפט פון די אראבישע סוחרים, וועלכער קומט אן יעדען יאהר מיט א גאנצען קאראוואן צו האנדלען. ער פערביירנגט דא אין צווען א היבשע צייט... איך בין מיט איהם שטארק בעפריינדעט געווארען... איך האב איהם געזאגט אז איך ווייס פיעלע סודות פון דער מלוכה. ער האט גלייך געזעהען אז אויף מיר קען ער זיך פערלאזען... און דעריבער האט ער מיר אנפערטרויט זעהר א וויכטיגע זאך... ער האט מיר געזאגט אז זייער קעניג האט איינגענומען אייניגע פעלקער וועלכע גרעניצען זיך מיט זיין לאנד און אז אין גיכען פלאנעוועט ער ארויסצוגעהן מלחמה האלטען מיט מצרים... און אויב איך וועל איהם ארויסהעלפען און ארויסגעבען אלע סודות, און ווען זיין קעניג וועט איינגעהמען דאס לאנד, וועט ער מיר מאכען פאר דעם משנה למלך... קענסטו דען עס בעגרייפען, מיין שוועסטער וואס פאר א גליק עס וועט פאר אונז ביידען זיין, ווען איך וועל זיין דער צווייטער צום קעניג אין מאכט... דאן וועל איך שוין זעהן דיר בעפרייען פון פוטיפר'ן... קיינער פון פרעה'ס בעאמטע און טרייע דינער וועלען בלייבען לעבען איך וועל דאן ארויסנעהמען דעם קנעכט יוסף'ן פון געפענגניס, און וועל צופריי־דענשטעלען מיין גרויסען פערלאנג איהם צו הענגען מיט מיינע אייגענע הענט... אסנת וועט זיכער דאך שוין געהערען צו מיר... און דאס גאנצע לאנד וועט בעפרייט ווערען פון דעם גרויזאמען פרעה'ן.

— אבער ווי אזוי וועלען זיי דאס קענען בעוויזען צו טהאן אזא זאך?

— האט זליכה געפרעגט — דאס לאנד מצרים איז דאך אזוי מעכטיג... וויפיעל פעלקער האבען שוין געמאכט א פערזוך אוונצונעהמען מצרים, און זיי האבען קיין ערפאלג ניט געהאט, פון וואנען ביזטו זיכער אז דער קעניג פון דיין פריינד וועט זיין ערפאלגרייך!

— דערפאר וועל איך דאך אויך האבען אין דעם א האנד! האט סרטן זיך אפגערופען — „צוויי וועגען זיינען פארהאן" — האט ער מיר געזאגט — ווי אזוי צו פיהרען אן ערפאלגרייכען קריעג קעגען מצרים... דער ערשטער וועג איז צו טויטען פרעה'ן, ווען דאס זאל מיר געלינגען דאן וועט שוין דאס איבעריגע גאנץ גרינג זיין... פרעה'ס יורש איז נאך גאר יונג און דאן וועט זיך אנפאנגען א קריעג צווישען זיינע מיניסטארען און בעאמטע

ווער עס זאָל ווערען קעניג, אייניגע פון פאָלק ווע̇לען האַלטען מיט דעם, אַנדערע מיט יענעם. און ווען דאָס פאָלק אַליין וועט זיין צוטהיילט, דאַן וועט שוין ניט שווער זיין איינצונעמען דאָס לאַנד. און אויב דאָס זאָל זיך מיר ניט איינגעבען, איז פאַרהאַן אַן אַנדער פּלאַן, און מיר דוכט זיך אַ בעסערער און זיכערער ווי דער ערשטער...

און דאָס איז אויסצוהונגערען דאָס פאָלק מצרים. ווייל דו דאַרפסט וויסען זיין ווען אַ פאָלק הונגערט, איז עס צופרידען אומצובייטען דעם קעניג, און וועט פאַר איהם שטאַרק ניט קעמפען...

— און ווי אַזוי וועט ער קענען אויסהונגערען דאָס לאַנד? — האָט איהם זליכה געפרעגט.

— דאָס קען שוין אַזוי שנעל ניט געטהאַן ווערען — האָט סרטן גע־ענטפערט — אָבער זיי האָבען שוין אויסגעאַרבייט פּלענער...

— און האָט ער דיר אויך זיינע פּלענער אַנפערטרויט? — האָט זליכה געפרעגט.

— געוויס! ער האָט מיר אַלעס ענדעקט! דו ווייסט דאָך אַז דאָס גערעטעניש פון גאַנצען לאַנד ווענדט זיך אָן דעם טייך נילוס... הויבט זיך דאָס וואַסער פון טייך שטאַרק אויף און פילט אָן די קאַנאַלען מיט וואַסער, ווערט דאָס גאַנצע לאַנד בעוואָסערט און די תבואה אויף די פעלדער און די הויך, פרוכט אויף די בוימער זיינען געראָטען... זאָל דאָס וואַסער ניט זיין אַזוי הויך, דאַן וועט אַלעס אויסגעטריקענט ווערען. קיין זאַך וועט אין מצרים ניט וואַקסען.

— און ווי אַזוי וועלען זיי קענען בעפעהלען דעם טייך זיך ניט אויפ־צוהויבען איבער די ברעגעס? — האָט זיך אַ שמייכעל בעוויזען אויף זליכה׳ס ליפען.

— דאָס אַרבייטען זיי יעצט אויס דעם גאַנצען פּלאַן... דער נילוס ציהט זיך דאָך אויף זעהר אַ לאַנגע שטרעקע און זיי וועלען גראָבען קאַנאַלען אָפּצוציהען דעם וואַסער פון דעם טייך, דאַן וועט דער נילוס ניט בעוואַסערען דאָס לאַנד מצרים, און דאָס וועט פעראורזאַכען אַ גרויסען הונגער אין לאַנד... און דאַן וועט דאָס לאַנד קענען איינגענומען ווערען זעהר גרינג.

— און ווי לאַנג דאַרף עס געדויערען? — האָט זליכה געפרעגט.

—אַזאַ אַרבייט דאַרף געדויערען אַן ערך פון צעהן יאָהר... אָבער איך האָף אַז מיר וועט געלינגען דורכצופיהרען דעם ערשטען פּלאַן, צו טויטען דעם קעניג... און יעצט האָב איך נאָך גענוג אורזאַכען דאָס צו טהאָן.. ווי דו האָסט מיר יעצט איבערגעגעבען אין פּוטיפר׳ס נאָמען, האָט מיר פּרעה פיינט, און ער וועט מיר אין גיכען ערוויטערען פון פּאַלאַץ...

— איך גלויב אָבער מיין ברודער, אַז אַזאַ אונטערנעהמונג שמעקט מיט גרויס געפאַהר, בלויז אַ חשד זאָל נאָר אויף דיר פאַלען, דאַן וועסטו גע־האַנגען ווערען...

— איך ווייס ווי פאַרזיכטיג צו זיין.. דער איינציגער וועלכער שטעהט מיר אימער אין וועג, און קוסט מיר אַלעס נאָך — איז דער שר המשקים, און איך וועל זעהן אַז פּרעה זאָל איהם פערשיקען אין געפענגניס...

— ווי אזוי?

— גאַנץ איינפאַך, איך וועל אַריינטהאָן עטליכע פליגען אין דעם בעכער וויין וואָס דער שר המשקים ברייננט צו פרעה'ן; ער וועט זיכער עס ניט בעמערקען און ווען פרעה וועט נעמען טרינקען דעם וויין און דער־פיהלען די פליגען אין זיין מויל... קענסטו זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פרעה וועט צו איהם טהאָן... איין זאַך בין איך זיכער, אַז ער וועט שוין מעהר קיין שר המשקים ביי דעם קעניג ניט זיין..

— דאָס זעהסטו, איז אַ גאַנץ גוטער איינפאַל — האָט זליכה געלאַכט

— דו וועסט פטור ווערען פון דיין שונא און קיינעם וועט גאָר ניט איינ־פאַלען אַז דאָס שטאַמט פון דיר.

— זעהסטו שוין מיין שוועסטער אַז דיין ברודער'ס מח איז נאָך ניט אויסגעדארט —האָט סרטן אויסגערופען מיט שטאָלץ — איך וועל דיר נאָך ציינען אַז עס וועט קומען אַ צייט און איך וועל אַרומפאָהרען איבער גאַנץ מצרים אין אַ גאָלדענע קאַרעטע ביי דער רעכטער האנד פון דעם נייעם קעניג.... און ערשט דאַן וועט דאָס גליק אויך פאַר דיר אַ שיין טהאָן. פוטיפר'ן וועל איך אַוועקשיקען צו די געטער אין הימעל, פון יוסף'ס פלייש וועלען זיך זעטיגען די פויגעל... אסנת וועט זיין מיין פרוי און דו?.. ווער ווייס? מעגליך אַז דער נייער קעניג וועט זיך אין דיר פערליעבען און מאַכען דיר פאַר די קעניגין פון מצרים....

— דיין פאָרשטעלונגס קראַפט לויפט זעהר ווייט, מיין ברודער, אָבער איך וועל זיין צופרידען ווען דו וועסט ווערען דער משנה למלך, און זעהן מיר צו בעפרייען פון פוטיפר'ן...

— אויב דו וועסט נאָר וויסען ווי צו האַלטען דעם סוד, וועלען אַלע פלענער דורכגעפיהרט ווערען — האָט זיך סרטן אויפגעהויבען פון פלאַץ.

— וואַרט! איך האָב נאָך אַ בעסערען פלאַן מיין ברודער — האָט זליכה איהם אָנגענומען פאַר'ן האנד — אנשטאַט אַריינצוטהאָן פליגען אין דעם בעכער פון פרעה'ן, קענסטו דאָך שוין בעסער אהין אַריינטהאָן סם. און אזוי וועסטו פטור ווערען פון פרעה'ן און דער חשד וועט גאָר פאַלען אויף דעם שר המשקים.

— וועגען דעם האָב איך שוין אַליין געקלערט! — האָט סרטן געזאָגט

— אָבער פרעה טרינקט קיין מאָל ניט פון דעם בעכער איידער ער הייסט אָפּגיסען עטוואָס פון דעם וויין אין אַ בעזונדערער כלי און הייסט דעם שר המשקים טרינקען, און ווען ער וועט אויסגעפינען אַז אין בעכער איז געווען סם, וועט ער דאָך וויסען אַז דער שר המשקים האָט עס ניט אַריינגעטהאָן און דאַן וועט דער חשד פאַלען אויף מיר....

— אויב אזוי ביזטו גערעכט! –– האָט זליכה געזאָגט — זעה פריהער פטור צו ווערען פון דעם שר המשקים און דערנאָך וועסטו שוין טהאָן דאָס איבעריגע... איך מוז דיר זאָגען, מיין ברודער, אַז איך האָב אימער גע־וואוסט אַז דו בעזיצט אַ גרויסע מאַכט און אונטערנעהמונגס פעהיגקייטען... איך האָף אַז דיר וועט זיך אַלעס איינגעבען, און יעצט אַז דו האָסט מיר אויך אַריינגענומען אין דיעזען גרויסען סוד, האָף איך אַז איך וועל דיר קענען

בעהילפיג זיין. איך ווייס, אז ביי פּוטיפר'ן געפינט זיך אויך פיעלע פּלענער פון די פעסטונגען און פון דעם טייך נילוס... איך וועל שוין זעהן אַלעס פון איהם ארויסצוקריגען.

— דו ווייסט נאָך וואָס איך וועל דיר זאָגען — האָט סרטן אויסגע־רופען — אויב דעם ערשטען פּלאַן וועל איך ניט קענען דורכפיהרען וועל איך פלוצלונג פערלאָזען מצרים, און איבערגעהן צו יענעם קעניג פון די אראַבער און ערשטע דאַן ווען ער וועט איינגעהמען מצרים, וועל איך זיך אויך צוריקקעהרען און זיין די רעכטע האַנד פון קעניג.

— און מיר וועסטו איבערלאָזען איינע אליין, מיט דעם אַלטען פער־האַסטען נאַר... איך זאָל דאַרפען נאָך ליידען ווער ווייסט וויפיעל יאָהר... ביז וואַנען דער צווייטער פּלאַן וועט דורכגעפיהרט ווערען...

— אויב דו ווילסט, זליכה, וועלען מיר צוזאַמען אנטלויפען פון מצרים... איך וועל זיך נאָך מאָרגען דורכריידען מיט דעם הויפּט פון די אראַבישע סוחרים און זאָגען, אז דו קענסט אונז א סך בעהילפיג זיין. **דו וועסט קענען** דערווייליע מיטנעהמען דיין גאַנצע ציערונג און פיעל גאָלד און דאַן וועלען מיר פערלאָזען מצרים.

— אָה, ווי איך ווינש דאָס זאָל באַלד געשעהן! — האָט זליכה אויס־געריפען — דער טאָג ווען איך וועל פּטור ווערען פון פּוטיפר'ן וועט זיין דער גליקליכסטער אין מיין לעבען.

— און יענער טאָג ווען איך וועל הענגען יוסף'ן און חתונה האָבען מיט אסנת'ן וועט זיין דער גליקליכסטער אין מיין לעבען. אָבער דאָס קען אזוי שנעל נישט געטהאָן ווערען, מיין שוועסטער, מיר וועלען מוזען צו־וואַרטען ביז אראַבישע סוחרים וועלען אהער צום צווייטען מאָל קומען. און אויב ביז דאַן וועל איך נישט האָבען געטויטעט פּרעה'ן, וועלען מיר ביידע פערלאָזען מצרים.

זליכה האָט סרטן'ען געקושט און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דו ביזט קלוג און בראַוו, מיין ברודער. זאָלען דיר די געטער פון שכם קומען צו הילף.

— געדענק, זליכה, אז דער סוד מוז בלייבען טיעף אין דיין האַרצען

— האָט סרטן געזאָגט און פערלאָזען איהר צימער.

ווען אסנת האָט באַמערקט אז סרטן קומט צו זיין שוועסטער, האָט זי ביי זיך בעשלאָסען, אז זי מוז אויסגעפינען וועגען וואָס זיי רעדען. עס איז ביי איהר קיין צווייפעל נישט געווען, אז זיי וועלען ריידען וועגען יוסף'ן און וועגען איהר עס איז איהר אפילו געווען זעהר שווער ביי זיך צו פּועל'ן צו טהאָן אזא זאַך אָבער ווען אויף איהר געדאַנקט איז ארויפגעקומען אז פיעלייכט וועט זי הערען עפּעס וואָס וועט קענען ברענגען א גרויסען נוץ פאַר יוסף'ן, האָט זי זיך באַשלאָסען אויף דיזען שריט... וואָס וואָלט זי נישט געטהאָן צו ראַטעווען יוסף'ן, איהר אָנקעל און וועמען זי האָט אזוי ליעב.

זי איז דורך איהר צימער אריין אין א פינסטערען קאָרידאָר, וואָס האָט

געפיהרט צו זליכה'ס צימער, וואָס איז געווען אָפּגעטהיילט בלויז מיט א דיקען פאָרהאַנג.

אסנת האָט זיך דאָרטען אוועקגעזעצט און צוגעבויגען איהר אויער. זי האָט געקענט הערען כמעט דעם גאַנצען געשפּרעך וואָס איז פאָרגעקומען צווישען סרטן און זליכה'ן און געהערט האָט זי שוין גאָר א סך. ווען סרטן איז אוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך שטילערהייט צוריקגעקעהרט צו איהר צימער... זי איז געווען אַזוי ערשיטערט פון דאָס וואָס זי האָט נאָר וואָס געהערט, אַז זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען.. זי וועט דאָך נישט געהן פעררעטהען איהר „מוטער”, וועלכע האָט איהר אויפגעהאָדעוועט. אָבער אין דערזעלבער צייט ווען סרטן'ען זאָל זיך איינגעבען דורכצופיהרען אַלע פּלענער, וועלען זיי דאָך ביידע, זי און יוסף, זיין פערלאָרענע... יע, זי וועט זיך פריהער מוזען בעראַטהען מיט יוסף'ן, איהם דערצעהלען אַלעס וואָס זי האָט געהערט. ער וועט איהר געבען די ריכטיגע עצה און ווער ווייסט פיעלייכט וועט ער דורך דעם אין גאַנצען בעפרייט ווערען.... אָה, ווען זי זאָל קענען גלייך קומען צו יוסף'ן, אָבער זי ווייס, אַז דאָס איז אונמעגליך, זליכה קוקט איהר נאָך יעדען שריט, זי האָט שוין אַ היבשע צייט יוסף'ן נישט געזעהן, און ווער ווייס ווי זי וועט ווייטער קריגען אַ געלעגענהייט זיך מיט איהם צו זעהן.

אסנת האָט געדאַנקט גאָט אין איהר הארצען, וואָס פּוטיפר האָט זיך דיזען מאָל נישט געלאָזט פערפיהרען פון זליכה'ס זיסע רייד און איהר דייטליך ערקלעהרט, אַז ער וועט נישט דערלאָזען סרטן זאָל מיט איהר חתונה האָבען... זי האָט אַלע מאָל געוואוסט, אַז זליכה האָט פיינט פּוטיפר'ן, יעצט אָבער ווען זי האָט זיך צו אַלעס צוגעהערט, זעהט זי ווי געמיין זי איז... זי איז נישט בעסער פון איהר ברודער... אַ גאָט, צושטער זייערע פּלענער... זיי האָבען ביידע צוזאַמען מיט יאָהרען צוריק געפּלאַנעוועט איהר אוועקצוגנב'ענען פון איהר מוטער און זיי האָבען עס זעהר גרינג דורכגעפיהרט... און יעצט !.. אַ שוידער געהט דורך איהר לייב... זי דאַרף אָבער יעצט זיין גאַנץ צופריעדען, וואָס אַ געדאַנק איז איהר אַרויפגעקומען אונטערצוהערען צו זייער געשפּרעך... און ווי נאָר זי וועט קריגען די ערשטע געלעגענהייט זיך צו זעהען מיט יוסף'ן וועט זי איהם אַלעס דערצעהלען און דאַן וועלען זיי זיך ביידע בעראַטהען וועגען דעם און פיעלייכט פערמיידען דעם גרויסען אומגליק....

32.

דער שר האופים און דער שר המשקים

סרטן'ס כעס אויף פּוטיפר'ן איז געווען זעהר גרויס... יעצט אז זליכה שטימט שוין איין איהם אָפּצוגעבען אסנת'ן, דאַרף נאָר פּוטיפר זיין דאַנגען..

— איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען — האָט סרטן ביי זיך באַשלאָסען, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פּאַלאַץ. יעצט איז ער זיכער אז דאָס וואָס ער האָט פערלאָרען דעם חן אין פרעה'ס אויגען, איז עס ווייל פּוטיפר האָט אויף איהם שלעכטעס אָנגערעדט. אָבער ער וועט זיך שוין לאַנג ניט דאַרפען זאָרגען... זאָל ער נאָר אָנפאַנגען דורכצופיהרען זיינע פּלענער און דאַן וועט ער זיך שוין מיט איהם אָפּרעכענען.

— נו, סרטן! — האָט איהם דער שר המשקים באַגעגענט מיט א שמייכעל — עפּעס קוקסטו מיר היינט אויס צו זיין זעהר אויפגעלעגט — האָסטו פיעלייכט געקראָגען אסנת'עס צושטימונג?

— אָה, יע מיין ברודער! — האָט דער שר האופים זיך בעמיהט צו ווייזען א פריינדליכע שטימע. איך וועל מיין חתונה מיט איהר פייערען אין צוויי וואָכען ארום... און איך האָף, אז דו וועסט אויך קומען זיך באַטייליגען אין מיין שמחה...

— לויט דיינע באַריהמערייען, האָט שוין דיעזע שמחה לאַנג געזאָלט פּאַרקומען — האָט דער שר המשקים געזאָגט — און ווי עס ווייזט אויס, האָסטו נאָך אסנת'ן פון דיין קאָפּ ניט ארויסגעשלאָגען... מיר האָט די ארומית פאַרזיכערט, אז א הייראַט צווישען דיר און אסנת'ן איז אַזוי מעגליך ווי אָפּצושטעלען דעם טייך נילוס ער זאָל ניט אריבערפלייצען זיינע ברעגען.

—אַלעס איז מעגליך! — האָט סרטן געענטפערט — און טאַקע דאַריבער בעט איך דיר צו קומען צו מיין שמחה צוזאַמען מיט דער אדומית — זאָל זי אויך צוזעהען אז דאָס אוממעגליכעס איז מעגליך געוואָרען.

סרטן האָט די גאַנצע צייט ניט אַרונטערגענומען זיינע אויגען פון דעם פלאַש רויטען וויין, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טיש... ער האָט ביי זיך געהאַט א פולע האַנט טויטע פליגען און האָט בלויז געוואַרט אז דער שר המשקים זאָל אויף א קליין ווײַלע אַרויסגעהן פון צימער... ווען ער האָט געזעהען אז ער פערלאָזט ניט דעם צימער, האָט סרטן זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און איז דאָרטען געבליבען שטעהן א היבשע ווײַלע, נאכהער האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען:

— מיר דוכט זיך אַז די אדומית איז נאָר וואָס אַריין אין קעניג־ליכען הויף!

— די אדומית? — האָט דער שר המשקים אויסגערופען און זיין פּנים איז רויט געוואָרען — וואָס זאָל עס בעדייטען. ער איז גלייך אַרויס פון צימער און אַרונטערגעלאָפען זעהען די אדומית.

סרטן איז שנעל צוגעגאַנגען צו דעם פלאַש וויין און האָט אַהין אַריינ־געטהאָן די פליגען און עס גלייך צוריק געשטעלט אויף דעם זעלבען פּלאַץ... אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען. ווער קען עס זאָגען אַז ער איז ניט קלוג —האָט ער ביי זיך געטראַכט — ער האָט געוואָלט אַרויס־שיקען דעם שר המשקים פון זיין צימער אויף אַ קליינע ווײַלע, איז עס איהם ניט אָנגעקומען גאַנץ שווער... עס וועט שוין לאַנג ניט נעהמען און דער שר המשקים וועט שוין מעהר אין זיין וועג ניט שטעהן.

— נו, איז זי טאַקע די אדומית? — האָט סרטן איהם געפרעגט ווען ער האָט זיך צוריק געקעהרט.

— דיין זעהונגס קראַפט מוז ביי דיר זיין גאַנץ פאַרדאָרבען, אַז דו האָסט געקענט אָננעהמען די דיקע דינסט פון פרעה׳ס וועשערין פאַר דער אדומית!

— איך בין דאָך ניט געווען זיכער! — האָט זיך סרטן פאַרענטפערט. איך האָב איהר געזעהען פון דער וויטען.

—דוכט מיר אַז פון אַ מרחק פון טויזענד איילען וואָלט ניט שווער געווען אונטערצושיידען צווישען דער אדומית און צווישען דער וועשערינס דינסט.... מיר וואונדערט זיך פאַרוואָס דו האָסט איהר גאָר ניט אָנגענומען פאַר אסנת׳ן! — האָט ער געלאַכט.

— עס איז טאַקע אַ וואונדער! — האָט סרטן צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל — מעגליך אַז אסנת וואָלט געהאַט אַ געוואוהנהייט צו קומען אין דעם הויף פון פּאַלאַץ, וואָלט איך אפשר געמאַכט אַזאַ טעות אויך. אָבער פאַרוואָס שטעה איך דאָ און רייד מיט דיר, אין דער צייט וואָס איך האָב אַזוי פיעל אַרבייט. איך מוז שוין אָנפאַנגען צו באַקען די געבעקס פאַר פרעה׳ס אָבענד ברויט.

סרטן איז אַרויס פון צימער מיט זעהר אַ פרעהליכער שטימונג. ער האָט שוין מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דער צייט ווען דער שר המשקים וועט דאַרפען ברייגגען דעם וויין פאַר׳ן קעניג. אַ ווי שטאַרק ער האָט געוואונשען צו זיין דאַביי ווען פרעה וועט נעהמען אויסטרינקען דעם בעכער וויין... עס וועט שוין לאַנג ניט געדויערען און זיין שוועסטער וועט שוין אַליין אויך איינגעזעהן ווי קלוג ער איז.

פרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין נאָכמיטאָג שלאָף, און איז אַריין אין זיין טראָהן צימער. דאָרטען האָט ער שוין געטראָפען זיינע מיניסטאָרען און די חרטומים מיט וועמען ער פלעגט יעדען אָבענד פאַרברייננגען. פוטיפר איז שוין דאָרט אויך געווען.

ווען זיי האָבען דערזעהען זייער קעניג האָבען זיך אַלע פון זייערע

פלעצער אויפגעשטעלט און זיך פאר איהם פארנייגט. פרעה האט זיך גע־זעצט אויף זיין טראהן און עס האט לאנג ניט גענומען און דער שר המשקים האט געבראכט די פלאש ווייז מיט א בעכער.

ער האט אריינגעגאסען דעם וויין אין פרעה׳ס בעכער פאר די אויגען פון קעניג און ווי זיין שטייגער איז געווען האט ער פון בעכער וויין עטוואס אפגעגאסען אין א צווייטער כלי און עס אויסגעטרונקען.

דער שר המשקים האט עפעס דערפיהלט אין זיין מויל אבער ער איז געווען זעהר צופרידען וואס דאס איז אריינגעפאלען צו איהם און ניט אין קעניג׳ס בעכער... ער האט ארונטערגעשלונגען אומבעמערקבאר און גלייך דערלאנגט דעם בעכער וויין צו פרעה׳ן.

פרעה האט א זופ געטהאן פון בעכער און עס גלייך אויסגעשפיגען... ער האט באטראכט דעם וויין און האט בעמערקט אייניגע טויטע פליגען. ער האט גלייך מיט גרויס כעס א שליידער געטהאן דעם בעכער וויין אויף דעם שר המשקים׳ס קאפ.

אלע אנוועזענדע האבען זיך שטארק דערשראקען און דער שר המשקים איז געבליבען שטעהן טויט בלאס, ניט פארשטעהענדיג וואס דא איז פארגעקומען.

— דו אומווירדיגער קנעכט! — האט פרעה אויסגערופען מיט צארן! אזוי גיסטו אכטונג אויף דעם קעניגליכען וויין. דו לאזט דעם וויין אפען און פליגען קלייבען זיך אן! — ווארפט איהם אריין אין געפענגנים! — האט פרעה באפוילען זיינע לייב וועכטער.

די לייב וועכטער האבען גלייך איהם א נעהם געטהאן און איהם גע־שמידט אין קייטען... זיי האבען איהם צוגעבראכט צו דעם געפענגנים וואו יוסף געפינט זיך און זיי האבען איהם דארטען איבערגעגעבען אין די הענט פון דעם אויפזעהער.

—ער, דער שר המשקים, האט געזינדיגט געגען פרעה׳ן און דער קעניג האט איהם באפוילען צו פארשפארען אין געפענגנים ביז וואנען זיין משפט וועט זיין — האבען זיי געזאגט דעם אויפזעהער...

דער אויפזעהער פון געפענגנים האט איהם אריינגעפיהרט אין א קאמער און האט די טהיר פארשלאסען.

סרטן האט זיך גלייך דערוואוסט וואס איז פארגעקומען און ער איז געווען העכסט גליקליך — זיין פלאן האט אויסגעצייכענט געארבייט... אזוי ווי ער האט פאראויסגעזאגט, אזוי האט עס פאסירט. ער איז פטור גע־ווארען פון דעם שר המשקים, וועלכער האט איהם געהיט אויף שריט און טריט... יעצט וועט ער זיך קענען גאנץ פריי באוועגען...

ווי נאר ער איז פארטיג געווארען מיט זיין ברייגען געבעקס פאר פרעה׳ן און דער קעניג האט איהם באפרייט, איז ער גלייך אוועק צו זליכה׳ן.

— מיין שוועסטער! — האט ער איהר גענומען קושען — דו מעגסט שטאלצירען מיט דיין ברודער! —האט ער אויסגערופען מיט פרייד.

— איך האב מיין פלאן אויסגעצייכענט דורכגעפיהרט... דער שר

המשקים זיצט שוין אין געפענגעניס... אזוי ווי איך האָב אויסגערעכענט אזוי האָט טאַקע פּאַסירט.

— סרטן ! איז זליכה איהם אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלדז — יעצט זעה איך, מיין ברודער, אַז דו ביזט קלוג און אויסגערעכענט... ווי פּינקטליך דיין פּלאַן איז פאַרווירקליכט געוואָרען. און איך צווייפעל נישט אַז אויך די אַנדערע זאַכען וועגען וואָס דו האָסט מיט מיר גערעדט וועסטו דורכפיהרען.

— יעצט וועט מיר שוין אַלעס אָנקומען גרינגער, ווי נאָר איך בין פּטור געוואָרען פון דעם שר המשקים, וועל איך זיך שוין פרייער קענען בעוועגען — האָט סרטן צוגעגעבען מיט א שמייכעל — אייניגע פּלענער פון די בעשיצונגס פּונקטען פון מצרים זיינען שוין אין מיין רשות, און ווען מיין פריינד, דער אַראַבישער סוחר, וועט קומען בעזוכען מצרים צום צווייטען מאָל וועל איך שוין האָבען א סך וויכטיגעס אָפּגעטהאָן.

ווען איך זאָל נאָר קענען פּטור ווערען פון מיין פּוטיפר'ן אזוי שנעל ווי דו ביזט פּטור געוואָרען פון שר המשקים וואָלט איך זיך די גליקליכסטע געשעצט ! — האָבען זליכה'ס אויגען געשטראַהלט.

— עס וועט שוין לאַנג נישט דויערען און מיר ביידע וועלען ערדייכען אונזער העכסטען גליק, דו וועסט פּטור ווערען פון דיין מאַן, איך וועל זיך שוין נוקם זיין אָן יוסף'ן און אסנת וועט מיין פרוי זיין, און איך וועל נאָך ווערען דער משנה למלך פון מצרים — האָט סרטן געריבען זיינע הענד פון גליק.

ווען מען האָט דעם שר המשקים געבראַכט אין געפענגניס, איז ער געווען אזוי צוטומעלט און דערשראָקען אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס מיט איהם טוט זיך... אַלעס איז פּאַרגעקומען אזוי פּלוצלונג, אזוי אומגע־ריכט... ער האָט א טאַפּ געטהאָן זיין שטערען וואָס איז געווען עטוואָס צוואַוואונדעט פון דעם קלאַפּ וואָס ער האָט געקראָגען, ווען פרעה האָט אויף איהם דעם בעכער א שליידער געטהאָן... עס האָט איהם נאָך שטאַרק וועה געטהאָן... ער האָט זיך גענומען ביסלעכוויז דערמאָהנען וואָס עס איז פּאַרגעקומען... ער האָט געבראַכט דעם וויין פאַר פרעה'ן.. ער האָט פריהער אַליין פון דעם פערזוכט און ער האָט טאַקע עפּעס דערפיהלט אין מויל.. אָבער ער איז געווען געצוואונגען עס אַרונטערצושלינגען... און דאָס ווייזט אויס איז געווען א טויטע פליג... אָן עקעל געהט דורך זיין קערפּער... בעת מעשה האָט ער גערדאַנקט די גאַנצע פּאַרוואָס דאָס איז אריינגעפאַלען אין זיין חלק און נישט אין פרעה'ס, אָבער פּלוצלונג האָט ער בעמערקט ווי פרעה האָט אויסגעשפּיגען דעם וויין... דאַן האָט ער עס בעטראַכט און אויסשרייענדיג: טויטע פליגען אין מיין וויין, האָט ער א שליידער געטהאָן דעם בעכער אויף איהם... גלייך האָט מען איהם אָנגענומען און געפיהרט און יעצט איז ער דאָ ! אָ, ווי אזוי האָבען געקענט אריינפאַלען טויטע פליגען אין פרעה'ס וויין ?! — האָט דער שר המשקים זיך געוואונדערט... ער היט דאָך אָפּ דעם וויין אזוי גוט... די פלאַש איז געווען פאַרשטאָפּט... ער קען עס ניט בעגרייפען... און יעצט וואָס וועט ווייטער זיין... אַ ווי

שטארק פרעה׳ס צאָרן האָט אויף איהם געברענט.... ער וועט איהם געוויס שטרענג בעשטראָפען פאר דעם... ווער וויים, אויב ער וועט איהם פאר דעם ניט הייננען... אָ ווי טרויעריג זיין לאגע איז!

דאָס איז דאָך טאקע אַ גרויס פערברעכען געגען פרעה׳ן. ווי איז ער דאָס געוועזען אזוי נישט פאָרזיכטיג און דערלאָזען אז פליגען זאָלען אהין צוקומען... וואָס קען ער דערצו זאָגען? ווי אזוי קען ער זיך רעכטפאר־טיגען אין די אויגען פון פרעה׳ן... אָ, ער איז שוין אַ פערלאָרענער.. ער זעהט שוין אז קיין לעבעדיגער וועט ער שוין פון דיזען געפענגנים נישט ארויסגעהן... און די אדומית? איהר וועט ער שוין אויך קיינמאָל נישט זעהן! ער האָט דאָך איהר אזוי שטארק געליעבט... און זיי זיינען ביידע געוועזען גליקליך... נאָך מיט איינינע טעג פריהער האָבען זיי שוין בעשלאָסען ווען זיי זאָלען חתונה האָבען און דאָ מאכט זיך פלוצלונג אזא גרויסער אומגליק! ווען זי וועט זיך דערוויסען וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען, זי וועט דאָך אזוי פיעל ליידען! ווען ער זאָל נאָר זיך קענען מיט איהר זעהן און ערקלעהרען אז ער איז אין דיזען פערברעכען גאָרנישט שולדיג, אז דאָס איז בלויז געוועזען אַ שרעקליכער צופאַל... פיעלייכט וואָלט זי עפּעס געקענט טהאָן פאר איהם.

דער אויפזעהער פון געפענגענים איז צו איהם צוגעגאנגען, האָט איהם אַ ווייל‍ע בעטראכט און נאָכהער איהם געפרעגט:

— אין וואָס בעשטעהט דיין פערברעכען?

דער שר המשקים האָט איהם דערצעהלט און דער אויפזעהער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט איהם שטארק בעדויערט...

— איך וויים אז איך בין נישט שולדיג! — האָט דער שר המשקים אויסגערופען... דאָס איז אָן אָנשיקעניש פון די געטער!

— דו וואָלסט שוין אַ סך בעסער געטהאָן, ווען דו זאָגסט פרעה׳ן בעת דו האָסט עפּעס דערפיהלט אין דיין מויל. אז דיזער וויין איז נישט אזוי גוט און אז דו וועסט איהם גלייך ברייננען אַן אנדער וויין... דאַן וואָלט פרעה׳ס כעס ניט געוועזען אזוי גרויס! — האָט דער אויפזעהער געזאָגט.

— ווער האָט עס געזאָלט וויסען אז אין פלאַש וועלען זיך געפינען מעהרערע פליגען? — האָט דער שר המשקים טרויעריג געזאָגט... וואָס פאר אַ שטראָף דענקסו ווע פרעה מיר געבען דערפאר!

— עס איז אָן ערנסער צופאַל פון נאָכלעסיגקייט! — האָט דער אויפ־זעהער זיך אָפּגערופען — און עס איז שווער פאָראויסצוזאָגען ווי פרעה וועט די זאַך נעהמען! זאָלען זיך די געטער איבער דיר מרחם זיין...

— איך בין פערלאָרען! איך בין פערלאָרען! — האָט דער שר המשקים געגומען יאָמערען.

— פונדעסטוועגען דאַרפסטו נישט זיין אזוי פאָרצווייפעלט! — האָט איהם דער אויפזעהער געגומען טרייסטען — אין דיזען געפענגנים געפינט זיך איינער וועלכער ווערט בעשולדיגט אין גאָר אַ גרויסען פערברעכען, און פונדעסטוועגען האָט ער זיין האָפענונג נישט פערלאָרען... ער איז פרעהליך און לוסטיג.

— און ווער איז ער דאָס? — האָט דער שר המשקים געפרעגט.

— דאָס איז פּוטיפר׳ס קנעכט יוסף! דו ווייסט דאָך געוויס אין וואָס ער ווערט בעשולדיגט... און ער האָט שוין טאָקע געזאָלט געהאנגען ווערען... און ווי דו זעהסט האָט ער זיך פון טויט שטראָף ארויסגעדרעהט!... און מן הסתם וועסטו אויך בלויז אָפּקומען מיט שרעק.

— זיין פערברעכען איז געווען געגען פּוטיפר׳ן, פרעה׳ס קנעכט און איך האָב פערזינדיגט געגען פרעה׳ן אליין! — האָט דער שר המשקים געזאָגט מיט יאוש.

—איך וועל אָנזאָגען יוספ׳ן ער זאָל דיר בעדינען! ער איז אַ גאַנץ וואוילער יונג און איך בין זיכער אַז ער וועט דיר מאַכען פערגעסען פאַר אַ ווייל דיינע צרות! — האָט דער אויפזעהער געזאָגט.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און יוסף האָט געבראַכט דעם שר המשקים זיין ערשטען מאַלצייט אין געפענגניס... אָבער ער האָט נישט געוואָלט עסען.

— מיין האר! — האָט זיך יוסף צו איהם אָפּגערופען — ווי איך זעה ביזטו זעהר שטאַרק פערטרויערט און צוקלעמט פון דיין יעצטיגער לאַגע. אָבער דו מוזט נישט אויפגעבען האָפענונג... דו ביזט נאָך גאַנץ יונג און דו דאַרפסט האָבען גענוג קרעפטען בייצושטעהן די שוועריגקייטען וואָס דיר קומט אוים דורך צו מאַכען... וועסטו מיר פיעלייכט דערצעהלען וואָס מיט דיר איז פאָרגעקומען.

— און וואָס וועט שוין זיין אַז איך וועל דיר זאָגען, וועסטו דען מיר קענען מיט עטוואָס העלפען, אין דער צייט ווען דו קענסט זיך אַליין נישט העלפען...

— דאָך וועט עס דיר ניט שאַדען! — האָט יוסף געענטפערט. עס איז פיעל מאָל גרינגער צו געפינען אַן אויסוועג פאַר יענעמס צרות איידער פאַר אייגענע.

— מיר וועט שוין קיינער נישט קענען העלפען! — האָט דער שר המשקים אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

יוסף האָט פערשטאַנען אַז יעצט איז נישט די צייט מיט איהם צו ריידען וועגען זיין אומגליק און האָט איהם דעריבער באַלד פערלאָזען... כאָטש ער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען וואָס מיט איהם האָט פאַסירט.

ווען אסנת האָט זיך דערוואוסט אַז דער שר המשקים איז איינגע־שפּאַרט געוואָרען אין געפענגניס, האָט זי גלייך געזעהן אַז פרטן הויבט טאָקע אָן דורכצופיהרען זיינע פּלענער... ווער וויים, האָט זי געטראַכט — אויב איהם האָט זיך שוין איינגעגעבען פטור צו ווערען פון דעם שר המשקים, וועט מעגליך איהם נישט זיין שווער דורכצופיהרען די איבעריגע זאַכען און דאַן איז יוסף אַ פערלאָרענער... ניין! זי טאָר נישט דערלאָזען ער זאָל אַזוי ווייטער אָנגעהן מיט זיינע טייוואַלישע פּלענער.. זי מוז דער־צעהלען אַלעס וואָס זי האָט געהערט... באַלד האָט זי זיך אָבער אַליין דערשראָקען פאַר איהרע געדאַנקען, ווען זי וועט אַלעס דערצעהלען דאַן וועט זי דאָך אויך מוזען פערראַטען זליכה׳ן, וועלכע איז צו איהר פאַר־

רעכענט געווען ווי אַן אייגענע מוטער... ניין, איהר געוויסען דערלאָזט איהר נישט צו טהאָן אַזאַ זאַך... זי האָט דאָך איהר פּאַרט ערצויגען און איז געווען אַזוי גוט צו איהר די גאַנצע צייט... און ווען מען וועט זיך דערוויסען אַז זי איז אויך פערמישט מיט דער גרויסער פערשווערונג פון איהר ברודער, וועט זי דאָך געוויס אויך בעצאָהלען מיט איהר לעבען... ניין! זי וועט קיין זאַך נישט טהאָן ביז וואַנען זי וועט זיך בעראַטען מיט יוסף'ן.

אסנת האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס איהר מוטער געהט נישט אַרויס פון הויז פאַר דער לעצטער צייט און זי דאַרף איהר זאָגען וואוהין זי געהט, וועט זי פונדעסטוועגען אריבערגעהן צו יוסף'ן... נאָך אַלעמען דאַרף זי דאָך זיך יעצט פאַר קיין זאַך נישט שרעקען... ווען זליכה זאָל נאָר וויסען אַז זי ווייס פון אַלעם, וועט זי געוויס נישט וואַגען צו טהאָן יוסף'ן קיין שלעכטעס...

נאָך מיטאָג, האָט אסנת געזאָגט צו זליכה'ן אַז זי געהט אַרויס אַ ווײַלע אויף אַ שפּאַציר און איז אַוועק אין געפענגניס.

דער אויפזעהער האָט איהר גלייך אריינגעלאָזען, און יוסף איז געווען איבערגליקליך ווידער צו זעהן אסנת'ן.

— מיין ליעבע אסנת! — האָט יוסף איהר אַרומגענומען — איך ווייס ווי שווער דיר קומט אָן אַהער צו קומען... אָבער דיין בעזוך פערשאַפט מיר דעם גרעסטען גליק.

— איך ריזיקיר יעצט אויך זעהר פיעל מיט מיין קומען! — האָט אסנת איהם געקושט — אָבער איך האָב זעהר וויכטיגעס דיר צו דערצעהלען און איך וויל זיך מיט דיר בעראַטען וואָס צו טהאָן און ווי אַזוי צו האַנדלען.

אסנת האָט יוסף'ן דערצעהלט וועגען דעם געשפּרעך צווישען סרטן און זליכה'ן וואָס זי האָט זיך אונטערגעהערט, און זי האָט צוגעגעבען: איך האָב אין דער אמת'ן צופיעל געוויכט נישט געלעגט בעת מעשה אויף סרטנ'ס רייד. אָבער ווען איך האָב דערזעהן אַז ער האָט דעם פּלאַן וועגען פעראומגליקען דעם שר המשקים דורכגעפיהרט... האָב איך שוין מורא אַז ער וועט ווייטער אַזוי אָנגעהן. און יעצט בין איך געקומען פרעגען דיין עצה ווי זאָל איך טהאָן...

— דו דאַרפסט זעהר פאָרזיכטיג זיין, אסנת! — האָט יוסף איהר געראַטען — דערווײַלע טאָרסטו וועגען דעם צו קיינעם נישט ריידען... ווייל דאָס קאָן נאָך ברענגען אַן אומגליק אויף דעם גאַנצען הויז פון פּוטיפר. די איינציגע זאַך וואָס עס דאַרף יעצט געטהאָן ווערען איז צו זעהן אַז פּרעה זאָל זיך דערוויסען אַז סרטן, דער שר האופים איז שולדיג וואָס אין זיין ווײַן איז געפונען געוואָרען די פליגען און דאַן וועט ער אויך פערשפּאַרט ווערען אין געפענגניס, און אַזוי וועט צייטווייליג נישט פאָרקומען קיין געפאַהר פאַר פּרעה'ס לעבען.

— אָבער ווי אַזוי וועט זיך פּרעה דערפון דערוויסען? — האָט איהם אסנת געפרעגט.

— איך וועל שוין דערצו זעהן! — האָט יוסף געזאָגט — ווי איך

פערשטעה איז די אדומית שטארק פערליעבט אין דעם שר המשקים!

— אָ ווי שרעקליך זי איז געטראָפען פון דעם! — האָט אסנת געזאָגט — ווי נאָר די אדומית האָט דערהערט אַז מיין האָט דעם שר המשקים אריינגעשפּארט אין געפענגנים און אַז זיין לעבען איז אין געפאהר, האָט זי נישט אויפגעהערט צו וויינען... די אָרימע אדומית... זי איז דאָך אַזוי הילפלאָז...זי מוז פאר זליכה'ן פערבאָרגען איהר טרויער... ווייל זליכה האָט נישט ליעב קיין קאמער מיידעל מיט אַ טרויעריגען פנים!

— איך וועל זיך דורכריידען מיט'ן שר המשקים, און איהם זאָגען וועגען דעם! — האָט יוסף געזאָגט.

— אָבער דו מוזט אויך זעהר פּאָרזיכטיג זיין... דו וועסט דאָך געוויס דארפען געבען אַן ערקלעהרונג פון וועמען דו האָסט עס געהערט, און דאַן וועט דאָך דער גאַנצער אמת מוזען אַרויסקומען.

— איך וועל עס טהאָן אַזוי אַז דעם שר המשקים וועט גאָר קיינמאָל נישט איינפאַלען מיר צו פרעגען פון וואַנען איך האָב עס געהערט האָט יוסף געזאָגט — דו זעה צו קומען צו מיר אין איינינע טעג ארום און דאַן וועל איך שוין וויסען וואָס דיר צו ראַטען.

ווי אסנת איז אַרויס פון געפענגנים איזיוסף צוגעגאַנגען צו דעם קאמער פון שר המשקים און איהם געפרעגט אויב ער ווינשט עפּעס.

— אָ, ווען דו וואָלסט געקענט מיין וואונש ערפילען! — האָט דער שר המשקים אַ זיפץ געטהאָן.

— צו דערפילען דעם מענשען'ס וואונש ליגט אין גאטעס האַנט — האָט יוסף געזאָגט — אָבער גאָט האָט דעם מענשען בעשאָנקען מיט פער־שטאַנד, כדי איינער זאָל קענען דעם צווייטען אַרויסהעלפען אין אַן עת צרה... ווען דו וואָלסט מיר דערצעהלען וואָס מיט דיר האָט פּאסירט, וואָלט איך פיעלייכט דיר געקענט אַן עצה געבען...

— ווען דו וואָלסט געוועזען פריי וואָלסט דו מיר פיעלייכט געקענט אַ טובה טהאָן! האָט דער שר המשקים געענטפערט — אָבער יעצט ביזטו אַזוי הילפלאָז ווי איך!

— אָבער וואָס וועסטו דערלעגען ווען דו וועסט מיר דערצעהלען — האָט איהם יוסף געזאָגט.

— גוט, זעץ זיך אַוועק און איך וועל דיר דערצעהלען — האָט דער שר המשקים זיך אָפּגערופען.

יוסף האָט זיך אַוועקגעזעצט און ער האָט איהם דערצעהלט וועגען די פליגען וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין פרעה'ס בעכער.

— און דו האָסט דאָך געוויס אימער־צו געהאַלטען די פלאַש פאר־שטאָפּט? — האָט יוסף איהם געפרעגט.

—געוויס! איך האָב דאָרטען קיין שטויב נישט צוגעלאָזען און דערפאר איז מיין פערדרוס נאָך שטאַרקער... ווי אַזוי די פליגען זיינען אהין צוגעקומען: נישט אַנדערש אַז עס איז אַ קללה פון די געטער!

— עס איז אַ גרויסע קללה פון הימעל ווען אימיצער האָט אַ שונא — האָט יוסף געזאָגט — און נאָך גרעסער איז די קללה ווען דער שונא

מאכט זיך פאר א פריינד! זאג מיר, איך בעט דיר האסטו געהאט אין פאלאץ פילע שונאים?!

— שונאים? — האט דער שר המשקים געקוועטשט מיט די פלייצעס
— ניין! מיר דוכט אז איך האב גאר קיין פיינד נישט געהאט... א יע! דער שר האופים סרטן איז געווען מיינער א שטיקעל שונא! אבער לעצ־טענס איז ער צו מיר גאנץ פריינדליך געווען...

— און פארוואס איז ער דיר געווען א שונא? — האט איהם יוסף געפרעגט...

— אט, ווײַלע איך פלעג זיך מיט איהם אמאל א רייץ טהאן. ער האט זיך אימער צו ליעב געהאט צו בעריהמען... און ווען דו האסט איהם אמאל אנגעבראכען די ביינער, איז ער געקומען און זיך פאר מיר בעריהמט אז ער האט דיר אזוי צו ממית'ט אז ער צווייפעלט אויב דו וועסט בלייבען לעבען... און גראדע האט מיר יענעם טאג די אדומית דערצעהלט אז זי האט צוגעזעהן די שטארקע קלעפ וואס סרטן האט פון דיר געקראגען און זי האט אליין געהערט ווי ער האט זיך ביי דיר געבעטען דו זאלסט איהם מעהר נישט טלאגען... א צווייטען מאל איז ער געקומען און האט זיך פאר מיר בעריהמט אז אסנת, די טאכטער פון זיין שוועסטער איז אין איהם שטארק פערליעבט, באטש די אדומית האט מיר דערצעהלט אז אסנת האט סרטן אזוי פיינט אז זי קען איהם נישט אנקוקען. געוועהנליך, ווען איך פלעג הערען זיינע בעריהמערייען, פלעג איך פון איהם חוזק מאכען... און דאס האט איהם שטארק אויפגערעגט אויף מיר...

— נו, יעצט איז שוין נישט שווער צו פערשטעהן אז דאס האט סרטן דיר אפגעטהאן! — האט יוסף אויסגערופען — ער האט זיך געוואלט אן דיר נוקם זיין און ווי עס ווייזט אויס איז עס איהם געלונגען...

— א, יעצט דערמאן איך זיך טאקע! — האט דער שר המשקים אויס־גערופען — ער איז גראדע יענעם טאג געווען אין דעם צימער וואו פרעה'ס ווײַן געפינט זיך... ער איז געשטאנען נעבען פענסטער און פלוצלונג זיך צו מיר אפגערופען אז די אדומית קומט אן... ער ווייס אז די אדומית איז מיין כלה און אז איך וועל דערהערען אז זי קומט אן וועל איך ארונטער־לויפען איהר בעגעגענען. און איך האב טאקע אזוי געטהאן: איך בין שנעל ארונטערגעלאפען איבערלאזענדיג איהם אליין אין צימער....

— האט ער דיר געזאגט דעם אמת? — האט איהם יוסף געפרעגט
— איז דאן די אדומית טאקע געקומען דיר זעהן.

— א, עס איז געווען א ליגען! — האט דער שר המשקים געקריצט זיינע צייהן, יעצט זעה איך וואס פאר א כונה ער האט געהאט דאמיט! א דער רשע האט מיר פעראומגליקט!!

— יעצט אז דו ווייסט שוין דעם אמת, קענסטו האפען אז דו וועסט נאך בעפרייט ווערען, האט איהם יוסף געטרייסט — אבער דו דארפסט זעהר פארזיכטיג האנדלען, כדי סרטן זאל זיך נישט ארויסדרעהען פון קיין שטראף.

— אבער וואס קען איך טהאן, אז איך בין פערשפארט אין געפענגנים,

דער קעניג האָט אפילו מיר נישט געוואָלט אויסהערען...

די איינציגע וועלכע וועט דיר קענען אין דעם העלפען איז די אדומית! — האָט יוסף זיך צו איהם אָפּגערופען.

— די אדומית!! — האָבען זיינע אויגען אויפגעגלאַנצט — אה, יוסף ווי קלוג דו ביזט! דו האָסט יעצט מיינע אויגען געעפענט... מיר וואָלט גאָר קיין מאָל נישט איינגעפאַלען חושד צו זיין דעם שר האופים, ווייל לעצ־טענס האָט ער זיך געמאַכט ווי ער איז מיר אַ גוטער פריינד, ער האָט מיר אפילו איינגעלאַדען צו זיין חתונה מיט אסנת'ן וואָס האָט געוואָלט לויט זיין בעריהמען זיך אין גיכען פאַרקומען... יעצט, ווען איך פערבינדט אָט די אַלע זאַכען איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט אַז דאָס האָט מיר סרטן אָפּגעטהאָן! די אדומית, זאָגסטו וועט מיר קענען אין דעם אַרויסהעלפען... דו ביזט גערעכט, זי איז די איינציגע וועלכע וועט קענען אַלעם פערשטעהן... זי קען גוט סרטן'ס כאַראַקטער און זי ווייס אַז ער איז מיר געווען אַ שטאַרקער שונא! אָבער ווי אַזוי קען איך זיך מיט איהר זעהן?!

—דער אויפזעהער פון געפענגנים קען דיר אַ טובה טהאָן — האָט יוסף איהם געזאָגט — איך ווייס אַז ער האַלט פון דיר, און ווען דו וועסט פון איהם פערלאַנגען וועט ער איהר צולאָזען צו דיר!

— אָבער ווי אַזוי וועל איך איהר קענען געבען צו וויסען! — האָט דער שר המשקים זיך אָפּגערופען.

— אויב די אדומית האָט דיר ליעב וועט זי שוין געפינען אַ וועג דיר צו קומען בעזוכען...

דער שר המשקים האָט איבערגעגעבען דעם אויפזעהער וועגען דעם, אַז דער שר האופים האָט עס איהם אָפּגעטהאָן, כדי זיך נוקם צו זיין אָן איהם און האָט פון איהם פערלאַנגט ער זאָל צולאָזען זליכה'ס קאַמער מיידעל צו איהם, אויב זי וועט וועלען איהם בעזוכען.

— איך בין עס נישט ערלויבט צו טהאָן! — האָט ער איהם געענטפערט — אָבער איך זעה איין, אַז דו ביזט אומשולדיג און איך האָף, אַז די געטער וועלען מיר בעשיצען און קיינער וועט נישט אויסגעפינען אַז איך פערלע'ז די געזעצען פון געפענגנים.

אויף מאָרגען איז אסנת ווידער געקומען בעזוכען יוסף'ן, און ער האָט איהר איבערגעגעבען אַלעס וואָס ער האָט גערעדט מיט דעם שר המשקים.

— דו דאַרפסט יעצט זעהן צו רעדען מיט דער אדומית און איהר אָנ־ווינקען, אַז זי קען קומען בעזוכען דעם שר המשקים, און ווען זי וועט זיין, וועט ער שוין איהר אַלעס דערצעהלען און איך בין זיכער, אַז די אדומית וועט שוין נישט רוהען ביז וואַנען זי וועט אַרויסווייזען דעם ריכטיגען שולדיגען... און וועט סרטן בעקומען זיין שטראָף, און פון זיינע אַלע פּלענער וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזען...

— איך האָב היינט סרטן געזעהן גאַנץ פריה אין זליכה'ס צימער... ווי נאָר פוטיפר געהט אוועק, אַזוי קומט איהר ברודער און סוד'עט זיך מיט איהר די גאַנצע צייט. ער האָט שוין אפילו פּרובירט אָנקלאַפּען אין מיין טהיר און איך האָב איהם נישט געענטפערט... און דו האָסט געדאַרפט זעהן

ווי שטאַרק ער האַלט פֿון זיך... ווי ער וואָלט געוועזן דער קעניג פֿון מצרים...

— ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז זיין גאַנץ לעבען הענגט אָפּ אָן דיינע איינציגע ווערטער, וואָלט ער שוין גאַנץ אַנדערש זיך אויפגעפיהרט! — האָט יוסף געשמייכעלט.

מיט איינציגע טעג שפּעטער ווען אסנת האָט בעמערקט דעם טרויעריגען פּנים פֿון אדומית, האָט זי זיך צו איהר אָפּגערופען:

— ווי איך האָב לעצטענס בעמערקט ביזטו זעהר אומעטיג און בעזאָרגט... איך ווייס, אַז דו ביזט אימער צו געוועזן פרעהליך און לוסטיג, קענסטו מיר פּיעלייכט נישט זאָגען די אורזאַכע פֿון דיין טרויער.

— ווי זאָל איך נישט זיין אומעטיג און טרויעריג! — האָט די אדומית געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען — ווען מען האָט גענומען דעם וועמען איך האָב אַזוי ליעב און פלוצלונג פערשפּאַרט אין געפענגניס... אונזער חתונה האָט געזאָלט פּאַרקומען אין גיכען... און יעצט האָט זיך פֿון אַלע מיינע חלומות גאַרנישט אויסגעלאָזען.

—און דו ווייסט אין וואָס ער ווערט בעשולדיגט ביי פּרעה'ן — האָט איהר אסנת געפרעגט.

— איך ווייס! אָבער איך קען זיך עס גאָר נישט פאָרשטעלען, ווייל ער איז געוועזן שטענדיג זעהר פּאָרזיכטיג און אַלע כלים פֿון דעם קעניג געהאַלטען זויבער ריין.

— האָסטו זיך שוין מיט איהם געזעהן? — האָט אסנת איהר ווייטער געפרעגט.

ניין! — האָט די אדומית אַ זיפץ געטהאָן — שוין עטליכע וואָכען זינט מען האָט איהם פערשפּאַרט אין געפענגניס, נישט איך האָב געזעהן און נישט איך האָב געהערט פֿון איהם.

— האָסטו געמאַכט אַ פערזוך ווען עס איז צוצוקומען צום געפענגניס?

— ניין, מיין האַרינטע! איך ווייס אַז עס וועט זיין אומזיסט, ערשטענס וועט זליכה מיין האַרינטע מיר נישט דערלאָזען איך זאָל פלוצלונג אוועקגעהן און צווייטענס וועלען מיר די וועכטער פֿון געפענגניס אהין נישט אריינלאָזען.

— ווייסטו וואָס? — האָט אסנת צו איהר געזאָגט — איך וועל זאָגען מיין „מוטער“, אַז איך וויל מיט דיר אוועגעהן שפּאַצירען צום נילוס און דערווייל וועלען מיר ביידע אוועקגעהן צום געפענגניס, און איך וועל שוין זעהן, אַז דער אויפזעהער זאָל דיר צולאָזען צו איהם.

אסנת האָט געקראָגען ערלויבניס ביי זליכה'ן אוועקצושפּאַצירען צום טייך נילוס, און זיי ביידע זיינען אוועק צום געפענגניס. דאָרטען האָט אסנת דעם אויפזעהער איינציגע ווערטער אין דער שטיל געזאָגט און ער האָט אריינגעלאָזען די אדומית און איהר צוגעפיהרט צום קאַמער, וואו דער שר המשקים איז געזעסען.

אַ גליקליכע פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער דעם שר המשקים'ס פּנים, ווען ער האָט די אדומית דערזעהן. ער איז געוועזן אַזוי איבעראַשט, אַז ער האָט בעת מעשה זיין מויל נישט געקענט עפענען.

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער איהר גענומען פרעגען ווי אזוי איהר האָט זיך איינגעגעבען יעצט צו קומען צו איהם.

— איך האָב אזוי פיעל געטראכט פון דיר... — האָט ער געזאָגט קושענדיג איהר האַנט — דו ביזט די איינציגע, וועלכע ווייסט האָבען די מעגליכקייט צו בעווייזען מיין אונשולד און מיר בעפרייען פון דיזען געפענגניס. און יעצט האָבען דיר די געטער צו מיר געשיקט.

— דאָס האָבען מיר צו פערדאַנקען נישט דיינע געטער, אָבער די גוטהערציגע אסנת, די טאָכטער פון פוטיפר — האָט די אדומית געזאָגט — זי האָט פאַר מיר געקראָגען ערלויבנים פון איהר מוטער אוועקצושפּאַ־ציערען און זי האָט אויך געקראָגען ערלויבנים פון דעם אויפזעהער.

— האָסטו איהר עס געבעטען זי זאָל פאַר דיר טהאָן? — האָט דער שר המשקים איהר געפרעגט.

—ניין, זי האָט אין מיין פנים דערקענט, אז איך בין טרויעריג און זי האָט מיר געפרעגט די אורזאכע, און ווען איך האָב איהר דערצעהלט, האָט זי שטאַרק מיטגעפיהלט מיט מיר און זי האָט מיר אָנגעבאָטען צו העלפען.... יעצט מיין טהייערער דערצעהל מיך אלעס.

דער שר המשקים האָט איהר דערצעהלט ווי אזוי סרטן האָט איהם יענעם טאָג אָפּגענאַרט זאָגענדיג, אז זי די אדומית קומט אָן, און ווען ער איז איהר אַרויס ענטקעגען האָט ער זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און אַריינגעטהאָן די פליגען אין פּרעה׳ס ווייז...

— אָה, דאָס וועט איהם נישט געשאַנקען ווערען, האָט די אדומית אויסגערופען מיט צאָרן — איך ווייס, אז ווען זליכה מיין האַרינטע וועט זיך דערפון דערוויסען וועט זי מיר פון איהר הויז פערטרייבען, אָבער קיין זאַך וועט מיר נישט אָפּהאַלטען. איך וועל פאַלען צו פּרעה׳ס פיס אויב מיר וועט נאָר זיין מעגליך צו איהם צו צוקומען און איהם דערצעהלען... יעצט קען איך פערשטעהן פאַרוואָס סרטן איז די לעצטע צייט געוואָרען אזוי פרעהלאַך און אויפגעלעגט... נישט איינמאָל האָט ער זיך נאָך מיט מיר אַ רייץ געטהאָן פרעגענדיג אויב איך וועל נאָך יעצט אויך געהן דיר דערצעהלען אלע סודות וואָס קומט פאָר אין זליכה׳ס הויז.

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת! — האָט דער שר המשקים זיך אָפּגערופען — ווען נישט יוסף, וואָלט מיר קיינמאָל גאַרנישט איינגעפאַלען צו טראַכטען וועגען דעם. ווען איך האָב איהם דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אז דאָס האָט מיר מיינער אַ שונא אָפּגעטהאָן. ערשט דאַן האָב איך זיך דערמאָהנט, אז דעם זעלבען טאָג איז טאַקע סרטן געווען אין דעם צימער, וואו די פלאַש ווייַן איז געשטאַנען און ווי אזוי ער האָט מיר אָפּגענאַרט.אז יעצט איז ביי מיר דער מינדעסטער צווייפעל נישטאָ, דאָס ער האָט עס אַריינגעטהאָן.

— אָט די אלע בעווייזען, זיינען גענוג דיר ריינצואוואַשען און איהם צו בעשולדיגען — האָט די אדומית אויסגערופען — און דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגען, איך וועל שוין זעהן, אז דו זאָלסט בעפרייט ווערען.

דעם זעלבען טאָג איז די אדומית אוועק צו פרעה'ס פּאַלאַץ און איז געשטאַנען אַ היבשע ווייַלע נעבען דעם אַרויסגאַנג. ווען זי האָט דערזעהן פרעה'ס הויפּט מיניסטער, איז זי איהם געפאַלען צו די פיס און זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט.

— וואָס פערלאַנגסטו ? — האָט דער הויפּט מיניסטער איהר טרוקען אַ פרעג געטהאָן.

— איך זוך גערעכטיגקייט... איך וויל אַז פרעה זאָל וויסען, ווער עס איז דער אומשולדיגער און ווער דער שולדיגער — האָט זי ווייטער געזאָגט.

— אָבער איך פערשטעה נישט וואָס דו רעדסט ! — האָט דער מיניסטער געוואָלט ווייטער געהן.

— הער צו מיין האַר צו די רייד פון דיין דינסט ! — האָט זיך די אדומית צו איהם געווענדעט — דער שר המשקים און איך האָבען געזאָלט חתונה האָבען אין גיכען און יעצט ווערט ער בעשולדיגט אין אַ שרעקליכען פערברעכען.

ער איז טאַקע שולדיג ! איך בין דאָן געווען דאַביי, ווען פרעה האָט געטרונקען פון דעם וויין און דאָרטען געפונען פיעלע טויטע פליגען... פאַר אַזאַ פערברעכען געגען דעם קעניג קומט די האַרבסטע שטראָף.

— אָבער מיין האַר, דאָס האָט זיינען אַ שונא געוואָלט זיך אָן איהם אָפּרעכענען און ער האָט עס אַהין אַריינגעטהאָן די פליגען...

— זיינער אַ שונא. ווי קומט ער צו דעם צימער, וואו ער האַלט דעם קעניג'ס וויין ?

דאָס האָט דער שר האופים איהם אָפּגעטהאָן, ווייל ער איז איהם געווען אַ שונא.

די אדומית האָט איהם איבערגעגעבען אַלעס וואָס זי האָט געוואוסט און דער מיניסטער האָט איהר פערשפּראָכען דאָס ער וועט פאָרברענגען דעם גאַנצען ענין פאַר פרעה'ן.

איינינע טעג זיינען פאַראיבער און די אדומית האָט געזעהן, אַז סרטן געהט אַרום פראַנק און פריי אין דער צייט וואָס איהר געליעבטער שמאַכטעט אין געפענגניס, איז זי ווייטער אוועק צום פּאַלאַץ. זי האָט אפילו געמאַכט אַ פּערזוך אַריינצוגעהן אינווענינ, אָבער די לייב-וועכטער פון פרעה'ן האָבען איהר פערטריבען... זי האָט זיך אָבער נישט דערשראָקען און פון דאָרטען נישט אָפּגעטראָטען. פּלוצלונג האָט איהר בעמערקט פּוטיפר, ווען ער איז צוגעקומען צום פּאַלאַץ.

— וואָס טהוסטו דאָ ? — האָט פּוטיפר איהר געפרעגט — פאַרוואָס געהסטו ניט אין הויז צו דיין האַרינטע.

די אדומית האָט איהם אויך אַלע איינצעלהייטען דערצעהלט און געבעטען ער זאָל עס איבערגעבען פרעה'ן.

— דו פערלאַנגסט אפילו פון מיר צופיעל ! — האָט פּוטיפר געשמייכעלט — דו פערגעסט, אַז סרטן איז מיין פרוי'ס ברודער. אָבער איך זעה איין, אַז סרטן איז דער הויפּט שולדיגער און נישט דער שר המשקים... איך האָב ליעב גערעכטיגקייט און איך וועל זעהן, אַז פרעה זאָל דערפון וויסען.

ווען פּוטיפר איז אַריינגעקומען צו פּרעה'ן האָט ער זיך פאַר איהם פערנייגט און איהם גלייך איבערגעגעבען די ווערטער פון דער אדומית...

—יא, איך האָב זיך יעצט דערמאָהנט! — האָט זיך דער הויפּט מיניסטער אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. — א יונגע מיידעל האָט מיר מיט מיט אייניגע טעג צוריק אָפּגעשטעלט און מיר דערצעהלט די זעלבע גע־שיכטע, אויב דאָס זאָל זיך ארויסווייזען, אַזעס איז ריכטיג, וואָלט איך ראַטהען דעם קעניג דעם שר האופים שווער צו בעשטראָפען פאַר אזא געמיינעם פאַרברעכען.

— איז נאָך יענע מיידעל אין דרויסען? ! — האָט פּרעה אויסגערופען

— אויב זי איז נאָך אין דרויסען, דאַן ברענגט איהר אַריין אין פּאַלאַץ און איך וועל איהר אויספרעגען.

אייניגע לייב־וועכטער זיינען ארויס און האָבען נאָך דאָרט געטראָפען די אדומית. זיי האָבען איהר געזאָגט, אז פּרעה האָט איהר געשיקט רופען און זיי זיינען מיט איהר אַריינגעקומען צו פּרעה'ן.

די אדומית איז געפאַלען מיט איהר פּנים צום באָדען נעבען פּרעה'ס טראָהן.

— ווער ביזטו? — האָט פּרעה זיך צו איהר אָפּגערופען, — איך בין די קאַמער מיידעל צו פּוטיפר'ס פרוי — האָט זי געענטפערט.

און וואָס געהערט זיך דער שר המשקים אָן מיט דיר?

— איך בין צו איהם פער'קנס'ט... און מיר האָבען געזאָלט חתונה האָבען.

— גוט, דערצעהל מיר וואָס דו ווייסט! — האָט פּרעה אויסגערופען.

די אדומית האָט אַלעס דערצעהלט.

— ווי דענקט איהר? — האָט פּרעה זיך געווענדעט צו זיינע מיני־סטאָרען נאָכדעם ווי די אדומית האָט געענדיגט רעדען.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דער שר האופים איז אין דעם שולדיג, — האָט איינער פון די מיניסטאָרען אויסגערופען.

— זאָל דער קעניג שיקען רופען דעם שר האופים און מיר וועלען נעהמען אויספאָרשען... און איך בין זיכער, אז עס וועט ניט לאַנג נעהמען און ער וועט זיך מודה זיין.

— זאָל מען גלייך אַריינרופען דעם שר האופים! — האָט פּרעה בע־פוילען און אין א קליינע ווײַלע איז שוין סרטן געשטאַנען פאַר דעם קעניג א בלאַסער און צושראָקענער. און ווען ער האָט דערזעהן די אדומית איז זיי שרעק נאָך גרעסער געוואָרען...

— ווי אזוי האָסטו געוואגט אַריינצוטהאָן טויטע פליגען אין מיין ווין!

— האָט פּרעה אויף איהם פּלוצלונג א געשריי געטהאָן.

סרטן'ס פּנים האָט זיך געגומען בייטען קאָלירען.

— איך... ער... ע.. האָב עס נישט געטהאָן! ! — האָט ער אָנגעהייבען צו שטאַמלען — עס איז א בלבול אויסגעטראַכט אויף מיר... ווי קום איך גאָר צו דעם שר המשקים אין צימער, וואו ער האַלט דעם קעניג'ס ווין.

— האָסטו דעם שר המשקים יענעם טאָג נישט געזאָגט, אַז זיין כלה קומט אָן, —האָט איהם דער הויפּט מיניסטער געפרעגט.

— יע, דאָס האָב איך געזאָגט! — האָט סרטן צוגעגעבען! — אָבער איך האָב געמאַכט אַ טעות!... עס איז גאָר געווען אַן אַנדער פרוי.

— און דורך וועלכען פענסטער האָסטו דאַן ארויסגעקוקט — האָט ער איהם ווידער געפרעגט.

— עס איז געווען דורך דעם פענסטער פון מיין צימער! — האָט סרטן גלייך געענטפערט.

— אָבער דיין פענסטער קוקט דאָך נישט ארויס אין הויף פון פּאַלאַץ — האָט זיך איינער פון די לייב־וועכטער אָפּגערופען — איך בין דאָך נאָר וואָס ביי איהם אין צימער געווען, און זיין פענסטער קוקט גאָר ארויס אין גאַרטען....

— איך געדענק ניט אין וועלכען צימער עס איז געווען! — האָט סרטן גענומען צוריקציהען זיינע ווערטער.

— דו האָסט פּלוצלונג פערלאָרען דיין זכרון! — האָט פרעה אַ געשריי געטהאָן. — יעצט בין איך זיכער, אַז דו האָסט עס געטהאָן... דו האָסט געוואָלט, אַז איך זאָל קראַנק ווערען!

— אָה, ניין, מיין האַר קעניג! דאָס איז קיינמאָל נישט געווען מיין כונה! — האָט זיך סרטן גענומען ביסלעכווייז מודה זיין. — איך האָב גע־וואָלט זיך נוקם זיין אָן שר המשקים, ווייל ער איז מיר געווען אַ גרויסער שונא און דעריבער האָב איך עס געטהאָן...

— אָה, דו אומווירדיגער קנעכט! — האָט פרעה אויסגערופען און זיין פּנים האָט געפלאַמט פון צאָרן — דו האָסט מיר אַ ביזן אריינגעטהאָן פליגען אין מיין וויין! נעהמט איהם שנעל אַוועק פון מיינע אויגען און וואַרפט איהם אריין אין געפענגניס.

צוויי געזונטע לייב־וועכטער האָבען סרטן אָנגענומען און איהם ארויס־געפיהרט פון פּאַלאַץ. מען האָט איהם גלייך געשמידט אין קייטען און אוועקגעפיהרט אין דעם זעלבען געפענגניס, וואו יוסף און דער שר המשקים געפינען זיך.

— און וואָס זאָל מען טהאָן מיט דעם שר המשקים! — האָט דער הויפּט מיניסטער געפרעגט פרעה'ן.

— ער האָט אויך פערדיענט אַ שטראָף! — האָט פרעה אויסגערופען — ווי אַזוי האָט ער גאָר געקענט איבערלאָזען אַ פרעמדען אין דעם צימער, וואו מיין וויין געפינט זיך. וואָס וואָלט געווען ווען אנשטאט די פליגען וואָלט דער שר האופים אריינגעטהאָן סם... דאַן וואָלט איך דאָך געפאַלען אַ טויטער... איידער עס וואָלט נאָך געווירקט אויף דעם שר המשקים, וועלכער פערזוכט פון מיין וויין איידער איך נעהם איהם צום מויל. ניין זאָל ער אויך זיצען אין געפענגניס ביז וואַנען איך וועל זיי ביידען, אי דעם שר המשקים און אי דעם שר האופים משפּט'ן.

די אדומית איז געווען גליקליך, וואָס איהר האָט זיך איינגעגעבען איבערצוצייגען פרעה'ן, ווער דער שולדיגער איז, און בפרט נאָך יעצט אַז

סרטן האָט זיך אַליין מודה געווען... זי ווייס אַז פּרעה׳ס כעס איז נאָך נישט איינגעשטילט געוואָרען און דעריבער האָט ער ניט בעפרייט דעם שר המשקים. ער וועט נאָך ביידען משפּט׳ן, אָבער זי האָט געהאָפּט אַז יעצט איז איהר געליעבטער אַרויס פֿון סכנה. אַ ווי דאַנקבאַר זי דאַרף עס זיין צו אסנת׳ן וועלכע האָט פֿאַר איהר מעגליך געמאַכט זיך צו זעהן מיט איהר געליעבטען אין געפֿענגעניש. וואָס פֿאַר אַ נאָבעלע האַרץ אסנת בעזיצט. באַלד אָבער האָט זי גענומען טראַכטען וועגען איהר האַרינטע זליכה און אַ ציטער איז דורך איהר קערפּער, וואָס וועט זי צו איהר טהאָן ווען זליכה וועט זיך דערוויסען אַז זי איז דאָס שולדיג אין סרטן׳ס צרה... וועט זי איהר דען שענקען? אָבער פֿאַר וואָס זאָל זי מורא האָבען, האָט דען איהר האַר, פּוטיפר אַליין נישט געהערט אַז סרטן האָט זיך מודה געווען...

ווי איבעראַשט איז די אדומית געוואָרען, ווען זליכה האָט איהר באַלד, דעם זעלבען טאָג, ווען מען האָט איהר ברודער אַרעסטירט, אַריינגערופֿען צו זיך אין צימער און צו איהר געזאָגט מיט אַ פֿריינדליכע שטימע:

— דו פֿאַרדינסט שטאַרק געלויבט צו ווערען פֿאַר דיין מוטה און בראַווקייט, מיט דיין געוואַגטקייט האָסטו געמאַכט אַז גערעכטיגקייט זאָל געטהאָן ווערען... דער שולדיגער וועט בעשטראָפֿט ווערען און דער אומשולדיגער וועט מסתּמא בעפרייט ווערען... און איך מוז דיר זאָגען אַז כאָטש סרטן איז מיין ברודער, גלויב איך פֿונדעסטוועגען אַז ער האָט פֿאַרדינט דאָס האַרבסטע שטראָף, און בפרט ווער ער האָט זיך אַליין מודה געווען אין דיעזען שרעקליכען פֿאַרברעכען, אָבער זאָג מיר, אדומית, פֿון וואַנען האָסטו געוואוסט אַז דאָס האָט סרטן אַריינגעטהאָן די פֿליגען אין פּרעה׳ס וויין.

— איך ווייס שוין פֿון לאַנג אַז סרטן איז אַ שונא פֿון דעם שר המשקים, אָבער ווען איך האָב איהם יענעם טאָג בעזוכט, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז סרטן איז געווען ביי איהם אין צימער און איהם אָפּגענאַרט, זאָגענדיג אַז איך קום אָן, דערווייל איז ער אַרויס אויף אַ רגע מיר אַנטקעגען צו געהן און איבערגעלאָזען סרטן אַליין אין צימער. אָט פֿון די אַלע קלייניגקייטען בין איך געקומען צום בעשלוס אַז דאָס איז סרטן׳ס אַרבייט... און געלויבט זיינען די געטער, וואָס ער האָט זיך מודה געווען אין פּרעה׳ס אַנוועזענהייט...

יעצט זעה איך אַז דו ביזט זעהר קלוג און פֿעהיג און דערפֿאַר וועל איך דיר טאַקע דערהויבען צו זיין מיין הויפּט קאַמער מיידעל — האָט זליכה געזאָגט.

— איך דאַנק דיר, מיין האַרינטע — האָט די אדומית פֿאַר איהר זיך פֿערנייגט — איך האָף נור יעצט אַז דער קעניג זאָל בעפרייען דעם שר המשקים, ווייל... ע... ווייל מיר האָבען געזאָלט אין גיכען חתונה האָבען.

— דו האָסט דעם שר המשקים ליעב? — האָט איהר זליכה געפֿרעגט.

— יע, מיין האַרינטע, מיר האָבען זיך ליעב איינער דעם צווייטען, און מיר האָבען שוין ביידע מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג פֿון אונזער חתונה, דאַרף זיך פּלוצלונג מאַכען אַזאַ אומגליק!

אַ פייערל פון קנאה און שנאה צו דער אדומית האָט זיך אָנגעצונדען אין זליכה׳ס אויגען... זי האָט זיך אָבער בעהערשט און מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל זיך אָפּגערופען:

— עס איז דאָך אַזוי גוט ליעב צו האָבען און געליעבט צו ווערען. איך שטעל זיך פאָר, ווי שטאַרק ליעב דער שר המשקים וועט דיר האָבען, ווען ער וועט זיך דערוויסען ווי קלוג דו ביזט און וואָס דו האָסט פאַר איהם געטהאָן...

ווען די אדומית איז אַוועקגעגאַנגען האָט זיך ערשט זליכה׳ס כעס צופלאַקערט און זי האָט גענומען שילטען איהר ברודער סרטן...

אַזאַ טויגעניכטס! — האָט זי צו זיך געמורמעלט — ער נעהמט און איז זיך מודה אין דיעזען פערברעכען. ווען ער וואָלט געלייקענט און זיך דאַביי געהאַלטען גאַנץ פעסט, וואָלט דאָך קיינער נישט דערגאַנגען דעם אמת... יעצט איז אַלעס פאַרלאָרען. ער זאָל איהר אַקאָרשט ניט אַריינשלעפּען אין אַ צרה... דער גולם! ער קען זיך נאָך נעהמען מודה זיין אין די איבעריגע זאַכען, וועגען זיינע פּלענער, וועגען זיין פאַרבינדונג מיט די אַראַבער, און וועגען דעם ווי אַזוי ער און זי האָבען געפּלאַנעוועט צו פערלאָזען מצרים און זיך בעזעצען אין דעם לאַנד פון דעם שונא. דאַן איז זי אַ פאַרלאָרענע... מען וועט אויך איהר בעשולדיגען אין פערראַט און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שטראָף עס וועט איהר ערוואַרטען. יע, זי מוז זיך מיט איהם זעהן איידער ער וועט ווייטער נעהמען פּלאַפּלען מיט זיין נאַרישען צונג... זי קען גלייך ניט געהן צו איהם אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט זי זיך מוזען מיט איהם זעהן און אָנזאָגען איהם, ער זאָל נישט וואַגען מעהר פּלוידערען, וועט זי זעהן איהם צו בעפרייען...

ווען סרטן איז אַריינגעפיהרט געוואָרען אין געפענגניס, האָט ער בעת מעשה ניט בעגריפען זיין לאַגע. איהם האָט זיך געדוכט אַז זיין שוועסטער זליכה וועט שוין זעהן פּועל׳ן ביי איהר מאַן פּוטיפר׳ן, דאָס ער זאָל איהם בעפרייען. ווען אָבער מען האָט איהם גענומען און געשמידט אי קייטען, איז זיין שרעק גרעסער געוואָרען... ער האָט זיך גענומען דערמאָהנען ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי די אדומית האָט מיט אַזאַ זיכערקייט איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט זיך געמוזט מודה זיין, איז אַ ציטער דורכגעגאַנגען זיין קערפּער... וועט איהם פּרעה דערפאַר בעשטראָפען?... ניין! ער וועט זיך שוין אַרויסדרעהען פון שטראָף. דער קעניג און זיינע מיניסטאָרען ווייסען גאַנץ גוט אַז זיין כונה איז ניט געווען אָפּצוטהאָן פּרעה׳ן, נור, כדי זיך נוקם צו זיין אָן דעם שר המשקים, וועמען ער האָט פיינט געהאַט. און אחוץ דעם וועט פּוטיפר געוויס האָבען מיט איהם איינזעהעניש און איהם אַרויסהעלפען...

ווען סרטן האָט בעמערקט דעם שר המשקים, האָט ער זיך געוואונדערט אויב ער ווייס פאַר וואָס מען האָט איהם דאָ אַרעסטירט... ער איז געקומען צום בעשלוס אַז דער שר המשקים ווייס פון גאָר נישט און האָט דעריבער

ביי זיך בעשלאָסען איהם צו נאַרען און זאָגען אַז פּרעה איז אויף איהם אין כעס געוואָרען צוליעב אַן אַנדער זאַך.

— ווי עס ווייזט אויס זיינען מיר ביידע גלייך אין די אויגען פון די געטער — האָט סרטן זיך אָפּגערופען צו דעם שר המשקים — אַז אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי דו האָסט זיך פערזינדיגט פאַר דעם קעניג, בין איך אויך בעגאַנגען אַ פערברעכען געגען איהם!

— און אין וואָס בעשטעהט דיין פערברעכען? — האָט זיך דער שר המשקים ניט וויסענדיג געמאַכט.

— ווען איך האָב דערלאַנגט די געבעקס פאַר פּרעה׳ן און ער האָט גענומען עסען, האָט ער דאָרט געפונען אַ שטיקעל שפּענדעל... נו, איז ער אין כעס געוואָרען און מיר געהייסען פאַרשפּאַרען אין דיזען געפענגניס.

— דו קענסט נאָך האָפען בעפרייט צו ווערען! — האָט דער שר המשקים געזאָגט —דו ביזט דאָך דער שוואָגער פון פּוטיפר׳ן, און פּרעה טהוט אַלע מאָל זיין ווילען, אָבער איך בין דאָך אַזוי עלענד און וועל שוין דאָ וואהרשיינליך פערפוילט ווערען.

— דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גוטער פריינד איך בין דיר! — האָט סרטן זיך אָפּגערופען — און ווי נאָר איך וועל בעפרייט ווערען, וועל איך שוין ניט רוהען ביז וואַנען איך וועל זעהן דיר אויך אַרויסצונעהמען פון דאַנען!...

— איך דאַנק דיר, סרטן, פאַר דיין „חסד“ און גוטסקייט! יעצט זעה איך אַז דו ביזט מיר אַן איבערגעגעבענער פריינד און קיין זאַך וועט פאַר דיר ניט שווער זיין צו טהאָן פאַר מיר.

— נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך ביידע געווען אַזוי פיעל יאָהרען צוזאַמען, און מיר וואָלט זיך פּשוט געביינקט נאָך דיר — האָט סרטן געזאָגט.

— ווי עס ווייזט אויס, איז אונז ביידען בעשערט אימער צו זיין צו־זאַמען — האָט דער שר המשקים געזאָגט מיט אַ „שמייכעל“.

— און ווי בעהאַנדעלט מען דיר דאָ? — האָט סרטן איהם געפרעגט.

— זעהר גוט! — האָט ער געענטפערט — דאָס עסען קריג איך אין צייט און מיינע פערלאַנגען ווערען פּינקטליך ערפילט...

— נו, געוויס, דעם קעניג׳ס אַרעסטירטע זיינען דאָך נישט קיין איינ־פאַכע פערברעכער! — האָט סרטן צוגעגעבען. דער אויפזעהער פון גע־פענגניס דאַרף וויסען ווי צו שעצען אַזעלכע אַרעסטירטע ווי מיר זיינען...

—דעריבער טאַקע האָט ער אויסגעקליבען יוסף׳ן, ער זאָל בעדיענען אַלע אַרעסטירטע פון קעניג — האָט דער שר המשקים געזאָגט!

— יוסף!! — האָט סרטן אויסגערופען מיט צאָרן — וואָס? ער געפינט זיך אויך דאָ! אָ, ניין, איך וויל זיין פּנים נישט אָנקוקען. ווען ער וועט צו מיר צוקומען וועל איך איהם צום טויט דערשלאָגען...

— ווי עס ווייזט אויס האָסטו זעהר אַ קורצען זכרון, סרטן — דו פאַרגעסט די קלעפּ וואָס דו האָסט שוין אַ פאַר מאָל געקראָגען פון יוסף׳ן און דו נעהמסט איהם ווידער סטראַשען... ווען דו ביזט געווען פריי פלעגט ער דיר אָנברעכען די ביינער, וואָס ער קען טהאָן צו דיר יעצט, ווען דו ביזט

אַרעסטירט! דו בעסער זײַ זעהר פאָרזיכטיג! יוסף איז דאָ דערהויבען געוואָרען בײַ דעם אויפזעהער, און אין זיינע הענד געפינען זיך אַלע שפּייזען פון געפעננגנים, אַז דו וועסט יוסף׳ן בעלײַדיגען, וועסטו נאָך מעגליך דאַרפען הונגערען...

—איך וועל בעסער הונגערען איידער צו נעהמען שפּייז פון דעם קנעכט׳ס האַנט! — האָט סרטן געדריקט זיין פויסט — ניין, איך וועל זיין פּנים ניט אַנקוקען!

— מסתמא ביזטו יעצט זאַט! —האָט דער שר המשקים זיך אָפּגעַרופען. ווען דו וועסט זיך אויסהונגערען וועט צו דיר קיין אונטערשייד ניט זיין ווער עס ברייננגט דיר דאָס עסען!

ווען סרטן האָט געזעהען יוסף׳ן אַנקומענדיג, האָט ער זיך צוריקגעצויגען צו זיין קאַמער מיט גרויס צאָרן און אויפרעגונג.

— האָסטו שוין געזעהען דעם נייעם גאַסט וועמען מיר האָבען דאָ היינט געקראָגען — האָט דער שר המשקים זיך אָפּגערופען צו יוסף׳ן:

— יע, איך ווייס אַז סרטן איז דאָ... דיין כלה האָט געטהאָן איהרעס.

— איך האָב דיר, יוסף, צו פערדאַנקען פאַר דעם, כאָטש איך ווייס נאָך ניט וואָס דער קעניג וועט צו מיר טהאָן. ווייל דו זעהסט דאָך אַז מיך האָט מען דערווייל נישט בעפרייט און עס איז מעגליך אַז איך וועל בעקומען די זעלבע שטראָף. אָבער איך ווייס, אַז ווען נישט דו וואָלט דער שר האופים יעצט אַרומגעגאַנגען פריי, און קיינער וואָלט גאָר אפילו איהם ניט חושד געווען, אַז ער איז אַזאַ פערברעכען בעגאַנגען געגען מיר און געגען דעם קעניג!

—סרטן איז דיר נישט חושד, אַז דו ווייסט פון אַלעס? — האָט יוסף געפרעגט.

— ניין, ער האָט מיר דערצעהלט אַ נייעם ליגען. ער האָט געזאָגט אַז אין זיינע געבעקס האָט דער קעניג געפונען שפּענדלאַך און דאַריבער האָט מען איהם אַרעסטירט.

— עס וועט זיין פיעל בעסער ווען סרטן זאָל קיין אהנונג נישט האָבען אַז מיר ווייסען פון אַלעס! — האָט יוסף געזאָגט.

———————

לאַנג האָט סרטן ניט געקענט אויסהאַלטען דעם הונגער. ווען דער אויפזעהער איז צו איהם צוגעקומען, האָט ער זיך בעקלאָגט דאָס ער איז הונגעריג.

— האָט דיר דען יוסף ניט געבראַכט קיין עסען? ! — האָט איהם דער אויפזעהער געפרעגט.

— ער האָט מיר געבראַכט עסען, אָבער איך האָב ניט געוואָלט נעהמען פון זיין האַנט, ווייל איך האָב איהם שטאַרק פיינט...

— דאָ אין געפעננגנים איז ניטאָ קיין יחסנים! — האָט דער אויפזעהער זיך אָפּגערופען — איך האָב יוסף׳ן בעשטימט איבער אַלע אַרעסטירטע און דו וועסט דאַרפען טהאָן וואָס ער הייסט דיר. אויב ניט וועסטו דאַרפען הונגערען!

— אָבער יוסף האָט שטאַרק בעליידיגט מיין שוועסטער! — האָט סרטן אויסגערופען, און דעריבער וויל איך זיין פנים ניט אָנקוקען.

— דו ביזט אָהער נישט געקומען צו משפט'ן יוסף'ן. דו דאַרפסט טהאָן אַלעס וואָס יוסף הייסט דיר, אַז ניט וועסטו נישט קריגען קיין עסען — האָט ער געזאָגט און איז אַוועק.

סרטן'ס הונגער איז געוואָרען גרעסער... דער ריח פון דעם עסען וואָס יוסף האָט געטראָגען, האָט נאָך מעהר צורייצט זיין אַפעטיט, און ווען יוסף איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיך מעהר נישט געקענט באַהערשען און אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

יוסף האָט איהם געגעבען זיין חלק שפייז און סרטן האָט באַלד אַלעס פאַרשלונגען שילטענדיג יוסף'ן מיט שרעקליכע קללות.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זליכה געקומען בעזוכען איהר ברודער. סרטן האָט זיך שטאַרק דערפרעהט איהר צו זעהן.

— איך בעט דיר, מיין שוועסטער! — האָט סרטן זיך צו איהר אָפּגערופען — זעה מיר צו בעפרייען פון דיעזען פּלאַץ... אָח, די אדומית! זי האָט מיר אומגליקליך געמאַכט!

— נישט די אדומית, נור דיין אייגען צונג! — האָט זליכה קוים איינגעהאַלטען איהר כעס. ווען דו וואָלסט זיך נישט מודה געווען, וואָלט דער קעניג קיין מאָל נישט דערגאַנגען דעם אמת!

— איך האָב זיך ניט געקענט העלפען, מיין שוועסטער. מען האָט מיר אַזוי צוגעדריקט, אַז איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי זיך מודה צו זיין! איך האָב זיך גענומען ווידערשפּרעכען, און ווען איך האָב געזעהען ווי פּרעה'ס צאָרן ברענט אויף מיר, האָב איך זיך אין גאַנצען פערלאָרען און זיך מודה געווען. אָבער זאָג דאָך מיר, זליכה, וועט מיין שטראָף זיין אַ גרויסע?!

— דו דאַרפסט ניט פערגעסען אַז דו ביזט בעגאַנגען אַ גרוים פערברעכען נעגען קעניג! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען.

— אָבער דו קענסט דאָך בעטען פּוטיפר'ן ער זאָל זיך פאַר מיר משתדל זיין ביי דעם קעניג און ער זאָל מיר בעפרייען... איך ווייס אַז איך וועל שוין מעהר ביי פּרעה'ן ניט קענען זיין דער שר האופים, אָבער דאָס אַרט מיך נישט. ווי איך וועל פריי זיין, אַזוי פערלאָז איך מצרים און איך וועל אַריבערגעהן צו די אַראַבער. די פּלענער פון די פעסטונגען האָב איך, און עס וועט זיי נישט שווער אָנקומען איינצונעהמען מצרים, און דאַן וועלען מיר ביידע זיין גליקליכע.

— מיט דיין גרויסען שכל און נאַרישען צונג וועסטו נאָך מיר אויך אומגליקליך מאַכען! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען. פון וואַנען בין איך זיכער אַז ווען מען וועט דיר נעהמען ווידער אויף אַ שטרענגען פערהער, וועסטו זיי אַלעס דערצעהלען. דו וועסט זיי אויך דערצעהלען אַז איך נעהם אויך אַן אַנטהייל אין דעם, און אַז איך האָב בעשלאָסען צו אַנטלויפען פון פּוטיפר'ן און איבערגעהן צוזאַמען מיט דיר צו די שונאים פון מצרים!

— אַ, ניין, מיין שוועסטער. איך שווער ביי די געטער פון שכם אַז

איך וועל אזא זאך קיין מאָל נישט טהאָן!

— דו מוזט זעהן צו זיין זעהר פאָרזיכטיג! — האָט איהם זליכה געוואָרענט — אויב דו ווילסט אז איך זאָל זיך משתדל זיין פאר פוטיפר׳ן דיר צו בעפרייען, דאַן דארפסטו דיין מויל האַלטען פערשלאָסען, אפילו ווען מען וועט דיר צווינגען צו ריידען.

— דו ווייסט דאָך מיין שוועסטער, אז דיר וועל איך נישט פאַר־ראטען... איך וואָלט דיר קיין מאָל נישט אריינגעמישט, אפילו ווען מען וואָלט אויסגעפונען וועגען מיינע פלענער מיט די אראבער.

— אויב דו וועסט זיך וויסען ווי אויסצוהיטען ניט ארויסצופלאפלען קיין איבעריגען וואָרט, וועל איך טהאָן אלעס וואָס איך קען פאר דיר, און ווען איך וועל זיך אָבער דערוויסען, אז דו האָסט זיך נאָך מעהר פארפלאָנטערט, וועל איך דיר לאָזען דאָ פערפוילט ווערען — האָט זליכה איהם געוואָרענט און זי איז שנעל ארוים פון געפענגנים.

.33

די חלומות אין תפיסה

באלד א יאָהר צייט איז פאראיבער זינט דער שר המשקים און דער שר האופים זיינען געזעסען אין געפענגניס וואו יוסף איז געווען, און די גאנצע צייט האָט פרעה געמיינט אז דער שר המשקים ווייס ניט דאָס ער איז געווען שולדיג אין זיין אומגליק. יוסף האָט געראטהען דעם שר המשקים ער זאָל זיך ניט וויסענדיג מאכען.

— עס וועט זיין בעסער פאר דיר, ווען פרעה וועט קיין אהנונג ניט האָבען אז מיר וויסען וועגען זיין פארברעכען — האָט איהם יוסף געזאָגט.

פרעה'ס שנאה צו יוסף'ן איז אויף א האָר ניט געמינערט געוואָרען, און ווען ער פלעגט בעמערקען ווי דער שר המשקים פארברייננגט מיט יוסף'ן און רעדט מיט איהם גאנץ נאטירליך פלעגט עס איהם שטארק פארדריסען.

— ווי אזוי ערנידעריגסטו זיך און פארברייננגסט מיט דיזען קנעכט ? — פלעגט פרעה איהם נעהמען מוסר'ן — דו ווייסט גאָר נישט ווי איך האָב איהם פיינט... וויפיעל האָט געפעהלט אז איך זאָל איהם אליין מיט מיינע הענט אויפהענגען ?... איך האָב שוין געהאלטען די פעטליע איבער זיין האלדז, און ווען ניט אסנת, וואָלט איך שוין פון איהם לאנג פטור געוואָרען...

— איך געפין אז ער איז זעהר עהרליך און קלוג — האָט דער שר המשקים איהם געענטפערט מיט א שמייכעל — און ווען איך פארברייננג מיט איהם, בעמערק איך נישט ווי שנעל די צייט געהט אוועק...

— או ווען דער קנעכט וואָלט צו מיר צוגעגאנגען און אנגעפאנגען צו ריידען מיט מיר, ווי ער וואָלט געווען מיין גלייכען, וואָלט איך איהם מכבד געווען מיט מיין פויסט אזוי שטארק, אז ער וואָלט שוין קיין כח ניט געהאט אונז צו בעדינען !

— און דו גלויבסט אז יוסף וואָלט דיר געשוויגען !... — האָט דער שר המשקים זיך מיט איהם א רייץ געטאָן — האָסטו דען קיינמאָל נישט פערזוכט דעם טעם פון זיין פויסט ?...

— שטעל זיך פאָר אז ער וואָלט דאָ נישט געוואגט צו הויבען א האנט נעגען מיר... ווייל ער ווייס אז ווען איך וועל בעפרייט ווערען, וועט שוין מיין שוועסטער זעהן איבערצוגעבען דיזען פערפלוכטען קנעכט אין מיינע הענד און דאן וועט ער שוין קיין לעבעדיגער פון מיינע הענד ניט ארויסגעהן.

— דו רעדסט וועגען בעפרייט ווערען פון געפענגניס ! איך האָב שוין באלד אין גאנצען פארלאָרען מיין האָפנונג ווען עס איז פריי צו ווערען. עס

איז שוין באלד א יאָהר, ווי איך זיץ דאָ, אין דיזען פינסטערען גרוב, פאר א פערברעכען וואָס איך האָב ניט בעגאנגען, און קיינער קימערט זיך ניט וועגען מיר... עס דוכט זיך מיר אז איך וועל שוין דאָ מוזען אָפּפינסטערען די איבעריגע טעג פון מיין לעבען — האָט דער שר משקים געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען...

— זעהסטו, און איך בין זיכער אַז מיך וועט מען אין גיכען בעפרייען — האָט דער שר האופים מיט שטאָלץ געזאָגט — מיין שוועסטער וועט שוין דערצו זעהן... זי וועט פערלאנגען פון פוטיפר'ן, ער זאָל זיך פאר מיר משתדל זיין און בעטען דעם קעניג ער זאָל מיך אַרויסלאָזען פריי. פוטיפר וועט עס זיכער טאָן, ווייל זליכה איבט אויס זעהר א גרויסען איינפלוס איבער איהם... און דיר איז דאָך בעוואוסט אז פרעה ענטזאגט קיינמאָל ניט פוטיפר'ס פערלאנג. יע, מיין פריינד, ווען מען האָט אזא שוועסטער ווי זליכה, דארף מען שוין גאָר נישט זאָרגען! זי וועט שוין מיך אַרויסנעהמען פון דיזער טיפענים.

— נו, איז דיר טאקע וואויל און גוט! — האָט דער שר המשקים זיך אָפּגערופען — אָבער וואָס זאָל איך טהאָן, אז איך בין עלענד, און איך האָב ניט אזאַ שוועסטער ווי דו האָסט...

— איז טאקע נישט גוט, ברודער! — האָט סרטן א שמייכעל געטהאָן, אָבער ווען איך זאָל וועלען קען איך דיר העלפען... איך וועל זאָגען איין גוט וואָרט וועגען דיר צו מיין שוואָגער פוטיפר און דו ביזט אַ געראטעוועטער. אָבער דאָס וועל איך טהאָן פאר דיר אויב דו וועסט מיר פערשפּרעכען מעהר גאָר נישט צו האָבען צו טהאָן מיט דעם קנעכט יוסף'ן.

— ווען איך וועל זעהן אז מען וועט דיך בעפרייען פון דאַנען, וועל איך דאן אויפהערען צו ריידען מיט יוסף'ן ווי דו טהוסט עס — האָט דער שר המשקים איהם געענטפערט.

* * *

איין פריהמאָרגען, ווען יוסף האָט געבראכט דעם פריהשטיק פאר דעם שר המשקים און דעם שר האופים, האָט ער בעמערקט וויביידע זיצען אַזוי פערטרויערט מיט זייערע קעפּ אָנגעשפּאַרט אויף זייערע הענט... א וויילע איז ער נעבען זיי געשטאַנען און געוואַרט זיי זאָלען אָנפאנגען צו עסען. אָבער דער פריהשטיק איז ניט גערירט געוואָרען. דאָס האָט יוסף'ן שטאַרק געוואונדערט, איבערהויפּט האָט ער ניט געקענט פארשטעהן פאר וואָס דער שר המשקים עסט ניט... סרטן ווייס ער, איז אימערצו אָנגעבלאָזען און ברוגז אָבער דער שר המשקים? זאָל עס זיין אז ער איז אויף איהם אויך אין כעס?

יוסף איז פון זיי אוועקגעגאנגען און ווען ער איז ווידער צוריק געקומען און געפינענדיג דעם שר המשקים נאָך אַלץ פערטרויערט און פעראומערט האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען:

— זאָג דאָך מיר מיין פריינד, פאר וואָס ביזטו היינט מעהר טרויעריג ווי פריהער, זאָג מיר, פיליכט וועל איך דיר קענען בעהילפיג זיין מיט אַן עצה.

— די חוצפּה פון אזא פארשאָלטענעם קנעכט! — האָט זיך סרטן אריינגעמישט — ער וועט איהם קענען העלפען! דאָס האָסטו דיר, ווייל דו ביזט צו איהם געווען אזוי צוגעלאָזען. ער וועט ניט וואגען צו ריידען צו מיר ווי צו זיין גלייכען!

דער שר המשקים האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און געוואָרפען א בליק אויף יוסף'ן.

— מיר האָט זיך גע'חלומ'ט זעהר א מאָדנער חלום, און איך ווייס ניט וואָס פאר א בעדייטונג דער חלום האָט. איך שרעק זיך זעהר שטארק — האָט דער שר המשקים געזאָגט מיט א נידעריגער שטימע...

— חלומות! — האָט יוסף אויסגערופען — וויפיעל חלומות האָב איך גע'חלומ'ט אין מיין יוגענט... מיינע ברידער האָבען מיר א צונאָמען נעגעבען: „דער בעל חלומות"! אָבער מיין פריינד, ניט אַלע חלומות ווערען פערווירקליכט! און דעריבער דארפסטו ניט זאָרגען אפילו ווען דיר האָט זיך גע'חלומ'ט א שלעכטער חלום!

— איך וואָלט זיך אפשר אזוי נישט גענומען צום הארצען, ווען דער שר האופים וואָלט מיר נישט געהאט דערצעהלט זיין חלום, וואָס איהם האָט זיך אויך גע'חלומ'ט דיזעלבע נאכט. יע, עפּעס געמיינזאמעס איז פאראן צווישעןביידע חלומות! אָ, ווען אימיצער זאָל נאָר מיר קענען ערקלעהרען די בעדייטונג פון דעם חלום!

די ריכטיגע בעדייטונג פון חלומות קען נאָר גאָט אליין וויסען! — האָט יוסף געזאָגט — אָבער אָפּטמאָל גיט ער אריין דעם מענשען א געדאנק ריכטיג פּותר צו זיין א חלום. דערצעהל מיר דאָך דיין חלום.

— מיר האָט זיך לעצטע נאכט גע'חלומ'ט — האָט דער שר המשקים אָנגעפאנגען — אז איך שטעה אין א וויינגארטען. נעבען מיר האָב איך פּלוצלונג דערזעהן א וויינשטאק מיט דריי צווייגען און אויף די צווייגען האָבען פאר מיינע אויגען אָנגעפאנגען די וויינטרויבען רייף צו ווערען... איך גיב אַ קוק און איך זעה, אַז איך האַלט דעם בעכער פון פּרעה'ן אין מיין האַנט. איך האָב אַרונטערגעריסען די וויינטרויבען און אויסגעקוועטשט זייער זאַפט אין פּרעה'ס בעכער, און איך האָב דעם בעכער דערלאנגט צו פּרעה'ן און ער האָט דערפון געטרונקען....

יוסף האָט זיך א ווײלע פארטראכט און נאכהער זיך אָפּגערופען:

— אנשטאט צו זיין אומעטיג, מיין פריינד, צוליעב דיזען חלום, האָסטו גאָר בעדארפט פרעהליך זיין... ווייל דיעזער חלום זאָגט פאָראויס דיין גליק. יע, די דריי צווייגען וואָס דו האָסט געזעהן אויף דעם וויינשטאק מיינען דריי טעג. אין די דריי טעג ארום וועט פּרעה זיך אָן דיר דערמאָנען און וועט דיך אומקעהרען צו דיין פריהערדיגע שטעלע. דו וועסט ווידער זיין פּרעה'ס שר המשקים און פּרעה וועט טרינקען פון דעם וויין וואָס דו וועסט איהם דערלאנגען... אזוי ווי גאָר נישט האָט פּאַסירט...

— אָ, יוסף! — האָט דער שר המשקים געדריקט זיין האנט! דיינע ווערטער האָבען מיך דערפרעהט און ערמוטהיגט... און ווען דאָס זאָל נאָר זיין ווי דו האָסט געזאָגט איך זאָל אין דריי טעג ארום בעפרייט ווערען און

צוריק ווערן פרעה׳ס שר המשקים. אָה, ווי גליקליך איך וואָלט דאַן געווען... ווען דאָס זאָל נאָר זיין אמת!

— און אויב עס וועט אזוי זיין ווי איך האָב דיר פותר חלום געווען, וועסטו זיך אָן מיר ווען עס איז דערמאהנען, און זעהן אז איך זאָל אויך פון דאַנען בעפרייט ווערען? — האָט יוסף איהם געבעטען — מען האָט אויף מיר א בלבול געמאכט און מיך אריינגעזעצט אין תפיסה... א חוץ דעם בין איך ניט קיין געבאָרענער קנעכט, נאָר מען האָט מיך פאַר א קנעכט פער־קויפט... פערשפּרעכסטו עס צו טאָן פאַר מיר?

— ווען דיינע רייד וועגען מיין חלום וועלען פערווירקליכט ווערען, דאַן וועל איך דיך געוויס ניט פארגעסען — האָט דער שר המשקים געזאָגט און זיין פנים איז ווידער פרעהליך געוואָרען.

— גאָט וועט דיר העלפען און אלעס וואָס איך האָב דיר געזאָגט וועט מקוים ווערען! — האָט יוסף איהם פערזיכערט און ער האָט גענומען אוועק־געהן.

ווען סרטן האָט דערהערט ווי אזוי יוסף האָט פותר חלום געווען דעם שר המשקים און דערזעהן דעם גוטען איינדרוק, וואָס עס האָט אויף איהם געמאכט, האָט ער זיך אָפּגערופען צו דעם שר המשקים:

— רוף איהם צוריק, איך וויל איהם אויך מיין חלום דערצעהלען און זאָל ער מיר ערקלעהרען די בעדייטונג דערפון.

דער שר המשקים האָט צוריק גערופען יוסף׳ן און סרטן האָט צו איהם געזאָגט:

— וואַרט, איך וועל דיר אויך מיין חלום דערצעהלען.

יוסף האָט זיך דערנעהנטערט צו איהם און סרטן, ניט קוקענדיג יוסף׳ן אין פנים האָט אָנגעפאנגען דערצעהלען מיט א רוגזה׳דיגער שטימע:

„אין מיין חלום האָב איך געזעהן דריי קערב פול מיט פערשידענע גע־בעקס, וואָס איך פלעג ברייגנען פאַר פרעה׳ן. די דריי קערב האָב איך גע־טראָגען אויף מיין קאָפּ און איך בין געגאנגען צו פרעה׳ן. פּלוצלונג זיינען געקומען צולויפען פיעלע פויגלען און זיי האָבען גענומען פיקען פון דעם געבעקס. איך האָב געוואָלט די פויגלען פערטרייבען. האָב איך זיך פּלוצלונג אויסגעגליטשט און די דריי קערב זיינען ארונטערגעפאלען פון מיין קאָפּ, און די פויגלען האָבען נאָך אלץ געפּיקט פון דעם געבעקס...

יוסף האָט א קוק געטהאָן אויף סרטן און ער האָט געשוויגען.

— נו, פאַר וואָס זאָגסטו מיר ניט די בעדייטונג פון מיין חלום?! — האָט סרטן א שטשירע געטהאָן מיט די צייהנער...

יוסף האָט א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און געוואָלט אוועקגעהן.

— ניין, דו וועסט פון דאַנען נישט אוועקגעהן ביז דו וועסט מיר זאָגען — איז סרטן א שפרונג געטהאָן אויף איהם און איהם צוגעהאלטען פאַר זיין בגד. האָסט דעם שר המשקים פותר חלום געווען דאַרפסטו מיר אויך ער־קלעהרען די בעדייטונג פון מיין חלום.

— גוט! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען. — לאָז מיך אָפּ און איך וועל דיר זאָגען די בעדייטונג פון דיין חלום.

סרטן האָט איהם אָפּגעלאָזען און יוסף האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איהם, און נאָך אַלץ געציטערט.

— נו, רייד! — האָט סרטן אַ געשריי געטהאָן.

— די דריי קערב וואָס דו האָסט געזעהן אין דיין חלום — האָט זיך יוסף אָפּגערופען — מיינען דריי טעג. אין דריי טעג אַרום וועט דער קעניג פּרעה זיך אין דיר דערמאהנען און ער וועט הייסען מען זאָל דיך אַרויסנעהמען פון געפענגנים...

— און דאַן, וואָס וועט זיין? — איז סרטן אומגעדולדיג געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן אַז יוסף האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט — פאַר וואָס זאָגסטו מיר ניט וואָס דאַן וועט געשעהן?

— און דאַן — האָט יוסף געזאָגט מיט אַ נידעריגער שטימע — וועט פּרעה דיך אויפהיינגען אויף אַ בוים און די פייגלען וועלען פּיקען פון דיין פלייש.

— אָ, דו אומווירדיגער קנעכט! — האָט סרטן זיך געוואָרפען מיט זיינע פויסטען אויף איהם!

דער שר המשקים האָט איהם פערהאַלטען, אָבער סרטן האָט גענומען שיטען מיט קללות אויף יוסף׳ן.

— וואַרט, ווען איך וועל בעפרייט ווערען פון געפענגעניס, וועל איך שוין נישט רוהען ביז וואַנען מיין שוועסטער זליכה וועט פועל׳ן ביי פּוטיפאַר׳ן ער זאָל דיך איבערגעבען אין מיינע הענט... און איך וועל טהאָן צו דיר דאָס וואָס דו האָסט מיר יעצט געזאָגט אַז פּרעה וועט צו מיר טהאָן! כאַ, כאַ, כאַ, — האָט זיך סרטן צעלאַכט, ווענדענדיג זיך צום שר המשקים. — דיך וועט פּרעה בעפרייען און מיך וועט ער הענגען! ווער וועט זיך דאָס פאַר דיר משתדל זיין פאַר פּרעה׳ן? פאַר מיר וועט שוין פּוטיפאַר זעהן אַלעס צו טהאָן. אָבער ווער וועט זיך דאָס קימערען פאַר דיר?!

— און דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען אַז פּרעה זאָל טהאָן גערעכטיגקייט? ער ווייס ווער עס האָט אַריינגעטאָן די טויטע פליגען אין זיין ווייך... יע, אַלע ווייסען, אַז דו האָסט עס געטאָן... און איך לייד אומשולדיגערהייט.

סרטן׳ס פּנים האָט זיך געביטען קאָלירען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך.

— פּרעה ווייס אַז איך האָב דאָס געטהאָן כדי זיך נוקם צו זיין אָן דיר. ער ווייס אויך אַז דו האָסט פאַרנאַכלעסיגט דיין פליכט אָפּצוהיטען פּרעה׳ס געטראַנק, און דעריבער וועט ער דיר טאַקע בעשטראָפען מעהר ווי מיר! פערגעס ניט אַז איך האָב אַ שוועסטער און איהר נאָמען איז זליכה... און זי הערשט איבער פּוטיפאַר׳ן, און פאַרגעס אויך ניט אַז דיין אַרומית איז בלויז די דיענסט צו מיין שוועסטער.

דער שר המשקים און יוסף האָבען סרטן גאָר ניט געענטפערט... זיי האָבען איהם איבערגעלאָזען און יעדער פון זיי איז אַוועק צו זיך אין קאַמער.

.34

דער משפט

אין גאנץ מצרים האָבען אלע מיט גרויס שפּאנונג געוואַרט אויף פּרעה'ס געבורטסטאָג וואָס דאַרף זיין אין דריי טעג ארום, דאָס איז געווען א יום־טוב פאר אַלעמען, ווייל פּרעה פלעגט צו יעדען געבורטסטאג געבען הנחות פאר'ן פאָלק; ער פלעגט פערלייכטערען די צינזען וואָס דאָס פאָלק פלעגט איהם צאָהלען, און כאָטש דאָס פלעגט ניט אָנהאלטען, און מיט איינינע וואָכען שפּעטער פלעגען די פּריסטער ווידער שינדען די הויט פון אָרימען פאָלק, איז פּאָרט געווען דערוויייל א שמחה ביים פאָלק, און גאנץ מצרים האָט געפייערט פּרעה'ס געבורטסטאָג מיט גרויס פּאראַד.

אין יענעם טאָג פלעגט פּרעה דורכקוקען די פערברעכען פון אַלע אַרעס־טירטע פון זיין פּאלאַץ, און בעפרייען דאָס רוב פון זיי, און די וועלכע האָבען זיך שטאַרק פערזינדיגט געגען איהם, פלעגט פּרעה לאָזען הינריכטען אין דעם טאָג פון זיין געבורטה גאנץ פריה, איידער די פייערליכקייטען האָבען זיך אָנגעפאנגען.

זליכה האָט געוואוסט אז דער פערברעכען אין וואָס איהר ברודער, דער שר האופים, האָט זיך מודה געווען פאר פּרעה'ן, איז זעהר א שווערער און מעגליך אז פּרעה וועט איהם פער'משפּט'ן פאר לעבענסלעגגליכע געפענגנים, און פאר דאָס האָט זי שטאַרק מורא געהאט. זי קען דאָך איהר ברודער'ס צונג... עס וועט לאַנג ניט דויערען און ער וועט ארויספּלאַפּלען וועגען אלע פּלענער וואָס ער האָט איהר אָנפערטרויט און דערצו אויך איהר פערמישען אין דעם... זי איז זיכער, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט עס אזוי געשעהן און דאן איז זי א פערלאָרענע... זי האָט די גאַנצע צייט געזוכט אויסצומיידען צו ריידען מיט פּוטיפר'ן וועגען איהר ברודער, ווייל זי האָט געוואוסט אז פּוטיפר האָט איהם שוין פון לאַנג געהאַסט און ער וועט זיכער איהם מעהר ניט וועלען טהאָן קיינע טובות...

ווען דער טאָג פון פּרעה'ס געבורטסטאָג האָט זיך דערנעהנטערט, האָט זליכה זיך איינמאָל אָפּגערופען צו פּוטיפר'ן:

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת מיין טייערער מאַן, אז מיין צאָרן אויף סרטן איז אזוי גרויס, אז מיר אַרט גאָר ניט וואָס פאר א שטראָף דער קעניג וועט איהם געבען...

— יאָ, זליכה, ער האָט אונז ביידען קיין כבוד ניט פאַרשאַפט, און דו קענסט זיך פאָרשטעלען ווי שולדיג איך פיהל זיך פאר פּרעה'ן, ווייל איך בין

דאָך געווען דער יעניגער וועלכער האָט רעקאָמענדירט סרטן צו זיין דעם קעניג׳ס שר האופים... און יעצט זעהן אלע וואָס פאר א פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער דיין ברודער בעזיצט.

— דאָך וואָס דענקסטו וועט דער קעניג צו איהם טהאָן? האָט זליכה איהם געפרעגט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז אויב ער וועט איהם פער־משפט׳ן אויף לעבענסלענגליכע געפענגניס, וועט עס נאָך פאר איהם זיין א גאַנץ לייכטע שטראָף!

— אָבער ניין, פוטיפר! — האָט זליכה אויסגערופען — דו דאַרפסט זעהן אזא זאך צו פערמיידען.

— וואָס מיינסטו? ! — איז שוין פוטיפר געווען עטוואָס אויפגערעגט — איך זאָל ווייטער געהן צום קעניג און פערלאַנגען פון איהם ער זאָל איהם בעגנאַדיגען!

— ניין, דאָס פערלאַנג איך ניט פון דיר, ליעבער פוטיפר, האָט זליכה צו איהם געזאָגט — אָבער שטעל זיך פאָר, וואָס פאר א פלעק עס וועט זיין אויף אונז ביידען, אז מיין ברודער וועט דאַרפען אָפּזיצען אין געפענגניס זיין גאַנצען לעבען... וועל איך דען קענען אַריבערטראָגען די חרפה? עס וואָלט שוין פאר אונז ביידען א סך בעסער געווען ווען פרעה פער׳משפט איהם צום טויט... דאַן וואָלט די שאַנדע געווען פאר אונז בלויז אויף א קליינע ווײלע און דערנאָך וואָלט אלעס פערגעסען געוואָרען... ווען אָבער ער וועט זיצען אין געפענגניס זיין גאַנצען לעבען, ייעל איך זיך דאַרפען מיט איהם שעהמען די איבעריגע טעג פון מיין לעבען!

— נו, און וואָס קען איך דיר דאָ העלפען? ! — האָט פוטיפר אויס־גערופען — איך וועל דאָך געווים ניט בעטען פרעה׳ן ער זאָל פערלייכטערען זיין שטראָף...

— ווען דו וועסט זעהן אז פרעה וויל איהם פער׳משפט׳ן צו לעבענס־לענגליכע געפענגניס, קענסטו זיך אריינמישען און פאַרשלאָגען אז לויט דיין מיינונג קומט דעם שר האופים פאר אזא פערברעכען — דעם טויט! און איך צווייפעל ניט אז פרעה וועט זיכער טהאָן לויט דיין מיינונג!

— אָבער זליכה! — האָט פוטיפר איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג, דו ווילסט... אז ע... איך זאָל הייסען פרעה׳ן איהם פער׳משפט׳ן צום טויט? !

— יאָ! — האָט זליכה ענטשלאָסען געענטפערט — עס וועט זיין פאר אונז אלעמען א סך בעסער, ווען סרטן וועט באלד געטויטעט ווערען איידער ער זאָל אָפּפינסטערען זיין גאַנצען לעבען אין געפענגניס און דערצו נאָך פערשוואַרצען אונזערע פנים׳ער... כל זמן מיין ברודער וועט זיצען אין גע־פענגניס וועל איך זיך שעהמען צו ווייזען די אויגען פאַר אלע אונזערע פריינד... וועט עס דען פאר מיר זיין אנגענעהם, ווען איך קום זיך צוזאמען מיט פריינד און בעקאַנטע און זיי פרעגען מיך: „נו, וואָס מאכט דיין ברו־דער?“ ווען האָסטו איהם לעצטענס געזעהן?“ „איז עס טאקע גאָר קיין האָפנונג ניטאָ, ער זאָל ווען עס איז בעפרייט ווערען?“ נו, זעהסטו, איידער איך זאָל דאַרפען מיין גאַנצען לעבען הערען אזעלכע „ליעבליכע פראַגען“ פון

אונזערע פריינד, איז שוין פאר מיר בעסער אז סרטן זאָל זיין טויט... דאַן וועט מען דאָך געוויס מעהר ניט שטעלען קיין פראגען וועגען איהם... בין איך דען ניט גערעכט, פּוטיפר!

— יע, דו ביזט גערעכט זליכה! — האָט פּוטיפר איהר געענטפערט — אָבער איך וויים ניט אויב איך וועל האָבען אַ רעכט זיך אריינצומישען און זאָגען דעם קעניג וואָס צו טהאָן.

— ווי געוועהנליך אויב דער קעניג וועט וועלען סרטן אין גאנצען בע־פרייען וועסטו פערשטעהט זיך ניט האָבען דאגעגען, אָבער אויב דו וועסט אויסגעפינען אז ער וויל איהם פער'משפט'ן אויף אייביגע געפענגניס, פער־לאַנג איך פון דיר, דו זאָלסט זיך אריינמישען און פאָרשלאָגען מען זאָל איהם בעסער הענגען... איך בין זיכער אז פרעה וועט דיין פאָרשלאַג אָננעהמען...

— גוט, איך וועל דיין פערלאַנג טהאָן! — האָט זיך פּוטיפר אָפּגערפען — אויב דו ביזט צופרידען, וועל איך געוויס ניט זיין דאגעגען.

* * *

דער טאָג פון פרעה'ס געבורטסטאָג איז געקומען. פרעה איז דאַן גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען און האָט געהייסען בריינגען פאר איהם די אלע וועלכע האָבען געגען איהם געזינדיגט.

מען האָט געבראַכט צו פיהרען אלע פערברעכער געשמידט אין קייטען, און זיי אויסגעשטעלט אין אַ רייהע.

ארום פרעה'ן זיינען געזעסען אלע זיינע מיניסטאָרען און אויך פּוטיפר.

פרעה האָט בעטראַכט דעם פערברעכען פון יעדען איינעם, פיעלע פון זיי האָט ער איגנאַנצען בעפרייט און אַנדערע האָט ער פער'משפט נאָך צו זיצען אין געפענגניס פערשידענע טערמינען. אָט האָט מען געבראַכט פאר'ן קעניג דעם שר המשקים, וועלכער איז געווען אין גאַנצען בלאַס און צושראָקען.

דער בעשולדיגטער האָט פאר פרעה'ן פאָרגעלייענט דעם פערברעכען פון דעם שר המשקים.

— יאָ, איך געדענק עס! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען, די טויטע פליגען האָט דאָך דער שר האופים אריינגעטאָן און כאָטש זיין פערברעכען איז געווען וואָס ער האָט צוגעלאָזען אַ פרעמדען צו דעם צימער וואו ער האלט מיין וויין, גלויב איך דאָך אז ער האָט דעם שר האופים ניט פעררעכענט פאר אַ פרעמדען און איהם ניט געקענט חושד זיין אז ער זאָל האָבען אַזאַ בייזע כונה וועגען מיר... אַזוי ווי ער איז שוין אָפּגעקומען פאר זיין נאַכ־לעסיגקייט, דעריבער וועל איך דעם שר המשקים אין גאַנצען מוחל זיין, און איך וועל איהם צוריקגעבען זיין אמט... זאָל ער ווידער מיר דערלאַנגען מיין וויין. נעהמט ארונטער די קייטען פון זיינע הענד! — האָט פרעה בעפוילען.

מען האָט פון איהם ארונטערגענומען די קייטען, און דער שר המשקים איז געפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און בעדאַנקט דעם קעניג פאר דעם חסד וואָס ער טהוט מיט איהם.

— שטעה אויף! — האָט פרעה זיך צו איהם אָפּגערופען — און בריינג מיר גלייך אַ בעכער וויין... מיר איז שוין טרוקען געוואָרען אין האלדז.

דער שר המשקים האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און מיט גרויס שמחה געגאַנגען ברייננען ווייז פאר דעם קעניג.

גלייך נאָך דעם האָט מען פאָרגעבראַכט סרטן פאַר דעם קעניג.

מיט שווערע טריט איז סרטן געגאַנגען. זיינע הענד זיינען געווען גע־קייטעלט און זיין פנים איז געווען פערכמורעט... ווען ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן פוטיפר'ן צווישען די מיניסטאָרען, האָט ער זיך געפיהלט א סך זיכערער. דאָס האָט זיין שוועסטער געזעהן דאָס פוטיפר זאָל זיין און זעהן בעטען פרעה'ן ער זאָל איהם בעפרייען. ער האָט זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון פוטיפר'ן...

פלוצלונג האָט ער דערזעהן ווי דער שר המשקים קומט אריין מיט א בעכער וויין און דערלאַנגט עס צו פרעה'ן.

פרעה האָט פריהער עטוואָס אָפגעגאָסען אין א צווייטע כלי און ווען דער שר המשקים האָט עס אויסגעטרונקען, דאן האָט פרעה גלייך גענומען טרינקען פון דעם וויין...

— נו, אויב דער שר המשקים איז בעפרייט געוואָרען און צוריקגעקראָ־גען זיין שטעלע, וועט ער דאָך זיכער בעפרייט ווערען... פוטיפר וועט שוין דערצו זעהן — האָט זיך סרטן געטראַכט... ער האָט זיך גענומען פאָרשטע־לען וואָס ער וועט טהאָן גלייך ווי ער וועט בעפרייט ווערען, ער וועט גלייך אוועקגעהן צו זיין שוועסטער און איהר דערצעהלען ווי אזוי יוסף האָט איהם פותר חלום געווען און וועט איהר בעטען זי זאָל פאָדערען פון פוטיפר'ן ער זאָל איבערגעבען יוסף'ן אין זיינע הענד... ער וועט איהם הענגען אויף דעם זעלבען פלאַץ, וואו ער האָט צום ערשטען מאָל עס געוואָלט טהאָן צו איהם... און ווי ער וועט פטור ווערען פון דעם פערהאַסטען קנעכט יוסף'ן וועט ער גלייך חתונה האָבען מיט אסנת'ן.

פרעה האָט אויסגעטרונקען די וויין און האָט געהאַלטען דעם לעדיגען בעכער אין זיין האנד.

— ווען איך דערזעה דעם פנים פון דעם שר האופים, דערמאָהן איך זיך אָן די טויטע פליגען וואָס ער האָט אריינגעטאָן אין מיין וויין — האָט פרעה זיך א טרייסעל געטהאָן מיט עקעל... זיין פערברעכען איז זעהר גרויס! איך וויל קיינמאָל זיין פנים ניט אָנקוקען! איהם וועל איך שוין קיינבאָל ניט בעפרייען, וואָס פאר א שטראָף זאָל איך איהם געבען? — האָט זיך פרעה געווענדעט צו זיינע מיניסטאָרען.

— לעבענסלענגליכע געפענגניס האָט סרטן פערדיענט! — האָט דער הויפט מיניסטער אויסגערופען.

— יאָ, אזוי וועט עס זיין! ער זאָל איינגעשפארט ווערען אין תפיסה אויף זיין גאַנצען לעבען — האָט פרעה געזאָגט.

— מיין האר קעניג! — האָט זיך פוטיפר אָפגערופען און זיך אויפגע־שטעלט פון זיין פלאַץ.

סרטן, וועלכער האָט זיך געפיהלט שטאַרק דערשלאָגען און פארביטערט פון דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט, איז גלייך צו זיך געקומען ווען ער האָט דערזעהן אז פוטיפר שטעלט זיך אויף איהם צו פארטיידיגען. זיין

האפנונג האט ער נאך ניט פערלארען. אפילו ווען מען זאל איהם ווידער אוועקשיקען אין געפענגנים, וועט שוין פוטיפר איהם פון דארטען בעפרייען, האט ער זיך געטראכט און אנגעשטרענגט זיינע אויגען און אויערען צו הערען ווי אזוי פוטיפר וועט איהם פארטיידיגען.

— מיין האר קעניג! — האט פוטיפר זיך פערנייגט פאר פרעה'ן — די זינד וואס סרטן, דער שר האופים איז בעגאנגען געגען דעם קעניג, איז זעהר גרויס און אומפערצייהליך... דאס איז נאך קיינמאל ניט געהערט געווארען, אז דעם קעניג'ס א בעאמטער זאל אזא פערברעכען בעגעהן... און איך גלויב אז לעבענסלענגליבע געפענגנים איז א צו גרינגע שטראף פאר אזא פערברעכען... דער שר האופים האט פערדיענט דעם טויט! די פליגען וואס ער האט אריינגעטהאן אין פרעה'ס ווייו זיינען געווען טויטע און פערגיפטעטע און ווער ווייס וואס עס וואלט מיט דעם קעניג פאסירט ווען ער וואלט אויסגעטרונקען דעם גאנצען וויין... איך גלויב אז די איינציגע שטראף פאר סרטן איז די תליה!

פרעה'ס צארן האט נאך שטארקער אין איהם געברענט, ווען ער האט דערהערט פון פוטיפר'ן די שווידערליכקייט פון סרטן'ס פערברעכען.

— דו האסט רעכט, מיין געטרייער פוטיפר — האט פרעה אויסגערופען, — סרטן זאל גלייך געהאנגען ווערען! זאל מען איהם שנעל פיהרען צו דער תליה! איך וויל מעהר זיין פנים נישט אנקוקען.

איינינע לייבוועכטער האבען גענומען ארויספיהרען סרטן.

— זליכה! זליכה! — האט סרטן גענומען אויסשרייען — א, זליכה, זעה וואס דיין מאן האט צומיר געטהאן...

איינער פון די לייבוועכטער האט ארויפגעלעגט זיין געזונטע האנט אויף סרטן'ס מויל, און מען האט איהם גלייך ארויסגעפיהרט פון פאלאץ.

אין מיטען הויף פון פאלאץ איז געשטאנען די פערטיגע תליה, אויף וואס מען האט אויפגעהאנגען אלע פערברעכער געגען פרעה'ן. דארטען האט מען צוגעפיהרט סרטן, וועלכער האט נישט אויפגעהערט צו שרייען און צו שטורמען.

דער שר המשקים האט ארויסגעקוקט פון פענסטער צו זעהן ווי אזוי מען הענגט סרטן, און פלוצים האט ער דערזעהן די אדומית... ער איז גלייך ארונטערגעלאפען צו איהר און איהר אנגעקוקט מיט דאנקבארע אויגען...

— איך בין גליקליך, אז דו ביזט ווידער פריי געווארען, און ווי איך האב זיך נאר וואס דערוואוסט ביזטו ווידער אנגעשטעלט געווארען אלס דעם קעניג'ס שר המשקים.

— און דאס האב איך דיר אלעס צו פארדאנקען! — האט דער שר המשקים אויסגערופען און אנגענומען איהר האנט. — און אט דער רשע, סרטן, בעקומט יעצט זיין פערדיענטע שטראף. — קום צו עטוואס נעהנטער — איך וויל הערען, וואס ער האט צו זאגען, איידער מען הענגט איהם!

— מיר איז זעהר שווער צוצוקוקען ווי אזוי מען הענגט א מענשען — האט די אדומית זיך צו איהם אפגערופען — אבער איך וויל דיר זאגען, אז

זליכה אליין וועט זיך שטארק נישט נעמען צום הארצען פאר דעם טויט פון איהר ברודער.

— יע, מיין ליעבע! — האט דער שר המשקים זיך אפגערופען — ווען נישט יוסף, וועלכער האט מיינע אויגען געעפענט אין געפענגנים, וואלט מיר נאר קיינמאל נים איינגעפאלען, אז סרטן זאל עס האבען אריינגעטאן די פליגען אין דעם וויין... און ווער וויים אויב איך וואלט יעצט נישט געהאנגען געווארען אויף סרטן׳ם פלאץ, ווען דו וואלסט גלייך נישט ארויסגעקומען מיט א בעשולדיגונג געגען סרטן...

— אט הענגט מען איהם שוין! — האט די אדומית אויסגערופען און פערשטעלט איהרע אויגען מיט די הענט.

דער שר המשקים איז צוגעגאנגען נאהענט און ער האט נאך געקענט הערען די לעצטע קללות, וואס סרטן האט געשאלטען זיין איינגענע שוועסטער און פוטיפר׳ן... באלד אבער איז ער איינגעשטילט געווארען אויף עויג. זיין קערפער איז געבליבען הענגען, און די פויגלען האבען זיך אפגעשטעלט אויף זיין הענגענדען קערפער.

אין א פאר טעג ארום, אין אן אווענד איז זליכה מיט פוטיפר׳ן צוגע־פאהרען צום קעניגליכען פאלאץ און איינינע פון איהרע קנעכט האבען ארונטערגענומען סרטן פון דער תליה און זיין קערפער בעגראבען נישט ווייט פון דעם טייך נילוס.

זליכה האט זיך יעצט געפיהלט א סך זיכערער, יע, סרטן האט זיין גרויסען סוד מיטגענומען אין קבר. יעצט וויסט קיינער נישט, אז זי האט מיט איהם געפלאנעוועט צו פארראטען פרעה׳ן צו זיינע שונאים! א שווער־קייט איז איהר אראפ פון הארצען... טאקע ער איז געווען איהר ברודער, אבער ווען ער וואלט לעבען, וואלט א סך ערגער געווען פארביידען. ער וואלט זיך געווים ארויסגערעדט וועגען דעם און זיך אליין פארראטען צו־זאמען מיט איהר.

35

פרעה׳ס חלום

צוויי יאָהר צייט זיינען אוועקגעגאַנגען זינט דער שר המשקים איז צוריק אָנגעשטעלט געוואָרען אויף זיין שטעלע, און ער האָט אינגאַנצען שוין פאַרגעסען אָן יוסף׳ן.... ער האָט חתונה געהאַט מיט דער אדומית, און איז געווען זעהר גליקליך. די ערשטע צייטען פלעגט ער נאָך מאַכען אַ בעזוך אין געפענגנים וואו יוסף איז, און זיך נאָכפרעגען אויף איהם. ביסלעכווייז אָבער איז איהם יוסף אינגאַנצען אַרויס פון זינען, ון ער האָט איהם די גאַנצע צייט נישט דערמאָנט, נישט צו גוטען, און נישט צום שלעכטען.

זליכה איז אָבער ווידער געוואָרען אומרוהיג. יעצט אַז איהר ברודער איז געווען טויט, האָט זיך אין איהר נאָכאַמאָל אויפגעברויזט די ליעבע צו איהר אַמאָליגען קנעכט יוסף׳ן. זי איז געווען זיכער, אַז דורך די עטליכע יאָהר וואָס יוסף זיצט אין געפענגנים האָט ער זיך געווים געענדערט... ער וועט שוין זעהן אַז ער האָט קיינע אויסזיכטען, ווען עס איז בעפרייט צו ווערען, סיידען ער וועט זיך אונטערגעבען צו איהר.

זליכה האָט באַשלאָסען צו מאַכען נאָך אַ פאַרזוך זיך צו זעהן מיט יוסף׳ן אין געפענגנים, אפשר וועט איהר יעצט געלינגען איהם איבערצוריידען. פוטיפר׳ן האָט זי נאָך מעהר פערהאַסט און יעצט זעהט זי, אַז אַזוי שנעל וועט זי פון איהם נישט פטור ווערען....

זי האָט אָפגעוואַרט אויף אַ טאָג, ווען פוטיפר וועט זיין פערנומען בא פרעה׳ן און זי האָט זיך אויסגעפוצט אין איהרע שעהנסטע קליידער, זי האָט אָנגעטהאָן איהרע טייערע צירונג און איז אוועק אין געפענגנים. דער אויפזעהער האָט איהר גלייך צוגעלאָזען צו יוסף׳ן. זי האָט איהם געפונען זיצענדיג פערטרויערט און פערטראַכט...

— יוסף! — האָט זי אויסגערופען — ווען זי האָט זיך צו איהם דערנעהנטערט.

יוסף האָט איהר גלייך דערקענט און איז צוריקגעטראָטען עטליכע שריט.

— יוסף, דו דאַרפסט זיך פון מיר ניט ערוויטערען! — האָט זליכה זיך צו איהם אָפגערופען — איך האָב דיר יעצט געבראַכט גוטע נייעס... זיי וויסען, אַז דיין גרעסטער שונא, מיין ברודער סרטן איז שוין טויט... יע, דער קעניג האָט איהם...

— און עס איז שוין באַלד צוויי יאָהר ווי ער איז טויט, ביזטו עס מיר יעצט געקומען אָנזאָגען די נייעס! — האָט יוסף געשמייכעלט — און

איך קען דיר זאָגן, אַז איך האָב דאָס פאַראויס געזאָגט צו איהם, נאָך מיט דריי טעג פריהער, איידער זיין משפט איז פאָרגעקומען. כ'האָב ביידען, אי דעם שר המשקים אין דיין ברודער פותר געווען זייערע חלומות, און אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט.

— נו, פיליכט קענסטו אויך פאָראויס זאָגען וואָס מיט דיר וועט פּאַסירען ? — האָט זליכה צו איהם געזאָגט — ווי עס ווייזט אויס ביזטו שוין אַזוי צוגעוואָהנט געוואָרען צו דעם לעבען אין געפענגנים אַז דיך אַרט נישט, אויב דיר וועט אויסקומען צו זיצען ביז דיינע לעצטע טעג...

— איך האָב מיין האָפנונג נישט פאַרלוירען ! — האָט יוסף איהר געענטפערט — דער גאָט, וועלכער האָט זיך אָפּגערעכענט מיט מיינע שונאים, וועט טהאָן צו מיר ווייטער גערעכטיגקייט און ער וועט מיך בע־פרייען פון דיזען שרעקליכען פּלאַץ און דאַן וועלען אַלע וויסען, אַז איך בין געווען ריין און אומשולדיג פון זינד !

— דאָס וועט קיינמאָל נישט פּאַסירען, יוסף ! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ קנעכט איז נישט אַזוי בעגליבט ווי די פרוי פון פרעה'ס הויכען בעאַמטען... אָבער ווען דו וואָלסט מיך געוואָלט פאָלגען, וואָלט דיר געווען גוט און וואויל... און דו דאַרפסט וויסען זיין, אַז אין אמת'ן האָב איך אַליין פעראורזאַכט מיין ברודער'ס טויט... יע, ווען נישט איך, וואָלט מען איהם פיעלייכט פער'משפּט צו פערבלייבען מיט דיר אין געפענגנים אויף זיין גאַנצען לעבען... דו וואָלסט געהאַט מיט זיך אַן אייביגען שכן... און ווען איך זאָל וועלען קען איך דיר יעצט אויך שיקען צו איהם.

— ווען דו וואָלסט עס געקאָנט, וואָלסטו עס געוויס געטהאָן.

— איך האָב עס נישט געטהאָן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט... ווייל איך האָב דיך נאָך אַלץ ליעב... אָבער דו פאַרשטעהסט מיך ניט... דו ביזט אין מיינע הענט, ווען איך וויל, ווערסטו נאָך מאָרגען בעפרייט, און ווען איך זאָל נאָר וועלען, ווערסטו נאָך היינט געהאַנגען... אָבער איך בין יעצט ניט געקומען דיך צו דראָהען, יוסף, איך בין געקומען דיך דערמאָהנען אין מיין שטאַרקע ליבע צו דיר...

— אויב דאָס איז געווען דיין כונה, האָסטו זיך ווידער אומזיסט מטריח געווען ! — האָט איהר יוסף געזאָגט.

— יוסף, איך האָב דיר געבראַכט מיין גאַנצע ציערונג, אַלעס וועט גע־הערען צו דיר... קיין זאַך וועט דיר ניט פעהלען... בעזין זיך ! זעהסטו דען ניט דעם גרויסען גליק וואָס דיר שטעהט פאָר ? ! איך האָב זעהר פיעל גאָלד, און ווען דו וועסט באַפרייט ווערען פון געפענגנים, וועלען מיר ביידע קענען אַנטלויפען פון מצרים... דאַן וועסטו שוין אין גאַנצען פריי זיין... און איך וועל אויך פריי זיין פון מיין פוטיפר'ן... זעהסטו ניט, אַז מיין אייגענעם ברודער האָב איך געלאָזען טויטען צוליעב דיר ? !

— דו מיינסט, אַז דו וועסט קענען זינדיגען געגען גאָט וויפיעל דיין האַרץ גלוסט און וועסט זיך אַרויסדרעהען פון שטראָף ? גאָט אין הימעל זעהט אַלעס צו און האָט געדולד מיט די שלעכטע, און ווען די צייט קומט, געהט קיינער ניט אַוועק אומבאַשטראָפט... און דיר וועל איך צום לעצטען

מאָל זאָגען, אַז אויב דו וועסט מיך קומען ווידער באַלעסטיגען, וועל איך שוין זעהן אַז מיין האַר פּוטיפר זאָל זיך דערפון דערוויסען.

זליכה׳ס פּנים האָט גענומען ברענען פון צאָרן...

—איך ווייס! — איז זי אויפגעשפּרונגען פון איהר פּלאַץ — דו האָסט ליעב אסנת׳ן! מען האָט מיר איבערגעגעבען, אַז זי האָט דיך שוין עטליכע מאָל בעזוכט. אָבער פאַרגעס ניט, אַז זי איז אין מיינע הענט, און אויב זי וועט מיך ניט פאָלגען, וועל איך קענען טהאָן צו איהר ווי איך האָב געטהאָן צו מיין ברודער!

—דו וועסט ניט וואגען איהר קיין שלעכטעס צו טהאָן! — האָט יוסף אויסגערופען — ווייל איך ווייס אַ סך מעהר פון דיר, ווי דו שטעלסט זיך פאָר!

— דו אומווירדיגער קנעכט! — האָט זליכה אויסגעשריען — דו גלויבסט, אַז איך האָב מורא פאַר דיר. איידער דו וועסט נאָך קענען דיין מויל עפענען וועסטו שוין ביי מיר הענגען! אָבער ניין... פריהער וועסטו זעהן ווי איך גיב אָפּ אסנת׳ן צו איינעם פון די מצריים פאַר אַ ווייב, און ערשט דאַן וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען... איך וועל שוין זעהן דערצו, אַז אסנת וועט דיר מעהר ניט באַזוכען אין געפענגנים!... און איך שווער ביי אַלע געטער פון מצרים, אַז גאָר אין גיכען וועל איך צו דיר טהאָן ווי עס איז געטהאָן געוואָרען צו סרטן... און אפילו אסנת, וועלכע האָט דיך ליעב, וועט שוין אויך דיר מעהר ניט קענען העלפען! דאָס איז דאָ לעצטע מאָל וואָס איך זעה דיר אַ לעבעדיגען, דו וועסט הענגען אזוי ווי מיין ברודער!
— האָט זי אויסגערופען און שנעל פאַרלאָזען דעם געפענגנים.

* * *

איין פריהמאָרגען איז גאַנץ מצרים אויפגערודערט געוואָרען... זייער קעניג פּרעה׳ן האָט זיך גע׳חלום׳ט אַ מאָדנער חלום, און ער האָט געשיקט רופען אַלע זיינע חכמים, די מיניסטאָרען און די חרטומים, אָבער זייערע אויסטייטשונגען און ערקלעהרונגען פון זיין חלום האָט דעם קעניג ניט גענומען...

אַלע האָבען געוואוסט אַז פּרעה איז זעהר אויפגערעגט און אין כעס... ער האָט זיינע חכמים געוואָרענט דאָס אויב זיי וועלען ניט קענען ריכטיג אויסטייטשען זיינע חלומות אין משך פון דריי טעג, וועלען זיי זעהר שלעכט אָפּשניידען. יעדער האָט גענומען טראַכטען און ווי נאָר איהם איז אַ געדאַנק אַרויפגעקומען, איז ער גלייך געלאָפען צום פּאַלאַץ און געמאָלדען זיך פאַר דעם קעניג.

זיינען געקומען שטערען־זעהער און פּריסטער פון אַנדערע שטעט און געבענשט פּרעה׳ן אין דעם נאָמען פון זייער שטאַרקען גאָט אזירים.

— זאָל דער מעכטיגער קעניג פּרעה, די ליכט פון מצרים, לעבען אויף עוויג! — האָט דער הויפּט פון די פּריסטער זיך אָפּגערופען — דערצעהל מיר דיין חלום און איך וועל דיר זאָגען זיין באַדייטונג.

פּרעה האָט אַ ווײלע געשוויגען. ער האָט בעטראַכט דעם פּריסטער און

די איבעריגע חכמים, שטערנזעהער און חרטומים, וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט און נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— מיר האָט זיך גע'חלום'ט: איך שטעה ביים ברעג פון טייך נילוס און בעטראַכט דעם קלאָהרען וואַסער וואָס פליסט זיך אַזוי געלאַסען און רוהיג און פלוצלינג דערזעה איך ווי פון וואַסער קומען אַרויס זיבען שעהנע קיה, פעטע און געזונטע און זיי האָבען זיך געפיטערט אויף דער לאַנקע... באַלד נאָכדעם האָב איך דערזעהן ווי זיבען אַנדערע קיה געהן אַרויס פון טייך, אויסגעדאַרטע און מאָגער זיינען זיי געווען, הויט און ביינער, איך האָב נאָך אַזעלכע מאָגערע קיה קיינמאָל ניט געזעהן. די זיבן שלעכטע קיה האָבן זיך געפיטערט נעבען די זיבען פעטע און גוטע קיה... מיט אַמאָל דערזעה איך ווי די זיבען מאָגערע און דאַרע קיה האָבען אויפגעעפענט זייערע מיילער און האָבען איינגעשלונגען די זיבען פעטע קיה... דאָס איז פאַרגעקומען אַזוי שנעל, און ווען איך האָב בעטראַכט די מאָגערע קיה איז אָן זיי גאַרניט געווען צו דערקענען אַז זיי האָבען פאַרשלונגען די פעטע קיה... זיי זיינען פאַר־בליבען די זעלבע אויסגעדאַרטע קיה ווי פריהער. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און איך האָב אפילו קיין אַכטונג ניט געגעבען צום חלום...

איך האָב זיך אומגעקעהרט אויף'ן צווייטען זייט און ווידער אַנט־שלאָפען געוואָרען. באַלד אָבער האָט זיך מיר גע'חלום'ט אַ צווייטער חלום: איך שטעה אין פעלד... פלוצלונג שפּראָצען אַרויס פון דער ערד זיבען פאַנגען פון קאָרן, גוטע און פולע זיינען זיי געווען. באַלד נאָך זיי האָבען אַרויס־געשפּראָצט פון דער ערד זיבען אַנדערע זאַנגען, פוסטע, אויסגעגעליידיגטע, אויסגעקלאַפּטע פון ווינד און דיזע שלעכטע און ליידיגע זאַנגען האָבען איינ־געשלונגען די גוטע און פולע זאַנגען. דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און איך האָב שוין מעהר ניט געקענט אַנטשלאָפען ווערען. מיין הארץ האָט אין מיר געקלאַפּט. ווען מיר חלומ'ט זיך צוויי גלייכע חלומות אין דער זעלבער נאַכט, דאַן מוז עס עפּעס באַדייטען. איך האָב גלייך אין דער פריה געשיקט רופען מיינע חכמים און זיי דערצעהלט, אָבער זיי ווייסען ניט וואָס דאָס באַדייט!

דער פּריסטער האָט אַ ווייליע פאַרגלאָצט זיינע אויגען. ער האָט גע־קנייטשט מיט זיין שטערען און געמאַכט משונה'דיגע העויות מיט זיין מויל און נאָכהער האָט ער אויסגערופען:

— איך האָב עס! עס איז אַזוי קלאָהר און דייטליך ווי די זון אין מצרים! די זיבען פעטע קיה וואָס דו, מיין האר קעניג, האָסט געזעהן אין דעם חלום, מיינט אַז זיבען טעכטער וועלען צו דיר געבאָרען ווערען, און די זיבען מאָגערע קיה, וועלכע האָבען איינגעשלונגען די פעטע מיינט, אַז דיינע זיבען טעכטער וועלען אַלע שטאַרבען אין איין טאָג! און די זיבען זאַנגען מיינען, אַז דו וועסט נעהמען זיבען שעהנע ווייבער, או די שלעכטע זאַנגען באַדייטען, אַז דיינע זיבען ווייבער וועלען אויסשטאַרבען אין איין טאָג.

פּרעה'ס פּנים איז רויט געוואָרען פון צאָרן, און די קעניגין, וועלכע איז געזעסען נעבען איהם האָט זיך צו איהם אָפּגערופען אין דער שטיל:

— איך האָב קיינמאָל ניט געדענקט, אַז דיינע פּריסטער און חרטומים זאָלען זיין אַזעלכע גרויסע נאַראָנים... ווי אַזוי וואַגט ער גאָר פּותר צו זיין דיינע חלומות אַזוי. ניט אַנדערש אַז ער שפּאַסט פון דיר... ווי קומסטו צו האָבען זיבען טעכטער און זיבען ווייבער וואָס וועלען אויסשטאַרבען אין איין טאָג.

— דו אומגעלומפּערטער נאַר! — האָט פּרעה אַ געשריי געטהאָן — דו פאַרמאָגסט אַזוי פּיעל שכל ווי די קיה וואָס איך האָב אין מיין חלום געזעהען... זיבען טעכטער וועל איך האָבען, זיבען וועלען שטאַרבען... וואַרפט איהם אַרויס! איך וויל מעהר זיין נאַרישען פּנים מיט מיינע אויגען ניט אָנקוקען.

די לייב־וועכטער האָבען אַרויסגעפיהרט דעם פּריסטער פון פּרעה'ס פּאַלאַץ.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום. די איבעריגע פאַרזאַמעלטע האָבען שוין מורא געהאַט צו עפענען זייערע מיילער.

— אויב איהר ווייסט ניט די באַדייטונג פון די חלומות טאָ וואָס זייט איהר געקומען צו מיר! האָב איך דען נאָך אייך געשיקט! — האָט פּרעה ניט אויפגעהערט צו שטורמען.

— מעכטיגער קעניג! איך וועל דיר די באַדייטונג פון דיינע חלומות ערקלעהרען — האָט איינער פון די חרטומים אויסגערופען — די זיבען פעטע קיה מיינט, אַז נאָך זיבען זיהן וועלען צו דיר געבאָרען ווערען און די מאָגערע קיה, וועלכע האָבען איינגעשלונגען די פעטע, באַדייטעט אַז זיבען חיות וועלען באַפאַלען דיינע זיהן און זיי צורייסען... און די זיבען זאַנגען...

— גענוג! — האָט פּרעה אַ געשריי געטהאָן — פאַרשפּאַרט דעם גרויסען „חכם" אין געפענגעניס, און איהר וועט איהם באַפרייען ערשט דאַן ווען די זיבען זיהן וועלען צו מיר געבאָרען ווערען.

אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַלען אויף די איבעריגע אַנוועזענדע. יעדער האָט געציטערט פּרעה זאָל איהם אויך ניט פאַרשפּאַרען אין געפענגעניס.

מעהר האָט קיינער ניט געוואַגט אַ וואָרט אַרויסצורייידען.

פּרעה'ס כעס איז נאָך שטאַרקער געוואָרען.

— וואָס זייט איהר דאָ געקומען צו מיר אויב איהר ווייסט ניט! איהר האַלט זיך אַלע פאַר חכמים און געלערענטע, און איהר קענט אַפילו מיר ניט פּותר חלום זיין! זאָל דער שר המשקים מיר ברייננען וויין. מיר איז שוין טרוקען געוואָרען אין האַלדז דערצעהלענדיג אייך מיינע חלומות.

דער שר המשקים האָט איהם געבראַכט דעם וויין און פּרעה האָט גע־טרונקען און נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו שטורמען.

— וואו איז עס געהערט געוואָרען אַז אין אַ גאַנצען לאַנד זאָל זיך קיינער ניט געפינען וועלכער זאָל פאַרשטעהן ווי פּותר צו זיין אַ חלום!.. און איך בין אַלע מאָל געוועזען אַזוי שטאָלץ אויף מיינע חרטומים, שטערנזעהער און פּריסטער... יעצט ציינט זיך אַרויס אַז איהר אַלע בעזיצט פּוסטע קעפּ... איהר פאַרדיענט ניט דעם כבוד וואָס איהר קריגט פון מיר!..

דער שר המשקים האָט עס אַלעס צוגעהערט... ער האָט בעמערקט די

בלאסע צושראקענע פנים׳ער פון די אנוועזענדע און פלוצלונג האט ער זיך דערמאהנט אן יוסף׳ן.

— מיין האר קעניג! — האט דער שר המשקים זיך אפגערופען פער־נייגענדיג זיך פאר פרעה׳ן.

— וואס?! — האט פרעה אויסגערופען מיט ערשטוינונג, דו ווילסט זיך אויך אונטערנעהמין פותר צו זיין מיין חלום?!..

— ניט איך, א, מעכטיגער קעניג! — האט דער שר המשקים אויסגע־רופען — אבער איך וויים א מאן וועלכען קען ריכטיג פותר זיין חלומות!

— און פארוואס האסטו ביז יעצט געשוויגען? — האט פרעה זיך אפ־גערופען.

— ווייל איך האב זיך אן איהם אינגאנצען פערגעסען!

— נו, זאג מיר שנעלער ווער ער איז! — איז פרעה אומגעדולדיג געווארען.

— איך וועל מוזען דערמאהנען דעם קעניג אהן די זינד וואס איך און דער שר האופים האבען געזינדיגט געגען פרעה׳ן, מיט צוויי יאהר צוריק. פרעה איז דאן אויף אונז ביידען אין כעס געווארען און געהייסען אונז ארייגזעצען אין געפענגעניס. איין נאכט האט זיך מיר און דעם שר האופים גע׳חלום׳ט חלומות יעדען א חלום וועגען זיין פאך. מיר האט זיך גע׳־חלום׳ט וועגען וויינטרויבען און איהם וועגען געבעקס... מיר זיינען זעהר אומרוהיג געווארען וועגען אונזערע חלומות... דארטען, אין געפענגענים מיט אונז איז געזעסען א יונגער קנעכט פון די עברים, ער איז א קנעכט צו פוטיפר׳ן.. מיר האבען איהם דערצעהלט אונזערע חלומות... און ער האט אונז פותר געווען, מיר, האט ער געזאגט, וועט דער קעניג אין גאנצען מוחל זיין און צוריק אנשטעלען אלס זיין שר המשקים, און אויף דעם שר האופים האט ער געזאגט אז פרעה וועט איהם אויפהענגען, און אזוי ווי ער האט אונזערע חלומות דערקלעהרט אזוי איז געווען. איך האב ווידער פערנומען מיין שטעלע און דעם שר האופים האט מען אויפגעהאנגען.

— נו, און וואו איז ער יעצט?! — האט פרעה אויסגערופען.

— איך גלויב אז ער איז נאך אלץ אין געפענגענים! — האט דער שר המשקים געענטפערט.

— שנעלער, געהט ברייגגט איהם צו מיר! — האט פרעה זיך אפגע־רופען צו זיינע לייבוועכטער — אויב די ווערטער פון דעם שר המשקים זיינען ריכטיג מוז ער דאך געווים בעזיצען א בעזונדער חכמה.

מיט גרוים אומגעדולד האבען די חרטומים געווארט צו זעהן וואס וועט דא פאסירען. ווי אזוי דער עברי, דער קנעכט וועט קענען בעווייזען אזא זאך וואס זיי איז עס ניט געלונגען.

פוטיפר וועלכער איז אויך געווען אנוועזענד ווען פרעה האט געשיקט נאך יוסף׳ן איז געזעסען די גאנצע צייט ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ... ער איז אין גאנצען טויט בלאס געווארען... ער האט זיך יעצט שטארק דער־שראקען פאר פרעה׳ס צארען.

יוסף׳ס זאָרג און טרויער האָט זיך פערשטאַרקט זינט זליכה׳ס לעצטער בעזוך... זי, די מרשעת האָט אויסגעפונען אַז אסנת קומט איהם בעזוכען און זי פערשטעהט שוין אויך אַז זיי ביידע האָבען זיך ליעב!... וועט זי דען איהר שווייגען.. זי קען נאָך אסנת׳ן אָנטהאָן פיעל שלעכטעס... אַ שוידער איז דורך זיין לייב, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען אַ טראַכט צו טהאָן וואָס זליכה קאָן טהאָן צו אסנת׳ן... יעצט וועט שוין אסנת קיין מאָל ניט האָבען קיין געלעגענהייט איהם צו בעזוכען אין געפענגעניס, ער וועט ניט וויסען אפילו וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט...

זליכה האָט איהם געסטראַשעט אַז זי קען טהאָן צו איהר אַזוי ווי זי האָט געטהאָן צו איהר אייגענעם ברודער... ווער וועט איהר טאַקע קענען אפּהאַלטען דערפון? פּוטיפר איז זעהר נאַריש און ער גלויבט אַלעס וואָס זי זאָגט איהם, ווער ווייס אויב איהר לעבען איז ניט אין גרויס געפאַהר! און ער איז דאָך אַזוי הילפלאָז! ער איז עלענד, קיינער קומט איהם ניט בעזוכען, קיינער טראַכט גאַר אפילו ניט וועגען איהם... שוין באַלד דריי־צעהן יאָהר זינט זיינע ברידער האָבען איהם פאַר אַ קנעכט פערקויפט... ווער ווייס וואָס מיט זיין פאָטער האָט פּאַסירט דורך דיזער צייט? לעבט ער נאָך? און זיינע ברידער וואו געפינען זיי זיך? זיין ברודער בנימין וועמען ער האָט איבערגעלאָזען אַלס קליין קינד! ער מוז יעצט געוויס זיין אויסגעוואַקסען.. ער האָט אַלץ געהאָפּט אַז ער וועט בעפרייט ווערען פון דיזען געפענגניס... אָבער יעצט ווערט זיין האָפנונג שוואַכער פון טאָג צו טאָג... אסנת׳ן וועט ער שוין מעהר ניט זעהן און זליכה וועט שוין זעהן אַז ער זאָל קיינמאָל ניט בעפרייט ווערען.. מיט אַ קורצע צייט צוריק, ווען אסנת האָט איהם בעזוכט איז ער געווען פול מיט האָפנונג און יעצט איז דער איינציגער שטראַהל ליכט אויך פערלאָשען געוואָרען... אסנת וועלכע האָט פערזיסט די ביטערנים פון זיין לעבען, וועט ער שוין מעהר ניט זעהן... וואָס טויג איהם יעצט אַזאַ לעבען פון ליידען און יסורים, אַ לעבען אין געפענגנים און אָהן האָפנונג.

יוסף האָט אויפגעוואַכט פון זיינע אומעטיגע געדאַנקען, ווען ער האָט דערהערט טריט נעבען זיין קאַמער. באַלד האָט זיך אויפגעעפענט זיין טהיר און ער האָט בעמערקט איינעם פון דעם קעניג׳ס בעאַמטע.

אַ שרעק איז איהם בעפאַלען, זאָל עס זיין אַז זליכה האָט דורכגעפיהרט איהר דראָהונג און מען איז איהם יעצט געקומען הינריכטען.... אָבער וואָס וועט ער פערלירען, עס וועט זיין פאַר איהם אַ סך גלייכער צו שטאַרבען און פּטור ווערען פון אַלע צרות...

— דו ביזט עס יוסף, דער קנעכט פון פּוטיפר? ! — האָט איהם איינער פון די בעאַמטע געפרעגט.

— יאָ, איך בין יוסף.

— דער קעניג פערלאַנגט דו זאָלסט צו איהם גלייך קומען! — האָט דער בעאַמטער געזאָגט.

— דער קעניג! — האָט יוסף אויסגערופען מיט ערשטוינונג.

יאָ, דער קעניג פערלאַנגט אַז דו זאָלסט צו איהם גלייך קומען — האָט

ער ווידערהאָלט, — דער שר המשקים האָט דערצעהלט פאַר דעם קעניג אַז דו ווייסט ווי פותר צו זיין אַ חלום און אַזוי ווי קיינער אין מצרים ווייסט ניט די בעדייטונג פון פרעה'ס חלום, האָט ער אונז געשיקט מיר זאָלען דיר ברייננגען.

— אָבער ווי אַזוי קען איך ערשיינען פאַר דעם קעניג ווען מיינע קליידער זיינען צוריסען און איך בין פערוואַקסען און ניט געוואַשען.

— מיר האָבען זיך בעזאָרגט מיט קליידער! — האָט ער איהם געענט־פערט, — קום שנעלער מיט אונז, מען וועט דיך שוין אָרומשעהרען און אָרומוואַשען.

יוסף איז מיט זיי מיטגעגאַנגען... און זיי האָבען איהם אַריינגעפיהרט אין אַ פּאַלאַץ וואו מען האָט איהם אָרומגעשוירען און אָרומגעוואַשען און ער האָט אָנגעטהאָן די נייע קליידער... ער האָט זיך געפיהלט אַזוי פריש און מונטער.

—אַ יוסף! — האָט דער בעאַמטער זיך צו איהם אָפּגערופען, איך האָב געמיינט אַז אונז וועט קיינמאָל ניט געלינגען צו מאַכען פון דיך אַזוי אַז דו זאָלסט זיין פּאַסיג צו ערשיינען פאַר דעם קעניג, יעצט קוקסטו דאָך אויס ווי אַ פּרינץ.. דער קעניג וועט זיך מיט דיר ניט דאַרפען שעהמען!

יוסף האָט דערזעהען די ליכטיגע זון... ער האָט אין זיך אַריינגע־אָטעמט די פרישע לופט... ער האָט בעטראַכט מיט גרויס באַוואונדערונג די שעהנע פּאַלמען וואָס זיינען געשטאַנען אויףביידע זייטען וועג... אָט זעהט ער שוין פרעה'ס פּאַלאַץ... יאָ, דער שר המשקים האָט זיך פאַרט אָן איהם דערמאָנט... אפשר וועט גאָט געבען און ער וועט זיך שוין מעהר ניט דאַרפען צוריקקעהרען אין געפענגניס... ווען גאָט זאָל איהם נאָר געבען פערשטאַנד און ער זאָל קענען געבען די ריכטיגע ערקלעהרונג צו פרעה'ס חלומות.... דאַן וועט ער שוין פון איהם פערלאַנגען ער זאָל איהם בעפרייען פון געפענגניס וואו מען האָט איהם אַריינגעשפּאַרט דורך אַ בלבול... ער וועט דאַן זיך קענען זעהען מיט אסנת'ן.. אַ ווי גרויס זיינען די חסדים פון גאָט, אָט איז ער געווען דעמזעלבען טאָג אַזוי פערצווייפעלט און פערבי־טערט... ער האָט שוין געהאַט פערלאָרען אַלע זיינע האָפנונגען... און יעצט קען נאָך מעגליך זיין אַז אַ סוף וועט קומען צו אַלע זיינע צרות...

מען האָט אָנגעזאָגט פרעה'ן אַז יוסף איז אָנגעקומען.

— זאָל מען איהם גלייך אַריינפיהרען צו מיר! — האָט פרעה אויסגערופען.

מיט נייגעריגע בליקען האָבען אַלע בעגלייט יוסף'ן וועלכער איז אַריין אין פּאַלאַץ אין דער בעגלייטונג פון פרעה'ס בעאַמטע.

יוסף איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט צום טראָהן און האָט זיך פערנייגט.

פרעה האָט איהם בעטראַכט... יוסף האָט אין זיינע אויגען אויסגעקוקט אַזוי שעהן און העלדיש, אַז איהם האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַזאַ מאַן קען זיין אַ קנעכט, עפּעס אַ געטליבקייט ליעגט אויף זיין איידעלען פּנים.

— ביזטו דאָס דער מאַן, וועלכער האָט פותר געווען דעם חלום פון מיין שר המשקים און שר האופים? — האָט איהם פרעה געפרעגט.

— יאָ, מיין האַר קעניג! — האָט יוסף זיך אויסגעגלייכט — גאָט, דער גאָט פון מיינע עלטערען האָט מיר אַריינגעגעבען דעם פערשטאַנד, און די מעגליכקייט עס אַזוי צו טהאָן.

— נו יעצט האָף איך אַז דו וועסט אויך וויסען ווי צו ערקלעהרען די צוויי חלומות וואָס מיר האָט זיך גע'חלום'ט.

— יאָ, אויב גאָט וועט וועלען און מיר אַריינגעבען דעם ריכטיגען געדאַנק! — האָט יוסף בעשיידען געענטפערט.

פרעה האָט דערצעהלט יוסף'ן זיינע חלומות, דעם חלום פון די קיה און דעם חלום פון די זאַנגען...

יוסף האָט זיך צוגעהערט צו פרעה'ס ווערטער מיט גרויס אינטערעס. ער האָט געוואוסט אַז יעצט איז זיין געלעגענהייט אין גאַנצען בעפרייט ווערען פון געפענגעניס... אָדער צוריקקעהרען זיך אַהין און דאָרטען פערבלייבען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. יאָ, ער איז זיכער אַז גאָט וועט איהם העלפען, אויב ניט צוליעב זיין אייגען זכות, וועט גאָט עס פאַר איהם טהאָן צוליעב דעם זכות פון זיינע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב... יוסף האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם וואָס אסנת האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם פּלאָן פון פּרטן מיט די אַראַבער וועלכע האָבען געפּלאַנעוועט אָפּצוציהען די וואַסער פון טייך נילוס כדי אויסצוהונגערען דאָס לאַנד און אַ געדאַנק איז איהם פּלוצלינג אַרויפגעקומען אַז דורך דיעזען חלום האָט גאָט געוואָלט וואָרענען פרעה'ן וועגען דעם, כדי צו ראַטעווען מצרים פון אונטערגאַנג... ער זעהט עס אַלעס אַזוי קלאָר און דייטליך.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום... יוסף האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט... ער האָט געפיהלט די דורכדרינגענדע בליקען פון פרעה'ן און פון די פערזאַמעלטע.

— זאָל דער מעכטיגער קעניג, פרעה לעבען אויף עוויג! — האָט יוסף'ס שטימע דורכגעבראָכען די שטילקייט — גאָט, וועלכער האָט באַשאַפען די הימעל און ערד און אַלע בעשעפעניש'ען, וויל דורך זיין גרויס גענאָד, אָנזאָגען פרעה'ן וואָס ער וועט טהאָן אין דער נאָהענטער צוקונפט... איז דעריבער האָט ער עס אָנגעדייט פרעה'ן דורך דיעזען חלום!

— איך האָב אָבער גע'חלום'ט צוויי חלומות! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען.

— דיביידע חלומות זיינען בלויז איין חלום! — האָט יוסף געענטפערט — און דאָס וואָס דעם קעניג האָט זיך צוויי מאָל גע'חלום'ט איז כדי ער זאָל דיעזען חלום נעמען אַ סך ערנסטער ווי די איבעריגע חלומות... יאָ, די זיבען פעטע קיה און די זיבען פולע זאַנגען זיינען זיעבען זאַטע און גוטע יאָהרען וואָס וועט זיין איבער'ן גאַנצען לאַנד מצרים... עס וועט זיין אַ גרויס געדעטעניס... דער טייך נילוס וועט בעוואַסערען דאָס גאַנצע לאַנד אין צייט... די פעלדער וועלען אַרויסגעבען זעהר פיעל תבואה, און די געדטנער — אַ סך פּרויכט... עס וועט זיין גענוג גוטע גראָז פאַר די בהמות וועלכע וועלען זיך פיטערען און געבען מילך און פלייש אין זעהר אַ גרויסע

מאָס... און די גוטע זאַטע זיעבען יאָהר וועלען זיך אָנפאַנגען טאַקע פון דייזען יאָהר.

אַ פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער פּרעה׳ס פּנים... זיין לאַנד וועט ווערען רייך און די איינוואוהנער וועלען זיין גליקליך, זיין טראָהן וועט באַ־פעסטיגט ווערען....

— נו, און וואָס בעדייטען די זיעבען מאָגערע קיה? — איז שוין פּרעה אומגעדולדיג געוואָרען.

— די זיבען מאָגערע קיה און די זיבען פּוסטע זאַנגען בעדייטען זיעבען יאָהר פון גרויס הונגער און נויט... יאָ, גלייך נאָך די זיבען זאַטע און גליקליכע יאָהרען וועלען קומען זיבען יאָהר פון הונגער... אָ, ווירדיגער קעניג, בעשיצער פון דעם פאָלק מצרים... די יאָהרען פון הונגער וועלען זיין אזוי שרעקליך אַז אויב עפּעס וועט ניט געטהאָן ווערען צו פערלינדערען די ליידען פון פאָלק וועט אַ גרויס, אומגליק קומען אויף מצרים, ווי אויך די אַרומיגע לענדער... דאָס וואסער פון דעם טייך נילוס, וועט זיין אזוי נידעריג, אַז דאָס גאַנצע לאַנד וועט ליידען פון אַ גרויס טריקעניש... קיין זאַך וועט ניט וואַקסען, די פעלדער וועלען זיין פּוסט, קיין גראָז וועט ניט זיין פאַר די בהמות, די בוימער וועלען אויסגעדאַרט און אויסגעטריקענט ווערען...

און דאָס וואָס דער קעניג האָט געזעהען אַז די זיבען מאָגערע קיה און זיבען פּוסטע זאַנגען האָבען איינגעשלונגען די זיבען פעטע קיה און די זיבען פולע זאַנגען, און עס איז גאָרניט געווען צו דערקענען אויף זיי, האָט גאָט גע־וויזען פּרעה׳ן ווי שרעקליך די זיבען שלעכטע הונגער יאָהרען וועלען זיין, אַז זיי וועלען פערשלינגען די גוטע יאָהרען, אזוי אַז עס וועט גאָרניט זיין קענטיג דאָס עס זיינען אַמאָל געווען גוטע און זאַטע יאָהרען... דאָס איז די בעדייטונג פון חלום, און ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אַז כדי צו פערמיידען דיעזען גרויסען אומגליק האָט גאָט געמאַכט אַז פּרעה זאָל דיעזען חלום חלום.ען צוויי מאָל.

אַ טרויער און אומעט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף די געזיכטער פון אַלע מיניסטאָרען און חרטומים... מיט אָפענע מיילער און צושראָקענע אויגען האָבען אַלע געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון יוסף׳ס מויל, זיין ערקלערונג און די אויסטייטשונג פון פּרעה׳ס חלום, זיינען געווען אזוי קלאָר און איבערצייגענד, אַז קיינער האָט ניט געהאַט דעם מינדעסטען צווייפעל אין די ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער.

פּרעה און זיין קעניגין זיינען געזעסען ווי פערשטיינערט... זייערע פּנים׳ער זיינען געווען בלאַס און די בליקען זיינען געווען געווענדעט אויף יוסף׳ן וועלכער איז געשטאַנען נעבען זיי מיט אַ פלאַמענדען פּנים און ליכטיגע אויגען... ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ מלאך פון הימעל געשיקט צו פּרעה׳ן, איהם צו וואָרענען געגען אַ גרויסען אומגליק וואָס עס דאַרף אָנקומען...

די שטילקייט איז נאָך געוואָרען מעהר אָנגעצויגען.. די מיניסטאָרען האָבען אָנגעווענדעט זייערע אויגען פון יוסף׳ן און געבליקט אויף דעם קעניג... פּוטיפר׳ס אויגען האָבען גענומען שווינדלען און זיין קאָפּ האָט זיך איהם גענומען דרעהען... דאָס זיינען די ווערטער פון יוסף׳ן, זיין קנעכט,

וועמען ער האָט אויף זיין גאַנצען לעבען אין געפענגנים פרשפּאַרט.. ער האָט זיך אָנגעהאַלטע אָן זיין שטוהל, ער זאָל ניט אומפאַלען...

— איך גלויב אַז דיין אויסטייטשונג פון מיין חלום איז ריכטיג! — האָט פּרעה אונטערבראָכען די שטילקייט — אַלעס וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט פּאַסט זיך אַריין... אָבער זאָג מיר יוסף, ווי אַזוי וועט זיין מעגליך פאַר מיר צו פערמיידען דעם אומגליק וואָס דראָהט מיין לאַנד און פאָלק פאַר זיעבען יאָהר צייט?!

עס וואָלט געווען זעהר שלעכט, ווען די זיבען שלעכטע הונגער יאָהרען וואָלטען גלייך אָנגעקומען, דאַן וואָלט אונמעגליך געווען צו פאַרמיידען דעם אומגליק, אָבער גאָט מיט זיין גרויס חסד האָט געמאַכט אַז פריהער זאָל אין לאַנד זיין זיבען גוטע און זאַטע יאָהר, און מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט און פערשטאַנד, וועט זיין זעהר גרינג צו פערמיידען דעם אומגליק פון די זיבען שלעכטע יאָהרען.

— און וואָס, לויט דיין מיינונג דאַרף געטהאָן ווערען? — האָט פּרעה געפרעגט יוסף׳ן...

— עס ליעגט אין דער נאַטור פון דעם מענשען — האָט יוסף געענט־פערט אַז ווען ער האָט אַ גוטע צייט, גלויבט ער אַז דאָס וועט אַזוי אַלעמאָל זיין, דעריבער טראַכט ער זיך ניט אַריין צו זאָרגען פאַר דער שלעכטער צייט, ער פערשווענדעט און ברייננט אין ניוועטש זאַכען וואָס וואָלט געקענט ברייננען גרויס נוצען... און יעצט ווען עס וועט זיין זיבען גוטע און פרוכט־באַרע יאָהרען אין מצרים, וועלען די פּויערים ווערען פויל, זיי וועלען פער־נאַכלעסיגען זייער אַרבייט, און פערשווענדען אַלעס וואָס זיי האָבען... זיי וועלען ניט מאַכען קיין פערזוך צו שפּאָרען און זאָרגען פאַר די שלעכטע צייטען... דעריבער איז מיין עצה, אַז פּרעה זאָל אויסקלייבען אַ מאַן וועלכער איז געבענשט מיט פערשטאַנד און פערנונפט, אַ מאַן וועלכער האָט אַ בעגריף וועגען די וויכטיגקייט פון שפּאָרזאַמקייט, און וועלכער וועט וויסען ווי אָנצואווענדען די נויטיגע מיטלען אַז קיין זאַך זאָל ניט געהן לאַבוד דורך די זיבען גוטע יאָהר... דער מאַן וועט דאַרפען זעהן אַז יעדער מאַן און פרוי פון דיין לאַנד זאָל נאָך פלייסיגער אַרבייטען דורך די גוטע יאָהרען, און לעבען מיט שפּאָרזאַמקייט און אַלעס וואָס וועט איבערבלייבען זאָל געהן אונטער דער השגחה פון יענעם מאַן, וועמען פּרעה וועט בעפאָל־מעכטיגען דאָס צו טהאָן, דאַן זאָל מען בויען פיעלע שפּייכלער, וואו מען זאָל קענען אויפהאַלטען די תבואה און די פרוכט, אַזוי אַז עס זאָל ניט צופוילט ווערען. די שפּייכלער זאָלען געבויט ווערען אין די טוויזענדער, אין יעדער שטאָדט פון דיין לאַנד, דער מאַן זאָל בעשטימען מענשען וועלכע זאָלען אַכטונג געבען אַז אַלע געזעצען זאָלען אויסגעפאָלגט ווערען און כדי צו ערמוטהיגען די שפּאָרזאַמקייט, זאָל מען געבען אַ ספּעציעלע באַלוינונג צו דעם וועלכער וועט האָבען אָפּגעשפּאָרט אַם מעהרסטען. יענער מאַן וועמען דער קעניג וועט אויסקלייבען וועט דאַרפען האָבען אומבאַגרעניצטע מאַכט כדי דורכצופיהרען אַזאַ שווערע אויפגאַבע... אָבער איך בין זיכער אַז אויב דער קעניג וועט אַזוי טהאָן וועט ער ראַטעווען זיין פאָלק און לאַנד

פון אונטערגאנג... דער מאן וועט דארפען וויסען ווי צו האנדלען מיט דיינע בירגער... ניט אלע וועלען זיין צופרידען אפצוגעבען ארום א פינף חלקים פון זייער תבואה, אבער עס וועט לאנג ניט נעמען און אלע וועלען זיך איבערצייגען אז דאס ווערט געטהאן פאר דעם וואהלזיין פון לאנד... די גאנצע תבואה וועט געהאלטען ווערען פאר די זיבען שלעכטע יאהרען און דאמיט ראטעווען דיין פאלק זיי זאלען ניט אויסשטארבען פון הונגער!

פרעה איז געווארען אזוי בעגייסטערט פון יוסף'ס שטארקע און איבערצייגנדע ווערטער, אז ער איז געריהרט געווארען ביז טרעהרען.

— געפינט זיך דען אין מיין לאנד א מאן וועלכער זאל זיין אזוי קלוג און פערנינפטיג ווי יוסף?! — האט פרעה זיך אפגערופען צו די איבעריגע פערזאמעלטע — ניין, אין מיין גאנצען לאנד איז ניטא אזא מאן וועלכער זאל בעזיצען א געטליכען גייסט און האבען אזא פאראויסזעהונג קראפט ווי יוסף... יוסף! דו וועסט זיין דער מאן! דיר קלייב איך אויס אלס דער מאן וועלכער וועט הערשען איבער מיין לאנד... דו וועסט קריגען מיין בעפאלמעכטיגונג, דו וועסט קענען טהאן אלעס וואס דו ווילסט, דיך מאך אים העכער פאר אלע מיינע שרים, און בלויז מיין טראהן וועט זיין העכער פון דיר... קיינער זאל ניט וואגען צו טהאן א גרויסע אדער א קליינע זאך וואס אנבאלאנגט צום לאנד אהן דיין הסכמה!

פרעה האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין טראהן און האט צוגערופען יוסף'ן עטוואס נעהענטער, ער האט אראפגענומען זיין רינג און איהם אנגעטהאן אויף יוסף'ס פינגער...

— דערמיט גיב איך דיר פולמאכט צו הערשען איבער מיין פאלק... דורך דיר זאל דאס גאנצע לאנד געשפייזט ווערען, און צו דיר וועלען אלע מיינע אונטערטאנען זיין פעראנטווארטליך...

יוסף איז געבליבען שטעהן בעוועגלאז, ער איז געוועזן אזוי ערשטוינט פון פרעה'ס ווערטער אז ער האט ניט געוואוסט וואס צו ריידען... ניט נאר האט איהם פרעה בעפרייט פון געפענגניס און פון קנעכטשאפט, נאר ער האט איהם געמאכט פאר דעם הערשער... טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען, ווען פרעה האט ארויפגעטהאן דעם רינג אויף זיין פינגער... אט זעהט ער ווי אלע מיניסטארען און חרטומים האבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער און האבען זיך פערנייגט פאר איהם.. זיינע בליקען בעגעגענען זיך מיט פוטיפר'ס... ער זעהט אוים צו זיין אזוי בלייך און צושראקען....

— פון יעצט אן ביזטו דער פרינץ פון מצרים! האט פרעה פארטגעזעצט — ברייננט די פרינצליכע זיידענע קליידער פאר יוסף'ן — האט ער זיך געווענדעט צו זיינע דינער, יוסף איז געווארען דער משנה למלך און איהר מיינע חכמים און חרטומים, וועט דארפען פאלגען אלעס וואס יוסף וועט אייך הייסען

פרעה האט נאכדעם אנגעטהאן אויף יוסף'ס האלדז די גאלדענע קייט, וואס דער וויצע קעניג פלעגט טראגען...

— איידער דיין פאלאץ וועט פערטיג ווערין וועסטו זיין אין מיין

פּאַלאַץ האָט פּרעה זיך צו איהם אָפּגערופען — און איך וועל נאָך היינט בעפעהלען מיינע קנעכט אָנפאַנגען בויען פאַר דיר אַ פּאַלאַץ, ניט ווייט פון מיינעם, ווייל ווי איך זעה האָסטו מיט דיין חכמה געראַטעוועט אונזער גאַנץ לאַנד, און די דאַנקבאַרקייט פון מיין פאָלק וועט צו דיר זיין זעהר גרויס...

פּרעה האָט יוסף'ן אַ קוש געטהאָן אין שטערען און יוסף האָט זיך פערנייגט פאַר איהם און איהם בעדאַנקט פאַר אַלעס.

— יעצט וועסטו אַריינגעהן אין דיין צימער און אָנטהאָן די פּרינצליכע קליידער וואָס מען האָט דיר געבראַכט און איך וויל הייסען דערווייל צוגרייטען די קאַרעטע וואָס איז בעשטימט פאַר דעם משנה למלך.

יוסף איז אַריין אין דעם צימער וואָס מען האָט איהם אָנגעוויזען און אָנגעטהאָן די זיידענע קליידער וועלכע האָבען איהם אַזוי וואונדערליך געפּאַסט... ער איז געשטאַנען און זיך בעטראַכט אין דעם שפּיגעל און האָט זיך אַליין ניט דערקענט... עפּעס איז אַלעס פאַרגעקומען אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אונערוואַרטעט. נעכטען איז ער נאָך געוועזען אין געפענגניס, אָהן אַ שטראַהל האָפנונג, אָהן מוטה און ענערגיע... ער האָט אויף זיך געבעטען דעם טויט, און יעצט איז ער אַ פּרינץ אין מצרים... אַלע מיניסטאָרען בוקען זיך פאַר איהם.... אָ אסנת! איז איהם גלייך דורכגעבליצט אַ געדאַנק... ווען זי וויים עס וואָס מיט איהם האָט נאָר וואָס פּאַסירט... ער איז זיכער אַז עס וועט לאַנג ניט נעהמען און אסנת וועט זיך דערפון דערוויסען... יאָ, דאָס גאַנצע לאַנד מצרים וועט זיך באַלד דערוויסען ווי אַזוי פּרעה האָט איהם דערהויבען צו זיין דער משנה למלך... דאָך אָבער איז ער זעהר אומגעדולדיג געוואָרען פון אסנת'ס וועגען.. ווי גליקליך זי וועט עס זיין... זי האָט זיכער זעהר פיעל געליטען פון זליכה'ן אָבער יעצט וועט שוין נעמען אַ סוף צו אַלע זייערע צרות.... אָ גאָט! ווי וואונדערבאַר דו פיהרסט דיין וועלט... עס וועט שוין לאַנג ניט געדויערען און ער וועט זיך קענען זעהען מיט זיין פאָטער און זיינע ברידער און שוועסטער דינה.. אַ, וואָס פאַר אַן אַנגענעהמע איבערראַשונג דאָס וועט זיין פאַר אסנת'ן... עפּעס איז איהם אַלעס אויסגעקומען אַזוי מאָדנע... ער האָט זיך יעצט גענומען דערמאָהנען אַז די חלומות וואָס איהם האָט זיך גע'חלום'ט אין זיין יוגענד... ער זעהט יעצט אַז אויך זיינע חלומות פאַנגען זיך אָן צו פערווירקליכען... ער איז געוואָרען הערשער, הארען און גרויסע לייט בוקען זיך צו איהם, ער האָט אַליין געזעהען ווי זיין פריהערדיגער האַר פּוטיפר האָט זיך פאַר איהם פערנייגט.

ווען יוסף איז פערטיג געוואָרין האָט ער געטראָפען די דינער וואַר־טענדיג אויף איהם נעבען דער טהיר. דערזעהענדיג איהם האָבען זיי זיך פערנייגט און אויסגערופען: די קעניגליכע קאַרעטע איז שוין געגרייט, דער קעניג און די קעניגין וואַרטען אויף אונזער האַר...

יוסף איז שנעל אַרונטערגעגאַנגען, און ער האָט דערזעהען נעבען פּאַלאַץ די גאָלדענע קאַרעטע פון פּרעה'ן און זיין קעניגין... דערביי איז געשטאַנען אַ צווייטע קאַרעטע געגרייט פאַר איהם... די שרים האָבען יוסף'ן געהאָלפען אַריינזעצען זיך אין זיין קאַרעטע און באַלד איז די גאַנצע לופט פערהילכט געוואָרען מיט געשרייען:

— לאנג לעבען זאָל אונזער קעניג פרעה מיט זיין קעניגין, און לאנג לעבען זאָל דער יונגער פרינץ פון מצרים!

דער פאַראַד האָט זיך אָנגעפאַנגען, די קאַרעטען זיינען דורכגעפאָהרען אַלע גאַסען פון דער הויפּשטאָדט און דער המון האָט פערוואָרפען יוסף׳ן מיט בלומען און אַלע האָבען געשריען: לאנג לעבען זאָל דער פרינץ פון מצרים.

ווען זליכה האָט זיך אומגעקעהרט פון געפענגניס, האָט איהר כעס געברענט אויף אסנת׳ן מעהר ווי אויף יוסף׳ן... זי האָט איהר דערצויגען ווי אַן אייגענע טאָכטער און יעצט שטעהט זי ווי אַ דאָרן אין איהר וועג. קומט זי מיט איהר אין אַ געזעלשאַפט וואו יונגע לייט געפינען זיך, ציהט אסנת צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און אויף איהר קוקט מען זיך מעהר ניט אום אפילו... ווען זי לאַדעט איין יונגע לייט אין איהר אייגען הויז, פערנעמט אסנת דעם אויבען אָן ביי איהרע געסט... און זי איז זיכער אַז ווען ניט אסנת וואָלט אפילו יוסף גאַנץ אַנדערש צו איהר געווען... עס איז ביי איהר קיין צווייפעל ניט אַז יוסף איז פערליעבט אין אסנת׳ן און זי ליעבט איהם!... יאָ, צוליעב אסנת׳ן אַז איהר שעהנקייט פערטונקעלט געוואָרען... זי איז אינגער און שעהנער פון איהר, און דער קנעכט טראַכט נאָר פון איהר. זי וועט שוין מוזען מאַכען אַ סוף דערצו, זי וועט דערצעהלען פּוטיפר׳ן אַז אסנת בעזוכט יוסף׳ן איהר קנעכט אין געפענגניס, און אַז זי האָט איהם ליעב. און דאַן וועט זי איהם ראַטהען ער זאָל זעהען וואָס שנעלער, חתונה צו מאַכען אסנת׳ן מיט פּוטיפר׳ס פריינד, דעם פּריסטער.

דעמזעלבען טאָג ווען פּוטיפר האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, איז איהם זליכה ענטקעגען געקומען מיט אַ שמייכעל:

— וואָס איז מיט דיר פּוטיפר? — האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען ווען זי האָט געזעהען אַז ער איז עפּעס ניט אויפגעלעגט.. זי האָט זיך גענומען צו איהם לאַסטשען, איהם אַרומנעהמען. האָסטו מיר מעהר ניט ליעב?

— האָט זי איהם געפרעגט.

— דו ווייסט דאָך זליכה אַז דו ביזט ביי מיר טהייערער ווי מיין אייגען לעבען, פאַר וואָס זאָלסטו ריידען אַזעלכע נאַרישע רייד! האָט איהר פּוטיפר פאַרגעוואָרפען.

— אָבער דו קוקסט אויס צו זיין היינט קעלטער צו מיר ווי אימער — האָט זליכה געזאָגט מיט אַ וויינענדיגע שטימע.

— עפּעס האָט פּאַסירט מיט דעם קעניג! — האָט פּוטיפר זיך פּער־ענטפערט און דאָס האָט אונז אַלעמען שטאַרק צורודערט.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— פרעה׳ן האָט זיך גע׳חלום׳ט אַ מאָדנער חלום, און ער האָט גערופען אַלע חכמים, שטערען זעהער און חרטומים אָבער קיינער ווייס ניט ווי דעם חלום אַרויסצוטייטשען... און פרעה איז שטאַרק אין כעס און אויב עס וועט זיך אימיצער באַלד ניט געפינען וועלכער זאָל איהם פּותר חלום זיין, האָט ער געסטראַשעט אַז ער וועט אַלע זיינע בעאַמטע פערטרייבען פון פּאַלאַץ...

— נו, און וואָס ביזטו אַזוי בעזאָרגט, פּוטיפר? דו ביזט דאָך זיכער אַז דיר האָט פּרעה ניט געמיינט... דאָס האָט ער בלויז געמיינט זיינע חכמים און מיניסטאָרען וועלכע גלויבען אַז זיי זיינען אַזוי קלוג און געלערענט אַז קיין פערבאָרגענע זאַך איז פאַר זיי ניטאָ און אַז זיי ווייסען ניט צו ערקלעה־רען פּרעה'ס חלום, האָבען זיי טאַקע פערדינט אַז פּרעה זאָל זיי אַרויסיאַגען פון פּאַלאַץ!..

— אָבער עס איז שווער פאַראויסצוזאָגען וואָס פּרעה קען טהאָן אין זיין צאָרן! — האָט פּוטיפר געזאָגט.

— וואָס פּרעה זאָל ניט טהאָן, ביזטו זיכער אַז זיין פריינדשאַפט צו דיר וועט ניט געמינערט ווערען — האָט איהם זליכה געטרייסט — און דו האָסט ניט וואָס צו זאָרגען פאַר די אַנדערע בעאַמטע פון פּרעה'ן, אָבער איך האָב דיר עטוואָס צו דערצעהלען וואָס האָט צו טהאָן מיט אונזביידען!

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט פּוטיפר איהר געפרעגט.

— איך האָב אויסגעפונען זעהר ניט קיין שעהנע זאַך פון אסנת'ן! — האָט זליכה איהם גלייך געזאָגט.

— וואָס מיינסטו? — האָט פּוטיפר אויסגעשטאַרטשעט זיינע אויגען.

— איך האָב אויסגעפונען אַז אסנת איז פערליבט אין דעם קנעכט יוסף'ן!

— פון וואַנען האָסטו עס אויסגעפונען? — איז פּוטיפר אויפגע־שפּרונגען פון זיין פּלאַץ.

— מען האָט מיר איבערגעגעבען אַז זי האָט יוסף'ן עטליכע מאָהל בע־זוכט אין געפינגנים...

— וואָס? — האָט פּוטיפר'ס פּנים געפלאַמט פון צאָרן. אסנת איז פערליעבט אין יענעם אומווירדיגען קנעכט וועלכער האָט דיר אַזוי שענדליך בעליידיגט, דאָס איז אוממעגליך!

— איך האָב דאָס אויך ניט געקענט גלויבען, אָבער ערשט דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך אין דעם איבערצייגט... ווען מען האָט מיר וועגען דעם דערצעהלט, בין איך גלייך אַוועק אין געפענגנים אווו יוסף געפינט זיך און איך האָב איהם גענומען פרעגען פאַרוואָס אסנת קומט איהם בעזוכען און ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען אַז זיי האָבען זיך ליעב!...

— דאָס איז שרעקליך! — האָט פּוטיפר אויסגערופען — איך וועל איהר פון מיין הויז פערטרייבען! איך האָב איהר פעררעכענט פאַר מיין אייגענע טאָכטער און יעצט וויל זי מיר מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר אַלע מיינע פריינד... ניין, זי וועט זיך מעהר אין מיין הויז ניט געפינען!

— ווען דו וועסט אסנת'ן פערטרייבען פון אונזער הויז, וועט אַלעם אַרויסקומען אין דער עפענטליכקייט! — האָט זליכה געזאָגט — און די שאַנדע וועט זיין גרויס... ניין, מיין עצה איז אַז איידער עס איז נאָך צו שפּעט, זאָל מען אסנת'ן חתונה מאַכען...

— מיט וועמען?..

— איך גלויב אַז מיט דיין פריינד דעם פּריסטער טוטאַזיס, ער איז

יעצט גאַנץ רייך, און איך ווייס אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָרפען אַן אויג אויף אסנת'ן.

— און וואָס ווערסטו טהאָן אַז זי וועט ניט וועלען הייראַטהען מיט איהם! — האָט איהר פּוטיפר געפרעגט — דאָס וועט דאָך זיין אַ גרויסע בעליידיגונג פאַר איהם.

— וואָס הייסט זי וועט ניט וועלען, מיר וועלען איהר צווינגען! — האָט זליכה אויסגערופען און איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט — אויב זי וועט זיך פּער'עקשנ'ען ווערסטו איהר זאָגען אַז דו ווערסט אויפהענגען יוסף'ן דאַן מעגסטו זיכער זיין, אַז זי וועט טהאָן אונזער פערלאַנג!

— די חוצפּה פון דעם קנעכט! — האָט פּוטיפר אויסגערופען — ווי אַזוי וואַגט ער גאָר צו טראַכטען פון אַזאַ זאַך! אָבער פיליכט מאַכסטו אַ טעות, זליכה... דו ווייסט דאָך אַז אסנת איז זעהר גוטהערציג און פיליכט איז זי איהם געקומען בעזוכען אויסצוגעפינען וואָס ער מאַכט...

— אָבער יוסף האָט זיך דאָך אַליין מודה געווען!

— דער קנעכט האָט איהרע בעזוכען מעגליך אָנגענומען אַלס ליעבע!.. האָט פּוטיפר געזאָגט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אַז זי איז אין יוסף'ן פערליעבט! — האָט זליכה אויסגערופען — און די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען מיר צווינגען איהר צו הייראַטען מיט פּוטאַזיס'ן. אַט וועל איך איהר הייסען אַריינקומען און דאַן ווערסטו שוין אַליין זעהן, אויב איך בין גערעכט.

ווען אסנת איז אַריינגעקומען, האָט פּוטיפר איהר געהייסען זיך זעצען...

— דו ווייסט אסנת, — האָט זליכה זיך צו איהר אָפּגערופען — אַז ענדליך האָט דיין פאָטער בעשלאָסען צו הענגען יוסף'ן!

אסנת איז טויט בלאַס געוואָרען... זי האָט אַ ווײַלע קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען.

— יאָ, אַזוי וועט עס זיין! — האָט פּוטיפר צוגעגעבען! — יוסף וועט מוזען געהאַנגען ווערען! — איך האָב מיט איהם געטהאָן אַ גרויסען חסד און איהם געלאָזט לעבען, און יעצט הער איך ווידער פון איהם שלעכטע זאַכען.

— עס איז אַ ליגען!! — זיינע שונאים זוכען ווידער צו מאַכען אַ בלבול אויף איהם! — האָט אסנת אויסגעשריען.

— וואָס מיינסטו, ווידער אַ בלבול! — האָט זיך פּוטיפר געשטעלט אויף די פיס, מיינסטו אָנצודייטען אַז מיין פרוי האָט אויף יוסף'ן געמאַכט אַ בלבול?

אסנת האָט ניט געענטפערט.

— אָ, אַט דאָס איז מיין בעלוינונג! — האָט זליכה אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, איך האָב איהר ערצויגען און אויפגעהאָדעוועט און איהר געהאַלטען ווי אַן אייגענע טאָכטער און יעצט קומט זי און וואַרפט שמוץ אויף מיר!!

— פאַר וואָס ענטפערסטו מיר ניט! — איז פּוטיפר שוין אויפגערעגט געוואָרען...

— יוסף איז אומשולדיג! ער איז ריין ווי א מלאך!

— און דיין מוטער איז געווים די שולדיגע? — האט פוטיפר אויסגעשריען. יעצט זעה איך אז עס איז ריכטיג אט דאס וואס איך האב געהערט אז דו ליעבסט דעם אומווירדיגען קנעכט!

— יא, איך ליעב איהם!! — האט אסנת אויסגערופען — און איך בין זעהר שטאלץ דאמיט, ווייל אזא נאבעלע נשמה און איידעלער מאן ווי יוסף איז, איז ניטא ניט נאר אין מצרים נאר אויך אין דער גאנצער וועלט!

— נו אויב אזוי — האט פוטיפר אויסגערופען און זיך געזוכט צו בעהערשען —וועט שוין מארגען זיין דער לעצטער טאג פון יוסף׳ס לעבען... ער וועט דערפאר מיט זיין לעבען בעצאהלען.

— יוסף איז אומשולדיג! איך האב איהם ליב און איך האב איהם ערמוטיגט מיך ליעב צו האבען! — האט אסנת זיך פאנאדערגעוויינט — טויטע מיך אבער ניט איהם!

— יעצט וועל איך זיך שוין צו דיר ניט צוהערען ווי איך האב עס געטהאן פריהער! — האט פוטיפר אויסגערופען — יוסף וועט מארגען געהאנגען ווערען!

— דו קענסט ראטעווען יוסף׳ן פון דער תליה בלויז מיט איין זאך! — האט זליכה זיך אפגערופען. — דו זאלסט מארגען חתונה האבען מיט דעם פריסטער טוטאזים׳ן... ווען דו וועסט עס טהאן, דאן וועט יוסף ווייטער פערבלייבען אין געפענגנים!

— דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן! — האט אסנת אויסגערופען — איך און יוסף וועלען בעסער שטארבען איידער איך זאל צושטימען צו טהאן אזא זאך!

— ביז מארגען נאך מיטאג וועל איך דיר געבען צייט זיך צו בעטראכטען! — האט זליכה געזאגט, — און ווען דו וועסט ביז דאן ניט האבען בעשלאסען, דאן וועט מען טהאן צו יוסף׳ן ווי מען האט געטהאן צו מיין ברודער סרטן... ניט ריכטיג פוטיפר?

— געווים! — האט פוטיפר דורכגעפיהרט די האנד דורך זיין בארד — אדער דו וועסט חתונה האבען מיט דעם פריסטער טוטאזים׳ן אדער יוסף וועט מארגען שטארבען אויף דער תליה.

— און דו וועסט ניט טארען ארויסגעהן פון דיין צימער ביז וואנען יוסף וועט אויפגעהאנגען ווערען! — האט זליכה געזאגט — מיינע קאמערמיידלעך וועלען מיט דיר זיין די גאנצע צייט...

זליכה האט אריינגערופען צוויי פון איהרע קאמערמיידלעך און זיי אנגעזאגט צו פערבלייבען מיט אסנת׳ן ביז מארגען נאכמיטאג... און ווען אסנת וועט האבען בעשלאסען אויף יא, זאלען זיי איהר קומען רופען.

יענע נאכט האט אסנת ניט אויפגעהערט צו וויינען. איהר פערצווייפלונג איז געווען זעהר גרויס... זי האט געטראכט פון יוסף׳ן... זי האט פערשטאנען אז זליכה איז ווידער געווען ביי יוסף׳ן, און איז ווידער אוועק אן ענטוישטע.. ווען זליכה זאל נאר וויסען אז זי וויים אלע איהרע סודות, וואלט זי זיכער איהר אזוי ניט בעהאנדעלט... זי האט איהר פריהער

ניט געוואָלט פערשאַפען קיין שמערצען, אָבער יעצט וועט זי זיין געצוואונגען דאָס צו טהאָן, זי וועט זיך פריהער מיט איהר דורכריידען און דאַן אויב זי וועט איהר צווינגען חתונה צו האָבען מיט דעם אַלטען פריסטער וועט זי ענטדעקען דעם סוד צו פּוטיפר׳ן.

אין דער פריה האָט מען אסנת׳ן געבראַכט פריהשטיק אָבער זי האָט זיך דערצו ניט צוגעריהרט.

— רופט אַריין מיין מוטער! — האָט זיך אסנת אָפּגערופען צו די קאַמער מיידלעך.

איינע פון זיי איז אַריין צו זליכה׳ן און איהר געזאָגט אַז אסנת וויל איהר זעהן!

— אהא! — האָט זיך זליכה געטראַכט, זי איז געקומען צום שׂכל, זי גיט זיך אונטער... גוט — איך קום באַלד אַריין צו איהר — האָט זי געזאָגט איהר קאַמער־מיידעל.

זי איז צוגעגאַנגען צו פּוטיפר׳ן און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— ווי עס ווייזט אויס, וועלען מיר אין גיכען קענען פייערען די חתונה פון אסנת׳ן מיט טוטאַזיס׳ן, זי האָט מיר שוין געשיקט רופען... זי האָט זיך אַרומגעזעהען אַז מיר זיינען ביידע געווען ערנסט... אָט איך וועל גלייך שיקען איינעם פון די קנעכט רופען טוטאַזיס׳ן און ווען ער וועט קומען וועל איך איהם גלייך אָנזאָגען אַז אסנת האָט איינגעוויליגט צו ווערען זיין פרוי..

— דאָס וועט איהם זעהר גליקליך מאַכען! — האָט פּוטיפר געשמייכעלט! — ער האָט אפילו קיינמאָל ניט געקענט חלום׳ען וועגען דעם...

זליכה האָט אַוועקגעשיקט איינעם פון איהרע קנעכט צו רופען טוטאַזיס׳ן און אַליין איז זי אַריין צו אסנת׳ן אין צימער.

— איך וויל מיט דיר ריידען אַליין, מוטער! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען מיט אַ טרוקענע שטימע.

זליכה האָט אַ וואונק געטהאָן און די קאַמער מיידלעך האָבען פּאַרלאָזען דעם צימער.

— איך האָב אָבער געוואוסט, אסנת, אַז דו וועסט זיך גוט בעטראַכטען וועסטו צושטימען צו אונזער פאָרשלאַג! — האָט זיך זליכה אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל — נאָך אַלעמען איז טוטאַזיס זעהר אַ פּאַסענדער מאַן פאַר דיר. זיין רייכטום איז גרעניצלאָז, און דערצו, האָט מיר פּוטיפר געזאָגט, אַז פרעה וועט איהם אין גיכען בעשטימען אַלס פריסטער אין זיין טעמפּעל... און דאַן וועט דיר אויך קיין כבוד ניט פעלען!

— דו מאַכסט אַ טעות, מוטער, נישט צוצושטימען צו דעם וואָס דו האָסט מיר פאָרגעשלאָגען האָב איך דיר געשיקט רופען — ניין, איך וועל מיט טוטאַזיס׳ן קיין מאָל ניט חתונה האָבען!

— וואָס? ! דו ווילסט נאָך נישט! דו וועסט בעסער ווערען! איך האָב דערווייל שוין געשיקט רופען טוטאַזיס׳ן, איך וויל איהם אָנזאָגען ער זאָל זיך גרייטען צו זיין חתונה מיט דיר? און צום סוף ביזטו ווייטער פער׳עקשנ׳ט...

— איך בין פער׳קנסט צו יוסף׳ן! — האָט אסנת אויסגערופען און

קיין זאַך אין דער וועלט וועט אונז ניט אָפּהאַלטען צו הייראַטהען...

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך זליכה פאַנאַנדערגעלאַכט — דו ווייסט דאָך אַז אויב דו וועסט זיך ענטזאָגען באַלד חתונה צו האָבען מיט טוטאַזיס'ן, וועט יוסף געהאַנגען ווערען נאָך היינט נאָך מיטאָג, טוי ווי אַזוי קענסטו גאָר קלערען וועגען הייראַטהען איהם!

— מוטער! — האָט אסנת אויסגערופען — דאָס איז דאָס לעצטע מאָל אַז איך רוף דיר „מוטער"... איך ווייס אַלעס! סרטן האָט מיר שוין לאַנג ענטדעקט דעם סוד ווי אַזוי איך קום צו דיר... ער האָט מיר אַלעס דערצעהלט. ער האָט מיר דערצעהלט ווי אַזוי דו האָסט מיר אַוועקגע־גנב'עט פון דינה'ן, יעקב'ס טאָכטער, ער האָט מיר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון שכם מיט דיר... און אַחוץ דעם ווייס איך פיעל מעהרערע זאַכען פון דיר... און יעצט אויב דו וועסט וואַגען צו טהאָן עפּעס שלעכטעס צו יוסף'ן וועל איך פּוטיפר'ן וועגען אַלע דערצעהלען

זליכה האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג... זי האָט ניט ערוואַר־טעט אַז אסנת זאָל צו איהר אַזוי ריידען! באַלד אָבער האָט זי זיך בעהערשט און אָפּגערופען:

— יעצט אַז דו ווייסט, ווער דו ביזט, אסנת, וועט אויך פאַר מיר זיין אַ סך גרינגער דורכצופיהרען דיין שטראָף„ און פאַרגעס ניט אַז פּוטיפר וועט מיר גיכער גלויבען ווי דיר און יוסף'ן. און טאַקע צוליעב דיין חוצפּה, וועט יוסף היינט נאָך מיטאָג געהאַנגען ווערען נעבען דיין פענסטער. דו וועסט זעהען מיט דיינע אויגען אָבער מיינע קאַמערמיידלעך וועלען דיך ניט לאָזען זיך ריהרען פון אָרט, ביז וואַנען דיין חתן, יוסף, וועט זיין טויט!...

אַ קלאַפּ אין טיהר האָט זיך דערהערט. זליכה האָט געהייסען אריינ־געהן. אַ קאַמער מיידעל האָט די טיהר געעפענט און געמאָלדען זליכה'ן אַז טוטאַזים איז אָנגעקומען.

— און וואו איז דיין האַר' פּוטיפר? — האָט איהר זליכה געפרעגט.

— מיין האַר איז אַוועק צו פּרעה'ן! — האָט די קאַמער מיידעל גע־זאָגט — ער האָט מיר געהייסען איבערגעבען מיין האַרינטע אַז עס איז מעגליך דאָס ער וועט פערבלייבען אין פּאַלאַץ דעם גאַנצען טאָג.

— אָ! האָט זליכה אויסגערופען — ער לאָזט אַלעס איבער צו מיר! איז די תליה פאַרטיג פאַר יוסף'ן?

—איך ווייס נישט! — האָט די קאַמער מיידעל געשטאַמעלט.

— געה זאָג טוטאַזיס'ן אַז איך קום באַלד אריין! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — און קום גלייך צוריק מיט די איבעריגע מיידלעך. איהר וועט דאַרפען זעהן אַז אסנת זאָל פון דאַנען ניט אַרויסגעהן, ביז וואַנען דער קנעכט וועט אויפגעהאַנגען ווערען!

— דו וועסט ניט וואַגען צו טהאָן אַזאַ זאַך! — האָט אסנת אויסגערופען.

— וואָס? — האָט זליכה זיך אַ קרים געטהאָן — אפשר וועט דיין יוסף'ן נישט פּאַסטען צו הענגען... אויב מיין ברודער, פּרעה'ס שר האופים, האָט געפּאַסט צו שטאַרבען אויף דער תליה, וועט דעם אומווירדיגען קנעכט,

יוסף׳ן עס געווים פאסטען !...

— ווייסטו, דאס יוסף האט פאראויס געזאגט אז סרטן וועט געהאנגען ווערען. דריי טעג איידער ער איז הינגעריכטעט געווארען ! — האט אסנת זיך אפגערופען...

— אויב אזוי ווייסט ער דאך געווים ווען ער וועט הינגעריכטעט ווערען. האט זליכה געזאגט ! — איך שווער ביי דיר געטער פון מצרים און ביי די געטער פון שכם, אז אויב דו וועסט גלייך ניט צושטימען צו ווערען די פרוי פון טוטאזים׳ן, וועט דיין געליעבטער קנעכט יוסף שטארבען היינט בייטאג אויף דער תליה...

— דו מעגסט וויסען זיין אז עס איז קיין פארבארגענעס פאר יוסף׳ן נישטא ! און ער ווייסט אפילו וואס סרטן האט מיט דיר גערעדט איידער מען האט איהם ארייגעווארפען אין געפענגניס. יוסף האט מיר אלעס דערצעהלט. ער האט מיר דערצעהלט אז סרטן האט געפלאנעוועט זיך צו פעראייניגען מיט אונזער קעניג׳ס שונאים... און אז דו אליין האסט איהם פארשפראכען ארויסצוהעלפען. און יעצט קום איך דיר צו ווארנען, אז אויב דו וועסט זוכען צו טהאן יוסף׳ן עטוואס שלעכטעס, וועסטו זיך עס אליין טהאן. ער וועט געווים ארויסגעבען דיין סוד, און דאן וועסטו גע׳משפט ווערען ביי דעם קעניג.

זליכה׳ס פנים האט זיך געביטען קאלירען, ווען זי האט געהערט וואס אסנת האט איהר נאר וואס געזאגט. יעצט מוז זי שוין געווים זעהן ווי אזו פטור צו ווערען פון יוסף׳ן — האט זי זיך געטראכט — ער טאר מעהר קיין איבעריגען טאג נישט בלייבען לעבען... יע, עס איז ביי איהר קיין צווייפעל ניט אז איהר ברודער האט אלעס ארויסגעפלאפעלט פאר יוסף׳ן אויב ער האט געקענט דערצעהלען אסנת׳ן דעם סוד, ווי אזוי זי האט זיך צו איהר גענומען, האט ער געווים דערצעהלט יוסף׳ן וועגען אלע זיינע פלענער...

— נו, וואס וועסטו יעצט טהאן ? — האט אסנת געפרעגט זליכה׳ן, ווען זי האט בעמערקט איהר גרויסע פערלעגענהייט.

— דאס וועסטו שוין באלד זעהן ! — האט זליכה געענטפערט מיט כעס — אויב דו האסט נאך געהאט א שטיקעל האפענונג אז יוסף וועט היינט ניש שטארבען אויף דער תליה, מעגסטו שוין אויך דיזע האפנונג אויפגעבען. איך האב פאר יוסף׳ס מויל ניט מורא, און ווען דו וועסט ריידען זאכען וואס מען דארף נישט וועל איך אויך דיין מויל קענען צומאכען...

די קאמער מיידלאך זיינען אריינגעקומען און זליכה האט זיי אנגעזאגט צו היטען אסנת׳ן. זיי זאלען איהר ניט ארויסלאזען פון צימער ביז וואנען זי וועט געבען דערצו די ערלויבנים.

— זאל די ברכה פון אזירים פאלען אויף דיין קאפ, דו גנעדיגע פרוי פון פוטיפר ! — האט איהר טוטאזים בעגריסט. די פרעהליכע אנגענעהמע בשורה איז פאר מיר געווען א באלזאם צו מיין הארצען. איך האב אסנת׳ן ליעב געהאט ווען זי איז נאך א קליין קינד געווען, און יעצט ווי גרויס איז מיין איבערראשונג געווארען ווען איך האב דערהערט אז דו און פוטיפר האבען בעשלאסען מיר אפצוגעבען אסנת׳ן פאר מיין פרוי. געבענשט זאלען

זיין אַלע געטער פון מצרים. און זאָלען זיי אַזוי דערפרעהען דיין האַרץ ווי דו האָסט מיר היינט דערפרעהט. וואו איז אסנת? איך מוז איהר געהן זעהן. איך האָב מיט זיך געבראַכט אַ שעהנע מתנה פאַר איהר.

— צום בעדויערען וועסטו היינט ניט קענען זעהן אסנת'ן. זי פיהלט עפּעס נישט מיט אַלעמען.

—זי איז ניט געזונט?! — האָט טוטאַזים אויסגערופען. אַט וועל איך געהן גלייך רופען די רופאים. זיי וועלען איהר אויסהיילען פון אַלע קראַנקהייטען. איך פאַרשטעה אַז דיעזע פרעהליכע נייעס דאָס זי וועט מיין פרוי ווערען האָט איהר אַזוי איבערראַשט און דאָס האָט איהר וואָהר־שיינליך פאַרשאַדט. כ'וועל אַריינגעהן צו איהר אויף אַ קליינע ווײלע. איך וועל איהר בלויז עטוואָס בערוהיגען און איהר איבערגעבען די מתנות און גלייך אַרויסגעהן.

— ניין! דו וועסט יעצט זיך מיט איהר נישט קענען זעהן! — האָט זליכה אויסגערופען — דו וועסט זיך פריהער דאַרפען זעהן מיט פּוטיפר'ן און ער וועט זיך ערשט צוריקקעהרען ביינאַכט פון קעניג'ס פּאַלאַץ. מיין עצה וואָלט געווען אַז דו זאָלסט בעסער אָפּוואַרטען ביז מאָרגען.

— אַ ניין! מיין האַרינטע! וואו וועל איך נעהמען אַזוי פיעל געדולד צו וואַרטין ביז מאָרגען. איך וועל נאָך היינט אין אָבענד זיך צוריקקעהרען אוןריידען מיט מיין פריינד פּוטיפר'ן. אַלע מיינע גוטע פריינד וויסען שוין אַז אסנת וועט ווערען מיין פרוי. און, ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט זליכה, ווי זיי זיינען מיר מקנא! און איך מוז זיך פאַר דיר אַליין מודה זיין אַז ווען איך האָב דערהערט דאָס דו און פּוטיפר האָבען בעשטימט אסנת'ן פאַר מיר, האָט זיך מיר גאָר ניט געוואָלט גלויבען...

— אַלעס וועט רעכט ווערען, טוטאַזים! — האָט זליכה זיך אָפּגעג־רופען. — דו מוזט מיר ענטשולדיגען איך מוז יעצט גלייך ערגעץ־וואו געהן. קום אין אָוועגד! איך מיין מאָרגען אינדערפריה. און דאַן... אָ, איך אייל זיך! פּוטיפר וועט ערשט קומען ביינאַכט, ער וועט זיין גאַנץ מיעד...

— איך וועל שוין זעהן צו קריגען געדולד ביז מאָרגען, — האָט טוטאַזים אויסגירופען. און פאַרנייגענדיג זיך, האָט ער פאַרלאָזען פּוטיפר'ס הויז.

זליכה האָט אַרויפגעכאַפּט איהר שעהן זיידען קלייד. זי האָט צוגע־רופען תדמור'ן און נאָך אייניגע פון איהרע קנעכט און זיי מיטגערופען:

— קומט מיט מיר אין געפענגניש, שנעלער! היינט וועט מוזען זיין דער סוף פון יוסף'ן! איך וויל בעטען דעם אויפזעהער פון געפענגניש, ער זאָל אָנטהאָן קייטען אויף יוסף'ן און איהר וועט איהם גלייך פיהרען צו דער תליה, ער זאָל געהאנגען ווערען גלייך, נאָך איידער אייער האַר, פּוטיפר, וועט אָנקומען און אויב ער וועט מאַכען אַ פאַרזוך צו שרייען, אָדער עפּעס צו רעדען, זאָלט איהר באַלד זיין מויל פאַרמאַכען, איהר הערט?!

— מיר וועלען טהאָן אַלעס, וואָס אונזער האַרינטע וועט אונז אָנזאָגען!

— האָט תדמור געענטפערט און איז איהר נאָכגעגאַנגען מיט די איבעריגע קנעכט.

— איהר וואַרט דאָ, אין דרויסען, — האָט זיך זליכה צו זיי אָפּגעג־

רופען, — און איך וויל אריינגעהן און הייסען דעם אויפזעהער ארויס־פיהרען דעם קנעכט...

זליכה איז אריין אין געפענגעניש און איז גלייך צוגעגאנגען צום אויפזעהער.

— איך פערלאנג פון דיר דו זאלסט מיר איבערגעבען יוסף׳ן געשמידט אין קייטען! — האט זליכה זיך צו איהם אפגערופען.

— יוסף׳ן? — האט דער אויפזעהער איהר אנגעקוקט.

— יא, יוסף׳ן, מיין קנעכט!

— אבער מיין הארינטע! ווייסטו נישט, אז יוסף געפינט זיך יעצט ביי דעם קעניג אין פאלאץ?

— יא, מיין הארינטע! דער קעניג האט איהם געשיקט רופען.

— וואס? ! — איז זליכה בלאס געווארען. — דער קעניג האט גע־שיקט נאך יוסף׳ן?

— איך וועל ווארטען ביז וואנען מען וועט איהם צוריקברייננגען! — האט זליכה געזאגט. — זאג מיר, ווייסטו פיליכט, צוליעב וואס דער קעניג האט איהם געשיקט רופען?

— געוויס ווייס איך! — האט דער אויפזעהער זיך אפגערופען. — דעם קעניג האט זיך גע׳חלום׳ט א מארנער חלום און אזוי ווי יוסף האט ריכטיג אויסגעטייטשט די חלומות פון דעם שר המשקים און דעם שר האופים, האט דער קעניג איהם געשיקט רופען, ער זאל אויך פותר זיין זיין חלום, און איך גלויב נישט, אז מען וועט יוסף׳ן צוריקשיקען אהער!

— וואַ־אַ־ם! — האט זליכה אנגעפאנגען צו שטאמלען, — דו גלויבסט, אז מען וועט איהם איננאנצען באפרייען?

— ווען זיין אויסטייטשונג זאל נאר געפעלען ווערען דעם קעניג, איז אלעס מעגליך! — האט דער אויפזעהער געזאגט.

— דאס איז אוממעגליך! דאס איז אונמעגליך! — האט זליכה אנ־געהויבען צו ציטערען. — ער וועט זיך צוריקקעהרען אין געפענגניש! ער איז דאך מיין קנעכט!

פלוצלונג האט זיך דערטראגען צו זייערע אויערען א שטארק שפיעלען.

— וואס קען דאס באדייטען? — האט זליכה געפרעגט.

— עס איז מעגליך, אז עס האט זיך שוין געפונען אימיצער, וואס האט געגעבען די ריכטיגע פארטייטשונג פון פרעה׳ס חלום און דעריבער מאכט מען א יום טוב.

דער אויפזעהער האט פארשלאסען די טירען פון געפענגעניש און האט גענומען ארויסגעהן פון הויף. זליכה מיט איהרע קנעכט זיינען נאכגעגאנגען.

די מוזיק האט זיך דערנעהענטערט. רייטערס זיינען געלאפען א פריהער.

— די פייערונג מוז זיין פון גרויס באדייטונג! — האט זליכה זיך אפגערופען צו איהרע קנעכט.

— מיר דאכט, אז איך זעה דעם קעניג׳ס קארעטע! — האט תדמור זיך אפגערופען. — יא, דער קעניג אליין נעהמט אנטייל אין פאראד.

— אה וויפיעל מענשען! כמעט גאנץ מצרים... די גאסען זיינען

שוואַרץ פון מענשען. מען קלעטערט אויף די מויערען, פון די פענסטער קוקט מען אַרויס. אויף די דעכער שטעהט מען... — האָט דער אויפזעהער פון געפענגעניש זיך אָפּגערופען. — יע, זעהר אַ גרויס געשעהעניש האָט געמוזט פּאַסירען!

— לאָמיר שנעל אַריבערלויפען די גאַס! — האָט זליכה אויסגערופען, — זיי וועלען דאָך באַלד געווים פּאַרביימאַרשירען מיין הויז, וועל איך קענען זעהן אַלעס פון מיין פענסטער.

די געשרייען און שאַלען האָבען זיך פאַרשטאַרקט. „לאַנג לעבען זאָל דער נייער פּרינץ פון מצרים!“ האָבען די קולות פאַרהילכט די לופט.

— דער נייער פּרינץ פון מצרים?! ווער קען דאָס זיין? — האָט זליכה געפרעגט.

— קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— זיי וועלין דאָך באַלד פּאַרביימאַרשירען, וועלען מיר שוין זעהן! — האָט דער אויפזעהער זיך אָפּגערופען.

— עס וועט זיין יעצט זעהר שווער אַריבערצוגעהן די גאַס, — האָט תדמור געזאָגט. — מענשען זיינען דאָ אַזוי פיעל ווי די גראָז ביים טייך נילוס. מיר וועלען שוין מוזען וואַרטען ביז וואַנען דער גאַנצער פּאַראַד וועט זיך פאַנאַנדערגעהן אין אַן אַנדער ריכטונג.

— אָבער איך וואָלט זעהר געוואָלט זעהן דעם יונגען פּרינץ פון מצרים! איך בין נייגעריג צו וויסען ווער עס האָט זיך ביי פּרעה׳ן פאַרדיענט צו אַזאַ הויכען ראַנג!

— אַ ביסעלע געדולד, מיין האַרינטע, — האָט זיך דער אויפזעהער אָפּגערופען. — באַלד וועלען מיר דאָך אַלעז הן!

— ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, אַז פּוטיפר זאָל נישט האָבען געוואוסט פריהער וועגען דעם פּאַראַד? — האָט זיך זליכה געטראַכט. — ער האָט אפילו נישט אָנגעדייטעט, אַז עס וועט היינט פאָרקומען אַ פּאַראַד...

— ווער איז ער דאָס, אָט דער נייער פּרינץ? — האָט זליכה אָפּגעשטעלט אייניגע מצרישע פרויען, וועלכע האָבען געמאַרשירט צוזאַמען מיט דעם המון.

— מיר ווייסען נישט ווער ער איז, אָבער שעהן איז ער ווי די ליכטיגע זון! אָ, מיר האָבען אונזערע אויגען נישט געקענט אָנזעטיגען פון זיין שעהנעם פּנים!

—אָט וועל איך אַרויפקלעטערען אויף דער וואַנט פון הויף, פון דאָרטען וועל איך איהם קענען בעסער זעהן... פיליכט וועל איך וויסען ווער ער איז, — האָט דער אויפזעהער זיך אָפּגערופען און איז אַריין אין הויף פון געפענגעניש און אַרויפגעקראָכען אויף דעם מויער. אין אַ ווייל אַרום איז ער אַרונטער און סאַפּענדיג צוגעלאָפען צו זליכה׳ן.

— איך האָב איהם געזעהן! איך האָב איהם געזעהן! — האָט זיין פּנים געפלאַמט. — מיין האַרינטע! דער נייער פּרינץ איז יוסף, וועמען מען האָט נאָך היינט באַפרייט פון געפענגניס!

— יוסף?! דו ביזט זיכער געריהרט פון זינען! — האָט זליכה אויס־

גערופען. — וואס רעדסטו? יוסף איז דער נייער פרינץ פון מצרים? האט זי געגומען לאכען.

— א, מיין הארינטע, איך בין ביים קלארען זינען! איך דערקען יוסף'ן! יא ער זיצט אין א רייטוואגען פון א משנה למלך, נעבען פרעה'ן... אט איז ער שוין גאנץ נאהענט, דו וועסט זיך באלד אליין איבערצייגען.

זליכה האט פארריסען איהר קאפ, אבער זי האט נאך אלץ נישט גע־קענט זעהן. איהר הארץ האט גענומען שטארק קלאפען. אפשר איז ער טאקע געראטען? א, אויב עס איז ווירקליך יוסף, דאן איז זי א פארלוירענע! א, עס איז דאך אונמעגליך אזא זאך! ווי אזוי קומט א קנעכט, און דערצו אן ארעסטירטער קנעכט, פלוצלונג צו ווערען דער פרינץ פון מצרים?!

— מיין הארינטע! — האט זיך תדמור אפגערופען. — אט וועל איך זיך איינבויגען און דו וועסט זיך אויף מיר שטעלען, וועסטו בעסער קענען זעהן.

— גוט! — האט זליכה אויסגערופען.

תדמור האט זיך איינגעבויגען און דער אויפזעהער האט איהר געהאלפען ארויפצוגעהן אויף תדמור'ן.

— יא, דאס איז יוסף! — האט זליכה ארויסגעלאזען א געשריי און איז געפאלען אין חלשות. דער אויפזעהער האט זי אנגעכאפט און מיט דער הילף פון די אנדערע קנעכט אריינגעפיהרט אין זיין הויז און דארטען האט מען זי אפגעמינטערט.

אסנת איז זעהר אומרוהיג געווארען. זי זעהט, אז זליכה האט זיך נאר ווינציג גענומען צום הארצען, ווען זי האט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז זי ווייסט אלע איהרע סודות... זי איז נאך געווארען מעהר ענטשלאסען זיך אפצורעכענען מיט יוסף'ן. א, זי מוז איהם ראטעווען פון איהרע הענט! זי וועט זיין געצוואונגען צו דערציילען פוטיפר'ן וועגען אלעס... און אויב דאס וועט ניט העלפען, וועט זי בעסער שטארבען צוזאמען מיט יוסף'ן. זי איז ארומגעלאפען איבער'ן צימער הין און צוריק. זי האט געמאכט א פערזוך צוצוגעהן צו דער טיר, אבער די קאמער־מיידלעך האבען איהר דעם וועג פאר־שטעלט.

— א, איך בעט אייך! — האט זיך אסנת צו זיי געווענדעט מיט טרעה־רען אין ד יאויגען. — לאזט מיך ארויס, בלויז אויף א קליינע ווילע, איך מוז ארויסגעהן!

— עס טוט אונז זעהר לייד, אבער דעם באפעהל פון אונזער הארינטע קענען מיר ניט ברעכען. ווען מיר וועלען דיך ארויסלאזען פון דיין צימער וועט זי אונז שטארק בעשטראפען.

אסנת'ס פארצווייפלונג האט זיך פארגרעסערט. אט איז זי צוגעגאנגען צום פע נסטער, וואס קוקט ארויס אין גאס, און אט איז זי שוין ווידער געווען ביים צווייטען פענסטער, וואס קוקט ארויס אין הויף. זי באמערקט די תליה שטעהענדיג אין מיטען הויף.. א שוידער געהט דורך איהר לייב. איז עס מעגליך, אז זליכה איז ערנסט וועגען אויפהענגען יוסף'ן, אדער דאס האט זי

בלויז געטהאָן איהר אָנצוסטראשען, כדי זי זאָל זיך אונטערגעבען און חתונה האָבען מיט טוטאזים׳ן ? ווי עס זאָל נישט זיין, איז יוסף אין א גרוים גע־פאהר און זי איז הילפלאָז... אט די קאמער־מיידלעך היטען דעם ארויסגאנג, און ווער ווייסט, וואָס עס וועט דאָ באלד פּאסירען ? !

פּלוצלונג האָבען זיך גענומען דערטראָגען צו איהר פענסטער קלאנגען פון מוזיק, געשרייען און שאלען. זי איז גלייך צוגעלאָפען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אין גאס. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אזוי פיעל מענ־שען.

— אָ, וואָס פאר א שעהנער פאראד עס קומט פאָר אין גאס ! — האָט אסנת אויסגערופען מיט ענטציקונג. — אָ, עס איז נאָך אזעלכעס נישט פאָר־געקומען ! אָ, קומט נאָר אהער, פון דעם פענסטער קען מען אלעס צוזעהן.

די קאמערמיידלעך זיינען צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויסגעבויגען זייערע קעפּ. אסנת האָט זיך באנוצט מיט דיזער געלעגענהייט און איז שנעל ארויסגעלאָפען דורך דער טיר.

דער פאראד האָט איהר ווינציג וואָס יעצט פאראינטערעסירט. איהר איינציגער געדאנק איז געוועזן צו ראטעווען יוסף׳ן פון זליכה׳ס הענט. זי ווייסט, אז זליכה געפינט זיך אין דעם הויף פון דעם געפענגעניש און זי וועט זוכען איהם שלעכטס צו טהאָן.

זי איז ארוים אין גאס. אָבער די גאס איז געוועזן אזוי פארפּלייצט מיט מענשען, וועלכע האָבען געשריען און געשאלט : „לאנג לעבען זאָל דער יונגער פּרינץ פון מצרים ! לאנג לעבען זאָל פּרעה !"

אסנת האָט זיך גענומען דורכשפּארען דורכ׳ן המון, אָבער עס איז געוועזן אונמעגליך. ווער ווייסט ווי לאנג עס וועט נעהמען פאר דעם פאראד פאר־בייצוגעהן די גאס ? יעצט קען זי אפילו נישט ארויסגעהן. זי ווערט גע־שטופּט מיט׳ן המון, וואָס ווייטער... זי זוכט צו מאכען א וועג פאר זיך, אָבער אומזיסט ! דאָס שפּילען און שאלען פארהילכען די אויערען, אלע יובלען און זיינען אזוי פרעהליך. אָבער איהר קריכט קיין זאך נישט אין קאָפּ. זי זוכט זיך צו באפרייען פון דעם המון און צו געהן צו יוסף׳ן אין געפענגעניש.

— וואוהין שטופּסטו זיך ? — האָט א דיקליכע מצרישע פרוי זיך אָפּ־גערופען צו יאיהר.

— איך מוז יעצט זיין אויף דער צווייטער זייט פון גאס ! — האָט אסנת געענטפערט און זיך ווידער גענומען שטופּען.

— אומזיסט איז דיין טרחה. דו וועסט זיך נישט קענען דורכשטופּען דורך אזא געדיכטען המון — האָט איהר די מצרית געזאָגט. — און מיר וואונ־דערט אויף דיר פארוואָס דו זוכסט גאָר אויסצומיידען דעם פאראד, וואָס דער קעניג האָט געמאכט לכבוד דעם נייעם יונגען פּרינץ פון מצרים !

— מיר ליגט יעצט גאָרנישט אין זינען, מיין הארינטע ! איך מוז דורכגעהן !

— ווען דו וואָלסט נאָר געזעהן דעם פּנים פון דעם יונגען פּרינץ, וואָלסטו שוויין אליין נישט געוואָלט אוועקגעהן פון דאנען. ער איז דער שעהנסטער מאן איןגאנץ מצרים.

— אָ, ווען דיזע פרוי וואָלט נאָר איינמאָל דערזעהן יוסף'ן וואָלט זי שוין נישט געזאָגט אז דער פרינץ איז דער שעהנסטער מאַן אין מצרים! — האָט זיך אסנת געטראַכט... אָ, זי קען זיך נישט באַפרייען. זי ווערט מיטגע־שטופט מיט'ן יובעלדען עולם, און זי דערווייטערט זיך פון איהר ציעל.

פלוצלונג האָט זי דערפיהלט אַז דער פאַראַד האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע ארום זיינען שטעהן געבליבען און א שטילקייט האָט געהערשט ארום.

יעדער אנטיילנעמער אין פאראַד האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און אָנגע־שטרענגט אויגען און אויערען.

דער קעניג פרעה רעדט... קיינער בעוועגט זיך נישט. אַלע ווערען שטיל און רוהיג.

— אייך, מיינע געטרייע בירגער פון מצרים, קום איך בעגריסען צו דעם גרויסען גליק וואָס אונז האָט געטראָפּען. די געטער זיינען צו אונז זעהר גנעדיג געווען און האָבען אונז צוגעשיקט א מאַן צו וועמענס קלוגשאַפט און פערשטאנד איז קיין גלייכען נישטאָ אין גאנץ מצרים... יע, ער האָט מיט זיין גרוים חכמה און פאָראויסזעהונגס־קראַפט געראטעוועט אונזער לאנד פון אונטערגאנג. פון יעצט אָן וועל איך איהם רופען מיט'ן נאָמען צפנת פענה, ווייל אַלע פארבאָרגענע זאכען זיינען פאר איהם ענטדעקט. איך בין פרעה. און זיין וואָרט דארף ביי אלעמען זיין הייליג ווי מיין וואָרט! זיינע בעפעה־לען דארפען געטהאָן ווערען אזוי ווי זיי וואָלטען געווען מיינע בעפעהלען! ווייל איהר דארפט וויסען אז אלעס וואָס מיין משנה למלך טוט, וועט ברייגען גוטעס און גליק פאר אונזער גאנצען לאנד. אויב אימיצער פון אייך געפינט זיך אין אַ גֵעדריקטע לאַגע, אויב ווער עס איז פון אייך נויטיגט זיך אין אַן עצה, קענט איהר קומען צו אייער נייעם פרינץ, ער וועט יעדען פון אייך העלפען מיט ראטה און טהאַט.

— לאַנג לעבען זאָל אונזער קעניג פרעה!

— לאַנג לעבען זאָל דער נייער פרינץ פון מצרים! — האָבען דונערענדע שטימען אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט.

פרעה'ס לעצטע ווערטער האָבען אסנת'ן ווי אויפגעוואַכט פון איהרע געדאנקען... דער נייער פרינץ וועט איהר געוויס העלפען!.. זי וועט איהם אַלעס דערצעהלען וועגען יוסף'ס אומשולד און זיך מיט איהם בעראטהען ווי אַזוי איהם צו העלפען! — עס זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט. זי האָט זיך אומגעדרעהט. זי האָט דערזעהן פרעה'ן שטעהענדיג אין זיין קאַרעטע. זי האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ... זי האָט געקוקט אויף דער צווייטער קאַרעטע וואָס איז געשטאַנען נעבען פרעה'ן. און פלוצלונג האָט איהר אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די אויגען... וואָס איז דאָס?! חלום'ט זי.. זי זעהט יוסף'ן אָנגעטהאָן אין פרינצליכע קליידער און ער שטעהט אין קאַרעטע נעבען פרעה'ן... אָ, גאָט, וואו איז זי.. זי עפענט איהרע אויגען ברייטער, יע! דאָס איז יוסף, זי הערט זיין שטימע... יוסף רעדט. זי דערקענט זיין שטימע. ער בעדאנקט פרעה'ן פאר דעם גרויסען כבוד וואָס ער האָט איהם געטהאָן... זי זעהט ווי ער הויבט אויף זיין רעכטע האַנט און שווערט צו דינען טריי דעם לאַנד מצרים... אָ, ניין, עס איז נישט קיין חלום! זי זעהט עס אַלעס אין

דער ווירקליכקייט.. יוסף איז געוואָרען דער פרינץ פון מצרים! ווי אַזוי איז עס געשעהן! אַ נס האָט פּאַסירט!

אסנת האָט מיט אַלע איהרע קרעפטען זיך גענומען שטופּען דורכ'ן המון. אַלץ נעהענטער צו די קעניגליכע לייב-וועכטער וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט פּרעה'ן און יוסף'ן.

— יוסף! יוסף! — האָט אסנת אויגערופען, איהר פּנים האָט געלויכטען פון גליק... יוסף! יוסף! זי האָט קיינעם נישט געזעהן, בלויז איהם, איהר ליעבען יוסף'ן... איהר האָט נישט געאַרט וואָס די מענשען אַרום האָבען איהר געהאַלטען פאַר משוגע.. זי האָט קיין זאַך נישט געהערט, זי איז אינגאַנצען געווען דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק מיט איין ציעל: דורכצוברעכען אַ וועג צו יוסף'ן...

— זי איז פון זינען געריהרט — האָט זי געהערט שטימען אַרום... וואוהין שטופּט זי זיך! וואָס שרייט זי! אָבער אסנת האָט קיינעם קיין אויפמערק־זאַמקייט נישט געשאָנקען. זי האָט זיך דורכגעשטופּט וואָס נעהענטער. אָט איז זי שוין נעבען דעם קעניג'ס לייב-וועכטער... זי וויל ווייטער געהן אָבער די לייב-וועכטער פערשטעלען איהר דעם וועג מיט זייערע שפּיזען.

— יוסף! יוסף! — האָט אסנת ווידער געשריען.

די לייב וועכטער האָבען איהר שוין געוואָלט אוועקשטויסען, אָבער יוסף האָט דערהערט איהר שטימע.

— אסנת! אסנת! — האָט יוסף פּלוצלונג אויסגערופען...

— וועמען רופסטו עס? — האָט פּרעה איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוי־נונג.

— אסנת'ן, מיין כּלה! — האָט יוסף אָנגעצייגט מיט'ן פינגער! אַה, לאָזט איהר צו צו מיר! — האָט יוסף אויפגעהויבען זיין שטימע.

— לאָזט איהר צו! — האָט פּרעה אויך אויסגערופען.

די לייב וועכטער האָבען געמאַכט אַ וועג... אסנת איז גלייך צוגעקומען צו יוסף'ס קאַרעטע. יוסף איז שנעל אַרויס געשפּרונגען פון זיין קאַרעטע.

— מיין ליעבער יוסף — איז אסנת איהם אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלדז.

— אסנת! מיין ליעבע טייערע אסנת! — האָט איהר יוסף געקושט.

פּרעה און די אַרומיגע זיינען געשטאַנען פאַרוואונדערט... יוסף איז גלייך געקומען צו זיך פון זיין גרויסער איבערראַשונג.

— דאָס איז מיין כּלה! — האָט ער פאָרגעשטעלט פאַר פּרעה'ן.

— אָ, ווי וואונדערליך שעהן זי איז! — האָט פּרעה אויסגערופען — וועמעס טאָכטער איז זי?

— זי איז אסנת, די טאָכטער פון פּוטיפר! — האָט יוסף איהם געענט־פערט.

— פּוטיפר'ס טאָכטער! — האָט פּרעה אויסגערופען און זיין ערשטוי־נונג איז נאָך גרעסער געוואָרען. איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז פּוטיפר האָט אַזאַ וואונדערשעהנע טאָכטער, זיינען זיי דען נישט אַ געבענשטע פאַר פון הימעל?! — האָט פּרעה זיך געוואונדערט צו זיינע בעאַמטע וועלכע האָבען זייערע אויגען נישט אַרונטערגענומען פון אסנת'ן און יוסף'ן.

אסנת האָט זיך פאַרנייגט פאַר פּרעה'ן.

— זאָל דיין כלה מיטפאָהרען מיט דיר אין קאַרעטע! — האָט פּרעה זיך אָפּגערופען צו יוסף — מיר וועלען נאָך היינט אין אבענד פייערען אייער חתונה אין מיין פּאַלאַץ.

יוסף האָט געהאָלפען אסנת'ן אריינגעהן אין זיין קאַרעטע. ער האָט זיך אנידערגעזעצט נעבען איהר... דער פּאַראַד איז פאָרטגעזעצט געוואָרען.. די מוזיק האָט געשפּיעלט. דער המון האָט געיובעלט און געשאַלט... אָבער יוסף און אסנת האָבען קיין זאַך ארום זיך נישט געהערט... זייערע הערצער האָבען געקלאַפּט פון גרויס גליק.. זייערע הענט זיינען געווען צוזאַמענגעפלאָכטען. זייערע אויגען האָבען געשטראַהלט...

— יוסף! איך קען עס זיך נאָך אלץ נישט גלויבען, אז דאָס קומט אלעס ווירקליך פאָר! — האָט אסנת אויסגערופען — מיר דוכט זיך אז איך זעה עס דורך א חלום...

— יע, מיין ליעבענדע אסנת!.. אלעס איז געקומען דורך אַ חלום! — האָט יוסף געשמייכעלט. דער גאָט פון מיינע עלטערען איז מיט מיר געווען די גאַנצע צייט...

— אָבער ווי אזוי איז דאָס פּלוצלונג אַלעס געשעהן? — האָט אסנת זיך מעהר נישט געקענט בעהערשען... ערשט נעכטען ביזטו נאָך געווען פאַרשפּאַרט אין געפענגנים!?

— נישט נאָר נעכטען, נאָר אויך היינט אין דער פריה בין איך נאָך געווען אין געפענגנים... איך האָב שוין געהאַט פאַרלאָרען אַלע מיינע האָפענונגען, ווען עס איז בעפרייט צו ווערען, ווען פּלוצלונג זיינען געקומען דעם קעניג'ס בעאַמטע או זמיר געזאָגט אז דער קעניג וויל מיר זעהן.

יוסף האָט אסנת'ן דערצעהלט אלעס וואָס איז פאָרגעקומען מיט איהם ביז יעצט, ווי אזוי ער האָט צוגעטראָפען מיט די חלומות. — גאָט האָט מיר אריינגעגעבען א געדאַנק, און מיין אויסטייטשונג פון פּרעה'ס חלום האָט זיך אַזוי אריינגעפּאַסט, אַז אלע האָבען איינגעזעהן אז איך האָב געגעבען דעם ריכטיגען פּתרון...

— או זאיך בין עס יעצט געלאָפען צו דיר אין געפענגנים דיר צו ראַטעווען פון זליכה'ס הענט... — האָט אסנת געזאָגט און אָפּגעווישט די טרעהרען פון פרייד פון איהרע אויגען. זליכה האָט זיך דערוואוסט פון אונזער ליעבע און זי האָט בעשלאָסען מיך צו צווינגען גלייך חתונה צו האָבען מיט דעם פּריעסטער טוטאַזיס'ן. און ווען איך האָב זיך ענטזאגט איהר צו פאָלגען, האָט זי מיך געסטראַשעט אַז היינט וועט זי שוין זעהן דאָס דו זאָלסט געהאַנגען ווערען... זי האָט מיך פאַרשפּאַרט אין מיין צימער מיט עטליכע קאַמערמיידעלך זיי זאָלען מיך היטען און אַליין איז זי אַוועק צו דיר אין געפענגנים... מיין האַרץ האָט מיר אַזוי געשראָקען. איך האָב זיך געריסען אַרויסצוגעהן או זעהן דיך צו ראַטעווען פון איהרע הענט, אָבער די קאַמערמיידלעך האָבען מיך נישט געלאָזען. און ווען זיי האָבען ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער צו זעהן דעם פּאַראַד, בין איך ארויסגעלאָפען פון הויז... איך האָב זיך געשפּאַרט און געשטופּט איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער דורכרייסען זיך צווישען

המון און קומען צו דעם געפענגנים... און דאָ, זיצסטו, גאָר אין דער קאַרעטע, און אַלע שרייען: „לאַנג לעבען זאָל דער פרינץ פון „מצרים"!

— געלויבט איז גאָט! — האָט יוסף אויסגערופען — איך בין גאָר אַליין אויך ווי אין אַ נעבעל... עס גלויבט זיך מיר קוים, אַז די אומשטענדען זאָלען זיך האָבען אַזוי שנעל געביטען!...פון אַ שקלאַף אין געפענגנים, ביז אַ פרינץ איבער גאַנץ מצרים!

— אָ, וואָס פאַר אַ שמחה עס וועט זיין ביי אונזער משפחה אין חברון, ווען זיי וועלען אויסגעפינען, אַז מיר ביידע לעבען, און וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט דורך דער גאַנצער צייט

— לאָמיר האָפען, אַז עס וועט אונז לאַנג נישט נעמען און מיר וועלען זיך פאַראייניגען מיט אונזער גאַנצער משפחה — האָט יוסף געזאָגט.

דעם גאַנצען טאָג האָט זיך דער פאַראַד געצויגען איבער די גאַסען פון צוען, די הויפּט שטאָדט פון מצרים. אָבער אין די אויגען פון יוסף'ן און אסנת'ן איז עס אויסגעקומען ווי געצעהלטע מינוטען...

אינאַבענד האָבען זיך אַלע אומגעקעהרט אין פּאַלאַץ וואו אַלעס איז געווען געגרייט פאַר דעם גרויסען מאָלצייט.

— יעצט וועט אונזער מאָלצייט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ טאָפּעלטער שמחה! — האָט פרעה אויסגערופען — מיר וועלען פייערען די גרויסע שמחה פון דיין ווערען מיין וויצע קעניג און פון דיין חתונה מיט דיין אויסדערוועהל־טער אסנת!

יוסף האָט זיך פערנייגט און באַדאַנקט פרעה'ן.

— און דו, מיין קעניגין! — האָט זיך פרעה געווענדעט צו דער קעניגין — דו וועסט זעהן אַז אסנת זאָל זיין צוגעגרייט צו דער חתונה מיט דעם פרינץ פון מצרים... זי זאָל זיין געקליידעט ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרינצעסין, וועמען די געטער האָבען געבענשט און איהר צוגעשיקט אַ מאַן, צו וועמען עס איז קיין גלייכען נישטאָ אין גאַנץ מצרים.

— אַ חוץ דיר, מיין קעניג — האָט די קעניגין אַ שמייכעל געטהאָן.

— נו, יע, איך בין פרעה, דער קעניג פון מצרים, און יוסף איז דער פרינץ! — האָט פרעה גוטמוטיג געזאָגט.

זליכה איז שנעל געלאָפען אהיים... יעצט זעהט זי איהר גרויסען אומגליק. איהרע טעג זיינען געצעהלטע — פרעה וועט זיך פון אַלעם באַלד דערוויסען... און אויך פּוטיפר וועט שוין פערשטעהן אַז זי האָט איהם גענאַרט... אַ שויפּים און בעטען אַז זי זאָל איהר מוחל זיין... פיליכט וועט דאָס העלפען. דער איז דורך איהר קערפּער, זי מוז גלייך געהן אהיים, פאַלען צו אסנת'עס און יוסף וועט פרעה'ן גאַרנישט דערצעהלען וועגען איהר פאַררעטערישען פּלאַן. נאָך אַלעמען ווייס זי דאָך אַז אסנת איז גוטהערציג און בפרט אַז זי וועט איהר ברייגנען די פרעהליכע בשורה, אַז יוסף איז נישט נאָר בעפרייט פון געפענגנים, נאָר ער איז געוואָרען דער משנה למלך צו פרעה'ן... זי האָט קוים דערוואַרט ביז וואַנען דער פאַראַד איז פאַריבער און יעצט איז זי שוין ביי די טויערען פו זאיהר הויז.

די עטליכע קאמערמיידלעך זיינען איהר ענטקעגען געקומען און געפאלען צו איהרע פיס...

— אָה, אונזער הארינטע! מיר האָבען געזינדיגט! אסנת איז אנט־לאָפען געוואָרען פון איהר צימער!

— אסנת איז אנטלאָפען געוואָרען! — איז זליכה בלאַס געוואָרען.

— יאָ, די געטער האָבען אונז בעשטראָפט.. מיר האָבען געהערט מוזיק און געזאנגען, זיינען מיר אַלע צוגעגאנגען צום פענסטער און דערוויייל איז אסנת ארויסגעלאָפען און ווען מיר האָבען זיך געכאפט איז שוין געוועזען צו שפעט... אָ, אונזער הארינטע, זיי אונז מוחל!

— אָ, שטעהט אויף, קיין בייז וועט אייך נישט געשעהן! — האָט זליכה אויסגערופען מיט א ווייבע און ציטערענדע שטימע. אָ, מיין ליעבע טייערע טאָכטער אסנת! ווי גליקליך זי מוז דאָס יעצט זיין! אָבער וואו קען זי דאָס זיין? איך האָב דאָך איהר אזוי ליעב!... וואו איז די אדומית?

— זי איז אוועק צום פאראַד! — האָט איהר א קאמער־מיידעל געענט־פערט.

— אָ, די עסליכע דינסט! — האָט זליכה געקריצט — איך וועל איהר פאַר דעם ניט שענקען... זינט זי האָט געהייראַט מיט דעם שר המשקים, האָט זי אָנגעפאנגען צו פארנאכלעסיגען איהרע פליכטען צו מיר! אָ, וואָס זאָל איך יעצט טאָן!... איך בין אַ פערלאָרענע! איך בין אַ פערלאָרענע!

— גנעדיגע הארינטע! — האָבען זיך די קאמער מיידלעך אָפגערופען — פיליייכט וועלען מיר קענען עפּעס טהאָן...

— ניין, ניין! — איז זליכה געוואָרען היסטעריש — קיינער וועט פאַר מיר גאָרנישט קענען טהאָן... זאָגט מיר, איז אסנת געוועזען זעהר בייז? איז זי געוועזען שטאַרק אויפגערעגט?

— יאָ! נישט איינמאָל האָט זי געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען פון צימער און ווען מיר האָבען איהר נישט געלאָזען, איז זי געוואָרען זעהר אין כעס...

— איך בין פארלאָרען! — האָט זי ארונטערגעלאָזט די קאָפּ און גערעדט צו זיך — יוסף איז געוואָרען דער פרינץ פון מצרים! — זי האָט זיך אויפגע־הויבען פון איהר פּלאַץ און ארומגעלאָפען הין און צוריק אין איהר צימער. זי האָט ארויסגעקוקט פון איהר צימער און דערזעהן די תליה וואָס זי האָט געהייסען צוגרייטען גאַנץ פריה פאַר יוסף'ן... זי האָט אַ ציטער געטאָן.

— זאָל מען אוועקנעמען די תליה פון הויף! — האָט זי אַ געטריי גע־טהאָן צו די קאמער מיידלעך — רופט גיכער די קנעכט... זאָלען זיי עס טהאָן וואָס שנעלער!

די קנעכט זיינען גערופען געוואָרען און זיי האָבען גלייך אוועקגענומען די תליה.

— וואו איז פּוטיפר? — האָט זליכה ווייטער אויסגערופען — פאַר וואָס פערזאמט ער זיך אזוי לאַנג?

באַלד איז אָנגעקומען די אדומית, און ווען זליכה איז אויף איהר ארויפ־געפאלען און איהר גענומען זידלען, האָט די אדומית זיך אָנגערופען:

— מיין האַרינטע דאַרף נישט זיין אַזוי בייז אויף מיר... יוסף, דער יונגער פרינץ פון מצרים האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען מיין מאַן וואָס ער האָט איהם דערמאַנט פאַר פּרעה'ן, און אחוץ דעם האָב איך בעשלאָסען מעהר נישט צו זיין מיין האַרינטע'ס קאַמער מיידעל.

— וואָס מיינסטו ?! — האָט זליכה אויסגערופען — דו ביזט דאָך נאָך געוועזן מיין דיענסט און ווייל איך האָב דיר געטהאָן אַ טובה און דער־הויבען ווילסטו מיר יעצט אינגאַנצען פערלאָזען... ניין, דו וועסט צוריק ווערען מיין דיענסט און דאַן וועסטו אַזוי שנעל ניט קענען באַפרייט ווערען פון מיר.

— מיין מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט קיין רעכט ניט מיר לענגער צו פערהאַלטען, ווייל יעצט געהער איך אינגאַנצען צו איהם! — האָט די אדומית געזאָגט — און איך וועל נאָך היינט דיר פערלאָזען אַזוי ווי אסנת האָט עס געטהאָן.

— אסנת! — האָט זליכה אויסגערופען — וואו איז זי יעצט? זאָג דאָך מיר!

— אסנת געפינט זיך יעצט מיט דעם יונגען פרינץ. זיי פאָהרעןביידע אין איין קאַרעטע איבער די גאַסען פון מצרים... מיין מאַן האָט מיר גע־זאָגט, אַז היינט אין אָווענט וועלען יוסף און אסנת פייערען זייער חתונה אין פּרעה'ס פּאַלאַץ... פּוטיפר וועט דאָרטען אויך זיין!

— און איך? — האָט זליכה אויסגערופען און האָט זיך באַלד פערכאַפּט — איך בין דאָך אַזוי צופרידען צו זעהן אסנת'ן אַ גליקליכע... אָ, איך מוז אויך אהין געהן... איך וועל זעהן מיט מיינע אויגען איהר גליק..

— איך וואָלט מייען האַרינטע ניט געראַטהען צו טהאָן אַזאַ זאַך יעצט — האָט די אדומית זיך אָפּגערופען — דו ווייסט דאָך וואָס דו האָסט געטהאָן צו יוסף'ן... וועט ער דען דיר וועלען דולדען איצט אויף זיין שמחה.. איך געה יעצט אהין מיין מאַן וועט מיר מיטנעהמען צו דער חתונה פון יוסף'ן... אָבער דיר וואָלט איך געבעטען צו פערבלייבען אין דער היים.

די אדומית איז גלייך אַרויס און זליכה האָט געברענט פון כעס... — די חוצפה פון דיעזער דינסטמיידעל! — האָט זי זיך געטראַכט. זי וועט איהר נישט שענקען... אָבער וואָס בלייב איהר איבער צו האָן! יעצט וועט זיך פּוטיפר דערוויסען דעם גאַנצען אמת, אַז זי האָט געמאַכט אַ בלבול אויף יוסף'ן און אַז זי איז גאָר די שולדיגע!... ער וועט איהר מיט שאַנדע פון זיין הויז פערטרייבען.. יע, די בעסטע זאַך וועט זיין ווען זי וועט צוזאַמענ־נעהמען איהר ציערונג און אנטלויפען! אָבער וואוהין? מיט וועמען? ווען איהר ברודער סרטן וואָלט יעצט געלעבט, וואָלטען זיי ביידע אנטלאָפען פון מצרים.. אָבער יעצט איז זי עלענד, זי איז אריין אין איהר צימער און האָט צונויפגענומען איהר גאַנצע ציערונג און אריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע... זי האָט בעטראַכט איהר שעהנעם האַלזבאַנד, וואָס האָט איהר דערמאָנט ווי אַזוי סרטן האָט אַמאָל געמאַכט אַ בלבול אויף יוסף'ן און איהם בעשולדיגט אין האָבען גע'גנב'עט איהר האַלדזבאַנד... יעצט איז ער טויט, און זי האָט נאָך

אויף יוסף'ן אַ גרעסערען בלבול געמאכט.. וועט מען דען איהר שענקען ?! אַ שרעק פאַלט אָן אויף איהר...

אַ קלאַפּ אין טיהר האָט זיך דערהערט. זי האָט שנעל בעהאלטען די קעסטעלע מיט די ציערונג און געגאַנגען עפענען די טיהר.

— דער פריסטער טוטאַזים איז נאָר וואָס אָנגעקומען ! — האָט אַ קאַמער־מיידעל אויסגערופען.

— טוטאַזים ! וואָס וויל ער ?! — איז זליכה אויפגערעגט געוואָרען. באַלד אָבער איז איהר ארויפגעקומען אַ געדאנק, אז טוטאזים וועט איהר העלפען....

— גוט, שיק איהם אריין צו מיר דאָ אין צימער ! — האָט זליכה געזאָגט — און דו זאָלסט זעהן אז קיינער זאָל אונז נישט שטערען.

טוטאזים איז אריין אין זליכה'ס שלאָף־צימער... זליכה האָט איהם גאנץ ווארים אויפגענומען..

— זעץ זיך טוטאַזים ! — האָט זי איהם אָנגעוויזען אויף אַ פלאַץ לעבען איהר — איך בין זעהר צופרידען וואָס דו ביזט געקומען.

— איך מוז זיך מודה זיין פאר דיר, זליכה. — האָט טוטאזים געזאָגט און זיין פנים האָט געגומען פלאמען — דו האָסט מיר געהייסען צוקומען מאָרגען אין דער פריה, אָבער איך האָב שוין קיין געדולד נישט געהאַט צו ווארטען. זאָג מיר, וואָס מאכט אסנת, פיהלט זי זיך שוין בעסער? איך האָב יעצט מיט זיך געבראכט זעהר פיעלע מתנות פאר איהר... איך וויל זיך מיט איהר זעהן פאר א קליינע ווײַלע.. דו וועסט דאָך מיר עס ערלויבען צו טהאָן.

— מיר וואונדערט זיך אויף דיר, טוטאזים, אז דו ווייסט נאָר נישט וואָס היינט האָט פאסירט אין מצרים !

— היינטיגער טאָג איז פאר מיר געווען דער גליקליכסטער און אלע מיינע געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט מיין צוקונפטיגער פרוי, אסנת און קיין אנדער זאך האָב איך נישט געהערט און נישט געזעהן...

— אויב אזוי מעגסטו גלייך וויסען. יוסף מיין קנעכט איז געוואָרען דער משנה למלך צו פרעה'ן.

— דאָס ווייס איך ! אָבער וועמען אַרט עס ?! זאָל ער אפילו ווערען פרעה אליין... אָדער דער העכסטער פון אלע פריסטער.

— אָבער היינט אין אבענד וועט יוסף פייערען זיין חתונה מיט אסנת'ן! — האָט זליכה א זאָג געטהאָן.

— וואָס ?! — איז טוטאזים אויפגעשפרונגען פון זיין פלאַץ ווי געביסען פון א שלאנג — איז דען אסנת יעצט ניטאָ אין דער היים.

— ז'איז אין פרעה'ס פאלאץ מיט יוסף'ן ! — האָט זליכה געזאָגט און אַ ביטערער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפען — יע, אסנת און יוסף האָבען זיך שוין פון לאנג געליעבט... און ווען איך און פוטיפר האָבען עס אויסגעפונען, האָבען מיר איהר געוואָלט אָפּגעבען דיר פאר א פרוי, אָבער ווי עס ווייזט אויס האָבע די געטער צושטערט אונזערע פלענער.

טוטאזים האָט טרויעריג אראָפּגעלאָזען זיין קאָפּ...

— דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי פּערצווייפעלט, מיין פריינד — איז זליכה צו איהם צוגעגאַנגען און איהם אַנגעריהרט מיט איהר האַנט — דענקסטו נישט אַז אַ חוץ אסנת'ן זיינען מעהר קיין שעהנע פרויען נישטאָ אין מצרים?

— אַזאַ שעהנע ווי אסנת איז שווער צו געפינען צווישען די מצרימשע פרויען — האָט טוטאזיס געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — און איך האָב דערוייל אויסגעגעבען אַזוי פיעל געלט אויף מתנות פאַר איהר.

— די מתנות וועלען דיר נאָך צוניץ קומען! — האָט זליכה קאָקעטיש אַ זאָג געטהאָן. — אָט וועל איך דיר צייגען די מתנות, וואָס איך האָב גע־קראָגען פון פּוטיפר'ן...

זי האָט אויפגעעפענט די קעסטעלע און איהם געצייגט יעדער שטיקע ציערונג בעזונדער...

— קוק זיך גוט צו און זעה ווי דער האַלזבאַנד פּאַסט מיר — האָט זי געזאָגט און אָנגעטהאָן די ציערונג... — זאָג מיר דעם אמת, טוטאזיס, בין איך דען נישט שעהן און רייצענד?

טוטאזיס האָט איהר גוט בעטראַכט.

— דו ביזט ווירקליך זעהר אַ שעהנע פרוי! — האָט ער צוגעגעבען — פּוטיפר מוז זיך זעהר גליקליך שעצען מיט דיר!

— אָבער איך בין אומגליקליך, טוטאזיס, איך ווייס, אַז דו ביזט מיינער אַ גוטער פריינד, פאַר דיר קען איך ריידען אָפען... איך האָב פּוטיפר'ן נישט ליעב... איך טראַכט שוין לאַנג איהם אין גאַנצען איבערלאָזען און אַנטלויפען פון מצרים.. און יעצט אַז איך האָב דיך דערזעהן, האָט זיך אין מיר דיזער פערלאַנג פערשטאַרקט.

טוטאזיס איז עטוואָס צוטומעלט געוואָרען, ער האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— יע, טוטאזיס, איך האָב דיך זעהר ליעב... און צוליעב מיין גרויס ליעבשאַפט צו דיר, האָב איך דיך געוואָלט זעהן גליקליך מיט אסנת'ן... יעצט אָבער, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט און אסנת קען נישט זיין דיין פרוי... בין איך געגרייט צו פאַרלאָזען מיין מאַן און מצרים נאָר צו זיין מיט דיר.

טוטאזיס האָט זיך בעגאָסען מיט שוויים... אָט דאָס רעדט צו איהם אַזוי פּוטיפר'ס פרוי. זי איז דאָך ווירקליך אַזוי שעהן, אָט דערפילט ער איהרע צאַרטע הענט ארום זיין האַלדז זייערע ליפען בעגעגענען זיך... ער איז אַזוי צוטומעלט, אַז ער ווייס נישט וואָס ער טהוט..

— דו האָסט מיך ליעב? — האָט זליכה זיך צו איהם געטוליעט... וועסטו מיט מיר ענטלויפען פון מצרים?

— יע, — האָט ער געענטפערט און זיך באַלד אַליין דערשראָקען פאַר זיינע רייד.

— אויב דו האָסט מיך ליעב טו לאָמיר ביידע באַלד ענטלויפען פון דאַנען... מיר וועלען פערלאָזען מצרים און זיך בעזעצען אין מיין געבורטס־שטאָדט שכם. דאָרטען וועלען מיר ביידע חתונה האָבען און זיין גליקליך.

איך בין רייך, איך האָב פיעלע ציערונג און געלט... קום טוטאזיס, לאָמיר נאָך היינט פון דאנען ענטלויפען..

טוטאזיס איז געשטאַנען ווי א בערווישטער... אַט פיהלט ער זליכה'ס ווארימען אָטהעם... איהרע קושען... זי איז דאָך אַזוי רייצענד.

— יע, — איך בין געגרייט מיט דיר צו אַנטלויפען! — האָט ער אויס־געווען. געוואָרפען.

— אוי באַזוי, לאָמיר עס טהאָן גלייך, פוטיפר וועט ווארשיינליך קומען שפּעט אין אָוונט, און ווען ער וועט אויסגעפינען, וועלען מיר שוין זיין ווייט אריבער די גרענעצען פו מצרים.

— איך האָב מיין קארעטע מיט די פערד מיט זיך! — האָט טוטאזיס געזאָגט, איך וועל פריהער צופאָהרען צו זיך אהיים און ארויסנעהמען מיין גאָלד און אנדערע ווערטפולע זאכען און נאכהער וועסטו צוקומען צו מיר צו מיין הויז און דאן וועלען מירביידע שנעל אוועקפאָהרען.

— דיין עצה געפעהלט מיר זעהר — האָט איהם זליכה ווידער געקושט — אָבער כדי צו מאכען גרינגער פאר מיר וועסטו מיט זיך נעהמען די קעס־טעלע ציערונג און עטליכע פון מיינע גוטע קליידער איך וועל אויך ארויסנעה־מען די געלט וואָס איך האָב אָנגעזאמעלט דורך דער גאַנצער צייט.

זליכה האָט ארויסגענומען עטליכע קליידער און זיי צוזאמענגעלעגט, נאכהער איז זי צוגעגאנגען צום אייזערנעם קאסטען, וואו פוטיפר האָט גע־האַלטען זיין געלט און איהם אויסגעליידיגט. דורך אַ הינטער טיהר, האָט זליכה איהם געהאָלפען אלעס ארויסטראָגען און אוועקלעגען אין טוטאזיס'עס קאַרעטע.

טוטאַזיס איז גלייך אָפּגעפאָהרען צו זיך אהיים... אין א ווייל'ע ארום האָט זליכה פערלאָזען איהר הויז און זי איז צוגעגאַנגען צו טוטאזיס'עס וואָהנונג, און איהם געהאָלפען אַרויסטראָגען די קאָסטבארע חפצים..

— אָה, מיין הארץ שרעקט מיך אזוי! — האָט טוטאזיס זיך אָפּגערופען צו זליכה'ן, ווען זיי זיינען שוין ביידע געזעסען אין קאַרעטע...

— עס איז זיך נישטאַ וואָס צו שרעקען! — האָט זליכה אויסגערופען — מיר ליעבען זיך איינער דעם צווייטען, און מיר זיינען רייך, קיין זאך וועט אונז נישט פעהלען... מיר וועלען זיך בעזעצען אין שכם און מיר וועלען זיין זעהר גליקליך!

— אָבער וואָס וועלען מיר טהאָן, אז פוטיפר וועט אונז ביידען כאפּען?!

— האָט טוטאזיס אויסגערופען און זיין פנים האָט אויסגעדריקט פּחד.

— דאָס וועט קיין מאָל נישט פּאסירען... פערגעס נישט אז פוטיפר וועט זיין דעם גאַנצען אבענד אין פרעה'ס פּאלאַץ.. ער וועט זיך זיכער גוט אָנ־טרינקען, און ווען ער וועט צוריקקומען א שכור'ער פון פרעה'ן וועט ער אפילו גאָר נישט וויסען, אז איך בין נישטאַ.. מאָרגען אין דער פריה וועט ער זיך ערשט כאפּען, אז איך פעהל איהם... און ביז מאָרגען אין דער פריה וועלען מיר שוין גאַנץ ווייט זיין פון די גרעניצען פון מצרים.. צעגער נישט, טוטאזיס, לאָמיר פון דאנען ענטלויפען און וואָס שנעלער!

טוטאזיס האָט אַ שמיץ געטהאָן די פערד און צוזאַמען מיט זליכה'ן איז

ער שנעל פערבייגעפאָהרען די הינטערגעסלעך פון צוען ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו די גרעניצען פון שטאָדט..

אין פרעה'ס פאַלאַץ איז געווען פרעהליך און לוסטיג. די פייערונג איז יעצט געווען א טאָפּעלטע. פרעה האָט געפייערט זיין גרויסען גליק, וואָס איהם האָט געט ראָפּען, אז די געטער האָבען איהם צוגעשיקט אזא מאַן ווי יוסף, וועלכער וועט ראַטעווען זיין לאַנד פון אונטערגאַנג. און יעצט פייערט ער אויך יוסף'ס חתונה מיט איינער פון די שענסטע מיידלעך אין מצרים... די שמחה איז געווען גרויס. מ'האָט געטרונקען וויין, מען האָט געטאַנצט און זיך משמח געווען...

יוסף און אסנת זיינען געזעסען צוזאַמען אויף דעם זעלבען גאָלדענעם שטוהל, וואו פרעה איז געזעסען מיט זיין קעניגין, ווען זייער חתונה צערעמאָניע איז מיט יאָהרען צוריק דורכגעפיהרט געוואָרען.

אַלע האָבען בעוואונדערט די שעהנקייט און פרעכטיקייט פון דער געבענשטער פּאָר. יעדענס פּנים האָט געפלאַמט. דיאויגען האָבען געשטראַהלט. די שמחה איז געווען אַלעמענס... איינער בלויז האָט זיך געפיהלט אומעטיג און דערשלאָגען... און דאָס איז געווען פּוטיפר. ער איז געזעסען אין אַ ווינקעל פון דעם טיש און טרויעריגע געדאַנקען האָבען איהם גענומען בעאומרוהיגען... איז דאָס מעגליך, אז דער זעלבער יוסף, זיין געוועזענער קנעכט זאָל האָבען בעגאַנגען אזא פערברעכען געגען זיין פרוי.. ווען אסנת וואָלט געוואוסט, אַז דאָס איז אמת, וואָלט זי דאָך איהם זיכער נישט ליעב געהאַט, און בפרט ווען ער איז נאָך דאַן געווען אַ קנעכט... יעצט דערוויסט ער זיך, אַז זיי האָבען זיך שוין ליעב געהאַט לאַנג, איידער ער האָט יוסף'ן פערשפּאַרט אין געפענגניס.

פון צייט צו צייט וואַרפט פּוטיפר זיינע בליקען אויף יענער זייט, וואו יוסף און אסנת זיצען, ער בעמערקט דעם הימעלישען גליק וואָס לייכט דורך זייערע אויגען... און ער ווערט נאָך מעהר אומרוהיג... ער געדענקט, אַז אסנת האָט שטענדיג גע'טענה'ט, אז יוסף איז אומשולדיג.. און ווען ער איז אומשולדיג אי זדאָך זיין פרוי זליכה די שולדיגע.. זי איז איהם געווען מרייל'אָז. זי האָט געזוכט צו פאַנגען יוסף'ן אין איהר נעץ... און ווען עס איז איהר נישט געלונגען, האָט זי אויף איהם דיזען בלבול געמאַכט... אָט דיזער געדאַנק האָט איהם שטאַרק בעאומרוהיגט... ער האָט בלויז געהאָפט, אז דאָס זאָל נישט זיין ריכטיג... ער ווייס נישט ווי אַזוי ער וועט קענען קוקען יוסף'ן גלייך אין פּנים אריין..

ער איז דאָך פּלוצלונג געוואָרען אזוי גרויס, אז ער האָט באלד אזוי פיעל מאַכט ווי פרעה. וועט ער זיך דען נישט וועלען אָפּרעכענען מיט איהם?... און אסנת! זליכה האָט לעצטענס אויף איהם געווירקט, אַז ער זאָל איהר בעהאַנדלען מיט אכזריות און וועט זי איהם דען וועלען מוחל זיין פאַר אַלעם?

פרעה און די איבעריגע שרים זיינען געווען אזוי פערטהאָן אין דער אכילה און געטראַנק, אז קיינער פון זיי האָט גאָר נישט בעמערקט ווי פּוטיפר ריהרט זיך צו קיין זאַך נישט צו... איהם האָט זיך יעצט געוואָלט געהן

אהיים, צו זליכה'ן צו הערען פון איהר מויל, אז זי איז ריין און אומשולדיג. ער וואָלט זעהר געוואָלט זי זאָל איהם פערזיכערען אין דעם... זיין צווייפלונג אין איהר האָט איהם וויא וואָרעם געעגבערט... זיין זליכה זאָל צו איהם זיין אומגעטריי... זי האָט דאָך איהם אַזוי ליעב געהאַט, עס איז אונמעגליך באַלד האָט ער זיך דערמאַנט, אז זליכה איז געקומען בעזוכען יוסף'ן אין געפענגניס. אמת, זי האָט עס געטהאָן — האָט זי איהם פערזיכערט. צוליעב אסנת'ן... אָבער דאָך האָט זי אַזא זאַך נישט געדאַרפט טהאָן...

פוטיפר האָט פון וויטען בעמערקט דעם אויפזעהער פון געפענגניס, וועלכער איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען צו דער פייערונג פון יוסף'ס חתונה.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און ער איז צו איהם צוגע־גאַנגען.

— קום אַ ווייל'ע ארויס אין גאָרטען! — האָט פוטיפר זיך צו איהם אָפּ־גערופען — איך וויל מיט דיר עטוואָס ריידען.

דער אויפזעהער וועלכער איז געווען שכור'לעך האָט זיך בעת מעשה עטוואס דער שראָקען... ער האָט געדענקט, אז פוטיפר זוכט איהם צו בע־שטראָפען..

ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און איז מיט פוטיפר'ן ארויס אין גאָרטען.

— זאָג מיר דעם אמת, פערלייקען גאָר נישט פון מיר — האָט פוטיפר צו איהם געזאָגט — איז מיין פרוי געווען אין דיין געפענגניס בלויז איינמאָל צו בעזוכען יוסף'ן?

— המ... — האָט דער אויפזעהער אַ שמייכעל געטהאָן — זי האָט מיר אפילו אָנגעבעטען איך זאָל קיינעם נישט דערצעהלען וועגען איהרע בעזוכען... אָבער יעצט ווען איך זעה אז דו ווייסט עס שוין אָהן מיר, מעג איך דיר זאָגען, אז זי האָט יוסף'ן בעזוכט עטליכע מאָל...

— אָה, די אומווירדיגע! — האָט פוטיפר אויסגערופען און געדריקט זיינע פויסטען — פון צאָרן. זי האָט געפיהרט אַ ליעבע הינטער מיינע פּלייצעס...

— מיין האר! — האָט דער אויפזעהער געזאָגט, און קוים איינגעהאַלטען זיין שמייכעל... — זי האָט קיין ליעבע נישט געקענט פיהרען, ווייל יעדעס מאָל ווען זי פלעגט קומען בעזוכען יוסף'ן, פלעגט ער איהר פון זיך פערטריי־בען...

— יוסף פלעגט איהר פערטרייבען פון זיך און זי איז דאָך פאָרט גע־קומען! — האָט אין איהם זיין צאָרן מעהר געברענט... אָ, די פערשאָלטענע פון די געטער!

— און יעצט מיין האר, קען איך דיר זאָגען נאָך אַ זאַך וואָס דו וועסט שטוינען... דו דארפסט וויסען זיין אז דיין פרוי זליכה האָט געמאַכט אַ בלבול אויף יוסף'ן, ער איז געווען אין גאַנצען ריין און אומשולדיג...

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט פוטיפר אויסגערופען.

— ווייל איך האָב זיך איינמאָל אונטערגעהערט... איך בין געשטאַנען

ניט ווייט פון יוסף׳ס קאמער, ווען זליכה איז צו איהם אריין און איך האב געהערט וואס זי האט מיט איהם גערעדט. איך האב געהערט אז זי האט איהם געסטראשעט דאס אויב ער וועט זיך צו איהר ניט צוהערען וועט ער דארפען פערבלייבען אין געפענגנים דעם גאנצען לעבען, און ווען יוסף האט איהר געענטפערט, דאס פריהער אדער שפעטער וועט מען אויסגעפינען דעם אמת, אז זי האט אויף איהם א בלבול געמאכט, האב איך געהערט ווי זי זאגט צו איהם. „דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן, ווייל דו ביזט דאך א קנעכט און מיר וועט מען גיכער גלויבען ווי דיר!“ דאן האב איך געהערט ווי זי מוסרט איהם וואס ער שטויסט איהר אפ פון זיך, און נאך פיעלע זאכען וואס האט מיר איבערצייגט, אז יוסף איז געוועזן צו מיין האר גאנץ ערליך און געטריי, און זליכה איז געוועזן פונקט פערקעהרט!

א פייערדיגער צארן האט ארומגענומען פוטיפר׳ן... יעצט האט ער אלעס פערשטאנען... זי די אומווירדיגע און פאלשע פרוי האט איהם פער־ראטהען.. און יוסף איז געזעסען אין געפענגנים אומשולדיגערהייט... וועט ער איהם דען יעצט שענקען.... וועט זיך דען יוסף מיט איהם ניט ווילען אפרעכענען פאר דעם וואס ער איז געזעסען איייניגע יאהר אין געפענגנים צוליעב א בלבול... ער וועט איהם דארפען ערקלעהרען, אז ער האט אויסגע־פונען ווי פאלש זליכה האט זיך צו איהם בענומען... זי האט איהם גענארט און ער האט איהר געלויבט...

— איך דאנק דיר! — האט פוטיפר זיך אפגערופען צום האלב שכור׳ן אויפזעהער פון געפענגנים — איך האב פון דיר אויסגעפונען זאכען וואס איך וואלט זיך גארניט געקענט פריהער פארשטעלען! איך מוז גלייך געהן אהיים! איך קען זיך ניט אומקעהרען צום מאלצייט, איך טאר ניט אנ־קוקען יוסף׳ן און אסנת׳ן, בל זמן זליכה געהט ארום אומבעשטראפט פאר איהר גרויס פערברעכען.

אויב פרעה וועט בעמערקען מיין אבוועזענהייט, זאג איהם, איך בעט דיר, אז איך האב געמוזט דרינגענד געהן אהיים!

—געה מיט פריעדען! — האט דער אויפזעהער געזאגט און ער האט זיך אומגעקעהרט אין פאלאץ, פוטיפר איז געגאנגען צו זיך אהיים...

זיין פנים האט געפלאמט... זיין כעס איז נאך גרעסער געווארען... זיין פרוי איז צו איהם די גאנצע צייט געוועזן אזוי פאלש.. און ער האט פאר איהר .אזוי פיעל געטהאן... יעצט זעהט ער שוין פארוואס די געטער האבען איהר בעשטראפט און זי האט צו איהם קיין קינדער ניט געבארען... היינט וועט ער מאכען אן ענדע צו אלעס... זליכה׳ן וועט ער פערשפארען אין געפענגנים... זי איז בעגאנגען א פערברעכען א חוץ דעם וואס זי האט געמאכט א בלבול אויף יוסף׳ן, דארף זי בעשטראפט ווערען... יא, לעבענס־לענגליכע געפענגנים וועט זי קריגען!... דאמיט וועט ער פילייכט שטילען יוסף׳ס כעס, און אויך פרעקלענערען די שאנדע וואס זי האט אויף איהם געבראכט.

ער איז אריין צו זיך אין הויז... אלעס איז געוועזן שטיל... זיין הארץ האט געברויזט.. איהם האט זיך זעהר ניט געוואלט גלייך בעגעגענען זיך

מיט זליכה׳ן.. ער וועט פריהער שיקען רופען אייניגע בעאַמטע, וועלכע וועלען איהר גלייך אַוועקפיהרען אין געפענגניס. די בעאַמטע זיינען געקומען, פוטיפר האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין צימער און זיי שטילערהייט איבערגעגעבען זליכה׳ס פערברעכען...

— איהר וועט איהר גלייך פיהרען אין דעם געפענגניס וואו די אונמאָראלישע און פערברעכערישע פרויען געפינען זיך! — האָט ער זיי געזאָגט — איהר זאָלט זיך ניט צוהערען צו איהרע געוויינען און געבעטען... זי האָט מיר די גאַנצע צייט בעטראָגען... און דערצו האָט זי נאָך געמאַכט אַ בלבול אויף יוסף׳ן וועלכער איז יעצט פרעה׳ס משנה למלך.

— מיר וועלען דיין בעפעהל דורכפיהרען! — האָט איינער פון די בעאַמטע געזאָגט.

— איהר וואַרט דאָ אין מיין צימער איך וועל מיט איהר אַריינקומען אַהער און גלייך זאָלט איהר זי אַ נעהם טהאָן... זעהט אַז זי זאָל מאַכען וואָס ווינציגער טומעל... יאָ די קנעכט און דיענסטען וועלען דאַרפען וויסען פון אַלעס... אָבער דאָך איז עס פאַר מיר זעהר אומאַנגענעהם..

פוטיפר איז אַריין אין אַ צווייטען צימער, און ווען ער האָט דאָרטען זליכה׳ן ניט געטראָפען, האָט ער בעשלאָסען אַריינצוגעהן אין איהר שלאָף צימער!

זיין הארץ האָט שטאַרק געקלאַפּט... די אויגען האָבען איהם געשווינדעלט און די קניע האָבען זיך געבויגען... ער זאָל מיט איהר אָנפאַנגען צו ריידען... ער וועט מיט איהר גאָרניט ריידען.. ער וועט זאָגען צו איהר זי זאָל מיט איהם אַריינגעהן אין זיין צימער... און ווען די בעאַמטע וועלען איהר נעהמען פיהרען, וועט ער איהר דאַן זאָגען אַז ער ווייס פון אַלעס וואָס זי האָט געטהאָן צו יוסף׳ן.. און אַז די שטראָף וואָס זי געהט בעקומען איז נאָך אַ צו קליינע פאַר דעם גרויסען פערברעכען וואָס זי איז בעגאַנגען. מעהר וועט ער צו איהר ניט ריידען... זאָלען זיי איהר וואָס שנעלער ארויספיהרען פון זיין הויז.

ווען ער האָט אויפגעעפענט די טהיר פון זליכה׳ס שלאָף צימער איז ער געבליבען שטעהן אַ קליינע ווײַלע נעבען אַריינגאַנג... ווי ער וואָלט געצענערט... באַלד איז ער אַהין אַריין און געזעהען אַז זליכה איז ניטאָ...

ער האָט אַריינגערופען די קאַמער־מיידלאך און דיענסטען און זיי געפרעגט:

— ווייס פיעלייכט אימיצער פון אייך וואו אייער הארינטע געפינט זיך יעצט

זיי זיינען געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער און קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט.

— פאַרוואָס זאָגט איהר מיר ניט! — האָט פוטיפר זיך אָנגעבייזערט — איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר איהר... פון יעצט אָן וועט זי מעהר אייער הארינטע ניט זיין און זי וועט קיינעם פון אייך ניט קענען טהאָן קיין שלעכטעס!

— מיין האר! — האָט זיך אַ קאַמער מיידעל אָפּגערופן— טוטאזיס דער פּריסטער איז דאָ געווען!

— האָב איך דיר דען געפרעגט וועגן דעם פּריסטער? איז פּוטיפר אומגעדולדיג געוואָרען... איך האָב דאָך געפרעגט אויב אימיצער פון אייך ווייס וואו זליכה געפינט זיך יעצט?

— אָבער איך גלויב, מיין האר אַז טוטאזיס'עס בעזוך האָט עפּעס צו טהאָן מיט אונזער הארינטע... ער איז געווען בּאַ איהר אין צימער אַ היבשע ווייל... און נאָכהער האָב איך בעמערקט אַז זי האָט איהם איבערגעגעבען די קעסטעלע מיט איהר ציערונג און ער האָט עס אריינגעלעגט אין זיין קאַרעטע... דערנאָך האָט זי נאָך עטליכע זאַכען ארונטערגעטראָגען... און אין אַ ווײלע אַרום, האָב איך בעמערקט ווי זי איז אַליין אוועק אין דער ריכטונג וואו טוטאזיס וואָהנט!

פּוטיפר איז שנעל צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו זליכה פּלעגט האַלטען איהר ציערונג, ער האָט אויפגעעפענט אַלע שופלאָדען, און ער האָט די ציערונג ניט געפונען.

— וואָס קען דאָס בעדייטען? — האָט ער צו זיך געזאָגט און גענו־מען ווייטער זוכען... ער איז צוגעגאַנגען צום אייזערנעם קאַסטען וואו ער האָט זיין געלד געהאַלטען... ער האָט גלייך בעמערקט אַז די געלד איז אויך ניטאָ! ער האָט אָן עפּען געטהאָן די שאַפע וואו זליכה'ס קליידער זיינען געהאַנגען, און ער האָט געזעהען אַז איהרע בעסטע קליידער פעהלען.

— וואָס בעדייט עס?! — האָט ער אויסגערופען — זי האָט מיר בע'גנב'עט און אַנטלאָפען געוואָרען!

— תדמור האָט מיר דערצעהלט — האָט איינע פון די דינסטען זיך אָפּגערופען אַז אימיצער האָט איהם געזאָגט דאָס ער האָט בעמערקט אַז זליכה און טוטאזיס זיינען געפאָהרען אין זיין קאַרעטע.

— זאָל תדמור שנעל אריינקומען! — האָט פּוטיפר אויסגערופען, מען איז געגאַנגען איהם רופען און תדמור האָט זיך פערנייגט פאַר פּוטיפר'ן.

— זאָג מיר, פערלייקען גאָר ניט,וואָס האָסטו געהערט וועגן דיין הארינטע? — האָט פּוטיפר זיך צו איהם אָפּגערופען.

— איך ער, הם... — האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטאַמלען.

— שרעק זיך ניט דערצעהל מיר דעם גאַנצען אמת.

— מיר האָט מיינער אַ בעקאַנטער געזאָגט אַז ער האָט געזעהן ווי טוטאזיס און מיין הארינטע זליכה זיינען געפאָהרען אין זיין קאַרעטע.

— האָט ער דיר געזאָגט אין וועלכען ריכטונג זיי זיינען ביידע צוזאַ־מען געפאָהרען? —האָט פּוטיפר געפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט אַז זיי זיינען געפאָהרען אין דער ריכטונג פון די טויערען פון שטאָדט! — האָט תדמור געענטפערט.

— זאָל מען גלייך שפּאַנען מיין רייטוואָגען! האָט פּוטיפר בעפוילען און דו תדמור רוף צוזאַמען אַלע קנעכט זאָל יעדער פון זיי נעמען אַ פערד און וואָפען און מיר נאָכפאָלגען.

באַלד איז פּוטיפר'ס רייטוואָגען געווען פערטיג און ער צוזאַמען מיט

זיינע קנעכט, האָבן גענומען שנעל טרייבן די פערד.

— מיר ווע׳לן פריהער צוקומען צו טוטאַזים׳עס הויז און זעהן וואָס דאָרטען האָט פּאַסירט.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן טוטאַזיסעס וואָהנונג. פּוטיפר איז אַרויס פון זיין רייטוואָגען און איז אַריין אין זיין הויז.

— וואו איז דיין האַר? — האָט ער זיך געווענדעט צו דעם קנעכט?

— איך ווייס ניט! — האָט דער קנעכט געענטפערט.

— דו מוזט מיר זאָגען וואוהין טוטאַזים איז אַוועק, אויב ניט וועסטו שטאַרק בעשטראָפט ווערען.

— מיין האַר טוטאַזים האָט מיר אָנגעזאָגט קיינעם גאָר ניט צו דער־צעהלען —האָט דער קנעכט אַ צושראָקענער געזאָגט.

— קיין שלעכטעס וועט דיר ניט טרעפען! — האָט פּוטיפר איהם געזאָגט — דערצעהל מיט אַלעם, וואָס דו ווייסט!... איך וועל דיר נעהמען אונטער מיין שוץ!...

— מיין האַר טוטאַזים האָט מיטגענומען אַלע זיינע קאָסטבאַרע חפצים און ער האָט מיר געזאָגט אַז ער פאָהרט אַוועק אויף אַ לענגערע צייט... און אויב אימיצער וועט זיך אויף איהם נאָכפרעגען זאָל איך זאָגען אַז איך ווייס ניט... אָבער איך ווייס פון נאָך אַ זאַך, וואָס טוטאַזים אַליין ווייס ניט אַז איך ווייס!...

— דערצעהל מיר, וואָס ווייסטו? — האָט פּוטיפר צו איהם געזאָגט, איך וועל דיר פאַר אַלעם בעלוינען.

— איך האָב אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און איך האָב געזעהען אַז אַ פרוי מיט אַ שלייער איז אַריין אין זיין קאַרעטע... און דערנאָך האָב איך בעמערקט אַז זי האָט אויפגעהויבען איהר שלייער פון איהר פּנים און זי האָט איהם אַ קוש געטהאָן! — האָט דער קנעכט זיך פונאַנדערגעלאַכט...

— האָסטו בעמערקט ווער די פרוי איז געווען.

— יאָ, דאָס איז געווען זליכה, דיין פרוי, מיין האַר!

פּוטיפר איז שנעל אַרויס פון טוטאַזיסעס הויז און האָט זיך אָפּגערופען צו זיינע קנעכט:

— לאָמיר שנעל זיי נאָכיאָגען... זיי זיינען ביידע ענטלאָפען פון מצרים!

פּוטיפר און זיינע קנעכט האָבען זיך געלאָזט לויפען הינטער׳ן שטאָדט...

די נאַכט האָט גענומען צופאַלען... ווען זיי זיינען געווען בא די גרע־ניצען פון מצרים.

— מיר וועלען מוזען קריגען וואַסער און שפּייז! — האָט פּוטיפר געזאָגט און ווי נאָר עס וועט אָנפאַנגען טאָגען וועלען מיר פאָרטזעצען אונזער גענעג.

זיי האָבען צוגעגרייט שפּייז און וואַסער און זיך אָפּגעשטעלט איבער־צונעכטיגען די נאַכט.

גלייך אין דער פריה האָבען זיי פאָרטגעזעצט זייער געיעג און איידער

די זון האָ זיך בעוויזען אין מיטען הימעל, האָט איינער פון די קנעכט זיך אָפּגערופען:

— איך זעה פון ווייטען אַ קאַרעטע!

— יאָ! — האָט פּוטיפר געזאָגט — איך גלויב אַז מיר האָבען זיי דערגרייכט!

ווען זליכה און טוטאזים האָבען זיך עטוואָס דערווייטערט פון מצרים, זיינען זיי שוין געווען זיכער אַז פּוטיפר וועט זיי קיינמאָל נישט כאַפּען...

— דער אַלטער נאַר! — האָט זיך זליכה אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל צו טוטאזים'ן, ער האָט זיך געווים גוט אָנגע'שכור'ט אויף דער חתונה פון יוסף'ן און אסנת'ן און איז באַלד אַנטשלאָפען געוואָרען און אויף מאָרגען ערשט, וועט ער אויסגעפינען אַז איך בין אַוועק צוזאַמען מיט מיין ציערונג און זיין געלט... און דאַן וועלען מיר זיין גאַנץ ווייט..

— דו דאַרפסט זיך שוין מעהר נישט זאָרגען, זליכה, — האָט טוטאזים איהר ארומגענומען... אַפילו ווען פּוטיפר וואָלט אָנגעקומען וואָלט איך איהם צום טויט געשלאָגען...

— דו ביזט זעהר העלדיש און בראַוו! — האָט זליכה איהם געקושט — יעצט זעה איך אַז דו האָסט מיך ליעב!

— איך וואָלט געקעמפט מיט צעהן אַזעלכע ווי פּוטיפר, פאַר דיר, מיין שעהנע זליכה! — האָט טוטאזים געזאָגט — איך האָב אָבער געוואוסט אַז די געטער וועלען מיר צושיקען אַ ביסעל גליק...

— יע, און דו האָסט גאָר געוואָלט נעהמען אסנת'ן! — האָט זליכה איהם פאָרגעוואָרפען — מיר האָסטו אפילו נישט בעמערקט!...

— ווי האָב איך גאָר געקענט טראַכטען וועגען דיר אַז דו ביזט דאָך געווען פערהייראַט צו פּוטיפר'ן! פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסען אַז דו האָסט פּוטיפר'ן פיינד! זעהסטו דען נישט, אַז ווי דו האָסט מיר פּערטריוט וועגען דעם, בין איך מיט דיר אַנטלאָפען געוואָרען...

ווען עס האָט גענומען פינסטער ווערען, האָט טוטאזים אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי צוגעבונדען צו אַ בוים, און ביידע האָבען איבערגענעכטיגט די נאַכט אין זיין קאַרעטע. און ווי נאָר עס האָט גענומען טאָגען האָבען זיי ווייטער גענומען פאָהרען.

— ווען מיר זאָלען פאָהרען מיט אַזאַ שנעלקייט, גלויב איך וועלען מיר דערגרייכען שכם אין צוויי טעג אַרום! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען.

— מיר אַרט נישט ווען מיר וועלען אָנקומען אין שכם, אבי מיר זאָלען נאָר זיין אויסער געפאַהר — האָט טוטאזים געזאָגט — ווייל דו ווייסט דאָך די שטראָף וואָס איך וואָלט געקראָגען פאַר אַנטלויפען מיט אַן אשת איש און בפרט נאָך מיט פּוטיפר'ס ווייב...

— דו טראַכטסט נאָר פון זיך! — האָט זיך זליכה אָפּגערופען — מיין שטראָף וועט אויך זיין נישט קיין קליינע...

— פאַרגעס אָבער נישט, אַז איך בין געווען אַ פּריעסטער... און מיין טהאַט וואָלט פאַררעכענט געוואָרען ביי פּרעה'ן אַלס אַ פערשוועכונג פאַר די געטער! — אָבער פאַר וואָס זאָלען מיר וועגען דעם גאָר קלעהרען. מיר

געפינען זיך יעצט גאנץ ווייט פון מצרים און קיינער וועט אונז מיהר נישט דערגרייכען.

— אַ טוטאזים! — האָט זליכה פּלוצלונג אויסגערופען — מיר דוכט זיך אז מען יאָגט אונז נאָך!

— וואָס רעדסטו?! — האָט טוטאזים גענומען נאָך שנעלער טרייבען די פערד! — דו מאַכסט אַ טעות דאָס מוז זיין דער גערויש פון דעם ווינט.

זליכה האָט אַרויסגעבויגען איהר קאָפּ און אויסגערופען:

— טוטאזים! — האָט זליכה אויסגערופען מיט שרעק און איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד — איך מאַך נישט קיין טעות מען יאָגט אונז נאָך! טרייב די פערד וואָס שנעלער ווייל אויב זיי וועלען אונז דערגרייכען זיינען מיר פערלאָרענע!

טוטאזים האָט גענומען שמייסען די פערד מיט אַלע זיינע קרעפטען...

— מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ נישט אַז דאָס יאָגט מען אונז נאָך! — האָט טוטאזים אויסגערופען — מעגליך אז דאָס זיינען סוחרים...

— ניין! ניין! איז זליכה געוואָרען היסטעריש! איך צווייפעל נישט אז דאָס איז פּוטיפר...

— אָבער ווי איז עס מעגליך אז ער זאָל זיך אַזוי שנעל דערוויסען?

— דאָס האָט וואַהרשיינליך איינע פון מיינע פערפלוכטע קאַמער מיידליך איהם געגאַנגען אָנזאָגען... אַ איך בין אַ פערלאָרענע! איך בין אַ פערלאָרענע...

טוטאזים איז טויט בלאַס געוואָרען!

— יע, איך הער דעם גערויש פון זייערע פערד! אַ איהר געטער פון מצרים העלפט מיר...

— זיי קומען! זיי זיינען שוין נישט ווייט פון אונז... טרייב די פערד... שנעלער! שנעלער! טוטאזים בעשיץ מיר! פּוטיפר וועט מיר אויף אָן אָרט טויטען! טוטאזים העלף מיר, אַ זיי האָבען אונז דערגרייכט!!..

צוויי פון פּוטפר'ס קנעכט, האָבען מיט בלויזע שווערדען זיי דעם וועג פערשטעלט... אַ דריטער קנעכט האָט אַרויסגענומען די לייצעס פון טוטאזים'עס הענד און אָפּגעשטעלט זיין קאַרעטע...

— טוטאזים! האָט זליכה אויסגעשריען — קעמף מיט איהם! טויט איהם מיט דיין שווערד!

— אָט איך בין אַפּערלאָרענער! — האָט טוטאזים אויסגערופען און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך ווי אין קאָנוואולסען געוואָרפען...

— שלעפּט זיי ביידען אַרויס פון דער קאַרעטע! האָט פּוטיפר בעפוילען זיינע קנעכט — בינדט זיי...

די קנעכט האָבען געטהאָן וואָס פּוטיפר האָט זיי בעפוילען... זליכה האָט געקוויטשעט, געשריען, זי האָט גענומען בייסען די הענד פון די קנעכט.. זי האָט זיי געגראַבעלט ווי אַ ווילדע חיה...

— אַ, מיין האַר! איך בין נישט שולדיג! דאָס האָט זי די ארורה, מיר פערפיהרט! אַ זיי מיר מוחל — איז טוטאזים געפאַלען צו זיינע פיס!

די פערשאַלטענע זליכה האָט מיר מיין קאָפּ פערדרעהט... איך האָב נישט געוואוסט וואָס איך טהו!

— אַ דו שוואַכלינג! — האָט זליכה זיך נאָך העכער צעקוויטשעט — דו האָסט מיר געראטען זאָלען צוזאַמען אַנטלויפען... און איך בין דאָך מעהר נישט ווי אַ שוואַכע פרוי, האָב איך זיך געלאָזט איבערריידען! אַ פּוטיפר, מיין מאַן! איך האָב דיר נאָך אַלץ ליעב! זיי מיר מוחל פאַר דער נאַרישקייט וואָס איך בין געגען דיר בעגאַנגען!

— בינדט איהר שטאַרק און פערשטאָפּט איהר אומריינע מויל! — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען — איך וויל קיין איין וואָרט פון איהר מעהר ניטט הערען...

— איך בין אומשולדיג! — האָט זליכה נישט אויפגעהערט צו יאָמערען — טוטאזים האָט מיר פערפיהרט!

פּוטיפר'ס קנעכט האָבען געבונדען זליכה'ן און טוטאזים'ן און זיי אריינגעוואָרפען אין דער זעלבער קאַרעטע... און איין קנעכט האָט געטריבען די פערד אויף צוריק און אַלע צוזאַמען האָבען זיך אומגעקעהרט צוזאַמען אין מצרים...

פּוטיפר האָט זיי ביידען פאַרגעבראַכט פאַר די ריכטער און די שופטים האָבען פער'משפּט טוטאזים'ן מיט זליכה'ן צו לעבענסלענגליכע געפענגניס.

טוטאזים'עס פערמעגען האָט מען צוגענומען פאַר דעם קעניג, איהם האָט מען פאַרשפּאַרט אין דעם געפענגניס וואו פרעה'ס פערברעכער געפינען זיך, און זליכה'ן האָט מען אריינגעזעצט אין דעם געפענגניס וואו די פערברעכערישע און אוממאָראַלישע פרויען געפינען זיך.

.36

די זיבען גוטע יאָהר

אַ היבשע צייט איז פאַריבער און יוסף האָט גענומען איינפיהרען אָרדענונג אין מצרים... ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו בויען שפּייכלערען. אין יעדער גאַס האָט מען געבויט איינינע שפּייכלערען... אַהין האָבען די פּויערים געפיהרט תבואה. ער האָט בעשטימט בעאַמטע וועלכע זאָלען אַכטונג געבען אויף די תבואה, און זאָלען פאַרשרייבען יעדען איינעם. יוסף האָט אויך פאַרבאָטען אַרויסצופיהרען די תבואות און פרוכטען פון מצרים... ער האָט אויך בעשטימט אויפזעהער זיי זאָלען אַכטונג געבען אַז קיין זאַך זאָל אין לאַנד נישט געהן אין ניוועץ...

— נישט איינמאָל האָט יוסף צוזאַמען גערופען די לאַנד אייגענטימער און ער האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלען זעהן צו פערזעען וואָס מעהר תבואה, און די יעניגע וועלכע וועלען אַריינברענגען מעהר קאָרן און ווייץ אין די שפּייכלערען, יענע וועלען קריגען צעטלאַך און אין די שלעכטע יאָהרען וועלען זיי קענען בעקומען תבואה אומזיסט.

קיינמאָל האָט נאָך מצרים נישט אַזוי אויפגעבליהט ווי אין די זיעבען גוטע יאָהרען... יעדער איינער האָט געאַרבייט, מען האָט געזעעט, געאַקערט, געפלאַנצט און געשניטען... און מען האָט גענומען שפּאָרען.

פּרעה האָט זיינע אויגען נישט געגלויבט צו זעהען די גרויסע ענדערונג וואָס קומט פאָר אין זיין לאַנד... וואָס ווייטער אַלץ מעהר האָט ער איינגעזעהן די גרויסקייט און קלוגשאַפט פון זיין יונגען משנה למלך... אַלע מיניסטאָרען האָבען צוגעגעבען אַז אין גאַנץ מצרים איז נישטאָ אַזאַ מאַן מיט אַזאַ פערשטאַנד ווי יוסף'ס. קיין זאַך איז אין לאַנד נישט געטהאָן געוואָרען אָהן יוסף'ס צושטימונג.

און איינמאָל, זיינען געקומען מענשען אין מצרים און אָנגעזאָגט דעם קעניג אַז די אַראַבער און אַנדערע פעלקער האָבען זיך צוזאַמענגענומען און זיי גראָבען גרויסע קאַנאַלען אָפּצוציהען די וואַסער פון טייך נילוס.

פּרעה האָט גלייך צוזאַמענגערופען זיינע מיניסטאָרען און קלוגע לייט זיך צו בעראַטען וואָס צו טהאָן.

— מיר דאַרפען צונויפזאַמלען אונזער גאַנצען פאָלק און געהן מלחמה האַלטען מיט אונזערע שונאים ! — האָבען די מיניסטאָרען געראַטען פּרעה'ן...

— די איינציגע זאַך איז מלחמה, האָבען די חכמים איינגעשטימט, מיר טאָרען נישט דערלאָזען אונזערע שונאים זאָלען שעדיגען אונזער לאַנד!

— יעצט וועל איך שיקען רופען יוסף׳ן! — האָט פרעה געזאָגט און הערען וואָס ער האָט צוזאָגען וועגען דעם!

יוסף איז געקומען און זיך געזעצט נעבען פרעה׳ס רעכטער האַנט.

מען האָט איהם איבערגעגעבען וועגען דעם וואָס די שונאים זוכען צו טהאָן, און אויך די עצה פון די מיניסטאָרען און חכמים.

—ניין! — האָט יוסף אויסגערופען יעצט איז נישט די צייט פאַר אונז אַרויסצוגעהן אויף מלחמה... מיר מוזען זעהן אַז יעדער געזונטער מענש זאָל בלייבען אין לאַנד און בעאַרבייטען זיין פעלד און גאָרטען... דער טייך נילוס פליסט גאַנץ ווייט און אונז וועט זיין שווער צו פערמיידען די שונאים פון צו גראָבען קאַנאַלען ביז׳ן טייך... און ווען מיר וועלען יעצט אַרויס־געהן אויף מלחמה, וועלען אונזערע פעלדער פערנאַכלעסיגט ווערען... די תבואה וואָס מיר האָבען אָנגעזאַמעלט ביז יעצט וועט פערטהאָן ווערען פאַר מלחמה צוועקען, קיין נייע תבואה וועט נישט צוקומען און ווען די הונגער יאָהרען וועלען אָנקומען וועלען מיר זיין ערשעפּט פו דער מלחמה און מיר וועלען אויך הונגערען. און דאַן וועלען זיך אונזערע שונאים בענוצען דאַמיט און אונז בעזיעגען. דעריבער איז מיין עצה צולאָזען דעם שונא דערוויילע צורוה... מיר וועלען פאָרטזעצען אונזער אַרבייט און זאַמלען תבואה און פּרוכט. די אַרומיגע לענדער דאַרפען דאַך, אין די גוטע יאָהרען אפילו אָנקו־מען צו אונז נאָך תבואה, און בפרט אַז מיר וועלען די גאַנצע צייט פון אונזער לאַנד קיין זאַך נישט אַרויספיהרען וועט נישט נעמען לאַנג און זיי וועלען פיהלען אַ מאַנגעל אין עסענוואַרג... דאַן וועלען זיי קומען צו אונז קויפען, און דאַן וועלען מיר שוין וויסען ווי אַזוי מאַט זיי צו האַנדלען, וואָס פאַר אַ בעדינגונגען זיי צו שטעלען.. די לענדער פון אונזערע שונאים וועלען פאַראָרימט ווערען און זייערע מענשען וועלען אָפּגעשוואַכט ווערען דורך די יאָהרען פון הונגער... יע, מצרים וועט זיין דאָס מעכטיגסטע לאַנד, אונזערע שונאים וועלען ציטערען פאַר אונז... דאַן וועלען מיר זיי קענען צווינגען צו פערשיטען די קאַנאַלען און טהאָן אַלעס וואָס אונז וועט געפעלע.

— דיינע ווערטער זיינען זעהר קלוג און אויסגערעכענט! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען — און מיר וועלען דיין עצה אָננעמען!... ווייל, איך זעה אַז דער געטליכער גייסט איז אין דיר! דענקסט איהר נישט, מיינע מיני־סטאָרען, נאָכדעם ווי איהר האָט געהערט זיינע ווערטער, אַז ער איז גערעכט? אַ מלחמה אין דער יעצטיגער צייט וואָלט חרוב געמאַכט אונזער לאַנד!..

— יע, מעכטיגער קעניג, יוסף איז גערעכט... עס וועט זיין פאַר אונז אַ סך גרינגער מלחמה צו האַלטען מיט די שונאים, ווען מיר וועלען זיין בעוואָרנט מיט שפּייז און זיי וועלען מוזען אָנקומען צו קויפען שפּייז פון אונז.

יוסף האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך וואָס איהם איז געלונגען צו פערמיידען מלחמה... ער האָט געזעהן אַז גאָט איז מיט איהם, און אַז ער שטייגט נאָך העכער אין די אויגען פון פרעה און אין די אויגען פון גאַנצען לאַנד מצרים.

נאָך גרעסער איז יוסף׳ס גליק געוואָרען, ווען זיין ליעבע אסנת האָט איהם געבאָרען אַ זוהן.

ער האָט זיין ערשטגעבאָרענעם זוהן אַ נאָמען געגעבען מנשה, ווייל־גאט — האָט ער געזאָגט — האָט איהם געמאַכט פערגעסען אָן זיינע צרות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין מצרים...

גאַנץ מצרים האָט זיך געפרעהט מיט דעם געבורטה פון יוסף׳ס ערשטען זוהן... אַלע האָבען ליעב געהאַט די יונגע, פון גאט געבענשטע פּאָר, יוסף׳ן און אסנת׳ן... די אמת׳ע ריינע ליעבע וואָס איז געווען צווישען יוסף׳ן און אסנת׳ן איז געווען אַביישפּיעל פאַר יעדען איינעם...

אַלע האָבען געוואוסט, ווי געטריי אסנת איז געווען צו יוסף׳ן אין דער צייט ווען ער איז געזעסען אין געפענגנים... מען האָט אויך געוואוסט וואָס אסנת האָט זיך אָנגעליעטען פון זליכה׳ן, וועלכע איז פערבליבען אין געפענגנים.... און ווען אימיצער אין מצרים פלעגט וועלען ריידען שלעכטעס אויף אַ פרוי, פלעגט ער זאָגען: „זי איז דאָך אַזוי שלעכט און פאַלש ווי זליכה! און ווען מען פלעגט וועלען דערצעהלען וועגע אַן ערהאבענע ליעבע פלעגט מען זאָגען: זייער ליבע איז דאָך אַזוי ריין און הייליג ווי די ליעבע צווישען אסנת׳ן און יוסף׳ן...

יוסף׳ס גליק איז אָבער נישט געווען אין גאַנצען פערפולט... איהם האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך זיין פאָטער און זיין משפחה אין כנען. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געגען די געזעצען פון מצרים, ער זאָל אַרויספאָהרען פון לאַנד, און בפרט יעצט, ווען מצרים נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק אין איהם...

— וואָס וואָלט אונז געפעלט? — האָט ער זיך אָפּגערופען איינמאָל צו אסנת׳ן ווען זיי האָבען זיך ביידע געשפּיעלט מיט זייער זוהן, מנשה׳ן. — ווען מיין פאָטער יעקב און דיין מוטער דינה וואָלטען דאָ יעצט געווען מיט אונז... ווי גליקליך זיי וואָלטען געווען צו וויסען אַז מיר ביידע לעבען, אַז דו ביזט מיין פרוי און אַז איך בין אַ הערשער אין מצרים.

— מיין ליעבער יוסף! — האָט איהם אסנת אַ קוש געטהאָן — פיע־לייכט וואָלסטו געשיקט איינעם פון דיינע קנעכט אָנצוזאָגען דיין פאָטער וועגען דעם, דאָן, בין איך זיכער אַז ער וואָלט געווים געקומען אַהער דיך צו זעהן...

— איך האָב שוין אויך וועגען דעם געטראַכט — אָבער איך האָב בע־שלאָסען אַז דאָס וועט זיין נישט דער ריכטיגער וועג... פרעמדע מענשען וועלען נישט וויסען ווי אַזוי צו זיין פאָרזיכטיג מיט׳ן פאָטער, וועלכער דענקט אַז איך בין שוין לאַנג געשטאָרבען... די פּלוצלונגע איבעררעאשונג קען זעהר שלעכט ווירקען אויף איהם... אַחוץ דעם וויים איך דאָך נישט וואָס מיינע ברידער האָבען איהם דערצעהלט וועגען מיר, און ווען אימיצער זאָל פּלוצלונג קומען און אָנזאָגען אז איך לעב... ווער וויים וואָס עס קען פּאַ־סירען צווישען מיינע ברידער... איך האָף אַז אין דער צייט פון די הונגער יאָהרען, וועלען מיינע ברידער פיעלייכט קומען אַהער קויפען תבואה...

— אָבער ווי אַזוי ווענסטו וויסען, אַז דיינע ברידער געפינען זיך אין לאַנד? — האָט איהם אסנת געפרעגט.

— דאָס האָב איך שוין בעזאָרגט — איך האָב בעפעהלען אַז יעדער איינער וועלכער קומט אָן אין מצרים פון אַנדערע לענדער, מוז זיך פער־שרייבען, און יעדען טאָג וועלען די נעמען פון די אריינגעקומענע געבראַכט ווערען צו מיר, און דאַן וועל איך וויסען ווען מיינע ברידער וועלען קומען אהער.

צום סוף צווייטען יאָהר פון די זיבען גוטע יאָהרען, האָט אסנת גע־באָרען יוסף׳ן נאָך אַ זוהן און ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען אפרים.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען די זאַטע און גוטע יאָהרען. יוסף איז געווען שטאַרק פערנומען פאַרצובערייטען זיך פאַר די קומענדע הונגער־יאָהרען און אכטונג צו געבען אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג.

דאָס לאַנד מצרים איז געווען אַזוי רייך אין תבואה, און פרוכט און אין גריינסען, אַז פיעלע פון די פויערים האָבען שוין אָנגעהויבען צו דענקען אַז אַזוי וועט שוין שטענדיג זיין און אַז יוסף האָט זיי בלויז אָנגעשראָקען מיט די הונגער יאָהרען... אייניגע האָבען זאָגאר געזומען פערנאַכלעסיגען צו ברייגגען די איבעריגע תבואה, וואָס זיי איז איבערגעבליבען. יוסף האָט אָבער געשיקט אויפזעהער וועלכע האָבען נאָך געקוקט, אויב זיינע געזעצען ווערען אויסגעפאָלגט.

פרעה האָט מיט יוסף׳ן פערבראַכט יעדען טאָג... ער פלעגט בעריכטען פאַר דעם קעניג וועגען דעם צאָהל שפייכלערען וועלכע זיינען אָנגעפילט גע־וואָרען מיט תבואה... וועגען דער לאַגע פון די פויערים אין לאַנד... און כאָטש פרעה האָט געזעהן אַז די ערשטע העלפט פון יוסף אויסטייטשונג פון זיין חלום איז ריכטיג, פלעגט זיך דאָך אָפטמאָל אריינגנב׳ענען אַ געדאַנק ביי איהם אין מוח, אַז פיעלייכט וועלען די הונגער יאָהרען נישט קומען... נישט איינמאָל האָט געטראָפען אַז פרעה׳ס מיניסטאָרען האָבען צווישען זיך גערעדט און געזאָגט אַז עס וועט קיינמאָל נישט פאָרקומען קיינע הונגער יאָהרען אין מצרים... און אַז יוסף האָט בלויז מזל. פיעלע פון פרעה׳ס בעאַמטע האָבען גענומען מקנא זיין יוסף׳ן. זיי האָבען מקנא געווען דעם וואונדער שעהנעם פאַלאַץ וואָס פרעה האָט געלאָזט בויען פאַר יוסף׳ן...

— איז געקומען אַ פרעמדער, פון אַ פרעמד לאַנד און איז געוואָרען אַ הערשער איבער אונז — האָבען אייניגע געטענה׳ט ווען זיי פלעגען בעמער־קען יוסף׳ן אַרומפאָהרענדיג איבער מצרים אין אַ קעניגליכער קאַרעטע...

— ער האָט אָנגעזאַמעלט אַזוי פיעל תבואה און יעצט וועלען די פוערים ניט האָבען קיין מעגליכקייט צו פערקויפען זייער תבואה אין די קומענדע יאָהרען — האָבען אַנדערע אויסגעדריקט זייער אומצופרידענהייט.

— געדולד! פלעגט פרעה זיי ענטפערען, מיר האָבען שוין געוואַרט אַזוי פיעל יאָהרען, וועלען מיר שוין וואַרטען נאָך דעם יאָהר און זעהן אויב די פאָראויסזאָהונג פון יוסף׳ן איז אַ ריכטיגע... אָצער קיינער פון אייך וועט דאָך נישט קענען פערלייקענען אַז יוסף איז אַ מאַן מיט וועמען אונזער לאַנד מצרים מעג שטאָלצירען.

אָט האָט זיך דערנעהענטערט דער מאָנאַט, ווען דער טייך נילוס פלעגט זיך אויפהובען און בעוואַסערען דאָס לאַנד מצרים. יעדער האָט מיט גרויס

שפּאַנונג און ערוואַרטונג אויסגעקוקט אויף דיזען מאָנאַט... די איינוואָהנער האָבען זיך פערזאַמעלט אַרום דעם טייך, און האָבען מיט נייגעריגע אויגען נאַכגעקוקט צו זעהן אויב דאָס וואַסער פון טייך וועט זיך אויפהויבען.

דער מאָנאַט איז פאַריבער און דאָס וואַסער האָט זיך נישט אויפגע־הויבען...

גלייך האָבען די מענשען גענומען איינזעהן אַז יוסף האָט געוואוסט וואָס ער האָט גערעדט... ער האָט גענומען שטייגען אין זייערע אויגען...

— ער איז ווירקליך אַ געטליכער מאַן! — האָבען די מענשען אַרום געזאָגט מיט שרעק און זאָרג אין זייערע הערצער. — אונזער לאַנד וועט זיכער דיזען יאָהר ליידען פון אַ טריקעניש...

— געלויבט זאָלען זיין אונזערע געטער וואָס זיי האָבען אונז צוגעשיקט אַזאַ מאַן, וועלכער זאָל וויסען פאָראויס וואָס וועט פאַרקומען כדי צו פער־מיידען אַן אומגליק.

— אויב עס וועט ווירקליך זיין אַ הונגער זיעבען יאָהר נאָכאַנאַנד דאַן וועלען מיר דאָך אַלע זיין פערלאָרען — האָט איינער זיך אָפּגערופען צו אַ גרופּע פויערים וועלכע זיינען געקומען צום טייך.

— מען זאָגט אַז יוסף האָט באַזאָרגט דאָס לאַנד מיט אַזוי פיעל שפּייז אַז אפילו ווען עס זאָל פאַרקומען צוויי מאָל אַזוי פיעל הונגער יאָהרען וועט אונזער לאַנד אויך נישט ליידען קיין הונגער.

נאָך איינינע מאָנאַטען זיינען פאַראיבער און די פעלדער זיינען געוועזען ליידיג. די גערטנער און סעדער האָבען נישט אַרויסגעגעבען קיין גרינסען און פרוכט.

זיינען די פויערים אומרוהיג געוואָרען, די שטאָדט איינוואָהנער האָבען זיך גענומען שרעקען; האָבען זיך די פויערים גענומען ווענדען צו דעם קעניג פאַר הילף.

— איך האָב גאָר נישט צו טהאָן מיט די שפּייז פון אונזער לאַנד! — האָט פּרעה געענטפערט צו אַ גרופּע פאָרשטעהער פון די פויערים וועלכע האָבען זיך צו איהם געווענדעט נאָך הילף — געהט צו יוסף'ן און וואָס ער וועט אייך זאָגען זאָלט איהר טהאָן!

זיינען זיי אוועק צו יוסף'ן און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— די רייד פון אונזער האַר יוסף'ן זיינען מקויים געוואָרען. דער הונגער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אונזער לאַנד, און מיר, די אָרימע פויערים זיינען די ערשטע דאָס צו פיהלען, העלף אָה, יוסף, אין דער צייט פון אונזער נויט...

—איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען! — האָט יוסף זיי געענטפערט

— יעדער איינער וועט קריגען גענוג שפּייז פאַר איהם און זיין משפחה און פאַר זיינע בהמות. אין די ביכער פון מצרים איז פערשריבען וויפיעל יעדער איינער האָט אַריינגעבראַכט תבואה און אַנדערע זאַכען דורך דער צייט פון די זיעבען גוטע יאָהרען... די יעניגע וועלכע האָבען אַריינגעבראַכט מעהר וויפיעל עס איז נויטיג פאַר זייער געברויך וועלען קריגען שפּייז צו ערנעהרען זייערע פאַמיליעס דורך די הונגער יאָהרען אומזיסט. די אָבער וועלכע האָבען

אַריינגעבראַכט ווינציגער וועלען פאַר די איבעריגע שפּייז דאַרפען צאָהלען. און די יעניגע וועלכע האָבען זיך נישט צוגעהערט צו דעם בעפעהל און אַנ־שטאַט צו ברענגען זייער תבואה, האָבען זיי אין ניוועץ געבראַכט, יענע וועלען זיין געצוואונגען גלייך צו צאָהלען פאַר דעם ערשטען מעסטעל ווייץ אָדער קאָרן... געפעהלט אייך מיין פּלאַן? — האָט יוסף זיך צו זיי אָפּגערופען.

— יע, אונזער האַר! — האָט דער עלטסטער פון די פּויערים פאַר־שטעהער זיך אָפּגערופען — די וועלכע האָבען ניט אויסגעפאָלגט דעם בעפעהל פון משנה למלך און האָבען גאַר נישט אַריינגעבראַכט, זיינען אַליין שולדיג און יעצט וועלען זיי מוזען פאַר יעדער זאַך בעצאָהלען.

— יעצט זאָלט איהר אַנזאָגען די פּויערים וועלכע האָבען אייך געשיקט — האָט יוסף צו זיי ווייטער געזאָגט — אַז יעדער איינער זאָל קומען צו די פּלעצער וואוהין ער האָט פריהער, אין די גוטע יאָהרען, איבערגעגעבען זיין תבואה דאָרטען געפינט זיך זיין נאָמען און ער וועט קיין שוועריגקייטען נישט האָבען צו קריגען געוננ שפּייז פאַר זיין געברויך.

די פּויערים פאָרשטעהער זיינען אַוועק צופרידען מיט יוסף׳ס ענטפער, זיי האָבען גלייך געזעהען אַז נישט נאָר איז יוסף קלוג נאָר ער איז אויך עהרליך, און ער טהוט גערעכטיגקייט צו יעדען.

האָבען די פּויערים אָנגעפאַנגען צו קומען מיט זייערע וועגענער צו די שפּייכלער און סקלאַדען וואו די תבואה האָבען זיך געפונען. די בעאַמטע האָבען נאָכגעקוקט יעדען נאָמען און לויט די פּראָפּאָרציע וואָס ער האָט אַריינ־געבראַכט, האָבען זיי איהם געגעבען פאַר דעם יאָהר צו לעבען.

די שטאָדט איינוואָהנער וועלכע האָבען דורך די זיבען גוטע יאָהרען געבראַכט אַנדערע סחורות אַחוץ תבואה, זיינען אויך פּעערעכענט געוואָרען אין דער זעלבער גרופּע מיט די פּויערים און אויך יענע האָבען געקראָגען געוננ שפּייז פאַר זייער געברויך.

די איינציגע וועלכע האָבען געמוזט בעצאָהלען פאַר די שפּייז זיינען געווען די יעניגע וועלכע האָבען גאָרנישט אַריינגעבראַכט אין דעם אוצר פון מלוכה.

דאָס ערשטע יאָהר איז נאָך נישט געווען אַזוי שווער פאַר אַלעמען. פיעלע האָבען נאָך געהאַט תבואה פון די לעצטע גוטע יאָהרען און זיי האָבען נישט גענויטיגט אָנקומען צו דער מלוכה, אָבער שוין אויפ׳ן צווייטען יאָהר, האָט דאָס גאַנצע לאַנד אָנגעהויבען צו פיהלען דעם הונגער.

פיעלע פּויערים האָבען גענומען פערזעען, זיי האָבען געטראַכט אַז דעם יאָהר וועט זיך דער נילוס אויפהויבען און בעוואַסערען דאָס לאַנד, אָבער ווען די צייט איז געקומען זיינען זיי געוואָרען ענטוישט. זייערע פעלדער און גערטנער זיינען געווען אַזוי ליידיג און וויסט ווי אין דעם ערשטען הונגער יאָהר.

דעם מאַנגעל אין שפּייז האָבען אויך אָנגעהויבען צו פיהלען די אַרומיגע לענדער, וועלכע האָבען אין די גוטע צייטען איינגעקויפט זייער תבואה אין מצרים. יעצט האָט אויך דאָרטען אויסגעבראָכען אַ הונגער. עס איז גע־וואָרען אַ טריקעניש איבער׳ן לאַנד און די פּויערים וועלכע האָבען געהאַט

גענוג, האָבען מעהר נישט געוואָלט פערקויפען, און אזוי האָט מען שוין דעם צווייטען הונגער יאָהר געפיהלט אַ גרויסען מאַנגעל אין שפייז אין כנען ווי אויך אין אַנדערע לענדער.

יעדען טאָג פלעגט יוסף זיך זעהען מיט פרעה׳ן און איהם איבערגעבען וועגען אַלעם וואָס קומט פאָר.

— מיר דאַרפען יעצט זיין מעהר פאָרזיכטיג ווי פריהער! — האָט יוסף געזאָגט צו פרעה׳ן — מענשען פון פערשיעדענע לענדער קומען קויפען ביי אונז שפייז. זיי אַלע זעהען אונזער גרויסקייט און רייכטום, און כאָטש דאָס וועט פערשטאַרקען די מורא פון אונזערע שונאים פאַר אונז, דאָך וועלען זיי זוכען, דורך זייער קנאה, אונז שלעכטעס צו טהאָן און מיר מוזען זיין גע־גרייט צו בעשיצען אונזער לאַנד פון איבערפאַלען. מיר דאַרפען פאַרגרעסערען און פערשטאַרקערען אונזער אַרמעע און ווען אונזערע שונאים וועלען זעהען אַז מיר זיינען געגרייט צו יעדער צייט זיי צו בעגעגענען מיט גרויסע אַרמעען, וועלען זיי שוין מעהר נישט וואַגען אפילו צו טראַכטען וועגען אַ מלחמה.

— גוט! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען — איך מאַך דיר פאַר אַ הויפּט איבער אַלע מיינע אַרמעען, דו זאָלסט האָבען דאָס רעכט צו פאַרגרעסערען די אַרמעען צו יעדער צייט ווען דו וועסט עס געפינען פאַר נויטיג, ווייל נישט נאָר איך אַליין זעה דיין גרויסקייט, זאָנדערן מיין גאַנצע פאָלק זעהט אַז דו ביזט אַ געטליכער מאַן, און אפילו דיינע געגנער זיינען יעצט דיינע פריינד געוואָרען. יע, יוסף, איך גיב דיר די גאַנצע מאַכט, פיהר אונזער לאַנד לויט דיין פערשטאַנד און איך צווייפעל נישט אַז דורך דיר וועט מצרים געראַטעוועט ווערען.

.37

יוסף און זיינע ברידער

כאָטש דורך די פיעלע יאָהרען האָט זיך יעקב צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק אַז ער וועט שוין יוסף'ן מעהר קיינמאָל נישט זעהן, דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו טרויערן וועגען איהם, און עס איז נאָך נישט פאַר־איבער קיין איין טאָג, דורך די צוואַנציג יאָהר זינט זיינע זיהן האָבען גע־בראַכט דעם טרויעריגען בעריכט אַז יוסף איז צוריסען געוואָרען פון חוית, אַז יעקב זאָל נישט האָבען דערמאָהנט יוסף'ס נאָמען.

יעקב'ס אַלע זיהן זיינען שוין געווען פערהייראַט און זיי האָבען אַלע געוואָהנט אין חברון מיט זייערע משפחות נעבען זייער פאָטער.

דינה איז געבליבען אומערהייראַט, זי האָט אויך נישט אויפגעהערט צו טרויערן די גאַנצע צייט אויף איהר פערלאָרענע טאָכטער, כאָטש זי האָט שוין כמעט אויפגעגעבען איהר האָפנונג ווען עס איז איהר צו טרעפען.

דינה איז שטענדיג געווען נעבען איהר פאָטער. זי האָט איהם זעהר ליעב געהאַט און האָט געזעהן איהם צו מאַכען בעקוועם.

יעקב'ס פרויען זיינען שוין לאַנג געווען טויט, און דינה האָט געפיהרט די גאַנצעווירטשאַפט פון יעקב'ס הויז.

ווען דער הונגער האָט אויך גענומען דערגרייכען כנען, איז יעקב'ס משפחה געווען די לעצטע עס צו דערפיהלען: ווייל זיי פלעגען אימערצו האָבען אָנגעגרייט פון איין יאָהר אויפ'ן צווייטען.

ווען יעקב האָט דערזעהען אַז פיעלע איינוואָהנער פון כנען פאָהרען קויפען עסענוואַרג אין מצרים, האָט ער צוזאַמענגערופען זיינען זיהן און זיך צו זיי אָפּגערופען:

— מיינע זיהן, דער הונגער אין אונזער לאַנד ווערט שטאַרקער און ווי איך זעה קען מען קויפען גענוג תבואה אין מצרים, פאָהרט אַלע אַריבער נאָך מצרים און קויפט דאָרטען תבואה פאַר אונזער גאַנצער משפחה.

— ווער פון אונז זאָלען געהן נאָך מצרים — האָט ראובן געפרעגט.

— איהר זאָלט אַלע געהן, ווייל אין דער צייט פון הונגער זיינען די וועגען פול מיט סכנה און ווען איהר וועט זיין צוזאַמען וועט איהר נישט דאַרפען מורא האָבען פאַר אַן איבערפאַל. יע, פאָהרט אַלע, אַ חוץ בנימין, מיין אינגסטער זוהן.

בנימין איז שוין דאַן אַלט געווען זיעבען און צוואַנציג יאָהר, און יעקב האָט איהם זעהר ליעב געהאַט, אין איהם האָט ער געפונען אַ טרייסט פאַר

דעם פערשטארבענעם יוסף'ן, ער איז געווען, ווי יוסף, עהנליך צו זייער מוטער רחל, און כאטש בנימין איז שוין אויך געווען פערהייראט, פלעגט ער זיך שטענדיג געפינען אין יעקב'ס געצעלט. יעקב האט מיט איהם פער־בראכט, ער פלעגט איהם דערצעהלען וועגען יוסף'ן זיין ברודער, וועלכער איז אויך פון דער זעלבער מוטער. ער פלעגט מיט איהם לערנען, ווי ער פלעגט עס טהאן מיט יוסף'ן.

— פאטער איך וועל אויך מיטגעהן מיט מיינע ברידער נאך מצרים!

— האט בנימין זיך אפגערופען.

— א, ניין, מיין זוהן! דו ביזט איין איינציגער צו מיר פערבליבען פון דיין מוטער רחל, און איך קען דיר נישט אוועקלאזען פון זיך אויף א לענגערע צייט. דו ווייסט דאך וואס עס האט פאסירט צו דיין ברודער יוסף ווען איך האב איהם אוועקגעשיקט אויף א ווייטע פון זיך. ניין, מיין זוהן, דו וועסט פערבלייבען מיט מיר!

די ברידער האבען זיך גענומען גרייטען צום וועג. זיי האבען צורעכט געמאכט זייערע קליידער און מיטגענומען גענוג שפייז און וואסער פאר זיך און זייערע אייזלען. יעדער פון זיי האט מיטגענומען א פעקל געלד צו בעצאהלען פאר די תבואה וואס זיי וועלען קויפען.

זיי האבען געקושט זייער פאטער, שוועסטער און זיך געזעגענט מיט זייערע משפחות און זיינען אפגעפאהרען פון חברון נאך מצרים.

די ערשטע צוויי יאהר הונגער, האט איבערצייגט אלע איינוואהנער פון מצרים אז יוסף האט זיי געפיהרט אויפ'ן ריכטיגען וועג. זיי האבען געזעהען אז יוסף באזיצט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. און אפילו די וועלכע זיינען געווען זיינע געגנער האבען שוין יעצט מודה געווען, אז ער איז אן אויבערמענש. ער האט געראטעוועט מצרים פון אונטערגאנג!

אין זיין פאלאץ פלעגען אפט זיך צוזאמענקומען פיעלע גרויסע הארען, חרטומים און וויכטיגע פערזאנען פון מצרים.

פוטיפר פלעגט קומען איהם בעזוכען כמעט יעדען טאג.

נאך פון די ערשטע צייטען, גלייך נאכדעם, ווי פוטיפר האט בעשטראפט זליכה'ן, איז ער אוועק צו אסנת'ן און מיט טרעהרען אין די אויגען איהר דערצעהלט אלעם וואס ער האט אויסגעפונען וועגען זליכה'ן.

— דו ביזט צו מיר די גאנצע צייט געווען פארבעבענט ווי אן אייגענע טאכטער — האט ער דאן צו איהר געזאגט — אבער איך ווייס, אז די לעצטע צייט האב איך דיך ניט ריכטיג בעהאנדעלט. אין דעם איז געווען שולדיג זליכה! האב איך דען געקענט וויסען אז זי האט מיר די גאנצע צייט גענארט. ווען עמען וואלט עס גאר איינגעפאלען אז זי זאל מאכען א בלבול אויף יוסף'ן, און עס פערשטעהט זיך, אז נאכדעם ווי איך בין געווען זיכער אין יוסף'ס שולד, אז מיר האט שטארק פערדראסען, וואס דו האסט איהם ליעב. יעצט, בעט איך דיר, אסנת, דו זאלסט בעטען יוסף'ן ער זאל מיר מוחל זיין. די **אונווירדיגע זליכה איז שוין בעשטראפט** געווארען פאר איהרע זינד. זי וועט ביז איהר טויט אבפינסטערען אין געפענגנים.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אז יוסף טראָגט אויף דיר ניט קיין כעס, פּאַטער! — האָט אסנת איהם געענטפערט.

— איך בין גליקליך, אז דו רופסט מיר נאָך „פּאַטער" — האָט פּוטיפר געזאָגט און טרעהערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען.

— איך וועל דיין גוטסקייט צו מיר קיינמאָל נישט פערגעסען, אפילו ווען איך האָב אויסגעפונען דעם אמת, ווער איך בין און ווי אזוי איך קום צו זליכה'ן, האָב איך דיך נישט אויפגעהערט ליעב צו האָבען ווי אַן אייגענעם פּאַטער. אָט וועל איך מיט יוסף'ן ריידען וועגען דיר, און איך האָף אז אונזער פריינדשאַפט וועט פערשטאַרקט ווערען.

אסנת איז דאַן אַריין צו יוסף'ן און איהם איבערגעגעבען פּוטיפר'ס רייד.

— זאָל ער אַריינקומען! — האָט יוסף איהר געזאָגט — איך וויים אז ער איז אין קיין זאַך נישט שולדיג!

פּוטיפר איז אַריינגעקומען אין צימער וואו יוסף איז געזעסען אין זיינע פּרינצליכע קליידער, און האָט זיך פאַר איהם פערניינט.

— וועט מיר מיין האר מוחל זיין? — האָט פּוטיפר קוים אַרויסגע־רעדט... ער האָט אויסגעקוקט אזוי צובראָכען און הילפלאָז, אַ רחמנות האָט זיך ערוועקט ביי יוסף'ן ווען ער האָט איהם דערזעהן און ער האָט איהם אויס־געשטרעקט זיין האַנט.

פּוטיפר האָט מיט גרויס פרייד אָנגענומען יוסף'ס האַנט — איך בין זעהר גליקליך, אז דו ביזט מיר מוחל... אַ די פערפלוכטע זליכה!... — האָט ער געזאָגט.

לאָמיר מעהר איהר נאָמען נישט דערמאָהנען! — האָט יוסף געזאָגט — און דו מיין פריינד זעץ זיך נעבען מיר און לאָמיר ריידען פון אַנדערע זאַכען.

פּוטיפר האָט זיך אָוועקגזעצט ניט ווייט פון יוסף'ן און אסנת'ן און זיי האָבען גערעדט וועגען די לאַגע אין מצרים, וועגען דעם טייך נילוס און אַנדערע זאַכען.

זינט יענעם טאָג איז פּוטיפר געווען אַן אָפטער בעזוכער אין יוסף'ס פּאַלאַץ, און ווען יוסף'ס צוויי זיהן, זיינען צו איהם געבאָרען געוואָרען, האָט פּוטיפר קיין איינציגען טאָג נישט פערפעהלט צו קומען און זיך שפּיעלען מיט זיי...

— דיינע זיהן זיינען ביי מיר פערעכענט ווי מיינע אייניקלעך! — פלעגט ער זאָגען צו אסנת'ן מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

מנשה און אפרים — זיינען אונטערגעוואַקסען, מנשה איז געווען אכט יאָהר צום צווייטען הונגער יאָהר און אפרים זיעבען יאָהר.

יוסף האָט מיט זיי געלערענט עברית, די שפּראַך פון זיינע עלטערען, און אין הויז האָבען אַלע גערעדט צווישען זיך העברעאיש.

מנשה איז זעהר הויך געוואָקסען און האָט אויסגעקוקט אַ סך עלטער פון זיינע יאָהרען. אפרים איז אויך געווען נישט נידעריגער, אָבער ער איז געווען פולער און זיין הויך געוואוקס האָט זיך דעריבער אזוי בולט נישט אַרויסגעוויזען.

ביידע זיינען געווען זעהר שעהן מיט איידעלע געזיכטסציגע, און זיי זיינען געווען פיעל עהנליך צו זייער פאטער און מוטער.

יוסף פלעגט מיט זיינע זיהן פיעל צייט פערברייינגען, ער פלעגט מיט זיי לערנען די וועגען פון גאט פון זיינע עלטערען, ער האט זיי דערצעהלט וועגען זיין פאטער יעקב'ן, וועגען זיי זיידען און באבען וועגען אברהם און שרה'... ער האט זיי אלעס דערצעהלט וועגען זיך, וואס מיט איהם האט פאסירט, ווי אזוי זיינע ברידער האבען איהם פערקויפט פאר א קנעכט און אלעס וואס ער האט דורכגעמאכט. און ווען מנשה און אפרים פלעגען א דריק טהאן זייערע קליינע פויסטען פון כעס און אויפרעגונג, פלעגט יוסף זיך אפרופען מיט א שמייכעל צו זיי:

— איהר האט נישט וואס צו זיין אין כעס אויף אייערע פעטערס, ווייל אזוי איז געווען דער ווילען פון גאט... איך האף, איהר, מיינע קינדער, וועט זיך זעהן מיט אייערע פעטערס וועט איהר זיכער זיין שטאלץ מיט זיי.

— אפ פאטער, ווי גערן איך וואלט געוואלט זעהן מיין זיידען יעקב'ן און מיין באבע'ן דינה'ן... די מוטער האט מיר פיעל דערצעהלט וועגען איהר מוטער.

— יע, דיין באבע דינה איז מיין שוועסטער! איך האב איהר אויך זעהר שטארק ליעב געהאט — האט יוסף מנשה'ן געקושט — אבער לאמיר האפען צו גאט, וועלכער האט מיט מיר ביז אהער געטהאן אזויפיעל וואונדער, אז ער וועט אונז נאך אלעמען צוזאמענברענגען... איך בין זיכער, אז אייניגע פון מיינע ברידער וועלען קומען אין מצרים קויפען עסענווארג, ווייל דער הונגער איז גרויס אויך אין גאנצען לאנד כנען.

— פאטער — האט דער קליינער אפרים זיך אפגערופען — אויב דיינע ברידער וועלען קומען אהער, האב איך מורא, אז זיי וועלען דיר ווידער פארקויפען פאר א קנעכט!

—ניין, מיין קינד! יעצט וועלען זיי עס מעהר נישט קענען טהאן. איך בין דאך א הערשער אין מצרים... און אחוץ דעם בין איך זיכער, אז מיינע ברידער האבען באלד חרטה געקראגען אויף זייער טהאט, און זיי וואלטען זיך געשעצט זעהר גליקליך ווען זיי וואלטען מיר יעצט דערזעהן. און אייך, מיינע קינדער, וויל איך בעטען צו קיינעם נישט רעדען א ווארט וועגען דעם. און אפילו ווען מיינע ברידער וועלען זיין אין מצרים זאלט איהר זיך גארנישט מאכען וויסענדיג ביז וואנען די צייט וועט קומען... איך וויים, אז איהר זייט ביידע קלוגע קינדער און איהר וועט גארנישט טהאן כל זמן איהר וועט זיך נישט בעראטען מיט מיר אדער מיט אייער מוטער.

— אבער, פאטער! — האט מנשה איהם ווידער געפרעגט — ווי אזוי וועסטו זיך דערוויסען אז דיינע ברידער געפינען זיך אין מצרים, ווען עס קומען אן אזוי פיעל מענשען יעדען טאג פון פארשיידענע לענדער דא צו קויפע תבואה?

— יעדער איינער וועלכער קומט אריין אין מצרים ווערט אריינגעשריבען אין די ביכער — האט יוסף איהם געענטפערט — און איך האב פארזאגט די אויפזעהער פון די טויערען פון מצרים, אז ווען אימיצער וועט קומען פון

כנען, זאָל מען מיר מאַלד קומען אָנזאָגען... דערווייל זיינען שוין אָנגעקומען פון כנען פיעלע מענשען, און צווישען זיי האָב איך מיינע ברידער נישט געזעהען!

אסנת האָט ליעב געהאַט צו זיצען און זיך צוהערען צו אַלעס וואָס יוסף פלעגט דערצעהלען זייערע קינדער, כאָטש זי האָט שוין ניט איינמאָל געהערט וועגען די אַלע זאַכען, האָט זי אָבער יעדען מאָל געהאַט אַ באַזונדערען פאַרגעניגען זיי צו הערען. זי האָט ליעב געהאַט אַריינצוקוקען אין יוסף׳ס אויגען ווען ער פלעגט רעדען וועגען זיין משפחה... זי האָט אין זיי געזעהן די אָפּשפּיגלונג פון פיעלע פון איהרע חלומות וואָס זי פלעגט טרוימען.

אסנת האָט זיך זעהר גליקליך געפילט, ווען זי האָט געזעהן ווי שטאַרק געאַכטעט און געשעצט יוסף איז אין די אויגען פון פרעה׳ן און אין די אויגען פון פאָלק... פרעה און דאָס פאָלק רופען איהם צפנת פענח... יאָ, ער איז ווירקליך דער הערשער איבער גאַנץ מצרים... ער האָט אזוי פיעל מאַכט ווי פרעה אליין... אָ, ווי גנעדיג און גוט גאָט איז געוועזן צו זיי ביידען!..

איינמאָל, ווען יוסף האָט פאַרבראַכט מיט אסנת׳ן, איז אַריינגעלאָפען מנשה און אויסגערופען:

— פאָטער! איך גלויב, אַז זיי זיינען דאָ!

— ווער? — האָט יוסף איבערראַשט איהם געפרעגט.

— מיינע פעטערס! — האָט מנשה געענטפערט און זיין פנים האָט געפלאַמט.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט איהם אסנת געפרעגט.

— מען האָט נאָר וואָס געבראַכט די ביכער וואו די אַלע וועלכע קומען פון כנען ווערען אַריינגעשריבען און איך האָב דערזעהן די נעמען פון מיינע פעטערס.

יוסף האָט גלייך געהייסען אַריינברענגען די ביכער, און ווען ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט, האָט ער אויסגערופען מיט גרויס פרייד:

— יאָ! מיינע ברידער זיינען דאָ! אַלע זיינען זיי געקומען אחוץ בנימין... אָט וועל איך זיי שוין הייסען ברענגען צו מיר...

— און איך וועל גלייך הייסען צוגרייטען אַ גרויסאַרטיגען מאָלצייט — האָט אסנת אויסגערופען און צו איהר שמחה איז גאָר נישט געוועזן קיין גרעניץ.

— ניין, מיין ליעבע אסנת — האָט יוסף איהר אַרומגענומען — נישט אַזוי שנעל וועל איך זיך לאָזען דערקענען פאַר מיינע ברידער. איך וועל פריהער טרייבען מיט זיי אַביסעל שפּאַס... איך וועל זיי אָנשרעקען אַביסעל... זאָלען זיי עפּעס דערפון לערנען... און אייך, מיינע קינדער! — האָט ער זיך געווענדעט צו מנשה׳ן און אפרים׳ען, וויל איך נאָך אַמאָל אָנזאָגען, אַז איהר זאָלט זיך ווייסען ווי צו האַלטען... איך וועל זיך מאַכען אַז איך פאַרשטעה נישט קיין העברעאיש און דו, מנשה, וועסט זיין מיין איבערזעצער... דו וועסט צו מיינע ברידער רעדען אין העברעאיש און איבערגעבען מיר זייערע ווערטער אין דער מצרישער שפּראַך.

— וועלען זיי דען נישט פאַשטעהן, אַז דו קענסט אויך העברעאיש, ווען זיי וועלען הערען אַז אונזער זוהן רעדט די שפּראַך אַזוי פליסענד? — האָט אסנת איהם געפרעגט.

— עס איז דאָך מעגליך, אַז קינדער זאָלען לערנען אַ שפּראַך, וואָס די עלטערען קענען נישט — האָט יוסף געזאָגט — דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזען, אסנת. איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי צו האַנדלען מיט זיי, אַז זיי זאָלען גאָרנישט פאַרדעכטיגען.

יוסף האָט גלייך באַפוילען מען זאָל ברענגען די מענשען פון כנען צו איהם.

— אַ, מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר אַזוי שטאַרק פון פרייד און אויפ־רעגונג! — האָט אסנת אויסגערופען — אַז באַלד וועל איך הערען אַ גערוס פון מיין מוטער.

— אָבער דו, מיין ליעבע אסנת, וועסט זיך מוזען עטוואָס באַהערשען — האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

— איך גלויב — האָט אסנת געזאָגט מיט אַ שמייכעל — אַז דיר וועט זיין שווערער צו באַהערשען דיינע געפיהלען צו זיי, ווי מיר!

— איך האָב גענוג דורכגעמאַכט די גאַנצע צייט, זינט זיי האָבען מיר פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט! — האָט יוסף אויסגערופען — איך וועל בלויז זיך דאַרפען דערמאָנען אָן יענע שרעקליכע מאָמענטען, ווען זיי האָבען מיר פון גרוב אַרויסגעשלעפּט און פאַרקויפט צו די ישמעאלים פאַר צוואַנציג שקלים... יאָ, איך וועל מיט זיי האַנדלען זעהר שטרענג, זאָלען זיי זיך עטוואָס אָנשרעקען...

— אָבער ווי אַזוי וועסטו קענען אויסגעפינען פון זיי ווי דיין פאָטער איז און ווי אַזוי וועל איך קענען פרעגען וועגען דינה'ן? — האָט אסנת זיך אָפּגערופען.

— איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי אַלץ אַרויסצוקריגען פון זיי און אין דערזעלבער צייט וועלען זיי נישט האָבען דעם מינדעסטען חשד וועגען מיר — האָט יוסף געענטפערט.

ווען די ברידער זיינען אַוועק אין מצרים האָבען זיי צווישען זיך אָפּגע־מאַכט, אַז זיי זאָלען זיך אָפּזונדערען איינער פון צווייטען.

— פאַר וואָס זאָלען מיר אַלע קויפען אין איין פּלאַץ? — האָט ראובן געזאָגט — מעגליך אַז ווען זיי וועלען זיך דערוויסען אַז מיר קויפען אַלעס צוזאַמען פאַר איין משפחה, וועלען זיי נישט פאַרקויפען אַזוי פיעל.

— און אויסערדעם — האָט יהודה צוגעגעבען — ווען מיר וועלען זיך אַוועקלאָזען אין פאַרשידענע ריכטונגען פון שטאָדט, וועלען מיר זיך פיליכט אָנשטויסען אויף אונזער ברודער יוסף'ן, וועמען די ישמעאלים האָבען מעגליך פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט אין מצרים...

— פאַרוואָס זאָלט איהר רעדען ווערטער וואָס האָבען קיין זין נישט! — האָט שמעון זיך צו זיי אָפּגערופען — יוסף מוז שוין זיין לאַנג טויט... אפילו אויב די ישמעאלים האָבען איהם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט דאָ אין

מצרים, וואָלט יוסף נישט געקענט אויסהאַלטען אַזוי לאַנג!... צוויי און צוואַנציג יאָהר צו זיין אַ קנעכט און בפרט יוסף איז נאָך געווען אַזאַ איידעלער און צאַרטער.

— איך ווייס אַז עס איז נוצלאָז צו געהן זוכען אונזער ברודער אין דער יעצטיגער צייט! — האָט ראובן געזאָגט — אָבער דו ווייסט דאָך ווי מיר פיהלען וועגען דעם... מיר האָבען יוסף'ן אַרומגעזוכט איבער גאַנץ כנען און אין פיעלע אנדערע לענדער אין מצרים זיינען מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען... מעגען מיר דאָך טראַכטען, פיליייכט וועלען מיר איהם דאָ ערגעץ וואו טרעפען אַרבייטענדיג אַלס שקלאַף און מיר האָבען מיט זיך גענוג געלד איהם אויסצולייזען...

די ברידער האָבען זיך נאָכגעפרעגט אין וועלכע גאַסען עס געפינען זיך די שפייכלערען וואו מען פאַרקויפט תבואה און יעדער פון זיי האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַן אַנדער ריכטונג צו קויפען שפייז.

ראובן איז מיט זיין אייזעל צוגעקומען צו דעם ערשטען שפייכלער און האָט גענומען פאַרהאַנדלען וועגען די תבואה, פלוצלונג האָט ער באַמערקט, ווי אַ רייטער דערנעהנטערט זיך צו איהם.

—ביזטו נאָר וואָס געקומען פון כנען? — האָט זיך דער רייטער צו איהם געווענדעט.

— יאַ, מיין האַר! — האָט ראובן געענטפערט — איך בין געקומען מיט מיינע ברידער צו קויפען שפייז פאַר אונזערע משפחות.

— און וואו זיינען דאָס דיינע ברידער? — האָט ער איהם געפרעגט.

מיינע ברידער זיינען אַוועק אין אַנדערע פלעצער, צו טהאָן די זעלבע זאַך — האָט ראובן געזאָגט.

— אין נאָמען פון אונזער וויצע קעניג, צפנת פענח, ביזטו און דיינע ברידער אויפגעפאָדערט גלייך צו ערשיינען פאַר איהם, דעם הערשער פון מצרים.

— וואָס האָט פאַסירט? — איז ראובן בלאַס געוואָרען.

— דאָס וועסטו זיך שוין דערוויסען ווען מיין האַר וועט מיט אייך אַלעמען רעדען — האָט דער רייטער געזאָגט — דאָ מוזטו מיר אָבער שנעל זאָגען, וואו דיינע ברידער געפינען זיך... ווייל איך האָב אַ באַפעהל צו ברענגען אייך אַלעמען צוזאַמען פאַר דעם משנה למלך.

ראובן איז מיט דעם רייטער אַוועק אויפזוכען די איבריגע ברידער... דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי ביידע פאַרבראַכט אין זוכעניש, און ווען די זיהן האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן איז דעם רייטער געלונגען צו ברענגען אַלע צעהן ברידער אין יוסף'ס פאַלאַץ.

— וואָס האָט דיר אַזוי לאַנג גענומען? — האָט דער אומגעדולדיגער יוסף געפרעגט דעם רייטער, ווען ער איז אַריינגעקומען אָנזאָגען, אַז ער האָט אַלע ברידער געבראַכט.

— מיין האַר — האָט ער זיך פאַרענטפערט — די ברידער זיינען ניט געווען צוזאַמען. זיי האָבען זיך צושפרייט איבער'ן גאַנצען שטאָט, און מיר אַז שווער אָנגעקומען זיי אַלעמען צונויפצוקלייבען.

ברענג זיי גלייך אריין צו מיר! — האט יוסף זיך אפגערופן און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין שטוהל. נעבען איהם איז געזעסען אסנת און זיין ערשט־געבוירענער זוהן מנשה.

— געדענק מיין קינד, אז דו וועסט דארפען האנדלען אלס מיין איבער־זעצער. דו וועסט צו זיי רעדען אין העברעאיש און מיר איבערגעבען זייערע רייד אין מיצרית... פארגעס אויך ניט, אז מיין נאמען איז צפנת פענח. דו זאלסט זיך אקארשט ניט ארויסריידען פאר זיי אז מיין נאמען איז יוסף.

— דו מעגסט זיך פארלאזען אויף מיר, פאטער! — האט מנשה זיך אפגערופען — איך וועל שוין זעהר פארזיכטיג זיין.

די ברידער זיינען אריינגעפיהרט געווארען אין פאלאץ וואו יוסף איז געזעסען, מיט א קרוין אויף זיין קאפ...

ווען די ברידער האבען איהם דערזעהן, זיינען זיי אלע געפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד און זיך פאר איהם פארנייגט.

א לייכטער ציטער איז דורכגעגאנגען יוסף'ס קערפער ווען ער האט בעטראכט זיינע ברידער... ער האט זיי אלעמען דערקענט: אט איז ראובן, און אט איז יהודה! אט איז שמעון!... זיי האבען זיך כמעט גארנישט געענדערט... צוויי און צוואנציג יאהר זיי נישט געזעהן... אמת, ער באַ־מערקט ווי א וואלקען איז פארצויגען אויף זייערע פנים'ער. די יוגענט פרעהליכקייט איז פון זיי אינגאנצען פארשוואונדען... זייערע אויגען דריקען אויף מעלאנכאליע און אומעט...

ווען ער האט געזעהן ווי זיי זיינען אלע געפאלען מיט זייערע פנים'ער צו דער ערד און זיך פאר איהם געבוקט, האט ער זיך גענומען דערמאנען אן זיינע חלומות... יעצט זעהט ער ווי זיין ערשטער חלום, ווי זיינע ברידער'ס גארבען בוקען זיך צו זיין גארב, איז מקוים געווארען... ער האט זיך אויך גענומען דערמאנען וועגען זייער גרויסער שנאה וואס האט זיך צופלאקערט ביי זיי גלייך נאכדעם ווי ער האט זיי זיין חלום דערצעהלט... אין זיין זכרון האבען גענומען אויפלעבען אלע עראינערונגען, ווי זיינע ברידער האבען איהם בעהאנדעלט ווען ער איז צו זיי געקומען אין דותן זיי באזוכען... ער דערמאהנט זיך ווי שמעון און לוי האבען פון איהם ארונטערגעריסען דאס זיידען העמדעל... ווי די ברידער האבען איהם אין גרוב אריינגעווארפען... און נאכהער ווען זיי האבען איהם פון גרוב ארויסגעשלעפט און גענומען פארהאנדלען מיט די ישמעאלים און ווי ער האט זיך ביי זיי געבעטען מיט טרעהערען און צייערע הערצער זיינען ווי פארשטיינערט געווען... און אויב ער האט פריהער, ווען ער האט זיינע ברידער דערזעהן, גלייך געוואלט אויף זיי ארויפפאלען און קושען זיי און האלדזען זיי... איז ער אבער יעצט ביי זיך געבליבען פעסט דורכצופיהרען זיין שפאס מיט זיי, כדי זיינע ברידער זאלען אויך פיהלען עטוואס פון די ליידען וואס ער האט געפיהלט...

—ווער זייט איהר און פון וואנען זייט איהר געקומען? — האט יוסף אויסגערופען אין דער מצרישער שפראך און מנשה האט זיי גלייך איבער־געגעבען אין העברעאיש די ווערטער פון זיין פאטער.

— מיר זיינען עברים און מיר קומען פון כנען — האט ראובן געענטפערט.

— און וואָס טוט איהר דאָ, אין מיין לאַנד? — האָט יוסף ווידער געפרעגט מיט אַ שטרענגע שטימע.

— מיר זיינען דאָ געקומען צו קויפען שפּייז, ווייל אין אונזער לאַנד הערשט אַ הונגער.

— איהר זייט שפּיאָנען!! — האָט יוסף'ס שטימע אַ דונער געטאָן — איהר זייט געקומען אויסצושפּיאָנירען מיין לאַנד.

— אָ, ניין, מיין האַר! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — מיר זיינען נישט קיין שפּיאָנען! מיר זיינען עהרליכע מענשען. מיר זיינען אַלע ברידער און מיר זיינען געקומען קויפען קאָרן פאַר אונזער משפּחה אין כנען!

— יעצט בין איך זיכער, אַז איהר זייט שפּיאָנען! — האָט יוסף אויסגערופען — ווען איהר וואָלט טאַקע בלויז אַהער געקומען צו קויפען שפּייז, וואָלט איהר זיך נישט צושפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, דורכצוזוכען יעדען ווינקעל, אויסצוגעפינען די שוואַכע פּונקטען פון שטאָדט, כדי איהר זאָלט נאָכהער קומען מלחמה האַלטען מיט אונז.

— מיר זיינען אַ פרידליכע משפּחה אין כנען... מיר זוכען נישט קיינע לענדער. אונזער וואונש איז צו לעבען אין שלום מיט יעדען איינעם — האָט שמעון געזאָגט — מיר האָבען קיינמאָל נישט געפיהרט קיין מלחמות און מיר ווע‏לען זעהן עס צו פאַרמיידען ווי ווייט מעגליך אויך אין דער צוקונפט.

— מיר האָט מען איבערגעגעבען — האָט יוסף ווייטער געזאָגט — אַז יעדער פון אייך האָט נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָרשט יעדען פאַרבאָרגענעם פּלאַץ פון אונזער שטאָדט... און יעצט, אויב איהר זייט נישט געקומען אויסצושפּיאָנירען מיין לאַנד, צו וואָס דען האָט איהר מיט אַזוי פיעל נייגעריגקייט נאָכגעקוקט יעדען פּלאַץ? ניט אַנדערש, אַז איך בין גערעכט, דאָס איהר זייט שפּיאָנען!

— אָבער אונזער האַר מאַכט אַ טעות אין אונז! מיר האָבען קיינע אינטערעסען איינצונעהמען לענדער. מיר זיינען צוועלף ברידער, די זיהן פון יעקב'ן, וועלכער איז אַן אייניקעל פון אברהם דעם עברי... און נישט מיר און נישט אונזערע עלטערען זיינען קריגערישע מענשען.

— וואָרט! — האָט יוסף אויסגערופען — אין די ביכער פון מצרים זיינען פאַרשריבען וועגען אַלע שבטים און משפּחות פון כנען. דאָרטען איז פאַרצייכענט מיט וועמען יעדער שבט האָט געפיהרט מלחמות... אָט וועל איך דאָרטען נאָכקוקען און זעהן אייער פאַרגאַנגענהייט. אויב עס איז ריכטיג ווי איהר זאָגט, אַז איהר זייט פריעדליכע מענשען און איהר האָט מיט קיינעם קיינע מלחמות ניט געפיהרט...

יוסף האָט געהייסען איינעם פון זיינע דינער איהם ברענגען די ביכער.

אַלע ברידער זיינען געשטאַנען און מיט שרעק אָנגעקוקט ווי יוסף בלעטערט די ביכער, און נאָכהער האָט ער אָנגעהויבען צו לייענען הויך אויף אַ קול אין מצרית און מנשה האָט יעדען וואָרט גלייך איבערזעצט אין העברעאיש.

— די משפּחה פון יעקב — האָט יוסף אָנגעפאַנגען צו לעזען — וואָהנען

יעצט אין חברון און זיי ווערען אָנגערופען די משפחה פון די עברים... איז עס ריכטיג אז איהר וואוינט יעצט אין חברון? — האָט ער זיך געווענדעט.

— יאָ, עס איז ריכטיג! — האָט ראובן געענטפערט — אונזער פאָטער און די משפחות פון אַלע מיינע ברידער געפינען זיך אין חברון.

— מיט יאָהרען צוריק, האָט די משפחה פון יעקב געוואוינט אין שכם... איז דאָס אויך ריכטיג! — האָט ער זיי ווייטער געפרעגט.

— יע! עס איז ריכטיג! — האָט שמעון געענטפערט — דאָרטען האָט יעקב, דער פאָטער און הויפּט פון דער משפחה, אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד פון חמור'ן, וועלכער איז דאַן געוועזן דער הערשער פון שטאָדט — האָט יוסף ניט אַרונטערגענומען זיינע אויגען פון בוך.

די ברידער האָבען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ... זייער שרעק האָט זיך יעצט פערגרעסערט... יע, ווי עס ווייזט אויס איז אין די ביכער פון מצרים פערשריבען אַלעס וועגען זיי... זייערע פנים'ער זיינען בלאַס געוואָרען. זיי האָבען אָנגעשטרענגט זייערע אויגען און אויערען און זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט וואָס מנשה האָט פאַר זיי איבערזעצט.

— די זיהן פון יעקב'ן אָהן דער צושטימונג פון זייער פאָטער האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די איינוואָהנער פון שכם, און פערניכטעט די שטאָדט מיט'ן שווערד... — איז דאָס ריכטיג? — האָט ער זיך צו זיי געווענדעט.

— עס איז ריכטיג אונזער האַר, אָבער מיר זיינען דערצו געוועזן געצוואונגען... מיר האָבען בלויז פערטהיידיגט אונזער שוועסטערס כבוד...

— אָבער יעצט זעה איך אַז איהר זאָגט מיר נישט דעם אמת; בריהער האָט איהר מיר געוואָלט איינרעדען, אַז איהר האָט קיינמאָל קיין מלחמות ניט געפיהרט... איהר זייט נישט קיין קריעגערישע מענשען און יעצט זייט איהר זיך אַליין מודה, אַז איהר האָט מלחמה געהאַלטען מיט די איינוואָהנער פון שכם... מעגליך, אַז אייער פאָטער און אייערע זיידעס זיינען געוועזן מענשען פון שלום, אָבער איהר זוכט מלחמות און דאָס זייט איהר געקומען אויסצושפּיאָנירען מיין לאַנד, כדי איהר זאָלט נאָכהער קענען מלחמה האַלטען מיט אונז. אויב נישט צוליעב וואָס איז יעדער פון אייך אַוועק אין אַ באַזונדער ריכטונג?

— מיר זיינען צוועלף ברידער! — האָט ראובן אויסגערופען — און מיר זיינען אַלע עהרליכע מענשען... דער אינגסטער ברודער איז פערבליבען מיט אונזער פאָטער און איין ברודער איז אינגאַנצען נישטאָ... ער איז פאַרפאַלען געוואָרען... מיר האָבען איהם געזוכט אין יעדען לאַנד וואו מיר זיינען געוועזן און נישט געפונען און יעצט ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין מצרים, האָבען מיר זיך געטראַכט פיעלייכט וועלען מיר איהם געפינען דאָ אַלס אַ שקלאַף, און דעריבער איז יעדער פון אונז אַוועק אין אַ באַזונדער ריכטונג, טאָמער וועלען מיר איהם פאָרט געפינען.

— און וואָס וואָלט איהר געטהאָן ווען איהר געפינט אייער פערלאָרענעם ברודער אין מצרים, און ער איז דאָ אַ שקלאַף?

— דאַן וואָלטען מיר איהם אויסגעלייזט און געבראַכט צוריק צו אונזער פאָטער.

— און וואָס וואָלט איהר געטהאָן? האָט יוסף געפרעגט אויב דער האַר פון דעם שקלאַף וועט נישט וועלען איהם אָפלאָזען?

— דאַן וואָלטען מיר איהם אָנגעבאָטען אונזער גאַנצע געלט וואָס מיר האָבען מיטגעבראַכט צו קויפען תבואה — האָט ראובן געזאָגט.

— און ווי אַזוי וואָלט איהר געקאָנט קויפען תבואה פאַר אייערע משפחות אָהן געלט.

— מיר וואָלטען אַוועקגעשיקט איינעם פון אונז אין כנען צו אונזער פאָטער איהם אָנזאָגען די גליקליכע בשורה און ער וואָלט אונז געשיקט וויפיעל געלט מיר וואָלטען זיך געגוויטיגט — האָט יהודה געזאָגט.

— און וואָס וועלט איהר געטהאָן — האָט זיי יוסף ווייטער געפרעגט — ווען דער האַר פון דעם שקלאַף וויל פאַר קיין געלט אין דער וועלט נישט אָפגעבען אייך צוריק אייער ברודער?

— דאַן וואָלטען מיר אונזער ברודער פון איהם מיט געוואַלט אַוועקגענומען... יעדער פון אונז איז געגרייט אָפצוגעבען זיין לעבען פאַר אונזער פערלאָרענעם ברודער, — האָט שמעון געזאָגט.

— אויב אַזוי! — האָט יוסף אויסגערופען — בין איך געווען גערעכט, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איהר זייט שפּיאָנען. אויב מען וועט אייך נישט וועלען צוריקגעבען אייער ברודער, זייט איהר וויליג צו טהאָן צו מצרים ווי איהר האָט געטהאָן צו דער שטאָדט שכם! און יעצט גלויב איך אייך אין קיין זאַך נישט... איך גלויב נישט, אַז נאָך אַ ברודער איז פערבליבען מיט אייער פאָטער, און איך גלויב אפילו נישט די געשיכטע אַז איינער פון אייערע ברידער איז פערלאָרען געגאַנגען און דאָס האָט איהר זיך אַוועקגעלאָזט איבער מצרים איהם אויפצוזוכען... יעצט בין איך איבערציינגט אַז איהר זייט שפּיאָנען.

די ברידער האָבען געוואָרפען זייערע צאָרענדיגע בליקען אויף שמעון, וועלכער האָט זיי נאַר וואָס אריינגעפיהרט אין אַ בלאָטע און האָבען געשוויגען.

— יעצט זעה איך, אַז איהר זייט געקומען אויסצוזעהן די לאַנד מצרים, און דאָס וואָס איהר דערצעהלט, אַז איהר האָט נאָך אַ ברודער, וועלכער איז פערבליבען מיט אייער פאָטער און אַ צווייטער ברודער איז אייך פערלאָרען געגאַנגען, איז עס בלויז אַן אויסרייד כדי צו פערדעקען די אמת'ע כונה פון אייער קומען אַהער.

— אָבער מיר ווילען פערזיכערען מיין האַר, אַז מיר זיינען עהרליכע מענשען און קיין ליגען האָבען מיר נישט געזאָגט, — האָט ראובן געענטפערט — און דאָס וואָס איינער פון מיינע ברידער האָט זיך אַרויסגערעדט, אַז מיר וואָלטען געקעמפט מיט אונזערע לעבענס פאַר דער בעפרייאונג פון אונזער פערלאָרענעם ברודער, האָט ער געוויס נישט געמיינט, אַז מיר וועלען געהען מלחמה האַלטען... יע, דער פערלאָרענער ברודער איז אונז זעהר טהייער... און מיר פיהלען זיך אַביסעל שולדיג אין דעם וואָס ער איז פערלאָרען געגאַנגען, דעריבער האָט ער אַזוי גערעדט.

— דיינע ווערטער צייגען מיר נאָך אַלץ נישט איבער, אַז איהר זייט ווירקליך עהרליכע מענשען און נישט קיין שפּיאָנען. דאַמיט וועל איך אויס-

געפינען אויב אַלעם וואָס איהר האָט מיר ביז אַהער געזאָגט איז אמת, ווען אייער אינגערער ברודער וואָס איהר זאָגט איז פערבליבען מיט אייער פאָטער, זאָל קומען אַהער, דאַן וועל איך וויסען, אַז איהר האָט מיר געזאָגט דעם אמת... אויב נישט דאַן בין איך זיכער, אַזוי ווי פרעה לעבט, אַז איהר זייט שפּיאָנען, יע, זאָל איינער פון אייך געהן צוריק נאָך כנען, ער וועט קענען מיטנעהמען דערוויילע גענוג תבואה, עס זאָל קלעקען אויף אַ ווײַלע און זאָל ער זיך אומקעהרען אַהער מיט אייער אינגערען ברודער און דאַמיט וועלען אייערע רייד בעשטעטיגט ווערען און איך וועל וויסען, אַז איהר זייט עהרליכע מענשען. יעצט זאָגט מיר, ווער פון אייך וויל זיך אומקעהרען אַהיים צו ברענגען אייער אינגערען ברודער.

די ברידער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און זיי האָבען געשוויגען.

— נו, אויב קיינער פון אייך וויל זיך נישט אונטערנעהמען דאָס צו טהאָן! — האָט יוסף אויסגערופען — איז אַ סימן, אַז דאָס וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט אַ מעשה וועגען נאָך אַ ברודער, וועלכער איז פערבליבען אין דער היים מיט זיין פאָטער איז אַן אויסגעטראַכטע און יעצט פערשטאַרקט זיך מיין פערדאַכט אַז איהר זייט שפּיאָנען. יע, איהר וועט אַלע מוזען געהן אין געפענגניס ביז וואַנען איך וועל מאַכען אַ גענויערע אויספאָרשונג וועגען אייך...

יוסף האָט גלייך צוגערופען זיינע לייב וועכטער און זיי געהייסען אוועקפיהרען די ברידער אין געפענגניס...

— אייערע אייזלען און אייערע געלט וועט איהר צוריקקריגען ווי נאָר איהר וועט בעפרייט ווערען פון געפענגניס — האָט יוסף געזאָגט — אָבער איהר קענט נישט אַרומגעהן פריי ביז וואַנען איהר וועט מיר קענען איבערצייגען אייער עהרליכקייט.

— אַלע צרות קומט אונז נאָר פון דיר — האָט ראובן זיך אָפּגערופען צו שמעון, ווען זיי זיינען געבליבען אַליין — ווער האָט דיר געצוויגען פאַר'ן צונג צו זאָגען דעם וויצע קעניג, אַז אויב מען וואָלט אונז נישט געוואָלט אָפּגעבען יוסף'ן פאַר געלט, וואָלטען מיר איהם גענומען מיט געוואַלד... זעהסטו דען נישט, אַז מיר זיינען אַזוי אויך אונטער פערדאַכט... יעצט, לויט דיינע רייד קומט אויס, אַז ער איז גערעכט ווען ער בעשולדיגט אונז אין שפּיאָנערײַ...

— איך האָב זיך נישט געקענט העלפען! — האָט שמעון איהם געענטפערט —אַזוי האָב איך געפיהלט און אַזוי פיהל איך יעצט, אַז ווען איך זאָל אויסגעפינען אַז יוסף איז ערגעץ וואו אַ שקלאַף און זיין האַר ענטזאָגט זיך איהם אונז צוריקגעבען פאַר געלט, וואָלט איך געקעמפט ביז מיין לעצטען טראָפּען בלוט פאַר איהם!

—און איך וואָלט אויך געטהאָן דאָס זעלבע — האָט לוי אויסגערופען.

— מיר וואָלטען אַלע אַזוי געטהאָן! — האָט ראובן בייז אַ זאָג געטהאָן, אָבער פאַר דעם הערשער פון מצרים דאַרפען מיר אַזוי נישט ריידען... יעצט זיינען מיר אַלע פערלאָרען... ווער ווייס ווי לאַנג מיר וועלען פערבלייבען

אין געפענגנים... דערווײַלע וועט זיך אין דער היים, ענדיגען די תבואה און אונזער משפּחה וועט לײַדען הונגער, און ווער ווײס אויב אונזער פאָטער וועט קענען איבערטראָגען די זאָרג און קלעמעניש וועגען אונז... ער וועט געוויס דענקען, אַז מיט אונז האָט אַ שרעקליכער אומגליק פּאַסירט.

— אויב ער וועט אַזוי דענקען וועט עס זײַן נישט גאַנץ ווײַט פון אמת! — האָט אשר זיך אָבגערופען — אונזער אומגליק איז גענוג גרויס.. מען בעשולדיגט אונז אַז מיר זײַנען שפּיאָנען, און מען פערלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלען איהם איבערצײַיגען אַז מיר זײַנען עהרליכע מענשען, קען ווער עס איז איבערצײַיגען דעם צווייטען, אַז ער איז אַן עהרליכער מענש!

— אָבער ער פערלאַנגט דאָך פון אונז ניט קיין אומעגליכע זאַך! — האָט יהודה געזאָגט — ווען אימיצער פון אונז זאָל אײַנוויליגען צו געהן אין כנען, צו אונזער פאָטער און צוריקקומען אַהער מיט בנימין, דאַן וועט ער זיך איבערצײַיגען, אַז מיר זײַנען עהרליכע מענשען און מיר האָבען איהם קיין ליגען נישט געזאָגט...

— אויב דו דענקסט אַז דאָס איז נישט קיין אונמעגליכע זאַך, מאַכסטו אַ טעות! — האָט ראובן צו איהם געזאָגט — מיר אַלע ווײסען, ווי טהייער בנימין איז בײַם פאָטער... ער לאָזט איהם פון זיך נישט אָפּ... און נישט אַזוי גרינג וועט אימיצען פון אונז אָנקומען צו בעאײַנפלוסען דעם פאָטער דאָס ער זאָל מיטשיקען בנימין אַהער, נאָך מצרים.

— נו, וואָס דען איז אונז פערבליבען צו טהאָן! — האָט לוי געזאָגט —מיר האָבער דאָך נישט קיין אַנדער ברירה!

— און פאַר וואָס האָסטו געשוויגען, ווען דער וויצע קעניג האָט פאַר־געשלאָגען אַז אײנער פון אונז זאָל געהן נאָך כנען און ברײַנגען אונזער אינגערען ברודער, פאַר וואָס האָסטו זיך ניט אָנגעבאָטען עס צו טהאָן? — האָט דן איהם געפרעגט.

— ווײַל איך בין זיכער אַז איך אַליין וועל גאָר ניט קענען אויפטהאָן.

— לאָמיר דעם הערשער בעטען ער זאָל אַכט פון אונז פערהאַלטען און צוויי פון אונז זאָלען געהן נאָך כנען צו ברײַנגען אונזער אינגערען ברודער.

אויפ'ן דריטען טאָג ווען דער אויפזעהער פון געפענגנים איז צו זיי געקומען, האָבען זיי איהם געזאָגט:

— מיר ווילען בעטען אונזער האַר, דעם וויצע קעניג פון מצרים, ער זאָל ערלויבען צוויי פון אונז צו געהן נאָך כנען צו ברײַנגען אונזער אינ־גערען ברודער.

— גוט, איך וועל איהם איבערגעבען אײַערע ווערטער! — האָט ער גע־זאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. אַ ווײַלע שפּעטער זײַנען שוין די ברידער ווידער אַמאָל געשטאַנען פאַר דעם הערשער פון מצרים מיט געבויגענע קעפּ.

— ווי באַלד אַז איך בין נאָך אין גאַנצען ניט איבערצײַיגט אַז איהר זײַט ניט קיין עהרליכע מענשען, האָב איך בעשלאָסען אַז איך וועל אײַך אַלע־מען צוריקשיקען צו אײַער היים, אחוץ אײנעם, וועמען איך וועל פערהאַלטען אַלס משכון און איהר וועט דערווײַל קענען ברענגען גענוג שפּײַז פאַר אײַערע משפּחות, ווײַל איך האָב מורא פאַר גאָט, טאָמער זײַט איהר עהרליכע מענ־

שען, ווײַל איך האָבען בעגאַנגען אַ גרויסע זינד געגען גאָט פאַר דעם וואָס איך פעראורזאַך אייך אומזיסטע שמערצען.

די ברידער זיינע געפאַלען מיט זייערע פּנים'ער צו דער ערד און איהם בעדאַנקט פאַר זיין חסד וואָס ער טהוט מיט זיי.

— שטעלט זיך אויף און איך וועל אויסקלייבען אימיצען פון אייך, וועלכער זאָל אַרעסטירט ווערען און ווערען געהאַלטען אַלס משכון ביז וואַנען איהר וועט זיך אַלע צוריקקעהרען מיט אייער אינגסטען ברודער.

די ברידער האָבען זיך אויפגעשטעלט און יוסף האָט פון צווישען זיי אויסגעקליבען שמעון'ען.

— אָט איהם וועל איך פערהאַלטען! האָט יוסף אָנגעצייגט מיט זיין פינגער אויף איהם. ער האָט געזאָגט אַז ער וואָלט געגאַנגען קעמפען פאַר זיין פאַרלאָרענעם ברודער! יע, ער איז דער געפעהרליכסטער!

די לייב וועכטער האָבען גלייך גענומען שמעון'ען און איהם געבונדען פאַר די ברידער אין די אויגען.

מנשה, דער איבערזעצער, איז צוזאַמען מיט די לייב וועכטער אַרויס־געגאַנגען.

יוסף און אסנת זיינען פערבליבען אין דעם זעלבען צימער מיט זיינע ברידער.

— אָ, מיר זיינען אַליין שולדיג — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — מיר האָבען מיט אונזערע אויגען צוגעזעהען די ליידען פון אונזער ברודער, ווי ער האָט זי ביי אונז געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען מיר זאָלען אויף איהם רחמנות האָבען, מיר זאָלען איהם ניט פערקויפען.

— יהודה! — האָט לוי אויסגערופען, וואַרפענדיג צו איהם אַ שטרענ־גען בליק.

יהודה האָט גלייך פערשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט און ער האָט אָפּגעהאַקט אין מיטען. באַלד אָבער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— דער איבערזעצער איז דאָך דאָ ניטאָ און ער אַליין פאַרשטעהט דאָך ניט אונזער שפּראַך, מעגען מיר רעדען אונגעשטערט.

— דאָס שטראָפט אונז גאָט פאַר אונזערע זינד וואָס מיר האָבען געגען אונזער ברודער בעגאַנגען — האָט יהודה פאָרטגעזעצט — מיר האָבען קיין מאָל ניט אָפּגעשאַצט די גרויסקייט פון יוסף'ן. ער איז געווען נאָבעלער און איידעלער פאַר אונז אַלעמען. יעצט קומען מיר אָפּ פאַר אונזער גרויסען פאַרברעכען.

— אָבער, האָב איך אייך ניט געזאָגט — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — איהר זאָלט ניט זינדיגען געגען דעם קינד, אָבער איהר האָט זיך צו מיר ניט צוגעהערט און יעצט ווערט זיין בלוט געמאָהנט פון אונז!

— ווען דו האָסט אונז געזאָגט איז שוין געווען צו שפּעט! — האָט לוי געענטפערט — פון וואַנען האָבען מיר געזאָלט וויסען וואָס דו האָסט דאַן געטראָגען אין דיין הארצען? ווען דו האָסט אונז געהייסען איהם אַריינ־וואַרפען אין גרוב, האָבען מיר געמיינט אַז דו ביזט ערנסט. איך בין זיכער,

אז דו, אַלס עלטערער ברודער, האָסט אונז געקענט אָפּהאַלטען פון אַזאַ שוידערליכען טהאַט!

— ווער האָט געקענט פאַראויס זעהן אַז ישמעאלים וועלען דאַן אָנקומען און אייך וועט איינפאַלען איהם צו פערקויפען פאַר אַ קנעכט — האָט ראובן טרויעריג געזאָגט. — ווען איך האָב געזעהען אַז איהר זייט אַלע אַזוי אויפגערעגט און מלא רציחה אויף איהם, האָב איך מורא געהאַט אַז איהר וועט זיך צו מיר ניט צוהערען.

— אָבער וואָס פאַר אַ נוצען וועלען יעצט בריינגען אונזערע רייד? מיר וועלען שוין יוסף'ן צוריק לעבעדיג ניט מאַכער! — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען...

יוסף איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך פון זיינע ברידער, וועלכע האָבען געדערט וועגען איהם און האָבען גאָר קיין אַהנונג ניט געהאַט אַז ער, וועלכער שטעהט נעבען זיי, איז עס גאָר זייער ברודער יוסף. דאָס הארץ האָט איהם פערקוועטשט, ווער ער האָט געהערט די טיעפע חרטה, וואָס זיינע ברידער דריקען אויס אויף זייער טהאַט. אָט האָט ער געוואָלט אויסבדרעכען אין אַ געוויין און אויסרופען: „מיינע ליעבע ברידער, איך בין דאָס יוסף“! אָבער ער האָט זיך בעהערשט. ער איז באַלד אריין אין אַ צווייטען צימער און האָט זיך גוט אויסגעוויינט. אין אַ ווײַלע אַרום איז יוסף ווידער אריין אין צימער, וואו זיינע ברידער זיינען געשטאַנען, צוזאַמען מיט זיין זוהן מנשה'ן און ער האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— יעצט קענט איהר אַלע פאָהרען צוריק אַהיים. איהר האָט געקראָגען די תבואה פאַר דער סומע געלד וואָס איהר האָט געבראַכט. אייערע אייזלען זיינען צו אייך אומגעקעהרט געוואָרען. לאָדעט זיי אָן און פאָהרט צוריק צו אייער פאָטער און ווען איהר וועט זיך צוריקקעהרען מיט אייער איינגסטען ברודער, דאַן וועל איך וויסען אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות, און איך וועל בעפרייען אייער ברודער.

מנשה האָט זיי איבערגעגעבען זיין פאָטער'ס רייד און זיי האָבען זיך פאַרנייגט פאַר איהם און זיינען אַרויס פון צימער.

— האָסטו צוריק אַריינגעלעגט זייער געלד אין זייערע זעק? — האָט יוסף געפרעגט דעם פערקויפער פון דער תבואה.

— איך האָב געטהאָן ווי מיין האר האָט מיר געזאָגט — האָט ער געענטפערט — איך האָב אריינגעלעגט יעדען זיין בינטעל געלד צוריק אין זאַק ביי ווענען איך האָב דאָס געלד געקראָגען.

— יעצט געה אַרויס, און גיב זיי שפּייז אויפ'ן וועג ווייל זיי האָבען דאָך זעהר אַ לאַנגע שטרעקע צו געהן, — האָט איהם יוסף בעפוילען — און ווען זיי וועלען דיר פרעגען פאַרוואָס דו גיסט זיי נאָך שפּייז אומזיסט, זאָלסטו זיי ענטפערען: „אַז דער האר איז גנעדיג צו אייך ווייל ער דענקט אַז ער האָט אייך אומזיסט פעראורזאַכט ליידען“.

דער פערקויפער האָט אַזוי געטהאָן און די ברידער האָבען אָנגעלאָדען זייערע אייזלען און אַרויסגעפאָהרען פון מצרים.

מיט טרויעריגע געמיטער האָבען די ברידער פאָרטגעזעצט זייער רייזע צוריק נאָך כנען... זיי האָט שטאַרק פערדראָסען אויף זייער ברודער שמעון וועמען דער הערשער פון מצרים האָט ארעסטירט פאַר זיי אין די אויגען.

— איך ווייס נישט וואָס מיר זאָלען יעצט טהאָן? — האָט יהודה זיך אָפּגערופען צו זיינע ברידער — ווען מיר זאָלען אונזער פאָטער דערצעהלען דעם אמת וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט אין מצרים, וועגען די בייזקייט פון דעם וויצע קעניג, וועט ער מורא האָבען מיט אונז מיטצושיקען בנימין... דעריבער גלויב איך אַז מיר וועלען מוזען געפינען אַן אנדער תירוץ פאַר וואָס מיר מוזען מיט אונז מיטברענגען בנימין...

— ניין, מיין ברודער! — האָט ראובן איהם געענטפערט — דעם איינציגען ליגען וואָס מיר האָבען אונזער פאָטער געזאָגט איז געווען וועגען יוסף'ן און עס איז שוין צוויי און צוואנציג יאָהר זינט מיר האָבען איהם יענעם ליגען געזאָגט, אַז מר האָבען שטאַרק חרטה אויף דעם, און יעצט ווילסטו אַז מיר זאָלען איהם ווידער זאָגען אַ ליגען.

— אָבער מיר קענען דאָך נישט דערלאָזען אַז אונזער ברודער שמעון זאָל געהאַלטען ווערען אַ געפאַנגענער אין מצרים... ווען מיר אַלע ווייסען דאָך אַז אָהן בנימין וועלען מיר צוריק נאָך מצרים נישט טאָרען פאָהרען, און וואָס וועט זיין מיט שמעון? — האָט יהודה געזאָגט.

— דעם פאָטער וועלען מיר דאַרפען אַלעס דערצעהלען און זעהן וואָס ער וועט אונז ראָטען צו טהאָן! — האָט לוי זיך אָפּגערופען — יעצט, נאָך מעהר ווי פריהער נויטיגען מיר זיך אין אונזער פאָטער'ס ראַטה.

— זיין הארץ איז דאָך אַזוי פערביטערט! — וועט ער דען אריבערטראָגען אַזאַ שרעקליכע נייעס וואָס מיר וועלען איהם יעצט ברענגען פון מצרים? — האָט יששכר געזאָגט.

— זאָל איהם גאָט געבען קרעפטען דאָס אריבערצוטראָגען! — האָט דן אויסגערופען, — אָבער מיין הארץ זאָגט מיר אַז אַ שטורעם קומט אָן אויף אונז...

— יאָ, האָט גד צוגעגעבען — דאָס איז דער אָנפאַנג פון אונזער שטראָף וואָס גאָט בעשטראָפט אונז פאַר'ן פערקויפען אונזער אייגען בלוט און פלייש פאַר אַ שקלאַף... דער בעשעפער פון דער וועלט האָט געדולד, ער וואַרט זעהר לאַנג, אָבער אומבעשטראָפט פאַר די זינד וואָס מען בעגעהט, ווערט קיינער נישט.

— ווי עס ווייזט אויס ווייס מען אין מצרים פון אַלעס וואָס מיר האָבען געטהאָן אין כנען! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — אין די ביכער פון מצרים איז פערשריבען וועגען אַלעס וואָס מיר האָבען געטהאָן צו דער שטאָדט שכם... אָ, ווי מיין הארץ האָט מיר געשראָקען... טאָמער ווייסען זיי אויך אַז מיר האָבען פערקויפט אונזער ברודער פאַר אַ קנעכט...

— פון וואַנען קענען זיי אַזאַ זאַך וויסען, אַז מיר האָבען דאָך צוגעשוואָרען קיינעם ניט צו ענטדעקען דעם סוד! — האָט זבולון זיך אָפּגערופען.

— נו, און יוסף אַליין האָט דען ניט געקענט דערצעהלען צו די וועלכע

האָבען איהם פאַר אַ שקלאַף געקויפט, אַז ער איז קיין מאָל קיין קנעכט ניט געווען און דאָס האָבען איהם זיינע אייגענע ברידער פערקויפט פאַר צוואַנציג שקלים! — האָט ראובן געזאָגט — ווען דאָס זאָל טאַקע געווען פאַרשריבען אין די ביכער פון מצרים, וואָלטען מיר שוין אַלע געווען פאַרלאָרענע!

— און איך זאָג — האָט לוי אויסגערופען אַז דאָס וואָלט פאַר אונז געווען אַ גליק... ווען אַזאַ זאַך איז פערשריבען אין די ביכער פון מצרים, וואָלטען מיר גאַנץ גרינג געקענט דערגעהן פון וואַנען דאָס שטאַמט... מיר וואָלטען זיך פאַר'ן קעניג מודה געווען און מיר וואָלטען איהם געזאָגט, אַז מיר זיינען געגרייט אוועקצוגעבען אונזער גאַנצען פערמעגען כדי אויסצולייזען אונזער ברודער, דאַן וואָלט אונז ניט שווער אָנגעקומען צו געפינען יוסף'ן.

— און דעריבער זאָגט מיר דאָס הארץ אַז יוסף איז שוין לאַנג טויט — האָט אשר געזאָגט — אויב ניט וואָלט מען אין מצרים לאַנג געוואוסט פון אונזער סוד.

— אָבער עס איז דאָך מעגליך אַז די ישמעאלים האָבען יוסף'ן פערקויפט פאַר אַ קנעכט אין אַן אַנדער לאַנד! — האָט נפתלי געזאָגט, און דעריבער ווייסען ניט ניט די מצריים וועגען דעם.

— איהר ווייסט, מיינע ברידער, אַז די אייזלען זיינען שוין אָפּגעשוואַכט. זיי זיינען אויסגעהונגערט און דורשטיג. מיר וועלען זיך מוזען געפינען אַ פּלאַץ פאַר זיי זיך אויסצורוהען און אויך וואַסער — האָט דן געזאָגט.

— נישט ווייט פון דאַנען אין אַ דאָרף, דאָרטען, האָב איך בעמערקט, שטעלען זיך פּיעלע רייזענדע אָפּ, לאָמיר דאָרט אויך פאַרפאָהרען. מיר וועלען קריגען וואַסער פאַר אונזערע אייזלען און פאַר זיך און מאָרגען וועלען מיר אונזער רייזע פאָרטזעצען — האָט ראובן פאָרגעשלאָגען.

די ברידער האָבען צוגעשטימט דערצו און זיי האָבען זיך דאָרטען אָפּגעשטעלט איבערצונעכטיגען די נאַכט.

— די ערשטע זאַך וועט מען דאַרפען געבען די אייזלען צו עסען. זיי זיינען אָנגעלאָדען מיט שווערע משאות און זיי זיינען שוין גוט אויסגעהונגערט — האָט לוי געזאָגט און ער האָט אויפגעעפענט אַ זאַק מיט האָבער. ער האָט גענומען אַנטהיילען די אייזלען זייער עסען און ווען ער איז צוגעגאַנגען אַרויסצונעהמען נאָך עסען פון דעם זאַק, האָט ער געפונען זיין פּעקעל געלד, נישט גערירט.

לוי איז צום טויט בלאַס געוואָרען, ער האָט אַרויסגענומען דעם פּעקעל געלט און עס גלייך געוויזען זיינע ברידער.

— מיין געלט וואָס איך האָב בעצאָהלט פאַר די תבואה, איז מיר אומגעקעהרט געוואָרען און איך האָב עס יעצט געפונען אין מיין זאַק, — האָט לוי געזאָגט און זיינע הענט און פיס האָבען געציטערט פון שרעק...

—וואָס הייסט עס איז דיר אומגעקעהרט געוואָרען! — האָט יהודה אויסגערופען — דו האָסט זיכער פאַרגעסען צו בעצאָהלען, און יעצט מעהר פּעהלט אונז נישט, מען וועט אונז נאָך חושד זיין אַז מיר זיינען גנבים אויך!

— אָבער איך געדענק אַזוי קלאָהר אַז איך האָב מיין געלט איבערגע־

געבען דעם פארקויפער! — האט לוי אויסגערופען — יע, איך געדיינק ווי ער האט מיר אפגעוואויגען און ער האט מיר געזאגט אז די וואג איז ריכטיג!

— דאמיט האט זיך אונזער לאגע נאך פערערגערט, ווען זיי וועלען זיך כאפען אז דו האסט פאר דיין תבואה נישט באצאהלט, וועלען זיי אונז בע־שולדיגען אז מיר זיינען געקומען בערויבען מצרים.. ווי אזוי ביזטו עס אזוי אומפארזיכטיג לוי! — האט ראובן מיט ביטערנים געזאגט.

— עס איז אזוי מיין שולד ווי דיינער — האט איהם לוי געענטפערט —איך האב דאך דיר געזאגט אז ער האט מיין געלט בעקומען..

— יע, ער האט באקומען און דאך געפינט זיך דאס געלד ביי דיר!

—האט יהודה ווייטער געזאגט. וואס וועלען מיר איהם זאגען, ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען אין מצרים? ער וועט דאך אונז אלעמען בעשטראפען צוליעב דיר!

— נו, פיעלייכט איז דאס געמאכט געווארען א טעות! — האט לוי געזאגט — איך וועל צוריקברייינגען דאס געלט ניט געריהרטערהייט, און זיי גלייך זאגען אז איך האב עס געפונען אין מיין זאק פון די תבואה... ער וועט דאך פערשטעהן אז אויב איך וואלט אין זינען געהאט צו גנב'ענען, וואלט איך דאך עס ניט צוריק געבראכט!

— הלואי זאל ער דיר גלויבען! — האט יהודה געזאגט, אבער דאס מיינט פאר אונז א צוגעגעבענע צרה...

יעקב האט שוין אנגעפאנגען שטארק צו זארגען וועגען זיינע זיהן.

— עפעס זאמען זיי זיך צו לאנג — האט ער זיך אפגערופען צו בנימין און צו דינה'ן... לויט מיין רעכענונג האבען זיי שוין געדארפט זיך צוריק קעהרען מיט צעהן טעג פריהער...

— אבער פאטער, מען קען דאך אזוי גענוי ניט אויסרעכענען אזא לאנגע וועג — האט בנימין זיך אפגערופען, מעגליך אז עס קומט ניט אזוי גרינג איינצוקויפען אזוי פיעל תבואה.

— אבער איך ווייס אז פיעלע איינוואהנער פון חברון זיינען געפאהרען נאך מצרים איינצוקויפען תבואה און זיי האט נישט געדויערט אזוי לאנג ווי עס געדויערט מיינע זיהן...

— פארשטעהסטו מיר פאטער, ווען מיינע ברידער מאכען אזא ווייטע רייזע זעהען זיי וואהרשיינליך זיך נאכצופרעגען און אויסצופארשען וועגען יוסף'ן און וועגען מיין טאכטער אין איין וועג... אפשר וועלען זיי געפינען א שפור! — האט דינה געזאגט — און דערפאר נעהמט זיי לענגער.

— אויב זיי האפען נאך צו געפינען דיין טאכטער פארשטעה איך! — האט יעקב איהר געענטפערט, — זי איז דאך פון דיר אוועקגע'גנב'עט גע־ווארען, און עס איז גאנץ מעגליך אז זי לעבט נאך ערגיץ וואו, אבער דאס וואס דו זאגסט מיר, אז זיי געהן זיך נאכפרעגען און אויספארשען וועגען יוסף'ן, דאן רעדסטו שוין גלאט אין דער וועלט אריין! מיט צוויי און צוואנציג יאהר צוריק, האבען מיינע זיהן געפונען יוסף'ס העמדעל א פארבלוטיגטע אין פעלד, און קיינער האט דאן נישט געצווייפעלט אז יוסף איז צוריסען געווארען פון

א חיה, אז קיין ביין איז פון איהם ניט איבערגעבליבען. טאַ ווי אזוי קענען זיי גאָר טראַכטען פון אזאַ מעגליכקייט איהם אויסצוזוכען יעצט..

— אָבער זיידע, ביי גאָט איז אַלעס מעגליך! — האָט סרח אשר'ס טאָכטער זיך אריינגעמישט — האָסטו מיר דען ניט דערצעהלט פיעלע גרויסע וואונדער וואָס גאָט האָט געטהאָן מיט דיין זיידען..

— יע, מיין ליעבע אייניקעל, דו ביזט גערעכט. ביי גאָט איז אַלעס מעגליך, אָבער ווען די חיות האָבען אויפגעפרעסען מיין זוהן'ס פלייש, קען ער דאָך צוריק לעבעדיג ניט ווערען...

— אָבער עס קען דאָך געמאָלט זיין אַז יוסף האָט מיט די חיות געד קעמפט און זיי האָבען איהם בלויז צובלוטיגט און דעריבער איז זיין העמדעל געפונען געוואָרען אַ באַפלעקטע פון בלוט, און יוסף אַליין, קען זיין, לעבט גאָר און ער געפינט זיך ערגעץ וואו...

— מיין קינד! — האָט איהם יעקב געקושט — ווען דו רעדסט צו מיר אַזעלכע רייד, ווערט מיין הארץ אָנגעפיהלט אויף אַ ווײַלע מיט האָפענונגען... עפעס דוכט זיך מיר אַז יוסף לעבט נאָך און איך וועל נאָך זוכה זיין איהם צו זעהן מיט מיינע אויגען, אָבער דאָס האַלט לאַנג ניט אָן די טרויעריגע ווירקליכקייט שוועבט פאַר מיינע אויגען... איך ווייס אַז יוסף איז טויט! יע, אַ בייזע חיה האָט איהם צוריסען! שוין צוויי און צוואנציג יאָהר זינט דאָס האָט פּאַסירט, אָבער מיין וואונד איז דורך דעם פאַרלויף פון דיזער לאַנגער צייט, נישט געהיילט געוואָרען.. מיין טרויער איז נישט געמינערט געוואָרען... פאַר אַ רגע איז מיר יוסף ניט ארויס פון מיינע געדאַנקען..

— אפשר איז דאָס גופא אַ סימן אַז יוסף לעבט נאָך ערגיץ וואו! — האָט דינה ווייטער געזאָגט — ווײַלע מען זאָגט אַז אַ טויטער מוז מיט דער צייט פערגעסען ווערען, אָבער אַ לעבעדיגער ווערט קיין מאָל נישט פאַרגעסען.

— יע, מיין טאָכטער, אַזאַ זוהן ווי יוסף וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסען ווערען! — האָט יעקב געווישט זיינע אויגען. און איך ווייס ניט פאַר וואָס מיין הארץ שרעקט מיר וואָס מיינע זיהן האָבען זיך נאָך נישט צוריקגעקעהרט פון מצרים... זאָל גאָט געבען אַז קיין אומגליק זאָל ביט זיי נישט האָבען פּאַסירט!..

— דו ווייסט דאָך פאָטער ווי שטאַרק זיי זיינען און ווען זיי געהן אַלע צוזאַמען, וועט קיינער נישט וואַגען זיך מיט זיי אָנצופאַנגען! — האָט בנימין געזאָגט..

— אָט טאַקע צוליעב דעם בין איך בעזאָרגט! — האָט יעקב אויסגעד רופען. — זיי פערלאָזען זיך צופיעל אויף זייער גבורה, און זיי קענען נאָך נאָך אַמאָל אריינקריכען אין אַ צרה!

— אָט וועל איך אַרויפגעהן אויף דעם באַרג און נאָכקוקען אויב זיי קומען ניט אָן! — האָט בנימין זיך אָפּגערופען.

— אָבער זאָם זיך ניט צו לאַנג, מיין זוהן! — האָט זיך יעקב אָפּגערופען — דו ווייסט דאָך ווי אומעטיג מיר איז אָהן דיר. אויב דו וועסט נישט זעהן זאָלסטו זיך גלייך אומקעהרען אַהיים.

בנימין איז אַרויף אויף דעם באַרג און נאָכגעקוקט אין דער ריכטונג פון

דרום... ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ היבשע ווײַלע און ער האָט זיך שוין געוואָלט צוריקקעהרען, באַלד אָבער האָט ער פון דער ווייטען בעמערקט עפּעס באַוועגען זיך... פריהער איז איהם אויסגעקומען ווי אַ קליין פּינטעלע. באַלד אָבער איז דאָס גרעסער געוואָרען. בנימין האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגען און ער האָט דערזעהען אַז מענשען קומען אָן מיט זייערע אייזלען ער איז גלייך אַרונטערגעגאַנגען פון באַרג און זיי אַנטקעגען געלאָפען. יע, זיינע ברי־דער קומען אָן! ער האָט גלייך שוין געוואָלט זיך אומקעהרען און לויפען אָנזאָגען זיין פאָטער די פרעהליכע נייעס. אָבער פּלוצלונג האָט ער בעמערקט אַז בלויז ניין פון זיי קומען אָן. ווער פעהלט? יע, שמעון פעהלט...

— שלום, מיינע ברידער! — האָט בנימין האַסטיג אויסגערופען.

— שלום בנימין! — האָבען זיי געענטפערט.

— וואָס מאַכט דער פאָטער? — האָט ראובן איהם גלייך געפרעגט.

— שלום איז צו איהם!

— און וואָס מאַכען אונזערע פרויען און קינדער?! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— שלום איז צו יעדען. אָבער וואו איז שמעון? — האָט בנימין זיי געפרעגט.

— שלום איז צו איהם. מיר וועלען באַלד דעם פאָטער אַלעס דערצעהלען.

— איך וועל לויפען אַפריהער אָנזאָגען דעם פאָטער אַז איהר קומט אָן!

— האָט בנימין אויסגערופען — און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט און שנעל צוריק אַרויפגעקלעטערט דעם באַרג. אָהן אָן אָטעם איז ער געלאָפען צו דעם געצעלט פון זיין פאָטער און אויסגעשריען.

— זיי קומען אָן! זיי קומען אָן!

— דו האָסט זיי געזעהן? — האָט יעקב איהם געפרעגט.

— יע, איך האָב זיי דערזעהן פון דער צווייטער זייט באַרג...

— איז פריעדען צו אַלעמען? — האָט יעקב געפרעגט.

— פריעדען!

באַלד האָבען זיך די קינדער און פרויען פון אַלע ברידער דערוואוסט אַז זיי קומען אָן, און זיי זיינען אַלע צוזאַמען מיט יעקב'ן אַרויס זיי באַגעגענען...

— אָ, יע, איך זעה זיי שוין — האָט דינה אויסגערופען. — זיי נידערען אַרונטער פון באַרג...

— מיר דוכט זיך אַז בלויז ניין פון זיי קומען אָן — האָט תמר, יהודה'ס ווייב זיך אָפּגערופען — יע, איך זעה יהודה'ן!

— און איך זעה ראובן'ען — האָט זיין פרוי אויסגערופען. לוי קומט אָן מיט זיי! — האָט לוי'ס ווייב אויסגערופען מיט פרייד.

— וואו איז שמעון? — האָט שמעון'ס ווייב אויסגעשריען מיט שרעק ווען די ברידער זיינען צוגעקומען עטוואָס נעהענטער.

— זאָרג נישט, שלום איז צו איהם! — האָט יהודה איהר בערוהיגט.

— אָבער וואו איז ער? וואו איז שמעון, מיין מאַן, דער פאָטער פון מיינע קינדער! — האָט זי נישט אויפגעהערט צו שטורעמען.

— ווארט צו א ווײלע און מיר וועלן אלעס דערצעהלען דעם פאטער! — האט ראובן געזאגט.

אַאָ, אַן אומגליק האט מיט מיין מאן פאסירט! האט זי אנגעהויבען צו יאמערן. אַ, לוי זאג מיר וואס האט מיט שמעון׳ען פאסירט?

— מיר זאגען דאך דיר אז פריעדען איז צו איהם! — האט לוי זיך אפּ־גערופען — ווען דו וועסט האבען אביסעל געדולד, וועסטו וויסען און דו וועסט זיך בערוהיגען.

די ברידער האבען זיך דערנעהנטערט צו זייער פאטער און איהם ווארים בעגריסט.

יעקב האט זיך מיט יעדען בעזונדער געקושט און געפרעגט וואס זיי מאכען. באלד האט ער זיך גענומען ארומקוקען, ער האט געזוכט מיט זיינע אויגען און אויסגערופען מיט א צושראקענע שטימע:

— וואו איז שמעון?

— פאטער, פאטער, ער איז געזונד און קיין שלעכטעס האט מיט איהם פאסירט. יע, שלום איז צו איהם! בלויז דער הערשער פון מצרים, האט איהם פארהאלטען אלס משכון, ביז וואנען מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק אין מצרים.

— איך פערשטעה נישט וואס איהר מיינט! — האט יעקב זיי אנגעקוקט

— איהר זאגט מיר אז שלום איז צו איהם און דא זאגט איהר מיר אז דער הערשער פון מצרים האט איהם ארעסטירט. וואס? איז ער בעגאנגען א פארברעכען אין מצרים?

—ניין, פאטער, שמעון איז צופעליג פערהאלטען געווארען. די זעלבע זאך האט געקענט פאסירען צו מיר אדער צו יעדען איינעם פון אונז! — האט ראובן געזאגט. אבער לאמיר אריינגעהן אין הויז און דאן וועלען מיר דיר דערצעהלען.

די ברידער האבען איבערגעלאזען די אייזלען אנגעלאדען — און זיי זיינען מיט זייער פאטער אריין אין הויז. צוזאמען מיט זיי זיינען אויך אריין זייערע פרויען און קינדער. די גאנצע משפחה פון יעקב׳ן.

יעקב האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, נעבען איהם זיינען גע־שטאנען בנימין און דינה.

די ברידער זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהם.

— דערצעהל מיר, ראובן, וואס האט מיט אייך פאסירט אין מצרים? — האט יעקב זיך צו איהם געווענדעט.

— ווען מיר זיינען אנגעקומען אין מצרים — האט ראובן אנגעפאנגען — האבען מיר גלייך בעמערקט זעהר פיעל מענשען פון פערשידענע לענדער, וועלכע זיינען געקומען אין מצרים צו קויפען תבואה. און פיעלע פון זיי האבען מיטגעבראכט זייערע קנעכט און דינסטען... און דו ווייסט דאך, ליעבער פאטער, אז מיר האבען נאך קיין מאל נישט אויפגעגעבען די האפנונג צו געפינען אונזער פארלארענעם ברודער יוסף׳ן. האבען מיר אלע ביי זיך אפגעמאכט, אז מיר זאלען נישט געהן קויפען די תבואה צוזאמען, נאר יעדער זאל געהן אין א באזונדער פלאץ, און אין דער זעלבער צייט זיך גוט ארומ־

קוקען פּיעלייכט וועט אימיצער פון אונז דערזעהן יוסף׳ן. מיר האָבען אַזוי געטהאָן. יעדער פון אונז איז אַוועק אין אַן אַנדער גאַס, מיר האָבען גענז־מען נאָכפאָרשען און אויסקוקען יעדען ווינקעל. פּלוצלונג האָט מען אונז אַלעמען אַרעסטירט און נאָמען פון צפנת פענח, וועלכער איז דער משנה למלך אין מצרים. ווען מיר זיינען פאַר׳ן הערשער געבראַכט געוואָרען האָט ער אונז בעשולדיגט אַז מיר זיינען שפּיאָנען און אַז מיר זיינען געקומען אויס־שפּיאָנירען דאָס לאַנד מצרים, כדי מיר זאָלען נאָכהער קענען קומען און מלחמה האַלטען מיט מצרים. מיר האָבען איהם געגומען פערזיכערען אַז מיר זיינען עהרליכע לייט, און מיר זיינען געקומען בלויז צו קויפען תבואה צו שטילען דעם הונגער פון אונזערע משפחות. „מיר קומען פון כנען" — האָבען מיר איהם געזאָגט. — מיר זיינען אַלע ברידער, די זיהן פון איין פאָטער.

— אויב אַזוי — האָט ער אונז געפרעגט — טו פאַרוואָס איז יעדער פון אייך אַוועק אין אַ באַזונדער טהייל פון שטאָדט. און לויט ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען האָט איהר אויסגעקוקט און בעטראַכט יעדען פּלאַץ פון שטאָדט.

— האָט איהר איהם געדאַרפט דערצעהלען דעם אמת׳ן צוועק פון אייער זוכען — האָט יעקב זיך אָפּגערופען צו זיינע זיהן.

— מיר האָבען איהם טאַקע דערצעהלט דעם אמת — האָט ראובן פאַרט־געזעצט. — מיר האָבען איהם דערצעהלט אַז מיר זיינען צוועלף ברידער און אַז איינער איז אַוועק פון אונז און עס איז שוין צוויי און צוואַנציג יאָהר אַז מיר ווייסען ניט ווו ער איז אהינגעקומען, און מיר האָבען זיך אַרומ־געלאָזען איבער מצרים איהם זוכען, פּיעלייכט וועלען מיר איהם דערזעהן אַלס קנעכט און דאַן וועלען מיר איהם אויסלייזען.

— און וואו איז דער צוועלפטער ברודער אייערער האָט ער אונז גע־פרעגט.

—האָבען מיר איהם געזאָגט אַז אונזער אינגסטער ברודער איז פערבליבען אין דער היים מיט אונזער פאָטער.

— האָט ער אייך שוין געגלויבט אַז איהר זייט ניט קיין שפּיאָנען.

— ניין ! ער האָט אונז געהאַלטען אין בעשולדיגען אַז מיר זיינען גע־קומען אויסצוזעהען דאָס לאַנד. ער האָט אונז געגומען שטעלען פערשידענע פראַגען וועגען אונזער פערלאָרענעם ברודער. וואָס וועט זיין אַז דער האר פון אייער ברודער וועט איהם ניט וועלען אָפּגעבען צו אייך פאַר געלט ? — האָט ער אונז געפרעגט. האָבען מיר איהם געענטפערט אַז מיר זיינען גרייט אָפּצוגעבען אונזער גאַנצען פערמעגען פאַר אונזער ברודער.

— און וואָס וועט איהר טהאָן אַז דער מאַן וועט אייער ברודער נישט וועלען אָפּגעבען פאַר קיין געלט אין דער וועלט, וועט איהר דען פון איהם אוועקנעהמען אייער ברודער מיט געוואַלד ?

— מיר וועלען קעמפען פאַר אונזער ברודער ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט — האָט איהם שמעון געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט צפנת פענח געזאָגט — זעה איך שוין אַז איהר זייט טאַקע שפּיאָנען און איהר האָט בדעה צו קומען מלחמה האַלטען מיט

אונז. דאַן האָט ער אונז אַלעמען אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטען דריי טעג אין געפענגנים. נאָכהער זיינען מיר ווידער געבראַכט געוואָרען פאַר דעם הער־שער און ער האָט אונז געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער איז דאָך פאָרט ניט זיכער אויב מיר זיינען טאַקע נישט קיין ערליכע לייט, וועלען מיר מוזען אונזערע רייד בעשטעטיגען... מיר האָבען איהם געזאָגט אַז אין דער היים האָבען מיר נאָך אַ ברודער, אַן אינגערען פון אונז, איז אויב מיר וועלען יענעם ברודער מיטבריינגען דעם צווייטען מאָל ווען מיר וועלען קומען אין מצרים, וועט ער דאַן זעהן אַז מיר זיינען ערליכע לייט. ווען אָבער מיר וועלען קומען אָהן אונזער אינגערען ברודער, דאַן וועט ער וויסען אַז מיר האָבען איהם גענאַרט, און אַז מיר זיינען טאַקע שפּיאָנען. דעריבער האָט ער צו אונז געזאָגט.

— פאָהרט איהר אַלע צוריק צו אייער פאָטער אין דער היים. איך וועל בלויז פאַרהאַלטען איינעם פון אייך אַלס משכון. ער האָט בעפוילען און מען האָט שמעון'ען געבונדען פאַר אונזערע אויגען און מען האָט איהם אריינ־געזעצט אין געפענגנים, איהם דאָרט צו האַלטען ביז וואַנען מיר וועלען זיך צוריק קעהרען אין מצרים מיט בנימין.

— פאַר וואָס עפּעס האָט ער אויסגעקליבען מיין שמעון — האָט שמעון'ס ווייב אויסגעבראָכען אין אַ יאָמערליכען געוויין.

— ווען ער וואָלט מיר גענומען אַלס משכון — האָט יהודה זיך אָפּגע־רופען — וואָלט מיין פרוי געפרעגט די זעלבע פראַגע. אַזוי האָט פאַסירט אַז ער האָט אויסגעקליבען פון אונז דוקא שמעון.

— איך גלויב אַז ער האָט אויסגעקליבען שמעון'ען ווייל שמעון האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געקעמפט ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט פאַר יוסף'ן.

— אָה גאָט פון מיין פאָטער! — פאַר וואָס שטראָפסטו מיר אַזוי!

— האָט יעקב אויסגערופען — נאָך אַ זוהן האָט מען פון מיר צוגענומען! שמעון איז שוין אויך ניטאָ!

— אָבער פאָטער! — האָט לוי זיך אָפּגערופען — קיין שלעכטעס וועט צו שמעון'ען נישט געטהאָן ווערען. ווי נאָך מיר וועלען ברייגען בנימין'ען אין מצרים און איבערצייגען דעם הערשער אַז מיר זיינען ערליכע מענשען, וועט ער גלייך בעפרייען שמעון'ען, און דאַן וועלען מיר זיך אַלע אומקעהרען בשלום אהיים!

— אָבער איך וועל בנימינ'ען מיט אייך נישט שיקען! — האָט יעקב אויסגערופען.

די ברידער זיינען געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערטע.

שמעון'ס ווייב איז צוגעלאָפען און געפאַלען יעקב'ן צו זיינע פיס.

— אָה, איך בעט דיר שיק בנימין מיט זיי און זאָל ער מיין מאַן בעפרייען...

— נו, עס איז נאָך פאַראַן צייט. איך וועל זיך נאָך בעטראַכטען וועגען דעם — האָט יעקב אויסגערופען. און דו, מיין שנור, דאַרפסט ניט זיין אַזוי צושראָקען און אויפגערעגט. גאָט וועט העלפען און שמעון וועט צו דיר

צוריק קומען — האָט יעקב איהר געטרייסט... דערווייל זאָל מען גרייטען די טישען, ווייל זיי מוזען דאָך אַלע זיין אויסגעהונגערט.

דינה און די איבעריגע פרויען האָבען גענומען גרייטען די טישען און די ברידער זיינען אַרוים אין דרויסען אויסצולאָדען די אייזלען.

זיי האָבען גלייך אַרונטערגענומען די זעק מיט די תבואה און האָבען גענומען זיי אויסליידיגען אין די שפייכלערס.

— אַה, זעהט! — האָט נפתלי אויסגערופען, מיין געלט איז אויך צוריק־געקעהרט געוואָרען צו מיר! מיין גאַנצע געלט!

— וואָס? — האָבען איהם די ברידער אָנגעקוקט — דיין געלט אויך?..

זיי האָבען שנעל גענומען אויסליידיגען זייערע זעק און יעדער פון זיי האָט געפונען זיין פעקעל געלט נישט געריהרט.

— איך געדענק אַזוי קלאָר, אַז איך האָב מיין פעקעל געלט איבערגעגעבען דעם פערקויפער — האָט יהודה אויסגערופען.

— און איך אויך! — האָט ראובן געזאָגט.

— איך געדיינק אויך אַז איך האָב איהם איבערגעגעבען דאָס געלט — האָט נפתלי געזאָגט.

אַ טויט שרעק איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלען... יעדער האָט געזעהן אין דעם אַ צייכען אַז זייערע צרות וועט זיך נישט ענדיגען מיט דעם ברענגען בנימין צו דעם הערשער פון מצרים.

— דאָס האָט מען מיט אַ כיון צו אונז אַזוי געטהאָן, כדי מען זאָל אויף אונז ווייטער קענען מאַכען אַ בלבול אַז מיר זיינען נישט קיין עהרליכע מענ־שען — האָט יהודה געזאָגט.

— יע, פריהער האָט ער אונז אָנגערופען שפּיאָנען און ווען מיר וועלען נאָכאַמאָל אָנקומען אין מצרים וועט ער אונז בעשולדיגען אַז מיר זיינען גנבים..

— ווען איך האָב געפונען מיין געלט אין מיין זאַק, האָט איהר אַלע גע־מיינט אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות און מיין געלט נישט איבערגעגעבען — האָט לוי געזאָגט — וואָס וועט איהר יעצט זאָגען?

— מיר וועלען זאָגען אַז אונזער לאַגע איז אַ טרויעריגע ווען מיר זאָלען זיך נישט אומקעהרען אין מצרים און צוריקברענגען דאָס געלט, וועט מען געוויס זאָגען, אַז מיר האָבען בע׳גנב׳עט מצרים... און שמעון וועט שוין דאַרפען פערבלייבען אין מצרים פאַר אַ קנעכט אויף אייביג..

— מיר וועלען אין מצרים זיך נישט טאָרען בעווייזען אָהן בנימין׳ען — האָט יהודה אויסגערופען — און ווי עס ווייזט אויס וועט אונז אָנקומען גאַנץ שווער צו פועל׳ן ביים פאָטער ער זאָל צושטימען דאָס בנימין זאָל מיט אונז מיטפאָהרען...

— נו, אויב ער וועט איהם נישט לאָזען מיטפאָהרען מיט אונז, דאַן וועלען מיר אַלע בלייבען אין דער היים — האָט לוי זיך אָפּגערופען...

— לאָמיר דערווייל דערפון נישט ריידען מיט׳ן פאָטער, עס וועט זיין בעסער פאַר אונז ווען מיר וועלען אַריבערוואַרטען עטליכע טעג, ביז וואַנען ער וועט עטוואָס בערוהיגען זיך און דאַן וועלען מיר פּילייכט ביי איהם פועל׳ן — האָט דן געזאָגט.

— מיר טאָרען קיין זאַך פון אונזער פאָטער נישט פערבאָרגען — האָט ראובן זיך אָפּגערופען.

— לאָמיר לכל הפחות צוואוואַרטען ביז נאָכ׳ן עסען! — האָט אשר געזאָגט — מיר זיינען דאָך אַלע אזוי הונגעריג צו וואָס זאָלען מיר שטערען אונזער מאָלצייט.

— מעהר ווי דיר אשר קען יעצט נישט ליגען אין זינען צו עסען — האָט זבולון צו איהם געזאָגט.

— נו, גוט מיט קענען צוואוואַרטען ביז נאָכ׳ן עסען — האָט ראובן איינגעשטימט.

זיי האָבען זיך געזעצט עסען. אַן אָנגעצויגענע שטילקייט האָט געהערשט אין הויז, וואָס איז פון צייט צו צייט איבערגעבראָכען געוואָרען פון שמעון׳ס ווייב׳ס כליפּען.

יעקב האָט די גאַנצע צייט פון מאָלצייט אויך גאָרנישט גערעדט; ער האָט צו יעדער רגע אָנגעווענדעט זיינע אויגען צו בנימין, וועלכער איז געזעסען נעבען איהם. און האָט ביי זיך בעשלאָסען אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, וועט ער זיין בעליעבטען זוהן נישט אָפּלאָזען פון זיך.

נאָכ׳ן עסען, האָבען זיך אַלע ברידער אויפגעהויבען פון פּלאַץ. יעדער האָט זיך געפיהלט אזוי דערשלאָגען און שולדיג אין דעם גאַנצען אומגליק וואָס זיי האָט געטראָפען, אַז עס איז זיי שווער געווען צו ברענגען די טרויעריגע נייעס וועגען די געפונענע געלט.

יעצט מיינע זיהן! — האָט יעקב זיך צו זיין אָפּגערופען — געהט און רוהט זיך אוים יעדער אין זיין געצעלט — איהר זייט דאָך געוויס מיעד פון וועג.

די ברידער זיינען געבליבען שטעהן אויף זייערע פּלעצער און זיך נישט גערירט פון אָרט.

יעקב האָט בעטראַכט זייערע פנים׳ער און ער האָט דערקענט אַז זיי האָבען איהם נאָך עפּעס צו זאָגען.

— ווי איך פערשטעה האָט איהר מיר נאָך אַלעס נישט דערצעהלט — האָט יעקב זיך צו זיי אָפּגערופען — איך בין געגרייט צו הערען אַלעס!

— וואָס?! — האָט שמעון׳ס פרוי אויפגעשפּרונגען פון איהר פּלאַץ

— איהר האָט נישט דערצעהלט דעם גאַנצען אמת פון מיין מאַן! ער איז טויט?! אה!

— בערוהיג זיך! — האָט ראובן צו איהר געזאָגט — האָבען מיר דען דיר נישט פערזיכערט, אַז קיין שלעכטעס איז איהם נישט בעפאַלען... ער איז בלויז פערהאַלטען געוואָרען אַלס משכון ביז וואַנען מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען מיט בנימין׳ען... ניין, אַן אַנדער צרה האָט זיך אויף אונז אָנגערוקט — האָט ער זיך געווענדעט צום פאָטער — ווען מיר האָבען פריהער גענומען אויסליידיגען די תבואה פון אונזערע זעק אין שפּייכלער, האָט יעדער פון אונז געפונען זיין גאַנצע געלט אין זיין זאַק... גאָרנישט איז געמינערט געוואָרען פון דעם וואָג!

— וואָס מיינט איהר?! — האָט יעקב זיי אָנגעקוקט מיט פערוואונ־

דערונג. — האָט איהר דען נישט בעצאָהלט פאַר די תבואה וואָס איהר האָט געקופט?

— יעדער פון אונז געדענקט דייטליך אז ער האָט דעם פערקויפער איי־בערגעגעבען זיין געלט. און דאָך האָבען מיר געפונען אונזער געלט צוריק — האָט יהודה טרויעריג געזאָגט — וואָס וועט בען דאָרט יעצט זאָגען ווען מען וועט אויסגעפינען אז מיר האָבען פאַר אונזער תבואה נישט בעצאָהלט.

— די איינציגע זאַך וואָס איהר וועט קענען טהאָן מיינע זיהן! — האָט יעקב געזאָגט — איז צו ברענגען אייער געלט צוריק ווען איהר וועט פאָהרען אהין צום צווייטען מאָל!

— אָבער אָהן בנימין ווילען מיר נישט פאָהרען נאָך מצרים נאָך אמאָל! — האָט ראובן אויסגערופען.

— ניין, ניין! אָהן בנימין ריהרען מיר זיך נישט פון אָרט! — האָבען די איבעריגע ברידער צוגעגעבען.

— איך וועל אָבער בנימין מיט אייך נישט מיטשיקען — האָט יעקב געזאָגט — איך האָב איין ברודער איינמאָל געשיקט צו אייך און ער האָ זיך שוין מעהר צו מיר נישט אובגעקעהרט און יעצט ווען איך וועל איהם אויך שיקען מיט אייך קען נאָך פּאסירען מיט איהם אן אומגליק. און דאו וואָס וועט מיין גאַנצער לעבען זיין ווערטה.

— אָבער דו קענסט דאָך נישט ערוואַרטען פאָטער, אז מיר זאָלען געהן קיין מצרים נאָכדעם ווי מיר האָבען דעם קעניג פערשפּראָכען מיטצוברענגען אונזער אינגערען ברודער... ווי אזוי ווילען מיר גאַר קענען אָנקוקען זיין פנים אָהן בנימין — האָט יהודה געזאָגט.

— און געוויס ווילען מיר נישט קענען צוריקקריגען אונזער ברודער שמעון אויב מיר ווילען אזוי האַנדלען! — האָט לוי געזאָגט — ער וועט יעצט מיט רעכט קענען זאָגען אז מיר זיינען נישט קיין עהרליכע לייט!

— יע, ער וועט זאָגען אז מיר האָבען איהם אין גאַנצען גענאַרט.

— איך האָב א פּלאַן! — האָט זיך דינה אָפּגערופען — אזוי ווי דער הערשער פון מצרים, ווייס דאָך נישט ווי אזוי בנימין קוקט אויס, קענט איהר דאָך מיטנעהמען אימיצען אַנדערש און איהם זאָגען, אז ער איז דאָס אייער אינגערער ברודער.

— און וואָס וועט זיין אז ער וועט אויסגעפינען אז מיר נאַרען איהם אָפּ, דאַן ווילען מיר דאָך אַלע זיין פערלאָרען! — האָט ראובן איהר געענטפערט.

— אָבער ווי אזוי וועט ער דאָס אויסגעפינען — האָט דינה געזאָגט — ער וועט אייך זיכער גלויבען.

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען, מיין שוועסטער! — האָט יהודה זיך צו איהר אָפּגערופען — אָבער דו רעדסט ווערטער וואָס האָבען נישט קיין זינען! שטעל זיך פאָר ווען מיר ברענגען פאַר דעם הערשער אימיציען אַנדערש אנשטאט בנימין, און ער פיהרט איהם אריין צו שמעון און פרעגט איהם אויב ער ווייס ווער דאָס איז און שמעון זאָגט איהם אז נישט. דאַן ווילען מיר דאָך ערגער מאַכען... דער ליגען וועט דאָך אזוי בולט אַרויסקומען!

— וועגען דיזער מעגליכקייט, האָב איך זיך נישט פערטראַכט — האָט

דינה זיך אָפּגערופען מיט פערצווייפלונג.. יעצט זעה איך, אַז עס איז טאַקע קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ!

— ווען איהר וועט קומען און ברענגען אייער געלט וואָס איהר האָט געפונען אין אייערע זעק צוריק, און דערצעהלען דעם הערשער פון מצרים, אַז אייער אַלטער פּאָטער איז שטאַרק צוגעבונדען צו אייער אינגסטען ברודער, און אַז ער קען איהם פון זיך נישט אוועקלאָזען וועט ער אייך פערשטעהן און ער וועט אייך גלויבען...

— אָ פּאָטער ווען דו וואָלסט געהערט מיט וואָס פּאַר אַ שטרענגע שטימע ער האָט אונז אַלעמען בעשולדיגט, אַז מיר זיינען שפּיאָנען, וואָלסו זיך זיכער ניט איינגערעדט אַז ער וועט אונז פערשטעהן! — האָט לוי געזאָגט. דער איינציגער וועג צו ראַטעווען שמעון איז צו ברענגען בנימין פּאַר איהם און איהם איבערצייגען אַז אַלעס וואָס מיר האָבען איהם געזאָגט איז געווען אמת!

— אָ גאָט! — האָט יעקב אויסגערופען — ווען וועט דען נעהמען אַ סוף צו מיינע צרות... פון מיין פריהצייטיגען יוגענד ביז דער יעצטיגער צייט האָב איך נאָך פון קיין גליקליכע יאָהרען ניט געוואוסט. פריהער פון מיין אייגענעם ברודער עשו.. איך בין געווען געצוואונגען צו ענטלויפען פון מיין פאָטער'ס הויז... און דערצו האָט נאָך זיין זוהן אליפז פון מיר אוועקגענומען די גאַנצע רייכטום וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך גענומען.. דערנאָך מיינע צרות אין חרן מיט לבן, ווען ער האָט מיר אָפּגענאַרט, און מיר פעשקלאַפּט פערצעהן יאָהר פּאַר זיינע צוויי טעכטער.. צוזאַמען האָב איך צוואַנציג יאָהר געדינט פּאַר לבן, האָב איך דען דאַן געוואוסט פון ריכטיגען גליק... בייטאָג בין איך פון דער זון פערברענט געוואָרען און ביינאַכט, בין איך פון קעלט פערפרוירען געוואָרען... און ווען איך בין פון חרן אוועק און זיך בעזעצט אין שכם. איך האָב געמיינט, אַז ערשט דאָרט וועל איך קענען קומען צו זיך.. איז דאַן אויף מיר געקומען דער אומגליק מיט דינה'ן.. איך בין געווען געצוואונגען צו לויפען פון דאָרטען, מיט מיין קראַנקע ליעבע פרוי רחל'ען... און אויפ'ן וועג איז זי, די יונגע שעהנע בלום פון מיר אוועקגעריסען געוואָרען.. אָ וועה פון אייך, מיינע קינדער קען פערשטעהן וויפיעל יסורים איך האָב דורכגעמאַכט, ווען איך האָב מיט מיינע הענט געגראָבען אַ קבר פּאַר רחל'ען אין אפרת... איך בין גרוי און אַלט געוואָרען פון צרות.. און ווען גאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָב זיך בעזעצט מיט מיין משפחה אין חברון נעבען מיינע עלטערען און געמיינט האָב איך, אַז יעצט וועל איך שוין קענען געניסען פון דעם בעכער פון גליק... ווייל יוסף, דער ערשטער זוהן פון מיין ליעבער רחל'ן, איז געוואָקסען ווי אַ בלום.. און איך האָב איהם אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט. איך בין געווען גליקליך צו זעהן ווי שעהן ער ענטוויקעלט זיך, ווי ער טרעט נישט אָפּ פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג, רעכטס אָדער לינקס... יעצט האָב איך געטראַכט וועל איך שוין זיצען רוהיג, און געפינען אַ טרייסט אין אייך, מיינע קינדער, צו אַלע מיינע צרות... איז צו מיר פּלוצלונג אַרויפגעשפּרונגען דער שוידערליכער אומגליק פון יוסף'ן... אַ פרישען, אַ געזונטען האָב איך איהם פון זיך אוועקגעשיקט, ער זאָל געהן זעהן וואָס איהר מאַכט, און צוריק האָט איהר מיר געבראַכט זיין צוריסענע העמדעל אַ צובלוטיגטע...

א טרויעריגע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. יעקב איז צוגעגאַנגען און אויפגעעפענט אַ קליין קעסטעלע און אַרויסגענומען דאָס זיידען העמדעל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו יוסף'ן און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער פאַרטגעזעצט:

— אָט דאָס, מיינע קינדער, איז מיר פערבליבען פון מיין ליבען זוהן יוסף'ן... דאָס פערבלוטיגטע העמדעל.. בעפלעקט פון זיין ריינע אומשולדיגעס בלוט....

די שטילקייט איז געוואָרען אָנגעצויגענער..... יעדערער פון די ברידער האָט זיך געזוכט צו בעהערשען נישט אַרויסצוברעכען אין אַ געוויין.. זייערע הערצער זיינען שטאַרק געריהרט געוואָרען פון די רייד פון זייער אַלטען אומ־גליקליכען פאָטער...

דינה האָט זיך אָבער מעהר נישט געקענט בעהערשען און אויסגעבראָכען אין אַ געוויין... נאָך איהר האָט זיך בנימין גענומען פאַנאַנדערוויינען, און גלייך האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער כליפּען פון די איבעריגע ברידער... יע־דער האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.. עס איז אויסגעקומען אַז אָט ערשט, האָבען זיי געבראַכט דאָס העמדעל צו זייער פאָטער, די אַלטע וואונד איז אָפגעפרישט געוואָרען...

יעקב איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, האַלטענדיג אין זיינע הענט, דאָס איינציגע געדעכנים וואָס איהם איז פערבליבען פון זיין ליעב־סטען זוהן...

צוויי און צוואַנציג יאָהר זיינען פאַראיבער זינט מיין אומגליקליכער זוהן איז צוריסען געוואָרען פון חיות... דורך דער גאַנצער צייט, האָב איך פון קיין איינציגע גליקליכע רגע נישט געוואוסט.. שטענדיג איז דער גע־שטאַלט פון יוסף'ן געשטאַנען פאַר מיינע אויגען... און ווען איך פלעג אַ קוק טהאָן אויף בנימין און זעהן אין איהם די גרויסע עהנליכקייט צו זיין ברודער, פלעג איך זיך דאַמיט אַליין עטוואָס בערוהיגען, און יעצט מיינע קינדער, ווילט איהר פון מיר אָוועקנעהמען אויך אָט דעם! מיין לעצטער שטראַל פון האָפענונג... און ווען חלילה מיט איהם זאָל עפּעס פּאַסירען, דאַן וועל איך דאָס זיכער נישט אַריבערטראָגען.

די ברידער זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ און מיט טרעהרען אין די אויגען און האָבען קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט... איינציגוויז זיינען זיי זיך צוגאַנגען יעדער אין זיין געצעלט.

איין טאָג האָט יעקב אַריינגערופען בנימין צו זיך און ער האָט מיט איהם פערבראַכט דעם גאַנצען אָווענד... ער האָט איהם דערצעהלט וועגען יוסף'ן, וועגען זיין קינדהייט און וועגען זיין מוטער רחל..

—דו ווילסט מיטגעהן מיט דיינע ברידער נאָך מצרים ? — האָט יעקב איהם געפרעגט.

— דיין פערלאַנג און וואונש וועל איך טהאָן פאָטער אויב דו וועסט מיר שיקען וועל איך געוויס מיטגעהן, און אויב דאָס איז געווען דיין ווילען, וועל איך פערבלייבען אין דער היים.

— מיין זוהן, איך האָב נאָך נישט בעשלאָסען — האָט יעקב טרויעריג

געזאָגט — ווי איך זעה זיינען דיינע ברידער איינגע'עקשנ'ט און וועלען אָהן דיר נישט געהן מעהר קויפען קיין תבואה אין מצרים... מעגליך אַז זיי זיינען גערעכט; זיי זאָגען מיר אַז ווען זיי וועלען קומען אָהן דיר אין מצרים, וועט דער הערשער זיי אַלעמען אַרעסטירען און וועלען זיי נישט נאָר נישט האָבען די מעגליכקייט צו בעפרייען שמעון, אָבער זיי וועלען אַליין זיין געצוואונגען צו פערבלייבען אין געפענגנים פון מצרים... דאָך אָבער גלויב איך אַז ווען זיי וואָלטען געוואָלט וואָלטען זיי שוין געקענט געפינען אַ תירוץ פאַר'ן נישט קענען ברייגגען זייער אינגערען ברודער. דער משנה למלך האָט וואהרשיינליך אויך אַ פאָטער, און ער וועט קענען פערשטעהן זייערע געפיהלען נישט וועלען צו פערשאַפען זייער פאָטער קיין שמערצען...

— אָבער פאָטער — האָט בנימין געזאָגט — ווען מיינע ברידער וואָלטען געוואוסט אַז עס איז פאַראַן אַ מעגליכקייט דאָסס זיי קענען קומען אָהן מיר, וואָלטען זיי דאָך עס געוויס געטהאָן.

— דיינע ברידער, מיין זוהן שטעלען זיך נאָך פאָר די זאַך שרעקליכער ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט... נאָך אַלעמען, דאַרפען זיי דאָך פערשטעהן אַז דער משנה למלך אין מצרים איז נישט אַזוי פעראינטערעסירט דאָס זיי זאָלען דיר בריינגען אין מצרים, ווי אין דעם, אַז זיי זיינען עהרליכע לייט, און נישט קיין שפּיאָנען... נו, דאָס גלויב איך וועלען זיי קענען איהם איבער־ציינגען אָהן דיר אויך!

איינינע וואָכען זיינען פאַראיבער... די שפּייז האָט אָנגעפאַנגען צו ווערען ווינציגער.. אין די פעלדער האָט קיין תבואה נישט געוואָקסען... אַלעס איז געוועזען פּוסט ווי אין לעצטען יאָהר...

יעקב האָט פּרובירט נאָך אַמאָל ריידען צו זיינע זיהן, אַז זיי זאָלען פאָהרען נאָך מצרים צו קויפען נאָך תבואה.

— אויב דו וועסט שיקען אונזער ברודער בנימין מיט אונז וועלען מיר געהן, און אויב נישט, געהען מיר נישט! ווייל דער מאַן אין מצרים האָט אונז אָנגעזאָגט, מיר זאָלען נישט זעהן זיין פּנים, סיידען אונזער קלענערער ברודער וועט זיין מיט אונז! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— פאַרוואָס האָט איהר צו מיר געטהאָן אַזוי פיעל שלעכטעס און דער־צעהלט דעם הערשער פון מצרים אַז איהר האָט נאָר אַ ברודער! וואָס איז דער אונטערשיעד צו איהם וויפיעל ברידער איהר זייט. האָט ער דען געוואָלט טהאָן אַ שידוך מיט מיין משפחה...

— אָבער מיר האָבען דאָך דיר שוין געזאָגט, פאָטער ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, דורך דער צייט פון געשפּרעך האָבען מיר איהם געדאַרפט אַלעס דערצעהלען, האָבען מיר דען געזאָלט וויסען אַז איהם וועט זיך פערגלוסטען אַז מיר זאָלען אַרונטערבריינגען אין מצרים אונזער אינגערען ברודער?!

— דאָך גלויב איך, אַז דעם משנה למלך פון מצרים פּעראינטערעסירט נישט אַזוי שטאַרק אייער ברודער, ווי צו וויסען דאָס איהר זייט עהרליכע לייט... ווען איהר וועט איהם אומקעהרען דאָס געלד וואָס איהר האָט געפונען אין אייערע זעק, וועט ער דאָך שוין זעהן אַז איהר זייט עהרליכע לייט.. ון איך בין זיכער אַז ווען איהר וועט צו איהם צוגעהן און דערצעהלען וועגען

דעם גרויסען אומגליק וואס האט געטראפען צו יוסף'ן און ווי אזוי איך ציטער פאר בנימין עס זאל מיט איהם אויך קיין אומגליק נישט פאסירען ווי מיט זיין ברודער, וועט ער זיכער פערשטעהן און וועט נישט זיין אזוי פער'עקשנ'ט..

— ווען דו וואלסט הערען, פאטער ווי שטריינג ער האט צו אונז גערעדט, וואלסטו געוואוסט אז ער וועט נישט זיין אזוי נאכגעביג ווי דו מיינסט...

— האט ראובן געזאגט — ער וועט נאך אויף אונז מעהר אין בעס ווערען און ווער וויס וואס ער קען נאך טהאן צו אונז.

— ווייסט איהר וואס? — האט יעקב זיך אפגערופען — זאלען דערווייל פאהרען העלפט פון אייך אין מצרים, און פרובירען ריידען מיט איהם, און אויב דער הערשער וועט נור באשטעהן אויף דעם, אז בנימין זאל קומען, דאן וועל איך איהם שיקען מיט די איבעריגע ברידער, וואס קען דאס שאדען, דערווייל קענט איהר פרובירען...

— ניין! מיר געהען, אדער אלע צוזאמען אער מיר בלייבען אלע אין דער היים! — האט לוי אויסגערופען — אונזער ברודער שמעון איז דערווייל ארעסטירט און וואס לענגער מיר פערציהען דאס אלץ ערגער ווערט פאר אונז אלעמען.

— פאטער! — האט ראובן זיך אפגערופען גיב מיר בנימין אין מיינע הענד און אויב איך וועל איהם נישט צוריקברייננגען צו דיר, דאן זאלסטו טיוטען צוויי פון מיינע זיהן.

— אה, דו רעדסט נארישקייטען, מיין זוהן — האט יעקב איהם געענטפערט.

— אויב אזוי שיק בנימין מיט מיר! — האט יהודה זיך אפגערופען — איך בין ערב פאר איהם, פון מיין האנד וועסטו איהם פאדערען, אויב איך וועל דיר איהם נישט צוריקברענגען וועל איך פערעכענט ווערען פאר א זינדיגער געגען דיר מיין גאנצען לעבען. יע, פאטער שיק איהם מיט, מיר וועלען אלע געהן און קויפען תבואה, און מיר וועלען נישט דארפען שטארבען פון הונגער, מיט אונזערע קינדער און פרויען... ווען מיר וואלטען זיך נישט פערזאמט דא וואלטען מיר שוין געקענט זיין צוויי מאל הין און צוריק פון מצרים.

— איך זעה שוין מיינע זיהן אז איהר וועט אויספיהרען, — האט יעקב געזאגט — דעריבער וואלט איך אייך געראטען אויך מיטצונעהמען א מתנה פון דאנען פאר דעם האר פון מצרים, איך וועל אויסקלייבען אזעלכע זאכען וואס עס איז שווער צו געפינען אין מצרים; פערשיעדענע געווירצען און נים און מאנדלען און איהר וועט דאס איבערגעגעבען דעם הערשער פון מצרים... דערצו זאלט איהר אויך מיטנעהמען טאפעלטע געלד, דאס געלד וואס איז צו אייך אומגעקעהרט געווארען און נאך געלד פאר די תבואה וואס איהר וועט קויפען און זאל גאט געבען, אז דער מאן זאל זיין גנעדיג צו אייך און ער זאל בעפרייען שמעון און ער זאל חלילה קיין שלעכטעס נישט וועלען טהאן צו שמעון... יע, נעהמט בנימין'ען און געהט, און איך, אויב עס איז מיר ווייטער בעשערט דורכצומאכען אן אומגליק, וועל איך דאס אננעהמען אז איך האב פערדינט פון גאט בעשטראפט צו ווערען...

אין יעקב׳ס הויז איז שנעל געווארען א באוועגונג. מען האט זיך גע־נומען גרייטען צו דער רייזע... מעהר פון אלעמען האט זיך געפרעהט שמעון׳ס פרוי.. זי איז געווען זיכער אז יעצט ווען בנימין וועט מיטפאהרען, וועט דער הערשער בעפרייען איהר מאן.. זי האט געהאלפען בנימין׳ס פרוי צוצוגרייטען זיינע זאכען, און דעם זעלבען טאג האבען די ברידער ווידער אפגערייזט צוזאמען מיט בנימין׳ען נאך מצרים.

.38

דער בעכער

שמעון איז אָפּגעזעסען דעם גאַנצען טאָג אין געפענגניס. ער איז געווען זעהר פערטרויערט... זיינע ברידער האָבען שוין פערלאָזען מצרים, און ער איז דאָ אַרעסטירט געוואָרען. אַ שטאַרקע בענקעניס האָט איהם אַרומגענומען... אה, ווי ער וואָלט יעצט געוואָלט זיין אין דער היים, צוזאַמען מיט זיין פאָטער און זיין פרוי און קינדער... ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט נעהמען זיינע ברידער זיך צוריקצוקעהרען קיין מצרים און מיטברייננגען בנימין... אָבער וואָס וועט זיין אז דער פאָטער וועט בנימין נישט וועלען מיטשיקען נאָך מצרים, דאַן איז ער דאָך אַ פערלאָרענער... אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען זיין קערפּער.. ווען ער האָט בעטראַכט דעם פינסטערען קאַמער אין וועלכען ער געפינט זיך פריהער, ווען ער איז געזעסען אין געפענגניס צוזאַמען מיט זיינע ברידער, האָט עס אויף אַזוי שלעכט נישט געווירקט... ער זעהט יעצט אז גאָט שטראָפט איהם פאַר די גרויזאַמקייט וואָס ער איז בעגאַנגען געגען זיין אומשולדיגען ברודער יוסף...

מען האָט איהם געבראַכט עסען, אָבער שמעון האָט זיך צו דעם עסען נישט צוגעריהרט, כאָטש ער האָט נאָך דעם גאַנצען טאָג נישט געגעסען.

אַ היבשע וויילע איז ער אַזוי געזעסען פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען און פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט ווי אימיצער האָט איהם אָנגעריהרט.

שמעון איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען ווען ער האָט לעבען זיך דערזעהן מנשה׳ן.

— שמעון! — האָט מנשה זיך צו איהם אָפּגערופען. מיין פאָטער האָט מיר געשיקט איך זאָל דיר איינלאַדען צו עסען מיט אונז אָבענד ברויט...

שמעון׳ס פערוואונדערונג איז נאָך גרעסער געוואָרען, ער איז גע־בליבען שטעהן בעוועגלאָז אויף זיין פּלאַץ.

— מיין פאָטער האָט געזאָגט! — האָט מנשה פאָרטגעזעצט — אז כל זמן די שולד פון אַ מאַן איז ניט בעוויזען געוואָרען דאַרף ער פערדעבענט ווערען פאַר עהרליך, און אַזוי ווי מען איז נאָך ניט זיכער אז דו און דיינע ברידער זיינען שפּיאָנען, דעריבער האָט ער בעשלאָסען, דיך צו בעפרייען פון געפענגניס, ביז וואַנען דיינע ברידער וועלען זיך אומקעהרען מיט זייע־רער אינסטען ברודער.

מנשה האָט געהייסען דעם וועכטער אָפּצובינדען שמעון׳ען, און ער איז מיט איהם אַריין אין יוסף׳ס פּאַלאַץ.

— דו וועסט זיך קענען געפינען אין דיזען צימער די גאנצע צייט, דו וועסט אויך קענען ארויסגעהן אין גארטען, אבער דו זאלסט זיך היטען ניט צו געהן איבער די גאסען פון מצרים — האט מנשה איהם געזאגט — יעצט קענסטו זיך ארומוואשען און אומבייטען דיינע קליידער, ווייל מיט אונז וועסטו עסען אבענד ברויט.

מנשה איז ארויסגעגאנגען און שמעון האט בעטראכט דעם שעהנעם צימער ,און אלעס איז צו איהם געווען א רעטעניש.

— נאך אלעמען האט ער זיך געטראכט — איז דער הערשער פון מצרים גאר ניט אזא שלעכטער מאן. ער האט דאך געהאט א רעכט זיי חושד צו זיין אז זיי זיינען שפיאנען, בפרט נאכדעם ווי זיי האבען זיך גלייך זייער אנקומען צושפרייט איבער גאנץ מצרים.

א דיענער איז באלד אנגעקומען און איהם געבראכט קליידער.

שמעון האט זיך ארומגעוואשען און איבערגעטהאן און אין א ווייל'ע ארום, האט מען איהם אריינגערופען צו עסען אבענד ברויט.

שמעון איז געזעסען ביים גרויסען טיש. ער האט געהערט ווי דער הערשער רעדט צו זיין פרוי און קינדער אין מיצרישער שפראך. ער האט פערשטאנען אז זיי ריידען דאס פון איהם און זיינע ברידער.

נאכ'ן עסען, ווען יוסף איז ארויס פון צימער, איז אסנת צוגעגאנגען צו שמעון'ען צוזאמען מיט איהרע צוויי קינדער, און זי האט איהם גענומען פרעגען פארשיעדענע פראגען פון דעם לעבען אין כנען. מנשה איז געווען דער איבערזעצער.

— איך האב געהערט זעהר פיעל פון די איינוואהנער פון כנען! — האט אסנת זיך אפגערופען — איך האב אויך געהערט א סך פון דער משפחה פון די עברים, און יעצט אז איך האב אויסגעפונען אז דו ביזט פון דער זעלבער משפחה, וואלט איך וועלען הערען וואס דו קענסט מיר דערצעהלען פון דיין פאטער'ס משפחה... זאג מיר, האסטו אחוץ דיינע ברידער, אויך שוועסטער?..

— איין שוועסטער, מיין הארינטע! — האט שמעון געענטפערט.

— צעוועלף ברידער און איין שוועסטער! — האט אסנת געזאגט — דו און דיינע ברידער האבען וואהרשיינליך זעהר ליעב די איינציגע שוועסטער? ?

— זי איז אונז טהייערער ווי אונזערע אייגענע לעבענס! — האט שמעון איהר געענטפערט — און דאס וואס דער וויצע קעניג האט געלעזען פון דעם בוך וועגען אונזער קאמף מיט די מענעשן פון שכם, איז דאס געווען ווייל דער זוהן פון דעם הערשער פון שכם האט בעליידיגט אונזער שוועס־טער. יע, איך און מיין ברודער לוי האבען גענומען נקמה פאר אונזער שוועסטער.

— און ווי הייסט דיין שוועסטער? — האט איהם אסנת געפרעגט.

— איהר נאמען איז דינה! — האט שמעון געענטפערט.

— זי האט געמוזט זעהר שעהן זיין! — האט אסנת געזאגט — אז דער הערשער פון שטאדט האט זיך אין איהר פארליעבט.

— זי איז געווען זעהר שעהן און איז נאך אפילו יעצט א זעלטענע שעהנהייט! — האט שמעון אויסגערופען מיט שטאלץ.

— האט זי געהייראט און האט קינדער? — האט אסנת ווייטער געפרעגט.

— מיין שוועסטער האט דורכגעמאכט זעהר פיעל! — האט שמעון מיט טרעהרען אין די אויגען געענטפערט. זי האט געבארען א טאכטער פון שכם דעם זוהן פון חמור. וואונדער שעהן און ליעבליך איז דאס קינד געווען, ווי א מלאך! מיר אלע האבען איהר ליעב געהאט. און ביי דינה'ן איז זי געווען טהייערער פון אלץ אין דער וועלט. זי האט פון איהר ניט אפגעטראטען אויף א רגע. זי איז געווען דאס איינציגע גליק אין איהר לעבען... און איין מאל, ווען די קליינע נעמה, אזוי האט געהייסען מיין שוועסטער'ס טאכטער, האט זיך רוהיג געשפיעלט אין דרויסען מיט בנימין, אונזער קליינעם ברודער האט מען איהר אוועקגע'גנב'עט... זי איז נאך דאן קיין פולע פינף יאהר ניט אלט געווען.. און זינט דאן איז שוין עטליבע און צוואנציג יאהר פאראיבער און מיר האבען פון איהר קיין שפור ניט געקראגען... מיר וויסען ניט אויב זי לעבט גאר.. זינט זי האט איהר קינד פארלוירען, האט מיין שוועסטער ניט אויפגעהערט צו טרויערען... מיר האבען געזוכט אין יעדען ווינקעל פון לאנד אבער אומזיסט... יעצט האבען מיר שוין אלע פארלארען אונזער האפנונג, ווען עס איז נעמה'ן צו טרעפען, ווייל אפילו אויב זי לעבט וואלטען מיר איהר קיין מאל ניט געקענט דערקאנען.. מיין שוועסטער איז פארבליבען זיצען אין דער היים מיט'ן פאטער, זי האט קיין מאל ניט געהייראטה.

— איז דען געווען אימיצער אויף וועמען דער חשד זאל פאלען? — האט אסנת איהם געפרעגט.

— ניין! אין חברון האבען מיר קיינע שונאים ניט געהאט און דער־ריבער איז טאקע געווען א גרויס וואונדער צו אונז ווי אזוי דאס האט פאסירט.

— אבער דו האסט דאך מיר דערצעהלט אז דו און דיין ברודער האבען זיך נוקם געווען אין די איינוואהנער פון שכם, פיעלייכט האט איינער פון שכם, וועלכער האט אויף אייך געטראגען א שנאה זינט דאן, עס געטהאן?

שמעון האט איהר אנגעקוקט פארוואונדערט:

— מיין הארינטע איז גערעכט! — האט ער אויסגערופען — דאס איז אונז קיינמאל ניט איינגעפאלען... מעגליך אז מיר וואלטען גלייך געגאנגען זוכען אין שכם, וואלטען מיר איהר זיכער דארט געפונען, אבער באלד נאך דיעזען אונגליק האט אונז נאך א גרעסערער אונגליק געטראפען... אונזערער א ברודער איז פלוצלונג פערשוואונדען געווארען. מיר האבען געפונען א פארבלוטיגט העמדעל אויפ'ן וועג און עס געבראכט צו אונזער פאטער, וועלכער האט עס גלייך דערקענט אלס דאס העמדעל פון זיין בעליעבסטען זוהן יוסף... זינט דאן האט אונזער הויז קיין פרעהליכקייט ניט געהאט.. מיין פאטער האט ניט אויפגעהערט צו טרויערען און צו קלאגען איבער דעם

פערלוסט פון זיין זוהן און מיר, זיינע ברידער, האָבען נאָך אַלץ געהאָפט אַז ער לעבט נאָך ערגעץ וואו, און אין וועלכער לאַנד מיר זיינען געקומען, זיינען מיר געגאַנגען איהם זוכען... און אויך דאָ, אין מצרים, האָבען מיר אַזוי געטהאָן, ווי נאָר מען האָט אונז אריינגעלאָזען אין לאַנד האָבען מיר זיך צושפּרייט איבער'ן שטאָדט צו זוכען אונזער ברודער, אָבער דאָ האָט מען אונז גלייך חושד געווען אַז מיר זיינען שפּיאָנען און מען האָט אונז ארעסטירט!

— דו דאַרפסט ניט בעשולדיגען מיין מאַן — האָט אסנת געזאָגט — אַלס וויצע קעניג פון מצרים, ליגט די זיכערקייט פון לאַנד אין זיינע הענט. און אַזוי ווי מצרים לעבט דורך זעהר אַן אומרוגע צייט... פּיעלע שונאים האָבען שוין פון לאַנג געפּלאַנעוועט מלחמה צו האַלטען מיט אונז, איז דעריבער דער הערשער פון מצרים זעהר פאָרזיכטיג, ווען פרעמדע קומען אריין אין לאַנד... און ווען ער קריגט דעם מינדעסטען פערדאַכט, איז ער דאָך בערעכטיגט צו האַנדלען אַזוי ווי ער האָט געהאַנדעלט מיט דיר און דיינע ברידער. ווען ער וועט זיך איבערצייגען אַז איהר זייט עהרליכע לייט, וועט ער אייך פאַרגיטיגען פאַר אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען...

אסנת'עס רייד האָבען שמעון'ען פרעהליכער געמאַכט; ער האָט גע־קראָגען מעהר מוטה, און געהאָפט אַז ער וועט בלויז אָפּקומען מיט שרעק. נאָך אַלעמען זעהט ער דאָך אַז דער הערשער און זיין פרוי זיינען דאָך גוט־הערציגע מענשען און זייערע כונות זיינען ניט קיין שלעכטע.

אַזוי זיינען פאַרלאָפען טעג און וואָכען... שמעון האָט זיך געפיהלט גאַנץ היימליך אין דעם פּאַלאַץ פון דעם משנה למלך... ער האָט אָבער דאָך מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון זיינע ברידער מיט בנימין. ער האָט זיך גוט בעפריינדעט מיט מנשה'ן און פלעגט איהם דער־צעהלען פון פיעלע פּאַסירונגען וואָס האָט מיט איהם און זיינע ברידער געטראָפען אין כנען.

איין מאָל האָט זיך שמעון אָפּגערופען צו מנשה'ן.

— דיין פאָטער האָט מיט מיר די גאַנצע צייט געטהאָן בלויז גוטעס, איך האָף, אַז ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז זיין חשד אַז איך בין אַ שפּיאָן איז אין גאַנצען גרונדלאָז... און דעריבער וואָלט איך וועלען דו זאָלסט מיט מיר טהאָן אַ געפעליגקייט. זעה צו פועל'ן ביי דיין פאָטער, ער זאָל מיר ערלויבען אַרויסצוגעהן אין די גאַסען פון שטאָדט. איך וועל דאָרטען זוכען מיין פאַרלאָרענעם ברודער, מעגליך אַז איך וועל איהם געפינען.

— וואַרט צו אַ ווייל אין גאָרטען! האָט מנשה צו איהם זיך אָפּגע־רופען — און איך וועל מיין פאָטער איבערגעבען דיינע רייד.

מנשה איז אַריין צו זיין פאָטער און שמעון איז געבליעבען וואַרטען. באַלד האָט מנשה צוריק געקעהרט און האָט צו איהם געזאָגט:

—מיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז כאָטש ער האַלט דיר פאַר אַן עהרלי־כען מאַן,, אָבער דאָך דאַרף עס נאָך בעשטעטיגט ווערען, ווען דיינע ברידער וועלען זיך צוריקקעהרען קיין מצרים מיט זייער איינגסטען ברודער. ערשט דאַן וועט ער זיין זיכער אַז איהר זייט אַלעהרליכע לייט!

שמעון איז געוואָרען אביסעל ענטוישט. ער האָט זיך געטראַכט, לויט די פיינע באהאַנדלונג וואָס ער גריגט אין דעם הערשער'ס פּאַלאַץ, וועט זיכער זיין פּערלאַנג ערפילט ווערען. און יעצט האָט ער מיט נאָך מעהר אומגעדולד געוואַרט אויף זיינע ברידער. און ווען ער האָט געזעהען אז זיי זאַמען זיך צו לאַנג, איז ער שטאַרק בעזאָרגט געוואָרען... ער האָט זיך ווידער גענומען שרעקען פיעלייכט וועט דער פאָטער נישט וועלען מיטשיקען בנימין.

אָבער איין מאָל ווען ער איז געזעסען אליין אין גאָרטען פערטיעפט מיט זיינע געדאַנקען, איז מנשה צו איהם צוגעלאָפען און מיט אַ פרעהליכער שטימע אויסגערופען:

— דיינע ברידער קומען אָן!

שמעון איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ. ער איז געוועזען אַזוי איבער־ראַשט פון די פרעהליכע נייעס. אז ער האָט פאַרגעסען, דאָס איהם איז פאַר־באָטען אַרויסצוגעהן אין דרויסען. ער האָט גענומען שטעלען שנעלע טריט צו די טויערען פון גאָרטען, ווען אָבער די וועכטער האָבען איהם פאַרשטעלט דעם וועג מיט זייערע שפּיעזען, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיין פּלאַץ און געפרעגט מנשה'ן:

— זיינען זיי געקומען מיט דעם איינגסטען ברודער?

— איך ווייס ניט! — האָט מנשה איהם געענטפערט — ווען איך בין געוועזען ביי מיין פאָטער אין צימער, איז אָנגעקומען אַ שליח און איבערגע־געבען מיין פאָטער אז די זיהן פון יעקב'ן זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען אין מצרים און ער האָט איהם געפרעגט וואָס צו טהאָן מיט זיי. איך האָב געהערט ווי מיין פאָטער האָט זיי גלייך געהייסען ברייגנען צו אונז.

— איך בעט דיר, מנשה, ווען מיינע ברידער וועלען אָנקומען, זאָלסטו זעהן אויב זיי זיינען געקומען צוזאַמען מיט אונזער איינגסטען ברודער, און מיר גלייך קומען אָנזאָגען — האָט שמעון איהם געבעטען.

מנשה האָט איהם פערשפּראָכען און איז גלייך אַריין אין הויז.

גליקליך האָבען זיך די ברידער געפיהלט ווען זיי האָבען דערגרייכט די טהויערען פון מצרים. בנימין איז מיט זיי... דער האַר פון מצרים וועט יעצט איינזעהען אז זיי זיינען עהרליכע לייט, ער וועט בעפרייען שמעון און וועט זיי זיכער ערלויבען צו געהן זוכען זייער פערלאָרענעם ברודער איבער'ן גאַנצען לאַנד.

— אַ, ווי גליקליך וואָלט אונזער פאָטער געווען ווען מיר קעהרען זיך אום צוזאַמען מיט אונזער פערלאָרענעם ברודער יוסף'ן — האָט יהודה אויס־גערופען.

— אָבער איך פערשטעה נישט! — האָט בנימין זיי געפרעגט — פאַר וואָס זאָלט איהר גאָר טראַכטען פון אַזאַ אונמעגליכקייט! וועט ער דען צוריק לעבעדיג ווערען?... איהר ווייסט דאָך אַלע אז מיין ברודער יוסף איז צוריסען געוואָרען פון אַ ווילדע חיה. עס וואָלט שוין געווען גלייכער ווען מיר וועלען געהן זוכען דינ'ס טאָכטער... פאַר איהר איז דאָך פאַראַן אַ האָפנונג אָבער נישט פאַר יוסף'ן...

די ברידער האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקען און געשוויגען. אַ זוי יעדער פון זיי האָט זיך יעצט געוואונשען צו זיין אַזוי אומשולדיג ווי בנימין. ער ווייסט ניט וואָס זיינע ברידער האָבן צו יוסף'ן געטהאָן. ער איז דער איינציגער פון זיי אַלעמען וועלכער גלויבט אַז יוסף איז צוריסען געוואָרען פון אַ חיה...

— מיר ריידען אַזוי ווי מיר וואָלטען געווען זיכער אַז אונזערע צרות האָבען זיך געענדיגט — האָט לוי זיך אָפּגערופען — מיר פאַרגעסען אַז מיר האָבען געפונען דאָס געלט וואָס מיר האָבען בעצאָהלט פאַר אונזערע תבואה אין אונזערע זעק. און יעצט וועט ער דאָך קענען אויף אונז מאַכען אַ נייעם בלבול, אַז מיר זיינען גנבים!

— מיר וועלען מאַכען אַ סימן! — האָט ראובן געזאָגט. — אויב דער משנה למלך וועט שיקען נאָך בנימין, ער זאָל צו איהם קומען אַליין, איז דאָס אַ סימן אַז ער האָט נישט בדעה צומאַכען אויף אונז אַ בלבול. אָבער אויב ער וועט פערלאַנגען אַז מיר זאָלען אַלע צו איהם גלייך קומען, איז עס אַ צייכען, אַז ער זוכט אַרויפצוואַרפען אויף אונז די שולד פון גנבה..

— ווען דאָס זאָל אַזוי פּאַסירען, דאַן וועט אונזער לאַגע זיין נאָך אַ ערגערע ווי צום ערשטען מאָל — האָט יהודה געזאָגט — ווי אַזוי וועלען מיר איהם קענען איבערצייגען אַז מיר זיינען ניט קיין גנבים?!

— מיר וועלען איהם צייגען אַז מיר האָבען געבראַכט טאָפּעלטע געלט צו בעצאָהלען פאַר די פריהערדיגע תבואה און פאַר די תבואה וואָס מיר וועלען יעצט קויפען האָט אשר געזאָגט.

— דאָס וואָלט געווען גוט, ווען ער זוכט זיך נישט צו טשעפּען צו אונז — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען — אָבער ווען ער וועט וועלען מאַכען אויף אונז אַ בלבול, וועט ער עס יעצט גאַנץ גרינג קענען טהאָן!

— די בעסטע זאַך וועט זיין, ווען מיר זאָלען גלייך זאָגען דעם מאַן וועלכער וועט אונז אַריינפיהרען אין דעם הויז פון דעם הערשער, אַז מיר האָבען אומגעקעהרט דאָס געלד! — האָט זבולון געראַטען. אפשר וועט ער איינזעהען אַז דאָ איז געמאַכט געוואָרען אַ טעות.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין מצרים און זייערע נעמען זיינען פער־שריבען געוואָרען, האָט מען זיי געהייסען וואַרטען ביז וואַנען מען וועט קריגען דעם הערשער'ס בעפעהל וואָס מיט זיי צו טהאָן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אַ רייטער אויף אַ פערד איז אָנגעקומען לויפענדיג שנעל ווי אַ פייל אוים דעם בויגען און זיך אָפּגערופען:

— דער וויצע קעניג פון מצרים, בעפעהלט גלייך צו ברייגנען אַלע ברי־דער צו איהם אין הויז!

אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַלען אויף זיי אַלעמען, זיי האָבען איהם דער־קענט אַלס דער וועלכער האָט זיי די תבואה פערקויפט, זייערע הערצער האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען, יעדער האָט גלייך אַרויסגענומען זיין פּעקעל געלד און עס געהאַלטען אָנגעגרייט אין האַנט צוזאַמען מיט די מתנות וואָס זייער פּאָטער האָט מיטגעשיקט פאַר'ן הערשער און איבערלאָזענדיג זייערע אייזלען

אין דרויסען האָט דער פערקויפער זיי אריינגעפיהרט אין הויז פון דעם משנה למלך.

— איהר ווארט דאָ צו אַ ווײַלע און איך וועל געהן מעלדען מיין האר אז איהר זייט דאָ! — האָט דער פערקויפער פון די תבואה זיך צו זיי אָפּ־גערופען.

— אָ, איך בעט דיר מיין האר! — איז ראובן צו איהם צוגעגאַנגען — איידער דו געהסט אריין צו דעם הערשער וואָלטען מיר געוואָלט מיט דיר עפּעס ריידען.

— גוט, איך בין געגרייט צו הערען — האָט ער זיי געענטפערט.

— מיין האר געדענקט דאָך אונז געווים פון דעם ערשטען מאָל ווען מיר האָבען פון דיר די תבואה געקויפט — האָט ראובן ווייטער געזאָגט — יעדער פון אונז האָט געקראָגען זיין תבואה און יעדער פון אונז געדענקט אז ער האָט מיין האר בעצאָהלט דאָס געלד פאר דעם.

— יע, איך געדעק דייטליך אז איך האָב אייער געלד בעקומען — האָט דער פערקויפער געזאָגט.

— אָבער מיין האר — האָט לוי זיך אָפּגערופען, ווען מיר זיינען שוין געווען אָפּגערייזט מעהר ווי העלפט וועג פון מצרים, און מיר האָבען אויפגע־עפענט אונזערע זעק, האָט יעדער פון אונז געפונען זיין געלט אין זיין זאַק, דאָס גאַנצע געלט, נישט גערירהט, און יעצט האָבען מיר עס צוריקגעבראַכט און אָט האָבען מיר עס אין אונזערע הענט.

— און מיר האָבען אויך געבראַכט אַנדערע געלט צו קויפען פרישע תבואה — האָט יהודה צוגעגעבען.

— איך בין זיכער אז איך האָב אייער געלט בעקומען! — האָט דער פערקויפער זיך אָפּגערופען — אָט וועט איהר זיך באַלד איבערצייגען, דאָ געפינען זיך די ביכער וואו עס איז פערשריבען די אַלע געלדער וואָס זיינען אריינגעקומען צו אונז פון פרעמדע לענדער.

ער איז צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען אַ דיקען בוך און איהם גענומען בלעטערן, נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל:

— פרידען צו אייך, מיינע פריינד, איהר האָט גאָר נישט וואָס מורא צו האָבען, אייער געלט האָב איך בעקומען. דאָ איז אַלעס פערשריבען!

— אָבער עה... האָט ראובן אויפגעהויבען דעם פּעקעל געלט וואָס איז געווען אין זיין האַנט.

— מעגליך אז אייער גאָט און דער גאָט פון אייערע עלטערען האָט אייך בעגליקט און געמאַכט אז איהר זאָלט געפינען אַן אוצר אין אייערע זעק, אָבער אייער געלט פאר די תבואה האָב איך בעקומען און איהר האָט נישט וואָס מורא צו האָבען, אויב איהר ווילט דאָ צוּוואַרטען אַ ווײַלע וועל איך אייער ברודער אַרויסברייננגען צו אייך.

די ברידער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען, זיי האָבען גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס און געשוויגען.

באַלד האָט דער פערקויפער אַרויסגעבראַכט שמעון׳ען צו זיי און אַליין איז ער אריין מעלדען יוסף׳ן.

די ברידער האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט ווען זיי האָבען דערזעהען זייער ברודער, יעדער האָט זיך מיט איהם צוקושט.

—אָה, שמעון! — האָט איהם לוי געהאַלזט — זאָג אונז איז דיר קיין בייזעס נישט געטהאָן געוואָרען?

—ניין, מיינע ברידער איך בין אַפילו נישט געזעסען אין געפענגניס. דער הערשער האָט מיר זעהר פיין בעהאַנדעלט. איך בין אַפילו געווען איינגעלאַדען צו עסען מיט זיין משפחה אויף איין טיש. איך האָב זיך געפיהלט דאָ ווי אין דער היים! די איינציגע זאַך וואָס מיר איז דאָ פערבאָטען געוואָרען צו טהאָן, איז אַרויסצוגעהן אין גאַס. איך האָב זיך געקענט געפינען אין פּאַלאַץ, אין הויף און אין גאַרטען אָבער אַרויסצוגעהן ווייטער האָב איך נישט געטאָרט! אָבער זאָגט מיר, מיינע ברידער, וואָס מאַכט דער פאָטער, און מיין פרוי און מיינע קינדער, וואָס מאַכען?

— שלום איז צו זיי אַלעמען — האָט ראובן איהם געענטפערט און איידער זיי האָבען צייט געהאַט איהם צו דערצעהלען וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, איז יוסף אַריינגעקומען מיט מנשה'ן אין צימער.

די ברידער האָבען זיך פערנייגט, זיי האָבען זיך צו איהם געבוקט.

— שלום, מיינע פריינד! — האָט יוסף זיך צו זיי אָפּגערופען — וואָס מאַכט אייער אַלטער פאָטער, וועגען וועמען איהר האָט מיר געזאָגט, לעבט ער נאָך?

— יע, מיין האַר, ער לעבט! און פריערען איז צו איהם — האָט יהודה געזאָגט און זיך נאָך אַמאָל פערנייגט פאַר איהם.

— און דער איז דאָס געווים אייער אינגערער ברודער! — האָט ער אָנגעצייגט מיט זיין פינגער אויף בנימין'ען.

— יע, דאָס איז ער! — האָט ראובן אויסגערופען מיט שטאָלץ — ער איז ביי דעם פאָטער טייערער ווי זיין אייגען לעבען!

— קום אַהער איך וויל דיר גוט בעטראַכטען! — האָט יוסף זיך צו איהם אָפּגערופען.

בנימין האָט זיך דערנעהנטערט און יוסף האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף בנימין'ס פּלייצע און זיך אָפּגערופען:

— דו קוקסט אויס צו זיין אַ בראַווער יונג, זאָל גאָט זיין גנעדיג צו דיר, מיין זוהן!

אַ גליקליכע פרייד האָט דורכגענומען אַלע ברידער, ווען זיי האָבען געהערט ווי וויכהערציג דער הערשער פון מצרים רעדט צו זיי. אָבער יוסף האָט קוים געקענט בעהערשען זיינע טרעהרען, ער האָט געפיהלט אַז ווען ער וועט שטעהן מיט זיי בלויז נאָך איין רגע, וועט ער אויסברעכען אין אַ גרויס געוויין. ער האָט זיי איבערגעלאָזען מיט מנשה'ן און אַליין איז ער שנעל אַריין אין דעם צימער וואו אסנת איז געווען און ער האָט גלייך אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין....

אסנת האָט מיט איהם מיטגעוויינט. זי האָט אויך געוואָלט מיט איהם אַריינגעהן אין יענעם צימער וואו איהרע פעטערס זיינען געווען, אָבער יוסף האָט איהר געזאָגט אַז דערווייל זאָל זי זיך נישט ווייזען פאַר זיי.

— אָבער מיין ליבער יוסף! — האָט אסנת זיך צו איהם אָפּגערופען — איך גלויב אַז דיינע ברידער האָבען שוין גענוג געליטען און זיי זיינען שוין אָפּגעקומען פאַר זייער פערברעכען וואָס זיי זיינען בעגאַנגען געגען דיר. פאַרוואָס זאָלסטו עס נאָך ווייטער אַזוי ציהען, בפרט אַז דיר איז דאָך אַזוי שווער זיך צו בעהערשען! זאָג זיי שוין ווער דו ביזט!...

— אָה, ניין, מיין טייערע אסנת — האָט איהר יוסף אַ קוש געטהאָן. זיי זיינען נאָך נישט אָפּגעקומען גענוג פאַר דעם גרויסען זינד וואָס זיי זיי־נען בעגאַנגען געגען גאָט און געגען מיין פאָטער. איך וועל זעהן אַז זיי זאָלען נאָך אביסעל ליידען כדי זיי זאָלען דאַמיט אָפּקומען און גאָט זאָל זיי שוין מעהר נישט שטראָפען! עס וועט שוין גאַנג נישט נעהמען, בלויז נאָך אַ פּאָר טעג.

יוסף האָט זיך אָרומגעוואַשען, און איז ווידער אַרויס צו זיינע ברידער.

— איהר וועט אַלע מיט מיר היינט עסען מיטאָג! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

די ברידער האָבען איהם בעדאַנקט און זיי האָבען איהם צוגעטראָגען די מתנות וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין זייערע הענט.

— דאָס האָט אונזער פאָטער, יעקב, געשיקט אונזער האר אַ מתנה — האָט ראובן געזאָגט.

יוסף האָט פון זיי גענומען די מתנות און מיט אַ שמייכעל זיי אַלעמען בעדאַנקט.

באַלד איז אַריינגעקומען דער אויפזעהער פון יוסף'ס הויז און האָט זיי אַריינגעפיהרט אין אַ צווייטען צימער, ער האָט זיי געגעבען וואַסער און זיי האָבען זיך אָרומגעוואַשען.

— וועגען אייערע אייזלען האָט איהר נישט וואָס צו זאָרגען — האָט ער זיך צו זיי אָפּגערופען, — מען האָט זיי אַריינגעשטעלט אין שטאַהל און איך האָב זיי שוין בעזאָרגט מיט שפייז און וואַסער.

די צייט פון מיטאָג עסען איז געקומען, און די ברידער זיינען אַריינגע־פיהרט געוואָרען אין אַ גרויסען פּראַכטפולען זאַאַל, אַ בעזונדער טיש איז געווען געגרייט פאַר זיי. אַרום אַ צווייטען טיש זיינען געזעסען יוסף'ס בעאַמטע געקליידעט אין קאָלירדרייכע און טייערע קליידער, יוסף, זיין פרוי און זיינע צוויי זיהן זיינען געזעסען ביי אַ באַזונדערען טיש.

אָט בעמערקען זיי ווי דער משנה למלך הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, נעהמט אַ זילבערנעם בעכער אין זיין האַנט און דערנעהנטערט זיך צו זיי מיט זיין זוהן מנשה. זיי האָבען אָנגעשטרענגט זייערע אויגען און אויערען צו הערען וואָס ער האָט צו זאָגען. מנשה האָט זיי אַלעמען ערקלעהרט אַז העברעאיש אַז דער זילבערנער בעכער וואָס זיין פאָטער האַלט אין האַנט, איז אַ בעכער מיט וואָס זיין פאָטער מאַכט כשוף און דורך דעם קען ער אַלץ טרעפען. „מיט דעם בעכער וועט מיין פאָטער דערגעהן דעם עלטער פון יעדען פון אייך, און אייך געבען אייערע פּלעצער ביים טיש לויט אייער עלטער".

יוסף האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן בעכער אין טיש און זיך ווענדענדיג

צו ראובן: דו ביזט דער ערשטער געבאָרען, דעריבער וועסטו פערנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ פון טיש. ער האָט ווייטער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן בעכער און געהייסען שמעון זיך זעצען נעבען ראובן, נאָכהער האָט ער געזעצט לוי'ן נעבען שמעון, און יהודה'ן נעבען לוי'ן. אזוי האָט ער אוועקגעזעצט אַלע ברידער לויט זייער עלטער און זיי האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם.

דורך דער צייט פון מאָלצייט האָט מען יעדען פון זיי איבערגעגעבען אַ מתנה און פאַר בנימין'ען האָט מען געבראַכט פינף אַזעלכע מתנות

יוסף האָט זיך ווידער אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און צוגעגאַנגען צו דעם טיש פון די ברידער און אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט'ן בעכער אָן טיש האָט ער אויסגערופען:

— מיין צויבער בעכער זאָגט מיר אַז איהר אַלע טראָגט אויף אייער געוויסען אַ גרויסע זינד וואָס איהר זייט אַמאָל בעגאַנגען, אָבער אייער אינגסטער ברודער איז אומשולדיג און דעריבער וועט ער קריגען מתנות פינף מאָל אַזוי פיעל ווי יעדער פון אייך קריגט.

— און יעצט — האָט ער זיך געווענדעט צו זיי: פילט אָן אייערע בעכער מיט וויין און לאָמיר אַלע טרינקען פאַר דעם געזונט פון פרעה'ן און פאַר דעם גליק פון אונזער לאַנד מצרים.

— מיין האַר! — האָט זיך ראובן אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און אויסגערופען — זינט מיר האָבען פערלאָרען אונזער בעליעבטען ברודער, האָבען מיר אויף זיך גענומען נישט צו טרינקען קיין וויין און זייט דאַן האָבען מיר אויך קיינע שמחות נישט געפייערט...

— איהר מוזט אָבער מאַכען אַן אויסנאַהמע דיזען מאָל — האָט ער זיך צו זיי געווענדעט — און לאָמיר אַלע טרינקען פאַר דעם געזונט פון אייער אַלטען פאָטער.

די ברידער האָבען געזעהען אַז זיי האָבען קיין אַנדער ברירה נישט און זייהאָבען אָנגעפיהלט זייערע בעכערס און געטרונקען. אזוי האָבען זיי פערבראַכט ביז שפּעט אין אָבענד. זיי האָבען זיך אַלע גוט אָנגע'שיכור'ט און מען האָט זיי געגעבען אַ פּלאַץ איבער צו נעכטיגען.

גאַנץ פריה זיינען די ברידער אויפגעשטאַנען און האָבען זיך גענומען גרייטען צום וועג. זיי האָבען געקויפט גענוג תבואה און האָבען בעצאָהלט דערפאַר.

יוסף האָט געהאַט אָנגעזאָגט דעם פערקויפער אַריינצולעגען זייער געלד צוריק אין זייערע זעק, ער האָט איהם אויך מיטגעגעבען דעם זילבערנעם בעכער און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דעם בעכער זאָלסטו אַריינלעגען אין דעם זאַק פון דעם אינגסטען ברדער, אָבער זיי זעהר פאָרזיכטיג, קיינער זאָל עס נישט בעמערקען.

דער פערקויפער האָט אַזוי געטהאָן, ער האָט געהאָלפען די ברידער איינ־פּאַקען זייער תבואה און אין דערזעלבער צייט צוריק אַריינגעלעגט זייער געלט אין זייערע זעק. און אין בנימין'ס זאַק האָט ער אַריינגעשטופּט דעם זילבערנעם בעכער און ווען אַלעס איז געווען פאַרטיג האָבען די ברידער גליקליכע, צופרידענע פערלאָזען מצרים.

די זון האָט געשיקט איהרע וואַרימע שטראַהלען. דער הימעל איז גע־ווען אַזוי קלאָר און לויטער און אַלע ברידער האָבען געפיהלט עפּעס אַ מאָדנע פרעהליכקייט.

— עס איז שוין לאַנג אַז איך בין נישט געווען אַזוי מונטער און אויפגעלעגט ווי יעצט! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — עס דוכט זיך מיר אַז די גאַנצע נאַטור לאַכט, ווינקט צו אונז און לאַדעט אונז איין צו בעטיי־ליגען זיך אין איהר שמחה.

— דאָס רעדט אין דיר די וויין וואָס דו האָסט לעצטען אָבענד איבער־געכאַפּט די מאָס! — האָט שמעון געשמייכעלט.

— איך וואָלט זיך גאָר קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלען, אַז דער הערשער פון מצרים זאָל זיין אַזוי גוט הערציג און גנעדיג צו אונז! — האָט אשר זיך בעשמאַקעוועט — אי, איז דאָס געווען אַ מאָלצייט, איך האָב נאָך אַזוינס נישט געגעסען זינט דער פאָטער האָט געפייערט יוסף'ס זיבענ־צעהנטען געבורטסטאָג.

— ביי איהם איז נאָר די אכילה דער עיקר! — האָט זבולן געלאַכט — די מתנות וואָס מיר האָבען געקראָגען, איז ביי איהם גאָר נישט. איך זאָג אייך מיינע ברידער אַז איך האָב זיך שטאַרק געשעהמט, ווען איך האָב צוגעגליכען די מתנות וואָס מיר האָבען בעקומען צו די מתנות וואָס מיר האָבען איהם געבראַכט.

— אָבער בנימין דאַרף דאָך זיין דער גליקליכסטער פון אונז אַלעמען! — האָט זיך לוי אָפּגערופען — איהם האָט ער געגעבען פינף מאָל אַזוי פיעל.

— ווי עס ווייזט אויס איז טאַקע דער מאַן זעהר וויכטיג און געלערענט, ער האָט דורך זיין צויבער־בעכער געטראָפען אַז מיר האָבען אויף אונזער געוויסען אַ שווערע זינד און בנימין ניט — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען. באַלד אָבער האָט ער געפיהלט די דורכדרינגענדע בליקען פון זיינע ברידער, און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

בנימין האָט זיי אַלעמען אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג, ער האָט נישט געענט פערשטעהן וואָס זיי „קוקען" זיך אַזוי איבער...

— און איך זאָג אייך — האָט שמעון געזוכט צו פערריכטען דאָס וואָס נפתלי האָט זיך אַרויסגערעדט — אַז דאָס וואָס דער הערשער האָט געטראָ־פען אַז מיר האָבען עפּעס אויף אונזער געוויסען האָט ער געוויס געמיינט דאָס וואָס מיר האָבען געטויטעט פיעלע איינוואָהנער פון שכם, און אויב אַזוי איז דאָס שוין גאָר קיין וואונדער נישט. דאָס איז דאָך געווען פער־שריבען אין די ביכער פון מצרים און ווען ער האָט אויסגערעכענט די צייט, האָט ער אויסגעפונען אַז בנימין איז דאָך דאַן נישט געבאָרען געוואָרען.

— און דאָס וואָס ער האָט געטראָפען ווי אַלט יעדער פון אונז איז — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — גלויב איך אַז דאָס האָט ער געוויס אויסגע־פונען פון שמעון, דו האָסט געוויס דערצעהלט זיין זוהן מנשה ווי אַלט יעדער פון אונז איז און ער האָט עס איבערגעגעבען זיין פאָטער.

— אָה, ניין! — האָט שמעון זיך אָפּגערופען — אין דעם מאַכסטו אַ טעות, איך האָב קיינעם נישט דערצעהלט ווער עס איז עלטער, ווער אינגער,

ד'אָס האָט ער טאַקע געטראָפען, און איז דען אַ וואונדער, האָט דען דער הערשער נישט פאָראויסגעזאָגט די זיעבען גוטע יאָהרען און די זיעבען הונגער יאָהרען? יע, איך האָב שוין לאנג אָנגעהויבען צו גלויבען אַז ער איז בעגאַבט מיט אַ געטליכען גייסט.

— און וואָס מיר האָט נאָך מעהר געוואונדערט, וואָס איך האָב אין זיין פאַלאַץ נישט בעמערקט קיינע אָפּגעטער, ווי עס איז צו זעהן כמעט אין יעדען הויז פון מצרים.

— עס איז מעגליך אַז אַלע אָפּגעטער געפינען זיך אין אַ בעזונדערען צימער, און אַזוי ווי ער ווייס אַז מיר זיינען עברים, האָט מען אונז אַהין נישט אריינגעפיהרט.

— יע, איך האָב בעמערקט אַז ווען ער האָט מיט אונז פערבראַכט, פלעגט ער זיך פלוצלונג אויפהויבען פון זיין פלאַץ און אַריינגעהן אין אַ צווייטען צימער, און איך בין זיכער אַז דאָס איז ער אַריין אַהין מתפלל צו זיין צו זיינע אָפּגעטער — האָט דן געזאָגט.

—און ווען אפילו ער זאָל יע דינען צו די אָפּגעטער פון מצרים דארפען מיר צוגעבען אַז ער און זיין פרוי און זיהן, זיינען איידעלע און נאָבעלע מענשען. מיר האָבען נישט געקענט ערווארטען קיינע בעסערע בעהאַנד־לונג ווי מען האָט אונז בעהאַנדעלט אין זיין פאַלאַץ! — האָט יששכר געזאָגט.

— עס איז פאַראַן אַ גרויסע אונטערשיעד פון דעם ערשטען מאָל וואָס מיר האָבען פערלאָזען מצרים, ביז יעצטיגען מאָל — האָט דן געזאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל — דאַן האָבען מיר שוין געמיינט אַז מיר פער־לירען אונזער ברודער שמעון.

— און איך זאָג אייך אַז מיר פערדריסט שוין גאָרניט וואָס דער הער־שער האָט מיר פערהאַלטען — האָט שמעון געזאָגט... דעמזעלבען טאָג, ווי נאָר איהר זייט אָפּגעפאָהרען, האָט מען מיר אַרויסגענומען פון געפענגניס און זיי האָבען מיר בעהאַנדעלט גלייך ווי איך וואָלט געוועזען פון זייער משפחה... ניט איינמאָל, איז צו מיר צוגעקומען מנשה מיט זיין מוטער אין גאָרטען און מיר אויסגעפרעגט וועגען אונזער משפחה, ווען איך האָב אסנת'ן דערצעהלט וועגען דינה'ן און איהר אומגליק איז זי גערירט געוואָרען ביז טרעהרען... און איך ווייס ניט וואָס דאָס איז, אָבער יעדעס מאָל ווען זי האָט צו מיר גערעדט דורך דעם איבערזעצער, מנשה'ן, האָב איך אין איהר געזעהען אַן עהנליכקייט צו דינה'ן...

און ווען איך וואָלט ניט געוואוסט אַז זי איז די טאָכטער פון פוטיפר, וואָלט איך אָנגעפאנגען צו פערדעכטיגען אַז זי איז...

— רייד ניט קיין נאַרישקייטען! — האָט איהם ראובן אונטערגעבראָ־כען — דיר דוכט זיך אַז אַלע שעהנע פרויען קוקען אוים ווי אונזער שוועס־טער דינה.

— ווען דו וואָלסט איהר בעטראַכט פון אַזאַ נאָהענטקייט ווי איך וואָלט זיך דיר אויך געדוכט אַזוי, האָט איהם שמעון געענטפערט — איך

ווייס אַז דאָס דוכט זיך מיר בלויז, אָבער איך קען ניט פערלייקענעם אַז עס איז דאָ אַ גרויסע עהנליכקייט צווישען זיי ביידען.

— אָ, ווי גליקליך און צופרידען אונזער פאָטער וועט זיך פיהלען! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען, ווען ער וועט זעהן אַז מיר קעהרען זיך אום מיט שמעון און בנימין, או ווען דערצו וועלען מיר איהם נאָך דערצעהלען פון אַלעס וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט.

— ווען מיר וועלען קומען אַ דריטען מאָל אין מצרים! — האָט שמעון זיך אָפּגערופען — דאַן וועלען מיר ביי דעם הערשער בעטען ערלויבניס צו געהן זוכען אונזער ברודער! איך בין זיכער אַז ער וועט ניט האָבען דאַגעגען.

— מיר דוכט זיך אַז מען לויפט אונז נאָך! — האָט נפתלי זיך אָפּגעד רופען צו זיינע ברידער. אַלע האָבען אומגעקעהרט זייערע פּנים'ער און גע־קוקט פון הינטער זיך.

— יאָ, מען לויפט! איך זעה אימיצען רייטענדיג אויף אַ פערד! — האָט זבולון אויסגערופען.

— פאַר וואָס זאָלט איהר מיינען אַז ער לויפט עס נאָך אונז... מעגליך אַז ער האָט גאָר אַן אַנדער ציעל מיט זיין לויפען! — האָט יהודה געזאָגט — ניין, לאָמיר פאָרטזעצען אונזער רייזע. די ברידער האָבען גענומען טרייבען זייערע אייזלען און זיינען וויטער געפאָהרען.

— אָהא, איהר כנענים! אין דעם נאָמען פון דעם הערשער פון מצרים בלייבט שטעהן! — האָבען זיי דערהערט אַ שטימע הינטער זיך.

די ברידער האָבען זיך גלייך אָפּגעשטעלט און ווען זיי האָבען אומגע־דרעהט זייערע קעפּ, האָבען זיי דערקענט דעם פּאַרקויפער פון די תבואה, ריי־טענדיג אויף אַ פערד... זיי האָבען בעמערקט ווי ער קען קוים אָפּכאַפּען זיין אָטהעם..

דער פערקויפער איז צוגעריטען גאַנץ נאָהענט צו זיי און ווישענדיג די שווייס פון זיין פּנים, האָט ער מיט אַ סאָפּענדיגער שטימע אויסגערופען:

— זעהר פיין פון אייך! זעהר שעהן פון אייך! אַזוי בעצאָהלט איהר דאָס מיין האַר שלעכטעס פאַר גוטעס וואָס ער האָט מיט אייך געטהאָן.

די ברידער האָבען אויפגעעפענט זייערע מיילער און מיט צושראָקענע אויגען איהם אָנגעקוקט...

— מיין האַר, וואָס פאַר אַ שלעכטעס האָבען מיר געטהאָן דעם גנעדיגען הערשער פון מצרים! האָט ראובן אויסגערופען — דאָ האָט געמוזט פּאַר־קומען אַ טעות!

— ניין, קיין טעות איז דאָ ניט פאָרגעקומען... קיינער אַ חוץ אייך איז ניט פערבליבען אין צימער, נאָכדעם מאָהלצייט...

— אָבער וואָס האָט פּאַסירט? איז זייער שרעק נאָך גרעסער געוואָרן.

— דער זילבערנער בעכער איז זעהר טייער צו מיין האַר, פון איהם טרינקט ער און מיט איהם מאַכט ער כשוף... און איהר זייט געקומען און איהם צוגע'גנב'עט!!

— מיין האַר! — איז יהודה אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ — ווי אַזוי קענסטו אונז בעשולדיגען אין אַזא נידערטרעכטיגקייט... ווען מיר האָבען

געפונען אונזער געלד אין אונזערע זעק, האָבען מיר עס צוריקגעבראַכט, טו ווי אַזוי װעלען מיר געהן גנב'ענען זילבער אָדער גאָלד פון אונזער האר! אַה, ניין, דאָ איז געווים פאַרגעקומען א טעות...

— עס איז ניט קיין טעות! — האָט זיך דער פּארקויפער אָפּגערופען — ווען איהר האָט פערלאָזען דעם צימער איז קיינער אהין מעהר ניט אריין, און ערשט אין דער פריה ווען מען האָט געוואָלט טרינקען פון דעם בעכער, האָט מען בעמערקט אז דער בעכער פעהלט!

— אָבער פארוואָס זאָלען מיר וועלען גנב'ענען דעם בעכער פון אונזער האר! — האָט ראובן געזאָגט.

— דאָס וואָס איך האָב זיך אויך געוואונדערט — אָבער ווי איך פער־שטעה, האָט איהר מורא געהאַט אַז מיין האר זאָל ניט דערגעהן דורך זיין צויבער בעכער אַלע אייערע סודות, האָט איהר איהם דעריבער צוגע'גנב'עט...

— מיין האר, דו בעליידיגסט אונז! — האָט שמעון אויסגערופען און קוים איינגעהאלטען זיין כעס — די זיהן פון יעקב זיינען קיין גנבים קיינמאָל נישט געווען!...

— אויב דו ועסט ביי אימיצען פון אונז געפינען דיין האר'ס בעכער, וועט יענער געטויטעט ווערען, און מיר אַלע וועלען זיין אייביגע קנעכט צו דיין האר! — האָט יהודה אויסגערופען.

— אזוי האָט טאקע געדארפט זיין! — האָט דער פערקויפער זיך אָפּ־גערופען, אָבער איך וועל אזוי נישט האנדלען מיט אייך... דער, ביי וועמען דער בעכער וועט געפינען ווערען, וועט מוזען בלייבען אַן אייביגער קנעכט צו מיין האר, און די איבעריגע פון אייך וועלען זיין אומשולדיג, און קענען אומ־געשטערט פאָרטזעצען זייער רייזע נאָך כנען.

— דאָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען, אַז מען זאָל די זיהן פון יעקב'ן בעשולדיגען אין גנבה! — האָט שמעון אויסגערופען מיט אויפרעגונג — פריהער האָט מען אונז פערדעכטיגט אלס שפּיאָנען און יעצט פערדעכטיגט מען אונז אלס גנבים!

— נו, ווען מיין האר האָט זיך איבערצייגט אז איהר זייט נישט קיין שפּיאָנען, האָט ער דאָך צו אייך קיינעם קיין שלעכטעס נישט געטהאָן, און ווען איהר וועט מיר איבערצייגען, אַז דער בעכער געפינט זיך נישט אין אייער רשות, וועל איך וויסען, אַז מיין האר האָט געמאַכט א טעות, און איהר וועט אַלע קענען געהן בשלום אַהיים! — האָט דער מאַן זיך צו זיי אָפּגערופען.

— איידער דער האר האָט אונז אין דעם חושד געווען, האָט ער באַ־דארפט פריהער הייסען גוט זוכען אין יענעם צימער... און אויך צווישען אַלע זיינע דינער — האָט לוי געזאָגט ביט צאָרן.

מיין האר'ס דינער זיינען עהרליכע מענשען, און קיינער פון זיי וועט ניט וואגען צו טהאָן אזא אומרעכט צו אונזער האר, וועלכער איז צו יעדען איינעם גנעדיג — האָט דער מאַן געזאָגט.

— זיינע דינער זיינען עהרליכע מענשען און מיר זיינען זיינע גנבים! — האָט ראובן אויסגערופען.

— מיין האר באַנוצט זיך מיט דעם בעכער צו מאַכען כשוף שוין פאר

פיעלע יאָהרען און ער האָט קיינמאָל נישט געפּעהלט, און יעצט, ווי נאָר איהר זייט איינגעלאָדען געוואָרען אין דעם פּאַלאַץ פון מיין האַר, איז דער בעכער פערשוואונדען געוואָרען! נו, איך פרעג אייך, אויף וועמען זאָל דער פערדאַכט פאַלען אויב נישט אויף אייך... איך בין זיכער, ז איהר וועט נישט האָבען דאגעגען, אז איך זאָל יעדען בעזוכען... איך קען אייך אַלעמען פערזיכערען, אַז איך וועל זיין גאַנץ צופרידען, ווען איך וועל קענען בעריכטען צו מיין האַר, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, און אַז איך האָב יעדען פון אייך דורכגעזוכט און ביי קיינעם גאָר נישט געפונען.

— גוט, מיר זיינען אַלע געגרייט, דו קענסט זוכען און דורכטאַפּען אַלע אונזערע כלים און דאן וועסטו זיך איבערצייגען, אז די בעליידיגונג, וואָס איז געטהאָן געוואָרען צו די זיהן פון יעקב, איז זעהר גרוים! האָט שמעון גע־זאָגט.

— שטעלט זיך אַלע אוים מיט דעם זעלבען סדר, ווי איהר זייט געזעסען ביי דעם טיש פון מיין האר! — האָט ער זיי בעפוילען.

די ברידער האָבען זיך אַלע אויסגעשטעלט אין א שורה. דער מאן איז גלייך צוגעגאַנגען צו ראובן און ער האָט גענומען זוכען אין זיינע בגדים, נאכהער אין זיינע כלים און אין די זעק פון די תבואה וואָס איז געווען אָנ־געלאָדען אויף ראובן'ס אייזעל... ער האָט געזוכט, געגישטערט און גאָרנישט געפונען.

די ברידער האָבען אָפּגעאָטעמט... און האָבען געקוקט אויף דעם מאַן מיט פאַראַכטענדע בליקען.

— נו, יעצט זעה איך אז דו ביזט אומשולדיג! — האָט דער מאַן זיך געווענדעט צו ראובן און זיך גלייך גענומען צו זוכען ביי שמעון און אין די זעק פון זיין תבואה...

ביי איהם האָט ער אויך גאָרנישט געפונען. באַלד האָט ער זיך גענומען צו לוי'ן, צו יהודה'ן און צו די איבעריגע און האָט ביי זיי גאָרנישט געפונען.

— נו, וואָס וועסטו יעצט זאָגען! — האָט זיך שמעון צו איהם אָפּגערו־פען, ווען דער מאַן האָט געענדיגט זוכען אשר'ן.

— עס איז דאָך נאָך פאַרבליבען נאָך איינער, אייער אינגסטער ברודער, איהם האָב איך נאָך נישט געזוכט, ווען איך וועל ביי יהם אויך נישט געפינען, דאַן וועט איהר מיר אַלע ענטשולדיגען, ווייל איהר ווייסט דאָך, אז איך פיהר בלויז דורך דעם בעפעהל פון וויצע־קעניג.

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָבען זיך די ברידער פאַנאַנדערגעלאַכט — ער האָפּט נאָך צו געפינען דעם בעכער ביי בנימינ'ען! — איהם האָט דאָך דיין האַר געגעבען זעהר פיעל טייערע מתנות, פאַר וואָס זאָל ער צו'גנב'ענען דעם בעכער!

— אָבער איך מוז איהם אויך זוכען, איך מוז טהאָן מיין פליכט און מיין האַר האָט מיר אָנגעזאָגט צו זוכען יעדען איינעם פון אייך. ער האָט גענומען דורכטאַפּען בנימין'ס בגדים, נאכהער האָט ער גענומען זוכען אין די זעק תבואה, וואָס איז געווען אָנגעלאַדען אויף בנימין'ס אייזעל...

— זוך, זוך, טיעפער! — האָט זיך יהודה מיט איהם א רייץ געטהאָן. דער

מאַן האָט אַריינגערוקט זיין האַנט אין איין זאַק פון בנימין'ס תבואה און דאָרט גאָרנישט געפונען, נאָכהער האָט ער זיך גענומען צו אַ צווייטען זאַק. די ברידער האָבען נישט אויפגעהערט צו לאַכען, ווען זיי האָבען געזעהן ווי שטאַרק דער מאַן שוויצט. אָט רוקט ער אַריין זיין האַנט אין דעם לעצטען זאַק... די ברידער זיינען שוין גרייט גוט אָנצוזידלען דעם מאַן; זיי נעהמען פון איהם זייערע אויגען נישט אַרונטער. אָבער פּלוצלונג דערזעהען זיי, אַז ער נעהמט עפּעס אַרויס פון בנימין'ס לעצטן זאַק. יעדן האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן...

— נו, וואָס וועט איהר זאָגען דערצו! — האָט דער מאַן מיט נצחון געזאָגט און אויפגעהויבען דעם בעכער גאַנץ הויך אַז יעדער פון זיי זאָל איהם גוט זעהן!.. מיין האר האָט קיין טעות נישט געמכט, און כאָטש מען האָט פון איהם אוועקגע'גנב'עט דעם צויבער בעכער, הא ער דאָך געטראָפען, אַז אימיצער פון אייך האָט איהם בע'גנב'עט.

אַלע ברידער זיינען געבליבען שטעהען ווי פערשטיינערטע אויף זייערע פּלעצער זייערע מיילער זיינען געווען אָפען און די אויגען אויסגעטאַרטשעט און פון דער גרויסער איבערראַשונג נישט געקענט רעדען. אַן אָנגעצויגענע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. דער מאַן האָט נאָך אַלץ געהאַלטען דעם בעכער אין דער הויך... ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ערקלעהרונג.

— אה, איך בין אומשולדיג! — האָט בנימין אונטערבראָכען די שטילקייט — איך האָב דעם בעכער אפילו נישט אָנגעריהרט!

— דאָס וועסטו קענען דערצעהלען מיין האר! — האָט דער מאַן אויסגערופען — דערווייל וועסטו מיט מיר זיך מוזען אומקעהרען אין שטאָדט... און דאָרטען וועסטו שוין ערקלעהרען ווי אַזוי דער בעכער קומט צו דיר!

— אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך! — האָט יהודה אויסגערופען — דאָ מוז געוויס זיין אַ טעות! בנימין וועט דאָך נישט גנב'ענען קיין בעכער!

—מעגליך אַז אַן איינפאַכען בעכער וועט ער נישט גנב'ענען, אָבער צו אַ בעכער מיט וואָס מיין האר מאַכט כשוף, האָט ער יע געקראָגען חשק... קען וועד עס איז פון אייך אַפּלייקענען אַז דער בעכער איז ביי איהם נישט געפונען געוואָרען...

— אָבער איך זאָג דאָך דיר, אַז איך האָב דעם בעכער נישט אָנגעריהרט!
— האָט בנימין ווידער אויסגערופען...

— אה ניין, דו האָסט איהם נישט אָנגעריהרט... מסתמא איז דער בעכער דורך צויבער אַריינגעקומען צו דיר און זאַק! — האָט דער מאַן געזאָגט מיט אַ שמייכעל...

צו די ברידער'ס ערשטוינונג איז קיין גרעניץ נישט געווען. זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטען... זיי האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס... עפּעס איז זיי אַלעם פאָרגעקומען אַזוי אומפאַרשטענדליך... בנימין זאָל אוועק'גנב'ענען דעם בעכער!

—נו, וואָס שטעסטו! — האָט דער מאַן זיך געווענדעט צו בנימין'ען, אָננעמענדיג איהם פאַר'ן האַנט. דו וועסט זיך מוזען מטריח זיין און אומקערען זיך צוריק אין שטאָדט...

— מיר ווע‍לען זיך אַלע צוריקקערן! — האָט ראובן אויסגערופן.
— אָבער איהר זייט דאָך אומשולדיג! טאָ פאַר וואָס זאָלט איהר פער־שפּעטיגען צו קומען מיט די תבואה צו אייערע משפּחות — דער, וועלכער האָט דעם בעכער גע׳גנב׳עט וועט זיך דאַרפען צוריקקערן מיט מיר, און איהר זייט פריי.
— ניין, מיר ווע‍לען זיך אַלע צוריקקערן אין שטאָדט! — האָט יהודה אויסגערופן.
— אויב דאָס איז אייער פערלאַנג קענט איהר עס טהאָן — האָט דער מאַן געזאָגט — אָבער איך בין זיכער, אַז מיין האַר וועט נור בעשטראָפען דעם, ביי וועמען מען האָט געפונען די גנבה.
זיי האָבען זיך אַלע אומגעקערט. דער מאַן האָט אוועקגעריטען אַ פריהער און די ברידער זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטען. טרויעריג, מיט געבויגענע קעפּ זיינען זיי געגאַנגען.
ווען זיי האָבען געזעהן, אַז דער מאַן איז גאַנץ ווייט פון זיי, האָבען די ברידער צווישען זיך גענומען ריידען:
— נו, וואָס זאָלען מיר יעצט זאָגען צו דעם גרויסען אומגליק, וואָס אונז האָט געטראָפען? — האָט לוי אויסגערופען.
— עס איז דאָך אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז עס איז בנימין׳ס ארבייט!
— האָט שמעון אויסגערופען — דער הערשער איז געוועזען צו אונז אַזוי גוט און האָט אונז בעהאַנדעלט אַזוי ווי מיר וואָלטען געוועזען זיינע קרובים... און דאָ קומט בנימין און פערשוואַרצט אונז אַלעמען פאַר זיינע אויגען...
— און דו גלויבסט טאַקע, אַז איך האָב דעם בעכער גע׳גנב׳עט! — האָט בנימין אויסגערופען און טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. ווי אַזוי קענסטו, מיין ברודער מיר בעשולדיגען אין אַזאַ שרעקליכע זאַך!
— פאַרוואָס האָט מען דעם בעכער נישט געפונען אין מיין זאַק, אָדער ביי אימיצען אַנדערש? דיר איז ווינציג געוועזען די מתנות, וואָס דער האַר האָט דיר געגעבען, האָסטו נאָך גענומען דעם בעכער! וואָס האָסטו געמיינט, אַז דו וועסט קענען מאַכען כשוף מיט איהם, ווי דער הערשער האָט געטהאָן!! אונז אַרויפברייִנגען אַן אומגליק! — האָט זבולן געדריקט זיין פויסט אין בנימין׳ס פּנים!
— ווי אַזוי האָסטו געקענט גנב׳ענען, נאָכדעו ווי דו האָסט אָפּגעגעסען
—דאָס האָט ער געקראָגען אַ ירושה פון זיין מוטער רחל! — האָט לוי געזאָגט. — ווען זי האָט פערלאָזען איהר פאָטער׳ס הויז האָט זי צוגע־גנב׳עט די „תרפים" און עס באַהאַלטען אויף איהר קעמעל, ווייל איהר פאָ־טער פלעגט מאַכען כשוף דאָמיט...
— אַ, זאָל דיר גאָט שטראָפען פאַר דער צרה, אין וואָס דו האָסט אונז אַלעמען אַריינגעפיהרט! — האָט יהודה איהם אַ שטויס געטהאָן! — יעצט, וואָס ווע‍לען מיר זאָגען אונזער פאָטער!
— מיר האָבען דיך געדאַרפט מיטברייִנגען פון כנען, דו זאָלסט אויף

אזא גוטען מאַלצייט אין דעם האר'ס הויז! — האָט אשר צו איהם זיך אָפּגערופען.

— אַה, ווי גרויזאַם איהר זייט צו מיר! — האָט בנימין אויסגעבראָכען אין אַ געוויין — פאַרוואָס גלויבט איהר מיר נישט, אַז איך בין אומשולדיג... איך האָב זיך צו דעם בעכער אַפּילו נישט צוגעריהרט!

— איך וועל דיר ווייזען ווי אומשולדיג דו ביזט! האָט איהם שמעון אַ קלאַפּ געטהאָן — דער בעכער איז צו דיר געקומען אַליין! ווען דו וואָלסט איהם נישט צוגע'גנב'עט, וואָלט מען דיך ניט בעשולדיגט!!

— פאַרוואָס זאָלסטו איהם שלאָגען! — האָט ראובן זיך אָפּגערופען צו שמעון'ען — מעגליך אַז ער האָט טאַקע נישט גע'גנב'עט דעם בעכער...

— ביזטו דען בלינד געוועזען? האָסטו דען נישט געזעהן ווי ער האָט דעם בעכער ביי איהם אין זאַק געפונען?

— עס קען דאָך אָבער זיין, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ טעות, אַזוי ווי מיט די געלט, וואָס מיר האָבען געפונען אין אונזערע זעק! — האָט ראובן ווייטער געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייכענים! — האָט שמעון אויסגערופען. ערשטענס איז דאָס געלט געפונען געוואָרען ביי יעדען איינעם און צווייטענס, אויב עס איז מעגליך אַז די געלט איז אָדער דורך אַריינגעטהאָן געוואָרען אין די זעק אָדער דער גוטהערציגער הערשער האָט געפיהלט פיליכט אַז ער איז בעגאַנגען געגען אונז אַן עולה, וואָס ער האָט אונז פאַרשפּאַרט אין געפענגנים און דערפאַר האָט ער קיין געלט נישט געוואָלט נעהמען, אָבער דעם בעכער, מיט וואָס ער מאַכט צויבער, ווי אַזוי קומט ער צו בנימין'ען אין זאַק, ער האָט דאָך זיכער איהם נישט געגעבען אַ מתנה! אויב יע, וואָלט ער דאָך יעצט נישט געשיקט מען זאָל אונז נאָכיאָגען!

בנימין האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו טענה'ן, אַז ער איז אומשולדיג... אָבער כמעט אַלע ברידער זיינען געווען זיכער, אַז בנימין האָט נישט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און צונעהמען דעם כשוף־בעכער. זיי אַלע געדענקען נאָך אַז בנימין איז איבערגעבליבען אַליין אין דעם צימער... דאָס האָט נאָך זייער חשד אויף איהם שטאַרקער געמאַכט... יעצט, האָבען אַלע געפיהלט, אַז אַ גרויסער אומגליק רוקט זיך אָן אויף זיי אַלעמען, נאָך פיליכט גרעסער ווי דער אומגליק פון יוסף'ן... יעדער האָט פון גרויס צער קריעה געריסען...

— מיר זיינען פערלוירען! מיר זיינען פערלוירען אויף אייביג — האָט יהודה אויסגערופען און טרעהרען האָבען זיך געשפּאַרט פון זיינע אויגען.

— און מיט אַ ווײַלע צוריק זיינען מיר געוועזען אַזוי גליקליך... מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט מיט וואָס פאַר אַ פרייד וועט אונזער פאָטער אונז בעגעגענען, ווען ער וועט זעהן אַז שמעון איז בעפרייט און קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט צו בנימין'ען, און יעצט אויב אפילו ער זאָל בלויז צונעהמען בנימין'ען פאַר אַ קנעכט וועלען מיר דען זיך קענען צוריקקעהרען אַהיים?

— האָט לוי געזאָגט מיט טרויער — איך בין זיכער, אַז ווי נאָר דער פאָטער וועט דערזעהן אַז בנימין איז מיט אונז נישטאָ וועט ער שטאַרבען פון שרעק.

— אהן בנימינ'ען וועל איך זיך פון ארט נישט ריהרען! — האט יהודה געזאגט — אויב עס וועט נאר זיין מעגליך, וועל איך זעהן פועל'ן ביי דעם הערשער ער זאל מיר צונעמען פאר א קנעכט אנשטאט בנימינ'ען, און דאן וועט בנימין זיך אומקעהרען מיט אייך אהיים.

— אה ניין, מיר וועלען בעסער אלע דא פערבלייבען אלס קנעכט, אייידער צוצוזעהן די שלעכטס וואס וועט טרעפען אונזער ליבען פאטער — האט לוי געזאגט.

די ברידער האבען טרויעריג געשאקעלט מיט די קעפ... זייערע געמיטהער זיינען געווען פערביטערט און זייערע הערצער צובראכען... און אזוי זיינען זיי אנגעקומען אין שטאדט, און געבראכט געווארען פאר דעם הערשער פון מצרים.

א ווײלע זיינען זיי געשטאנען פערשעהמטע, מיט געבויגענע קעפ... די שטילקייט אין צימער איז געווען שטארק אנגעצויגען, קיינער האט ניט געוואגט זיך צו ריהרען פון זיין פלאץ... אט דערהערען זיי די שטרענגע שטימע פון דעם הערשער און מנשה זעצט עס גלייך איבער:

— זעהר פיין האט איהר מיר בעהאנדעלט! נאכדעם ווי איך בין צו אייך אלעמען געווען אזוי גנעדיג, און אנגעטהאן אזא כבוד און אייך איינגעלאדען צו עסען צוזאמען מיט מיר אין איין צימער, נעמט איהר און איהר גנב'עט אוועק פון מיר דעם בעכער! ווייסט איהר דען נישט אז אזא מאן ווי איך קען דאך דורך כשוף דערזעהען ווער עס האט דעם בעכער גע'גנב'עט.. יע, איך פערשטעה גאנץ גוט, איהר האט מסתמא געמיינט, אז בלויז דורך דעם בעכער מאך איך כשוף, און איהר האט מורא געהאט איך זאל נישט דערגעהן אלע אייערע סודות, האט איהר דעריבער פון מיר אוועקגע'גנב'עט דעם בעכער! איהר האט זיך זעהר שטארק בענארישט. איך וואלט זיך דאס קיינמאל נישט געקענט פארשטעלען, אז איהר וועט מיר בעצאהלען מיט שלעכטעם אנשטאט גוטעס, וואס איך האב מיט אייך די גאנצע צייט וואס איהר זייט אין מיין לאנד געטהאן.

די ברידער זיינען נאך אל געבליבען שטעהען בעוועגלאז, יעדעס ווארט וואס איז ארויסגעקומען פון זיין מויל האט געשטאכען זייערע הערצער ווי מיט שפיזען...

איך האב זיך שטארק געוואונדערט — האט דער הערשער פארטגעזעצט — ווען איך בין אריין אין מיין צימער און געוואלט נעמען דעם בעכער צו מאכען עטוואס כשוף, און דערזעהן, אז דער בעכער איז נישטא! מיר וואלט גאר קיינמאל נישט איינגעפאלען צו בעשולדיגען אייך, די זיהן פון יעקב'ן אין גנבה — אבער איך האב דורך כשוף דערגאנגען, אז דאס האט איהר מיר אפגעטהאן אזא זאך... און יעצט פערשטעה איך שוין פארוואס איהר האט דעם בעכער גע'גנב'עט: איהר האט געמיינט אז איהר וועט מיט איהם אויך קענען מאכען כשוף און דורך דעם אויסגעפינען וואו אייער פערלוירענער ברודער געפינט זיך... ווייסט איהר דען נישט, אז בלויז א מאן ווי איך קען מאכען כשוף מיט דעם בעכער... און מעגליך אז אויב איהר וואלט פון מיר דעם בעכער פערלאנגט אלס מתנה, וואלט איך אייך איהם געגעבען,

אזוי ווי איך האָב אייך פיעלע אנדערע מתנות געגעבען... אָבער גנב'ענען! אויף דעם האָב איך זיך גאָרנישט גערעכט!

— וואָס זאָלען מיר זאָגען אונזער האַר, וואָס זאָלען מיר רעדען, און ווי אַזוי זאָלען מיר זיך רעכטפערטיגען! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען מיט אַ טרויעריגע שטימע — גאָט האָט געוויס געפינען אין אונז אַ זינד פאַר וואָס ער בעשטראָפט אונז זעהר שווער... יע, מיר וועלען אַלע זיין קנעכט צו מיין האַר, דער, ביי וועמען מען האָט געפונען דעם בעכער און די איבעריגע פון אונז!

אָה, ניין! וואָס האָב איך צו אייך אַלעמען? וואָס זייט איהר אַלע שולדיג אז צווישען אייך געפינט זיך איינער אַ גנב?! ניין, דער, ביי וועמען מען האָט געפונען דעם בעכער, יענער וועט פערבלייבען אַן אייביגער קנעכט צו מיר, און די איבעריגע פון אייך קענען זיך געהן בשלום צו אייער פאָטער און צו אייערע משפחות אין כנען!

40.

יוסף לאָזט זיך דערקענען

אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך פאַרצויגען אויף די פּנים'ער פון אַלע ברידער. פּלוצלינג איז פאַר זיי אַלעס חושך געוואָרען. בנימין איז געשטאַנען מיט זיין קאָפּ אַרונטערגעבויגען און האָט שטילערהייט געוויינט. ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט רעדען און זיין שווייגען האָט די ברידער נאָך מעהר אויפגערעגט. עפּעס איז זיי אויסגעקומען אַז בנימין איז טאַקע שולדיג אין דער גנבה. יעצט קענען זיי פאַרשטעהען פאַר וואָס דער פאָטער האָט בנימין'ען ניט געוואָלט אָפּלאָזען פון זיך. דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט אַז אַן אומגליק וועט מיט איהם געשעהען. און וואָס וועט יעצט זיין? ווי אַזוי וועלען זיי יעצט קענען פאָהרען צוריק אַהיים? אָט די געדאַנקען האָבען יעדען בעאונרוהיגט. אַ געדריקטע שטימונג האָט געהערשט אין צימער. עס איז אַלעמען געווען אַזוי טרויעריג אויפ'ן האַרצען.

דער הערשער האָט אויסגעקוקט צו זיין זעהר אויפגערעגט און אין כעס.

פּלוצלונג האָט זיך יהודה אויסגעגלייכט, און איז צוגעקומען אַ פּאָר טריט נעהענטער צו יוסף'ן.

די לייב וועכטער זיינען צוגעלאָפען און איהם געוואָלט פערהאַלטען, אָבער יוסף האָט צו זיי אַ וואונק געטהאָן זיי זאָלען איהם לאָזען.

יהודה האָט זיך פערנייגט פאַר איהם צוויי מאָל און ער האָט אויסגערופען:

— זאָל מיין האַר מיר ענטשולדיגען וואָס איך וועל רעדען אייניגע ווערטער. איך האָף אַז מיין האַר וועט זעהן מיין לאַגע און וועט ניט זיין אין כעס אויף מיר, ווייל דו ביזט דאָך אַזוי חשוב און וויכטיג ווי פּרעה.

יוסף האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכען אַז ער איז גרייט איהם צו הערען, און יהודה האָט פאָרטגעזעצט:

— ווען מיר זיינען צום ערשטען מאָל געקומען אין מצרים צו קויפען עסענוואַרג, האָבען מיר, צעהן ברידער, צווישען זיך אָפּגעמאַכט, אויסצונוצען די געלעגענהייט, זייענדיג אין מצרים, און געהן זוכען, יוסף'ן, אונזער פערלאָרענעם ברודער. ווייל כאָטש אונזער פאָטער האָט איהם שוין לאַנג פאַררעכענט פאַר טויט, האָבען מיר דאָך נאָך ניט אויפגעגעבען אונזער האָפנונג, איהם צו געפינען. מיר האָבען איהם געזוכט אין פיעלע לענדער, אָבער אין מצרים זיינען מיר דאַן געווען צום ערשטען מאָל, און איידער מיר זיינען געקומען צום פערקויפער צו קויפען תבואה, האָבען מיר בעשלאָסען, אַז יע־

דער פון אונז זאָל זיך פערנעהמען אין אַ בעזונדער גאַס און נאַכקוקען און אויספאָרשען, אויב אונזער ברודער געפינט זיך דאָרטען ניט ביי אימיצען אַלס קנעכט, און ווען מיין האר האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר האָבען זיך צו־שפרייט איבער מצרים, האָט ער אונז געלאָזען אַרעסטירען אונטער דער פערדאכט אַז מיר זיינען שפּיאָנען...

— מיר האָבען דעם האר פערזיכערט אַז מיר זיינען עהרליכע לייט. מיר האָבען איהם אויך דערצעהלט אַז מיר האָבען אַן אַלטען פאָטער און אַז מיר זיינען געווען צוועלף ברידער, און איין ברודער איז פון אונז אַוועק און ער איז נישטאָ. און דער פאָטער האָט איהם שוין פאַררעכענט פאַר טויט. און נאָך אַן איינגערער ברודער, פון דער זעלבער מוטער פון דעם פערלאָרענעם זוהן, איז פערבליבען מיט אונזער פאָטער. דאַן האָט מיין האר פון אונז פערלאַנגט, אַז מיר זאָלען אונזער איינגסטען ברודער אַרונטערברייינגען אין מצרים, צו בעווייזען אַז מיר זיינען עהרליכע לייט און אַז מיר האָבען קיין ליגען ניט געזאָגט. און מיר, ווייסענדיג, ווי שטאַרק צוגעבונדען דער פאָטער איז צו דעם איינגסטען ברודער, האָבען מיר פעשטאַנען, אַז מיר ווילען האָבען געגוג שוועריגקייטען צו פועל'ן ביי אונזער פאָטער ער זאָל מיט אונז דעם איינגערען ברודער מיטשיקען. אָבער דער האר האָט אונז אָנגעזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, אַז אָהן אונזער איינגערען ברודער זאָלען מיר מעהר ניט וואַגען צו זעהן זיין פּנים. דערצו נאָך האָט ער געלאָזט אַרעסטירען איינעם פון אונזערע ברידער אַלס אַ משכון.

— האָב איך דען דעם ברודער, וועלכען איך האָב פערהאַלטען אַלס משכון, ניט גוט בעהאַנדעלט? האָט יוסף איהם אונטערבראָכען — זאָל ער זאָגען אויב איך האָב איהם דורך דער גאַנצער צייט געקריוודעט?

שמעון האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ אַלס צושטימונג צו זיינע רייד.

— און יעצט, אַז איך האָב אייך אַלעמען אַזוי גוט בעהאַנדעלט, האָט אַזאַ אונגעהערטע זאַך געדאַרפט פּאַרקומען ביי אייך?! — האָט יוסף ווידער געפרעגט.

— מיין האר וועט מיר מוחל זיין און איך וועל ענדיגען מיינע רייד — האָט יהודה געזאָגט.

— ווען מיר זיינען געקומען צו אונזער פאָטער און איהם דערצעהלט וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט, האָט עס אויף איהם געמאַכט זעהר אַ שווערען איינדרוק. און ער האָט אונז דייטליך געזאָגט, אַז ער וועט דעם איינגסטען ברודער מיט אונז ניט מיטשיקען. און מיר אַלע זיינע זיהן, זיינען צום ער־שטען מאָל אין אונזער לעבען געווען געצוואונגען ניט צו פאָלגען אונזער ליעבען אַלטען פאָטער, ווען ער האָט אונז געהייסען נאָך אַמאָל פאָהרען נאָך מצרים איינצוקויפען תבואה פאַר אונזער משפחה, האָבען מיר איהם גע־ענטפערט, אַז מיר געהען ניט, סיידען אונזער איינגסטער ברודער וועט זיין מיט אונז.

— דאַן איז אונזער הויז איינגעהילט געוואָרען אין טרויער און אַלע־מענס אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען, אונזער אַלטער

פּאַטער האָט גענומען דערצעהלען פון זיינע ליידען און צרות וואָס ער האָט דורכגעמאַכט דורך זיין לעבען, די וואונד איז אָפּגעפרישט געוואָרען.

— איהר ווייסט דאָך, מיינע קינדער, האָט ער צו אונז געזאָגט, אַז מיין ליעבע באַרטע פרוי רחל, האָט מיר געבאָרען צוויי זיהן, און מיט דעם געבורטה פון דעם אינגסטען, האָב איך איהר פאַרלאָרען.

טרעהרען האָבען זיך גענומען בעווייזען אין יוסף'ס אויגען. ער האָט אַרונטערגעבויגען זיין קאָפּ.

יהודה האָט געזעהען וואָס פאַר אַ שטאַרקע ווירקונג זיינע ווערטער האָבען אויף דעם הערשער געמאַכט, האָט ער אָנגעהויבען פיהלען אַז דער הערשער וועט ווייכער ווערען און אָננעהמען זיין פאָרשלאָג. ער האָט גלייך פאָרטגעזעצט:

— יע, מיר זיינען נאָך דאָן, ווען די מוטער פון אונזער אינגסטען ברודער, איז געשטאָרבען, גאָר יונג געווען, אָבער מיר האָבען שטאַרק מיטגעפיהלט דעם גרויסען צער פון אונזער פאָטער. ער האָט לאַנג נאָך איהר געטרויערט. ער האָט געפונען אַ טרייסט אין איהרע צוויי זיהן וואָס זי האָט איהם איבער־געלאָזען, וועלכע ער האָט ליעב געהאַט מעהר פאַר אַלעם אין דער וועלט. מאַכט זיך איין מאָל, אַז דער פאָטער שיקט יוסף'ן דעם עלטערען ברודער פון דעם ,וועלכער שטעהט יעצט פאַר מיין האר, אַ בעשולדיגטער אין גנבה, און ער איז שוין מעהר צוריק ניט געקומען. און עס איז שוין איבער צוויי און צוואַנציג יאָהר, זינט דאָס האָט פּאַסירט. און אונזער גרייז גרויער פאָטער האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו טרויערען און קלאָגען אויף דעם גרויסען אונגליק. און יעצט איז איהם פערבליבען אָט דער אינגסטער פון אונז אַלעמען און אונזער פאָטער'ס נשמה איז אַזוי פערבונדען און פערקניפּט מיט זיינע, אַז ווען חלילה עפּעס זאָל מיט איהם געשעהען און ער זאָל זיך ניט קענען צוריקקעהרען מיט אונז צו אונזער פאָטער, דאַן וועט אונזער פאָטער עס זיכער ניט אריבערטראָגען. און דאָס וועט פעראורזאַכען זיין טויט. און דעריבער איז אונז אַזוי שווער אָנגעקומען צו ווירקען אויף אונזער פאָטער ער זאָל איהם מיט אונז מיטשיקען. איך האָב ערב געווען און געשוואָרען צו מיין פאָטער, אַז איך וועל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר איהם, און אויב איך וועל איהם ניט צוריקברייַנגען דאַן וועל איך זיך פאַרזינדיגען פאַר איהם מיין גאַנצען לעבען. און יעצט זעהן מיר אַז אונזער פאָטער איז געווען בע־רעכטיגט מיט זיין מורא טאָמער וועט מיט איהם אַן אונגליק פּאַסירען.

— יעצט, מיין האר, שטעלט זיך פאַר אונזער טרויעריגע לאַגע. אין דער היים וואַרטען אַלע אויף אונז מיט גרויס אונגעדולד. די תבואה האַלט זיך שוין ביים ענדיגען. און יעצט, מיין האר, קענען מיר זיך דען בעווייזען פאַר אונזער פאָטער אָהן דעם אינגערען ברודער? דעריבער וויל איך פאָר־שלאָגען פאַר מיין האר אַז איך זאָל זיין אַ קנעכט צו מיין האר אנשטאַט בנימין. איך בין אויך שטאַרקער פאַר איהם און וועל קענען ברענגען פיעל מעהר נוצען צו מיין האר. יע, איך וועל זיין אַ קנעכט אַנשטאַט איהם, און ער זאָל זיך צוריקקעהרען מיט זיינע ברידער צו זיין פאָטער!

יהודה'ס נאָבעלקייט און זעלבסט אָפּפערונג פאַר זיין ברודער האָט אויף

יוסף'ן געמאַכט זעהר אַ גרויסען איינדרוק. אַט זעהט ער די זעלבע ברידער זיינע, וועלכע זיינען אַמאָל געווען צו איהם אַזוי גרויזאַם. יע, זיי האָבען זיך אין גאַנצען געענדערט. ער קען זיך שוין מעהר ניט בעהערשען.

אַט שטעהען זיי אַלע פאַר איהם ערנידעריגט, מיט צובראָכענע געמיטהער, מיט אויגען אָנגעפיהלט מיט טרערען. ער איז אַזוי גערוהרט געוואָרען פון יהודה'ס רייד און פון זיינע ברידער'ס טרויעריגע פּנים'ער אַז ער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט באַהערשען און אויסגעשריען:

— זאָלען אַלע אַרויסגעהן פון דאַנען אחוץ דיעזע מענשען, האָט ער בעפוילען, אָנצייגענדיג אויף זיינע ברידער.

די לייב וועכטער און די איבעריגע אַנוועזענדע האָבען פערלאָזען דעם צימער, אויך מנשה איז אַרויסגעגאַנגען. קיינער איז ניט געווען אין צימער אחוץ יוסף און זיינע ברידער.

אַ שטילקייט, זעהר אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. די הערצער פון די ברידער האָט שטאַרק גענומען קלאַפּען. וועט דער הערשער רחמנות האָבען אויף זייער אַלטען פאָטער און אויף זיי און אָננעהמען יהודה'ס אָנבאָט, אָדער ער וועט זיין איינגעשפּאַרט.

פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט אַ געוויין. און ווי איבעראַשט זיינען זיי געוואָרען, אַז דער געוויין האָט זיך דערטראָגען צו זיי פון דער ריכטונג וואו דער הערשער איז געשטאַנען. אַלע האָבען אָנגעשטרענגט זייערע אויגען און מיט גרויס בעוואונדערונג געקוקט אויף דער הערשער. אַלע האָבען זיך אַזוי הויך פאַנאַדערגעוויינט. דער געוויין פון דעם הערשער האָט זיך איינגעשטילט. אַט זעהען זיי ווי ער הויבט אויף זיינע אויגען און קוקט אויף זיי מיט אַזוי פיעל פריינדשאַפט און ליעבליכקייט.

— איך בין יוסף!! — האָבען זיי פּלוצלונג דערהערט זיין שטימע — לעבט נאָך מיין פאָטער? איז ער געזונט?!

די ברידער זיינען געבליבען שטעהן ווי געלעהמטע. זייערע מיילער אָפען, זייערע אויגען אויסגעשטאַרטשעט.

— וואָס איז דאָס? מאַכט ער שפּאַס פון זיי? אָבער ער רעדט דאָך זייער שפּראַך. אפשר האָט ער זיך אויסגעלערענט די עטליכע ווערטער אין זייער שפּראַך און דאָס וויל ער זיך מיט זיי אַ רייץ טהאָן. אַזעלכע געדאַנקען האָבען דורכגעבליצט זייערע מוחות. באַלד אָבער האָבען זיי ווידער אַמאָל דערהערט זיין שטימע:

— קומט צו נעהענטער, מיינע ברידער! און בעטראַכט מיר גוט.

זיי זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען ווי צוגעשמידעטע צו זייערע פּלעצער. בלויז בנימין האָט זיך גענומען דערנעהענטערען און אויף איהם קוקענדיג האָבען זיך די איבעריגע ברידער אויך עטוואָס דערנעהנטערט.

— איהר דערקענט מיך נישט! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — איך בין דאָך אייער ברודער, יוסף, וועמען איהר האָט פערקויפט פאַר אַ קנעכט צו די ישמעאלים און זיי האָבען מיך פערקויפט אין מצרים!

די פּנים'ער פון די ברידער זיינען טויט בלאַס געוואָרען. זיי האָבען זיך מיט גרויס שרעק איבערגעקוקט און איהם ניט געקענט ענטפערען.

— אָה, מיין ליעבער ברודער בנימין! — איז יוסף איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז און איהם גענומען האַלזען און קושען. ווי גליקליך איך בין אז איך האָב זוכה געווען דיך צו זעהן. אָה, ראובן, מיין ברודער, אָה, שמעון, לוי, יהודה!

יוסף האָט יעדען בעזונדער גענומען האַלזען און קושען און ערשט דאַן האָט אַ גליקליכע פרייד געשיינט אין אַלעמענס אויגען. עפּעס אַ שווערע משא איז אַרונטער פון זייערע הערצער, אַ משא, וואָס האָט זיי געדריקט צוויי און צוואַנציג יאָהר.

יוסף אונזער ברודער לעבט! איז ראובן געווען דער ערשטער אויס־צורופען — אָה, מעכטיגער גאָט, ווי גרויס און וואונדערבאר זיינען דיינע טהאַטען.

— אונזער ליעבער ברודער יוסף לעבט! — האָט יהודה אויסגערופען מיט גרויס ענטציקונג!

זיי האָבען איהם אַלע אַרומגערינגעלט און איהם ווידער גענומען קושען.

בנימין האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט פון גרויס פרייד. ער האָט גאָר ניט געקענט פערשטעהן, וואָס זיין ברודער יוסף האָט נאָר וואָס געזאָגט: אז זיי די ברידער האָבען איהם פערקויפט פאַר אַ קנעכט. ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, האָבען זיי דען ניט געבראַכט אַ פערבלוטיגטע העמדעל און...

יהודה האָט פערשטאַנען בנימין'ס געדאַנקען און ער האָט געוואָלט נעהמען דערצעהלען וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט זינט דאַן, אָבער ער האָט זיך געשעהמט.

— מיינע ברידער, — האָט יוסף אויסגערופען — נעהמט זיך ניט צום הארצען אָט דאָס וואָס איהר האָט מיך פערקויפט פאַר אַ קנעכט. ווי עס ווייזט אויס איז אַזוי געווען דער ווילען פון גאָט. איך טראָג אויף אייך ניט קיין האַס דערפאַר. איך ווייס אַז איהר האָט זיך גענוג אָנגעליטען פאַר דעם. דאָס האָט גאָט אַזוי געטהאָן כדי איך זאָל האָבען די מעגליכקייט צו ערנעהרען אונזער משפּחה אין די הונגעריגע יאָהרען. ווייל נאָך פינף יאָהר וועט דער הונגער געדויערען.

ערשט יעצט, נאָך דער גרויסער איבערראַשונג, און ווען די ברידער האָבען זיך איבערצייגט אַז דאָס רעדט צו זיי יוסף, זייער אייגענער ברודער, זיינען זיי צו זיך געקומען און זיי האָבען אַלע פאַרשעמטערהייד אַרונטערגע־לאָזען די קעפּ.

— אָה, ליעבער ברודער, ווי גרויס איז אונזער זינד צו דיר און צו אונזער פאָטער! — האָט יהודה אויסגערופען — מיר ווייסען, אז מיר האָבען ניט פערדיענט ביי גאָט צו דערלעבען צו זעהען אונזער גרויס גליק, אַז דו ביזט דער הערשער איבער מצרים.

— ניין! ניין! מיר האָבען עס זיכער ניט פערדיענט! — האָט שמעון צוגעגעבען.

— אָבער מיינע ברידער! — האָט בנימין אויסגערופען מיט אַ שטראַה־לענדען פּנים. איך פאַרשטעה נאָך אַלץ ניט וועגען וואָס איהר רעדט.

— יע, מיין ליעבער ברודער יוסף — האָט ראובן געזאָגט — ווען מיר האָבען זיך אַלע בענאַרישט און צוליעב אונזער אומזיסטע שנאה צו דיר און אין אַ רגע פון אויפרעגונג און כעס, האָבען מיר דיר שלעכטעס געטהאָן, האָבען מיר באַלד, דעמזעלבען טאָג, חרטה געקראָגען אויף אונזער טהאַט. יעדער פון אונז איז געווען גרייט זיין לעבען אָבצוגעבען און דיך צוריקצור־ברייגנען צו אונזער פאָטער. מיר האָבען זיך גלייך אַוועקגעלאָזען זוכען יענע ישמעאלים. די גאַנצע נאַכט זיינען מיר אַרומגעלאָפען אין פערשיעדענע ריכטונגען, אָבער אומזיסט... און דאַן ווען מיר האָבען שוין מעהר קיין האָפנונג ניט געהאט דיך צו געפינען, האָבען מיר אַ קליין שעפעלע געשאָכטען און דיין הענדעל צוריסען און איינגעטונקט אין דעם בלוט און עס געבראכט צום פאָטער, זאָגענדיג איהם אַז דאָס האָבען מיר אויפ׳ן וועג געפונען.

— יע, מיר האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ווי צו זאָגען איהם דיזען ליגען. און זינט דאַן האָט ער די גאנצע צייט געגלויבט אז א ווילדע היה האָט דיך צוריסען. מיר אלע האָבען ביי זיך געוואוסט דעם סוד — אויסער בנימין, ער האָט אויך געגלויבט אז דו ביזט טויט. מיר האָבען די גאנצע צייט ניט אויפגעגעבען די האָפנונג דיך צו געפינען און וואוהין מיר האָבען זיך געקעהרט האָבען מיר דיך געזוכט. און יעצט געלויבט איז גאָט, אז דו לעבסט און דו ביזט דער משנה למלך פון מצרים. אָבער מיר, וואוהין וועלען מיר זיך אהינטאָן פון שאנדע? אָה, יוסף, דו קענסט אונז בעשטראָפען מיט די גרעסטע שטראָף, ווייל מיר האָבען געגען דיר בעגאנגען אַ פערברעכען, וואָס איז צו איהם קיין גלייכען ניטאָ!

— אָה, ליבער ברודער, גיס אויס דיין צאָרן אויף אונז, ווייל מיר האָבען עס פערדיענט! — האָט שמעון אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען.

— מיינע ליעבע ברידער! — האָט יוסף זיך אָפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — זעהט איהר דען ניט אז דאָס איז אזוי דער ווילען פון דעם אלמעכטיגען גאָט. און אויב איהר צווייפעלט נאָך וועל איך אייך באלד צייגען נאָך א גרעסערע איבערראשונג! איהר אלע געדענקט דאָך געוויס דעם גרויסען אונגליק וואָס האָט געטראָפען אונזער שוועסטער דינה?

— וואָס?! — איז לוי אויפגעשפרונגען — ווייסטו פילייכט וואו איהר טאָכטער געפינט זיך?

— יע; איך וויים! — האָט יוסף געענטפערט מיט א שמייכעל.

— דינה׳ס טאָכטער לעבט!! — האָבען אלע ברידער מיט אמאָל אויס־גערופען.

— זי לעבט, און איז זעהר גליקליך!

— אָה, וואו איז זי? זאָג אונז, ליעבער ברודער, וואו געפינט זיך נעמה, דינה׳ס טאָכטער!

— זי געפינט זיך דאָ אין מיין הויז! — האָט יוסף געענטפערט — און זי איז מיין פרוי!

— נעמה איז דיין פרוי! — האָט זייער ערשטוינונג נאָך מעהר געשטיגען.

— איהר נאָמען איז יעצט ניט נעמה, זי הייסט אסנת! — האָט יוסף

געזאָגט מיט אַ גליקליכען שמייכעל. ער האָט אויפגעעפענט די טיהר און אויסגערופען:

— אסנת, מיין ליעבע אסנת! — קום אַריין און זעה זיך מיט דיינע פעטערס!

אסנת איז באלד אריינגעקומען און האָט זיך מיט יעדען צוקושט.

— וואָס מאַכט מיין מוטער? — האָט זי זיי געפרעגט און טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען.

— יעצט וועלען מיר אלע אריינגעהן אין צווייטען צימער, וואו די טישען זיינען געגרייט.

איבערראשטע און פער'שכור'טע פון העכסטען גליק זיינען די ברידער נאָכגעגאַנגען יוסף'ן און אסנת'ן. זיי האָבען זיך אלע געזעצט אַרום טיש און יוסף האָט ווידער זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין פאָטער, ווי ער קוקט אויס און ווי ער פיהלט זיך יעצט. און אסנת האָט פערלאַנגט פון בנימין'ען ער זאָל איהר דערצעהלען ווי דינה, איהר מוטער, פיהלט זיך. נאַכהער האָט יוסף זיי דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פאַסירט זינט ער איז פערקויפט געוואָרען פאַר א קנעכט אין מצרים. ער האָט זיי דערצעהלט וועגען זליכה'ן, ווי זי און איהר ברודער סרטן האָבען אוועקגע'גנב'עט דינה'ס טאָכטער אויס נקמה. יע, זליכה איז די זעלבע זיבורית פון שכם. זי האָט געהייראט מיט פוטיפר'ן און זיי האָבען געענדערט נעמה'ס נאָמען אויף אסנת און זי פערערכענט פאַר זייער אייגענע טאָכטער.

יוסף האָט זיי אויך דערצעהלט וועגען אלע זיינע צרות וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען פון זליכה'ן.

— יעצט איז זי אין געפענגנים! — האָט יוסף געזאָגט מיט אַ שמייכעל. יע, דער גאָט פון אונזערע עלטערען איז מיט מיר די גאַנצע צייט געווען און האָט מיך בעשיצט פון אל דאָס בייז.

די ברידער האָבען יוסף'ן און אסנת'ן דערצעהלט וואָס מיט זיי און מיט זייער פאָטער האָט פאַסירט.

מנשה און אפרים זיינען אויך געווען זעהר גליקליך און צופרידען מיט זייערע אָנקעלס און מיט דעם וואָס זייער פאָטער האָט זיך ענדליך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער.

יוסף איז גלייך אַוועקגעגאַנגען און דערצעהלט פרעה'ן אז זיינע ברידער, די זיהן פון יעקב, זיינען צו איהם געקומען און פרעה'ן איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען.

— איך בין זעהר צופרידען צו וויסען אז מיין משנה למלך שטאַמט פון אַזאַ ווירדיגע און בכבוד'דיגע משפחה — האָט פרעה געזאָגט — ווען איך האָב דיך געמאַכט פאַר דעם הערשער פון מצרים, האָבען פיעלע פון מיינע הרטומים שטילערהייד געמורמעלט און געזאָגט: ווי אַזוי האָב איך געקענט נעהמען אַ קנעכט און מאַכען איהם פאַר אַ הערשער. און כאָטש איך האָב זיי פערזיכערט, אַז אַ מאַן מיט דיין בילדונג און חכמה איז ניט קיין געבוירענער קנעכט, בין איך דאָך זיכער געווען אַז זיי זיינען פערבליבען אונצופרידען. זיי האָבען געצווייפעלט. יעצט אָבער אַז זיי וועלען אלע הערען אז דו ביזט

אַ זוהן פון יעקב'ן, וועמעס משפחה איז די חשוב'סטע אין כנען און אַז דיינע ברידער זיינען דאָס די בּאַוואוסטע העלדען, וועלען יעצט אַלע איינזעהן, אַז גאַנץ מצרים קען זיכער שטאָלצירען מיט דיר. זיי וועלען יעצט איינזעהן, אַז דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט אַז מען האָט דיך אַוועקגע'גנב'עט פון דיין פאָטער'ס לאַנד און דיך פארקויפט פאר א קנעכט, איז געווען ריכטיג. יע, יוסף, אויב דו ווילסט ברייננג דיינע ברידער צו מיר און איך וועל מאכען אַ גרויסארטיגען מאָלצייט לכבוד זיי ווי עס פּאַסט פאר אזעלכע.

— ניין, מיין האַר, איך האָב אין כנען אַן אַלטען פאָטער, וועלכער האָט מיך שוין איבער צוויי און צוואנציג יאָהר ניט געזעהן און וועלכער האָט מיך שוין לאַנג פעררעכענט פאר טויט. מיינע ברידער איילען זיך איהם אָנצוזאָגען די פרעהליכע בשורה אַז איך לעב. איך פערהאָף אז זיי וועלען אלע זיך צוריק־קעהרען נאָך מצרים און דאן וועל איך זיי אלעמען פאָרשטעלען פאר פרעה'ן.

— אויב אזוי! — האָט פרעה אויסגערופען — גיב איבער מיין בע־גריסונג צו דיינע ברידער און זאָג זיי אין מיין נאָמען, אַז זיי וועלען זיך צוריקקעהרען אין מצרים, וועלען זיי זיין זעהר ווילקאָמען. דאָס בעסטע פון לאַנד וועל איך זיי אָפּגעבען.

— איך דאנק דיר, מיין האר! — האָט זיך יוסף פארנייגט פאר פרעה'ן.

— נאָך מעהר — האָט פרעה געזאָגט — זאָלען זיי אָנלאָדען זייערע בהמות מיט תבואה און דו גיעב זיי מיט וועגענס מיט פערד פאַר זייער פאָטער, קליינע קינדער און זייערע פרויען, און זאָלען זיי גלייך אַלע אָפּרייזען נאָך מצרים. זאָל זיי ניט אַרען פאַר אַלע כלים און חפצים. זיי קענען דאָס אַלעס איבערלאָזען הינטער זיך, ווייל די בעסטע כלים פון מצרים וועט בעלאנגען צו אייך.

יוסף איז גלייך אַוועק צו זיינע ברידער און זיי איבערגעגעבען די רייד פון פרעה'ן. ער האָט גלייך געהייסען פאַר זיי צוגרייטען שעהנע וועגען מיט פערד, ער האָט אויך אָנגעגרייט פאַר זיי גענוג שפייז.

— איהר וועמ בלויז מיטנעהמען אייערע בהמות, אָבער די שווערע משאות זאָלט איהר איבערלאָזען. איהר דאַרפט גאָר ניט זשאַלעווען, ווייל דאָס בעסטע פון לאַנד בעלאַנגט צו אייך, האָט יוסף זיי געזאָגט.

די ברידער זיינען געווען גרייט אָפּצורייזען. זיי האָבען שנעל און פיבערהאַפטיג גענומען אָנלאָדען אַלעס וואָס מען האָט זיי געגעבען.

— און דאָס איז אַ מתנה פאַר מיין פאָטער! — האָט יוסף זיך צו זיי אָפּגערופען — צעהן אייזלען געלאָדען מיט דאָס בעסטע פון מצרים און צעהן מויל אייזלען, וועלכע טראָגען גוטע שפייז פאַר'ן פאָטער אויף'ן וועג.

מען האָט זיך גענומען געזעגענען. טרעהרען גליקליכע, געמישט מיט צער און חרטה, האַלזען און קושען און נאָך אַמאָל געהאַלזט און געקושט.

— געהט בשלום! האָט אסנת אויסגערופען — און זאָגט מיין מוטער, אַז איך וואַרט מיט גרויס אומגעדולד איהר צו זעהען.

— זאָל גאָט זיין מיט אייך, מיינע ליעבע ברידער און אייך ברייננגען בשלום צו אונזער פאָטער, און איהר זאָלט אַלע קומען געזונטערהייד צו מיר

-- האָט יוסף צו זיי געזאָגט — און זעהט, איהר זאָלט זיך ניט אמפּערען אין וועג! פערגעסט פון דער פערגאַנגענהייט... שלום!

די ברידער האָבען זיך גענומען ריהרען פון אָרט... יוסף מיט זיין פרוי און זיהן האָבען זיי בעגלייט ביז די גרעניצען פון מצרים... מען האָט זיך ווידער אַמאָל צוקושט און זיך געוואונשען... די ברידער האָבען זיך גענומען ערווייטערען. יוסף און זיין משפּחה זיינען געשטאַנען אַ היבשע ווײַלע און זיי נאָכגעקוקט ביז וואַנען מען האָט זיי שוין מעהר נישט געקענט זעהן.

.41

פרייד

זינט בנימין האָט פערלאָזען חברון, איז יעקב שטאַרק בעזאָרגט געווען. ער האָט געציטערט פאַר בנימין מעהר ווי פאַר די איבריגע זיהן. צו די אַנדערע זיהן איז ער שוין געוואָהנט געוואָרען, זיי זאָלען אַוועקגעהן אויף אַ לענגערע צייט פון דער היים, און פערזאַמען זיך אַ לענגערע צייט אין וועג. אָבער פאַר בנימין'ען איז דאָס דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז פון איהם אַוועק, און זייענדיג גוט אָנגעשראָקען פון די צרות וואָס עס האָט זיינע זיהן געטראָפען אין מצרים דורך זייער ערשטער רייזע, האָט איהם דאָס האַרץ נאָך יעצט מעהר געשראָקען... ווער ווייס? — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס פאַר אַ כונה האָט דער הערשער פון מצרים געהאַט, ווען ער האָט פערלאַנגט זיי זאָלען איהם ברייננגען בנימין'ען... יעדער טאָג האָט זיך פאַר איהם געצויגען ווי אַ יאָהר... ער האָט אויסגערעכענט וויפיעל זייער רייזע דאַרף געדויערען און ווען זיי האָבען זיך נישט אומגעקעהרט צו דער אויסגערעכענטער צייט, איז יעקב געוואָרען אויסער זיך פון זאָרג און קלעמעניש...

ווען נאָך עטליכע טעג זיינען פאַריבער און זיי זיינען נאָך נישט געקומען, איז שוין יעקב ביי זיך געווען זיכער אז עפּעס אַן אומגליק האָט מיט זיי פּאַסירט... דאָס איז שוין זיין מזל — האָט ער געטראַכט — עפּעס אַ קללה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף רחל'ען און איהרע קינדער; זי איז אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען, מיט יוסף'ן האָט אַ שרעקליכער אומגליק פּאַסירט, און יעצט האָט עפּעס שרעקליכעס אויך מיט בנימינ'ען געטראָפען... אויב נישט וואָלטען זיי זיך אַזוי לאַנג נישט פערזאַמט... אין זיינע געדאַנקען האָט ער זיך גענומען פאָרשטעלען פערשידענע שרעקליכע זאַכען... און זיין טרויער האָט גענומען גרעסער ווערען מיט יעדע רגע...

דינה און זיינע שניר און זייערע קינדער האָבען פון איהם נישט אָפּגעטראָטען, און כאָטש זיי אַלע זיינען געווען שטאַרק בעזאָרגט, — האָבען זיי זיך בעמיהט צו זיין מונטערער און פול מיט האָפנונג.

זיי האָבען געזוכט צו טרייסטען יעקב'ן אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען.

— ווען מיינע זיהן זיינען צום ערשטען מאָל אַוועק נאָך מצרים, און זיך פערזאַמט לייננער ווי איך האָב אויסגערעכענט, האָט מיר מיין האַרץ געזאָגט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט זיי! נו, איז דאָס נישט געווען ריכטיג.. זיי האָבען ווי עס ווייזט אויס זיך גוט אָנגעליטען אין מצרים... זיי האָבען מיר אויף אַזוי פיעל נישט געוואָלט מצער זיין, אָבער האָב איך דען נישט

געקענט דערקענען אַן זייערע געזיכטער?... און בפרט אַז שמעון איז פער־בליבען אין מצרים אַלס אַ געפאַנגענער אין געפענגנים... און יעצט ווער ווייס צי דער הערשער האָט דאָס זעלבע נישט געטהאָן צו בנימינ׳ען?.. ווי איך קען פערשטעהן האָט ער געזוכט זיך צו עפּעס צו טשעפּען...

— אָבער ליבער פאָטער, פאַרוואָס זאָלסטו אויסלייגען צום שלעכטען — האָט דינה זיך אָפּגערופען — מיט דעם וואָס זיי האָבען געבראַכט בנימין מיט זיך, וועט דאָך דער הערשער איינזעהן, אַז זיי זיינען עהרליכע מענשען און וועט זיי קיין שלעכטעס געווים מעהר נישט טהאָן...

— דיינע טרייסט ווערטער, מיין טאָכטער, וועלען מיר דיזען מאָל נישט גרינגער מאַכען — האָט יעקב טרויעריג געזאָגט— איך זעה שוין אַז מיינע לעצטע עטליכע יאָהר, וויפיעל עס איז מיר באַשערט צו לעבען, וועל איך שוין מיט טרויער פערברייננגען... איך געדענק, אַז ווען מיינע קינדער האָבען מיר געבראַכט דאָס פאַרבלוטיגטע העמדעל פון מיין ליבען זוהן יוסף, האָט דאַן אויך יעדער פון אייך געזוכט מיר צו טרייסטען, אַז עס איז מעגליך, אַז יוסף לעבט... נו, איז ער דורך אייערע טרייסט ווערטער צוריק לעבעדיג גע־וואָרען? און יעצט, ווער ווייס וואָס עס איז בעפאַלען זיין ברודער בנימין... אָה, גאָט, אויב אַן אומגליק האָט פאַסירט צו בנימין, וויל איך שוין מעהר נישט לעבען!!

יעקב האָט ניט געוואָלט פערזוכען קיין שפּייז... ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און מתפּלל געווען צו גאָט, ער זאָל בעשיצען בנימינ׳ען און זיינע איבעריגע זיהן פון אַן אומגליק...

דינה האָט צוגערופען סרח, די טאָכטער פון אשר׳ן און צו איהר געזאָגט:

— דו ביזט די איינציגע, סרח וועלכע קען מאַכען פערגעסען דעם פאָטער פון זיין טרויער, נעהם זיך דיין האַרף און געה אַריין אין זיין געצעלט און שפּיעל פאַר איהם, פיליכט וועט דיר געלינגען צו פערטרייבען זיין אומעט און טרויער... דאַן וועט ער אויך עפּעס צובייסען...

סרח האָט גענומען איהר האַרף און איז אַריין אין יעקב׳ס געצעלט.

סרח איז אַלע מאָל געווען זעהר לוסטיג און פרעהלאַך, דערצו פלעגט זי אויסשפּילען פערשידענע פרעהליכע נגונים אויף איהר האַרפע... און ווי אומעטיג יעקב פלעגט נישט זיין, פלעגט ער זיך צוהערען מיט גרויס פערגעניגען צו איהר שפּילען, און דאַן פלעגט ער אויף אַ ווײַלע פאַרגעסען זיינע צרות...

ווען זי איז אַריין אין יעקב׳ס געצעלט — האָט זי געזעהן ווי ער זיצט אויף זיין בעטעל, זיין קאָפּ איינגעבויגין און אונטערגעשפּאַרט פון זיינע הענט...

יעקב האָט איהר נישט בעמערקט... אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען מיט איהר האַרף אין האַנט, און זי האָט איהם ניט געוואָלט שטערען... באַלד אָבער האָבען זיך איהרע פינגער גענומען בעוועגען און זי האָט אָנגעהויבען צו שפּילען אַ שעהנעם נגון.

יעקב האָט זיך אויסגעגלייכט... ער האָט געקוקט מיט גרויס ליבשאַפט אויף זיין ליבער אייניקל... ער האָט זיך גענומען פיהלען אַ סך פרעהליכער...

זיין יאוש האָט פֿון איהם גענומען פֿערשוואונדען און די האָפֿנונג האָט זיך ביי איהם גענומען שטאַרקען...

ווען זי האָט געענדיגט שפּילען האָט איהר יעקב צו זיך צוגערופֿען.

סרח איז אַ פֿרעהליכע צוגעלאָפֿען צו איהם. זי האָט זיך געפֿיהלט זעהר גליקליך, וואָס איהר געלינגט צו מאַכען איהר זיידען עטוואָס מונטערער.

— זאָל גאָט דיר דערפֿרעהען און דערלענגערען דיינע יאָהרען מיין קינד — האָט יעקב צו איהר געזאָגט — ווי דו דערפֿרעהסט מיר אין דער צייט פֿון מיין גרויסען צער און אומעט.

— אַה זיידע, ווען דו וואָלסט געוואוסט פֿון די וואונדערליכע חלומות, וואָס מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט די לעצטע עטליכע נעכט, וואָלסטו אויך אויפֿגעהערט צו טרויערען.

—חלומות ! אָה, וואָס זיינען חלומות, מיין קינד — האָט יעקב איהר געגלעט איבער׳ן קאָפּ — וואָס פֿאַר פֿאַר אַ וואונדערבאַרע חלומות יוסף האָט גע׳חלומ׳ט... יעדער חלום וואָס ער פֿלעגט מיר דערצעהלען, איז געווען אַזוי קלאָר און דייטליך... איך געדענק זיי נאָך אפילו יעצט. ער האָט גע׳חלום׳ט, אַז ער געפֿינט זיך מיט זיינע ברידער אין פֿעלד און זיי אַלע בינדען גאַרבען. פּלוצלונג האָבען זיך די גאַרבען פֿון זיינע ברידער אויפֿגעשטעלט און זיך געצוקט צו זיינע גאַרבען... אַ צווייטען מאָל האָט ער גע׳חלום׳ט אַז די זון, די לבנה און עלף שטערען קומען זיך בוקען צו איהם. — איך געדענק ווי מיינע איבעריגע זיהן, זיינען אויף איהם אין כעס געוואָרען פֿאַר זיינע חלומות... זיי האָבען איהם מקנא געווען און איהם אַ נאָמען געגעבען: „בעל חלומות“. איך, אָבער האָב זעהר פֿיעל האָפֿענונג געלעגט אויף זיינע חלומות... איך האָב געזעהן, אַז ער בעזיצט גרעסערע אייגענשאַפֿטען פֿון זיינע איבעריגע ברידער... איך האָב געקענט גוט אָפּשאַצען זיין קלוגשאַפֿט, זיין פֿערשטאַנד און די נאָבעלקייט פֿון זיין האַרצען... אָבער וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען פֿון אַלע זיינע חלומות ?... קיין געדעכענים איז פֿון איהם נישט פֿערבליבען... אַ חוץ דאָס זיידענע פֿערבלוטיגטע העמדעל...

ווידער זיינען זיינע אויגען פֿול געוואָרען מיט טרעהרען. זיינע קנייטשען פֿון שטערען זיינען טיעפֿער געוואָרען, און זיין פּאַטריאַרכאַלישער פּנים האָט אויסגעדריקט אַזוי פֿיעל צער און אַנגסט.

— און יעצט איז אויך זיין אינגערער ברודער פֿון מיר אַוועק — האָט טרויעריג יעקב געשאָקעלט זיין קאָפּ — און ווער ווייס אויב מיט איהם איז עפּעס נישט געשעהן ! !

— אָבער זיידע ! — האָט סרח איהם גענומען קושען... דעם חלום וואָס איך האָב געזעהן לעצטע נאַכט איז אַנדערש פֿון די אַלע אַנדערע חלומות... איך זאָג דיר, אַז איך האָב געזעהן בנימין, זיין פּנים האָט געלויכטען פֿון פֿרייד... ער האָט מיר אָנגענומען פֿאַר׳ן האַנט און איך בין מיט איהם געגאַנגען. מיר האָבעןביידע אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ הויכען באַרג ביז מיר זיינען צוגעקומען צום שפּיץ. פּלוצלונג האָב איך דערזעהן פֿאַר מיינע אויגען אַ וואונדער שעהנעם פּאַלאַץ...

— ועמענס פּאַלאַץ איז דאָס ? — האָב איך בנימין געפֿרעגט, אין מיין

חלום, ווען ער האָט מיר גענומען אַריינפיהרען אינווייניג...

— ווייסטו דען נישט, אַז דאָ געפינט זיך דיין אָנקעל יוסף! — האָט ער צו מיר געזאָגט — קום אַריין און איך וועל דיר איהם ציינען!

מיר זיינען אַריין טיפער אין פּאַלאַץ ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ צימער, וואָס איז געווען אין גאַנצען פון גאָלד, און די פענסטער פון יענעם צימער זיינען געווען גרויסע ליכטיגע דימאַנטען... אַזוי שטאַרק, אַז מיר זיינען שיעור ניט פערבלענדעט געוואָרען.

— אָט איז דיין פעטער יוסף! — האָט זיך בנימין צו מיר אָפּגערופען

—די ליכט אין דעם צימער איז געווען און איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען און דערזעהן שטעהענדיג אַ הויכען מאַן, וועמענס פּנים איז געווען אַזוי ווי אַ מלאך... זיינע אויגען זיינען געווען ווי צוויי שיינענדע שטערען... אויף זיין קאָפּ האָט ער אַ קרוין געטראָגען. ער האָט אויף מיר געקוקט אַזוי מילד און צערטליך.. ער האָט צו מיר געשמייכעלט און ווען איך בין צו איהם צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט און איהם געפרעגט: פאַרוואָס קומט ער ניטש צו אונז אַהיים אין חברון, האָט ער מיר נישט געענטפערט, ער האָט בלויז אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ... פּלוצלונג האָט מיר בנימין אָנגע־נומען פאַר'ן האַנט און צו מיר אַ זאָג געטהאָן: קום סרח, איך וועל אָנזאָגען דעם פאָטער, אַז יוסף קען צו אונז נישט קומען און דאַן וועלען מיר אַלע געהען צו איהם! איך האָב זיך גלייך אויפגעכאַפּט... אָבער יוסף'ס גע־שטאַלט איז מיט מיר פערבליבען ביז איצט...

— אַ, יע, מיין קינד! דו האָסט ריכטיג געזעהן אין דיין חלום.. יוסף קען שוין מעהר צו אונז נישט קומען, אָבער מיר אַלע וועלען פריהער, אָדער שפּעטער, קומען צו איהם!..

— אָבער זיידע, מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז איך וועל נאָך יוסף'ן זעהן — האָט סרח געזאָגט.

— הלואי זאָל איך כאָטש זוכה זיין צו זעהן בנימינ'ען — האָט יעקב געזאָגט, — מיין האַרץ שרעקט מיר זעהר שטאַרק... דעם ערשטען מאָל האָ־בען זיי פאַרשפּעטיגט אויף צעהן טעג. דיזען מאָל פאַרזאַמען זיי זיך נאָך לענגער. גאָט ווייסט, וואָס מיט זיי האָט דאָרטען פּאַסירט...

די ברידער האָבען זיך שוין געהאַט ערווייטערט אַ היבשע שטרעקע פון מצרים אויף זייער וועג נאָך כנען. זיי זיינען נאָך אַלץ געווען שטאַרק צעטו־מעלט און בערוישט פון דעם גרויסען אומערוואַרטעטען גליק... און זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו רעדען פון זייער געפונענעם ברודער און פון דינה'ס טאָכטער.

— מיר איז אָבער די זאַך געווען זעהר אויפפאַלענד! — האָט זיך שמעון אָפּגערופען. — עפּעס האָב איך געפיהלט, אַז זיי באַהאַנדלען מיר ווי אַן אייגענעם און אַ חוץ דעם האָב איך זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען ווי אַזוי מנשה רעדט אַזוי פליסיג אונזער שפּראַך... ווי קומט עס, אַז אַ געבוירענער אין מצרים זאָל רעדען די שפּראַך פון די עברים?..

— נו, און איהר האָט מיך חושד געווען, אַז איך האָב גע׳גנב׳עט דעם בעכער! — האָט בנימין געלאַכט — און איך האָב נאָך געקראָגען גוטע קלעפּ פון אייך...

— אָה, וואָס פאַר אַ גליקליכע פרייד עס וועט זיין פאַר אונזער פאָטער, ווען ער וועט אויסגעפינען, אַז יוסף לעבט נאָך און אַז ער איז דער הערשער איבער גאַנץ מצרים! — האָט ראובן אויסגערופען.

אַלע זיינען מיט אַמאָל שטיל געוואָרען. עפּעס האָט יעדען געדריקט אויפ׳ן האַרצען.

— איך ווייס נאָך אַלץ נישט ווי אַזוי מיר וועלען דערצעהלען אונזער פאָטער, וואָס מיר האָבען געטהאָן צו אונזער ברודער?! — האָט יהודה אויסגערופען. — ווי אַזוי וועלען מיר איהם קענען קוקען גלייך אין די אויגען און אַליין צוגעבען, אַז די גאַנצע צוויי־און־צוואַנציג יאָהר האָבען מיר איהם גענאַרט. מיר האָבען צוגעזעהן זיין גרויסען טרויער און אונזערע הערצער זיינען געווען ווי פאַרשטיינערט...

— נו, ער וועט דאָך זעהן, אַז דאָס איז אַלעס געווען פון גאָט... ווען מיר וואָלטען זיך דאָן נישט באַנאַרישט, וואָלטען מיר דאָך יעצט נישט געווען אַזוי גליקליך — האָט לוי געזאָגט. — פאַרגעסט נישט, אַז יעצט האָבען מיר געפונען צוויי פאַרלוירענע פערזאָנען מיט איין מאָל: אונזער ברודער און דינה׳ס טאָכטער!

— פונדעסטוועגען וועלען מיר מוזען זעהר פאָרזיכטיג זיין אונזער פאָטער נישט צו מאַכען אַ פּלוצלונגע איבערראַשונג, — האָט שמעון געזאָגט.

— ביסלעכווייז וועלען מיר דאַרפען איהם ברייננען די גליקליכע בשורה.

— און מיר דוכט זיך, אַז ער וועט אונז נישט וועלען גלויבען, — האָט זבולון געזאָגט. — עס איז דאָך טאַקע אַזוי אומגלויבליך ווען מיר אַליין וואָלטען איהם נישט געזעהן מיט אונזערע אויגען און געהערט מיט אונזערע אויערען ווי ער רעדט צו אונז, וואָלטען מיר דען געקענט גלויבען אַזאַ זאַך?

— ווען דער פאָטער וועט דערזעהן אַלעס, וואָס אונזער ברודער יוסף האָט מיט אונז געשיקט און אַלע מתנות, וועט ער שוין גלויבען, — האָט אשר געזאָגט.

ווען די ברידער האָבען זיך דערנעהענטערט צו חברון, איז די זון גע־שטאַנען אין מיטען הימעל, אַ שטילקייט האָט געהערשט צווישען זיי. יעדענס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. זייערע אויגען האָבען געפינקעלט, באַלד, אָט באַלד וועט דאָס הויז פון יעקב זיך איינגאַנצען ענדערען: פון טרויער צו שמחה פון יאָמער צו פרייד.

— מיר דאַכט זיך, אַז אימיצער לויפט אונז אַנטקעגען! — האָט נפתלי אויסגערופען.

די ברידער האָבען אָנגעשטרענגט די אויגען און שר האָט פּלוצלונג אויס־געשריען מיט פרייד:

— דאָס איז מיין טאָכטער, סרח! יאָ, איך דערקען זי!

— אָ, מיין ליעב קינד! — האָט אשר גענומען איהר שנעל אַנטקעגען לויפען.

— וואו איז בנימין? — האָט סרח גלייך געפרעגט איהר פאָטער.

— זעהסטו איהם דען נישט, מיין טאָכטער? — האָט אשר אָנגעצייגט אויף בנימינ'ען מיט זיין פינגער.

— אָה, איך מוז גלייך לויפען אָנזאָגען מיין זיידען! — האָט סרח אויסגערופען און זיך געלאָזט לויפען.

— אָבער, מיין טאָכטער, ווייסטו נאָך וואָס פאַר א שמחה מיר האָבען?

— האָט איהר אשר אָנגענומען פאַר דער האַנט. — דיין אָנקעל יוסף לעבט נאָך!

יוסף לעבט נאָך! וואו איז ער? — האָט סרח גענומען טאַנצען פון גרויס פרייד.

— ער איז אין מצרים, ער איז דער הערשער פון מצרים!

— יוסף לעבט! יוסף לעבט! — האָט סרח נישט אויפגעהערט צו טאַנצען און איז שנעל געלאָפען אָנזאָגען יעקב'ן. זי האָט געכאַפּט איהר האַרפע און אָנגעהויבען שפּיעלען און טאַנצען.

— זיידע! זיידע! זיי קומען אַלע אָן פון מצרים, אַלע מיט בנימין'ען! אָה, זיידע! יוסף לעבט! יוסף לעבט!

— קינד מיינס! — האָט יעקב אויסגערופען. — וואָס רעדסטו? וואו איז בנימין? וואו זיינען מיינע קינדער?

— אָט קומען זיי אָן אויך! — האָט סרח ווידער גענומען שפּיעלען און טאַנצען. — און יוסף לעבט אויך! אָה, זיידע! יוסף, דיין ליעבסטער זוהן, לעבט!

יעקב האָט אָנגעקוקט סרח'ן מיט צעשראָקענע אויגען.

— מיין קינד, דו ביסט אַזוי גליקליך מיט דער צוריקקעהר פון אַלע מיינע קינדער, אַז דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט! ווי קומט יוסף צו קומען? ער איז דאָך שוין לאַנג טויט?!

— זיידע, איך זאָג דיר, אַז יוסף לעבט! ער איז דער הערשער איבער גאַנץ מצרים!

— אָה, לאָמיר געהן מיינע קינדער אַנטקעגען! — האָט יעקב אויס־גערופען — איך וויל זיי אַלעמען זעהען. ביסט זיכער, אַז בנימין איז אויך מיט זיי?

— געוויס איז ער מיט זיי! איך האָב דאָך איהם געקושט! — האָט סרח ענטוזיאַסטיש געזאָגט — און איך זאָג דיר אויך, אַז יוסף לעבט! מיין פאָטער וועט מיר דאָך קיין ליגען נישט זאָגען.

— דו האָסט איהם, וואַהרשיינליך נישט פאַרשטאַנען, — האָט יעקב גע־זאָגט און איז מיט איהר אַרויסגעגאַנגען פון זיין געצעלט אַנטקעגען צו קומען זיינע זיהן.

— אָט קומען זיי! — האָט סרח אָנגעצייגט מיט'ן פינגער.

— ווער קומט?! האָט דינה אויסגערופען און שנעל אַרוים פון איהר געצעלט.

— דיינע ברידער קומען! אָה, מומע! אַלע דיינע ברידער קומען און **יוסף לעבט אויך!**

דינה האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. זי האָט זיך אויך געאיילט זיי אַנטקעגען צו קומען.

באַלד האָבען די פרויען און אַלע קינדער פון יעקב'ס זיהן דערהערט, אַז זיי קומען אָן פון מצרים און זיי זיינען זיי אויך אַנטקעגען געגאַנגען.

— אָה, מיין ליעבער פאָטער! — איז דער ערשטער געווען בנימין צו האַלזען זיין פאָטער.

— מיין קינד! וואָס מאַכסטו? ווי גליקליך איך בין דיר צו זעהן! געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט דיר באַשיצט פון דער בייזקייט פון דעם הערשער פון מצרים! מיין הארץ האָט מיר אַזוי געשראָקען!

— פאָטער, מיר דאַרפען אַלע זיין די גליקליכסטע אין דער וועלט! — האָט בנימין אויסגערופען און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט.

— געוויס זיינען מיר גליקליך, אַז דער באַשעפער האָט זיך צוגעהערט צו מיינע תפלות און ער האָט אייך אַלעמען צוריקגעקעהרט בשלום פון מצרים!

— אָבער ליעבער פאָטער, מיר האָבען דיר נאָך אַ גרעסערע שמחה אָנ־צוזאָגען, — האָט ראובן איהם געקושט, — דיין זוהן יוסף לעבט!

— יוסף לעבט? ! — האָט יעקב אויסגעשריען און איז געבליבען שטעהן שפּראַכלאָז. די אויגען האָבען איהם גענומען שווינדלען, דער קאָפּ דרעהען, ער האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן בנימין'ען ער זאָל נישט אומפאַלען...

— יאָ, ליעבער פאָטער! אונזער ברודער יוסף לעבט! — האָט יהודה אויסגערופען — און ער איז דער הערשער איבער גאַנץ מצרים.

יעקב איז נאָך אַלץ געשטאַנען באַוועגלאָז. עפּעס איז איהם אַלעס אויס־געקומען ווי אַ חלום.

— זעהסטו דען נישט, פאָטער? — האָט לוי איהם אָנגעצייגט אויף די וואָגענס און די פיעלע מתנות, וואָס זיי האָבען מיט זיך געפיהרט פון מצרים.

יעקב האָט גענומען באַטראַכטען אַלץ און האָט קוים אַרויסגערעדט:

— וואָס באַדייט עס?

—דאָס זיינען די וואָגענס און די מתנות, וואָס דיין זוהן יוסף האָט פאַר דיר געשיקט! — האָט שמעון זיך אָפּגערופען.

— וואָס זאָגט איהר, מיינע קינדער? מיין זוהן יוסף לעבט נאָך?

— האָט יעקב אויסגערופען מיט אַ קוים הערבאַרער שטימע.

— יאָ, דיין זוהן יוסף לעבט און ער איז דער וויצע־קעניג פון מצרים!

— האָט אשר זיך אָפּגערופען.

— מיין זוהן יוסף לעבט! מיין זוהן יוסף לעבט! — האָבען יעקב'ס אויגען אויפגעלויכטען. — אָה, גאָט, ווי גרויס און וואונדערבאַר זיינען דיינע מעשים!

די ברידער האָבען גלייך אויפגעהויבען זייער פאָטער און איהם אריינ־געטראָגען אין הויז.

— איך וויים נישט, וואָס אייך פריהער צו פרעגען, — האָט יעקב אויס־גערופען און זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען — עפּעס גלויבט זיך מיר נאָך אַלץ נישט. איז דאָס מעגליך, אַז מיין זוהן יוסף, וועמען איך האָב איבער צוויי־און־צוואַנציג יאָהר געהאַלטען פאַר טויט, לעבט

נאָך ? ! זאָגט דאָך מיר, מיינע זיהן, ווי קוקט ער אויס און ווי פיהלט ער זיך?
— ער איז זעהר גליקליך ! — האָט שמעון געזאָגט.
— און דיר, אונזער שוועסטער דינה, האָבען מיר אויך א גרויסע שמחה אָנצוזאָגען, — האָט ראובן איהר געקושט.
— וואָס קען שוין זיין א גרעסערע שמחה ווי די, אז מיין ברודער יוסף לעבט ? — האָט דינה'ס פּנים געשטראַהלט.
— די שמחה, אז יוסף איז פאַרהייראַט ! — האָט ראובן זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל.
— וואָס מיינסטו ? ! — האָט איהם דינה אָנגעקוקט.
— יוסף איז פאַרהייראַט ? — האָט יעקב געפרעגט. — ווער איז זיין פרוי ? און האָט ער קינדער ?
— יוסף'ס פרוי איז דינה'ס טאָכטער ! — האָט יהודה אויסגערופען.
— מיין טאָכטער — איז דינה בלאַס געוואָרען. — מיין טאָכטער נעמה ?
—יאָ, דיין טאָכטער !
מיין טאָכטער לעבט נאָך ? ! — האָט דינה אויסגעטאַרטשעט איהרע אויגען.
— יאָ, זי לעבט און זי איז די פרוי פון יוסף'ן ! איהר נאָמען איז יעצט אסנת ! זי האָט געבוירען צו יוסף'ן צוויי זיהן, מנשה און אפרים ! — האָט ראובן איהר געזאָגט.
יעקב און דינה זיינען געשטאַנען איינע נעבען צווייטען און זיך אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג. עפּעס איז זיי דאָס אַלעס אזוי אומפאַרשטענדליך.
— זעצט זיך אַלע און דערצעהלט מיר אַלעס פון אָנפאַנג, — האָט יעקב זיך אָפּגערופען.
יעקב, דינה און אַלע ברידער, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער האָבען זיך אוועקגעזעצט. אין צימער האָט געהערשט א שטילקייט. יעדער איינער האָט געוואַרט מיט א קלאַפּענדען הארץ. די שטילקייט איז נאָך מעהר אויסגעצויגען געוואָרען. יעקב און דינה האָבען מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט. אָבער די ברידער זיינען געזעסען ווי געלעהמטע נישט געקענט עפענען די מיילער...
— נו, פאַרוואָס דערצעהלט איהר מיר נישט ? — האָט יעקב זיך מעהר נישט געקענט באַהערשען.
די ברידער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און קיינער פון זיי האָט נאָך אַלץ נישט געוואגט צו עפענען זיין מויל.
— אָבער מיינע זיהן, פאַרוואָס שווייגט איהר ? — איז יעקב געוואָרען עטוואָס דערשראָקען. —ווי איך זעה, האָט איהר מורא אָנצופאַנגען. איך בעט אייך, צעגערט נישט ! דערצעהלט מיר וואָס שנעלער !
— פאָטער ! — האָט יהודה אָנגעפאַנגען, — מיר ווילען זיך יעצט מוזען פאַר דיר מודה זיין וועגען אונזער זעהר א גרויסע זינד, וואָס מיר האָבען געגען דיר באַגאַנגען... און מיר האָפען אַלע, אז דו וועסט אונז גע־

ווים מוחל זיין, ווייל, ווי דו וועסט זעהן, איז עס אַלעס געווען אַזוי באַשערט פון הימעל. מיר האָבען אַלע אויף אונזער ברודער יוסף געטראָגען אַן אומ־זיסטע שנאה. מיר זיינען דאַן אַלע גאַנץ יונג געווען און זיכער האָבען מיר נישט פערשטאַנען; אָבער ווען דו האָסט יוסף'ן געשיקט אונז צו באַזוכען און ווען מיר האָבען איהם דערזעהן, האָבען מיר זיך אינגאַנצען פאַרלוירען. מיר האָבען אַלע גענומען אָפּפרישען די קריוודעס, וואָס מיר האָבען געהאַט געגען יוסף'ן און אונזער כעס און שנאה האָט זיך אַזוי געשטאַרקט אויף איהם אַז מיר האָבען זיך בעת מעשה, ווען מיר האָבען איהם דערזעהן, פאַרגעסען אָן אַלעס און מיר האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב. מיר האָבען איהם געוואָלט בעשטראָפען, ווייל אונז האָט זיך געדאַכט, אַז יוסף זוכט צו הערשען איבער אונז. און אין אַ ווײַלע שפּעטער, ווען מיר האָבען געזעהן פאַרבייגעהענדיג אַ קאַראַוואַן פון ישמעאלים, האָבען מיר זיך נישט אויסגע־רעכענט וואָס מיר טהוען, איהם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו די ישמעאלים...

— איהר האָט פאַרקויפט אייער ברודער פאַר אַ קנעכט? ! — האָט יעקב אויסגערופען.

— יאָ, ליעבער פאָטער! מיר זיינען אַלע אין דעם שולדיג, אַ חוץ ראובן'ען, ווייל ער איז בעת מעשה ניט געווען, — האָט יהודה אויסגערופען און אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען פאַר שאַנדע.

— מיר האָבען באַלד חרטה געקראָגען אויף אונזער שוידערליכען טהאַט און מיר זיינען גלייך געגאַנגען זוכען די ישמעאלים, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. מיר האָבען זיי געזוכט אומעטום און זיי נישט געפונען. און ווען מיר האָבען געזעהן, וואָס מיר האָבען געטהאָן, איז אונז אַלעמען טרויעריג געוואָרען און מיר האָבען באַשלאָסען דיך אָפּצונאַרען, כדי דו זאָלסט נישט אויסגעפינען וועגען אונזער פאַרברעכען. מיר האָבען אַ יונג שעפּעלע געשאָכטען און איינגעשמירט יוסף'ס זיידען העמדעל, וואָס איז מיט אונז פאַרבליבען, אין דעם בלוט און עס צו דיר געבראַכט... און דו האָסט געזאָגט אַז אַ ווילדע חיה האָט איהם צעריסען.

— אַ שוידער איז דורך יעקב'ס קערפּער, ווען ער האָט דערהערט. טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין זיינע אויגען.

— און דאָס העמדעל איז געווען איינגעטונקען אין דעם בלוט פון דעם שעפּעלע?

— מיר האָבען קיין אַנדער עצה זיך נישט געקענט געפינען, — האָט שמעון געזאָגט. — מיר האָבען נישט אויפגעהערט צו טרויערען די גאַנצע צייט, כאָטש מיר האָבען נאָך אַלץ געהאָפט, אַז מיר וועלען איהם ווען עס איז געפינען.

— געלויבט איז גאָט, אַז איהר קענט עס מיר אַלע דערצעהלען אין פרייד! — האָט יעקב אויסגערופען. — יעצט דערצעהלט מיר, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יוסף'ן. ער האָט דאָך אייך געוויס דערצעהלט אַלע איינצעל־הייטען, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט זינט איהר האָט איהם פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט.

— יאָ, מיר ווייסען אַלעס, — האָט ראובן זיך אָפּגערופען און ער האָט

אַנגעפּאַנפּען צו דערצעהלען ווי די ישמעאלים האָבען יוסף'ן פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט צו פּוטיפר'ן, און וועגען דעם בלבול וואָס זליכה האָט געמאַכט אויף יוסף'ן, און ווי יוסף האָט אויסגעפונען, אַז זליכה איז די זעלבע זברית, וועלכע האָט אַזוי פיעל שמערצען פאַראורזאַכט דינה'ן, ווי אַזוי זי האָט מיט איהר ברודער, סרטן, אַוועקגע'גנב'עט דינה'ס טאָכטער. ראובן האָט אויך דערצעהלט ווי אַזוי יוסף האָט ליעב געהאַט אסנת'ן, נאָך איידער ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז זיין שוועסטער'ס טאָכטער. און אויך וועגען יוסף'ס ליידען אין געפענגניס, ביז וואַנען ער האָט פּותר געווען פרעה'ס חלום און פאַראויסגעזאָגט וועגען די זאַטע און הונגער יאָהרען, און נאַכהער האָט ער דערצעהלט ווי אַזוי יוסף האָט זיך מיט זיי אַ ביסעל אָנגערייצט... און יעצט — האָט ראובן פאַרענדיגט, — זיינען מיר געקומען דיר אָנזאָגען, אַז דיין זוהן יוסף ערוואַרט, דו זאָלסט פאַרלאָזען כנען און מיט אונז מיטפאָהרען נאָך מצרים!

— אָה, הייליגער גאָט פון מיינע עלטערען, אברהם און יצחק! — האָט יעקב זיך אויפגעשטעלט, — מיט דיין גרויס גענאַד טהוסטו מיט מיר אַזוי פיעל חסד! יאָ, איך וועל מוזען פאָהרען זעהן מיין ליעבען זוהן יוסף, איידער איך שטאַרב!

— און איך וועל זעהן מיין טאָכטער! — האָט דינה אויסגערופען. — אָה, ווי דאַנקבאַר איך בין צו דיר, מיין ליעבער גאָט!

גלייך האָבען די פרויען געגרייט די טישען און אַלע ברידער האָבען זיך ארומגעוואַשען און אומגעביטען זייערע קליידער און אַזאַ גליקליכע פרייד האָט ביז אַהער נאָך קיין מאָל נישט געהערשט אין יעקב'ס הויז.

.42

יעקב אין מצרים

איייניגע טעג האָט געדויערט דאָס גרייטען זיך פאַר דער רייזע נאָך מצרים.

יעקב האָט זיך אַזוי געענדערט צום בעסערען, אַז זיין אייגענע משפחה האָט זיך שטאַרק געוואונדערט... זיין פנים האָט געלויכטען פון פרייד.. ער האָט אויסגעקוקט אַ סך אינגער און מונטערער.. אַ ליבליכער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען... ער איז געווען אַזוי צערטליך צו אַלע זיינע זיהן, אַז זיי האָבען אַלע געפיהלט, אַז ער איז זיי מוחל אַלעס וואָס זיי האָבען געטהאָן..

די ברידער זיינען אויך געווען זעהר גליקליך, וואָס די גרויס שווע־רענים, וואָס האָט געדריקט זייער געוויסען, איז אַרונטער גענומען געוואָרען.... יעצט פיהלען זיי זיך פריי... ווי נייע געבוירענע.

דינה'ס גליק איז אויך געווען זעהר גרויס... זי האָט שוין געצעהלט די טעג ווען זי וועט זעהן איהר ליבע טאָכטער, און איהר ברודער... איהר גע־ווינס איז אַ דאָפּעלטער.. איהר טייערען ברודער יוסף'ן וועט זי באַלד זעהן און איהר טאָכטער, איהר אייגען פלייש און בלוט.. זיי זיינען ביידע פער־הייראַט! וואָס פאַר אַ ליבליכע פאָר זיי מוזען זיין...

דינה האָט פאַר זיך אָנגעגרייט נייע קליידער, אַ זאַך וואָס זי האָט נישט געטהאָן זינט איהר קינד איז פון איהר אַוועקגערויבט געוואָרען...

די אַרומיגע שכנים האָבען דערהערט אַז יעקב און זיין משפחה פער־לאָזען חברון און רייזען אָפּ נאָך מצרים, זיינען זיי געקומען זיך געזעגענען מיט איהם...

זעהר שטאַרק איז יעקב געווען באַליבט ביי זיינע שכנים... אַלע האָבען איהם געאַכטעט און געשעצט. ער איז ביי זיי פערעכענט געוואָרען פאַר אַ געטליכען מאַן, און זיי האָבען שטאַרק בעדויערט וואָס יעקב פערלאָזט זייער לאַנד...

— זינט יעקב מיט זיינע זיהן האָבען זיך בעזעצט אין חברון — האָבען די שכנים צווישען זיך גערעדט — איז אונזער לאַנד נאָך קיין מאָל נישט בעאומרוהיגט געוואָרען פון די וואַנדערענדע שבטים! שלום און רוהיגקייט הערשט אין אונזער לאַנד...

— די וואַנדערענדע שבטים פלעגען אַזוי אָפט בעפאַלען און פּלינדערען אונזערע שטעדט, אָבער זינט די גרויסע מפלה, וואָס איינע פון זייערע אַראָ־

בישע קאראוואנען האבען געהאט פון יהודה, יעקב׳ס א זוהן, לאזען זיי אונז צורוה, און זיי וועלכען פון אונזערע געגענדען...

— אבער וואס וועלען מיר יעצט טהאן — האט איינער זיך אפגערופען. יעקב און זיין משפחה רייזען אפ נאך מצרים... די צייט איז זעהר א שלעכטע, דער הונגער הערשט אין לאנד און ווען דער הונגער הערשט אין לאנד, און די הונגעריגע וואנדערענדע שבטים וועלען זיכער זיך נעמען בעוויזען אין אונזער לאנד צו ראבירען אונזערע בהמות און פלינדערען אונזער האב און גוטעם.

— מיר וועלען פרעגען אן עצה ביי איהם וואס צו טהאן — האט א צווייטער געזאגט.

זיי זיינען צוגעקומען צו די געצעלטען פון יעקב׳ן און האבען מיט גע־בויגענע קעפ און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך גענומען געזעגענען מיט יעקב׳ן.

— ווי א מלאך, א בעשיצער ביזטו צווישען אונז געוועזען — האט אן עלטערער שכן זיך אפגערופען צו יעקב׳ן מיט טרעהרען אין די אויגען — און יעצט, אז איהר אלע פערלאזט אונז, זאל דיין גאט איבער אונז רחמנות האבען... מיר האבען שטארק מורא פאר די איבערפאלען פון די פערשידענע שבטים.

—אייער קראפט ליגט אין אחדות! — האט זיי יעקב געענטפערט — אויב איהר וועט זיך פעראייניגען און לעבען צווישען זיך בשלום, וועט איהר קענען בייקומען אלע אייערע שונאים, אבער אז איהר וועט צווישען זיך נישט שטימען און איינער וועט זוכען דעם צווייטען שלעכטעס צו טהאן — וועלען אייערע שונאים אייך זעהר גרינג קענען בעזיגען.

יעקב האט זיינע שכנים אוועקגעגעבען פיעלע זאכען, וואס ער האט ניט געהאט בדעה מיטצונעמען, ער האט זיך מיט זיי געזעגענט און זיי זיינען אוועק גליקליכע צו זייערע היימען.

אלעס איז שוין געווען געגרייט פאר דער גרויסער נסיעה, די שאף און די בהמות זיינען אוועקגעשיקט געווארען מיט די פאסטוכער פאראויס. יעקב דינה און זייער שנור מיט די אייניקלעך זיינען געפאהרען אין די ברייטע, בעקוועמע וואגענס וואס יוסף האט צו זיי געשיקט. די ברידער האבען גע־ריטען אויף פערד...

פיעלע טעג האט דיזע רייזע געדויערט... די שאף האט זיך זעהר לאנג־זאם געפיהרט... ביינאכט פלעגען זיי זיך אפשטעלען, צונויפשטעלען זייערע געצעלטען און זיך אויסרוהען און אין דער פריה, ווי נאר עס פלעגט אנפאנ־גען צו טאגען, פלעגען זיי פארטזעצען זייער רייזע.

— מיין גאנצער לעבען איז געווען א לעבען פון וואנדערען. איך האב געוואנדערט, ווען איך בין אנטלאפען געווארען פון לבנ׳ען, איך האב געוואנ־דערט פון שכם און יעצט וואנדער איך נאך מצרים... און כאטש ווען איך האב אויסגעוואנדערט פון חרן בין איך געווען זעהר גליקליך, אבער אזא הימעלשע גליק, ווי איך פיהל יעצט, האב איך נאך קיינמאל נישט געהאט... יע, מיינע קינדער, אן אמת׳ן גרויסען גליק, קען מען קיינמאל נישט געפינען,

סיידען עס קומט אויס פריהער צו ליידען... צוויי און צוואנציג יאָהר האָב איך געטרויערט נאָך יוסף'ן.. און יעצט! קען איך אייך דען איבערגעבען וואָס עס טוט זיך אין מיין הארצען.. איך פאָהר צו יוסף'ן!.. מיין ליבער זוהן איז גאָר יעצט דער הערשער פון מצרים!.. געלויבט איז גאָט... יעצט זעה איך אַז עס איז שווער פאַר אַ מענשען צו פערשטעהן די וועגען פון גאָט... די כונות פון דעם בעשעפער קען אַ שטערבליכער מענש נישט בעגרייפען... דוכט זיך איין אומגליק נאָכ'ן צווייטען האָט אין מיין הויז פאַסירט... פריהער דינה'ס טאָכטער, נאכהער יוסף'ן..... און געדוכט האָט זיך מיר, אַז גאָטעס צאָרן האָט זיך אויף מיר אויסגעגאָסען.. און יעצט ערשט קען מען בעגרייפען אַ טייל פון דעם בורא'ס געדאַנקען... אַ ווי וואונדערבאַר ער פיהרט די וועלט.. און ווער וויים די טיעפע כונות פון גאָט, מיט דעם וואָס מיר נידער־רען אַלע אַראָפּ אין מצרים, זיך דאָרטען צו באַזעצען... ווען נישט יוסף וואָלטען מיר דען ווען עס איז געהאָט אין זינען זיך צו באַזעצען אין מצרים..

— אָבער פאָטער! — האָט ראובן געזאָגט — מיר וועלען זיך דאָך בעזעצען אין מצרים צייטווייליג, ביז וואַנען אַלעם וועט רוהיג ווערען...

— יע, מיין זוהן, צייטווייליג.. איך וויים נישט ביז ווי לאַנג דאָס וועט מיינען... אָבער איך וועל שוין דאָרטען פערבלייבען ביז די ענדע פון מיינע טעג!.. מיין איינציגע האָפנונג איז יעצט אַז מיין זוהן יוסף וועט זעהן מיר מקבר זיין אין חברון, אין מערת המכפלה, וואו די ביינער פון מיינע עלטערען רוהען און דער גאָט פון מיינע עלטערען וועט זיך אָן אייערע קינדער דערמאָנען און זיי אומקעהרען צו דעם לאַנד, וואָס ער האָט פער־שפּראָכען צו מיין זיידען אברהם'ען אָפּצוגעבען זיינע קינדער....

נאָך טעג און וואָכען זיינען פערלאָפען און יעקב מיט זיין משפחה האָבען זיך דערנעהענטערט צו די גרעניצען פון מצרים...

— איידער די זון וועט אונטערגעהן וועלען מיר שוין זיין אין מצרים און זיך זעהען מיט יוסף'ן — האָט שמעון זיך אָפּגערופען.

— עס וואָלט געוועז זעהר ווינשענסווערטה, אַז איינער פון אייך זאָל פאָהרען פאָראויס און אָנזאָגען מיין זוהן יוסף'ן אַז מיר זיינען שוין אָנגעקו־מען! — האָט יעקב געזאָגט — ער וועט דאָך געווים גלייך ארויספאָהרען אונז ענטקעגען און איך וועל איהם זעהן עטוואָס פריהער.

— איך וועל שנעל אַוועקרייטען און אָנזאָגען יוסף'ן, אַז דו קומסט אָן!

— האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— גוט מיין זוהן! — האָט יעקב זיך אָפּגערופען מיט גרוים צופרי־דענהייט... איך בין אַזוי אומגעדולדיג זיך צו זעהן מיט מיין זוהן, אַז יעדע רגע קוקט אויס צו זיין אַן עוויגקייט צו מיר!

יהודה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די בעסטע פערד און שנעל אַוועקגעריטען נאָך צוען, די שטאָדט וואו יוסף האָט זיך געפונען. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און יהודה איז שוין געוועזן ביי דעם אריינגאַנג פון יוסף'ס פּאַלאַץ.

יהודה האָט קיין רגע נישט געוואַרט און איז אָנגעשטערט גלייך אריין

צו זיין ברודער; די ליב וועכטער האָבען שוין געוואוסט, אַז ער איז דעם וויצע קעניג'ס ברודער און זיי האָבען איהם נישט געשטערט...

— דער פאָטער קומט אָן! — האָט יהודה אויסגערופען.

— דער פאָטער! — האָט אַ גליקליכע פרייד ארומגענומען יוסף'ן — וואו געפינט ער זיך.

— דער פאָטער און אונזער גאַנצע משפחה געפינען זיך שוין ביי די גרעניצען פון מצרים! — האָט יהודה איהם געענטפערט.

— און מיין מוטער אויך? — האָט אסנת איהם גלייך געפרעגט.

— יע, אונזער שוועסטער דינה איז אויך מיט אונז — האָט יהודה געענטפערט.

—איך וועל קיין רגע נישט פערלירען! — האָט יוסף אויסגערופען און ער האָט גלייך געהייסען איינשפאַנען זיין קאַרעטע... ער האָט זיך אריינגע־זעצט מיט אסנת'ן און ער איז שנעל געפאָהרען צו באַגעגענען זיין פאָטער — יהודה האָט גערייטען פאַראויס איהם צו צייגען דעם פּלאַץ, וואו יעקב געפינט זיך.

פון וייטען האָט יוסף דערזעהן זיין פאָטער אין באַגלייטונג פון זיינע איבעריגע ברידער... זיין הארץ האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּען. אָט זעהט ער זיין טייערען און געליעבטען פאָטער.... ער האָט זיך מעהר נישט געקענט באהערשען און איז אַרויס פון זיין קאַרעטע און איז שנעל געלאָפען צו זיין פאָטער.

— אָט קומט יוסף! — האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען, און איי־דער יעקב האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקען, איז שוין יוסף געווען אויף זיין פאָטער'ס האַלז און איהם געקושט.

— אָה, ליבער פאָטער! — האָט יוסף זיך פאַנאַנדערגעוויינט פון גרויס פרייד.

— מיין זוהן! מיין ליבעס קינד! — האָט איהם יעקב נישט אויפ־געהערט צו האַלזען און קושען... איך קען מיינע אויגען נישט גלויבען, אַז דאָס ביזטו! אָה, יעצט אַז איך לעב דורך דעם גרעסטען גליק אין מיין לעבען, קען איך שוין רואיג שטאַרבען...

— ניין, ליבער פאָטער! יעצט וועסטו לעבען און געניסען פון דעם גרויסען גליק מיט וואָס גאָט האָט אונז אַלעמען בעשאָנקען! — האָט יוסף איהם ווידער געקושט.

— און דו, דינה! — האָט יוסף איהר גלייך דערקענט, ווען ער האָט איהר דערזעהן צוקומענדיג... ער האָט איהראַרומגענומען און געקושט.. קום מיין ליבע שוועסטער, האָט ער איהר אָנגענומען פאַר'ן האַנט איך האָב אויך פאַר דיר אַ גרויסע איבעררעשונג, אַ מתנה, וואָס עס איז צו איהר קיין גלייכען נישטאָ.

יוסף איז מיט איהר גלייך צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט וויט, איהר אויפגעפּענט און אויסגערופען:

— אסנת! דיין מוטער.

בליץ שנעל איז אסנת אַרויס פון דער קאַרעטע און מוטער און טאָכטער

זיינען אזוי געשטאַנען איינגעפּלאַכטען איינע אין דער צווייטער, א היבשע ווײַלע נישט אַרויסרײדענדיג קיין וואָרט... פייערע אויגען וואָס זײנען געווען אָנגעפּיהלט מיט טרעהרען פון פרייד און גליק האָבען גערעדט.

באַלד אָבער האָט דינה אָפּגעלאָזען איהר טאָכטער און איהר אָנגעהויבען צו בעטראַכטען...

— אָט דאָס איז מיין קליינע נעמה! — האָט זי אויסגערופען און א שטראָם טרעהרען האָט אַרויסגעשפּאַרט פון איהרי אויגען.

— דו קוקסט נאָך יעצט אויך אויס, אזוי עהנליך צו יענער צייט ווען דו ביזט א קליין קינד געווען, אז נישט וויסענדיג ווער דו ביסט וואָלט איך דיר דערקענט!!

יוסף האָט זיך צוקושט מיט יעדען בעזונדער און זיי זיינען אַלע אָנגעקומען אין מצרים.

ווי איבערראשט איז יוסף געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן א גרויסע מחנה סאָלדאטען קומען איהם אַן ענטקעגען, שפּילענדיג אויף פערשיעדענע אינסטרומענטען.

— ווער האָט אייך געשיקט אונז צו בעגעגענען? — האָט יוסף געפרעגט דעם אָנפיהרער.

— פּרעה האָט אונז געשיקט! — האָט ער געענטפערט — ער האָט אויך פּעראָרדענט צו מאַכען א גרויסען פּאראַד לכבוד דעם אָנקומען פון די וויכטיגע געסט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָדט זיינען די גאַסען געווען פול מיט מענשען, וועלכע האָבען מיט גרויס נייגעריגקייט אָנגעקוקט די משפחה פון זייער בעליבטען הערשער יוסף... די מוזיק האָט געשפּילט און יונגע פרויען האָבען געטאַנצט, און פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט געשרייען: „לאַנג לעבען זאָל אונזער הערשער יוסף, דער רעטער פון מצרים"!

א גרויסאַרטיגער מאָלצייט איז צוגעגרייט געוואָרען פאַר דער גאַנצער משפּחה פון יעקב'ן... יוסף איז די גאַנצע צייט געזעסען נעבען זיין פאָטער, און ביידע האָבען דערצעהלט פון די פּאסירונגען, וואָס זיי האָט געטראָפען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זיי האָבען זיך נישט געזעהן.

דינה איז געזעסען נעבען איהר טאָכטער און זיך צוגעהערט צו אַלעם, וואָס זי האָט דערצעהלט וועגען זליכה'ן און איהר ברודער סרטן, דער שר האופים, וועלכער האָט ענדליך בעקומען זיין פערדינטע שטראָף...

—און זליכה, די גרויזאמע זבורית האָט מיר אזוי שרעקליך בעהאַנדעלט — האָט דינה א שוידער געטהאָן... זי איז געווען שולדיג אין דעם גאַנצען אומגליק, וואָס איז פאָרגעקומען אין שכם... און דאָס איז איהר נאָך ווינציג געווען, האָט זי מיר פערשאַפט אזא עגמת נפש, און דיר פון מיר אוועקגע'גנב'עט.

— אָבער נאָך ערגער האָט זי בעהאַנדעלט מיין מאַן יוסף'ן — האָט אָסנת זיך אָפּגערופען — זי האָט געזוכט צו זינדיגען און צו פערראַטען איהר מאַן, פּוטיפר, און ווען עס איז איהר נישט געלונגען, האָט זי געמאַכט אזא שרעקליכען בלבול אויף יוסף'ן! וויפיעל האָט געפעהלט, אז מען זאָל יוסף'ן

טויטען! אָה, ווען איך דערמאָן זיך, געהט אַ ציטער איבער מיין לייב! יוסף איז דאָך געשטאַנען נעבען דער תליה און די פעטליע איז שוין געווען אויף זיין האַלז! ווען איך וואָלט איין רגע פערשפעטיגט, וואָלט שוין סרטן איהם געטויטעט!

— געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט בעצאָלט צו די שלעכטע ווי זיי האָבען פערדינט! — האָט דינה אויסגערופען.

— עס איז שוין באַלד ניין יאָהר ווי זליכה זיצט איינגעשפאַרט אין געפענגניס! — האָט אסנת זיך אָפּגערופען.

— און דו ווייסט וואָס, מיין טאָכטער! — האָט זיך דינה אָפּגערופען — אין מיר איז פאַראַן אַ פערלאַנג איהר צו זעהן... איך ווייס אַז דאָס איז אַ זינדיגער פערלאַנג, צו זעהן ווי אַ שונא קומט אָפּ זיין שטראָף... דאָך אָבער וואָלט איך איהר ווילען זעהן... איך וואָלט געוואָלט הערען וואָס זי האָט מיר צו זאָגען... צי זי וואָלט מיר דערקענט...

אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף אסנת'עס ליפּען..

— דו ווייסט אַז עס טרעפט זיך פיעלע מאָל, ווען איך טראַכט פון זליכה'ן טוט מיר וועה דאָס האַרץ... דאָך אָבער, דאַרף איך זיך בלויז דער־מאָהנען פון איהרע רשעות, ווי אַזוי זי האָט מיך געוואָלט צווינגען צו הייראַטען אַן אַלטען פריסטער און וואָס זי האָט געטהאָן צו יוסף'ן, און מיר דוכט זיך, אַז די שטראָף, וואָס זי האָט דערפאַר בעקומען איז נאָך צו קליין פאַר איהר!... פונדעסטוועגען דאַרף איך אויך נישט פאַרגעסען די פיעלע גוטעס וואָס זי האָט מיט מיר געטהאָן.. זי האָט מיר ערצויגען ווי איהר אייגען קינד.. און זי האָט מיר פערראַזאַכט, אַז יוסף זאָל מיט מיר לערנען... און טאַקע דורך דעם האָט זיך אונזער ליבע ענטוויקעלט, ער האָט מיר פאַר־טרויט וועגען זיין פערגאַנגענהייט, און ווען סרטן האָט מיר אויסגעזאָגט ווער איך בין, האָב איך שוין געזעהן אַז יוסף איז מיין אָנקעל..

— און פוטיפר לעבט נאָך? — האָט דינה איהר געפרעגט.

— יע, ליבע מוטער! — האָט אסנת געענטפערט — פוטיפר'ן האָב איך אַלע מאָל ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם פאָטער... עס איז דאָך נישט געווען זיין שולד, ווען זליכה האָט איהם גענאַרט.. יע, ער האָט איהר זעהר שטאַרק ליעב געהאַט, און זי האָט זיך דאַמיט בענוצט פאַר אַלע איהרע שענדליכע טהאַטען.. עס האָט איהם גענומען זעהר לאַנג, אָבער ער האָט אויסגעפונען איהר פערדאָרבענעם כאַראַקטער און איהר באַשטראָפט... דו ווייסט, וואָס זי האָט נאָך געטהאָן, זי האָט פוטיפר'ן בע'גנב'עט און אליין איז זי ענטלאָפען מיט דעם פריסטער צו וועמען זי האָט פריהער מיר געוואָלט פערהייראַטען... פוטיפר האָט אויסגעפונען דורך דעם שר המשקים דעם גאַנצען אמת פון זיין פאַלשער פרוי, און ער האָט איהר נאָכגעיאָגט און געטראָפען, און טאַקע דערפאַר האָט מען איהר פער'משפט אויף לעבענסלענגליכע געפענגנים.

— דו וועסט איינלאַדען פוטיפר'ן צו דיר אין הויז! — האָט דינה זיך אָפּגערופען צו איהר טאָכטער, איך וויל איהם פערזענליך בעדאַנקען פאַר אַלעס וואָס ער האָט מיט דיר געטהאָן.

פּוטיפר קומט אונז אָפּט בעזוכען — האָט אסנת זיך אָפּגערופען און מאָרגען וועל איך שיקען איהם רופען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט די גליקליכע משפּחה פערבראַכט מיט יוסף'ן... יעדער איינציגער האָט געהאַט אַזוי פיעל צו דערצעהלען און ווען אסנת וואָלט נישט דערמאָנט אַז עס איז געקומען די צייט פאַר אַלעמען זיך אויסצורוהען, וואָלט מען אַזוי געזעסען ביז טאָג...

אויף מאָרגען, ווען יעקב האָט זיך אויסגערוהט, און זיך ארומגעוואַשען, האָט איהם יוסף געבראַכט נייע קליידער און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— טו אָן אַט די קליידער, ליבער פאָטער, היינט וועל איך דיר פאָר־שטעלען פאַר פּרעה'ן.

אַ ביסעל שפּעטער איז שוין געשטאַנען יוסף'ס קאַרעטע געשפּאַנט און יוסף, יעקב, אסנת און דינה האָבען זיך אריינגעזעצט און אוועקגעפאָהרען צום קעניגליכען פּאַלאַץ.

ווען מען האָט אָנגעזאָגט פּרעה'ן אַז יוסף און זיין פאָטער זיינען אָנגע־קומען, איז ער ארונטער פון זיין טראָהן און איז זיי ענטקעגען געקומען.

יוסף האָט גלייך פאָרגעשטעלט זיין פאָטער און די מוטער פון זיין פרוי פאַר פּרעה'ן.

זיי האָבען זיך פאַרנייגט פאַר'ן קעניג און זיי זיינען אַלע אריין אינוועניג.

— איך בין זעהר גליקליך דיר צו קענען יעקב, — האָט פּרעה זיך אָפּ־גערופען — דיין זוהן האָט אונזער לאַנד געראַטעוועט פון אונטערגאַנג און ער איז יעצט בעליעבט ביי אַלע מיינע בירגער... און איך האָף, אַז דיין קומען צוזאַמען מיט דיינע איבעריגע זיהן וועט ברייגנען נאָך מעהר גליק פאַר אונזער לאַנד.

— זאָל גאָט דיר בעשיצען און פערלענגערען דיין קעניגרייך ביז עוויג — האָט יעקב געבענשט פּרעה'ן — דו האָסט געטהאָן פיעל חסד מיט מיין זוהן און יעצט האָף איך אַז דיין גנאַדע וועט זיך נישט אָפּטהאָן, אויך פון מיינע איבעריגע זיהן, וועלכע זיינען געקומען זיך בעזעצען אין דיין לאַנד.

— דו קענסט זיך אויסקלייבען די בעסטע לאַנד און דאָרט בעזעצען דיין משפּחה — האָט פּרעה זיך געווענדעט צו יוסף'ן... זאָלען זיי זיצען אין דעם לאַנד גשן...

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין קעניג — האָט זיך יוסף פאַר איהם פער־נייגט.

— איך האָב געהערט אַז דיינע ברידער, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט די שאָף זיינען זעהר בראַוו און שטאַרק, און איך וועל זיי געבען מאַכען פאַר הויפּטען פון מיינע פיה — האָט פּרעה ווייטער געזאָגט, — דאָס איז אויב זיי זיינען צופרידען... אויב נישט וועלען זיי קענען טהאָן וואָס זיי געפעלט.

— מיינע ברידער וועלען וואַרשיינליך פריהער זעהן צו בעזאָרגען זייערע פרויען און קינדער! — האָט יוסף געזאָגט — יע, מיין האַר קעניג, יעדער פון זיי איז פערהייראַט און האָט קינדער.

— פון וויפיעל בעשטעהט דיין משפּחה? — האָט פּרעה זיך אָפּגערופען צו יעקב'ן.

איידער איך האָב אריבערגעטראָטען די גרעניצען פון מצרים, זיינען אַלע נפשות פון מיין משפחה געווען זעקס און זעכציג, אויסער די פרויען פון מיינע זיהן. אָבער ווי איך בין געקומען אין מצרים האָב איך געקראָגען נאָך פיר נפשות, מיין זוהן יוסף, מיין שנור און אייניקעל אסנת, און זייערע צוויי זיהן מנשה און אפרים — האָט יעקב געשמייכעלט.

— אָה, יע, איך ווייס, יוסף האָט מיר טאקע דערצעהלט, אז זיין פרוי אסנת איז די טאָכטער פון זיין שוועסטער און דאָס ביזטו עס? — האָט פרעה זיך געווענדעט צו דינה'ן.

דינה האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט איהר קאָפּ און זיך פערנייגט...

פרעה האָט אַ קוק געטהאָן אויף אסנת'ן און נאכהער אויף דינה'ן און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— וואָס פאר א שטארקע עהנליכקייט ס'איז צווישען דער טאָכטער און איהר מוטער! — איך בין זיכער אז זיי ביידע זיינען די שעהנסטע פרויען פון גאַנץ מצרים.

דינה און אסנת זיינען עטוואָס רויט געוואָרען פון פרעה'ס בעמערקונג.

— און ווי אַלט ביזטו, מיין פריינד? — האָט פרעה זיך ווידער געווענ־דעט צו יעקב'ן...

— איך בין הונדערט און דרייסיג יאָהר! — האָט יעקב געענטפערט — איך האָב זיך גענוג אָנגעליטען אין מיינע יאָהרען, אָבער געלויבט איז גאָט אז ער האָט מיר געלאָזט לעבען ביז דיזער צייט צו זעטיגען מיינע לעצטע טעג אין נחת און פרידען...

— איך האָף אז דו וועסט נאָך זיין פיעלע יאָהרען מיט אונז און דו וועסט נאָך זוכה זיין צו זעהן די קינדער פון דיינע אייניקלאך — האָט פרעה איהם געזאָגט.

יוסף איז אוועק פון פרעה מיט גרוים צופרידענהייט און האָט נאָך מיט יעקב'ן לאַנג גערעדט וועגען פרעה'ס גוטסקייט.

שפּעטער האָט יוסף פאָרגעשטעלט זיינע ברידער פאר פרעה'ן און אויך זיי האָט דער קעניג פון מצרים זעהר פיין אויפגענומען.

.43

דער לעצטער כבוד

די הונגער יאָהרען זיינען שוין באַלד געקומען צו אַן ענדע, דורך די זיבען יאָהר הונגער האָבען אַלע מצריים איינגעזעהן אַז יוסף האָט זיי אַלעמען געראַטעוועט פון אונטערגעהן... די וועלכע האָבען געהאַט געלט צו קויפען תבואה האָבען עס געטהאָן... די אַרימערע אָבער זיינען געקומען צו יוסף'ן און פערלאַנגט הילף... יוסף האָט זיי געהאָלפען. ער האָט זיי געגעבען זייער שפּייז, ער האָט אַלעמען בעהאַנדעלט גלייך לויט דעם חלק וואָס יעדער האָט אריינגעבראַכט אין די זיבען זאַטע יאָהרען.

ווען די הונגער יאָהרען האָבען זיך געענדיגט, זיינען פרעה'ס אוצרות געווען אָנגעפּיהלט מיט גאָלד.

זיבעצעהן יאָהרען זיינען אַוועק זינט יעקב און זיינע זיהן האָבען זיך בעזעצט אין מצרים... זיבעצעהן גליקליכע יאָהרען. זיי האָבען זיך אַלע בעזעצט אין גשן און פאַר זיך געבויט הייזער.

זעהר אָפט פלעגט יוסף קומען בעזוכען זיין פאָטער און איין מאָל אַ חדש פלעגט די גאַנצע משפחה פון יעקב זיך פערזאַמלען אין יוסף'ס פּאַלאַץ, וואו זיי פלעגען זיך משמח זיין.

יעקב איז שוין גאַנץ אַלט און שוואַך געווען... ער האָט זיך די גאַנצע צייט אָפּגעגעבען מיט יוסף'ס צוויי זיהן, מנשה און אפרים. ער האָט זיי געלערענט די וועגען פון גאָט און זיי זיינען צו איהם שטאַרק צוגעבונדען געוואָרען.

יעקב איז קראַנק געוואָרען; ער האָט געפּיהלט אַז זיינע לעצטע טעג דערנעהנטערט זיך, זיינעאויגען זיינען שוין טונקעל געוואָרען און ער האָט קוים געקענט דערקענען. ער האָט גלייך געשיקט רופען יוסף'ן.

ווען יוסף האָט דערהערט אַז זיין פאָטער איז קראַנק האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען, ער איז שנעל געקומען צום פאָטער און ער האָט איהם געפונען ליגענדיג אין בעט.

— מיין ליעבער פאָטער! — האָט איהם יוסף גענומען קושען און טרעהרען האָבען אָנגעפּיהלט זיינע אויגען — אָה, פאָטער ווי פּיהלסטו זיך.

— מיין זוהן! — האָט זיך יעקב אויפגעהויבען פון זיין געלעגער — איך פּיהל אַז מיינע טעג זיינען געצעהלט... באַלד, אָט באַלד וועל איך געהן צו מיינע עלטערען.

— אָה, פֿאָטער וואָס רעדסטו ?! — האָט זיך יוסף פֿאַנאַנדערגעוויינט — דו וועסט נאָך לעבען מיט אונז פּיעלע יאָהרען !...

— ניין, מיין זוהן, א מענש לעבט דאָך נישט אייביג... געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיינע לעצטע יאָהרען מיר זאָט געמאַכט מיט נחת און גליק, וואָס האָט אָפּגעמאַכט פאר מיינע פּיעלע ליידען וואָס איך האָב דורך מיין לעבען דורכגעמאַכט... יעצט בעט איך דיר יוסף אז דו זאָלסט מיר טהאָן די געפעליגקייט: ווען איך וועל שטאַרבען, זאָלסטו מיר נישט בעגראָבען אין מצרים... איך וויל אז דו זאָלסט מיין קערפּער פּיהרען אין כנען און מיר בעגראָבען אין חברון, אין דער מערת המכפּלה, וואָס מיין זיידע אברהם האָט אָפּגעקויפט פון די קינדער פון חת... דאָרטען זיינען בעגראָבען אברהם און שרה, יצחק און רבקה, מיינע עלטערען. און דאָרטען האָב איך אויך בעגראָבען לאה'ן...

— איך פערשפּרעך דיר פֿאָטער ! — האָט יוסף געווישט זיינע אויגען.

— איך ווייס, — האָט יעקב זיך אָפּגערופען — אז עס איז געגען די געזעצען פון מצרים, פאר אזא הויכען רעגירונגס מאַן ווי דו, צו פערלאָזען דאָס לאַנד אפילו אויף אַ קורצער צייט, און איך האָב מורא, אז דו וועסט נישט קענען ערפיהלען דיין פערשפּרעכען צו מיר, דעריבער פערלאַנג איך פון דיר, אז דו זאָלסט מיר צושווערען, און אויב פּרעה וועט זיין דאגעגען, זאָלסטו איהם זאָגען, אז דו האָסט מיר געגעבען אַ שבועה, און דאַן בין איך זיכער, אז ער וועט דיר ערלויבען צו בעגלייטען מיר צו מיין עוויגער רוהה ביז חברון.

— איך שווער דיר, פֿאָטער, — האָט יוסף אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנט — אז איך וועל ערפילען דיין פערלאַנג, און זאָל גאָט דיר נאָך געבען פּיעלע יאָהרען צו לעבען.

— יעצט וועל איך קענען רוהיג שטאַרבען ! — האָט יעקב אויסגערופען — איך בעט דיך, מיין זוהן, דו זאָלסט מאָרגען קומען צו מיר מיט דיינע צוויי זיהן, אפרים און מנשה און איך וועל זיי בענשען איידער איך שטאַרב... יע, איך וויל אז אלע מיינע זיהן זאָלען צו מיר קומען, איך וויל זיי אָנזאָגען ווי זיך אויפצופיהרען און זיי אויך געבען מיין לעצטע ברכה.

אויף מאָרגען איז יוסף געקומען מיט זיינע צוויי זיהן צו יעקב'ן. מנשה און אפרים האָבען געקושט זייער זיידען און יעקב האָט זיך אוועקגעזעצט זיי צו בענשען.

יוסף האָט זיין עלטערן זוהן מנשה'ן געשטעלט נעבען יעקב'ס רעכטע האַנט און אפרים'ן נעבען זיין לינקע האַנט.

— מיין זוהן — האָט יעקב זיך אָפּגערופען צו יוסף'ן — גאָט האָט מיר פערשפּראָכען אָפּצוגעבען דאָס לאַנד כנען פאר מיינע קינדער פאר זייער איי־גענטהום. און יעצט וויל איך דיר זאָגען, אז דיינע צוויי זיהן, אפרים און מנשה, וועלען זיין פעררעכענט צו מיר ווי מיינע אייגענע זיהן, און זיי וועלען נעהמען אַ גלייכען טהייל מיט מיינע איבעריגע זיהן, יע, פון זיי וועלען אויך זיין צוויי שבטים. און זיי וועלען קריגען אַ דאָפּעלטע נחלה אין לאַנד, און יעצט וועל איך זיי בענשען.

יעקב האָט אויפגעהויבען זיינע הענט זיי צו בענשען, אָבער אנשטאט צו האַלטען זיינע הענט גלייך האָט ער איבערגעלעגט איין האַנט אויף דער צווייטער, אזוי אז זיין רעכטע האנט איז אויסגעקומען צו ליגען אויף אפרים׳ס קאָפּ און זיין לינקע האנט — אויף מנשה׳ס קאָפּ.

יוסף האָט געמיינט, אז זיין פאָטער מאַכט אַ טעות, זיינע אויגען זיינען טונקעל, זעהט ער נישט ווער עס איז דער עלטערער און ווער דער אינגערער... און ער ווייס דאָך אז דער כבוד איז בערעכטיגט צו קריגען די ברכה מיט דער רעכטער האנט, דעריבער האָט ער זיך אָפּגערופען.

— ניין, פאָטער, מיינע זיהן האָב איך געשטעלט ריכטיג פאר דיר... דער עלטערער שטעהט נעבען דיין רעכטער האַנט.

— איך ווייס! — האָט יעקב איהם געענטפערט — אז דער איז דער בכור, און כאָטש פון איהם וועט אויך ארויסקומען אַ מעכטיגער שבט, וועט אָבער דער אינגערער זיין נאָך גרעסער פון איהם.

יעקב האָט זיי ביידען געבענשט, דערנאָך זיינען געקומען די איבעריגע זיהן און יעקב האָט זיי אויך געבענשט. און זיי אויך אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען איהם בעגראָבען אין דער מערת המכפלה, און ווען ער האָט געענדיגט זיינע ברכות, האָט יעקב צוגעמאַכט זיינע אויגען און אויסגעהויכט זיין נשמה.

יוסף און זיינע ברידער האָבען ביטער געוויינט אויף זייער פאָטער׳ס טויט... די רופאים האָבען באַלזאַמירט יעקב׳ס קערפּער, און פּרעה האָט ערקלעהרט אַ טרויער פון זיבעציג טעג איבער גאַנץ מצרים... פערציג טעג האָט געדויערט די באַלזאַמירונג פון יעקב׳ס קערפּער.

יוסף האָט איבערגעגעבען פּרעה׳ן זיין פאָטער׳ס וואונש...

— עס וואָלט געווען זעהר אַ גרויסע עהרע פאר מיין לאַנד, ווען אַזאַ וויכטיגער מאַן, ווי דיין פאָטער וועט רוהען אין אונזער לאַנד, אָבער ווען דאָס איז געווען דיין פאָטער׳ס וואונש, דאַרפסטו טהאָן זיין פערלאַנג. איך פון מיין זייט, וועל זעהן, אז מען זאָל דיין פאָטער בעגלייטען מיט גרויס כבוד און פּאַראַד...

פּרעה האָט מיטגעשיקט מיט יוסף׳ן אַ גרויסע ארמעע, און פיעלע גענעראַלען און חשוב׳ע לייט פון מצרים זיינען מיטגעגאַנגען צו בעגלייטען יעקב׳ן צו זיין אייביגע רוה.

יוסף און זיינע ברידער האָבען בעגראָבען זייער פאָטער אין מערת המכפלה ווי ער האָט געוואונשען און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אין מצרים.

יוסף׳ס ברידער זיינען רייך געוואָרען און זיי האָבען זיך פערשפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד גשן...

די מצריים האָבען געהאַט גרויס דרך ארץ פאר זיי, און זיינען געוועזען העכסט צופרידען צו האָבען אין זייער לאַנד די משפחה פון יוסף׳ן, זייער בעליעבטער פּרינץ פון מצרים.

(ענדע).

ווערט באַקאַנט!

(די רשימה פון פּאַראויס־סובסקרייבערס פון דעם „פּרינץ פון מצרים“
לויט דעם אָרדער פון די באַשטעלונגען)

פּעני בלומבאום, 1350 איסטערן פּארקוויי, ברוקלין, נ. י.
א. פריעדמאַן, 546 ס. פּארק סט., עליזאבעטה, נ. דזש.
מרס. שרה טענענבאום, 522 וועסט ענד עוו., נ. י.
פּעני גאָלדשטיין, 96 לוק עוו. בערגענפילד, נ. דזש.
משה האָלצמאַן, 959 — 44טע סט., ברוקלין, נ. י.
שמואל לאזאָווסקי, 1770 — 75טע סט., ברוקלין, נ. י.
לאה קערנער, 389 סאוטה 2טע סט., ברוקלין, נ. י.
פישעל הירש, 967 טינטאָן עוו., בראָנקס, נ. י.
זאב וואולף בעלמאָנט, 224 איסט 94טע סט., נ. י.
מאיר זעעוואלד, 1686 איסט 7טע סט., ברוקלין, נ. י.
מאַקס האָלאַנדער, 1054 איסטערן פּארקוויי, ברוקלין, נ. י.
אייזיק ראַטהגארבער, 545 ראלף עוו., ברוקלין, נ. י.
א. פּעסטונאָוויץ, 58 הילסייד פּלייס, נוּאַרק, נ. דזש.
משה שמואל אַלטמאַן, 149 איסט 118טע סט., נ. י.
דוד קאָהען, 212 וועסט 84טע סט., נ. י.
אברהם ד. פעדער, 120 קלארא סט., ברוקלין, נ. י.
אברהם יצחק בערלאָפּסקי, 71 דאווער סט., לאועל, מאַסס.
מינע רינדנער, 2126 ווייז עוו., בראָנקס, נ. י.
בתיה לאה פּאָרטער, 24 אוקלאנד ראוד, שעראָן, מאסס.
מרס. ח. פּראוודא, 1124 איסט 165טע סט., נ. י.
זעליג נוסבוים, 286 איסט 4טע סט., נ. י.
זאב בר׳ משה ווייס, 408 סאוטה 7טע סט., נואַרק, נ. דזש.
אברהם ברוך ב„ר משה הלוי ביערמאַן, 1213 עלם עוו., ברוקלין, נ. י.
איזידאָר פייגעלבאום, 604 ביטש טערראס, בראנקס, נ. י.
מרס. נ. אראָנאָוויץ, 322 ראדני סט., ברוקלין, נ. י.
יוסף יצחק קרעקער, 132 נאָרפאָלק סט., נ. י.
ריטשארד גאָלדבלאט, 2020 ווהייט פּלַיינס ראוד, בראָנקס, נ. י.
מרס. שרה ליפּמאַן, 4046 גרינשאו, שיקאַגאָ, איל.
אייק שאפּיראָ, 178 ביטש 92טע סט., ראקאָוויי ביטש, נ. י.

מאיר קאהען, 3418 וויין עוו., קאנזאס סיטי, מא.
ב. ראטהקאפ, 215 נ. ביעטאן סט., קארסיקאנא, טעקסאס.
טוביה מיצנער, 20 באולעס עוו., גראניטוויל, סטייטען איילאנד, נ. י.
יוסף וואקס, 159 איסט 38טע סט., ברוקלין, נ. י.
טשארלס מאנדעל, 1810 לאנגפעללאו עוו., בראנקס, נ. י.
שמואל וואלד, 1971 מיין סט., הארטפארד, קאנג.
מרס. א. וואקסבערג, 1879 פראספעקט עוו., בראנקס, נ. י.
פעני פריים, 945 אלדוס סט., בראנקס, נ. י.
יוסף ליכטענבערג, 334 איסט האוסטאן סט., נ. י.
היימאן סיידלער, 112 אייסקוויטה סט., באלטימאר, מד.
ח. דאנציג, 1818 מאהעגאן עוו., בראנקס, נ. י.
מרס. רחל וואלפסאן, 422 ראקדייל עוו., סינסינעטי, אהייא.
מרס. אננא זעלטצער, 601 וועסט 162טע סט., נ. י.
יהושע העשיל און שאסע ביילע מיכלין, 1205 סאלט ספרינג עוו., יאנגסטאון, אהייא.
אברהם שינאהויב, 810 מאונד סט., מעדיסאן, וויס.
יוסף ב"ר אברהם ספעקטאר, 3882 בראדוויי, נ. י.
שניאור זלמן ב"ר דוד טורקין.
צבי און צפורה עסטעס, 1067 טעלער עוו., בראנקס, נ. י.
עטעל און סעם ברוק, לאס אנדזשעלעס, א מתנה פון פאטער און מוטער.
וויליאם עסטעס, 130 סטובענס עוו., מידעלווילעדזש, ל. א.
מרס. ר. דיימאנד, 1437 קאראל סט., ברוקלין, נ. י.
יוסף רינג, 1309 טשוירטש עוו., ברוקלין, נ. י.
י. בערמאן, 1285 סאוטה בולווארד, בראנקס, נ. י.
מאררים לעווי, 3914 וועסט 15טע סט., שיקאגא, איל.
יעקב באשקאוו, 5946 מאדראן עוו., לאס אנדזשעלעס, קאליפ.
ראובן שעפס, 3091 דארבי סט., ברייטאן ביטש, נ. י.
ח. גאלדבערג, 44 קאפען סט., הארטפארד, קאנג.
סאל. מ. קורשאן, 1535 פרעזידענט סט., ברוקלין, נ. י.
אפרים און ליבע וואלפסאן, 547 הארנסוואירטה, דעטראיט, מישיגאן.
ישעיהו לאנגלעבען, 79 רידזש סט., נ. י.
מרס. פעני פעלקער, 345 סאקמאן סט., ברוקלין, נ. י.
הערי יעלין, 158 סאפאלק סט., נ. י.
יוסף קורצוייל, 587 פיין סט., ברוקלין, נ. י.
נעסטענפאוער, 485 איסט 95טע סט., ברוקלין, נ. י.
לייב זאלקאוויטש, 1023 טאלבאט עוו., בראדדאק, פא.
שפיטצער, און וויניגער, 161 בארום סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. ג. פרוידענהיים, 280 איסט 4טע סט., נ. י.
מרס. ב. מונטער, 468 מיללער עוו., ברוקלין, נ. י.
שלום און דבורה רין, 1869 וואלטאן עוו., בראנקס, נ. י.
מרס. ליבא מיללער, 80 מיין סט., ווהייטהאל, נ. י.
דוד שאטען, 16 מארגאנטאון סט., יוניאטאון, פא.
מרס. איידא ראזענטהאל, 969 מאנטגאמערי סט., ברוקלין, נ. י.

דוד און ביילע סילווער, 19 עסעקס סט., נ. י.
ישראל בערעזין, 64 לאָטט עוו., ברוקלין, נ. י.
שמואל מערינסקי, 786 איסט 161טע סט., בראָנקס, נ. י.
מאָררים פיינבערג, 189 דייוויס סט., פאָל ריווער, מאַסס.
ה. פארמאַן, 87 ווילים סט., לאָנדאָן, אנטעריע, קאַנאַדא.
נ. לעווין, 1329 פאַסיפיק עוו., אטלאַנטיק סיטי, נ. דזש.
מ. ר. לעווין, 14 באוטעל סט. פיטשבורג, מאַסס.
מרדכי ברוקס, 116 קלארא סט. ברוקלין, נ. י.
ש. שוכמאַן, 56 קלארא סט., ברוקלין, נ. י.
לואיס וויינער, 3150 ראכעמבאו עוו. נ. י.
חיים גאָלדשטיין, 321 וועסט 57טע סט., נ. י.
אברהם ווהייט, 653 וויליאמס עוו., ברוקלין, נ. י.
מאַקס ל. לערנער, 944 קעללי סט., בראָנקס, נ. י.
לילי גרין, 393 האוט סט., ברוקלין, נ. י.
סענע אלטשולער, 832 סאַטטער עוו., ברוקלין, נ. י.
שמואל מייט, 1646 — 46טע סט., ברוקלין נ. י.
מאַקס קימעלמאַן, 540 וועסט 180טע סט., בראָנקס, נ. י.
יאָסעל בלומענבערג, 417 איסט מיין סט., מילוויל, נ. דזש.
לואיס באַרינסקי, 101 קיר עוו., אוירווינגטאָן, נ. דזש.
ראוז נעכאמקין, 774 האָפּקינסאָן עוו., ברוקלין, נ. י.
ישראל קאָהען, 345 מאָנטרעאָל ראוד, קאָנרוואל, אָנטעריע, קאַנאַדא.
ה. שאַפּירא, 120 ברונזוויק, סט., סטראַטפאָרד, אָנטעריע, קאַנאַדא.
אריה ליב און רחל לאה עמנואל, 1963 — 68טע סט., ברוקלין, נ. י.
משה הארטענשטיין, 1080 סימפסאָן סט., בראָנקס, נ. י.
מרס. פעני סילבערבוירג, 132 עסעקס סט., דזשוירזי סיטי, נ. דזש.
מאַקס שאנהאלץ, 440 דזשעקסאָן עוו., בראָנקס, נ. י.
שמואל מעלטצער, 789 סט. מאַרקס עוו., ברוקלין, נ. י.
יוסף פישער, 179 דאווענפאָרט עוו., ניו הייווען, קאָנג.
מרס. שרה לאסקי, 406 וועסט 36טע סט., סאוואנאה, גא.
אברהם לייב עדלאָוויץ, 3041 „עם" סט., נאָרטה וועסט, וואַשינגטאָן, ד. ס.
יעקב ברענער, 99 מאגנאליא סט., הארטפאָרד, קאָננ.
יעקב קראנץ, 73 רידזש סט., נ. י.
ב. ספאטץ, 633 איסט 6טע סט., נ. י.
אברהם צעלערמייער, 286 וויללארד עוו., פּראָווידענס, ר. א.
הערמאַן וו. פישמאַן, 26 פאלמער סט., וועסטערלי, ר. א.
ל. פיין, 183 רידאו סט., אטאווא, אנטעריע, קאנאדא.
שמואל אָפּענהיים, 735 הארווארד סט., ראטשעסטער, נ. י.
ש. אדקאווסקי, 356 איסט גרעי, לואיזוויל, קענטאָקי.
מילדרעד האָכמאַן, 352 אַסבארן סט., ברוקלין, נ. י.
סעם פאָפּאָווער, 17 סאוטה סענטראל עוו., קענאגסבורג, פּא.
פּייסע פּרעזענט, 907 לאַפּאַיעט עוו., ברוקלין, נ. י.
נ. בידערמאַן, 333—2טע סט., אָשלאַנד, קענטאָקי.

נח און שרה סילבערמאן, 1876 בערגען סט., ברוקלין, נ. י.
זעליג יאגודא, 825 ליין סט., קעמדען, נ. דזש.
מיכל ב"ר יצחק מילמאן, 1173 וועסט פארמס ראוד, בראנקס, נ. י.
מאקס זאלץ, 922 בראדוויי, נ. י.
אברהם שור, 4303 — 12טע עוו., ברוקלין, נ. י.
ה. ליוויי, 1538 מימפארד פלייס, בראנקס, נ. י.
אברהם ש. קאנטאראוויץ, 327 קראון סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. עללא וואכטער, 302 עדזשוואוד סט., הארטפארד, קאנג.
הרב דובער ברוידא ורעיתו פערע מינדיל, 102 בראדוויי, ווטיקא, נ. י.
הערי מארקוס, 120 נאסאו סט., נואַרק, נ. דזש.
מרס .ע. יאנג, טשעסנאט סט., שעראן, מאסס.
מאקס ראזענצוויג, 872 — 45טע סט., ברוקלין, נ. י.
פאולי האפמאן, 336 נ. ארלאנדא עוו., וועסט האליוואוד, לאס אנדזשעלאס, קאליפ.
שמואל שקלאוו, 573 איסט 141טע סט., בראנקס, נ. י.
א. היימאן, 6 מארלבארא גייט, ניו ארליאנס, לא.
מ. קעלער, 1355 איסט וואשינגטאן סט., לאס אנדזשעלאס, קאליפ.
מרס. י. פ. פיטשמאן, 1685 מאררים עוו., בראנקס, נ. י.
משה לייב און גאסי באנד, 1864 סענטראל עוו., נ. א. וואשינגטאן, ד. ס.
ג. ראטהענבערג, 6002 — 20טע עוו., ברוקלין, נ. י.
נתן רובין, הייסטינגס אן האדסאן, נ. י.
מיין ליבע מוטער עטעל לוריע, א מתנה פון איהר טאכטער מערי.
זיסעל ב"ר דוד און לאה באשיסט, 1405 — 42טע סט., ברוקלין, נ. י.
וואולף לעוו, 200 איסט בראדוויי, נ. י.
סעם גאלדשטיין, לענא, וויסקאנסין.
יעקב קאהען, 115 עליאט סט., בעווערלי, מאסס.
מ. קרעמער, אוארא, נארטה קאראליינא.
מרס. ראוז פרוכטמאן, 1785 טאונסענד עוו., נ. י.
יצחק פינקעל, 618 פערי סט., טרענטאן, נ. דזש.
מאיר וויסנאוויץ, 3901 טשוירטש עוו., ברוקלין, נ. י.
יעקב גאלדבערג, 1382 פארק עוו., נ. י.
מאררים אבראמאוויץ, 27 עלעמני סט., פראווידענס, ר. א.
מאיר לאנקאווסקי, 753 גארפיעלד עוו., דזשוירזי סיטי, נ. דזש
מרס. אידעל אסתר ניומאן, 373 איסט 8טע סט., נ. י.
מרס. שרה קאהען, 6330 נארטה וואוד עוו., סיינט לואיס, מיזורי.
מרס. י. פעדער, 84 פראספעקט סט., פאסייק, נ. דזש.
פראנק אלעקסאנדער, 2050 נארטה 19טע סט., אמאהא, נעב.
מרס. פאולין לינאבעל, 824 האנטספוינט עוו., בראנקס, נ. י.
מרס. י. דזשעפין, 2722 קרוגער עוו., נ. י.
לענא נאכמאנביין, 160 ריווערדייל עוו., ברוקלין, נ. י.
שמואל האלעם, 890 איסט 172טע סט., בראנקס, נ. י.
דוד גרשון געלמאן, 145 מעדיסאן סט., נ. י.
אברהם טאבאלסקי, 2527 פארסעט עוו., קאנזאס סיטי, מיזורי.

א. טאנדעטער, 448 קינג סט., טשארלסטאָן, ס. ק.
הירש פּרעס, 250 איסט גאַנהיל ראוד, בראָנקס, נ. י.
נתן נאוויאנסקי, 940 ברואיד היל עוו., באלטימאָר, מד.
אסתר דאָלינסקי, 876 דריגס עוו., ברוקלין, נ. י.
משה לעווימין, 437 סיינט פּאטריק סט., אטאווא, אנט. קאַנאַדא.
בנימין גיבבס, 128 עוועניו „ען", ברוקלין, נ. י.
דוד זיזמאר, 514 איסט טרימאָנט עוו., בראָנקס, נ. י.
א. ש. לאבעל, 1612 סאוטה פּוירל סט., דאלאס, טעקסאס.
מאיר שקלאר, 784 קליוולאנד סט., ברוקלין, נ. י.
חיים טוטמאַן, 103 עללען סט., נ. י.
צבי וויינער, 80 סאוטה 2טע סט., ברוקלין, נ. י.
יעקב הערמאַן, 653 עוו. „סי", בעיאָן, נ. דזש.
מאקס דיקער, 1964 — 66טע סט., ברוקין, נ. י.
משה יהושע און נחמן ראבינאָוויץ, 1373 — 6טע עוו., נ. י.
יחזקאל זעליג פּרוכטמאן, 4517 — 13טע עוו., ברוקלין, נ. י.
יוסף קאָהען, 117 סקול סט., ברעדפּאָרד, פּא.
יעקב קובערט, 570 וואנסיקלען עוו. ברוקלין, נ. י.
מ. ה. אלינבערג, 3810 סיינט לאורענס סט., פּיטערבאָראָ, אנט. קאנאדא.
מ. ש. זאַקס, 424 דזשאָרדזש סט., פּיטערבאָראָ, אנט. קאנאדא.
מאַקס העניג, 2303 פולטאָן סט., טאָלידא, אָהייאָ.
יחיאל משה בליטץ, 3912 — 13טע עוו., ברוקלין, נ. י.
יוסף גארציא, 433 איסט 83טע סט., נ. י.
אַדאָלף ליוויי, 8736 פּאָרטלאנד סט., דעטראָיט, מיש.
וויליאמס ראטה, 403 עמעט סט., סקראנטאָן, פּא.
שרה איידיל אשת הרב י. ל. לאזעראָוו, 1630 — 78טע סט., ברוקלין, נ. י.
מר. אקסמאן, 820 — 14טע סט., מילוואָקי, וויסקאָנסין.
בנימין פעלשין, 19 לודלאָוו סט., נ. י.
מאַקס שרייער, 682 מאָנטגאָמערי סט., ברוקלין, נ. י.
אייזיק וויטען, 816 דייוויס סט., דזשעקסאָנוויל, פלא.
יוסף ראָזענטהאל, 26-159 דזשאמייקא עוו., דזשאמייקא, ל. א. נ .י.
הערי שטיינבערג, 111 סאוטה 34טע סט., אמאהא, נעבראסקא.
מיין געטרייע שנור ראָזע צערניעוו פון איהר שוויגער סאָניע צערניעוו.
טויבע פינקעלשטיין, 966 מאָנטגאָמערי סט. ברוקלין, נ. י.
ז. און ב. פרילוצקי, 104 סטאקטאָן סט., ברוקלין, נ. י.
גדליה קאַפּלאַן (דראהיטשינער), 53 פּאַרקער עוו., פּאסייק, נ. דזש.
ה. ווישניע, 600 סיינט אַנגס עוו., נ. י.
וויליאם ראָזענדאָרף, 1215 „ג" סטריט, נאָרטה וועסט, וואשינגטאָן, ד. ס.
נתן קליין, 516 הייזעל סט., מאַקיספּאָרט, פּא.
שמואל קויפמאן, 151 וועסט 40טע סט., נ. י.
פראנק שאראן, 374¼ רו סיינט דזשאָזעף, קוויבעק, פּ. ק. קאנאדא.
משה ליב און רבקה רחל פריעדמאן, 273 באפאלא עוו., ברוקלין, נ. י.

מאַקס סיימאַן, 170 איסט 105טע סט., נ. י.
חיים ווערטהיים, 1858 וועסט 6טע סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. יעטטא עקערט, 354 איסט 51טע סט., ברוקלין, נ. י.
יעקב ליפשולטץ, 6 אייאריא קאורט, דזשוירזי סיטי, נ. דזש.
יעקב לאַשין, 9 מאַסס עוו., דענבורי, קאָננ.
העניע אייזנער, 810 טינטאָן עוו., בראָנקס, נ. י.
דוד חיים שייפער, 2258 — 63טע סט., ברוקלין, נ. י.
מאקס מילגרים, 3152 איסט 6טע סט., ברייטאן ביטש, ברוקלין, נ. י.
חיים און ראוז גאָטליעב, 531 קריסטאָפער עוו., ברוקלין, נ. י.
מרס. אסתר זאַאַנץ, 447 מאָנראו סט., נ. וו. וואשינגטאָן ד. ס.
יצחק זאלאָוויץ, 18-34 — 31טע סט., אַסטאָריא, ל. א.
לינא בוסגאנג, 259 ריווינגטאָן סט., נ. י.
רב גרשון ב"ר שלמה זלמן געלמאן, 145 מעדיסאָן סט., נ. י.
מרס. פ. גלאסשפיגעל, 1429 נאָרטה 21טע סט., מילוואָקי, וויס.
מרס. בערטהא מייער, 12-96 — 34טע סט., קאָראָנא, ל. א.
סעם עדעלמאן, 222 גרעגאָרי עוו., פאסייק, נ. דזש.
י. וו. קאָהען, 52 פיין סט., סוואמסקאט, מאַסס.
חיים קרינץ, 835 טריניטי עוו., בראָנקס, נ. י.
מאַקס תאלדזובאַנד, 73 — 4טע עוו., נ. י.
מרס. אננא בארנעט, 3 נאָרטה וועסט סט., מאונט ווערנאָן, נ. י.
ל. אגראַן, 3633 פראָספעקט, קאנזאס סיטי, מיזורי.
מ. שולטץ, 3400 בעלפאנטיין, קאנזאס סיטי, מיזורי.
מ. מ. פאקס, 78 וויקטאָריא פארק ראוד, סאוטה האקניי איסט. לאָנדאָן.
מרס. רחל גאָלדבערג, 152 דזשאנסאן עוו., נוארק, נ. דזש., אַ מתנה פון הענרי ענדיג.
הערי זעמאן, 206 בראָדוויי, קארנעגיע, פא.
מארקוס שערמאן, 207 בראדוויי, קארנעגיע, פא.
יצחק אלבערט, 941 גרינפיעלד עוו., פיטסבורג, פא.
מ. וואָלפער, 280-284 בראדוויי, טשעלסיא, מאַסס
נתן וויענער, 27-107 ריטשמאָנד הילל, נ. י.
יצחק מנחם מענדיל האנדעלסאָן, 312 נ. קלער סט., גרין בעי, וויסקאָנסין.
א. באטווין, 315 וועסט 36טע סט., נ. י.
י. אייזענבערג, 2452 איסט 3טע סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. ענני בראון, 4¼ סיולעם סט., מאשוא, נ. ה.
ב. בערקעלהאמער, 35 הילסייד עוו., נוארק, נ. דזש.
הערי לעאטש, 295 דייער סט., פראָווידענס, ר. א.
יעקב גראָבמאן, 938 איסט 89טע סט., ברוקלין, נ. י.
נתן שאַק, 362 קלינטאָן עוו., נואַרק, נ. דזש.
מאָררים הערריס, 1483 פיעלד עוו., דעטראָיט, מיש.
ראוז קאָהען, 756 וויליאמס עוו., ברוקלין, נ. י.
מאָרים ליפמאַן, 1626 סאוטה 4טע סט., פילאדעלפיא, פא.
מ. סירקין, 1053 ראוזמאנט עוו., סינסינעטי, אָהייאָ.
מרס. לינא שיער, 1590 טעלער עוו., נ. י.

ישראל גאָלדשטיין, 27 דזשאהנסאָן עוו., נוארק, נ. דזש.
איזידאָר הענדלער, 29־127 רון עוו., נוארק, נ. דזש.
יעקב גרינבערג, 3417 בענטאן בולווארד, קאנזאס סיטי, מיזורי.
מרדכי און טעמע דימאנט, קאָסטיושקא אול. 63, לוצק, פוילען.
פסח און מנוחה סקאלניק, 542 הינסדייל סט., ברוקלין, נ. י.
רעוו. יוסף גלאטט, 289 דריטע סט., דזשורזי סיטי, נ. דזש.
דוד גראָס, רעזערוואואַר עוו., דזשורזי סיטי, נ. דזש.
שמעון און מאשא לייבאָוויץ, 1155 סימפסאָן סט., בראָנקס, נ. י.
עקיבא בורשטיין, 294 מאָנטאוק עוו., ברוקלין, נ. י.
מרס. דזשעני ריטענבערג, 6118 וואַשינגטאָן עוו., וו. פילאדעלפיע, פּא.
וואולף קאָהען, 496 ס. וואשינגטאָן, קאָלומבוס, אָהייאָ.
לייב פעדער, 823 איסט 155טע סט., בראָנקס, נ. י.
לאה גאָלדשטיין, 19 וועסט 114טע סט., נ. י.
יוסף באומשטיין, סאוטה נאָרוואָלק, קאָנג.
פעני לאנדסמאן, 23 האמילטאָן סט., אָלבאני, נ. י.
אברהם שמואל און אסתר לאה געצעל, 612 וועסט מארקעט סט., לואיוויל, קענטאָקי.
מאָרים ליוויי, 954 איסט 15טע סט., ברוקלין, נ. י.
אברהם סאטצאָוו, 233 נאָרטה סט., קלערמיינט, נ. ה.
גרשון פארשטער, 25־95 — 150טע סט. דזשאמייקא, ל. א. נ. י.
טשאַרלס ביעסטריצקי, 122 איסט 54טע סט., ברוקלין, נ. י.
א. גאראכאָווסקי, פארטאדזש, וויסקאָנסין.
יוסף און עטהעל גרינוואלד, 981 עווענוי סיינט דזשאהן, בראָנקס, נ. י.
מ. פיינבערג, 2527 לאדזש סט., לאָנדאָן, ענגלאנד.
יצחק זאָנטאג, 1761 — 53טע סט., ברוקלין, נ. י.
יצחק ל. גליק, 40 דעקארד סט., ראקסבורי, מאסס.
אָ פרעזענט פון חיים טהוי צו זיין פרוי שרה, 43 — 2טע עוו., נ. י.
הערמאן שייגינגער, 138 קאורט סט., נוארק, נ. דזש.
שמואל דרעזנער, 4923 — 8טע עוו., ברוקלין, נ. י.
אוירווינג לעווין, 100 בלאסאם סט., לין, מאַסס.
היימאן קאפּלאַן, 118 פּארק עווענוי, מעקאניקוויל, נ. י.
סעם האקנער, 78־70 וויקטאָריא סט., פּ. אָ. באקס 1252, דורבאן, נאטאל, ס. אפריקא.
לינא ווייסבערג, 72 קאָלאָמביא עוו., פּאסייק, נ. דזש.
מאַקס עקסין, 3110 עוו. „דזשיי״, ברוקלין, נ. י.
מאָררים הירשפעלד, 2122 וועסט דיוויזיאָן סט., שיקאַגאָ, איל.
מאלי שאָר, 1791 בערגען סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. ס. לעוויט, 325 האָלל סט., פּאָרטלאנד, אָרעגאָן.
לואיס דרעל, 1464 וועסט מעדיסאָן סט., שיקאגאָ, איל.
אדאָלף יאקובלאָווסקי, 202 פרימאן סט., ברוקלין, נ. י.
ש. לואיס, 75 ליאומפּול, באקסבורג, סאוטה אפריקא.
מרס. אסתר גאָטליעב, 877 מיוסי פליוס, בראָנקס, נ. י.
ש. י. שקלארסקי, 2136 ברייאן סט., סיאקס סיטי, איאָווא.

יהודה פריס, בית מסחר ספרים ת. ד. 183, תל אביב, ארץ ישראל.
מרס. דזשיי סקאלניק, 1652 טשאפעל סט., ניו הייווען, קאנג.
דוד שטיעס, 581 סימפסאן סט., בראנקס, נ. י.
פ. לעווענטהאל, 150 בראזשוויק סט., האליפאקס, נ. ס. קאנאדא.
פראנק יאפפע, 2439 ס. בעולת סט., פילאדעלפיע, פא.
דזשאו מארגאן, 2801 סט., אמאהא, נעבראסקא.
פעראיין אחדות, וויבארג, פינלאנד.
שמואל ראזענשטיין, 319 הופער סט., ברוקלין, נ. י.
מאקס גאלדשטיין, 500 בריסטאל סט., ברוקלין, נ. י.
יוסף ב"ר דוד ראזענבאום, 416 איסט פעררי סט., סענטערוויל, איאווא.
מארים הענינג, 96 ניו דזשוירזי עוו., ברוקלין, נ. י.
אברהם וואלקאף, 627 טשוירטש עוו., ברוקלין, נ. י.
לואיס גאלדשטיין, 217 איסט מאנט עדען עוו., בראנקס, נ. י.
הערי שערמאן, 5501 — 15טע עוו., ברוקלין, נ. י.
שאול גאלאמב, 643 „נ" סט., נארטה וועסט, וואשינגטאן, ד. ס.
מ. קראניש, 3280 ראכאמבאו עוו., בראנקס, נ. י.
ל. טשערקין, באקס 514 גלייס בעי נ. ס. סידני, קאנאדא.
טעמע ראדין, 2769 נארטה 47טע סט., מילוואקי, וויסקאנסין.
שלמה זלמן און רחל לאה זומיט, 531 אשפארד סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. פ. גראס, 450 אושען פארקוויי, ברוקלין, נ. י.
מרס. טשארלס איטצקאוויץ, 4122 מאגאזין סט., ניו ארליענס, לא.
אהרן צימערמאן, 1047 קעלי סט., בראנקס, נ. י.
שרה חנה אזאראף, 6901 — 21טע עוו., ברוקלין, נ. י.
מארים גארדאן, פארק האטעל, טשעלסיע, מאסס.
ש. וואלדענבערג, 1611 האווארד עוו., יוטיקא, נ. י.
סעם גינזבורג, 172 ערשטע סט., טראי, נ. י.
מ. הענדלער, 517 וויאלימס עוו., ברוקלין, נ. י.
שיינע רחל גרינשטיין, 1060 יוניאן סט., ברוקלין, נ. י.
יברהם יהודה ב"ר זאב פאזנער, 212 וועסט נארטה עוו., שיקאגא, איל.
י. קאהען, 1100 ראסעל סט., באלטימאר, מד.
יוסף און רבקה וויסהויז, 54 איסט דריטע סט., נ. י.
משה שניידער, 2127 פאסיפיק סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. פיליפ גארדנער, 2721 וואשינגטאן סט., אלעמעדא, קאליפארניא.
לעאן דאן, 411 וועסט לארא עוו., יאונגסטאון, אהייא.
מאררים נעמעטה, 120 וועסט 31טע סט., נ. י.
א. י. בערענשטיין, 1477 העיזעל קאורט, דענווער, קאלאראדא.
וו. ביינארט, רייניער סט., פ. א. באקס 29, מאלמעסבורי, ס. פ. ס. אפריקא.
מאררים באום, 2265 דאוגלאס סט., נ. י.
משה אהרן און דזשעני ראוזען, 3017 ריפפעל סט., ברייטאן ביטש, ברוקלין, נ. י.
מרס. גאלדע מלאך, 257 מאנראו סט., נ. י. א מתנה פון איהר טאכטער ראזע.
הערי סוחר, 5011 סניידער עוו., ברוקלין, נ. י.

יעקב און שרה סאלאמאן, 1274 — 5טע עוו., נ. י.
מרס. אסתר נארדי, 64 קווינסי סט., פאסייק, נ. דזש.
יעקב גודמאן, 2505 גראנד עוו., בראָנקס, נ. י.
שמואל מישלאָווע, באקס 393, ריפאָן, וויסקאָנסין.
אלטער עפשטיין, 582 קליוולאנד סט., ברוקלין, נ. י.
מ. געלפאנד, ארץ ישראל פראָדוקטען, 43-41 דילענסי סט., נ. י.
מר. און מרס. ז. קוויטקע, פרעזענט צו מר. און מרס. ד. בוירנס, 1883 מילוואָקי עוו., שיקאגאָ, איל.
מרס. קלארא בארנעט, 447 ראָקאַווי פארקוויי, ברוקלין, נ. י.
מאָררים אייבראמסאָן, 26 מאָררים סט., ראטשעסטער, נ. י.
מאָררים סאסניק, 541 איסט 96טע סט., ברוקלין, נ. י.
יעקב שינדער, 178 בלייק עוו., ברוקלין, נ. י.
א. פעלדמאן, 77 רידזש סט., נ. י.
אייב גאָלדסטאון, סטייט סט., פרעסק אייל מיין.
זוסיא און לאה ראָססען, 641 רוזוועלט ראוד, שיקאגאָ, איל.
יעקב ב"ר נתן מיללער, 17 דריטע סט., איסט, קארנוואל, אנט., קאנאדא.
מ. ריסמאן, 48-4146 סיינט קאטהערין איסט, מאָנטרעאָל, פּ. קוו. קאנאדא.
יוסף קופערסטיין, אפארטאדאָ נומער 37, סאן סאלוואדאָר, ס. א.
עבער בארקאן, טווירטעל לייק, וויסקאָנסין.
שלום וויינשטיין, 2300 סאָטטער עוו., סאן פראנציסקאָ, קאליפ.
אברהם העקער, 232 ס. דריטע סט. ברוקלין, נ. י.
טירשוועל, 289 סטאון עוו., ברוקלין, נ. י.
ש. פראנקעל, 8 ראוז סט., ברוקלין, נ. י.
פייגעלע פערלשטיין, 274 איסט 7טע סט., נ. י.
נתן פעקולין, 1029 בעלמאָנט עוו., ברוקלין, נ. י.
הירש אפפעל, 15 בליקער סט., נ. י.
מאָררים גרינבערג, 219 קאראנעוו, קאראנא, נ. י.
עמנואל הערשקאָוויץ, 1565 איסטערן פארקוויי, ברוקלין, נ. י.
מיני קרייטמאן, 474 שעפהארד עוו. ברוקלין, נ. י.
וויליאם י. קאמינסקי, 157 וועסט 83טע סט., בייאָן, נ. דזש.
אברהם קאָהען, 250 וועסט 99טע סט., נ. י.
יעקב גאָרדאָן, 1729 נעלסאָן עוו., בראָנקס, נ. י.
אדאָלף בעקער, 159 דילענסי סט., נ. י.
מארטין קאליש, 7505 — 20טע עוו., ברוקלין, נ. י.
י. ביימאן, 1811 — 77טע סט., ברוקלין, נ. י.
חיים סילווערשטיין, 854 מאָנטגאָמערי סט., ברוקלין, נ. י.
מילטאָן פיעלהענדלער, 1389 סטעבינס עוו., בראָנקס, נ. י.
מר. און מרס. מארטאן מ. גראסס, 1469 לאָנגפעללאו עוו. בראָנקס, נ. י.
אפרים טיקאצקי, 1812 סיינט דזשאהנס פּליס, ברוקלין, נ. י.
קאָפּעל ראסקין, 1467 — 44טע סט., ברוקלין, נ. י.
מ. אָרענשטיין, 533 טהאָטפאָרד עוו., ברוקלין, נ. י.

לאת מנוחת גערבער, 517 קינגס הייוױי, ברוקלין, נ. י.
יצחק סינגער, 1983 — 65טע סטריט., ברוקלין, נ. י.
פעני פעלקער, 345 סאקמאן סט., ברוקלין, נ. י.
אברהם גאָלדשטיין, 174 עלדרידזש סט., נ. י.
אברהם ליעבערמאן, טאקאווא פארק, רום. טשעכאָרסלאָוואקיע.
י. א. גראָסמאן, 2034 יוניאָן סט., ברוקלין, נ. י.
מאקס פאלין, 390 קינגסטאָן עוו., ברוקלין, נ. י.
ישראל הײשהאָבען, 8659 — 18טע עוו., ברוקלין, נ. י.
מערי מיללער, 1574 מעדיסאָן עוו., נ. י.
עקיבא ווייסמאן, 103 קלינטאָן סט., נ. י.
הערי סילבערמאן, 623 טשווירטש עוו., ברוקלין, נ. י.
שרה קאסמאן, 137 גרינוואלד עוו., ניו הייווען, קאָנג.
יעקב קוויטני, 723 אוקלאנד פלייס, בראָנקס, נ. י.
וויקטאָר נאקאָוויץ, 212 איסט בראדוויי, נ. י.
פאול א. מאגיד, 1304 קאָלומביא עוו., פילאדעלפיע, פא.
מרס. אלטע פאָללא, 374 וואלאבאוט סט., ברוקלין, נ. י.
רעוו. מאָריס קאָהען, 10 האראלד פארק, ראקסבורי, מאסס.
גיטעל טראכטענבערג, הירש טראָכטענבערג.
מאקס פעלטע, 1174½ איסט 24טע סט., לאס אנדזשעלאָס, קאליפ.
איליי גערשאָוויטש, 16 גייטס עוו., ברוקלין, נ. י.
מאקס מאנסקי, 111 מאָנטגאָמערי סט. נוארק, נ. דזש.
ג. זאקס, 381 מארשאל סט., דזשעפעסטאון, יאהאנעסבורג, ס. אפריקא.
מרס. בעללא נעפא, 100 קלײמער סט., ברוקלין, נ. י.
יוסף ליפשיץ, 907 פרימאן סט., בראָנקס, נ. י.
מרס. הערי ספערלינג, 386 סאוטה ריווער סט., ווילקעסבאר, פא.
סאלאמאן קליין, 128 וואלמער ראוד, פאָרט עליזאבעטה, ס. אפריקא.
מרס. פעני סיעמאן, 16-66 אמסטעל בולווארד, ארווירן, ל. א.
הערי מילער, דיקייטור עוו., בראָנקס.
הערמאן גלאסמאן, 1507 — 40טע סט., ברוקלין, נ. י.
סאלאמאן קופערמאן, 128 עללען סט., נ. י.
יצחק לעווין, 1917 — 75טע סט., ברוקלין, נ. י.
יצחק ווייסמאן, 615 וועסט ראנסאם, קאלאמאזו, מיש.
שיינע דבורה קוליק, 201 ראבלינג ברוק
מרס. אסתר גלאזער, 1039 רוטלאנד ראוד, ברוקלין, נ. י.
הערי וואנט, 932 איסט 180טע סט., בראָנקס, נ. י.
מאיר שטיינבערג, 932 איסט 180טע סט., בראָנקס, נ. י.
וויליאם דייוויס, 424 טשעסטער סט., ברוקלין, נ. י.
מרס. איידע קופער, 897 עדדי ראוד, קליוולאנד, אָהייאָ.
הדסה בעלין, 504 איסט 157טע סט., נ. י.
מרס. א. פרוכטמאן, 134 א. קרעמער קאורט ארגוערן, ל. א.
ר. ליט, 24 בימאנט סקווער, לאָנדאָן, איסט. ענגלאנד.

בצלאל בלומער, 1354 — 52טע סט., ברוקלין, נ. י.
מאריאן ראזענמאן, 1920 דאוגלאס סט., ברוקלין, נ. י.
מאַקס טאובע, 58 סאמער סט. קינקסטאַן, מאַסס.
בנימין גורסקי, 338 ניקערבאָקער עוו., ברוקלין, נ. י.
רבקה גאפפייעף, 902 איסט 176טע סט., בראָנקס, נ. י.
לואיס עטקין, 531 7טע עוועניו, נ. י.
משה מענדעלסאָהן, באקס 66 פרעמיער מינע טראנסוואל, ס. אפריקא.
איסר פרייס, 2837 פאוסט סט. דזשעקסאָנוויל, פלאָרידא.
מרס. ג. סטיגליץ, 1505 איסט 19טע סט., ברוקלין, נ. י.
מ. גערשפעלד, 152 וועסט 143טע סט., נ. י.
יעקב מ. קעללער, 59 איסט 107טע סט., נ. י.
חיה האָכבערג, 79 ריטשמאָנד סט., נואַרק, נ. דזש. פרעזענטירט פון ווילי.
מרס. סלאָוויטש, 285 ריווערסייד דרייוו, נ. י.
לייב קליבאנאף, 659 קראון סט., ברוקלין, נ. י.
יצחק משה לעהמאן, 2402 עוו. „ר״, ברוקלין, נ. י.
ש. גלאָווסקי, מאה שערים, ירושלים, א .י.
ש. טשעננעי, 5129 פאַסטער עוו., וואודסייד, ל. א.
שרה רייזעל עבערט, 441 העגעמאן סט., ברוקלין, מתנה פון איהר טאָכטער.
מרס. אייזיק מייזלען, 1902 מיין סט., הארטפאָרד, קאָנג.
לואיס יודאשקין, 377 ווילענעווע וועסט, מאָנטרעאל, קאנאדא.
מ. עדעלשטיין, 1023 לינדען עוו., באלטימאָר, מד.
ה. סולמאן, 701 וועסט 14טע סט., טשאטענוגא, טענג.
מ. קיזנער, 1010 סענטראל עוו., סינסינעטי, אָהייאָ.
י. לעווין, 4043 וועסט ליבערטי סט., סינסינעטי, אָהייאָ.
י. קער, 105 וועסט פינפטע סט., סינסינעטי, אָהייאָ.
מ. ראָלניק, 611 האומוואוד עוו., דייטאָן, אָהייאָ.
מרס. י. ש. קעי, 1443 קענעדי סט., נ. וו. וואשינגטאָן, ד. ס.
שרה פלאָס, 4690 קלארק סט., מאָנטרעאָל, קאַנאַדא.
ה. לעווי, 1538 מינפאָרד פלייס, בראָנקס, נ. י.
איידע גאָלדפארב, 2915 דיקסאָן סט., סט. לואיס, מיזורי.
ה. מ. דיקער, 1675 פאפהאם עוו., בראָנקס, נ. י.
מרדכי וועניג, 4-2 קענאָן סט. נ. י.
ש. י. שטאדלער, 133 קאסוטה סט., נואַרק, נ. דזש.
ש. סאונדערס, עלמא לאמבערטה פלייס, סט. קילדא מעלבאָרן, וויקטאָריא, אויסטראליע
אסקאר מארקוס, 25 באלטימאָר סט., קאָמבערלאנד, מד.
אברהם באלט, 105 — 168טע סט., בראָנקס, נ. י.
לעאָ דיימאָנד, 776 מאיי עוו. בראָנקס, נ. י.
אפרים מרדכי וויניק, 29 ביסמארק עוו., ניו ברייטאָן, סטעטען איילאנד.
מ. בארלאָווסקי, 3 ליטל סט., גלענס פאלס, נ. י.
סאלאמאן סטראיט, 772 דומאנט עוו., ברוקלין, נ. י.
גרשון עפשטיין, 348 שעפיעלד עוו., ברוקלין, נ. י.

הענרי ניומאן, 1031 לאָנגפעללאו עוו., בראָנקס, נ. י.
בעריש שטאַרק, 409 היום סט., ברוקלין, נ. י.
קלארא שוואב, 1734 פארק פלייס, ברוקלין, נ. י.
י. פעשקין, 2157 אושען עוו. ברוקלין, נ. י.
אננא סיסלער, 61 קאָלאָמביא סט., נ. י.
צבי לייאנס, טיסדייל, סאסק., קאנאדא.
אברהם גאָלדשטיין, 1138 מאנהעטען עוו., ברוקלין, נ. י.